STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01801

SHMAD UN

Mordecai Spector

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Susan Levin
in memory of her mother,
Chasia-Baile (Ida) Levin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי ספעקטאָר

שמד און פאַרצווייפלונג

ראָמאַן

פאַרלאַג „אחיספר"
ביי געז. „צענטראַל"
וואַרשע, נאָוואָליפּקי 7.

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1 9 2 7

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

ערשטער טײל

קאַפּיטל איינס.

דער שרעקלעכער וועג.

דער וועג, וועלכער ציט זיך פון דעם יידישן שטעטל גאַלינעווקע ביז צו דער קליינער באַנסטאַציע, שניידט זיך דורך דעם אַלטן געדיכטן וואַלד, וועלכן די דאָרטיקע באַפעלקערונג רופט „דער ווילדער וואַלד,״ און ער ציט זיך עטלעכע וויאָרסט אין דער לענג און אין דער ברייט.

וועגן דעם „ווילדן וואַלד״ דערציילט מען פון אַלטע צייטן אָן שרעקלעכע מעשיות, אַז דאָ האַלטן זיך אויף אַלערליי ווילדע חיות און גאַנצע סטאַדעס וועלף, און כאָטש אין די איצטיקע צייטן האָט קיינער קיין ווילדע חיות אין דעם וואַלד נישט געזען, אויסער ווינטערצייט, ווען עס פלעגט דורכשפּרינגען אַ האָז איבער דעם וועג, דאָך האָט יעדער געגלויבט, אַז דער וואַלד איז פול מיט נאָרעס פון אַלערליי חיות.

מען דערציילט אויך, אַז דאָ האַלטן זיך אויף גזלנים, גנבים און גאַנצע טאַבאָרן מיט ציגיינער, וועלכע פאַלן אָפּט אָן אויף די דורכפאָרער.

אין די לאַנגע ווינטערנעכט וועט קיין בעל-עגלה אַליין דעם וואַלד נישט דורכפאָרן, נאָר זיי וואַרטן איינער אויף דעם צווייטן ביי דער ערשטער קרעטשמע און קלייבן זיך צוזאַמען קאָמפּאַניעסווייז דורכצופאָרן דעם וואַלד.

און ווען זיי פאָרן דורכן וואַלד, הערט זיך די גאַנצע צייט פייפן און אויסגעשרייען פון איין בעל-עגלה צום אַנדערן, כדי די באַהאַלטענע איינוווינער אין וואַלד זאָלן מיינען, אַז דאָ פאָרן גאַנצע מחנות מענטשן, וועלכע האָבן קיין מורא נישט פאַר קיין שום גזלנים. אויך די חיות רעות מיט די וועלף זאָלן זיך פון דעם פייפן און געשרייען דערשרעקן און אַנטלויפן פון וועג טיף צו זיך אין די נאָרעס.

אַזאַ שם-רע האָט געהאַט פון לאַנגע יאָר דער „ווילדער וואַלד", וועלכן מען האָט נישט געקענט אויסמיידן פאָרנדיק פון דעם שטעטל ביז דער קליינער באַנסטאַציע.

אין דער הייַנטיקער נאַכט האָט אויף דעם גאַנצן וועג געהערשט אַ טויט-שטילקייט, ווי גלייך אַלע מענטשן, בהמות און חיות זענען אין דער געגנט אויסגעשטאָרבן און עס האָט אויפגעהערט דאָס גאַנצע לעבן.

אין דערדאָזיקער נאַכט-שטילקייט האָט זיך אויף דעם וועג פּלוצלונג באַוויזן אַ בריטשקע, געשפּאַנט מיט צוויי פערד, ווו אויסער אַן אָנטרייבער זענען געזעסן צוויי מענטשן, איינער אַ יונגערמאַן מיט אַן אָפן געזונט פּנים, און לעבן אים אַ יונג מיידל, איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצן, גרויסן מאַנטל, נישט אויף איר מאָס געניייט. דער קאָפּ איז אויך אין עפּעס געווען פאַרוויקלט, און מען האָט נאָר גע-קענט אַרויסזען אַ פּאָר שוואַרצע גלאַנצנדיקע אויגן, וועלכע האָבן אין דער נאַכט געבלישטשעט ווי שטערנדלעך.

— איך קען דיך שוין צייט אַ פּאָר יאָר, — רופט זיך אָן דער יונגערמאַן, — נאָר איך האָב קיינמאָל דיינע אויגן נישט געזען אַזוי שיין, ווי איצט. איך האָב ערשט איצט באַמערקט, אַז אַזעלכע שיינע אויגן, ווי דו פאַרמאָגסט, זעען ביינאַכט אויס שענער ווי בייטאָג. עכטע שיינע בריליאַנטן בייטן אויך ביינאַכט זייערע שפּילנדיקע קאָלירן.

דאָס יונגע מיידל האָט נישט געענטפערט, קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל.

— דו ציטערסט... ס'איז דיר קאַלט? — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַן אומרויִקן קול. — איך וועל דיך צודעקן מיט מיין מאַנטל.

— עס איז מיר נישט קאַלט... נאָר איך ציטער, עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן... — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

— נאַרעלע, וואָס שרעקסטו זיך? דו ביזט דאָך נאָך גאָר אַ

קינד. האָסט אוודאי מורא פאַר דעם „ווילדן וואַלד", וואָס מיר דאַרפן באַלד דורכפאָרן אַליין, אָן קאָמפּאַניעס? האָב קיין מורא נישט, עס איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן. נאָר דערשראָקענע יידן האָבן מורא... אונדזערע ברידער לאָכן זיך אויס פון אַזעלכע באָבע־מעשיות, ווען אפילו מען זאָל זיך געפינען אינמיטן וואַלד.

די איינגעוויקלטע אין מאַנטל האָט נישט אויפגעהערט צו ציטערן.

— זע נאָר, וואָס פאַר אַ שיינע, ליכטיקע און נישט קיין קאַלטע נאַכט, כמעט אַ זומערדיקע נאַכט. ס'איז דאָך איצט אַזוי גוט און אנגענעם. אַ זעלטענער פאַרגעניגן איצט צו פאָרן! דו האָסט דאָך אַליין אויך געוואָלט פאָרן...

— יאָ... איך ווייס אַליין נישט, וואָס איך האָב געוואָלט... עפּעס אַ באַזונדערע קראַפט האָט מיך געטראָגן... נאָר צו וואָס גראָדע אין אַזאַ שרעקלעכער, מוראדיקער נאַכט?...

— אַ שרעקלעכע נאַכט, אַ מוראדיקע, זאָגסטו? מיט וואָס איז זי שרעקלעך? איך האָב שוין אַזאַ שיינע נאַכט לאַנג נישט געזען.

— דו ווייסט, וואָס היינטיקע נאַכט איז ביי אונדז? — האָט זי זיך ווידער אָנגערופן.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן?... נאָר צו וואָס דאַרפסטו וויסן, וואָס ס'טוט זיך ביי אייך? דו ביזט זיי שוין אַ ווילד פרעמדע...

פון די אומדערוואַרטע ווערטער האָט זיך איר מיטאַמאָל ווי עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן, און זי האָט ווייטער נישט אויפגעהערט צו רעדן.

— דו ווייסט, אַז היינט איז ביי אונדז יום־כפור ביינאַכט! אַלע, קינד און קייט, געפינען זיך איצט אין די שולן און דאַווענען און בעטן אויס אַ גוט יאָר...

— נו, איז וואָס, אַז ס'איז יום־כפור? וואָס דען האָסטו געוואָלט? ווען מיר זאָלן אין אַן אַנדער נאַכט געוועזן אַנטלויפן, וואָלטן אונדז די בעלי־עגלות מיט די יידן באַגעגנט און מען וואָלט אונדז צוריק־געפירט מיט אַ פּאַראַד, מיט אַ צערעמאָניע, און געמאַכט צוליב אונדז אַ אילומינאַציע אין שטאָט... מילא, איך, וואָס האָב איך מורא? זאָגן זיי נאָר פּרווון (דערביי האָט ער געמאַכט מיטן פויסט אינדערלופטן), איך וואָלט זיך שוין אָפּגערעכנט מיט זיי פאַר מיר און פאַר דיר. אָבער מיט דיר, וואָס וואָלט געוואָרן, ווען מען ברענגט דיך איצט צוריק אין שטאָט?

— אָ, וואָס פאַר אַ בזיון איך וואָלט באַדאַרפט איבערלעבן! — האָט זי מיט שרעק געזאָגט, פאַרמאַכנדיק די אויגן מיט אירע צוויי ווייסע שיינע, קליינע הענטלעך.

— וואָס, בזיון? בזיון איז נאָך ווייניק. בזיון גייט איבער און עס פאַרהיילט זיך. נאָר מען וואָלט דיך אויסגעטאָן נאַקעט, מען וואָלט דיין לייב אויסגעשמירט מיט סמאָלע, דיינע שיינע האָר וואָלט מען אויך אויסגעשמירט מיט סמאָלע, זיי זאָלן אויסזען, ווי קלאַטשע, דו זאָלסט זיי נישט קענען צעקעמען און פלעכטן. איין אויג וואָלט...

— גענוג, איך וויל מער נישט הערן! — האָט זי כמעט אויסגעשריען און אָנגעהייבן נאָך מער וויקלען און באַהאַלטן זיך אין דעם גרויסן שוואַרצן מאַנטל.

— לודוויג, דער וואַלד וועט זיך נאָך ציען לאַנג?—האָט זי אים געפרעגט, און דאָס ערשטע מאָל אויף דעם וועג אים אָנגערופן ביי זיין נאָמען.

— באַלד, באַלד, מאַניע! — האָט ער זי באַרויִקט.

„נאָר דערדאָזיקער „באַלד" האָט זיך ביי מאַניען געצויגן לענגער ווי יאָרן.

— וווהין פאָרן מיר, לודוויג?

און ווידער האָט מאַניע אַ ציטער געטאָן...

— נאָך האַלבע נאַכט וועלן מיר זיין אויף דעם אָרט. מען וואַרט שוין דאָרט אויף אונדז...

קאַפּיטל צוויי.

די סודות פון דער נאַכט.

אין דער נאַכטשטילקייט האָט זיך די בריטשקע געקאַטשעט איבער דעם גלייכן וועג. יעדער טריט פון די פערד האָט זיך דייטלעך געהערט; מען האָט זיי געקאָנט איבערציילן.

די אַלטע ביימער האָבן מוראדיק געקוקט פוןביידע זייטן וועג; מינוטנווייז האָבן זיך די בלעטער גרינג געוויגט און מיט זייער באַוועגונג געשטערט די גרויסע שטילקייט פון דער נאַכט.

— לודוויג, דו הערסט? — האָט זיך מאַניע, אַ ציטריקע, אַ כאַפּ געטאָן פון איר אָרט.

— איך הער גאָרנישט. וואָס איז מיט דיר?

— דאַכט זיך מיר, אַז דאָ נאָענט דאַוונען ערגעץ יידן. זיי זינגען כל נדרי. דו הערסט, ווי וויינען?..

— עס ווייזט זיך דיר נאָר אויס. ווי קומט אַהער אַ שול מיט יידן און ווייבער? מיר זענען דאָך אין וואַלד.

אין וואַלד וויינען דאָך אויך מענטשן... דאַוונען זיי. ס׳איז דאָך היינט יום-כפור ביינאַכט. אַפילו גזלנים, וואָס באַהאַלטן זיך אין די וועלדער, דאַוונען אויך יום-כפור, גאָט זאָל פאַרגעבן זייערע גרויסע זינד...

— וואָס פאַלן דיר איין אַזעלכע געדאַנקען? מען האָט דיר דערציילט, אַז דאָ וווינען גזלנים און גנבים און דו גלויבסט, נאַרעלע!

— גזלנים און גנבים דאַוונען אויך יום-כפור ביינאַכט, — האָט זי נאָכאַמאָל געזאָגט.—דו קענסט דאָך לייבקע דעם רויטן, וואָס וווינט ביי אונדז אין שטאָט. אַ גאַנץ יאָר פאָרט ער אַרום מיט אַ קאָמפּאַניע איבער די דערפער אויף ירידים און מען גנבעט פערד. איך האָב אַליין געזען ווי יום-כפור קומט ער אין שול, דאַוונט, וויינט און בעט גאָט, ער זאָל אים מוחל זיין אויף זיינע גרויסע זינד. יאָ, לודוויג, יום-כפור איז אַזאַ טאָג, וואָס גאָט איז יעדן מוחל, ווען מען בעט אים. יום-כפור גייען אַלע אין שול אַריין; אין דעם טאָג זינדיקט קיינער נישט. די שלעכטע מענטשן, וואָס וווינען אין וואַלד און פאַרנעמען זיך אַ גאַנץ יאָר מיט רויבעריי אויף דעם וועג, דאַוונען און בעטן איצטער אויך גאָט, ער זאָל זיי פאַרגעבן זייערע זינד. אַ פיש אין וואַסער, זאָגט מען, ציטערט אויך אין דער היינטיקער יום-כפורדיקער נאַכט. נאָר איך בין איצטער די גרעסטע זינדיקע. פאַרוואָס האָבן מיר אויסגעקליבן די היינטיקע נאַכט?...

מאַניע האָט זיך צעוויינט. לודוויג האָט, אַ דערשראָקענער, זי אָנגעהייבן באַרויקן מיט ווייכע און גוטע רייד.

— ווי נאַריש דו ביזט! צוואָס רעדסטו איצטער גאָר פון יידישן יום-כפור? וואָס געהערסטו זיך איצטער אָן מיט דעם אַלעמען. דו ביזט שוין באַלד נישט זייערע. דו ביזט נישט נאָר היינטיקע נאַכט

אַ זינדיקע, נאָר דיין גאַנץ לעבן ביזטו געווען אַ זינדיקע. אָבער באַלד, באַלד וועט מען אַראָפּנעמען פון דיר אַלע זינד און דיין זינדיקע נשמה וועט ווערן לויטער, ווי גלייך דו ביזט נאָר וואָס געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. אַט וועסטו זען ווען איך וועל דיך באַקענען מיט דער „שוועסטער" אירינע; זי איז אַזאַ גוטע, אַ געלערנטע, אַ פרומע. דו וועסט זי באַלד ליב באַקומען. דו וועסט זי באַלד זען...

— זי וועט דיך אויך גיך ליב באַקומען, — האָט לודוויג זי ווייטער געטרייסט. — דו ביזט אַ גלויביקע. זי האָט זייער ליב גלויביקע, און מיר וועלן נאָך זיין גליקלעך, דו וועסט זען!..

לודוויג האָט געוואָרט, זי זאָל אים ענטפערן, נאָר זי האָט געשוויגן. קיין איינציק וואָרט האָט זי פון מויל אַרויסגעלאָזט...

— פאַרוואָס שווייגסטו, מאַגיע? קיין וואָרט ענטפערסטו מיר נישט!

נאָר אנשטאט אַן ענטפער, האָט זי אָנגעהייבן שטיל צו וויינען.

ער האָט זי אָפּגעלאָזט, מער נישט גערעדט, ביז זי וועט זיך באַרויִקן.

אין דער שטילקייט האָט זיך ווידער געהערט דאָס גרינגע רוישן פון די ביימער אין וואַלד און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי גיבן איבער איינס דעם אַנדערן די סודות פון דער נאַכט.

לודוויק האָט אונטערגעטריבן דעם פורמאַן, ער זאָל נישט דרעמלען און גיכער פאָרן.

פלוצלונג האָט מאַגיע מיט גרויס שרעק און ציטערניש זיך אויפגעהייבן פון איר אָרט, און נישט מיט איר קול האָט זי אויסגעשריגן:

— לודוויג, דו הערסט? מען פאָרט אונדז נאָך... לאָמיר אַריין אין וואַלד! — און זי איז שוין גרייט געווען אַראָפּצושפּרינגען פון וואָגן.

— גאָט איז מיט דיר, דו וועסט מיך דאָך משוגע מאַכן! ווער לויפט דיר נאָך? האָסט געזען אַמאָל אַ יידן פאָרן אום יום-כפור? אַלע זייערע קינדער זאָלן פון זיי צו אונדז אַנטלויפן, — וועלן זיי יום-כפור נישט נאָכלויפן, — האָט לודוויק זיך צעלאַכט. — און שפּעטער, נאָך יום-כפור? — טע, טע, טע. ווו וועלן מיר שוין דעמאָלט אָנשפּאַרן! מיט הונדערט ליכט וועט מען דיך שוין נישט געפינען?

— אָבער, לודוויג, מען פאָרט דאָך נאָך אונדז, דו הערסט?

— איך הער גאָרנישט. דו שרעקסט זיך, דאַכט זיך דיר אַלץ אויס: דאָ הערסטו דאַוונען אין וואַלד און דאָ דאַכט זיך דיר אויס

אַז עס לויפן אונדז נאָך הונדערטער רייטער. — קיין קאַטאָוועס נישט! — האָט זיך לודוויג צעלאַכט. — מיינסט אײַנדעראַמתן, אַז דײַנע עלטערן זאָרגן זיך איצט שטאַרק פאַר דיר? עס פעלט זיי אוודאי קינדער! זיי וועלן דיך סיי ווי סיי צוריק נישט אַרײַנלאָזן צו זיך אין הויז. נאָכ־לויפן וועלן זיי דיר? און נאָך אום יום־כּפּור!

— לאָך נישט, לודוויג! דײַן געלעכטער שטעכט מיך. רעד מיר נישט וועגן מײַנע עלטערן. זיי זענען בײַ מיר טײַער און איך בין בײַ זיי טײַער. זיי וואָלטן מיר אַלץ מוחל געווען, ווען איך זאָל נאָר קומען צו זיי.

— זיי וואָלטן דיך גיכער געוואָלט געפינען אַ טויטע, איידער אַ לעבעדיקע.

— הער אויף צו רעדן, לודוויג! קיין וואָרט זאָל איך מער נישט הערן וועגן דעם פון דיר!

דער וועג האָט אָנגעהייבן העלער צו ווערן און דער פרייער לויטע־רער הימל מיט דער שפּאַצירנדיקער יונגער לבֿנה האָט וואָס אַמאָל מער באַלויכטן דעם וועג.

מאַניע האָט אַ גרינגן זיפץ געטאָן, באַפרײַענדיק זיך פון די מרה־שחורהדיקע געדיכטע ביימער, און דערזעענדיק פאַר זיך אומ־ענדלעכע פעלדער און אַ פרייען לויטערן הימל, האָט זי זיך אַ ביסל באַרויִקט.

פונדערווייטנס האָבן געבלישטשעט אַ פּאָר פײַערלעך און וואָס ווייטער מען איז געפאָרן, האָט זיך די צאָל פײַערלעך פאַרמערט.

לודוויגן האָט אָנגעהייבן קלאַפּן אין האַרצן: ער באַדאַרף דאָ דורכפאָרן דאָס קליינע יידישע שטעטל וואָראָנאָוויצע, ווו פיל קענען מאַניעס עלטערן און זי אפשר אויך. מיט דעם איז ער אַפילו געווען רויִק, ווײַל מאַניע איז געווען גענוג פאַרוויקלט, מען זאָל אין דער נאַכט זי דערקענען. דעם פורמאַן, וועלכער ווייסט וואָס פאַר אַ פאַר־שוינען ער פירט, וועט ער אָנזאָגן זיך נישט אָפּשטעלן און גיכער דורכלויפן דאָס שטעטל.

ער האָט זיך אָבער באַאומרויִקט וועגן מאַניען אַליין. ער איז נאָך נישט אײַנגאַנצן זיכער געווען מיט איר. האָט ער דען זיך גע־קענט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל האָבן מיט איר אַזאַ ביטערן וועג, ווי שרעק, טרערן און נאַרישע רייד? ער האָט גערעכנט, אַז דער וועג וועט זײַן פאַר זיי אַ שיינער שפּאַציר.

און לודוויג האָט מיט שרעק געטראַכט וועגן זיין געליבטע:

— אָט דאָס קליינע מיידעלע מיט די שוואַרצע אויגן, אָט די שיינע מאַניע מיט איר שטאַרקן ווילן און איר שוואַך, ווייך, ווייבעריש הערצל, קען נאָך אַרויסוואַרפן אַזעלכע שטיקלעך, וואָס מען קען גאָר־נישט דערוואַרטן. מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף אַ יידיש מיידל.

לודוויג האָט זיך צוגעגרייט. ער האָט אָנגעזאָגט דעם פורמאַן זיך נישט אָפּשטעלן און גלייך איבערפאָרן דאָס שטעטל, אָבער נישט צופיל לויפן, מען זאָל נישט באַמערקן, אַז מען פאָרט מיט אַן אומ־געוויינלעכער גיכקייט.

און ביי זיך האָט ער פעסט באַשלאָסן, אַז אין פאַל עס וועט עפּעס פאַרקומען אין שטעטל, זאָל ער זי אַ לעבעדיקע נישט אַרויס־לאָזן. מאַניע איז צו שיין, צו רייצנדיק, און די גרויסע מצווה פון רייניקן איר נשמה האָט ער שוין לאַנג דער „שוועסטער" אירינע צוגעזאָגט. ער געדענקט אירע ווערטער, אַז ווען אַ מענטש טוט איינמאָל אין לעבן אַזאַ מצווה, ווי צו ראַטעווען אַ זינדיקע נשמה, ווערן אַלע זינד פאַרגעבן.

מאַניע, אָנקומענדיק נאָענט צום שטעטל, האָט אויך געבעטן לודוויגן, אַז מען זאָל זיך נישט אָפּשטעלן און גלייך פאָרן, און ער האָט זיך ענדלעך וועגן מאַניען באַרויִקט.

דאָך האָט ער געטראַכט:

אפשר ווייסט מען שוין אין שטעטל וועגן מאַניעס אַנטלויפן און דאָס גאַנצע שטעטל מיט יידן וועלן זיי באַגעגענען מיט שטעקנס און דראָנגעס און זיי שלאָגן ביז צום טויט?

לודוויג האָט זיך גענוג אָנגעהערט און אָנגעלייענט אין פאַר־שידענע ביכלעך פון גייסטלעכע וועגן יידישע „אכזריות".

ער האָט מאַניען נישט איבערגעגעבן זיינע איצטיקע אומרויִקע געדאַנקען, מורא האָבנדיק, אַז זי וועט עס נישט איבערטראָגן פון שרעק.

און שווייגנדיק, מיט פאַרפרעסטע ליפּן האָט לודוויג זיך דער־נענטערט צום שטעטל.

ווען מען קומט אַריין אין שטעטל וואָראָנאָוויצע, פאָרט מען פאַרביי די ערשטע געביידע, וואָס נאָך דעם בריקל, אַ ביסל באַרג־אַרויף געפינען זיך, ווי אויסגעשיט, אָן אַ פּלאַן, די שול, דאָס גרויסע בית־המדרש און עטלעכע קליינלעך און „שטיבלעך".

זיי זענען אַלע איצט באַלויכטן מיט הונדערטער ליכט און גע־פּאַקט מיט דאַוונער אין ווייסע קיטלען און אָן קיטלען. כמעט נאָך אַזאַ גרויסער עולם שטייט אויף דער גאַס און הערט פונדערווייטנס דאָס זינגען פון די חזנים מיט די משוררים.

די באַקאַנטע יום־כפורדיקע ניגונים האָט מאַניע דערהערט נאָך פונדערווייטנס, ווען זיי זענען איבערגעפאָרן דאָס בריקל. די העלע באַלייכטונג פון די בתי־מדרשים האָט איר אָנגעהייבן בלענדן אין די אויגן; און דאָס זיסע, טרויעריקע זינגען פון די חזנים מיט די משוררים האָבן איר ווי מיט מעסערס געשניטן אין האַרצן.

זי האָט נישט אויסגעהאַלטן... זי האָט זיך אויפגעהייבן פון אָרט און געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן, נאָר לודוויק, וואָס האָט פון איר איצט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג, האָט זי מיט זיין שטאַרקער האַנט, ווי מיט אַן אייזערנעם רינג אַרומגענומען און זי ווי מיט אייזערנע קייטן צוגעשמידט צו איר אָרט.

— דו ווילסט אונדז ביידן אומגליקלעך מאַכן. איך וועל נישט דערלאָזן, עס מעג מיך אַפילו קאָסטן מיין לעבן! — האָט ער פעסט און מיט כעס געזאָגט.

די שטימע פון די חזנים און משוררים, דאָס נאָכזינגען פון עולם דעם חזן האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען מאַניען אין די אויערן, און זי איז געבליבן ווי פאַרגליווערט. דערנאָך האָט זי געזאָגט עפּעס אַ פּאָר יידישע ווערטער, וועלכע לודוויג האָט נישט פאַרשטאַנען, און פאַר וועלכע ער האָט זיך דערשראָקן: — אפשר רופט זי די יידן, זיי זיי זאָלן איר העלפן אַנטלויפן פון מיר? — האָט ער מיט ציטערניש געטראַכט.

זיי זענען שוין געווען פון יענער זייט שטעטל און מער ווי־גויִישע קליינע שטיבעלעך מיט פעלדער האָט מען נישט געזען.

אין קיין איינציק פענסטערל האָט זיך נישט געלויכטן. אַלץ אַרום און אַרום איז געשלאָפן.

— יאַ! — האָט זיך פּלוצים לודוויג געווענדט צום פורמאַן ווי צו זיין גלייכן. — דו זעסט ווי אונדזער מאַניע פילט זיך שלעכט? זי איז בלאַס, זי רירט קוים מיט די ליפן. מען מוז דאָ געפינען אַ באַ־קאַנט קריסטלעך הויז.

— שוין־זשע, לודוויג, האָסטו פאַרגעסן, אַז דאָ הינטערן וועלדל וועט אויף אונדז וואַרטן דער „פּאַפּאַ מעלניק״?...

— פון דעם היינטיקן פאַרשאָלטענעם וועג האָב איך אין אַלץ פאַרגעסן ווי אין אַלדאָס בייז. לויט ווי די „שוועסטער" האָט געשריבן, דאַרף ער טאַקע דאָ וואַרטן. גענוג דערוויילע פון מיינעטוועגן! מעג ער אויך אַ חלק האָבן אין דער מצווה.

— דו האָסט פאַרגעסן, אָבער איך האָב נישט פאַרגעסן! — האָט דער פורמאַן געזאָגט און האָט אויף גיך פאַרקערעוועט די פערד אויף אַ זייטיקן שמאָלן וועג, ווו די ברישטשקע מיט די נאַכטיקע פאַרשוי־בען זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער דעם וועלדל.

קאַפּיטל דריי.

דאָס גרויסע אָפּקומעניש.

יום־כפור אינדערפרי. שטיל איז אין די געסלעך פון שטעטל גאַלינעווקע. נאָך נישט פאַרקעמטע, נישט אָפּגעוואַשענע מיידלעך דרייען זיך אַרום פון גאָרנישט האָבן וואָס צו טאָן. זיי דרייען זיך אַרום יעדע פאַר איר טיר, מיט טרויעריקע פּנימער. מאַנסביל, ווייבער און יינגלעך, געפינען זיך איצט אין די שולן און אין די בתי־מדרשים, ווו זיי זענען אַוועק גאַנץ פרי. נאָר קליינע קינדער און מיידלעך זענען געבליבן אינדערהיים.

די פרימאָרגנדיקע זון שיינט ליבלעך און יום־טובדיק, און אין דער אנגעגעמער שטילקייט פילט זיך עפּעס, אַז דער היינטיקער טאָג איז נישט קיין געוויינלעכער. עפּעס אַ באַזונדער טאָג, אויף וועלכן אַלע יידן וואַרטן אויסצובעטן אַ גוט יאָר.

אַ שווערער, נאָר דאָך אַ ליבער אנגענעמער טאָג.

עס איז אַ מחיה צו זיצן ביי דער טיר און קוקן אויף דעם שיינעם דרויסן.

זיצנדיק יעדע ביי איר טיר, רעדן זיך איבער די מיידלעך איינע מיט דער צווייטער.

— ווען איז דיין מאַמע אַוועק אין שול?

— גאַנץ פרי, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין ביי אונדז קיינער נישט געווען.

— האָסט שוין געגעבן די קינדער עפּעס עסן?

— זיי מעגן נאָך אַ ביסל וואַרטן, עס איז דאָך פאָרט יום־כּפּור, מעגן זיי צוהונגערן.

— דו ביזט שוין הונגעריק?

— שוין אַזוי פרי? און וואָס וועלן מיר טאָן אַ גאַנצן טאָג? עס וועט נאָך זיין צייט צו הונגערן.

— ביי מיר מאַכט דאָס פאַסטן גאָרנישט אויס.

— איצט ביזטו אַ בריה, ווען עס הונגערט דיך נישט. מיר וועלן זען, וואָס וועסטו שפּעטער זאָגן.

אינמיטן רויִקן שמועס, הערט זיך פּלוצלונג אַ רעש אין עק גאַס אויף דעם משופּעדיקן באַרג, ווו די שול מיט די בתּי־מדרשים געפינען זיך.

די מיידלעך כאַפּן זיך אויף מיט שרעק פון זייערע ערטער און לאָזן זיך לויפן, נאָר באַלד כאַפּן זיי זיך צוריק און שרייען איינע צו דער אַנדערער:

— בלייב דאָ, מען קען די שטוב נישט איבערלאָזן אַליין! מען קען נאָך באַגנבֿענען! איך קום באַלד צוריק, וועל איך דיר דערציילן.

— ניין, בלייב דו! איך לויף, איך וועל קומען צוריק גיכער פון דיר!

די צווייטע האָט אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן, און איבער־לאָזנדיק אויף הפקר דאָס הויז, איז זי אַנטלאָפן.

— וואַרט אויס, איך וועל דערציילן דיין מאַמען, וואָס דו לאָזט איבער די שטוב אויף הפקר.

די ערשטע האָט שוין נישט געהערט איר סטראַשען און איז געלאָפן אָן אָטעם צוזאַמען מיט אַנדערע אין דער זייט, ווו די שול מיט די בתּי־מדרשים געפינען זיך.

— וואָס איז דאָרט? — האָט איינער געפרעגט ביי דעם צווייטן.— עס ברענט, צי וואָס?

— וואָס פאַר אַ ברענען? מען זעט נישט קיין רויך.

אַלע פרעגן לויפנדיק און מען באַקומט נישט קיין ענטפער.

ערשט ביי דער שול, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם

פון מאָנסביל אין טליתים מיט יארמאָלקעס און אין קיטלען, ווייבער מיט פּאַרוויינטע אויגן און אָנגעלאָפענע מיידלעך מיט קינדער, האָט מען געהערט קולות:

— אַזאַ אומגליק, אַזאַ גרויסער אומגליק! אַ יידיש מיידל זאָל אַנטלויפן מיט אַ שייגעץ אום יום-כפּר!...

יעדער האָט אַ ציטער געטאָן פון דעַרדאָזיקער שרעקלעכער נייס.

— ווו-זשע זענען זיי? מען האָט זיי געכאַפּט?

— איך ווייס נישט! — האָט יעדער געענטפערט און געשטופּט זיך צווישן עולם.

— מען זאָגט, אַז מען האָט זיי געכאַפּט.

— ווו-זשע זענען זיי?

— מען פירט זיי געקאָוועט אין קייטן!

— מיט דעם עטאַפּ פירט מען זיי! אָט דאָ וועט זיין אַ קאָמע-דיע, ווען מען וועט זיי ביידע אויף איין קייטל אַריינפירן אין שטאָט אַריין!

— ווער איז אַנטלאָפן?

— די יפהפיה, ר' זעליק שרהס טעכטערל.

— מיט וועמען איז זי אַנטלאָפן?

— אוי, איך האָלט זיך ביי די זייטן! אוודאי מיט לודוויגן, דעם פעלדשערס זונדל.

— וואָס מיר לודוויג? איך האָב אים ערשט היינט געזען אין שטאָט!

— וואָס איז דער חילוק, לודוויג, צי אַן אַנדערער, אַבי מיט אַ שייגעץ.

— ווער האָט נישט געוווּסט, אַז זי וועט סוף כּל סוף אַוועק מיט אַ שייגעץ?

— אָבער אום יום-כּפּור?! דאָס איז נישט געהערט געוואָרן.

— דאָס איז אַ געוואַלד, דאָס איז אַ שרעק!

— נו הייסט עס, — ווערטלט זיך איינער, — אַז אינדערוואָכן מעג יאָ אַ יידישע טאָכטער אַנטלויפן מיט אַ שייגעץ?

— חס-ושלום! ווער זאָגט עס? אָבער יום-כּפּור, יום-כּפּור!

— ווען זענען זיי אַנטלאָפן?

— מען זאָגט היינטיקע נאַכט, ווען אַלע זענען געווען אין שול ביי „כּל-נדרי".

— וואָס-זשע האָט מען זיך איצטער געכאַפּט?

— מען זאָגט, אַז איר פאָטער, ר׳ זעליג, איז געווען די גאַנצע נאַכט אין שול און איר מאַמע האָט זיך אַזוי אָנגעוויינט ביים דאַווענען, אַז ווען זי איז געקומען אַהיים, איז זי ווי אַ דערהרגעטע אַנטשלאָפן געוואָרן, זיך נישט אומגעקוקט אויף איר טייער טעכטערל. ערשט היינט אינדערפרי האָט מען זיך געכאַפּט...

— אוי, היינטיקע צייטן טאָר מען אויף אַ מינוט נישט אָפּלאָזן דאָס אויג פון די קינדער.

פּלוצלונג איז צווישן גרויסן עולם געוואָרן שטיל.

קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען די פּלוצלונגע שטילקייט, נאָר באַלד איז יעדן קלאָר געוואָרן. צווישן דעם עולם האָט מען דערזען דעם אומגליקלעכן פאָטער, ר׳ זעליג שרהס מיט זיין ווייב, וועלכע האָט זיך מיטביידע הענט געקלאַפּט אין קאָפּ. ר׳ זעליג האָט געקוקט מיט גלעזערנע אויגן, ווי פאַרגליווערט, קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל און זיין ווייב האָט נישט אויפגעהערט צו גוואַלדעווען.

— וואָס-זשע שטייען מיר, וואָס שווייגן מיר? מיר דאַרפן נאָכלויפן. מיר מוזן עפּעס טאָן. מען קען דאָך אַזוי נישט שטיין און שווייגן, אַזאַ בראָך! אַזאַ בריליאַנטן קינד. גאָט און לייט האָבן מיך אויף איר מקנא געווען. וואָס-זשע שטייען מיר, זעליג!?

אַלע ווייבער מיט די מחזורים אין די הענט האָבן געוויינט, קוקנדיק אויף די אומגליקלעכע עלטערן.

— וואָס-זשע זאָל מען טאָן אום יום-כפּור!—האָט ר׳ זעליג קוים אויסגערעדט.—וואָס קענען מיר טאָן, חנה?

חנה האָט זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן:

— און אַז יום-כפּור, איז וואָס? אַ קינד איז נישט קיין וואַסער, אַ קינד איז אייגן בלוט, און נאָך אַזאַ קינד! איך וועל נישט לאָזן אַ קינד אַריינפאַלן אין גוישע הענט! איך וועל פאָרן זי זוכן אום יום-כפּור, דינג אַ פור.

דער עולם האָט אַ קרעכץ געטאָן, דערהערנדיק די ווערטער: „פאָרן אום יום-כפּור״, און דערדאָזיקער קרעכץ האָט ווי אַ בייזער ווינט יעדן אַריינגעוואָרפן אין קעלט.

— אום יום-כפּור?!...—האָט דער עולם אַרויסגעלאָזט אַ פאַרביטערטן זיפץ.

- וואָס זאָגט איר, יידן, צי מעג איך פאָרן אום יום-כפור אַרויס-דראַטעווען מיין קינד פון גוייִשע הענט? — האָט חנה נישט אויפגע-הערט צו שרייען און וויינען, ווענדנדיק זיך צום עולם, וואָס האָט זי מיט איר מאַן אַרומגערינגלט.

דער עולם האָט געשוויגן.

— די רבנים אַליין וועלן אונדז הייסן פאָרן! — האָט די אומ-גליקלעכע מוטער נישט אויפגעהערט צו שרייען.

— ווו איז דער רב? ווו זענען די דיינים? — האָט דער עולם אָנגעהייבן רעשן.

— צו שאַנד און צו שפּאָט זענען מיר געוואָרן! וואָס שטייסטו, זעליג! לאָמיר דינגען אַ פור און נאָכפאָרן.

— מען וועט אונדז פאַרשטיינערן! וואָס הייסט פאָרן אום יום-כפור, סיידן די רבנים וועלן הייסן.

— איך וועל אַליין פאָרן! — האָט חנה געשריען נישט מיט איר קול. — איך וועל נישט לאָזן מיין קינד אין גוייִשע הענט.

פּלוצלונג איז געוואָרן אַ טויט-שטילקייט.

— זיי גייען! זיי גייען! — האָט מען זיך געסודעט, — שאַט, אָט גייען זיי!

און אין דער גרויסער שטילקייט האָט זיך פון דער טיר פון גרויסן בית-המדרש באַוויזן דער אַלטער רב, מיט אַ באַזילבערטער יאַר-מולקע אויפן קאָפּ, און אין דעם ווייסן קיטל; נאָך אים — אַלע דריי דיינים פון גאַלינעווקע. אַ גרויסער טרויער האָט באַדעקט דעם רבס צעקנייטשט פּנים. זיין געזילבערטע לאַנגע ווייסע באָרד האָט געציטערט, טרערן האָבן זיך אים באַוויזן אין די אויגן און מיט אַ האַרצרייסנדיק, ציטערדיק קול האָט דער רב גערופן ר׳ זעליגן מיט זיין ווייב.

אויפן דאַך פון דער שול האָבן זיך געפּונען שוואַרצע קראָען, וואָס האָבן זיך אין דער מידער לופט אַ לאָז געטאָן פליען און שטאַרק געקראַקעט.

דאָס האָט איצט נאָכמער שרעק אַרויפגעוואָרפן אויף דעם עולם און באַזונדערס אויף די ווייבער.

— עס איז אַ שלעכטער סימן, — האָט אַן אַלטע פרוי זיך אָפּ-גערופן מיט שרעק. — ווער ווייסט, צי גאָט וועט אונדז היינטיקס יאָר מוחל זיין אונדזערע שווערע זינד. אין וועלכער שטאָט איז דאָס גע-הערט געוואָרן, אַז אַ יידישע טאָכטער זאָל אום יום-כפור ביינאַכט צו

כּל נדרי אַנטלויפן מיט אַ שייגעץ. דאָס איז פאַר אַלעמענס אונדזערע זינד. גאָט וועט אונדז אַלע שטראָפן. איר זעט, ווי די שוואַרצע קראָען קראַקען אַזוי שטאַרק, דאָס איז נישט אומזיסט!

עס האָט זיך געהערט אַ געוויין צווישן די ווייבער.

דעם אַלטן רבס שוואַך הייזעריק קול האָט נישט אויפגעהערט צו רופן:

— ווו איז ר׳ זעליג מיט זיין ווייב? זאָלן זיי צוגיין צו מיר בענטער!

די אומגליקלעכע עלטערן זענען ווי פארשוּדיקטע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, ווו דער רב מיט די דיינים זענען געשטאַנען.

— ר׳ זעליג! איר מעגט מיט אייער ווייב פאָרן. גאָט און כּל ישראל וועט אייך מוחל זיין! זאָל אייך גאָט העלפן, איר זאָלט אַרויסראַטעווען אייער קינד פון גוייִשע הענט. דאָס איז אַ גרויסע מצווה! פאַרלירט נישט קיין צייט, פאָרט וואָס גיכער און זייט מצליח אין אייער וועג!

דער עולם איז דערציטערט געוואָרן, דערהערנדיק, ווי דער רב האָט זיי געהייסן פאָרן אום יום־כּפור...

ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ וואָגן מיט צוויי פערד.

מיט אַ שרעקלעך געוויין האָט ר׳ זעליג אויסגעטאָן דעם ווייסן קיטל און צוזאַמען מיט זיין ווייב זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, און אַז די פור האָט גערירט, האָט דער גאַנצער עולם אויסגעשאָסן מיט אַ שרעקלעך געוויין.

— אום יום־כּפור! אום יום־כּפור! אַזאַ גרויסער אומגליק, אַזאַ גרויסער גזר האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונדז!

די לופט אין שטעטל האָט געציטערט פון דעמדאָזיקן געוויין, און די חזנים מיט די דאַוונער האָבן אין דעם יום־כּפור יאָמערלעך געבעטן דעם, וואָס לעבט אייביק, ער זאָל מוחל זיין די גרויסע זינד פון מחלל זיין יום־כּפור, וואָס פאַלט אויף דער גאַנצער שטאָט, ווי אַ גרויס אָפּקומעניש.

קאפיטל פיר.

נאָכווייעניש.

אַ באַזונדער ווייטיק און טרויער האָט יעדער געפילט. עפעס האָט יעדן געצופּט דאָס האַרץ פון ווייטיק, ווי גלייך יעדן איז היינטיקן יום-כפור אַנטלאָפן געוואָרן אַן אייגן קינד.

מאַניע, מאַניעטשקע, ווער האָט זי נישט געקאָנט און ווער האָט זי נישט ליב געהאַט! עפעס האָט זי געהאַט אין זיך אַ זיבעטן חן.

נישט קיין הויכע וווקס, איז איר פיגור דאָך געווען שלאַנק, אויסגעגאָסן, ווי אויסגעטאָקט פון אַ גרויסן קינסטלער. קויל-שוואַרצע לאָקן האָבן אין אומאָרדענונג געשוועבט אויף איר שיינעם קאָפּ און נישט איינגעזעסן אויף איין אָרט. און פון איר יעדער קלענסטער באַוועגונג האָבן זיך אירע האָר געקרייזלט אַלעמאָל אין אַן אַנדער שיינער פאָרם, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ נייעם באַזונדערן חן.

בעתן רעדן פלעגן זיך אירע שיינע קליינע ווייסע הענטלעך אַלע מינוט באַווייזן אויף דעם קאָפּ, אויסצוגלייכן אירע האָר, זיי זאָלן איינליגן אויף איין אָרט, נישט פאַלן איבער דעם געזיכט און פאַרדעקן ווי מיט אַ דינעם, שוואַרצן זיידענעם טול אירע שוואַרצע לעבעדיקע אויגן, נאָר אירע לאָקן פלעגן קיינמאָל נישט פאָלגן און שטענדיק זיך שפּילן און טאַנצן איבער איר קלאָר ווייס געזיכט.

נישט קוקנדיק אויף אירע צוואַנציק יאָר, האָט איר געזיכט שטענדיק געשפּריצט מיט קינדערשן חן: איר קליין מיילעכל, די צוויי גלייכע שורות ציין, מיט די חן-גריבלעך, צוזאַמען מיט אירע

דאָקן, האָט דערמאָנט אַ געזיכט פון די שיינע קינדער, וועלכעס ציט און מאַכט פריילעך און לעבט אויף יעדעס האַרץ פון אַלט ביז יונג.

און ווען מען זאָל צו מאַניעס אַקסלען צוטשעפּען זילבערנע פליגעלעך, וואָלט מען געקאָנט פון איר מאָלן די מלאכלעך, די פריי־לעכע און ליבע „אַמורטשיקעס", וועלכע מען זעט געמאָלט אויף בילדער, ווי זיי פליען צווישן די וואָלקנס, פון וועלכע זיי קוקן אויף אייך מיט גרויסע קיילעכדיקע קינדערשע טשיקאַווע אויגן.

אַלע האָבן מאַניען ליב געהאַט, ווי אַ שיין גוט קינד. אַלע האָבן זי באַדויערט און ביי יעדן האָט דאָס האַרץ געבלוטיקט אויף דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אירע עלטערן; נאָר צוויי האָבן באַהאַלטן אַ שנאה אין די הערצער, און זיך געפרייט מיט יענעמס אומגליק.

דאָס זענען געווען: די „מאַדאַם" שערמאַן מיט איר טאָכטער קלאַרע.

צום ערשטן „אויסנעמעניש", ווען די ווייבער זענען אַרויס פון שול און פון די בתי־מדרשים זיך אָפּרוען אַ ביסל אויף דער גאַס און וואַרטן ביז מוסף, האָט זיך די מאַדאַם שערמאַן מיט איר טעכטערל אויך געפונען צווישן די ווייבער, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן מאַניעטשקען מיט אירע אומגליקלעכע עלטערן.

די מאַדאַם שערמאַן, אַלס די גרעסטע גבירטע פון שטעטל, האָבן די ווייבער אַרומגערינגלט, צו הערן, וואָס זאָגט זי עפּעס דערויף? די מאַדאַם שערמאַן איז דאָך נישט אַ יידענע פון אונטערן אויוון! מאַדאַם שערמאַן איז די איינציקע אין שטעטל, וואָס פאָרט יעדעס יאָר קיין אויסלאַנד! זעט זיך אָן מיט אַ וועלט מענטשן!

און מאַדאַם שערמאַן, אַ הויכע, דיקע, פּופּציקיעריקע יידענע, שטייט צווישן די ווייבער און רעדט מיט אַ געמאַכט רחמנות־פּנים:

— אַזאַ אומגליק זאָל אין קיין יידישער שטוב נישט טרעפן! אַ גרויס אומגליק אויף די עלטערן, אָרנטלעכע מענטשן, אָבער דאָס טייערע טעכטערל זייערס איז ווערט דעם שטעקן! און דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויף איר קיין רחמנות נישט, זי איז געווען אַ משומדתטע נאָך ביי דער מאַמען אין בויך. זי האָט גאָרנישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט איר שיין „פּענעצל", געקראָכן יעדן אין די אויגן, און אַז איר ווילט גאָר, זענען די עלטערן אויך שולדיק. וואָס האָט אַזאַ קבצנס אַ טאָכטער צו קריכן צווישן קריסטלעכע געזעלשאַפט? אָט

שטייט דאָ מיין קלאַרעטשקע, מאָלט אייך, אַז זי ווייסט זיך בעסער ווי אויפצופירן אין געזעלשאַפט! וויפל מאָל איז זי שוין געווען מיט מיר אין אויסלאַנד! מאָלט אייך, אַז דאָרטן געפינט זיך עפּעס אַ לייטישערע געזעלשאַפט. אין קארלסבאד קומען צופאָרן גראַפן מיט פירשטן און מיין קלאַרעטשקע איז אומעטום געווען, און זיך נישט געהאַט מיט איר וואָס צו שעמען! איך מיט מיין טאָכטער האָבן אין קארלסבאד אַמאָל באַגעגנט שפּאַצירן דעם עסטרייכישן קייזער פראַנץ יוזעף און נאָך פיל פּרינצן מיט פּרינצעסינס. פון אַלע עקן וועלט קומט מען דאָך אַהין. אַפילו דער ענגלישער קעניג גייט זיך דאָרט אַרום שפּאַצירן, אַזוי פּראָסט געקליידט, ווי אונדזער גלייכן, און גאָרנישט!

— מאָלט אייך, — האָט די מאַדאַם שערמאַן ווייטער גערעדט, — מאָלט אייך, אַז מיין טאָכטער איז שוין געווען צווישן לייטן און ווייסט זיך ווי אויפצופירן צווישן מענטשן. וואָס פאַר אַ ווערט, מאָלט אייך, האָט ביי איר אַ פעלדשער, אַן אַפּטייקער און אַפילו אַ דאָקטאָר, צי אַ קסיאָנדז, אַ טעלעגראַפיסט, אַ נאָטאַריוס און די טשינאָווניקלעך, פון וועלכע עס באַשטייט אונדזער גאַלינעווקער „אַריסטאָקראַטיע״? אומשטיינס געזאָגט, נישט מער, מען איז דאָך אַ מענטש... אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט ביי אונדז אין שטעטל קאָן מען דאָך, מיינע שונאים, משוגע ווערן פון נודנעקייט, בפרט נאָך אַזאַ יונג קינד, ווי מיין קלאַרעטשקע, מען איז דאָך מער נישט ווי אַ מענטש — קומט זי אַמאָל אין זייער געזעלשאַפט אויך, אָבער אַזוי קריכן אין די אויגן ווי זי — מאַניע? — זאָל גאָט אָפּהיטן אַלע אונדזערע ליבע!

צוויי יונגע ווייבלעך, וועלכע גייען יום-כפור דאַווענען דאָס ערשטע יאָר נאָך זייער חתונה, הערנדיק פון מאַדאַם שערמאַן, אַז קלאַרעטשקע איז נאָך אַ יונג קינד, רוימען איין אין אויער איינע דער אַנדערער מיט אַ שמייכל: אַזעלכע „קינדער״ וויקלט מען ביי אונדז אין „פּאָליעסער וואַלד״. זי איז מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר, אַוודאי אַריבער פינפאונצוואַנציק—און אפשר באַלד די דרייסיק — וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ „קינד״?

— מען שטעלט זיך שוין צו מוסף דאַווענען!—האָט זיך דערהערט אַ קול, און דער עולם, וואָס איז געשטאַנען אינדרויסן, האָט זיך אָנגעהייבן איילן.

ווען דער עולם האָט זיך אָנגעהייבן צו שטופּן אין די טירן, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ געשריי: וואַסער! וואַסער! מען חלשט!

די מאַנסבילן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ווייבערשער שול, מיינענדיק, אַז פון דאָרט גייען די קולות.

פאַר דער שול רעדן זיך איבער אַ פּאָר יונגעלייטלעך:

— נאָך אַזוי פרי און ווייבער חלשן שוין פון תענית.

איינער פון די יונגעלייט, אַ שוואַרצער, אַ חנעוודיקער, האָט זיך געוועטלט מיט די יונגע ווייבלעך:

— ווען איך זאָל זיין אַ רב, וואָלט איך פאַרבאָטן ווייבער צו גיין יום-כּפּור אין שול אַריין... זאָלן זיי זיך פאַסטן אינדערהיים און נישט אָנמאכן קיין געפילדער יעדן יום-כּפּור אין די שולן — עס קען פון דעם אַרויסקומען דאָס גרעסטע אומגליק.

— די גאַנצע וועלט איז אייך, מאַנסבילן, קאַרג! — האָט קאָקעטיש אַ יונג ווייבל אים געענטפערט. — אַפילו דאַוונען איינמאָל אין יאָר אין שול פאַרגינט איר אונדז אויך נישט!

— ווער דאַרף אייך דאָ אין שול? — ווערטלט זיך ווידער דער יונגערמאַן. — נאָר אינדערהיים זענט איר, ווייבער, אַ נוצלעכע זאַך.

— עס זאָל נישט זיין היינט יום-כּפּור, וואָלט איך אייך עפּעס געזאָגט! — ענטפערט דאָס ווייבל סטראַשענדיק מיט דעם פינגער, מאַכנדיק דערביי אַ חנדל און ווערט פאַרפאַלן אין דער טיר פון דער ווייבערשער שול.

די יונגע לייטלעך לאַכן.

ווען מען האָט דעם פאַרחלשטן אָפּגעשפריצט מיט וואַסער און צעריבן די שלייפן, האָט מען געזען, אַז עס איז גאָר אהרון ווייצמאַנס זון, חיים.

— פע, חיים! — האָבן זיינע באַקאַנטע געמורמלט. — ביזט דאָך גאָר אַ יידענע, שוין צום ערשטן אויסנעמעניש חלשן פון פאַסטן.

חיים, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די צוויי מענטשן, וועלכע האָבן אים געפירט, האָט קוים נאָכגעשלעפּט די פיס און מיט זיינע בלויע גלאַנצנדיקע אויגן האָט ער מיד געקוקט אויף דעם עולם און עפּעס שוואַך געריידט.

באַלד איז אויסגעוואַקסן מאַדאַם שערמאַן מיט קלאַרעטשקען, וועלכע האָבן ביידע פאַרבראָכן די הענט, אונטערשרייענדיק:

— חיים! גאָר חיים? ווי בלאַס ער איז!... פירט אים אַריין צו מיר. צו אים אַהיים איז ווייט. ער וועט זיך ביי מיר אין גאָרטן אויסרוען.

— ווי טויט בלאַס ער איז! — האָט מאַדאַם שערמאַנס טאָכטער קלאַרע געזאָגט און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

מאַדאַם שערמאַן מיט קלאַרען האָבן אים צוזאַמען מיט די מענטשן אונטערגעהאַלטן, ווי עפּעס אַ טייערע חשובדיקע זאַך.

צווישן עולם האָבן זיך געהערט מיינונגען.

— וואָס-זשע, אַ מענטש איז נישט פון אייזן, אַפילו אַ יונגער-מאַן און דאָך נישט געקענט ווייטער פאַסטן, שוואַכע דורות!

די צוויי פריערדיקע יונגע ווייבלעך, וועלכע דאַווגען אין שול דעם ערשטן יום-כפור, האָבן זיך איבערגערעדט אויפן אויער:

— אַ רחמנות אויף חיימען, ער האָט זי, נעבעך, אַזוי ליב גע-האַט. איך ווייס עס שוין פון לאַנג...

— איך האָב געהערט, — רוימט אַריין אין אויער נאָך שטילער דאָס צווייטע ווייבל, — איך האָב געהערט פון מיין מאַן, וואָס איז חיימס אַן אַלטער חבר, אַז ער האָט געזאָלט די טעג אַ חתן ווערן פאַר מאַניטשקען. איך בעט דיך, זאָלסט קיינעם קיין וואָרט וועגן דעם נישט זאָגן. מיין מאַן האָט מיך געבעטן, איך זאָל קיינעם נישט דערציילן, הערסט?

— אוי, וואָלט דאָס געווען אַ גאָלדן פּאָרפאָלק!

— נישט באַשערט, אַפנים, אַזאַ גליק — אַזאַ אומגליק!...

ביידע יונגע ווייבלעך האָבן נאָכגעקוקט, ווי מען פירט חיימען אין דער באַגלייטונג פון מאַדאַם שערמאַן מיט איר טאָכטער קלאַרע.

— זע נאָר, ווי זיי ציטערן אַזוי איבער חיימען. ווייסטו אפשר אפשר נישט, וואָס פאַר אַ נאָענטער קרוב חיים קער זיי אָן?

— נו, איז היינט אַ וועלט!...

דער חזן האָט שוין געזונגען, די ווייבלעך האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן און פאַרפאַלן געוואָרן אין דער ווייבערשער שול.

דער פלאַץ פאַר דער שול איז געוואָרן ווי אויסגעקערט פון מענטשן, אַלע זענען געווען אין שול, אויף דער גאַס האָט זיך נאָר געהערט דאָס שיינע זינגען פון די חזנים מיט די משוררים, מיט די אויסגעשרייען און די תפילות פון די דאַוונער.

קאַפּיטל פינף.

ס'קלינגען די גלאָקן.

מאַדאַם שערמאַן מיט קלאַרען האָבן חיימען אַרויפגעפירט אויף דער וועראַנדע, וואָס געפינט זיך טיף אין גאָרטן, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן.

דאָ איז שטיל און רויִק און אַלץ איז אָפּגעזונדערט פון דער גאַס — פון דעם שטאָטישן רעש און פון מענטשן.

אין אָט דעם גרויסן גאָרטן, וואָס באַשטייט פון אַלערליי ביימער און פאַרשידענע פלאַנצונגען, געפינט זיך נאָר שערמאַנס איינשטאָקעדיק הויז, וועלכעס איז איינגעטונקען אין גרינס.

חיים איז האַלב געלעגן אויף אַ ווייכן פאָטעל מיט אַ טויטבלאַס געזיכט.

מאַדאַם שערמאַן און קלאַרע זענען נישט אָפּגעטראָטן און אים געגעבן אַ גלאָז טיי געמישט מיט וויין.

נאָכדעם, ווי חיים האָט אויסגעטרונקען און געקומען צו זיך, האָט ער מיט אַ שוואַך קול אָנגעהייבן לאַנגזאַם צו רעדן:

— איך דאַנק אייך פאַר אייער גוטסקייט... איך האָב געמיינט, אַז איך וועל שוין נישט אויפשטיין, אַזוי נישט גוט איז מיר פּלוצלונג געוואָרן.

— וואָס הייסט? וואָס דען? מיר וועלן אייך לאָזן אין אַזאַ צושטאַנד זיך שלעפּן צו זיך הינטערן שטאָט? מיר וועלן אייך פוני-

דאַנען נישט אָפּלאָזן, ביז איר וועט פולקומען קומען צו זיך. מיר וועלן צוגרייטן פאַר אייך אַ צימער.

— איך ווייס נישט, ווי אייך אָפּצודאַנקען, נאָר איך וועל אייך בעטן מיך אָפּפירן אַהיים.

— אָ, ניין, דאָס וועלן מיר נישט דערלאָזן. איר ליגט דאָ רויק. איך מוז לויפן אין שול אַריין. פירט זיך דאָ אויף לייטיש. רוט זיך אָפּ, און דו, קלאַרעטשקע, טרעט נישט אָפּ פון אים אויף אַ מינוט, ביז איך וועל קומען פון דאַווענען.

קלאַרע איז געבליבן אַליין צוזאַמען מיט חיימען אויף דער „וועראַנדע".

זי איז געזעסן לעבן אים און געקוקט אויף זיינע בלויע אויגן, וועלכע האָבן אַזוי שיין געפּאַסט צו זיין הייניטיקס בלאַס פּנים.

אויף איר געזיכט האָט זיך געוויזן אַזויפיל גוטסקייט, גע־טרייקייט און ליבשאַפט צו חיימען, אַז ער האָט עס באַמערקט און האָט איר געזאָגט:

— ווי גוט זענט איר צו מיר, קלאַרע!

אַ גליקלעכער שטראַל האָט באַלויכטן איר פּנים און אין אירע פאַרלאָשענע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פּייערל, וואָס האָט אויסגע־דריקט גליק.

דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי זיך געפילט אַזוי גליקלעך, דאָס ערשטע מאָל האָט זי זיך געפונען אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש צו חיימען. זי האָט איצט געפילט זיין אָטעם און זי האָט געהערט קלאַפּן נאָענט זיין האַרץ, וועלכעס איז איר געווען אַזוי טייער.

אָן ווערטער איז זי געזעסן לעבן חיימען און אים געשלונגען מיט די אויגן.

ער האָט אָנגעהייבן האַלב דרעמלען. קלאַרע האָט איר אייגענעם אָטעם געוואָלט איינהאַלטן, אום נישט צו שטערן זיין רו און זי האָט געטראַכט:

— איצט וועל איך אים אפשר קאָנען צובינדן צו מיר נענטער.

קלאַרע האָט פון לאַנג געוווסט, אַז ער האָט ליב מאַניען, אַז פון איר וועט ער זיך נישט אָפּזאָגן צוליב קיינעם. זי האָט געוווסט, אַז מאַניע איז שענער, יינגער און מיט אַ סך מעלות, וואָס קענען יעדן יונגנמאַן, און בפרט נאָך חיימען, מער געפעלן, ווי זי. נאָר מאַניע

איז אָבער איצט נישטאָ, זי איז אַנטלאָפן און אַזוי מיאוס אַנטלאָפן! שווער זי זאָל קומען צוריק. און ווען די אומגליקלעכע עלטערן וועלן זי יאָ ערגעץ געפינען און ברענגען אַהיים, וועט זי שוין אויך נישט זיין די פריערדיקע מאַניע, וועלכע אַלע האָבן אַזוי ליב געהאַט.

— מאַניע איז שוין נישטאָ! איר שיינקייט, אירע אַלע מעלות וועל איך היימען פאַרבייטן מיט מיין גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט צו אים. חיים איז מיינער, און ער וועט מוזן זיין מיינער, איך וועל אים קיינעם נישט אַוועקגעבן!

חיים האָט געדרעמלט און גרינג געאָטעמט. קלאַרע האָט באַמערקט, ווי אויף זיינע בלאַסע ליפן האָט אָנגעהייבן שפּילן אַ זיסער שמייכל.

קלאַרע האָט לאַנג געקוקט אויף דעם שלאָפעדיקן חיימען און אים באַוווּנדערט:

— ווי שיין ער איז, ווי באַצירט זיין געזיכט אָט דער גאָלדענער שמייכל! אים חלומט זיך עפּעס שיינס, גליקלעכס.

זי האָט זיך זאַט נישט געקענט אָנקוקן אין זיין געזיכט, און נישט קענענדיק זיך איינהאַלטן און נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכענונג, האָט זי אַליין נישט באַמערקט, ווי איר קערפּער האָט זיך אָנגעבויגן צו חיימען און זי האָט אים אַ גרינגן קוש געגעבן אין שטערן.

זי האָט זיך מיט שרעק צוריק אַ כאַפּ געטאָן און חיים האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַרומגעקוקט, ווי איינער וואָס האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט אַ זיסן חלום.

— ווי פילט איר זיך, חיים?

— דער שלאָף האָט מיך אַ ביסל דערפרישט, נאָר הלוואי וואָלט איך נישט געוועז אויפגעשטאַנען: עס איז געוועז אַזוי גוט... איך האָב געזען מאַניען... איך האָב גערעדט מיט איר און זי איז געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט צו מיר...

קלאַרע איז בלאַס געוואָרן און האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן.

— ווי טרויעריק זי האָט אויסגעזען!—האָט חיים ווייטער גערעדט ן צרויסלאָזנדיק אַ שווערן זיפץ, האָט חיים זיך געווענדט צו קלאַ-ן:—איך לייד זייער פיל, קלאַרע, איר אַנטלויפן האָט מיך דער-רעגט. דערוויסנדיק זיך פון דעם אומגליק, האָב איך געפילט, אַז

איך וועל עס נישט איבערלעבן. איך האָב געזאָלט זיין אַזוי גליק־לעך... און פּלוצלונג אַזאַ אומגליק...

— מען טאָר זיך, חיים, נישט נעמען אַזוי צום האַרצן, מען מוז אַלץ קענען איבערטראָגן... מען קען נישט שטאַרבן, עס וועט איבערגיין. איר ברויכט פאַרגעסן אָן איר, און אויב איר קענט דאָס איצט נישט, וועט איר מיט דער צייט פאַרגעסן. איר זענט נאָך אַזוי יונג, מאַניע, איז נישט ווערט איר זאָלט אַזוי ליידן איבער איר. אויב זי האָט אייך ליב געהאַט, האָט זי אַזאַ זאַך נישט געטאָרט טאָן.

— מאַניע איז נישט שולדיק, קלאַרע... אַלע באַשולדיקן זי, אַלע פאַרשעלטן זי, ווייל קיינער האָט זי נישט געקענט. זי איז נישט איינע, וואָס פאַלט אַריין אין אַזאַ אומגליק. הונדערטער יידישע טעכ־טער פאַלן אַריין צו זיי, יעדע איבער אַן אַנדער אורזאַך. זייער ווייַ־ניק זענען דאָ, וועלכע זענען שולדיק אין זייער אומגליק. איך וועל אָבער נישט רוען, ביז איך וועל זי פון זייערע הענט נישט אַרויס־ראַטעווען. לאָז איך נאָר קומען צו מיינע קרעפטן. איך וועל פון איר גאָרנישט פאַרלאַנגען. איך וועל זי נאָר אַרויסראַטעווען פון זייערע הענט, אין וועלכע זי איז אַריינגעפאַלן.

— אירע עלטערן זענען דאָך שוין געפאָרן זי זוכן, אפשר וועלן זיי זי געפינען.

— אומגליקלעכע עלטערן! וואָס וועלן זיי קענען טאָן, אַפילו, ווען זיי וועלן שוין וויסן ווו זי געפינט זיך? שווער איז אַרויסצו־רייסן פון זייערע הענט די אומגליקלעכע קרבנות, וועלכע זיי רויבן ביי אונדז מיט גוטע און פרומע ריידלעך.

מיד האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אויפגעהערט צו רעדן.

שטיל, אָן ווערטער זענען זיי ביידע געזעסן אויף דער וועַ־ראַנדע. עס האָט אָנגעהייבן נאַכט ווערן. די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגאַנגענער זון האָבן זיך אָפּגעגילט אויף די שפּיץ בלעטלעך פון דיביימער און די שאָטנס אויף דעם פאַרקאָן האָבן זיך פאַרגרעסערט און פאַרכאַפּט מער פּלאַץ.

די ווייבער האָבן צוביסלעכווייז אָנגעהייבן גיין פון די שולן; די מאַנסבילן האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף מעריב.

נאָך אַ מינוט, און די צאָל אַרויסגייער פון די שולן האָט זיך פאַרגרעסערט.

די מאַנסבילן האָט זיך רעדלעכווייז אָפּגעשטעלט ביי דער שול

און מקדש געווען די לבנה, וועלכע האָט מיט גדלות אַרומגעשפּאַצירט איבערן לויטערן הימל און עס האָט אויסגעוויזן, אַז זי האָט דאָ לאַנג געוואַרט ביי דער שול, ביז יידן וועלן אַרויסגיין פון מעריב זי מקדש זיין.

לאַנגזאַם איז דער עולם, מיד פון דעם הייליקן שווערן טאָג, געגאַנגען פון דער שול איבער דעם שטעטל און זיך צעשיט איבער פאַרשידענע געסלעך.

פון ערגעץ אַ וויטן קלויסטער האָבן אין דער שטילער ליכטיקער נאַכט אָפּגעקלונגען אין שטעטל פאַרשידענע טענער פון קלויסטער-גלאָקן.

דע' עולם האָט אַ ציטער געטאָן, דערמאָנענדיק זיך, וואָס זיי האָבן היינטיקן טאָג איבערגעלעבט, צוזעענדיק ווי ר' זעליג שרהס מיט זיין ווייב זענען אום יום-כפור געפאָרן זוכן זייער טאָכטער.

— ווער ווייסט, אפשר געפינט זיך ר' זעליגס טאָכטער אין יענעם קלויסטער? — האָט זיך איינער אָנגערופן. — אפשר שמדט מען זי איצט...

דער עולם האָט דערביי אַ ציטער געטאָן.

— אפשר, — האָט זיך אָנגערופן אַן אַלטע יידענע, — קלינגט איצט די משומדתטע אַליין אין די קלויסטער-גלעקער, ווייל ווי מען דערציילט פון לאַנגע יאָרן, אַז ווען מען שמדט אַ יידיש קינד, מוז דער משומד אַליין פריער קלינגען אַ גאַנצן חודש אין די גלעקער...

— באָבע, איך האָב מורא! — האָט זיך אָנגערופן אַ קינד, וועלכעס האָט נאָכגעטראָגן דעם מחזור מיט די תחינות פאַר דער אַלטער יידענע.

— האָב קיין מורא נישט, מיין קינד, גאָט וועט אונדז אָפּהיטן.

— באבע, — האָט דאָס קינד מיט ציטערניש פלוצלונג געפרעגט, — דער גיהנום ברענט איצט?

— פאַר איר, פאַר דער משומדתטע ברענען איצט אַלע גיהנומס און אונדז מיט כל ישראל וועט גאָט אָפּהיטן.

דאָס קינד האָט זיך פעסטער געהאַלטן לעבן דער באבען, וועלכע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם גאַנצן עולם אַהיים.

די קלויסטער-גלעקער האָבן נישט אויפגעהערט אָפּצוקלינגען אין דער לופט, און פון די דאָזיקע אָפּקלאַנגען איז אין דער היינטיקער נאַכט געפאַלן אַ פחד איבער דעם גאַנצן שטעטל.

קאפיטל זעקס.

הינטער דער שטאט.

אין דער נאכט, ווען אין שטעטל קא—וו זענען די יידן נאך דעם גרויסן תענית יום-כפור געזעסן אין זייערע הייזלעך, יום-טובדיק ביי די געגרייטע טישן און דערציילט יעדער מיט אן אנדער נוסח וועגן דעם שרעקלעכן אומגליק, וואס האט געטראפן ר׳ זעליג שרהס, וועלכער איז היינט מיט זיין ווייב געפארן ארויסראטעווען זייער קינד פון דער שמד,—אין דערזעלבער נאכט איז אין דערפל, וועלכעס רופט זיך נאך דעם דארטיקן טייכל „זאסטאווקע״, ווו עס וווינט ר׳ זעליג שרהס פאמיליע, געזעסן איינע אליין זיין אלטע מוטער דבורה ביים געדעקטן יום-טובדיקן טיש און געקוקט אויף די פון נעכטן אפגעקאכטע און צוגעגרייטע פפרות.

דאס דערפל זאסטאווקע געפינט זיך אינגאנצן איין ווירסט פון שטעטל גאלינעווקע און דאסזעלבע טייכל, וואס געפינט זיך ביים דערפל, לויפט אויך ביים שטעטל.

דאס איז א שמאל טייכל, וועלכעס שלענגעלט זיך פון ערגעץ ווייט, גאנץ ווייט, און דא ביים דערפל צעשפרייט זיך עס א ביסל ברייטער און גראבט טיפער. אויף דעם ארט געפינט זיך אן אלטע וואסערמיל, וועלכע האט נאך פון לאנגע יארן געהערט צו ר׳ זעליג שרהס פאטער, צו דבורהס מאן, ר׳ יצחק הירש שרהס.

די מיל איז א קליינע, אלטע פארמעליקטע געביידע מיט א גרויסע הילצערנע ראד, וועלכע דאס וואסער טרייבט לאנגזאם. נאר

פאַר פסח, ווען דאָס וואַסער קומט אָן, דרייט זיך די ראָד גיכער, לעבעדיקער און די גאַנצע מיל באַקומט עפּעס אַ יונג אויסזען מיט פרישע קרעפטן.

לעבן דער מיל, אויף אַ קליין בערגל, שטייט אַן אַלט הויז פון עטלעכע קליינע פענסטער. דאָ וווינט פון לאַנגע יאָרן אָן ר׳ זעליג מיט זיין פאַמיליע.

ווען אַלע זענען נעכטן אוועק אין שטעטל דאַוונען, האָבן זיי איבערגעלאָזט מאַניען און דעם אַלטן גוי פון מיל, וועלכן זיי האָבן אָנגעזאָגט אַכטונג צו געבן אויף דער שטוב.

דבורה, דערוויסנדיק זיך שפּעטער פון אַלעמען פון איר אומגליק, איז באַלד נאָך דעם תּענית אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַהיים. אפשר זענען זיי שוין געקומען צופאָרן? נאָר זי האָט מער נישט געפונען ווי דעם אַלטן גוי פון דער מיל, וועלכער האָט, ווי יעדן מוצאי-יום-כּפּור, ווען זיינע באַלעבאַטים זענען געקומען פון שול, אַרויפגענומען די קאַלטע כּפּרות, זיי אַנידערגעשטעלט אויף דעם טיש און אויפגעשטעלט דעם גרויסן סאַמאָוואַר.

דבורה איז טרויעריק געזעסן און געקוקט אויף די כּפּרות.

דריי ווייסע הינער און איין ווייסן האָן האָט זי אַליין אויסגעהאָדעוועט. אַ גאַנצן זומער האָט די „קוואָטשקע" געשפּאַצירט מיט אירע הינדעלעך אין גראָז און דבורה פלעגט זיי אַלע טאָג רופן און זיי האָדעווען פון אירע הענט, און יעדן פאַרנאַכט זיי אַריינגעלאָזט אין קאַמער.

דאָס ווייסעסטע און שענסטע הינדעלע, אָן איין שוואַרץ פעדערל, האָט זי אויסגעקליבן און געזאָגט:

— דאָס וועט זיין ערב יום-כּפּור אַ כּפּרה פאַר מאַניעטשקען.

און איצט ליגן די כּפּרות פאַר אירע אויגן אויף דעם טיש, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי עסן.

דבורה האָט זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך, צו יעדן סקריפּ: אפשר קומט ווער? נאָר עס איז שטיל...

— חיים זאָל כאָטש קומען, פאַרוואָס קומט ער נישט? אַלע האָבן אונדז אוועקגעוואָרפן.

דבורה האָט נישט געקענט איינזיצן און איז אַרויסגעגאַנגען פאַר דער שטוב, זיך געזעצט אויף אַ קלאָץ און געקוקט, און געקוקט אין דער ווייטקייט. פון אַלע סטעזשקעס, וועלכע פירן צו דער שטוב,

האָט זיך איר אַלעמאָל אויסגעוויזן, אַז מאַניעטשקע גייט... מאַניעטשקע רעדט... אָט הערט זי איר זיס קול... נאָר ניין, עס רעדט נאָר שטיל און טרויעריק דאָס לויפנדיקע טייכל.

פלוצלונג האָבן זיך אירע אויגן אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויס הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל פון יענער זייט בריג טייך. דאָס הויז האָט איצט אַרויסגעקוקט פון צווישן די ביימער מיט באַלויכטענע פענסטער.

— געוויס זענען זיך דאָרטן צוזאַמענגעפאָרן געסט. ווידער אַ געבורטס־טאָג, אַ הוליאַנקע — גויים, וואָס זאָלן זיי טאָן, אַז נישט הוליען? וואָס גייט זיי אָפּ אויף דער וועלט?

דבורה האָט אַ זיפץ געטאָן.

— נישט פאַרגונען אונדז אַזאַ טייערן ברילליאַנט און האָבן זי ביי אונדז אויסגעכאַפּט, אויסגעריסן. זיי האָבן דאָס געטאָן... נאָר זיי... — האָט די אַלטע דבורה געטייטלט מיט אירע ביינערדיקע אויס־געטריקנטע הענט אין דער זייט, ווו דאָס הויז אויף דעם באַרג האָט זיך געפונען.

דבורה האָט מער נישט געקאָנט קוקן אויף דעמדאָזיקן הויז.

— אָ, ווען איך בין ייִנגער, ווען איך זאָל קענען לויפן, וואָלט איך געלאָפן, געפאָרן, די גאַנצע וועלט איבערגעקערט און מיין קינד אַרויסגעראַטעוועט.

דבורה האָט זיך אומגעקוקט און צוגעהערט: אפשר זהערט מען פאָרן, אפשר גייט ווער? נאָר עס איז שטיל, מען האָט מער נישט געהערט, ווי דאָס קלאַפּן פון דער מיל און דאָס פליוסקען פון וואַסער.

זי איז צוריק אַריין אין שטוב, נאָר זי האָט נישט געקענט איינזיצן: אַלע ווײַלע האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עמעצער שאַרט זיך ביים פענסטער. זי איז עטלעכע מאָל אַרויסגעגאַנגען און אַריינ־געגאַנגען און קיינעם נישט געזען.

פלוצלונג האָט זי דערהערט די באַקאַנטע שווערע טריט פון דעם אַלטן גוי, וואָס אַרבעט אין מיל.

— וואָס איז? — האָט זי געפרעגט. — איז עמעצער נישט גע־קומען צופאָרן?

— ניין, נאָר אַ בריוו האָט מען מיר איבערגעגעבן פאַר אייך. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי אויפגעריסן דעם בריוו און האָט

איבערגעלייענט די שרעקלעכע ווערטער אויף יידיש מיט מאַניעס אייגענער האַנט:

„מיינע טייערע! ראַטעוועט מיך, איך געפין זיך אין אַ פאַר־שלאָסן צימער, נאָר וווּ ווייס איך נישט. איך בין אַ ביסל אַליין שולדיק אין מיין גרויסן אומגליק, נאָר ראַטעוועט מיך! איך בין גע־לאָפן פון אייך דורך דעם ווילדן וואַלד, דורך דעם שטעטל וואַראַ־נאָוויצע און ווייטער ווייס איך נישט. ראַטעוועט מיך! אייער מאַ־ניטשקע".

די אַלטע דבורה האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און מיט אַ ציטערדיק קול געפרעגט דעם אַלטן גוי:

— זאָג נאָר, זשיבעק, ווער האָט דיר געגעבן דעם בריוו?

— אַ פאַרבייגייער, אַ פויער.

— וווּ איז ער?

— גאָט ווייס אים, ער איז באַלד אַוועק.

— דו קענסט אים?

— ניין, אַ פרעמדער.

— קענסטו מיר נישט זאָגן, ווי ער האָט אויסגעזען?

— דער רוח ווייסט אים, איך האָב קיין צייט נישט געהאַט צו קוקן.

— אפשר קענסטו אים געפינען? קום מיט מיר אים זוכן.

— ווער, וואָס, ווען? שוין באַלד אַ שעה, אַז ער איז אַוועק! — האָט דער אַלטער מילנער אַוועקגעמאַכט מיט די הענט.

— קום, לאָמיר גיין, אפשר וועלן מיר אים נאָך געפינען ערגעץ? אפשר איז ער דאָ אין דאָרף געבליבן ביי וועמען נעכטיקן?

און ביידע אַלטע לייט האָבן זיך געלאָזט גיין איבער דעם דאָרף.

קאַפּיטל זיבן.

דאָס ווייסע הויז.

דאָס גרויסע הויז, וואָס איז היינטיקן אָווגט געווען אַזוי באַלייכטן אין אַלע פענסטער, האָט מען אין דאָרף גערופן „דאָס ווייסע הויז“, ווייל עס איז שטענדיק געווען אָפּגעשמירט מיט ווייסן קאַלך, און מיט זיין ווייסקייט האָט עס זיך שטענדיק געוואָרפן אין די אויגן קעגן די אַלע אַנדערע דאָרפסהייזלעך, וועלכע זענען געווען טונקל, קויטיק און פון רעגן באַקומען משונהדיקע קאָלירן.

אין דעם ווייסן הויז, וועלכעס איז באַשטאַנען פון אַ סך צימערן, האָט געוווינט דער עקאָנאָם סיווינסקי מיט זיין גרויסער פאַמיליע, וועלכע איז באַשטאַנען כמעט נאָר פון פרויען: זיין ווייב, פרוי סיווינסקי, זייערע זעקס טעכטער, פון וועלכע די יינגסטע איז אַלט אַ יאָר פינפאונצוואנציק, דעם עקאָנאָמס אַן אַלטע מוטער, דריי פאַרזעסענע פופציק-יעריקע פלימעניצעס און עפּעס נאָך אַ פּאָר מומעס, ביי וועלכע עס זענען אין דער יוגנט געשטאָרבן די מענער. איינער איז בטעות דערשאָסן געוואָרן פון אַ חבר, ווען זיי זענען געפאָרן אויף דער יאַגד פון ווילדע קאַטשקעס, און דער צווייטער איז געשטאָרבן פון סוכאָטע, און זוכנדיק אין די יינגערע יאָרן פּאַסנדיקע שידוכים און נישט געפינענדיק, האָבן זיי זיך אויף דער עלטער באַזעצט ביי זייער פלימעניק סיוויאנסקי, וועלכער איז געווען אַ גוטער פאַמיליען-פאָטער און אַן אָרנטלעכער מענטש.

נישט קוקנדיק אויף זיין קליין געהאַלט, וואָס ער פלעגט באַקומען, זענען דאָך דאָ גאַנץ אָפט פאָרגעקומען „אָוונטן" מיט פאַרבעטענע געסט.

דען אויסער אין די ימים־טובים, זענען אין דעם ווייסן הויז פאָרגעקומען געבורטס־טאָגן פון די זעקס טעכטער, פון דריי פאַרזעסענע פאַמיליעס, צוויי מומעס, דעם עקאָנאָמס מוטער, און דער געבורטסטאָג פון די באַלעבאַטים אַליין.

ביי אַלע באַקאַנטע זענען די דאַטעס פון די געבורטסטאָגן געווען פּינקטלעך פאַרשריבן, ווי ביי ערלעכע יידן די יאָרצייטן פון די עלטערן, און ווילנדיק נישט ווילנדיק, זענען געסט גאַנץ אָפט צוגעפאָרן צום עקאָנאָם און דאָס ווייסע הויז איז גאַנץ אָפט געווען באַלויכטן אין אַלע פענסטער.

נישט קוקנדיק, וואָס דער עקאָנאָם האָט פאַרנומען אַ קליינע שטעלע, פלעגן אין זיין הויז קומען נישט נאָר זיינע קאָלעגן עקאָנאָמען און דינער פון אַנדערע נאָענטע גיטער, נאָר אויך פריצים, ארענדאטאָרס פון גיטער, קסיאָנדזן, דאָקטוירים און די איבעריקע „אַריסטאָקראַטיע" פון דער פּראָווינץ, ווייל די פאַמיליע סיווינסקי האָט מען געהאַלטן פאַר גרויסע מיוחסים, דערהויפּט פון ווייבס צד.

פון זייערע קרובים האָבן זיך געפונען עטלעכע מאָנאַשקעס, וועלכע האָבן פאַרנומען פאַרשידענע גרויסע און קלענערע שטעלעס אין די מאָנאַסטירן, וואָס געפינען זיך אין פּוילן און אין גאַליציע, און ווי מען דערציילט, געפינען זיך אַ פּאָר פון זייערע קרובים אין איטאַליע, אין די מאָנאַסטירן פון פּאַלערמאַ און נעאַפּאָל.

מען דערציילט אויך, אַז סיווינסקיס אַ זיידע איז אין יאָר 1812 געווען „פּולקאָווניק" אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי, וועגן וועלכן די פאַמיליע רעדט אויף יעדן געבורטסטאָג מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ.

דער פאָטער פון דער גרויסער פאַמיליע, דער עקאָנאָם סיווינסקי, איז שטענדיק געווען פאַראַרבעט, אומגעגאַנגען צווישן די פעלדער, געפאָרן אין די גיטער פון זיין פּריץ, אַמאָל געפאָרן אין שטעטל, און בכלל געווען אַ פאַריאָגטער, אַ פאַרהאָרעוועטער מענטש, וועלכער טראָגט אויף זיך אַזאַ גרויסע פאַמיליע.

דאָס געהאַלט איז געווען זייער קליין, נאָר דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אומזיסט אַזאַ גרויסע וווינונג און אַ האַלב מאָרג ערד, ווו ער האָט געהאַט פאַרשידענע גרינוואַרג, דערצו בהמות, גענדז און הינער,

וועלכע האָבן נישט געקאָסט קיין געלט,—דאָס אַלץ האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פירן אַ פּריציש הויז און דערהאַלטן דעם כּבוד פון זיין פאַמיליען-יחוס.

דעם גאַנצן טאָג איז סיווינסקי נישט געווען אין שטוב, דערפאַר האָבן אַלע דרייצן פּרויען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער הויז, געהאַט גענוג צייט אַרומגיין ליידיק, באַרעדן יעדן באַקאַנטן, פאָרן אין צווייטן דאָרף אין קלויסטער, פירן פליאָטקעס און זיך יאָגן נאָך מצוות.

די דריי פאַנעס, די צוויי פלימעניצעס און איין טאָכטער פון עקאָנאָם זענען שטענדיק געגאַנגען אין שוואַרצן געקליידט, אַפילו אויף די אָוונטן, ווען געסט זענען געקומען.

אָט אין די שוואַרצע קליידער האָט אויסגעזען, אַז זיי האָבן זיך שוין אויף שטענדיק אָפּגעזאָגט פון חתונה צו האָבן. די איבעריקע פינף טעכטער, די יינגסטע פון וועלכע איז אַלט געווען פינפאונצוואַנציק יאָר, זענען נאָך געגאַנגען אין העלע קליידער, אַ סימן, אַז זיי רעכענען נאָך אויף שאַנסן צו טאָן גוטע שידוכים.

אויסער פירן רכילות, האָבן די, וועלכע האָבן זיך געקליידט אין שוואַרצן, ליב געהאַט זיך פאַרנעמען מיט גוטע מעשים, נאָר דאָס גרעסטע איז ביי זיי געווען, ווען זיי איז געלונגען צו „ראַטעווען" און „לייטערן נשמות" פון יידישע קינדער.

אַזעלכע גליקן האָט זיי אין זייער לאַנג לעבן נישט איינמאָל געטראָפן. אַלע באַקאַנטע האָבן זיי דערפאַר זייער מקנא געווען און פיל דאַנק-בריוו האָבן זיי געהאַט פון מאָנאַסטירן פאַר זייער גרויסער אַרבעט און זיי צוגעזאָגט עולם הבא.

צו טויפן יידן האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט געיאָגט.

— אַ ייד, ווען ער גייט זיך שמדן, גייט ער מאַכן אַ געשעפט, נאָר פון אַ יידישער טאָכטער קען מען שטענדיק מאַכן אַ גוטע קריסטין.

— יידישע טעכטער זענען גוטע און פרומע, עס איז נאָר אַ זינד, וואָס זיי האָבן חתונה פאַר יידן. דאַן ווערן זיי די איינציקע מיאוסע פאַרדאָרבענע האַנדליאַרקעס ווי זייערע מענער און פלאָדיען אָן אַ בייע וועלט מיט יידן.

— יידישע מיידלעך, כּל-זמן זיי האָבן נאָך נישט חתונה, קאָן מען אין אַלץ איבערצייגן און מאַכן פון זיי די בעסטע קריסטן.

אזעלכע שמועסן פלעגן אָפּט פירן צווישן זיך די דרייצן פּרוויצן, איבערהויפט די, וועלכע האָבן זיך אין שוואַרצן געקליידט.

אַזעלכע שמועסן פלעגן זיי אויך פירן צווישן די געסט, וועלכע פלעגן צו זיי אָפּט קומען.

— איך פרעג אייך, — פלעגן שטענדיק טענהן די צוויי מומעס, — ווי קומט צו דעם יידן זעליג אַזאַ טאָכטער, ווי מאַניע? זי זעט דאָך אויס, ווי אַ גרעפיש קינד, אַפילו אין איר רעדן און אין אַלע מאַניערן זעט זי נישט אויס, ווי אַ יידיש קינד... זי איז דאָך אַזוי גוט, אַזוי לייטיש.

אַלע איינוואוינער פון דעם ווייסן הויז האָבן מאַניען זייער ליב געהאַט און פלעגן זי אָפּהאַלטן שעהנווייז, ווען זיי האָבן זי נאָר באַגעגנט.

— עס ווערט פריילעך אויף דער נשמה, — פלעגן די ווייבער איבעררעדן צווישן זיך, — ווען מען קוקט אָן דאָס שיינע אומשולדיקע קינד, וועלכעס איז, נעבעך, אַזוי אומגליקלעך געבוירן... עס ווערט דאָך ליכטיק אין יעדן ווינקעלע, ווען זי קומט צו אונדז.

און די דרייצן ווייבער פלעגן מיט קנאה קוקן פון ווייסן הויז אויף דעם בערגל, ווו עס איז געשטאַנען ר׳ זעליג׳ס שרהס הייזל, וואָס האָט זיך געפונען קעגנאיבער דעם רויפנדיקן טייכל.

דאָרטן, אין קליינעם שטיבל, האָט געהערשט אַ יונג לעבן און דאָ אין דעם ווייסן הויז — אַלטקייט און „יענע וועלט״.

קאַפּיטל אַכט.

דער העלד פון טאָג.

דעם היינטיקן אָוונט איז ביי סיווינסקין אין הויז געווען באַזונדערס פריילעך. געווינלעך, ווען מען איז זיך צוזאַמענגעקומען, פלעגט מען רעדן פון דעם וועטער און איבערקייען צום הונדערסטן

מאָל די אַלטע ספּלעטניעס, ווייל דאָס דאָרפּישע לאַנגזאַמע לעבן האָט נישט געגעבן קיין בעסערן שטאָף צום רעדן. אַמאָל האָט איינער דערציילט עפּעס נייס פון די צייטונגען, און אַז דער שטאָף האָט זיך אויסגעלאָזט, פלעגט מען זיך אויספרעגן איינער ביי דעם צווייטן, ווי פילט מען זיך אין געזונט, און אַז עס זאָל זיך נישט אויסלאָזן קיין שטראָף צו רעדן, פלעגן אַפילו די פולקומע געזונטע זיך באַקלאָגן, אַז מען פילט זיך קראַנק, ווארים טאָמער וועט עמעצער ענטפערן: „געלויבט איז גאָט, איך קען זיך נישט באַקלאָגן אויף מיין געזונט", לאָזט זיך אויס דער שטאָף צום רעדן. באַקלאָגט מען זיך אָבער אויף דעם געזונט, וועלן אייך שוין אַלע געסט געבן הונדערטער רפואות און דערביי דערציילן הונדערטער מעשיות, ווי דער און דער איז פולקום געזונט געוואָרן פון אַזאַ און אַזאַ רפואה. און דערווייל איז דאָ שטאָף צום רעדן ביז מען האָט זיך געזעצט צום טיש.

האָט מען נאָר דערלאַנגט צום טיש, איז באַלד די טעמע איבערגעגאַנגען אויף אַלערליי גוטע מאכלים און משקאות.

די מאַנסביל האָבן איבערגעשטייגט איינער דעם צווייטן מיט דער צאָל אויסגעטרונקענע גלעזלעך בראָנפן, ליקער און וויין, און די ווייבער האָבן זיך מער פאַרנומען מיט נאַשעריי.

היינטיקן אָוונט האָט מען, אויסער דער אכילה מיט טרינקען, אַלע שמועסן אָוועקגעלייגט אויף אַ זייט, און די טעמע פון דעם אָוונט איז געווען מאַניע אָדער מאַניעטשקע, ווי די פאַמיליע סיווינסקי פלעגן זי רופן.

אַלע אויגן האָבן איצט געקוקט אויף לודוויגן, אויף וועלכן מען האָט זיך שטענדיק ווייניק אומגעקוקט. אַלע האָבן אויף אים איצט געקוקט, ווי אויף דעם „העלד פון טאָג".

לודוויג, איבער זיין פאַמיליע, וועלכע קומט אַרויס פון פּראָסטע פויערים, און אויך דערפאַר, וואָס זיין פאָטער האָט פאַרנומען אַזאַ קליינע שטעלע, ווי אַ פעלדשער אין דאָרף, האָט קיין גרויסן פּלאַץ אין דעם מיוחסדיקן הויז נישט פאַרנומען. ער איז שטענדיק געווען פון די איינגעלאַדענע געסט נאָר דערפאַר, ווייל, ערשטנס, האָט ער געענדיקט אַ שולע פון פיר קלאַסן, צווייטנס, פּראָסט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ יונגערמאַן און אין סיווינסקיס הויז, ווו עס האָבן זיך געפונען זעקס פריילנס, אַ חוץ פּלימעניצעס און מומעס, האָט

מען זיך אין אַזעלכע אָוונטן שטאַרק גענייטיקט אין „אינטעליגענטע קאַוואַליערן". און כאָטש ביי סיווינסקין אין הויז האָט מען געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, האָט מען אים דאָך צו אַזעלכע אָוונטן איינגעלאַדן. און ווען ער איז אַמאָל נישט געקומען, האָט ער שטאַרק געפעלט אין דער ווייבערשער געזעלשאַפט.

היינטיקן אָוונט איז לודוויג דער „העלד פון טאָג" און איז מיט איינמאָל ביי די מיוחסים אויסגעוואַקסן מיט עטלעכע קעפּ.

איבערהויפּט זענען פון אים נישט אָפּגעטרעטן די צוויי מומעס, וועלכע האָבן זיך אַלץ געסודעט מיט אים.

אַלע האָבן באַמערקט, אַז לודוויג איז היינט זייער נישט „אין הומאָר" און ענטפערט נישט גערן.

— וואָס איז מיט דיר, לודוויג? — האָט אים געפרעגט איינע פון די מומעס, וועלכע מען האָט גערופן פּאַני זאָשע. — דו וואָלסט זיך דאָך באַדאַרפט פילן היינט פאַר דעם גליקלעכסטן אין דער וועלט. דו האָסט געטאָן אַזאַ גרויסע הייליקע זאַך, וואָס די גרעסטע לייט לעבן אָפּ זייער וועלט און קומען נישט דערצו. אַלץ אין לעבן איז גאָרנישט קעגן דעם, וואָס דו האָסט געטאָן; איך רעכן דיך איצטער פאַר דעם גליקלעכסטן מענטשן, וועלכן אַלע דאַרפן מקנא זיין.

לודוויג האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגן, טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן. עס איז אים שווער געווען אַ וואָרט אויסצורעדן.

נאָר ביידע מומעס האָבן פון אים נישט אָפּגעטראָטן.

— דו דאַרפסט זיך דאָך פילן פאַר דעם גליקלעכסטן אין דער וועלט. די שיינע מאַניע וועט זיין דיין פרוי און זי וועט זיין זייער אַ גוטע קריסטין. גאָט און לייט וועלן דיך מקנא זיין.

— נישטאָ וואָס מקנא צו זיין, זי איז פאָרט אַ יידישע. אָ, ווען זי זאָל נישט זיין אַזוי רייצנדיק שיין, וואָלט איך זי נישט געוואָלט אָנקוקן און אַזויפיל איבערלעבן אין דער פאַרשאָלטענער נאַכט.

— הייסט עס, אַז דו טוסט עס נאָר צוליב דיין זינדיקער נשמה, ווייל זי איז שיין? — האָט די מומע זאָשע אים שטאַרק פאַרגעוואָרפן און זיך איבערגעקוקט מיט דער צווייטער מומע, ווי גלייך זיי זאָלן זאָגן: דאָס, וואָס ס'קומט אַרויס פון פּראָסטע מענטשן—בלייבט פּראָסט.

— זינדיקער! — האָט זי ווייטער געזאָגט. — דו ווייסט אַפילו נישט וואָס דו רעדסט. אָ, ווען דו זאָלסט קענען פאַרשטיין, ווי גרויס

איז די זאַך, וואָס איז אויף דיין גורל געפאַלן צו טאָן, וואָלסטו זיך אַנדערש געפילט און וואָלסט אַנדערש גערעדט.

— גלויב מיר, גוטע זאָשע, ווען זי זאָל אין דער נאַכט נישט געווען זיין אַזוי רייצנדיק שיין, וואָלט איך זי צעריסן אויף שטיקער און פאַר די הינט געוואָרפן...

דיביידע מומעס און די דריי פאַרזעסענע פלימעניצעס, וועלכע האָבן געהערט דעם שמועס, זענען אַזש אָפגעשפרונגען פון לודוויגן.

— גאָט! וואָס איז דאָ געשען אַזוינס שרעקלעכס? ווי וואַגסטו צו רעדן וועגן מאַניען אַזוי? זי איז דאָך אַ בריליאַנטן קינד! דו אַליין און מיר אַלע פלעגן זי דאָך פאַרגעטערן. עס האָט געמוזט שרעקלעכס געשען!

— עס איזווירקלעך שרעקלעכס געשען, — האָט לודוויג געענטפערט מיט אַ טיפן זיפץ און אַ שרעקלעכער טרויער האָט באַדעקט זיין געזיכט.

אַלע האָבן זיך דערשראָקן פאַר זיין אויסזען.

— ווער ווייסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען? — האָבן זיך אַלע דערשראָקן און איינס מיט דעם צווייטן זיך איבערגעקוקט.

— ניין, לודוויג, דו מוזט אונדז דערציילן! נישט דו אַליין ביזט דאָך דאָ פאַרמישט אין דער געשיכטע, דו מוזט, לודוויג, אונדז דער-ציילן!

מיט אָפענע מיילער האָבן אַלע געוואַרט, אַז לודוויג זאָל זיך אַ ביסל באַרויקן און אָנהייבן דערציילן.

— איך קען אייך היינט גאָרנישט דערציילן. לאָזט מיך היינט אַליין. איר וועט אַלץ וויסן, נאָר נישט היינט. ווען איך זאָל זיך איצט נישט געפינען אין אַזאַ געזעלשאַפט, וואָלט איך אַוועקגעגאַנגען. לאָזט מיך אַליין, מיר וועלן עס אָפלייגן אויף מאָרגן! לאָמיר היינט רעדן פון וואָס איר ווילט, נאָר נישט פון מאַניען.

— אָבער ווו געפינט זיך איצטער מאַניע? דאָס מוזטו אונדז זאָגן.

— ווו זאָל זי זיך איצטער געפינען? — ביי דער שוועסטער איבינע.

אַלע האָבן גרינגער אָפגעזיפצט.

— אויב אַזוי, געפינט זי זיך אין גוטע הענט, — האָט די מומע זאָשע זיך אָנגערופן. — מאַניע וועט שוין זיין אונדזערע. פון אירע הענט איז נאָך קיינער נישט אַרויס.

— איר האָט אַ טעות. די שוועסטער אירינע איז טאַקע אַ קלוגע, אַ פֿרומע, אַ גוטע געלערנטע, אָבער איר קענט קיינער נישט מאַניען. מאַניע האָט חרטה, איר הערט? — מאַניע האָט חרטה.

דאָס וואָרט „חרטה" האָט אַלע ווי אַ דונער געטראָפֿן. זיי האָבן אַלע אַ קלאַפּ געטאָן מיט די הענט און כּמעט אויסגעשריִען:

— אויב איר וועט געלינגען פֿון דאָרטן צו אַנטלויפֿן, זענען מיר דאָך אַלע אומגליקלעך!

— אומגליקלעך! — האָט די צווייטע מומע נישט אויפֿגעהערט צו ברעכן די הענט.

— באַרויִקט אײַך, — האָט די מומע זאָשע געזאָגט. — פֿון דער שוועסטער אירינע איז נאָך קיינער נישט אַנטלאָפֿן. איך גלויב שטענדיק אין איר בריהשאַפֿט. איך וועל הײַנטיקע וואָך אומישנע אַראָפּפֿאָרן אין מאָנאַסטיר, איך מוז אַלץ וויסן!

— דו וועסט זיך זען מיט מאַניען? — האָבן אַלע געפֿרעגט.

— איך ווייס נישט, איך וועל שוין דאָרט זען, ווי עס האַלט און וואָס איך האָב צו טאָן.

— איך וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלויבט, — האָט זי ווײַטער גערעדט און געשמאָטשקעט מיט די ליפּן. — מאַניע איז דאָך שוין אַזוי גוט געווען צוגעגרייט; זי האָט דאָך אַזוי געברענט, וואָס גיכער אַנטלויפֿן פֿון די פֿאַרשאָלטענע ייִדן — איך גלויב נישט! איך גלויב נישט! איך גלויב נישט! עס איז נישט מעגלעך!

— איר גלויבט נישט? איר קענט פֿרעגן יאַנען. ער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ פֿורמאַן און האָט אָנגעטריבן די פֿערד, ווען מיר זענען אַנטלאָפֿן.

יאַן, דעם עקאָנאָמס אַ יונגער ברודער, וועלכער האָט אויך געדינט בײַ דעמזעלבן גוטבאַזיצער אין אַ נאָענטן דאָרף, האָט זיך אויך געפֿונען אויף דעם זוגט.

די פּלימעניצעס האָבן אים אויפֿגעזוכט און צוגעפֿירט צו דער קליינער קאָמפּאַניע, ער זאָל עדות זאָגן, אַז מאַניע האָט חרטה געהאַט.

— איז דאָס מעגלעך? — האָבן זיי אים געפֿרעגט.

— זאָל אײַך לודוויג אַליין דערציילן, — האָט יאַן געענטפֿערט.

— ער האָט שוין דערציילט, — האָט איינער פֿון דער קאָמפּאַניע געזאָגט.

— וואָס־זשע ווילט איר פֿון מיר?

— מיר ווילן, אַז דו זאָלסט אויך באַשטעטיקן די אומגעוויינלעכע געשיכטע מיט מאַניען. עס איז אונדז אומגלויבלעך.

— פאַרוואָס זאָלט איר נישט גלייבן? אַ חוץ איר חרטה, האָט נאָך לודוויג באַקומען פון מאַניעס שיין קליין הענטל אַ גרויסן פּאַטש... — האָט יאַן געזאָגט מיט אַ שמייכל.

לודוויג איז אונטערגעשפּרונגען און זיך געוואָרפן אויף יאַנען, נאָר די ווייבער האָבן זיך אַריינגעמישט און זיי איינגעשטילט, ווען דער איבעריקער עולם, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם אָוונט, איז צוגעלאָפן.

יעדער האָט געוואָלט וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר די ווייבער האָבן די געשיכטע איינגעשטילט.

— איך וועל מוזן הייַנטיקע וואָך פאָרן אין מאָנאַסטיר, — האָט די מומע זאָשע געזאָגט, — פון זיי וועלן מיר גאָרנישט וויסן.

דער עולם האָט זיך שוין געזעצט צו אָוונטברויט; עס האָט זיך געהערט קלינגען מיט די גלעזער; איינער פאַר דעם צווייטן האָט געוויזן בריהשאַפט און וואָס מער גלעזלעך אויסגעטרונקען.

לודוויג האָט אין דעם אָוונט געטרונקען מער, ווי אַלע מאָל. אַלע געסט האָבן אים געלויבט פאַר זיין אונטערהאַלטן די געסט.

נאָר די, וועלכע האָבן נענטער געקענט לודוויגן, האָבן זיך געוואונדערט, וואָס ער האָט פּלוצלונג אַזויפיל אָנגעהייבן טרינקען.

יאַן האָט געקוקט מיט באַוואונדערונג אויף לודוויגן פאַר זיין פיל טרינקען, און לודוויג האָט פאַר אַלעמען געהאַלטן אין איין שרייען, אַז ער וועט יאַנען דערהרגענען, דערשיסן ווי אַ הונט.

אַלע האָבן געלאַכט, ווי לודוויג רעדט פון שיכּרות.

יאַן האָט געקריצט מיט די ציין פון גרויס כּעס אויף לודוויגן, שרייענדיק, אַז ער וועט אים מיט זיינע הענט דערשטיקן און זיך געוואָלט וואַרפן אויף אים.

לודוויג האָט פון זיין אונטערשטער קעשענע אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער.

די ווייבער האָבן אָנגעהייבן שרייען און קוויטשען פון שרעק. די מאַנסבילן האָבן זיך געשטעלט צווישן לודוויגן און יאַנען, איינעם איז געלונגען פון הינטן אַרום אַרויסצוכאַפּן דעם רעוואָלווער ביי לודוויגן און דער עולם האָט זיך באַרויִקט.

די ווייבער האָבן אויך יאַנען אָנגעהייבן צו באַרויִקן, וועלנדיק

אַז די צוויי חברים זאָלן זיך נישט צעקריגן, מען זאָל פון זייער קריג זיך עפּנטלעך נישט דערוויסן פון דער געשיכטע מיט דעם יידישן מיידל, און די ווייבער האָבן אים באַרויִקט.

— דו זעסט דאָך אַליין, אַז לודוויג איז שיכור, אויף וועמען האָסטו זיך צו באַליידיקן? ער וועט זיך מאָרגן אויסניכטערן, וועט איר ווידער, ווי שטענדיק, פריינט בלייבן.

ווען אַלע געסט זענען זיך צעפאָרן, און אין דעם ווייסן הויז האָט מען זיך געלייגט שלאָפן, זענען דיביידע מומעס מיט די דריי פּאַרזעסענע פלימעניצעס געזעסן שפּעט אין גאָרטן און באַראַטן זיך וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך היינטיקע נאַכט דערוווּסט פון לודוויגן און יאַנען.

— מאַניע געפינט זיך צו נאָענט, — האָט זיך איינע אָנגערופן, — און דאָס איז זייער געפערלעך.

— אַוודאי, די יידן וועלן נישט שווייגן. זעליג מיט דעם ווייב זענען באַלד אויף מאָרגן פרי אַוועקגעפאָרן זוכן מאַניען. מיר האָבן געמיינט, אַז יום־כפּור איז דער זיכערסטער טאָג, קיינער וועט נישט נאָכלויפן, צום סוף איז ביי יידן קיין זאַך נישט הייליק, און זיי זענען אום יום־כפּור נאָכגעפאָרן.

— מען דערציילט, אַז זייער רב האָט זיי געהייסן פאָרן אום יום־כפּור.

— אָט דאָס איז אַ פאַרשאָלטן פאָלק, וואָס קיין זאַך איז ביי אים נישט הייליק!

— דער מאָנאַסטיר איז צו נאָענט, מען וועט מאַניען מוזן אָפּפירן אַ ביסל ווייטער.

— דאָס איז ריכטיק, — האָבן אַלע איינגעשטימט. — מען מוז עס טאָן וואָס גיכער, ווען נישט קען אַרויסקומען פאַר אונדז אַן אומגליק.

— נאָך מאָרגן מוז מען פאָרן.

— דאָס איז צופרי. מען קען נאָך באַמערקן און אונדז נאָכפאָרן. די אַלטע דבורה איז שוין איצט חושד, אַז מיר זענען שולדיק אין איר אייניקלס אַנטלויפן.

— מען קען עס אָבער נישט אָפּלייגן, עס וועט אפשר זיין צו שפּעט. מען מוז נאָך מאָרגן פאָרן אין מאָנאַסטיר באַראַטן זיך מיט דער שוועסטער אירינע, זי זאָל מאַניען אַוועקשיקן וואָס ווייטער.

— געגוג וועגן דעם צו רעדן. מאָרגן וועלן מיר זען. אפשר ביז מאָרגן וועלן מיר זיך דערוויסן נייס.

און זאָגנדיק זיך איינס דעם צווייטן „אַ גוטע נאַכט", איז מען געגאַנגען שלאָפן.

קאַפּיטל ניין.

אין מאָנאַסטיר.

ווען מען פאָרט אָפּ אַ פּאָר וויאָרסט פון שטעטל וואָראָנאָוויצע, זעט מען פונדערווייטנס אַ גאָלדענעם שפּיץ פון אַ קלויסטער, און עס ווייזט זיך אויס, אַז זיין שפּיץ דערגרייכט ביז אין די וואָלקנס. נאָר וואָס ווייטער מען פאָרט, באַמערקט מען, ווי דער געגילדעטער שפּיץ טיילט זיך אָפּ פון די וואָלקנס, און איר זעט פּאַר אייערע אויגן אַ באַרג, אויף וועלכן עס געפינט זיך אַ גרויסע אַלטע געביידע, אַרומ-געמויערט אַרום און אַרום מיט אַ געמויערטן פּאַרקאַן, מיט דיקע שטיינערנע ווענט.

שטיל איז אַרום און אַרום, נאָר דאָס קלינגען פון די גלאָקן שטערט פון צייט צו צייט די שטילקייט, און די קלאַנגען פון די גלאָקן הערן זיך ווייט, ווייט און דערמאָנען די אַרומיקע דערפלעך און שטעטלעך, אַז אויף יענער זייט פון די געמויערטע פּאַרקאַנס געפינען זיך לעבעדיקע מענטשן, וועלכע פירן פאַר זיך אַן אָפּגעשלאָסענע, אָפּ-געזונדערטע וועלט מיט אַ באַזונדער לעבן.

און אָט אין דער אָפּגעשלאָסענער וועלט איז שוין צייט צוויי וואָכן אָפּגעזונדערט מאַניע.

אַ גאַנצע אייביקייט האָט זי אין דער קורצער צייט איבער-געלעבט.

זי קען זיך נאָך ביז איצט נישט אָפּגעבן קיין קלאָרע רעכענונג, וויאַזוי זי איז געקומען אַהער.

זי געדענקט נאָר, אַז אין אַ שרעקלעכע נאַכט האָבן זיך פֿאַר איר געעפֿנט שווערע געקאָוועטע טויערן, ווי אַ מויל פֿון אַ ווילדער חיה. זי האָט דערפֿילט, ווי פֿיל הענט כאַפּן זי ביי אירע הענט און מען שלעפּט זי ערגעץ. זי האָט נאָר געהערט, ווי עס עפֿענען און פֿאַרמאַכן זיך טויערן און טירן. כמעט מיט געוואַלט האָט מען איר אַראָפּגעריסן פֿון קאָפּ דעם טוך, מיט וועלכן זי איז געווען פֿאַרוויקלט. פּלוצלונג איז ליכטיק געוואָרן, ווי פֿון טויזנטער ליכט און זי האָט דערזען פֿיל פֿרויען, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ גרויסער בימה צווישן אַזויפֿיל ליכט, אַז עס האָט איר אַוש אָנגעהייבן בלענדן אין די אויגן.

דאָס איז געווען אַ כאָר פֿון פֿרויען, וועלכע האָבן אָנגעהייבן זינגען ליבע־לידער.

ווען עס האָט זיך געענדיקט דאָס זינגען, איז צו מאַניען צוגעגאַנגען אַ פֿרוי און איר געזאָגט:

— ליב דעם, וואָס לעבט אייביק, וואָס ער האָט געטאָן מיט דיר גרויס חסד און דיך אַריינגעפֿירט אין די טויערן פֿון אַ געלייטערטן הויז.

מאַניע האָט גאָרנישט געענטפֿערט. דער קאָפּ האָט זיך איר אָנגעהייבן דרייען און עס האָבן זיך איר אָנגעהייבן פּלאָנטערן פֿאַרשידענע געדאַנקען.

דערנאָך האָט מען זי אַריינגעפֿירט אין אַ וואַש־צימער.

אַ פֿרוי האָט זי באַגלייט, און נאָך דעם וואַשן זיך, דערזעענדיק אירע שיינע לאָקן, האָט זי איר שטרענג געזאָגט:

— שוין זשע מיינסטו, אַז אַזעלכע לאָקן פּאַסטן פֿאַר אַ מאָנאַסטיר? — און טאַקע אַזוי רעדנדיק, האָט זי מיט אַ קעמל אָנגעשמירט מיט פֿעטס איר פֿאַרקעמט גלייך די האָר.

נישט אַלע לאָקן האָבן אָבער געוואָלט פֿאָלגן דעם קעמל, און אַ פֿאַריסורימטע האָט די אומבאַקאַנטע פֿרוי מיט אַ זיפֿץ געזאָגט:

— איצט וועל איך דיך פֿירן אין דיין צימער. דו ביזט מיד. נעם זיך אָן מיט קרעפֿטן.

נאָכדעם, ווי מאַניע האָט אַ פּאָר זופּ געטאָן פֿון דעם גלאָז

וואַסער, וואָס זי האָט געפונען ביי זיך אין צימער, איז זי, ווי אַ דערהרגעטע, אַנטשלאָפן געוואָרן.

* * *

אין מאָנאַסטיר האָבן אַלע „שוועסטער" נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן מאַניען.

— וואָס פאַר אַ שיינינקע! וואָס פאַר אַ אויגן! זי וועט זיין אַ שיינונג פאַר אונדזער מאָנאַסטיר.

— מען זאָגט, אַז זי האָט זייער אַ גוט האַרץ, אַז איר האַרץ האָט זיך שוין לאַנג געריסן צו אונדזעריקע.

— זי האָט נאָר געהאַט דאָס אומגליק צו געבאָרן ווערן צווישן יידן, אָבער אין האַרצן איז זי שוין לאַנג אַ פרומע קריסטין, און זי איז גרייט אויף אַלערליי קרבנות צוליבן קריסטנטום.

— גליקלעך וועט זיין דער שמד-פאָטער פון אַזאַ נייגעבאָרענע...

— דעם ערשטן זונטיק, וועט מען זי שמדן.

— עס קאָן נישט זיין אַזוי גיך. מען מוז זי דאָך צוגרייטן, מען טאָר נישט מיט געוואַלט.

— וואָסער געוואַלט, אַז זי בעט זיך אַליין. זי האָט זיך מיט איר אייגענעם ווילן אָפּגעזאָגט פון אַלעם צוליב דעם קריסטנטום, צו וועלכן זי איז איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן און איז זיך גרייט מקריב צו זיין.

— ווער האָט עס אייך דאָס אַלץ דערציילט? — האָט זיך אָנגערופן אַן אַלטע מאָנאַשקע. — ווער האָט זי דען צוגעגרייט? מען קען זיך גלאַט אַזוי נישט פאַרלאָזן. זי מוז פריער זיין אַן איבערצייגטע.

— די מומע זאָשע האָט אַזויפיל גוטס פון איר דערציילט.

— מיר געפעלן אָבער נישט אירע לאָקן. דאַכט זיך, אַז זי איז אַ קאָקעטע. אָט אַזוי קומט מען עס אין אַ מאָנאַסטיר?

— אָט דאָס זאָג איך דאָך טאַקע, אַז מען באַדאַרף זיך נישט און מען טאָר זיך נישט איילן מיט איר שמדן. מיר מוזן זי פריער

צוגרייטן. זי איז דאָך גאָר אַ ווילדע ציג. מיר וועלן זי שוין אויס־לערנען!

— אוי, ווי גוט וואָלט געווען, אַז אַפּילו נאָכן שמדן זאָל זי נישט אַוועק צוריק אין דער זינדיקער וועלט און זאָל בלייבן מיט אונדז! עס ווערט עפּעס פרייליך אויפן האַרצן, ווען מען זעט אַזאַ שיינע מיט אַזעלכע אויגן, — האָבן זיך אָנגערופן צוויי יונגע מאָנאַשקעס.

— זינדיקע! אייך וואָלט זיך נאָר וועלן פריילעך זיין!

— ניין, מיר מיינען נאָר, אַז זי האָט עפּעס אַזעלכע אויגן, פאַר וועלכע עס ווילט זיך קניען און בעטן. ווען איך בין היינט פאַרטאָג געשטאַנען אין קלויסטער אויף דער בימה און געזונגען לויב־לידער, האָב איך געקוואָלן קוקנדיק אויף די אויגן פון אונדזער צוקונפטיקער ביי־געבוירענער. עס האָט זיך מיר האַרציקער געזונגען. איך וואָלט זי וועלן זען נאָכאַמאָל. עפּעס אויגן פון אַ הייליקע האָב איך געזען פאַר זיך. זי וואָלט פאַר אונדזער מאָנאַסטיר געווען אַ ריינער אוצר.

אין דעם מאָנאַסטיר־לעבן, ווו יעדער טאָג איז ענלעך צום צווייטן, האָט מאָניעס קומען אין די פאַרשלאָסענע, פאַרמויערטע ווענט אַריינגעטראָגן אַ שטיקל ניי לעבן, ווי אַ פרישע ווינטל, וועלכעס בלאָזט פּלוצלונג אַריין אין אַ פאַרמאַכט, פאַרדומפּט צימער.

קאַפּיטל צען.

דער שפּאַציר.

נאָך האַלבן טאָג האָט מען מאָניען קוים אויפגעריסן פון שלאָף.

— שלאָפסט שוין מער, ווי אַכט שעה, — האָט מען איר מודיע געווען.

זי האָט אויסגעריבן די אויגן, זיך אומגעקוקט אין צימער, ווו אַלץ איז איר אַזוי פרעמד געווען.

— לאָזט מיך אַרויס פֿונדאַנען, — זענען געווען אירע ערשטע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט זיך געווענדט צו דער „שוועסטער“, וועלכע איז געשטאַנען לעבן איר. — איך וויל פֿאָרן אַהיים צו מײַנע עלטערן.

— ווער האַלט דיך דען, מײַן קינד? קום אַ ביסל צו זיך. וואַש זיך אָרום, עס איז שוין באַלד מיטאָגצײַט און דו האָסט נאָך גאָר אין מויל נישט געהאַט. קיינער וועט דיך דאָ מיט געוואַלט נישט האַלטן, ווען דו ווילסט נישט. איצט איז שוין באַלד נאַכט. ווו וועסטו גיין? נעכטיק דאָ איבער און מאָרגן — ווי דו וועסט וועלן.

די שוועסטער האָט גערעדט מיט אַזעלכע גוטע רייד און געקוקט אויף איר מיט אַזעלכע גוטע אויגן, אַז מאַניע איז באַלד צו איר צוגעקלעפּט געוואָרן.

דידאָזיקע שוועסטער האָט מען אין מאָנאַסטיר גערופֿן „מאַריע“, אַ פֿרוי פֿון אַ יאָר עטלעכע און פֿערציק, ייִנגער פֿון אירע יאָרן, מיט אַ טונקל, נאָר סימפּאַטיש געזיכט און גוטע אויגן. גערעדט האָט זי זייער שטיל און איר שטימע האָט שטענדיק געקלונגען ווייך און וויינענדיק און האָט בײַ נײַע מענטשן אַרויסגערופֿן עפּעס אַ מיטגעפֿיל. מען האָט זיך באַצויגן צו איר זייער גרינג און געוואָרן מיט איר אָפֿנהערציק.

דאָך די יונגע „שוועסטער“ אין מאָנאַסטיר פֿלעגן זיך צו איר האַלטן פֿונדערווײַטנס.

נאָך מיטאָגצײַט איז די שוועסטער מאַריאַ מיט מאַניען אַרויס אין גאָרטן שפּאַצירן.

— שרעק זיך נישט, מײַן קינד, — האָט זיך די שוועסטער מאַריע אָנגערופֿן, אַרויסגייענדיק מיט מאַניען פֿון צימער. — מײַן נישט, אַז אַ מאָנאַסטיר איז אַ טורמע, ווי דאָס רוב שטעלן זיך פֿאָר. פֿאַרקערט, דאָס איז אַן אַנשטאַלט, אַזאַ מין פֿריוט, ווו דעם מענטשנס נשמה דאַרף זיך אויפֿהייבן העכער פֿון דעם וועלטלעכן תּהו ובֿהו. ווער שמועסט נאָך פֿאַר די, וועלכע דאָס לעבן האָט שוין דערעסן, איז אונדזער מאָנאַסטיר אַ גליק.

— שוועסטער מאַריע, איך האָב ליב דאָס לעבן מער ווי אַלץ אין דער וועלט. איך האָב ליב דאָס לעבן מיט מײַן גאַנצער נשמה. פֿאַר אַלטע אָפּגעלעבטע מענטשן איז אפֿשר נייטיק אַזאַ „פֿריוט“, ווי איר רופֿט עס אָן, אָבער איך וויל לעבן און נאָר לעבן, איך בין יונג!

— אומגליקלעכע! טאַקע נאָר פאַר אַזעלכע, ווי דו, וואָס רייסט זיך אַזוי שטאַרק צום לעבן, דאָס הייסט צו דער זינדיקער וועלט, וואָלט אונדזער מאַנאַסטער אַ גליק געווען: ער וואָלט געראַטעוועט דיין אומרויקע נשמה, וועלכע בלאָנדזשעט ווי אַן אָרעם שעפעלע און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. זאָג מיר, מיין קינד, האָסטו שוין געפונען אויף דער וועלט, וואָס דו ווילסט און וואָס דו זוכסט?

— איך וועל נאָך געפינען, איך בין נאָך יונג, שוועסטער, איך וועל נאָך געפינען. עס איז אמת, אַז איך בלאָנדזשע, אָבער איך וועל אַזוי לאַנג זוכן, אַזוי לאַנג בלאָנדזשען ביז איך וועל מיין וועג געפינען.

— זינדיק נישט, מיין קינד, דערפאַר טאַקע וואָס דו ביזט נאָך אַזוי יונג, ווייסטו אַליין נישט וואָס דו רעדסט. איך מיין, אַז דאָס וואָס דו ווילסט אַזוי פונדאַנען אַנטלויפן, איז אפשר דערפאַר, וואָס דו שטעלסט זיך פאָר, אַז דאָס לעבן ביי אונדז אין מאָנאַסטיר איז צו טרויעריק, לאַנגווייליק. האָסט אַ טעות, מיין אָרעם קינד. איך מוז דיר זאָגן, אַז אויסער וואָס דאָ באַרויקט מען די נשמה און מען געפינט דאָ טרייסט צו אַלע אומגליקן, וואָס דער מענטש באַגעגנט אין לעבן, לעבט מען דאָ רייך מיט אַלע פאַרגעניגן פון אַ רייכן לעבן. און ווען דו גלויבסט מיר נישט, ווען עס זאָל אַנדערש זיין, וואָלטן צו אונדז אין מאָנאַסטיר נישט געקומען די רייכסטע קינדער, וועלכע עס פעלט נישט קיין נדן און רייכע חתנים.

— שוועסטער, פאַר רייכע איז אייער מאָנאַסטיר אפשר אַ באַרויקונג, אַ טרייסט: זיי האָבן שוין געלעבט, איך אָבער נאָך נישט; זיי ווייסן פון רייכטום, איך ווייס פון אָרעמקייט, נויט און צרות, ווי אַ יידישע טאָכטער פון אָרעמע עלטערן קען נאָר וויסן.

— ווייזשע קומסטו אַהער? וואָס האָט דיך געבראַכט צו אונדז?

— די שרעקלעכע נויט און צרות ביי זיך און אַרום זיך, דאָס נישט זען קיין ענדע, קיין אויסגאַנג, קיין ליכטיקן שטראַל אין דער צוקונפט און צוזאַמען מיט דעם שטאַרקן ווילן צום לעבן און געניסן פון דער שיינער וועלט — האָט מיר מיין קאָפּ אַזוי פאַרדרייט, ביז איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט.

מאַניע האָט זיך צעוויינט. די שוועסטער האָט מיט אַ טיכל איר אויסגעווישט די טרערן.

— מיין קינד, — האָט די שוועסטער געזאָגט מיט האַרץ, אַז

טרערן האָבן זיך איר אויך געשטעלט אין אירע גוטע אויגן, — נאָר פּאַר אַזעלכע ווי דו, וואָס קומט אַרויס פון אַזאַ אומגליקלעך פּאָלק, איז אונדזער גאָטס הויז אַ רעטונג. העלף מיר גאָט, דו זאָלסט מיך קענען פאַרשטיין. באַרויק פריער דיין אומגליקלעכע נשמה און דער־נאָך וועסטו זיך אויסדערוויילן וואָס דיין האַרץ גלוסט. אַלץ קענסטו געפינען ביי אונדז, אַז דו זאָלסט זיך פילן גליקלעך. וויל עס נאָר, וועט אַלץ נאָך דיין ווונטש געשען!

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין הויף, זענען זיך אָנגעלאָפן פיל שוועסטער, און די, וועלכע האָבן זיך נישט געפונען אין הויף, האָבן אַרויסגעקוקט פון די פענסטער. אַלע האָבן געוואָלט זען די ניי־אָנגעקומענע.

טייל האָבן געפונען, אַז מאַניע איז זייער שיין און זייער סימפּאַטיש.

אייניקע האָבן געזאָגט זייער מיינונג אינדערהייך, אַז מאַניע האָט געקענט הערן זייערע רייד, אַז איר פנים ווייזט, אַז די ניי־אָנ־געקומענע וועט זיך אַזוי גרינג נישט אונטערגעבן און עס וועט מיט איר זיין פיל אַרבעט.

מאַניע איז בלאַס געוואָרן און האָט פעסט געבעטן אַ דערקלערונג ביי דער שוועסטער וועגן דעם, וואָס זי האָט געהערט.

— גאָרנישט, — האָט די שוועסטער מאַריע זי באַרויקט. — אַלע שוועסטער, דערזעענדיק דיך גאַנץ פרי ביי דעם געבעט־זינגען, האָבן דיך ליב באַקומען און וואָלטן געוואָלט, דו זאָלסט בלייבן מיט זיי. זיי האָבן מורא, אַז דו וועסט נישט וועלן... — און זי האָט מיט פאַר־וווּרף אַ קוק געטאָן צו די שוועסטער, און זיי זענען זיך אייבציקוויי צעגאַנגען...

די שוועסטער מאַריע מיט מאַניען זענען אַריין אין גאָרטן, און שפּאַצירנדיק האָט זי מאַניען דערציילט די גרויסקייט פון דעם מאָ־נאַסטיר: אַז ער איז געבויט געוואָרן צוריק מיט פירהונדערט יאָר. זי האָט אָנגערופן פיל באַוווּסטע היסטאָרישע נעמען, וועלכע האָבן דאָ געוווינט אָדער באַזוכט דעם מאָנאַסטיר. אין פאַרשידענע מלחמות פון פאַרשידענע צייטן איז מען עטלעכע מאָל אָנגעפאַלן אויף דעם מאָנאַסטיר.

עס האָט שוין געהאַלטן, אַז פון דעם מאָנאַסטיר זאָל מען אַ

תל מאכן, נאָר די „שוועסטער" האָבן יעדעס מאָל אים פאַרטיידיקט און פיל פון זיי זענען אומגעקומען, מקריב זייענדיק זייערע לעבנס.

קאַפּיטל עלף.

צווישן פרעמדע.

פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהייבן זעצן, האָט זיך מאַניע דאָס ערשטע מאָל אַליין געפונען אין צימער.

— ענדלעך אַליין, — האָט זי צו זיך געזאָגט, צונויפנעמענדיק אירע געדאַנקען. — גאָט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט! ווי לעבט מען שוין איבער די נאַכט, איך זאָל פונדאַנען באַפרייט ווערן.

די האָפענונג האָט איר אויף אַ מינוט נישט אָפּגעלאָזט, אַז עס וועט זיך עפענען די טיר און עס וועלן אַריינקומען איר פאָטער, איר מוטער, אָדער חיים.

— ער האָט דאָך מיך אַזוי ליב און איך האָב אים פאַרביטן אויף ד ע ם לודוויגן!..

אונטער דעם וואָרט „דעם" האָט זי געוואָלט אויסדריקן איר גאַנצן כעס, איר גאַנצע עקלהייט צו אים. און פאַר איר האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס שרעקלעכע בילד פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, ווען ער האָט זי אַ פאַרחלשטע פאַרפירט ערגעץ אין אַ דאָרפיש הייזל און שפּעט ביינאַכט, ווען זי האָט נישט אויסטועענדיק זיך, צו־געשפּאַרט פון גרויס מידקייט אויף אַ בעטל, איז אַריין לודוויג, וועלכן זי האָט פריער אַזוי ליב געהאַט און שטענדיק געגלויבט אין זיינע גוטע ווערטער, און זיך איצט ווי אַווילדע חיה אַרויפגעוואָרפן אויף איר, און זי מיט אירע אַלע קרעפטן האָט אים אַזוי אָפּגעשטויסן פון זיך און געמאַכט אַ געוואַלט, אַז אַלע אין הויז זענען זיך אָנגעלאָפן,

און ווען נישט יאַן זאָל זי געווען אָפּראַטעווען פון לודוויגס הענט, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט שוין מיט איר געוואָרן...

און ווען יאַן איז מיט איר אַליין געבליבן, האָט ער איר פאַר־געלייגט, אַז זי זאָל שרייבן אַ צעטעלע צו אירע עלטערן און ער וועט עס שוין זיי איבערגעבן. און זי האָט אַזוי געטאָן.

און איצט וואַרט זי און גלויבט, אַז די עלטערן וועלן זי געפינען.

זי געדענקט, אַז ווען זי האָט יאַנען געבעטן, אַז ער זאָל זי אָפּפירן אַהיים, האָט ער געענטפערט:

— דאָס קען איך נישט טאָן... איך קען נאָר בסוד סודות איבער־געבן אַ צעטעלע אייערע עלטערן.

און ווען זי האָט אים געפרעגט:

— ווו געפין איך זיך? איך וויל שרייבן מיינע עלטערן, זיי זאָלן וויסן, ווו מיך אויפצוזוכן,—האָט יאַן געענטפערט:

— דאָס טאָר איך נישט זאָגן. — און זי האָט נאָר אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער, אַז זי געפינט זיך פאַרשלאָסן אין אַ צימער פון אַ מאָנאַסטיר און בעט, מען זאָל זי ראַטעווען.

צי יאַן האָט צוגעשטעלט דאָס צעטעלע צו אירע עלטערן, ווייסט זי נישט, און פון נעכטן אָן האָט זי אים שוין נישט געזען.

נאָר יאַן האָט געוויס אָפּגעגעבן דאָס צעטעלע אירע עלטערן. יאַן איז דעמאָלט געווען אַזוי גוט צו איר.

יאַנס גוטסקייט איז געווען פאַר איר אַ רעטעניש. זי האָט עס נישט פאַרשטאַנען.

— האָט ער מיך געוואָלט ראַטעווען, האָט ער מיר באַדאַרפט זאָגן, ווו איך געפין זיך.

זי האָט אָנגעהייבן אַרומגיין איבער דעם צימער און זיך אַלע־מאָל מיט ביידע הענט געכאַפּט ביים קאָפּ.

— איך פאַרשטיי גאָרנישט! איך פאַרשטיי גאָרנישט!

מאַניע איז געווען זייער צעפרידן, וואָס מען האָט זי געלאָזט אַליין.

איר גאַנץ לעבן, איר גאַנצע פאַרגאַנגענהייט איז איר איצט פאַרבייגעגאַנגען, ווי אין אַ פּאַנאָראַמע.

זי געדענקט זיך נאָך אַלס קינד, ווי זי פלעגט אַרומלויפן לעבן דער שטוב, לעבן דער מיל, פליוסקען זיך מיט די נאַקעטע פיס ביים

ברעג פון טײַכל. אַלע אין דאָרף האָבן זי ליב געהאַט, אַלע האָבן זיך געגעזעגנט מיט איר.

דער טאַטע איז זעלטן געווען אינדערהיים, אָדער ער איז געלעגן אין מיל אָדער ער איז אַרומגעפאָרן איבער די דערפער און די מאַמע מיט דער באָבען זענען שטענדיק געווען פאַרנומען, שטענדיק האָבן זיי געקרעכצט און געזיפצט, קיין שמייכל האָט זי קיינמאָל נישט געזען.

אַ גוט וואָרט האָט זי זעלטן געהערט. און דאָרטן — דאָרטן, אַקעגן, אין ווייסן הויז, איז שטענדיק געווען ליכטיק, שטענדיק איז דאָרטן געווען פריילעך, און פון מענטשן האָט מען געהערט פריילעכע געלעכטערס.

נישט איינמאָל, ווען עס האָט אין אַלע פענסטער אַזוי ליכטיק געלויכטן, פלעגט מאַניע איבערלויפן דאָס בריקל איבערן טײַכל צו דעם ווייסן הויז, זיך שטעלן אויף די שפּיץ פינגער און אַרײַנקוקן אין פענסטער, און דאָרטן איז געווען אַזוי שיין, אַזוי גוט, אַ מחיה! געזונטע, שטאַרקע, אָנגעגעסענע מענטשן, אַ סך געסט...

אַזוי לאַנג פלעגט זי שטיין בײַם פענסטער, ביז עס פלעגט אָנלויפן די מאַמע אָדער אַן עלטערע שוועסטער און פאַר די צעפּלעך זי שלעפּן אַהיים.

— דאָס גאַנצע דאָרף האָט מען זי שוין אויסגעזוכט און זי איז גאָר דאָ! — פלעגט מען אויף איר שרײַען.

און מאַניע פלעגט קומען צהיים, ווו עס איז אַזוי פינסטער. די גאַנצע שטוב באַלײַכט אַ קליין לעמפל און שוואַרצע גרויסע שאָטנס באַדעקן די ווענט.

דער טאַטע עסט וועטשערע און פאַרזיפצט און פאַרקרעכצט יעדן ביסן, וואָס ער נעמט אין מויל אַרײַן; די מאַמע קלאָגט זיך שטענדיק, אַז עס טוט איר עפּעס ווײ: די באָבע זיצט אין אַ ווינקל אײַנגעהויקערט אין דרײַען און קוקט מיט שרעקלעכע אויגן אויף דער גאַנצער שטוב.

צוויי עלטערע שוועסטער, וואָס האָבן שוין מענער מיט קינדערלעך, זענען אויך דאָ; זייערע מענער זענען נאָך יונגעלײַטלעך, אָבער שוואַכע, בלאַסע און דערשלאָגענע, און זייערע קינדערלעך— אָדער זיי שלאָפן, אָדער זיי וויינען.

און מאַניען כאַפּט אָן אַ שרעק. זי האָט מורא און טראַכט וועגן דעם שיינעם ווייסן הויז, מיט די פריילעכע געזונטע און גוטע מענטשן, וועלכע זענען דאָרטן שטענדיק פריילעך.

ווען מאַניע איז אונטערגעוואַקסן און האָט אָנגעהייבן בליען, האָבן אַלע אין דאָרף באַמערקט איר שיינקייט. דעם עקאָנאָמס פאַמיליע האָט איר ליב באַקומען און אָפּטמאָל פלעגן די „פּאַנעס" זיצן מיט איר ביי דער טיר און פאַרברענגען. שפּעטער האָט מען זי אָנגעהייבן לערנען לעזן און שרייבן.

אין אַ קורצער צייט איז מאַניע, ווי אין דאָרף פלעגט מען דערציילן, געוואָרן אַן אמתע „פּאַנע", אַז מען האָט גאָרנישט געקענט דערקענען, אַז עס איז אַ יידיש קינד.

שפּעטער האָט דעם עקאָנאָמס פאַמיליע מאַניען אַריינגענומען צו זיך אין ווייסן הויז, ווו זי פלעגט אָפּט פאַרברענגען מיט זיי.

ווען זי איז אונטערגעוואַקסן, פלעגט מען מאַניען איינלאַדן אויף אָוונטן — אויף די „געבורטסטאָגן" גלייך מיט אַלע געסט.

און די געסט פלעגן אָנקוועלן פון מאַניעס שיין אויסזען, פון איר רעדן און פון איר באַנעמען זיך.

און די „פּריצים" פון די אַרומיקע דערפער, ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען מיט זעליג שרהס, פלעגן זיי אים זאָגן:

— נו, זעליג, האָסטו עס אַ טעכטערל, אַז זי מעג אָנשטיין אין גרעסטן פּריצישן הויז!

ר' זעליג פלעגט עס אויסהערן מיט פיל נחת און דערנאָך זיך באַרימען פאַר זיינע באַקאַנטע:

— מיין מאַניעטשקע קאָן זיך אויסטענהן מיט דעם גרעסטן פּריץ. זי איז שוין ביי מיר אַ פאַלנער מענטש.

אומעטום פלעגט ר' זעליג שרהס שטאָלצירן מיט זיין מאַניען, וועלכע איז גאָרנישט ענלעך צו זיינע איבעריקע קינדער.

דערמאָנענדיק זיך אין די קינדעריאָרן, האָבן איר אָנגעהייבן שטיקן די טרערן און זי האָט זיך שטיל צעוויינט.

מיט גרויס רחמנות האָט זי זיך דערמאָנט אָן חיימען, וועלכער האָט זי אַזוי ליב געהאַט און געטראַכט:

— ווי דאַרף ער איצט ליידן, זיך דערוויסנדיק, אַז איך בין אַנטלאָפן פון מיינע עלטערנס הויז! און וואָס האָט זיך געטאָן אין

שטעטל, ווען מען האָט זיך דערוווסט, אַז איך בין אום יום-כּפּור אַוועקגעפֿאָרן פֿון דערהיים!

מאַניע האָט אָנגעהייבן ציטערן פֿאַר שרעק.

אין צימער האָט שוין אָנגעהייבן טונקעלער ווערן; זי איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און אַרויסגעקוקט אין גאָרטן. זי האָט אָנגעהייבן פֿאַרטרייבן די געדאַנקען, וואָס האָבן אויפֿגעוועקט איר פֿאַרגאַנגענהייט, נאָר זי האָט די געדאַנקען נישט געקאָנט אָפּטרייבן.

— אָרעמער טאַטע! — האָט זי מיט אַ זיפֿץ געזאָגט. — פֿריער האָט ער שטאָלצירט מיט זיין טאָכטער מאַניע און איצט וועט ער זיך דאַרפֿן שעמען.

און זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ שרעקלעך בילד: אַז איר פֿאָטער זאָל קענען פֿירן דאָס געשעפֿט מיט דער מיל, מוז ער גאַנץ אָפֿט אָנקומען צו די שטעטלדיקע גבירים, די פּראָצענטניקעס און וואָכערניקעס, זיי זאָלן אים לייען געלט, פֿאַרוואָס זיי רייסן פֿון אים גרויסע פּראָצענטן און עס קומט אויס, אַז ער אַרבעט נישט פֿאַר זיך און זיין פֿאַמיליע, נאָר פֿאַר פֿרעמדע.

זיי זאָגן אים קיינמאָל נישט אָפּ, ווייל אַלע קענען אים פֿאַר אַן אָרנטלעכן מאַן, אַלע ווייסן, אַז ר׳ זעליג שרהס קען מען געטרויען אומגעציילט געלט, בפֿרט נאָך אויף אַ קוויטל.

— און איצטער, — האָט מאַניע מיט גרויס שרעק געטראַכט, — ווען מיין פֿאָטער וועט קומען צו זיי לייען געלט, וועלן זיי אים מער נישט געבן אַ קאָפּיקע, ווייל זיין טאָכטער איז אום יום-כּפּור צו כּל-נדרי אַנטלאָפֿן מיט אַ שייגעץ זיך שמדן.

— וואָס וועט מיין אָרעמער פֿאָטער טאָן! — האָט זי מיט האַרצווייטיק אויסגעשריען. — ווו וועט ער נעמען דעם פּריץ אַרענדע און מיט וואָס וועט ער קויפֿן ווייץ אויף צו מאָלן מעל? מען וועט אים אַרויסוואַרפֿן פֿון דער מיל און קיינער וועט אים, איבער מיר, נישט העלפֿן אין זיין נויט!

נייע געדאַנקען האָבן איצט געעגבערט איר מוח: וויאַזוי וועט זי מאָרגן קאָנען קומען צוריק אַהיים? זי וועט דאָך די גאַס נישט קענען איבערגיין פֿון גרויס בזיון.

— נאָר זאָל שוין זיין, וואָס זאָל זיין.

און ווידער האָט מאַניע געטראַכט וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווען זי וועט שוין זיך באַפֿרייען.

פלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען
אַ פרוי מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפ אין די הענט.

— און איר זיצט אַליין אינדערפינסטער, — האָט זי געזאָגט. —
ווייסט איר, אַז דאָ האָבן געפרעגט אויף אייך אַ ייד מיט אַ יידענע?
זיי זאָגן, אַז זיי זענען אייערע עלטערן — עס קאָן נישט זיין, אַז
אַזעלכע ברודיקע מענטשן זאָלן זיין עלטערן פון אַזאַ געטלעך שיינינקע,
ווי דו ביזט...

אַ פאַרצייטערטע האָט זיך מאַניע אויפגעכאַפּט פון איר אָרט.

קאַפּיטל צוועלף.

אַ נאַכט.

מאַניע האָט די אומבאַקאַנטע פרוי אַרומגעכאַפּט און זי אָנגעהייבן קושן:

— זאָגט מיר, ליבע, איר האָט געזען מיינע עלטערן? ווו זענען
זיי איצט? לאָזט זיי אַריין צו מיר. איך וויל זיי זען... קומט, לאָמיר
גיין צו זיי...

— גאָט איז מיט דיר, וואָס איז דיר איינגעפאַלן! איך האָב
זיי נישט געזען, איך האָב נאָר געהערט. איך בעט דיך, זאָלסט קיינעם
נישט זאָגן, אַז איך האָב דיר דערציילט. איך האָב נישט געוווסט,
אַז דו ווילסט זיי זען. מען האָט מיר דערציילט, אַז דו ביזט אַנטלאָפן פון זיי, ווי פון אַ גיהנם האָסטו זיך פון זיי אַרויסגעכאַפּט און
דו ביזט געקומען צו אונדז.

— ווער האָט דיר געזאָגט אַזעלכעס? איך האָב ליב מיינע
עלטערן, ווי מיין לעבן, און מאָרגן פאָר איך אַהיים!

— מאָרגן פאַרסטו שוין אַהיים? — האָט די פרוי פאַרוואונדערט געפרעגט און אָנגעשטעלט אויף מאַניען אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן.

— אַוודאי, מאָרגן, וואָס דען? דאָ וועל איך בלייבן? וואָס האָב איך דאָ צו טאָן?

— איך פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס דאָ קומט פאָר? אויב אַזוי, וואָס האָט דאָ אַזאַ זינדיקע צו טאָן אין אונדזער הייליק הויז?

די פרוי האָט מאַניען אָנגעהייבן צו קושן די הענט און זי באַקאַמאָל געבעטן, זי זאָל קיינעם נישט איבערגעבן, אַז זי האָט זיך פון איר דערוווּסט, דאָס אירע עלטערן זענען דאָ געווען.

— איך וועל נישט דערציילן. זאָגט מיר נאָר, ווו זענען זיי איצטער?

— איך ווייס נישט, זיי וועלן דאָ מאָרגן אויך געוויס קומען. נו, אַ גוטע נאַכט, איך דאַרף גיין, איך האָב נאָך גענוג אַרבעט.

די פרוי איז אַוועקגעגאַנגען און מאַניע האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט.

— געוויס וועלן זיי קומען מאָרגן, — האָט זי זיך געטראַכט, — וועלן מיר צוזאַמען פאָרן אַהיים. עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבן באַקומען מיין צעטעלע און האָבן מיך געפונען. גוטער, אָרענטלעכער יאַן! ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט און מיין צעטעלע אָפּגעגעבן.

די טיר האָט זיך ווידער געעפנט און עס איז אַריינגעקומען די שוועסטער מאַריע מיט אַ טאַץ גוטע זאַכן, אויף וועלכע ס'זענען אויך געשטאַנען צוויי גלעזער טיי.

— עס איז דיר לאַנגווייליק, מיין קינד. איך בין געקומען צו דיר, דו זאָלסט נישט זיין אַליין.

מאַניע האָט זיך דערפרייט מיט דער „גוטער" שוועסטער און האָט זיך געטראַכט, אפשר וועט זי איר עפּעס דערציילן וועגן אירע עלטערן; אויב יענע פרוי, וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם לאָמפּ, ווייסט — ווייסט זי דאָך אַוודאי אויך; און מאַניע האָט געוואַרט, אַז די שוועסטער „מאַריע" זאָל אָנהייבן דערציילן וועגן דעם באַזוך פון אירע עלטערן.

נאָר די שוועסטער האָט זי איינגעלאַדן זיך זעצן ביים טישל, וואָס איז געשטאַנען לעבן פענסטער און איר פאָרגעלייגט טרינקען טיי און פאַרבייסן פון די גוטע זאַכן.

דאָס פענסטער איז געווען אָפן און אַ גוטער, מחיהדיקער ריח פון דעם גרויסן גאָרטן האָט זיך געטראָגן אין צימער.

— זע נאָר, וואָס פאַר אַ שיינע נאַכט היינט איז! — האָט זיך די שוועסטער אָנגערופן און אַרויסגעקוקט פון פענסטער, איבערבויגנ-דיק זיך מיט אַ האַלבן קערפּער.

און עס איז ווירקלעך געווען אַ שיינער אויסגעלייטערטער בלויער הימל. און די יונגע לבנה פון די ערשטע טעג אין חודש האָט געשפּאַצירט, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איילט זיך ערגעץ אין אַ נייטיקן גאַנג, ערגעץ אַ ווייטן אַ וועג.

— נאָך דעם טיי וועלן מיר אַ ביסל גיין שפּאַצירן אין גאָרטן, — האָט געזאָגט די שוועסטער מאַריע. — איצט איז דאָרטן קיינער נישטאָ און אין אַזאַ נאַכט האָב איך שטענדיק ליב צו שפּאַצירן אין גאָרטן, ווען די ביימער סודן זיך שטיל און לויבן גאָט פאַר זיין שיינער נאַכט, פאַר דער לבנה און שטערן, וועלכע באַלייכטן גאָטס שיינע וועלט! ווייסטו, מיין קינד, אַז אַלץ, וואָס לעבט אויף דער וועלט, דאַוונט יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט פאַר דעם, וואָס לעבט אייביק... אַפילו די ביימער און דאָס גראָז און אַלץ, וואָס וואַקסט און באַוועגט זיך... ווייסטו דערפון?

— און אַפילו דער טייך! — רופט זיך פּלוצלונג אָן מאַניע, אָנ-קוועלנדיק פון דער שיינער נאַכט. — ביי אונדז אין דאָרף לויפט אַ קליין טייכל, און אין די שיינע זומערדיקע לבנה-נעכט פלעג איך ליב האָבן זיך אַראָפּלאָזן פון אונדזער בערגל, ווו עס געפינט זיך אונדזער טייכל, און איך פלעג זיך זעצן אויף אַ שטיין, ווו בייטאָג וואַשן די דאָרפישע באַלעבאָסטעס וועש... און שטיל איז דאַן געווען, און אויך פלעג איך דעמאָלט הערן דאָס זיסע קול פון מיין פאָטער, וועל-כער האָט מיט אַ שטילן, זיסן ניגון געדאַוונט מעריב, און דאָס שטילע רוישן פון טייכל, און עס פלעגט זיך מיר אויסוויזן, אַז דאָס טייכל דאַוונט אויך מעריב צוזאַמען מיט מיין טאַטן.

— מיין ליב קינד! — האָט די שוועסטער מאַריע זי אַרומגע-כאַפּט און אַ קוש געגעבן. — דו ביזט אַ זעלטענע, ריינע און שיינע נשמה, וועלכע קען מיט תפילות דערגרייכן ביז אין די הימלען. דו זאָגסט אמת: טייכן און ימים דאַוונען און לויבן גאָט אויך!..

אַ פּאָר מינוט זענען זיי געזעסן שטיל און איינער דער צווי-טער קיין וואָרט נישט געזאָגט.

די שטילע נאַכט האָט זיי ביידע געצויגן ערגעץ ווייט-ווייט.

לאַנג זענען זיי אַזוי געזעסן און אָן ווערטער געקוקט דורכן פענסטער אין גאָרטן אַריין, קוויקנדיק זיך מיט דער גוטער לופט.

פון מאַניעס האַרץ האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגער זיפץ און זי האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס פאַר אַ נאַכט! אין אַזעלכע נעכט איז אונדזער דאָרף אַזוי שיין! — האָט מאַניע אויסגעשריען. — אָ, ווי וואָלט איך איצט געוואָלט זיצן לעבן אונדזער טייכל, וועלכעס מורמלט, רעדט און דאַוונט אויך איצט, ווען די נאַכט איז אַזוי שיין! מאָרגן אין דער צייט וועל איך שוין געוויס דאָרטן זיין, יאָ, שוועסטער מאַריע?

— יאָ, מיין קינד, — האָט די שוועסטער געענטפערט גלייכגילטיק כלומרשט, ווי פאַר איר איז אַלצאיינס. — קום, לאָמיר גיין איצט שפּאַצירן צוזאַמען אין גאָרטן, קום!

— ניין, אין אַזעלכע נעכט האָב איך אַזוי ליב די שטילקייט, אַז איך האָב אַפילו נישט ליב צו הערן מיינע אייגענע טריט. דאָ איז אַזוי גוט, אַזוי שטיל... אַ פאַרגעניגן איצט צו זיצן לעבן פענסטער און אַרויסקוקן אינדרויסן.

זיי זענען ווידער שטיל, אָן ווערטער געבליבן זיצן לעבן פענסטער.

אין גרויסער שטילקייט האָט זיך פלוצלונג געהערט אַ שיין האַרצרייסנדיק זינגען פון געבעט.

— אוי, ווי שיין! וואָס פאַר אַ ליב געזאַנג! די זיסע שטימען צעגייען זיך איבער דעם האַרץ! — האָט מאַניע געקוואָלן.

— דאָס דאַוונען אונדזערע שוועסטער און לויבן דעם נאָמען, וואָס לעבט אייביק! — און דערביי האָט זיך די שוועסטער מאַריע געשטעלט אויף דער קני, פאַרלייגט די הענט, און מיט פאַרגלאָצטע אויגן האָבן אירע ליפּן אָנגעהייבן שעפּטשען שטילע ווערטער.

דאָס זינגען האָט זיך אַלעמאָל געהערט העכער און העכער און דערנאָך נידעריקער און נידעריקער, ביז עס איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. די שוועסטער מאַריע איז אויפגעשטאַנען פון איר קניען און האָט געזאָגט:

— איצט האָב איך געבעטן פאַר דיר, מאַניע, דעם, וואָס לעבט אייביק, ער זאָל מוחל זיין דיינע אַלע זינד, ער זאָל דיין האַרץ ווייכער מאַכן, אַז דו זאָלסט גיין אין גוטן וועג.

— בין איך דען אַזוי זינדיק? — האָט מאַניע געפרעגט.

— דו ביזט אומשולדיק און דעריבער פארשטייסטו נישט דיינע זינד. ווען דו זאלסט פארשטיין, וואלסטו איצט צוזאמען מיט מיר געבעטן גאט, ער זאל דיר מוחל זיין. איך בין היינט אין אוונט נישט געגאנגען מיט אלע שוועסטער אין קלויסטער, ווייל איך האב געוואלט מיט דיר צוזאמען בעטן זיין ליבן נאמען. ווען איך האב געקניט, האב איך נישט געזען אין דיר קיין באדערפעניש, אויך זיך שטעלן אויף די קני פאר דעם, וואס לעבט אייביק.

— שוועסטער, וואס רעדט איר? איך בין דאך א יידיש קינד...

— דו ביזט א זינדיקע, מאניע.

אינמיטן די רייד איז אריינגעקומען אין צימער די פריערדיקע פרוי און געזאגט:

— אונדזער עלטערע שוועסטער אירינע האט אייך געלאזט בעטן צו זיך.

— געוויס ווארטן אויף מיר דארט מיינע עלטערן,—האט מאניע מיט פרייד געזאגט.

די שוועסטער מאריע און די פרוי האבן זיך דערשראקן אומגעקוקט און זענען אלע דריי ארויסגעגאנגען פון צימער.

קאפיטל דרייצן.

ביי דער שוועסטער אירינע.

ווען מען האט מאניען אריינגעלאזט אין די צימערן פון דער עלטסטער שוועסטער „אירינע", איז מאריע מיט דער פרוי אריינגעגאנגען אין א באזונדער צימער.

— נו, האסטו איר געזאגט, אז אירע עלטערן זענען דא געוועזן פרעגן אויף איר?

— יאָ.

— וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט עס געמאַכט אויף איר?

— זי האָט זיך זייער דערפרייט און האָט שוין געוואָלט לויפן צו זיי. איך האָב איר געבעטן, זי זאָל קיינעם נישט איבערגעבן, אַז איך האָב איר דערציילט וועגן אירע עלטערן.

— זייער גלייך האָסטו געטאָן... זאָל זי מיינען, אַז מיר ווייסן נישט... אַזוי־ווי זי זעט נישט אירע אויערן, אַזוי וועט זי שוין נישט זען אירע עלטערן! אויף אונדזער שוועסטערס אירינע קענען מיר זיך פאַרלאָזן, אַז מאַניע וועט מוזן פאַרגעסן אין אירע עלטערן.

— און וווּ זענען זיי איצט?

— זיי זענען צוריק אַוועקגעפאָרן. מען האָט זיי פאַרזיכערט, אַז זייער טאָכטער איז ביי אונדז נישטאָ.

און טאָמער גלויבן זיי נישט און וועלן קומען מיט פאָליציי?

— די שוועלן פון אונדזער מאָנאַסטיר האָט נאָך פאָליציי נישט איבערגעטרעטן.

— מען וועט מאַניען דאַרפן פונדאַנען איבערפירן אויף יעדן פאַל.

— איבערפירן זי איז געפערלעכער, ווי זי זאָל בלייבן דאָ.

— דאָ האָב איך אָבער מורא פאַר אַ געפאַר.

— האָב קיין מורא נישט. ווען, חס ושלום, די געפאַר וועט זיין נאָענט, וועלן מיר זי אויסבאַהאַלטן אין אונדזערע קעלערס. אַהין וועט אַפילו דער רוח נישט קענען קומען. ווען אונדז אָבער געלינגען זי איבערצורעדן, זי זאָל מיט איר אייגענעם ווילן גייען צום שמד, דאַן האָבן מיר שוין קיין מורא נישט, ווען אַפילו אירע עלטערן זאָלן זיך דערוויסן. זיי רויק, אַזאַ ליב קינד, ווי אונדזער צוקונפטיקע שוועסטער מאַניע, וועלן מיר שוין נישט אָפּלאָזן פון אונדז.

— נו, מען דאַרף אַריינגיין צו אונדזער עלטערער שוועסטער זען וואָס מאַכן זיי דאָרטן, און דו בלייב ביי זיך אין צימער, אפשר וועט מען דיך דאַרפן,—האָט די שוועסטער מאַריע געזאָגט.

* *
*

אין אַ רייכן, באַפּוצטן גרויסן זאַל מיט אַ נידעריקער סטעליע, ווי אַ קופּאָל, ווי מען האָט געבויט אין די פאַרצייטיקע יאָרן און מיט אַלטער מאַלעריי. פיל הייליקע בילדער האָבן באַצירט די ווענט. אין אַ ווינקל אַ בוימל-לאָמפּ פון פאַרשידענע קאָלירן פייער, איבער-געדעקט מיט אַ זיידענעם אבאַזשור. דאָ איז געזעסן אַ פרוי פון אַ יאָר זעכציק מיט גרויע זילבערנע האָר, אָבער אַ דאַנק איר פאַרביק געזיכט און איר גלייכן שטאָלצן ווּקס, האָט זי אויסגעזען אַ סך ייִנגער פון אירע יאָרן.

זי איז געזעסן און גערעדט מיט אַ שטימע, וועלכע איז גע-ווּינט צו באַפעלן, נאָר מיט מאַניען האָט זי גערעדט אַזוי זיס צו-קערדיק און מיט אַזאַ ליבן שמייכל, אַז מאַניע, וועלכע האָט זיך אין אָנהייב נישט געפילט היימיש און קיין אָרט נישט געקענט געפינען, האָט זיך באַרויקט און געענטפערט אויף אַלע אירע פראַגן.

— זאָג מיר, מיין קינד, ווייסטו כאָטש, ווי גליקלעך דו דאַרפסט זיך שעצן, וואָס דו געפינסט זיך מיט אונדז צוזאַמען אונטער דעם דאַך, וועלכער באַשיצט אונדז פון אַלדאָס בייז פון דער בלאָטיקער, זינדיקער וועלט. פיל זענען דיך מקנא, נישט יעדער איז זוכה דערצו!

מאַניע האָט געשוויגן און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט געקוקט מיט אירע שיינע אויגן מיט אַזאַ אומשולדיקן בליק, אַז די שוועסטער אירינע איז גערירט געוואָרן און זיך זאַט נישט גע-קענט אָנקוקן אויף מאַניען.

— דו ביזט נאָך אַ ריין אומשולדיק מלאכל און אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָלט געווען, ווען דו זאָלסט אַוועק פון אונדז. זאָג מיר נאָר, מיין קינד, וואָס האָט דיך געבראַכט צו אונדז?

— לודוויג האָט מיך פאַרפירט, און וויאַזוי איך בין דערנאָך גע-קומען אין מאנאסטיר, ווייס איך אַליין נישט.

— איך ווייס אַ ביסל די סיבה פון דיין קומען צו אונדז. וועגן דיר האָב איך שוין לאַנג געהערט. אָבער איך האָב פון דיר אַליין געוואָלט הערן. דו זאָגסט, אַז לודוויג האָט דיך פאַרפירט, אָבער דו ביזט דאָך פאַרט נישט קיין קליין קינד, מען זאָל דיך מיט געוואַלד נעמען. לודוויג האָט נאָר געוואָלט דיך גליקלעך מאַכן. איך

פרעג דיך, וואָס וואָלט פון דיר געוואָרן, ווען דו זאָלסט געווען בלייבן ביי דיינע אָרעמע עלטערן? דיינע עלטערן וואָלטן דיך אומגליקלעך חתונה געמאַכט, ווי דיינע עלטערע אומגליקלעכע שוועסטער.
— איר ווייסט אַלץ, ווער האָט אייך דאָס דערציילט? — האָט מאַניע פאַרווונדערט געפרעגט.
די עלטסטע שוועסטער אירינע האָט פרום עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּן, פאַרגלאָצט די אויגן און זיך אָנגערופן:
— און וואָס האָסטו, נאַריש קינד, געמיינט, אַז יעדער, ווער עס וויל, קען אַריינקומען צו אונדז. פאַראַן רייכע און פירשטלעכע קינדער, וואָס מיר נעמען נישט אַזוי גרינג אָן אין אונדזער גאָטס-הויז. מיר נעמען נאָר אויסדערוויילטע. איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האָב זייער פיל גוטס און שיינס געהערט וועגן דיר, און אַזעלכע, ווי דו, וואָלט געווען פאַר אונדז די געווינטשסטע און ליבסטע שוועסטער. אָבער צו מיין גרויסן טרויער, האָב איך זיך היינט דערוווּסט, אַז דו ווילסט צוריק אַהיים.
— יאָ,—האָט זי מיט אַ פאַרשטיקט קול אויסגערעדט.
— יאָ, זאָגסטו? עס איז שוין אָבער פאַרפאַלן.
— פאַרפאַלן! — האָט זיך מאַניע אַ האַלב טויטע אויפגעכאַפּט פון איר אָרט און באַלד געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט אויף דעמזעלבן אָרט.
— שרעק זיך נישט... מיין נישט, אַז מיר ווילן דיך נישט אָפּלאָזן. אויב דו ווילסט מיט אונדז נישט בלייבן, וועלן מיר דיך נישט האַלטן מיט געוואַלט, אָבער אונדזער הייליקער חוב איז, אַז וויבאַלד עס געפינט זיך ווער אונטער אונדזער דאַך, מוזן מיר אים שיצן מיט אַלע אונדזערע קרעפטן פון יעדן אומגליק, וואָס שטייט אים פאָר, און דיר, מיין קינד, שטייען פאַר די גרעסטע אומגליקן, ווען מיר זאָלן דיר אָן שוץ אָפּלאָזן.
— אומגליקן? פאַרוואָס? פונוואַנען קען איך דערוואַרטן אומגליקן? איך בין אַזוי אויך גענוג אומגליקלעך...
— מען האָט מיר געזאָגט, און ווי דו זאָגסט איצט אַליין, ווילסטו קומען צוריק צו דיינע עלטערן. ווייסטו, מיין קינד, וואָס דיר שטייט דאָרטן פאָר?
— ליבע, ליבע פון עלטערן...
— האָסטו אַ גרויסן טעות. דיזעלבע עלטערן, וואָס האָבן דיר

פריער אזויפיל ליבע באוויזן, וועלן דיך איצט פייניקן מיט אלע ענויים קשים, וואס שלעכטע מענטשן קענען נאר אויסטראכטן: דיינע שיינע האר וועט מען פון דיין שיינעם קאפ אויסרייסן איינציקווייז, פאנגזאם. מען וועט דיר אויסברענען איין אויג און מען וועט ברענען דיין לייב מיט גלי-אייזנס.

— וואס רעדט איר? מיינע עלטערן וועלן דאס טאן מיט זייער קינד? ניין, איך קען זיי!

א, דו האסט זיי געקענט פון פריער, ווען זיי האבן דיך גערעכנט פאר זייער געטריי קינד, אבער איצט, נאכדעם, ווי דו האסט זיך שוין געפונען ביי אונדז, וועלן זיי זיך וועלן אן דיר נוקם זיין און טאן דיר אלץ שלעכטס... און אויב אפילו, ווי דו זאגסט, אז דיינע עלטערן וועלן דיר קיין שלעכטס נישט טאן, וועלן זיי עס מוזן טאן, ווייל דער רב מיט דעם קהל וועלן זיי הייסן אזוי טאן.

מאניען איז פלוצלונג נישט גוט געווארן. זי איז צראפגעפאלן פון איר שטול. מען האט זי אנגעהייבן מינטערן.

קאפיטל פערצן.

אין די קעלערס פון מאנאסטיר.

אויף מארגן איז מאניע נישט ארויס דעם גאנצן טאג פון איר צימער. זי האט זיך געפילט נישט געזונט און די שוועסטער מאריע איז פון איר נישט אפגעטרעטן.

ערשט פארנאכט זענען זיי ווידער געגאנגען שפאצירן אין גארטן.

לאנג האבן זיי דעם אוונט געשפאצירט און די שוועסטער האט נישט אויפגעהערט צו רעדן, וועגן די שרעקלעכע ענויים קשים, וואס

עס שטייט מאַניען פאַר פון די יידן און פון אירע עלטערן, ווען זי וועט זיך אומקערן אַהיים.

— איך גלויב נישט, — האָט מאַניע געענטפערט, — מען זאָל מיר שלעכטס טאָן אינדערהיים. מיין אומקערן זיך וועט אוודאי זיין אַ גרויסער בזיון פאַר מיינע עלטערן און פאַר מיר. עס וועט געוויס אַוועקגיין אַ לאַנגע צייט, ביז מען וועט אין מיין אַנטלויפן פאַרגעסן, אָבער קיין שלעכטס וועט מען מיר נישט טאָן.

די שוועסטער מאַריע האָט וויטער אָנגעהייבן צו רעדן און איר דערציילט וועגן אַ יידיש מיידל, וואָס איז אַנטלאָפן פון מאנאַס־טיר אַהיים, און אינדערהיים האָט מען זי אַזוי געפייניקט, אַז זי איז אַ פאַרווונדעטע געקומען צו לויפן צוריק אין מאנאסטיר.

— און זי געפינט זיך דאָ? — האָט מאַניע געפרעגט.

— אָ, ניין, זי איז שוין לאַנג געשטאָרבן און ליגט אין אונד־זערע קעלערס צווישן אַנדערע קברים פון היילקע שוועסטער.

מאַניע האָט אַ ציטער געטאָן.

— דאָ געפינט זיך א בית־הקברות?

— זייט הונדערטער יאָרן, די הייליקע קברים באַשיצן אונדזער מאנאסטיר און אונדז אַלע פון אַלדאָס בייז און שלעכטס. דו האָסט נאָך נישט געזען אונדזער מאנאסטיר. מיר וועלן דיר נאָך ווייזן. זייער פיל מענטשן, און פון וויטע געגנטן קומען צו אונדז, צו די הייליקע קברים.

— וווּ־זשע געפינען זיי זיך?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט: אין די קעלערס... — און זי האָט איר אָנגעוויזן אין דער זייט, ווו עס געפינט זיך מאַניעס צימער.

— ווו? אָט דאָ, אונטער דער געביידע, ווו עס געפינט זיך אויך מיין צימער? — האָט מאַניע געפרעגט מיט שרעק.

די שוועסטער מאַריע האָט געשוויגן.

— אונטער מיין צימער געפינען זיך קברים? איך וועל מער אַהין נישט גיין שלאָפן. איך בעט אייך, שיקט מיך אָפּ אַהיים, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן נישט אויפגעהערט צו בעטן.

— ביזט נאָך גאָר אַ נאַריש קינד. וואָס האָסטו מורא? מיר וווינען דאָך דאָ אַלע אַזוי, אַפילו אונדזער עלטערע שוועסטער אויך.

— איך האָב אָבער מורא. איך האָב נאָר איינמאָל אין מיין לעבן געזען אַ מת און פון דעמאָלט אָן האָב איך מורא פאַר מתים.

לאָזט מיך אַרויס פונדאַנען, איך וועל דאָ נישט נעכטיקן. איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז היינט אינדערפֿרי וועל איך פֿאָרן אַהיים.

— ווי האָסטו געקענט פֿאָרן, אַז דו האָסט זיך געפֿילט נישט געזונט?

— וועל איך איצט פֿאָרן.

— ביינאַכט וועלן מיר דיך נישט לאָזן.

עס האָבן זיך געהערט טריט און די שוועסטער „מאַריע" האָט געזאָגט מאַניען:

— דו זעסט, אָט גייען אונדזערע שוועסטער.

זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן.

מאַניע האָט דערזען אַ גאַנצע פּראָצעסיע: פֿאָרויס איז געגאַנגען די עלטסטע שוועסטער אירינע און נאָך איר עטלעכע יונגע שוועסטער מיט לאַמטערנעס אין די הענט.

— זעסט, מאַניע, דאָס גייען זיי צוליב דיר. מען וויל דיר ווייזן אונדזער מאָנאַסטיר. נישט יעדער האָט אַזאַ זכיה. ווייזט אויס, אַז דו ביזט שטאַרק געפֿעלן אונדזער עלטסטער שוועסטער.

און אַזוי רעדנדיק, האָט זי אָנגענומען מאַניען פֿאַר דער האַנט און זי מיט זיך מיטגעצויגן נאָך די שוועסטער מיט די לאַמטערנעס.

מאַניע איז פֿון מורא און דרך-ארץ פֿאַר דער עלטסטער שוועסטער אירינע נישט ווילנדיק נאָכגעגאַנגען.

פֿאַרבייגייענדיק דעם גאָרטן, זענען זיי דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן הויף, ווו עס האָבן זיך געפֿונען פֿיל געביידעס.

מאַניע האָט זיך געוווּנדערט, וואָס קיין לעבעדיקן מענטשן האָט מען אויף דעם הויף נישט באַגעגנט, און ווען נישט די פֿייערלעך, וואָס האָבן געשיינט אין אַ סך צענדליקער פֿענסטער, וואָלט מען געמיינט, אַז דאָס בית-הקברות געפֿינט זיך נישט נאָר אין די קעלערס, נאָר דאָ אויף דעם הויף.

די שוועסטער האָבן גייענדיק געשעפּטשעט מיט די ליפּן. עס האָט אויסגעזען, אַז זיי האָבן שטילע תּפֿילות געזאָגט.

פֿאַרבייגייענדיק פֿיל קליינע און גרעסערע געביידעס, האָבן זיי זיך ביי אייניקע אָפּגעשטעלט און געצלמט זיך.

נאָר ביי איין גרויסן מויער, לעבן אַ גרויסער טיר, געשמידט מיט אַלטן פֿאַרגרינטן אייזן, האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט און געקניט. דערנאָך, ווען זיי זענען אויפֿגעשטאַנען, האָט איינע מיט אַ

גרויסן פּונקט לאַנגע שדיסלען געעפנט די אונטער־טיר און דער עולם האָט זיך אָנגעהייבן אַראָפּלאָזן ערגעץ אַראָפּ מיט די טרעפּ אין דער פינסטערניש.

מאַניען האָבן צוויי שוועסטער אונטערגעהאַלטן ביי די הענט און פאַר איר באַלויכטן די אומבאַקאַנטע טרעפּ מיט אַ לאַמטערן.

אַלע אברים האָבן ביי מאַניען געציטערט פון שרעק.

— וואָס ציטערסטו אַזוי, וואָס שרעקסטו זיך? — האָט איינע פון די שוועסטער זיך אָנגערופן צו איר.

מאַניע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר די ליפּן זענען איר גע־ווען ווי פאַרגליווערט און האָט אַ וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן. עס האָט זיך נאָר געהערט, ווי אין מויל קלאַפּט ביי איר אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— דו ביזט אַ נאַריש קינד, האָסט נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן און שרעקן זיך. מען וועט דיר קיין שלעכטס נישט טאָן. דו זעסט דאָך, אַז מיר גייען אויך מיט דיר. מיר וועלן דיך אַליין נישט אי־בערלאָזן. קום מיט אונדז.

די פיס האָבן זיך מאַניען אָפּגעזאָגט צו דינען און מיט דעם גאַנצן קערפּער האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אויף די אַקסלען פון די שוועסטער.

ערשט אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, איז געוואָרן אַ ביסל ליכטי־קער פון קליינע פענסטערלעך, פון וועלכע עס האָבן זיך געצויגן עטלעכע שוואַכע ליכטיקע שטראַלן.

פאַרבייגייענדיק אַ פּאָר צימערן מיט שטיינערדיקע פּאָדלאָגעס, האָט די שוועסטער אירינע זיך געלאָזט הערן מיט איר באַפעל־שטימע:

— מאַניע! גיי נאָר צו נעענטער צו מיר. איך וויל דיר ווייזן דאָס טייערסטע פון אונדזער מאָנאַסטיר.

און אַזוי רעדנדיק האָט זיך געעפנט אַ טיר און אַלע זענען אַריין אין אַ גרויסן, לאַנגן און ברייטן קעלער מיט אַ סך קליינע פענסטער־לעך. די גאַנצע שטיינערנע פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעשטעלט מיט גרויסע און קליינע שווארצע „טרומנעס", טייל מיט געגילטע און גע־זילבערטע באַפּוצונגען.

— דו זעסט, — האָט זיך ווידער אָנגערופן די שוועסטער אירינע — אָט דאָ, אין דער טרומנע, געפינען זיך די טויטע ביינער פון אַ היי־ליקע, וואָס זי האָט צוריק מיט טויזנט יאָר פיל געליטן פאַר דעם

קריסטלעכן גלויבן. אירע הייליקע ביינער האָט מען געבראַכט פון רוים. צוזאַמען מיט אירע טויטע ביינער האָט מען אויך געבראַכט די די אייזנס, מיט וועלכע מען האָט זי געפּייניקט, פאַרוואָס זי איז אי־בערגעגעבן דעם קריסטנטום.

און טאַקע דאָ האָט מען מאַניען געוויזן אַלטע אייזערנע רינגען.

— דידאָזיקע רינגען זענען אַ גרויסע סגולה צו פאַרטרייבן אַלדאָס בייז.

די עלטסטע שוועסטער האָט ווייטער דערציילט, אַנווייזנדיק אויף אַ צווייטער טרומנע:

— אין דער טרומנע געפינט זיך אַ טויטער קאָפּ פון דער ערשטער שוועסטער, וועלכע רעכנט זיך פאַר דער גרינדערין פון אונדזער מאנאסטיר. פיל הייליקע שוועסטער ליגן דאָ, און אַלע שוועסטער, וועלכע לעבן איצט מיט אונדז, ווען זיי פירן זיך אויף גוט און פרום, קענען האָפן צו האָבן די זכיה, אַז זייערע ביינער זאָלן אַמאָל ליגן צוזאַמען מיט די הייליקע.

נאָך די ווערטער האָבן אַלע שטיל, טריט ביי טריט אָנגעהייבן אַרויסצוגיין פון קעלער.

ווען מאַניע איז אויך אַרויס פון קעלער, האָט מען איר געזאָגט, אַז איינע פון איר דאָרף וויל זיך זען מיט איר.

קאַפּיטל פופצן.

אַ גרוס פון דערהיים.

מאַניע, דערהערנדיק, אַז איינע פון איר דאָרף איז געקומען אין מאנאסטיר, האָט זיך זייער דערפרייט, מיינענדיק, אַז עס איז געקומען איר מוטער. נאָר ווען מען האָט זי אַריינגעפירט אין איינעם

פון די צימערן, אין דער זייט פון די ברייטע קאָרידאָרן, האָט זי דערזען די „מומע" פון דעם עקאָנאָם סיווינסקיס פאַמיליע.

מאַניע האָט זיך אין אָנהייב אַ כאַפּ געטאָן צוריק, נאָר דערזעענדיק אַזאַ היימישן מענטשן פון איר היים, האָט זי זיך דאָך דערפרייט.

— ווי קומט איר אַהער, מומע? (אַלע אין דאָרף האָבן זי גערופן „מומע").

— צו דיר בין איך געקומען. איך האָב זיך געוואָלט מיט דיר זען און וויסן, ווי דיר גייט דאָ. ביזטו צופרידן?

— איך וויל אַהיים. איך וויל פאָרן מיט אייך צוזאַמען. וואָס האָב איך דאָ צו טאָן?

— אומגליקלעכע! ווי קען דיר גאָר אַזאַ זאַך איינפאַלן? דו וועסט דאָך זיין די אומגליקלעכסטע אין דער וועלט! און ווידער ביזטו דאָך שוין נישט קיין קינד, וואָס באַשליסנדיק זיך אויף אַזאַ ערנסטע און וויכטיקע זאַך, זאָלסטו אויף מאָרגן חרטה האָבן. דו געדענקסט, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז נאָך דיין שמדן זיך זאָלסטו חתונה האָבן מיט לודוויגן. דו וועסט ווערן אונדזערע און זיין אַ גליקלעכע דיין גאַנץ לעבן!

— דערמאָנט מיר נישט לודוויגס נאָמען, ער האָט מיך פאַרפירט! איך זע ערשט איצט, אַז איך האָב אים נישט געקענט און האָב אים צופיל געגלויבט. איך האָב אין אים געהאַט אַ טעות, מומע. איך האָב אין אייך אַלע געהאַט אַ גרויסן טעות. איר האָט זיך אַלע באַנוצט מיט מיין יונגשאַפט, מיט מיין גלויבן יעדן. לודוויג און איר אַלע זענען נישט ווערט, איך זאָל מיינע עלטערן און מיין גלויבן פאַרבייטן. איך פרעג אייך, ווי קום איך אין מאנאסטיר? ווער האָט מיך געבראַכט אַהער אָן מיין ווילן? איך פאַרשטיי ערשט איצט, אַז עס איז געווען ביי אייך אַן אָפּגערעדטע זאַך, מיך צו פאַרפירן, מיך ברענגען פאַר אַ קרבן. איר האָט זיך באַנוצט מיט מיין שלעכטער לאַגע, מיט מיין אָרעם עלנט לעבן ביי מיינע עלטערן. איר האָט מיר געמאָלט אַ טרויעריק, שוואַרץ לעבן, ווען איך בלייב אַ יידישע טאָכטער, גלייך מיט מיינע אַלע אַנדערע שוועסטער. עס איז אמת, אַז זיי זענען נישט אַזוי גליקלעך, אָבער מיין האַרץ זעט נישט און פילט נישט, אַז ביי אייך, אין אייערע קרייזן, זאָל מען געפינען אַ בעסער און ליכטיקער לעבן.

מאַניע האָט קוים דעם אָטעם געכאַפּט און ווייטער גערעדט:

— לודוויגס נאָמען זאָלט איר מיר מער נישט דערמאָנען! ער איז פאַר מיר געשטאָרבן, און אייך בעט איך, אויב איר זענט מיר אַ פריינט און ווילט מיך זען גליקלעך, ווי איר פלעגט מיר שטענדיק זאָגן, זאָלט איר מיך באַלד מיטנעמען אין דאָרף אַהיים.

— זיי נישט אַזוי אויפגערעגט, באַרויִק זיך, וועלן מיר קענען רויִק רעדן.

— רעדן וועלן מיר קענען אינדערהיים: עס איז מיר שווער יעדע מינוט דאָ צו זיין. נעמט מיך באַלד מיט זיך. לאָמיר שוין פאָרן די מינוט. איך וועל אייך און אייער הויז בלייבן דערזעלבער פריינט, ווי פריער. איך וועל אייך אייביק דאַנקען, ווען איר וועט מיך פונדאַנען אַרויסראַטעווען.

מאַניע האָט זיך געוואָרפן אויף דער „מומעס" האַלדז און מיט טרערן זי געבעטן, באַלד מיט איר אַוועקפאָרן.

די מומע סיווינסקאַ, ווערנדיק בלאַס און דערשראָקן, האָט אויך מיט טרערן אין די אויגן זי אָנגעהייבן באַרויִקן און טרייסטן:

— באַרויִק זיך, מאַניעטשקע, איצט איז שוין נאַכט, ווו וועלן מיר קענען פאָרן?

— ניין, באַלד, די מינוט! מען האָט מיר נעכטן אויך אָפּגעלייגט מיין פאָרן איבער נאַכט.

מאַניע האָט נישט אויפגעהערט שרייען: „באַלד! די מינוט!"

— מאַניעטשקע! שרייען איז דאָ איבעריק, עס איז נישט אין דאָרף און קיינער וועט דאָ נישט הערן דיינע געשרייען. די ווענט פון מאנאסטיר זענען צו דיק, דיינע קולות זאָלן ערגעץ דערגרייכן. אויב דו וועסט רעדן רויִק און געלאַסן, קען איך דיר ענטפערן. ווערסטו אָבער שרייען, וועל איך דיך איבערלאָזן און אַוועקגיין צו דער שוועסטער אירינע.

— איך וועל אייך נישט אָפּלאָזן. איך וועל זיין רויִק, נאָר זאָל מען שוין פאָרן!

— ביינאַכט קען מען נישט.

— וועלן מיר גיין צופוס. איך וויל דאָ נישט נעכטיקן.

— ביז מאָרגן איז נישט קיין אומגליק. איך דאַרף דאָ נאָך זיך זען מיט דער שוועסטער אירינע. זי איז אונדזערע אַ קרובה, ווי קען איך אַוועק אַזוי גיך. מאָרגן וועלן מיר זען אַוועקפאָרן.

מאַניע האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט.

מאַניע האָט געשוויגן און דערנאָך האָט זי ווי פאַר זיך אַ פּאָר מאָל רויק איבערגעחזרט: ביז מאָרגן איז נישט קיין אומגליק.

— גוט, זאָל זיין מאָרגן, אָבער איך וועל אייך שוין נישט אָפּלאָזן, ווו איר וועט גיין, וועל איך מיט אייך מיטגיין,—האָט מאַניע פעסט געזאָגט.

די מומע האָט זיך פאַרקרימט, וועלנדיק זיך אויסדרייען פון מאַניען.

— איך ברויך אָבער גיין צו דער שוועסטער אירינע, — האָט די מומע געזאָגט.

— וועל איך אויך מיטגיין. איך בין שוין איין מאָל געווען ביי איר.

— שוין געווען? וואָס פאַר אַ כבוד! דו דאַרפסט דאָך זיך שעמען פאַר גליקלעך! אַ קליינקייט, צו רעדן מיט איר! מענטשן וואַרטן וואָכנלאַנג ביז מען קען רעדן מיט איר אַ פּאָר ווערטער און דיך האָט מען שוין איינגעלאַדן צו איר! ווייסטו כאָטש, וואָס פאַר אַ גליק דיך האָט געטראָפן?

מאַניע, זעענדיק, ווי די מומע קוועלט אַזוי פון איר גליק האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן און האָט אָנגעהייבן אויספרעגן אויף אירע עלטערן.

— וואָס מאַכט די מאַמע? אָרעמע מאַמע... איך שטעל זיך פאָר, ווי אומגליקלעך זי פילט זיך... איך האָב מורא, אַז זי וועט עס גאָרנישט איבערלעבן.

די מומע האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס פאַר אַ קינד דו ביזט! דו בענקסט אַזוי נאָך דיינע עלטערן און פרעגסט אַזוי נאָך אויף זיי און איך קען דיר זאָגן, אַז באַלד ווי דיין מוטער האָט זיך דערוווסט פון דיין אַנטלויפן, האָט זי אויסגעשפּיגן דריי מאָל, דיך גוט אויסגעשאָלטן, און גאָרנישט! אַלץ איז אַזויווי פריער: דער טאַטע פאָרט אַרום און אַרבעט וועגן זיינע געשעפטן און די מאַמע קאָכט מיטאָג.

— און מיך דערמאָנט זי גאָרנישט?

— זי האָט אַפילו קיין איינציק מאָל דיין נאָמען נישט דער-

מאנט. מען האָט מיר דערציילט, אַז ווען איינער האָט אָנגעהייבן רעדן וועגן דיר, האָט זי נישט געוואָלט הערן און געזאָגט, אַז „ווען מאַניע זאָל שטאַרבן, וואָלט איך געהערט פון איר, נאָר נישט פון דער מאַניען, וואָס ביי איר איז רעכט געווען צו אַנטלויפן פון אונדז״.

— עס קען נישט זיין! — האָט מאַניע אויסגעשריען.

— דו ווילסט מיר נישט גלויבן, קענסטו פרעגן יאַנען, וועלכער איז מיט מיר געקומען. ער איז איצט אויך דאָ אין מאנאסטיר.

— יאַן, וואָס האָט מיך געראַטעוועט פון לודוויגס הענט, איז אויך דאָ? איך וויל אים זען און אָפּדאַנקען...

די מומע האָט זיך דערפרייט פון די ווערטער און נייע געדאַנקען מיט נייע פּלענער האָבן איר אָנגעהייבן קומען אין קאָפּ.

קאַפּיטל זעכצן.

אַ קרבן.

ביי דער מומע סיוויבסקאַ האָט זיך אין קאָפּ געפלאָכטן אַ נייער פּלאַן:

יאַן האָט אָפּגעראַטעוועט מאַניען פון לודוויגן, און זי איז אים זייער דאַנקבאַר, וואָס ער האָט נישט דערלאָזט לודוויגן זי באַליידיקן. מען דאַרף זיי צוזאַמענפירן און זען, אַז נאָך דעם שמד זאָל זי מיט אים חתונה האָבן. יאַן וועט זיך אָנכאַפּן מיטביידע הענט. יאַן איז שטיל פאַרליבט אין מאַניען ביז צום שטאַרבן, אַנדערש וואָלט ער זי נישט געראַטעוועט. ער וואַגט איר גאָרנישט צו זאָגן, אַז ער האָט זי ליב, אָבער ווען איך וועל זיך דאָ אַריינמישן, וועט ווערן אַ שידוך.

און, אַזוי טראַכטנדיק, האָט זי זיך אָנגערופן צו מאַניען:

— דו ווילסט דאָך זען יאַנען?

— יאָ, איך וויל אים אָפּדאַנקען.

— אויסערדעם, וועסטו זיך קענען ביי אים אַלץ דערוויסן וועגן דיינע עלטערן, ווייל ער האָט זיך פּאַר אונדזער אַוועקפאָרן געזען מיט זיי. פון אים וועסטו אַלץ וויסן.

איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין, ווען איר וועט אים באַלד אַריינרופן.

די מומע איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער רופן יאַנען, וועלכער האָט געוואַרט אין קאַנצעלאַריע פון מאַנאַסטיר.

די מומע האָט יאַנען אַרויסגערופן אין גאָרטן און זיך געזעצט מיט אים אויף אַ באַנק.

— זאָג נאָר, יאַן, דו ווילסט זען מאַניען?

— איך וועל זיך שעצן גליקלעך, ווען איך וועל זיך זען מיט איר. איך בין דאָך צוליב דעם געפאָרן מיט אייך.

— נאָר צוליב דעם? איך האָב נישט געוווּסט, אַז נאָר צוליב מאַניען... איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט געפאָרן, ווייל איך האָב דיך געבעטן. וויסנדיק, אַז איבער לודוויגס שלעכטע אויפפירונג מיט מאַניען, איז זי געוואָרן זייער גוט צו דיר, האָב איך דיך געבעטן, אַז דו זאָלסט מיטפאָרן מיט מיר.

— איך מוז זיך אָבער מודה זיין, און דאָ אין מאַנאַסטיר וויל איך קיין ליגן נישט זאָגן, אַז איך האָב מאַניען שטענדיק ליב געהאַט, נאָר זעענדיק, ווי זי קוקט זיך קיינמאָל נישט אום אויף מיר און איז מיט לודוויגן געווען שטענדיק באַפריינדעט, האָב איך שווייגנדיק פיל געליטן. איצט האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ צופאַל: לודוויגס שלעכטע אויפפירונג, און איך האָב איר געקענט איבערצייגן אין מיין איבערגעגעבנקייט און אין מיין ריינער ליבע צו איר.

— איך קען דיר נאָר געבן מיין ברכה דערצו. אפשר טאַקע נאָר אַ דאַנק דיר, וועט זי איבערגיין צו אונדזער גלויבן. מיר אַלע און דער גאַנצער מאַנאַסטיר וועט דיר דאַנקבאַר זיין, ווען דו וועסט זי קענען איבעררעדן, זי זאָל וואָס גיכער זיך שמדן.

— דאָס איז מיין איינציקער ווּנטש, עס איז אָבער נישט גע-ווענט אָן מיר אַליין. איר קענט דאָך מאַניען, וואָס פאַר אַן איינגע-שפּאַרטע זי איז. מאַניען איז שווער איבערצורעדן אין דעם, וואָס זי איז נישט איבערצייגט. אַזעלכע מיטלען, ווי לודוויג האָט אָנגענומען, קען איך נישט. איך האָב זי צופיל ליב, איך שעץ זי צופיל!

— אפשר וועט עס גיין מיט גוטן. איך וועל דיך באַלד פירן צו איר און וועל אייך ביידע איבערלאָזן אַליין. נאָר זיי אַ מענטש, זיי נישט קיין באַבע... דו ביזט דאָך אַ מאַנסביל! וועט עס גיין מיט גוטן, איז אַוודאי זייער גוט, אָבער ווען נישט, זאָלסטו אָננעמען אַלע מיטלען. דו ווייסט דאָך, אַז צוריק צו די יידן טאָרן מיר זי נישט דערלאָזן, ווייל ווען זי ווערט פריי, קענען מיר דאָך אַלע אומגליקלעך ווערן! באַשליס זיך נאָר פעסט, שטעל זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך. דערצייל איר, אַז דער וועג צוריק צו די יידן איז אויף אייביק פאַר איר פאַרשלאָסן. זאָג איר, אַז ווען זי קומט אַהיים, וועלן זי די יידן פייניקן און אירע עלטערן וועלן נאָך מיטהעלפן דערצו און אַז מיט דיר וועט זי אייביק גליקלעך זיין.

— אָ, ווי נאָך גליקלעך! איך וועל מיין גאַנץ לעבן אַרבעטן פאַר איר! קיין שום שלעכטס וועל איך נישט דערלאָזן צו איר. זאָל איך נאָר הערן פון איר אַ גוט וואָרט!

— אַלץ וועסטו קענען אויספירן. זאָלסט נאָר קענען זיין אַ מענטש. אַלץ איז אין דיינע הענט. איך און דער גאַנצער מאנאסטיר וועלן דיר מיטהעלפן. קום, איך וועל דיר צו איר אַריינלאָזן.

זיי האָבן זיך אויפגעהייבן פון דער באַנק און זיך געלאָזט גיין איבער די לאַנגע קאָרידאָרן, וווּ עס געפינען זיך די צימערן פון די שוועסטער.

נאָך איידער יאַן איז איבערגעטרעטן די שוועל פון דעם צימער, וווּ מאַניע געפינט זיך איצט, האָט ער זיך שוין פאָרגעשטעלט איר גאַנצע שיינקייט: אירע אויגן, אירע לאָקן און איר ווייס-חנעוודיק געזיכט.

— אָט אין דעם צימער גיי אַריין, — האָט די מומע שטיל געזאָגט, — נאָר געדענק, זיי אַ מאַנסביל! שפּעטער, נאָך היינט, וועלן מיר זיך זען.

מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר, וועלכע מאַניע האָט באַלד געעפנט.

— יאַן! — האָט מאַניע מיט פרייד אויסגעשריען. — איך פריי זיך דיך צו זען. איך ווייס גאָרנישט ווי דיר אָפּצודאַנקען. וואָס דו האָסט מיך פון דעם נידעריקן לודוויגן אָפּגעראַטעוועט. איך האָב דיך שטענדיק געהאַלטן פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן, אָבער אויף אַזויפיל האָב איך מיך אַליין נישט גערעכנט... דו האָסט דאָך איינגעשטעלט

דיין לעבן פאר מיר. איך ווייס גארנישט מיט וואס דיר אפצודאנקען. אָ, מיינע עלטערן און איך וועלן דיך קיינמאל נישט פארגעסן.

מאניע, דריקנדיק זיין האנט, האט מיט דאנקבארקייט געזאגט:

— ווי אַ גוטער מלאך קומסטו שטענדיק, ווען איך געפין זיך אין אַ צרה. האסט מיך שוין איינמאל אָפגעראטעוועט, ראטעווע מיך איצט אויך ארויס פון מאנאסטיר און ברענג מיך צו מיינע עלטערן. אין דיר גלויב איך. נאר מיט דיר וועל איך זיך איצט אוועקלאזן צופוס אין דער פינסטערער נאכט, ביז מיר וועלן קומען אין דער ערשטער שטאט און דארט דינגען אַ פור.

יאן האט קיין וואָרט נישט געקענט ארויסלאזן.

— נו, וואס שווייגסטו? דו ביז אויך קעגן מיר?

— מאניע, — האט ער קוים אָנגעהייבן, — דו ווייסט דאך, אַז איך בין אַן אָרנטלעכער, גלויבנדיקער קריסט, ווי קאן איך טאן אזא עבירה, דיך צונעמען פון מאנאסטיר קעגן דעם ווילן פון אלע שוועסטער און פון דער עלטסטער שוועסטער אירינע? איך קאן אָנווערן ביידע וועלטן. קיין אָפקומעניש וועט מיר דערנאך נישט העלפן, און דאס וועט זיין די גרעסטע זינד פון מיר, ווען איך וועל טאן אזא עבירה, און זיין קעגן קלויסטער, קעגן מאנאסטיר. איך טאר עס נישט טאן! אט זעסטו, ווען דו זאלסט מיר זאגן, איך זאל באלד מיין גאנץ לעבן אוועקגעבן פאר דיר, וועל איך עס מיט פרייד טאן, נאר דאס, וואס דו פארלאנגסט, איז נישט מעגלעך!

— וואס זשע, גוטער יאן, בלייבט מיר צו טאן?

— זיך שמדן... און דעמאלט ווערסטו פריי, און וועסט זיין גליקלעך! ווי קומסטו צו בלייבן צווישן יידן? און וואס פאר אַ לעבן דערוואַרט דיך צווישן זיי?

— און וואס דערוואַרט מיך דאָ? מיינע ביינער וועלן איבער הונדערט און צוואנציק יאר, ליגן אין די קעלערס פון מאנאסטיר, גלייך מיט די ביינער פון אלע אנדערע שוועסטער — מוחל! מוחל! איך וויל בעסער לעבן! און ווו מיינע ביינער וועלן ליגן נאך מיין טויט, איז פאר מיר אַלצאיינס...

— ווער וועט דיך דעמאלט נייטן צו בלייבן אַ מאנאשקע? ווי נאר מען וועט דיך אָפשמדן, ביזטו פריי און קענסט לעבן ווי דו וועסט וועלן, סיידן דו וועסט אליין בלייבן אין מאנאסטיר...

— זיי וועלן מיך נישט אָפּלאָזן, זיי דאַרפן מיך דאָ! איך ווייס אַליין נישט אויף וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר...

— שמד זיך נאָר אָפּ, וועל איך שוין דאַן פאַר דיר זאָרגן, אַז דו זאָלסט דאָ נישט בלייבן.

— אָבער מיין האַרץ ציט מיך נישט דערצו. מיין האַרץ ציט מיך אַהיים, צווישן מיינע עלטערן, צווישן אייגענע... איך קען זיך נישט שמדן!

— וואָס זשע ביזטו אַנטלאָפן מיט לודוויגן?

— אָ, עס איז צו אַ לאַנגע געשיכטע, איך זאָל דיר איצט דערציילן! אָבער עס וועט זיין גענוג, אַז איך וועל דיר זאָגן, דאָס איך האָב לודוויגן ליב געהאַט מיט מיין גאַנצן לעבן, בין איך אים נאָכגעגאַנגען! נאָר איצט איז פאַר מיר לודוויג אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן, וואָס־זשע האָב איך דאָ צו טאָן?

— מאַניע! אַז דו ווייסט יאָ וואָס עס הייסט ליב האָבן, דאַרפסטו זיך שמדן צוליב אַן אַנדערן, וואָס האָט דיך ליב מיט זיין גאַנץ לעבן.

מאַניע האָט זיך, אַ דערשראָקענע, אויף עטלעכע טריט אָפּגערוקט פון יאַנען.

— ווער זשע האָט עס מיך אַזוי ליב, וואָס יענער פאַרלאַנגט מיין גאַנץ לעבן פאַר אַ קרבן? זאָג, יאַן, איך ווייס פון גאָרנישט...

יאַן האָט געשוויגן...

קאַפּיטל זיבעצן.

רחמנות.

מאַניע האָט נישט באַקומען קיין שום ענטפער פון יאַנען, נאָר דעם ענטפער האָט זי שוין געוווּסט, כאָטש עס האָט זיך איר נישט געגלויבט. זי האָט זיך דערשראָקן און נישט געוואָלט, אַז דער ענטפער זאָל אַרויס פון יאַנס מויל.

יאַן איז געזעסן עטלעכע מינוט אויף זיין אָרט מיט אַן אַראָפּ־געלאָזענעם קאָפּ; ער האָט געפילט, אַז איר האַרץ איז ווייט פון אים און ער האָט מיט אַ רחמנות פּנים און מיט אַ שוואַך קול אַרויסגע־לאָזט די פאָלגענדיקע ווערטער:

— דו פרעגסט, ווער האָט עס דיך אַזוי ליב, וואָס יענער פאַר־לאַנגט דיין גאַנץ לעבן פאַר אַ קרבן? ליב האָב איך דיך, ווי מיין גאַנץ לעבן... דו ביזט ביי מיר טייערער ווי אַלץ אין דער וועלט, נאָר קיין קרבנות פאַרלאַנג איך נישט פון דיר.

יאַן האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע ווערטער. ער איז געפאַלן אויף די קני.

— איך קני פאַר דיר, ווי פאַר אַ הייליקער! איך ווייס, אַז דו האָסט מיך נישט ליב און אפשר קענסטו מיך נישט ליב האָבן, נאָר איך בעט רחמנות...

מאַניע האָט ווי מיט כעס זיך אָנגערופן:

— שטיי באַלד אויף, איך קאָן נישט קוקן, ווי אַ מאַנסביל ליגט אויף די קני און בעט רחמנות. דאָס עקלט מיך. אַ מאַנסביל דאַרף זיין שטאַרק און נישט בעטן, נאָר נעמען. דו קענסט חיימען, וואָס פלעגט איבערזיצן ביי אונדז אין שטוב? אַלע ווייסן דאָך, אַז ער האָט געזאָלט זיין מיינער אַ חתן; ער איז זייער אַ וווילער, אַ גוטער און, אַז דו ווילסט, אויך אַ גענוג שיינער יונגערמאַן און דאָך איז ער מיר קיינמאָל נישט געפעלן און אין אַזעלכן, ווי חיים וועל איך זיך קיינמאָל נישט פאַרליבן. אַזאַ חיים קען נישט זיין מיין צוקונפטיקער מאַן, און ווייסטו פאַרוואָס? נאָר דערפאַר, וואָס ער איז עפּעס אַ באָבע, צו אַ גוטינקער, מיט אַ רחמנות פּנים, אַ שוואַכינקער, שטענדיק אַ דערשראָקענער. מילא, חיימען קאָן מען נאָך איבער פיל אורזאַכן מוחל זיין, ווייל ביי זיין לאַגע קען ער אַנדערש נישט זיין. אָבער ווען דו, יאַן, ביזט אויך אַזוי, דאָס איז שוין נישט צו פאַרשטיין... און גראַדע האָב איך דאָס אומגליק, אַז אַזעלכע גוטינקע, דערשראָקענע, מיט רחמנותדיקע פּנימלעך, שוואַכינקע כאַראַקטערלעך, פאַרליבן זיך אין מיר!

— און לודוויג? — האָט ער אַ פאַר מאָל איבערגעפרעגט.

— און לודוויג, פרעגסטו? ער האָט מיך נישט ליב געהאַט. ער האָט מיך נאָר אָפּגענאַרט און דו האָסט זיך איבערצייגט, נישט ווייני־קער ווי איך. נאָר הלוואי וואָלט ער געווען אַ ביסל פיינער און לייטי־

שער, ווי איך וואָלט זיך געווען געשעצט פאַר גליקלעך, ווען ער זאָל מיך געווען ליב האָבן.

— נאָר איך גלויב, — האָט זיך אָנגערופן יאַן, — אַז צווישן דיר מיט לודוויגן קען מער איצט גאָרנישט פאָרקומען.

— געוויס, ער איז פאַר מיר געשטאָרבן, אָבער מיין האַרץ איז צעוווּנדעט און צעבראָכן.

— און וואָס קענסטו מיר זאָגן? מיט וואָס, מאַניע, גיי איך אַוועק פון דיר?

מאַניע האָט געצויגן מיט די פּלייצעס.

— ווייסטו כאָטש, ווי אַזוי איך האָב דיך ליב?

— איך האָב פריער וועגן דעם נישט געוווּסט, נאָר אַז דו זאָגסט, גלויב איך דיר. ווען מיר זענען נאָך אַמאָל קינדער געווען און געלאָפן איבערן דאָרף, פלעג איך באַמערקן, אַז דו ביזט שטענדיק געווען גוט צו מיר און מיך קיינמאָל נישט באַליידיקט, ווי אַלע אַנדערע דאָרפס-יינגלעך. מיר פלעגן זיך ביידע ליב האָבן צו שפּילן, דערנאָך זענען מיר אויסגעוואקסן, וואָס האָב איך געקענט באַמערקן?

— שוין-זשע ביזטו געווען בלינד? איך פלעג זיך דאָך שטענדיק געפינען צוזאַמען מיט לודוויגן, וועלכער פלעגט זיך אומעטום שטענדיק באַרימען, אַז דו ביזט אין אים פאַרליבט. איך האָב דאָס טאַקע באַמערקט פון דיר אויך, אַז צווישן אייך איז מער ווי אַ געוויינלעכע פריינטלעכע באַציונג. וואָס האָב איך דאַן מער געקענט טאָן, ווי שווייגן? איך האָב יאָרנלאַנג געשוויגן און געליטן. צו מיין ליידן איז נישט געווען קיין ענדע. ווי אַ שאָטן פלעג איך שטענדיק גיין נאָך דיר, און דאָס, וואָס דו האָסט מיך קיינמאָל נישט באַמערקט, פלעג איך ביי זיך אַראָפּשלינגען און שווייגן. ווען ביי די סיווינסקעס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דו מיט לודוויגן פאָרן אַוועק און נאָך דעם שמדן זאָלט איר ביידע חתונה האָבן, האָב איך דאָך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך אַרויסגערופן, אַז מען קען זיך אויף אַ געוויינלעכן פורמאַן נישט פאַרלאָזן און כדי מען זאָל זיין זיכער, האָב איך זיך אָנגעטאָן אין פורמאַנישע קליידער און מיר זענען געפאָרן צוזאַמען.

— ביזטו, הייסט עס, געווען דער פורמאַן און מיר זענען אַלע צוזאַמען אַנטלאָפן? און איך האָב נישט פאַרשטאַנען פונוואַנען האָסטו

זיך, ווי אַ גוטער מלאך געקומען דאַן, ווען איך האָב זיך געפונען אין אַזאַ גרויסער צרה.

— דאָס, וואָס דו רעכנסט פאַר אַ צרה, האָט דער, וואָס אין הימל, צוגעשיקט פאַר מיר אַ גליק. איך האָב זייט דאַן אָנגעהייבן האָפן, אַז דיין האַרץ וועט זיך איבעראַנדערשן צו מיר. און איצטער... איצטער, וואָס זאָל איך מיט זיך טאָן, מאַניע? ווען די שטויסט מיך אָפּ, נעמסטו צו מיינע אַלע האָפענונגען.

און יאַן האָט זיך צעוויינט.

פון יאַנס ווייגען האָבן זיך אַלע קאָלירן געביטן אויף מאַניעס געזיכט. זיינע טרערן האָבן ביי איר אַרויסגערופן נאָכמער עקל צו אים, ווי פריער, ווען ער איז געפאַלן אויף די קני. מאַניע האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך איר געפלאָנטערט אין קאָפּ.

און יאַן האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן מיט אַ וויינענדיק קול:

— מאַניע, האָב רחמנות אויף מיינע יונגע יאָרן, וואָרים אָן דיר קען איך ווייטער נישט לעבן. אַפילו ווען דו זאָלסט זיך נישט געווען אָפּזאָגן פון לודוויגן, וואָלט איך דיך אים נישט אָפּגעגעבן: עס וואָלט מיך געקענט קאָסטן דאָס גאַנצע לעבן!

מאַניע האָט אָן אויפגערעגטע אים געזאָגט:

— זאָג נאָר, יאַן, פון איין זייט קניסטו פאַר מיר, וויינסט, בעטסט ביי מיר רחמנות און פון דער אַנדערער זייט רעכנסטו זיך עפּעס פאַר מיין הערשער. „דו וואָלסט מיך נישט אָפּגעגעבן", זאָגסטו, ווי גלייך איך בין עפּעס אַ זאַך, אַ מענטש אָן אַן אייגענעם ווילן און יעדער קען טאָן מיט מיר וואָס ער וויל. מוז איך דיר זאָגן, יאַן, אַז דאָס, וואָס איך וויל אָדער נישט, איז מיין אייגענע זאַך, און קיינער קען מיך קעגן מיין ווילן צו קיין זאַך נישט צווינגען!

— הייסט עס, אַז איך קען אַפילו נישט האָפן און אַוועקגיין פון דיר מיט גאָרנישט? אויב אַזוי וועלן מיר זיך געזעגענען, נאָר...

— וואַרט נאָר אויס, יאַן... לאָז מיך נאָר צוזאַמענעמען מיינע געדאַנקען... רחמנות דאַרף איך בעטן. רחמנות בעטן פּאַסט פאַר אַ פרוי... וואַרט נאָר...

קאַפּיטל אכצן.

אַ בקשה.

יאַן האָט זיך געזעצט צוריק אויף זיין אָרט.

— דו דאַרפסט ביי מיר נישט בעטן קיין רחמנות! — האָט זיך אָנגערופן יאַן. — דו דאַרפסט נאָר הייסן און באַפעלן, וועט אַלץ געטאָן ווערן!

— בין איך זיכער, אַז דו וועסט וועגן מיין בקשה קיינעם נישט איבערגעבן? און קיינער וועט זיך נישט דערוויסן אויסער דיר?

— איך שווער דיר ביי מיין גאַנץ לעבן, אַז איך וועל קיינעם נישט איבערגעבן.

— אויב אַזוי, בעט איך דיך, דו זאָלסט מיך פון דידאָזיקע פיר דיקע ווענט באַפרייען, און אַז מיר וועלן זיך שוין געפינען פון יענער זייט מאנאסטיר, זאָל איך דאָרטן געפינען מיינע עלטערן, מיט וועלכע מיר וועלן צוזאַמען אַוועקפאָרן אַהיים... וויילֿ מיט דיר אַליין, מוז איך דיר זאָגן דעם אמת, האָב איך מורא, דו ביזט ווילד געוואָרן...

— איך בעט דיך, — האָט מאַניע ווייטער גערעדט, — צי ביזטו פעיִק, צי וועסטו זיך באַשליסן אויף אַזאַ זאַך אָדער נישט, זאָלסטו קיינעם נישט אויסזאָגן פון מיין פּלאַן, וואָרים, ווי איך האָב זיך דאָ דערוווּסט, אויב מען וועט נאָר באַמערקן, אַז איך טראַכט וועגן אַנטלויפן, וועט מען מיך פאַרשליסן אין די קעלערס פון די הייליקע קברים, וועלכע מען האָט מיר געוויזן.

— עס קאָן נישט זיין! מען שרעקט דיך נאָר אומזיסט.

— האָסט אַ טעות, זיי זענען אין זייער פרומקייט פעיִק אויף אַלץ. איך פיל, אַז זיי ווילן עס טאָן, אויב איך וועל פונדאַנען ווילן אַנטלויפן. מען האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז דאָרט אין די קעלערס געפינען זיך באַזונדערע שטראָפצימערן, און אַז דאָרטן זענען פאַרשלאָסן אַ סך, וועלכע ווילן נישט פאָלגן און פאַרשולדיקן זיך קעגן מאנאסטיר.

— באַבע-מעשיות! איך בין אויך אַ פרומער קריסט און וואָלט אַזעלכע זאַכן נישט געטאָן.

— נו, גענוג. אַזוי, אָדער אַזוי, זאָג מיר באַלד, וויאַזוי האָסטו באַשלאָסן.

יאַן האָט זיך אַ פּאָר מינוט געקווענקלט און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— צו וואָס טויג דיר דאָס אַלץ? שמד זיך, זאָג דערנאָך, אַז דו ביזט מיין כלה, וועט מען דיך גלייך באַפרייען... מיין נישט, אַז איך וועל דיך מיט געוואַלט נייטן, דו זאָלסט מיט מיר חתונה האָבן. ווען נישט ווילן, וועל איך דיך נישט נייטן, נאָר שמד זיך, וועסטו אינגאַנצן פריי... ווארים וואָס פאַר אַ מאָנאַשקע צו ווערן קענען זיי דיך נישט נייטן. דאָס קענסטו נאָר טאָן מיט דיין אייגענעם גוטן ווילן.

— איך דאַנק דיר פאַר דער עצה, נאָר שמדן זיך מיט געוואַלט וועט קיינער ביי מיר נישט פועלן. מיט געוואַלט טאָן אַ זאַך האָט נאָך קיינער ביי מיר נישט אויסגעפירט. אַפילו מיינע אייגענע עלטערן, וועלכע איך האָב אַזוי ליב. איך מוז דיר אָפן זאָגן, דו קאָנסט דאָך חיימען, אַז ער איז זייער אַ לייטישער יונגערמאַן. קיינער קאָן אויף אים קיין שלעכט וואָרט נישט זאָגן. פאַר מיר וואָלט אַזאַ חתן געווען ווי צום בעסטן, נאָר ווייסטו ווער עס האָט צעשטערט דעם שידוך?— מיינע אייגענע עלטערן. זיי האָבן אין מיר אַזויפיל אַריינגערעדט, אַז איך דאַרף אַ כלה ווערן פאַר חיימען, אַז זיי האָבן אָפּגעשלאָגן אין מיר די גאַנצע לוסט צו אַזאַ שידוך. דערנאָך, ווען מיינע עלטערן האָבן געזען, אַז איך פאָלג זיי נישט מיט גוטן, האָבן זיי אָנגעהייבן מיט בייזן: אַז אייביק וועל איך נישט זיצן ביי זיי אויף דעם קאָפּ, אַז חיים איז פאַר מיר אַ גליק, און אויב איך וועל נישט ווערן אַ כלה פאַר חיימען, ווילן זיי מיך נישט קענען, און טאָג מיט נאַכט נישט אויפגעהערט צו סטראַשען, ווי דער שטייגער איז, ווען עלטערן

געפּעלט דער שידוך און דאָס קינד וויל נישט. דאָס אַלץ, יאַן, דערצייל איך דיר קעגן דעם, אַז מיט געוואַלט וועט קיינער ביי מיר נישט פועלן, אַפילו די מאַנאַשקעס מיט זייערע קברים-קוועלערס. קאָנסטו מיך באַפרייען פון דאַנען, ווי נאָר מעגלעך צום גיכסטן, אַפילו באַלד – איז גוט, ווען נישט זאָג, אַז דו קענסט נישט, אַז דו ביזט אַ שרעקעדיקער, דו האָסט מורא...

– נישט ריכטיק, מאַניע, קיינער וועט אויף מיר נישט זאָגן, אַז איך בין אַ שרעקעדיקער. אָבער איך פרעג דיך, וויאַזוי טוט מען עס אַזוינס? איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך בין, פריער פאַר אַלץ, אַ פרומער קריסט און עס איז שרעקלעך צו נעמען אויף זיך אַן עבירה. מען וועט דאָך מיך פאַרשטיינערן. אַלע וועלן זיך פון מיר דערווייטערן און זיי וועלן זיין גערעכט! און באמת, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ קריסט זאָל טאָן אַזאַ זאַך? איך וועל דאָך פאַרשאָלטן ווערן פוןביידע וועלטן. מען וועט זיך דאָך באַלד דער-וויסן, אַז דאָס איז מיין אַרבעט, און טאָמער וועט מען אונדז אָנ-כאַפּן, וועט מיין שטראָף זיין שרעקלעכער, ווי דיינע. קיין תשובה וועט מיר נישט העלפן. אדרבה, זאָג מיר, גיב אַן עצה, וויאַזוי זאָל איך דאָס טאָן?

– דו קענסט בעסער דעם מאָנאַסטיר און די וועגן, דורך וועלכע מען קומט אָן און מען גייט אַוועק פון דאַנען. איך קען דאָ קיין עצה נישט געפינען. נאָר וואָס רעדן מיר צופיל וועגן דעם. אויב דו קענסט מיין פּלאַן נישט אויספירן – גענוג! מער האָבן מיר נישט וואָס צו רעדן.

יאַן האָט ווידער געשוויגן אַ פּאָר מינוט און זיך פּלוצלונג אָנגערופן:

– איך האָב אַ פּלאַן, אַז דיינע עלטערן זאָלן דיך פון דאַנען אַרויסראַטעווען. דאָס וועל איך שוין זען! פריער פאַר אַלץ וועל איך זיי געבן צו וויסן, ווו דו געפינסט זיך.

– זייער גוט, מער דאַרף מען נישט!

– איין גאָט זאָל מיר מוחל זיין די גרויסע זינד, וואָס איך נעם אויף זיך. איך וויל דאָך אָבער פרעגן, וואָס וועט זיין, ווען איך וועל דיך באַפרייען?

מאַניע האָט אַ ביסל אַ טראַכט געטאָן און אויך געפרעגט יאַנען:

— וואָס, ווילסטו, זאָל זיין? וואָס קען איך דיר איצט ענטפערן? איך ווייס אַליין נישט וואָס עס וועט פּאַרקומען מיט מיר.

— און איך ווייס.

— וואָס קענסטו וויסן?

— איך ווייס, אַז דו וועסט קומען צו דיינע עלטערן, וועט מען דיך ווידער איינרעדן, אַז דו זאָלסט חתונה האָבן מיט חיימען. אָ, איצט וועט דיר שוין נישט העלפן דיין נישט וועלן! מען וועט דיך שוין נישט פרעגן. איצט וועלן דיינע עלטערן נישט האָבן קיין מורא, אַז דו וועסט אַנטלויפן מיט אַ „גוי".

— וואָס פּייניקסטו מיך? דו פּייניקסט מיך מער ווי די מאָנאַש־קעס, וועלכע האַלטן מיך דאָ און איך ווייס נישט פאַרוואָס. דו האָסט מורא, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט חיימען? גלויב מיר און איך שווער דיר, אַז איך ווייס אַליין נישט, וואָס עס וועט פּאָרקומען מיט מיר. איך טראַכט איצט פון גאָרנישט. איך טראַכט נאָר וועגן איין זאַך: ווערן ווי צום גיכסטן פריי, און דערנאָך וועלן מיר זען. די צייט וועט שוין אַלץ באַווייזן. איך בעט דיך, יאַן, אויב דו האָסט מיך אמת ליב, ווי דו זאָגסט, זאָלסטו ביי מיר גאָרנישט פרעגן, און זאָלסט נאָר אויספירן מיין בקשה, אויב דו ווילסט און אויב דו קענסט. דו ביזט דאָך, ווי דו זאָגסט, אַ פרומער קריסט, און אַ פרומער מענטש, אַז ער טוט אַ גוטע זאַך, דאַרף ער פאָרויס נישט פאַרלאַנגען מען זאָל אים באַצאָלן. באַפריי מיך, יאַן, וועסטו זען, אַז גוטס טאָן ווערט קיינמאָל נישט פאַרפאַלן.

מאַניע איז פלוצלונג פאַר אים געפאַלן אויף די קני און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אים געקושט די הענט און געבעטן, ער זאָל זי באַפרייען.

מאַניע האָט איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען שענער ווי אַלעמאָל.

— באַרויִק דיך, מאַניע, — האָט יאַן זיך אָנגערופן, — איך וועל טאָן אַלץ, עס זאָל מיך אפילו קאָסטן מיין לעבן.

— גוטער יאַן! — איז מאַניע, אַ גליקלעכע, אויפגעשפרונגען.

פלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר און די שוועסטער מאַריע האָט זיך באַוויזן אין צימער.

קאַפּיטל ניינצן.

אַ שרעקלעכע זינד.

ווען די שוועסטער מאַריע איז אַריינגעקומען, האָט זי נאָך געטראָפן מאַניען קניען פאַר יאַנען.

— ווײ איז מיר! ווײ איז די אויגן, וואָס זעען דאָס! —האָט די שוועסטער מאַריע געבראָכן מיט די הענט און פרום פאַרגלאַנצט מיט די אויגן. — אין אַ מאַנאַסטיר, אין אַזאַ הייליק אָרט, זאָל איך זען אַזאַ שרעקלעכע סצענע, וועלכע פאַלט ווי אַ פלעק אויף אונדז אַלע...

די שוועסטער האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם פון אויפרעגונג און ווייטער זיך אָנגערופן צו די יונגע מענטשן, וועלכע זענען געווען בלאַס ווי די וואַנט.

— איך באַשולדיק נישט אַזוי מאַניען, וועלכע, כל-זמן זי איז נאָך נישט געהייליקט ביי אונדז, איז זי נאָך זינדיק. אָבער דו, יאַן?! אַ פרומער קריסט, זאָל אַזאַ עוולה דערלאָזן? די ווענט אין מאַנאַסטיר קלאָגן און וויינען איצט אויף דער גרויסער שאַנדע!

— שוועסטער! — האָט זיך יאַן אָנגענומען מיט קרעפטן און זיך אָנגערופן: — שוועסטער, עס איז דאָ קיין שלעכטס נישט פאָרגעקומען. מיר האָבן זיך ליב, מיר האָבן זיך דערקלערט אין ליבע, און אינגיכן וועט זיין ביי אונדז די חתונה.

דערהערנדיק דאָס וואָרט „חתונה“, איז די שוועסטער מאַריע אַ ביסל וויכער געוואָרן.

— אָבער, קינדער, אין מאָנאַסטיר איז נישט קיין אָרט צו דער־
קלערן זיך אין ליבע. די ווענט פון מאָנאַסטיר האָבן נאָך נישט גע־
זען אַזעלכע מיאוסע סצענעס, און נישט געהערט אַזעלכע שרעק־
לעכע ווערטער. דו, יאַן, וועסט מוזן אויף זיך נעמען אַ תשובה, וואָס
דער מאָנאַסטיר וועט אויף דיר צוויפּלייגן, כּדי זאָלסט פריער אָפּ־
וואַשן דיינע גרויסע זינד.

יאַן האָט אַ זיפץ געטאָן און מאַניע איז קוים איינגעשטאַנען
אויף איר אָרט און געוואָלט זאָגן דער שוועסטער: „יאַן זאָגט אַ ליגן,
מיר האָבן זיך נישט ליב און מיר האָבן נישט חתונה". נאָר יאַן,
דערקענענדיק אין איר פּנים, אַז זי וויל טאָן אַ שרעקלעכע זאַך — האָט
אויף איר אַ קוק געטאָן אַזוי, אַז זיי האָבן זיך ביידע פאַרשטאַנען, און
מאַניע, וויסנדיק און פילנדיק וואָס פאַר אַ געפערלעכן שריט זי וויל
טאָן, האָט מיט פאַרביסענע ליפּן געשוויגן.

— נו, יאַן, שוין גענוג דאָ פאַרבראַכט, קענסט שוין גיין!

— זיי געזונט, מיין טייערע כּלה! — האָט יאַן געזאָגט און איז
אַרויס פון צימער.

די שוועסטער מאַריע איז איבערגעבליבן. דאָס געזיכט האָט זיך
ביי איר מיטאַמאָל איבערגעביטן, ווי אויסגעקרימט און זיך געמאַכט
ווי דער גאַנצער כּעס איז אַראָפּ און אַ צוקער־זיסקייט האָט זיך צע־
גאָסן איבער איר געזיכט.

— מיין קינד! — האָט זי לאַנגזאַם געזאָגט, אויסציִענדיק די
ווערטער. — מיין קינד, דו וועסט זיין גליקלעך פאַר יאַנען. ער איז
זייער אַ לייטישער און אָרנטלעכער יונגערמאַן און דערצו אַ גלויבי־
קער, אַ פרומער... ער איז גאָרנישט ענלעך אויף די היינטיקע יונגע־
לייט: ער איז אַ שטילער, אַ רויקער, ער טרינקט נישט, ער וועט דיך
טייער האַלטן און דו וועסט זיין זייער גליקלעך פאַר אים.

— שוועסטער, איך בין שרעקלעך מיד, לאָזט מיך אַליין.

— דאָס ערשטע מאָל זע איך, אַז אַ מיידל זאָל לאַנגווייליק
זיין און מיד ווערן פון רעדן מיט איר געליבטן חתן.

— האָט רחמנות אויף מיר, שוועסטער, און לאָזט מיך אַליין.

די שוועסטער מאַריע האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס. דאָס
פּנים האָט זיך ווידער ביי איר איבערגעביטן און זי האָט שטרענג
געזאָגט:

— דו קאַפּריזעסט, מאַניע, צופיל. דו ווילסט נישט שעצן אונדזער

גוטסקייט צו דיר. קיינעם ביי אונדז לעבט זיך נישט אַזוי גוט, ווי דיר. אַלע האָבן דיך ליב און דו באַנוצסט זיך נישט מיט אונדזער גוטסקייט. אַן אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלט זיך געשעצט פאַר דער גליקלעכסטער, ווען עס זאָל זיך געפינען אַזאַ אָרנטלעכער חתן, ווי יאַן און דיך באַפרייען פון מאָנאַסטיר...

מאַגיע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— עס זענען דען נאָך דאָ אין מאָנאַסטיר אַזעלכע אומגליקלעכע, ווי איך, וואָס ווילן זיך באַפרייען?

— דו פאַרשטייסט גאָרנישט, מיין קינד, דו קענסט נישט אונדזערע שוועסטער. עס געפינען זיך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָפּ־געזאָגט פון אַלע פאַרגניגנס אין דער וועלט צוליב דעם מאָנאַסטיר; און עס זענען דאָ אויך אַזעלכע, וואָס קענען נישט געפינען קיין פאַר־גניגן אין דער וועלט, געפינען זיי דאָ אַ טרייסט אין דער שטילקייט פון אונדזער מאָנאַסטיר און אין די תפילות אין אונדזערע קלויסטערס. דאָך זענען דאָ אייניקע זינדיקע, וואָס וואָלטן זיך געוואָלט באַפרייען אויף אַזאַ אופן, ווי דו קענסט זיך באַפרייען דורך יאַנס ליבע צו דיר.

— און אָן דער ליבע קען איך זיך נישט באַפרייען פונדאַנען?

— שווער, מיין קינד, זייער שווער. איך אַליין האָב דיר צוגע־זאָגט נאָך נעכטן דיך צו באַפרייען, נאָר עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר טאָרן אויף זיך אַזאַ זינד נישט נעמען...

די געדולט האָט ביי מאַניען געפּלאַצט. זי איז אויפגעשפּרונגען און נישט מיט איר קול האָט זי אויסגעשריען:

— אָבער וואָס ווילט איר פון מיר? זאָגט מיר, מיט וואָס פאַר אַ רעכט געוועלטיקט איר איבער מיר? איך האָב זיך צו אייך פאַר־קויפט, צי וואָס? איך וויל דאָ נישט זיין! איך וויל אייך נישט קענען און נישט אייער מאָנאַסטיר. ביז ווי לאַנג וועט איר מיך מיט גוטע רייד מוטשען? לאָזט מיך אָפּ! איך מעג טאָן מיט זיך וואָס איך וויל. איך האָב אַהיים, איך האָב עלטערן, וואָס ווילט איר פון מיר? לאָזט מיך אָפּ!

— אוי, גאָט מיינער! וואָס הערן מיינע אויערן? אמגליקלעכע!— דיינע אייגענע אויערן הערן נישט דיינע ווערטער!

די שוועסטער האָט זיך אָנגעהייבן צלמען און זאָגן עפּעס אַ תפילה ווו זי האָט געבעטן, מען זאָל זיי ביידע מוחל זיין אויף

זייערע גרויסע זינד: מאַניען פאַר אירע זינדיקע ווערטער און איר פאַרוואָס זי הערט אַזעלכע ווערטער.

דידאָזיקע תפילה האָט געדויערט עטלעכע מינוט און מאַניע איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט פאַרקאָוועטע ליפּן און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

אינמיטן דער תפילה האָט די שוועסטער אַריינגעוואָרפן ווער־טער: אַ שד, אַ רוח האָט זיך אַריינגעכאַפּט, מען דאַרף אָט די שוואַר־צע כוחות אַרויסטרייבן.

עס האָט אויסגעזען, ווי די שוועסטער רעדט צו זיך און מאַניע האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

ענדלעך האָט זי געענדיקט איר תפילה און זיך געווענדט צו מאַניען:

— גאָר נישט דו, מאַניע, רעדסט, נאָר עפּעס אַ שד האָט זיך אַריינגעקליבן אין דיר און רעדט. דער הימל זאָל זיך אויף דיר מרחם זיין און ווייך מאַכן דיין האַרץ. דו דאַרפסט זיך בעסער צוגרייטן צום שמד און דערנאָך חתונה האָבן מיט יאַנעק, און דו רעדסט אַזעלכע ווערטער. ניין, מיין קינד, מיר קענען נישט, מיר טאָרן נישט אַזעלכע פאַרבלאָנדזשעטע שעפּעלעך אָפּלאָזן אַזוי נישט געשמדט. מיר ווילן נאָר דיין טובה. אויף וואָס דען איז אונדזער מאַנאַסטיר, אַז נישט צו טאָן גוטס די זינדיקע מענטשן? געדענק, אַז דו וועסט אונדז דערנאָך אַליין דאַנקען און דו רעדסט גאָר מיט אַזאַ כעס! אַ גליק, וואָס קיינער הערט נישט. שווייג בעסער און וואַרט אויף דיין גליקלעכן טאָג פון שמד — אַ גוטע נאַכט, מיין קינד!

און מיט די ווערטער האָט זיך די שוועסטער מאַריע געלאָזט צו דער טיר.

— לאָזט מיך נישט איבער אַליין! — האָט זיך מאַניע געבעטן.— אָדער לאָזט מיך אינגאַנצן אַרויס פריי!

— באַרויק זיך, מאַניע, נאָך היינטיקע נאַכט וועסטו וויסן, צי די ביזט פריי. מיר וועלן זיך נאָך היינטיקע נאַכט זען.

און מיט די ווערטער איז די שוועסטער מאַריע אַרויס פון מאַ־ניעס צימער. מאַניע האָט נישט געגלויבט, אַז די שוועסטער מאַריע וועט זי נאָך היינט בייגאַכט באַפרייען. לאַנג האָט אין דער נאַכט מאַניע געוואַרט, אַז די שוועסטער מאַריע זאָל קומען ביז זי איז פון מידקייט אַנטשלאָפן געוואָרן.

שרעקלעכע חלומות האָט זי אין שלאָף געזען. פון שרעק האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און פּלוצלונג דערזען פאַר אירע אויגן די עלטסטע שוועסטער אירינע מיט די איבעריקע שוועסטער, וועלכע האָבן געהאַלטן אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט, פּונקט ווי דעמאָלט, ווען זיי האָבן מאַניען געפירט ווייזן די הייליקע קברים אין די קעלערס.

— קום, מיין קינד! — האָט די שוועסטער אירינע זיך געווענדט מיט אַ שטרענגן טאָן צו מאַניען.

— וווהין? — האָט זי אַ דערשראָקענע נישט מיט איר קול גע-פרעגט.

אָבער זי האָט פון קיינעם קיין ענטפער נישט באַקומען.

און די שוועסטער אירינע האָט גענומען מאַניען געאָרעמט און אין דער באַגלייטונג פון די שוועסטער מיט די ליכט אין די הענט זענען אַלע אַרויס פון צימער און אָנגעהייבן גיין אויף דעמזעלבן וועג, מיט וועלכן זיי זענען פריער מיט מאַניען געגאַנגען צו די קעלערס פון די הייליקע קברים.

— וווהין פירט איר מיך? — האָט מאַניע מיט אַ שוואַך קול גע-פרעגט, נאָר קיינער האָט נישט געענטפערט. איר שטימע האָט פאַר-קלונגען דאָס שטילע געבעט-געזאַנג פון די שוועסטער מיט די אָנגע-צונדענע ליכט אין די הענט, וועלכע האָבן דעם גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו זינגען תפילות.

* * *

אין די גרויסע קעלערן, ווו עס האָבן זיך געפונען די הייליקע קברים, האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע צימערן, וועלכע מען האָט גערופן „קעליעס". דאָרטן האָבן געוווינט די פרומסטע שוועסטער, וועלכע האָבן זיך אַ נאָמען געמאַכט מיט זייער פרומקייט און מיט זייער טרייקייט צום קלויסטער.

גאַנץ אָפט פלעגט מען זיי איבערגעבן אַזעלכע נייע אָנגעקומענע,

וועלכע האָבן זיך שטאַרק געעקשנט און נישט געוואָלט איבערגיין צום שמד.

די שוועסטער פלעגן מיט די נײַ־אָנגעקומענע נישט אויפהערן פיל צו רעדן, אום זיי צו איבערצייגן אין זייער בלאָנדזשען, און נאָר אַז דאָס איבערגיין אין נײַעם גלויבן קאָן זייערע זינדיקע נשמות ראַטעווען.

אין די קעלערס פלעגט מען אויך איבערפירן אַזעלכע, פאַר וועלכע מען האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט אַנטלויפן.

וועגן די, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די קעלערס, איז געווען גרינג אָפּצולייקענען, אַז זיי געפינען זיך נישט אין מאָנאַסטיר, ווייל דאָ איז געווען דאָס זיכערסטע אָרט, ווו קיין מענטש האָט אַהין נישט געקאָנט אַרײַנקומען און זיך גאָרנישט דערוויסן.

די געבײַדע פון די קעלערס איז אויף דעם גרויסן פלאַץ פון מאָנאַסטיר געשטאַנען גאַנץ אָפּגעזונדערט, און נישט אַלע אַפילו פון די שטענדיקע אײַנוווינער פון מאָנאַסטיר האָבן געהאַט די זכיה נאָענט פאַרבײַגיין.

און די, וועלכע האָבן געוווינט אין די קעלערס, האָבן געפירט אַן אָפּגעשלאָסן לעבן. די פרומע שוועסטער האָבן אַזאַ לעבן אָנגערופן פאַר אַן אָפּקומעניש אויף דער וועלט, און דערוואַרט דערפאַר שכר אויף יענער וועלט.

אַלע שוועסטער, אויסער געציילטע, געשוואָרענע, וועלכע מען האָט געקאָנט פאַרטרויען, האָט מען מודיע געווען, אַז די נײַ־אָנגעקומענע מאַניע געפינט זיך שוין מער נישט אין מאָנאַסטיר.

קאַפּיטל צוואַנציק.

מען זוכט אַ מיטל.

ר' זעליג שרהס מיט זיין ווייב חנה, מאַניעס עלטערן, האָבן נישט אויפגעהערט צו שטיין פאַר די הויכע דיקע ווענט פון מאָנאַסטיר: אפשר וועלן זיי זיך עפּעס דערוויסן וועגן זייער טאָכטער.

נישט איינמאָל האָבן זיי אָנגעקלונגען אין טויער און געבעטן, מען זאָל זיי צולאָזן צו דער עלטסטער שוועסטער אירינע, אָבער מען האָט זיי אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויף דעם צווייטן.

ווען מאַניעס עלטערן פלעגן אָפּשטיין שעהן לאַנג ביים טויער, איז אַמאָל אַרויסגעקומען צו זיי אַ שוועסטער און זיי אויסגעפרעגט, וואָס זיי ווילן. ר' זעליג שרהס און חנה פלעגן מיט טרערן אין די אויגן דערציילן וועגן זייער אומגליק און בעטן, מען זאָל זיי צולאָזן צו זייער טאָכטער.

די שוועסטער פלעגט אויך מיט טרערן אין די אויגן ענטפערן:

— גלויבט מיר, אַז איך הער דעם נאָמען פון אייער טאָכטער דאָס ערשטע מאָל. זי איז ביי אונדז נישטאָ, איר דאַרפט זי זוכן ערגעץ אַנדערש.

די עלטערן אָבער, ווייסנדיק, אַז מאַניע קאָן זיך אין ערגעץ נישט געפינען, נאָר דאָ, האָבן נישט אָפּגעטרעטן און ווייטער געוויינט פאַר דער שוועסטער.

— אפשר ווייסט איר נישט, ווייסן אַנדערע?

— פונוואַנען זענט איר אַזוי זיכער, אַז זי געפינט זיך נאָך ביי אונדז? קאַרג אַנדערע מאָנאַסטירן זענען דאָ אויף דער וועלט? וואָס גראַדע אונדזערער? אונדזער מאָנאַסטיר רצווינגט קיינעם נישט זיך טויפן און פאַנגט נישט קיינעם, נאָר ווער עס וויל מיט דעם גוטן ווילן, דער קומט צו אונדז.

— זי איז נאָך אַ קינד, וואָס ווייסט זי. לאָזט מיך נאָר רעדן מיט איר אַ פּאָר ווערטער, און אויב זי וועט אונדז זאָגן אין די אויגן, אַז זי וויל מער פון אונדז נישט וויסן, דאַן וועלן מיר אָן איר פאַרגעסן, ווי אָן אַ טויטן און וועלן אייער מאָנאַסטיר נישט באַאומרויִקן.

— גלויבט מיר, אַז איך ווייס נישט, און קיינער ווייסט דאָ נישט פון אייער טאָכטער. פיל פון אייערע לייט קומען פרעגן אויף זייערע טעכטער. זיי אַנטלויפן, איך ווייס נישט וווהין, און צו אונדז קומט מען פרעגן!

עס קומט אָן צום טויער אַ צווייטע שוועסטער און מישט זיך אַריין אין שמועס:

— ווידער יידן! צו וואָס לאָזט מען זיי גאָר צו אַהער?

— וואָס קאָן מען טאָן מיט זיי? דו קענסט נישט די יידן, אַז

זיי טשעפּען זיך אין עפּעס אָן, איז נישט מעגלעך מיט שטעקנס זיי אָפּצוטרייבן.

ר׳ זעליג מיט זיין ווייב חנהן הערן ווייטער נישט אויף צו בעטן, מען זאָל אויף זיי רחמנות האָבן, אויב זיי ווילן נישט רחמנות האָבן אויף זייער קינד.

— ווו זאָלן מיר נעמען אייער טאָכטער?

— פרעגט ביי אייך אין מאָנאַסטיר, אפשר ווייסט עמעצער.

אום זיך אָפּצוטשעפּען, זאָגן זיי צו די עלטערן, אַז זיי וועלן נאָכפרעגן און דער שווערער אייזערנער טויער פון מאָנאַסטיר פאַרמאַכט זיך פאַר זיי, און די אומגליקלעכע עלטערן בלייבן שטיין און וואַרטן.

ר׳ זעליג איז אַריינגעפאַלן אין ספקות. ער האָט זיך אַרומגע־קוקט אויף אַלע זייטן, געקוקט און געקוקט. זיינע קנייטשן אויפן שטערן זענען נאָך טיפער געוואָרן און לאַנג געטראַכט ביז ער האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר איז זי טאַקע נישטאָ?

— וואָס פאַלט דיר איין? — זאָגט חנה. — ווו דען איז זי, אַז נישט דאָ? אַז נישט ווייס איך דען נישט וועמעס אַרבעט עס איז? איך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז קיין גוטס וועט נישט אַרויסקומען פון מאַניעס גיין צום עקאָנאָמס קינדער, און דו פלעגסט גאָר אָנקוועלן, וואָס זי קומט אין אַ פּריציש הויז צווישן גוים. ווי קומען מיר צו זיי? יעדער דאַרף זיך קענען זיינס. דאָס איז דער מומע סיווינסקעס אַרבעט: זיי האָבן אונדז נישט פאַרגונען אַזאַ טייער קינד, מיט וועלכן גאָט האָט אונדז געבענטש, האָבן זיי זי ביי אונדז אַרויסגעריסן. קאַרג וואָס זיי ווילן נאָך ביי אונדז צונעמען די מיה, אָדער מען זאָל זי פאַרדינגען אַן אַנדערן גוי.

ר׳ זעליג שרהס זיפצט.

— די פּרנסה, דאָס שטיקל ברויט פאַרגינען זיי אונדז נישט, ווילן זיי נאָך צונעמען ביי אונדז די קינדער!

— איך וועל פונדאַנען נישט אַוועקגיין, איך זאָל אַפילו וויסן, אַז איך וועל דאָ שטאַרבן, אַ טויטע מיך צונעמען פונדאַנען, וועל איך נישט אַוועקגיין! מיין קינד איז דאָ, אַז נישט ווייס איך דען נישט, אַז די שוועסטער אירינע מיט די סיווינסקעס זענען קרובים?

— און טאָמער איז זי פאַרט דאָ נישטאָ? — האָט געזאָגט זעליג.

— ווו דען איז זי, נאָר דאָ איז זי! דער ייד פון דער קרעטשמע

האָט דען נישט דערציילט, אַז ווען ער איז געשטאַנען יום-כּפור ביי-נאַכט ביי דער שול אין שטעטל וואָראַנאָוויצע, איז פאַרבייגעלאָפן אַ ברישקע מיט צוויי פאַרשוין; די פערד האָט מען שטאַרק געטריבן. דער ייד האָט געזאָגט, אַז עס איז אים בּאַלד עפּעס אַריינגעפאַלן אַ חשד.

— אַוודאי, אַוודאי איז זי, נעבעך, דאָ. נאָר וואָס טוט מען? — האָט ר' זעליג נישט אויפגעהערט צו ברעכן די הענט.

— איין גאָט זאָל אונדז העלפן, זעליג, נאָר מיר דאַרפן נישט אָפּטרעטן פונדאַנען, און ווען זיי וועלן אונדז טרייבן היינט, וועלן מיר מאָרגן ווידער קומען.

— וואָס-זשע וועט דערפון אַרויסקומען?

— זיי וועלן מוזן אונדזער קינד אָפּגעבן. זיי וועלן מוזן!

פּלוצלונג האָט זיך ווידער געעפנט דער טויער פון מאָנאַסטיר און עס האָט זיך באַוויזן אַ שוועסטער, וועלכע האָט זיך געווענדט צו מאַניעס עלטערן מיט די ווערטער:

— אונדזער עלטסטע וואַרט אויף אייך און האָט אייך דערלויבט קומען צו איר.

מיט דער גרעסטער שמחה און גוטע האָפענונגען האָבן מאַניעס עלטערן איבערגעטראָטן די שוועל פון מאָנאַסטיר.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק.

מאַניעס עלטערן אין מאָנאַסטיר.

די שוועסטער האָט מאַניעס עלטערן אַריינגעפירט אין אַ פאָדער-הויז, ווו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע אַלטע שטולן און אַ פּאָר טישלעך; די ווענט זענען געווען כּמעט אינגאַנצן באַהאָנגען מיט

אַלטע בילדער און אין איין ווינקל האָט געברענט אַ קיינעץ פון בוימל.

— זעצט זיך אַנידער און וואַרט ביז אונדזער עלטסטע שוועסטער וועט אַרויסקומען צו אייך, — האָט די שוועסטער, וועלכע האָט זיי באַגלייט, געזאָגט פריינטלעך.

אין ציטערניש און מיט קלאַפנדיקע הערצער האָבן זיי זיך געזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר.

עס האָט געדויערט אַ גאַנצע שעה: פאַרשידענע שוועסטער, געקליידט אין שוואַרצן און אין ווייסן, זענען אַריינגעקומען מיט איינגעבויגענע און פאַרדעקטע קעפּ, אַזוי, אַז מען האָט זייערע פּנימער נישט געקענט אײנגאַנצן זען. זיי זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין פאַרשידענע טירן און שפּעטער צוריקגעגאַנגען און עס זענען ווידער אָנגעקומען נייע שוועסטער.

— ווער ווייסט, ביז וואַנען מען וועט אונדז לאָזן דאָ וואַרטן?— האָט ר׳ זעליג געזאָגט צו חנהן.

— אפשר געדויערט דערפאַר, וואָס מען איז געגאַנגען רופן אונדזער טאָכטער? געלויבט איז גאָט, וואָס מען האָט אונדז כאָטש צוגעזאָגט אַהער. איך וועל נישט אַוועקגיין, ביז מען וועט נישט אָפּגעבן אונדזער קינד. וואָס האָבן זיי צו אונדז?

— מסתמא איז עס פון גאָט... אפשר וועט ער אויף אונדז שוין איצט רחמנות האָבן.

אינמיטן איבערעדן צווישן זיך איז געקומען אַ שוועסטער און זיי אָנגעוויזן אויף אַ טיר, וווּ עס וואַרט אויף זיי די שוועסטער אירינע.

איבערגייענדיק פון איין צימער אין צווייטן, וועלכע זענען געווען אַלע רייך פאַרפּוצט, זענען זיי ענדלעך אַריינגעקומען אין אַ גרויסן זאַל, וועלכער האָט מיט זיין רייכקייט פאַרבלענדט די אויגן. דאָ איז געזעסן אויף אַ גרויסן שטול די עלטסטע שוועסטער אירינע, אַרומגערינגלט מיט עטלעכע שוועסטער, אָנגעטאָן אין ווייסע און אין שוואַרצע קליידער.

אויסער דער שוועסטער אירינע, זענען אַלע געשטאַנען, און מאַניעס עלטערן האָט מען אויך געלאָזט שטיין.

— מען האָט מיר איבערגעגעבן, — האָט זיך די שוועסטער אירינע געווענדט צו מאַניעס עלטערן, — אַז איר ווילט מיך זען... ווייל אייך

האָט געטראָפן אַ גרויסער אומגליק און איר ווילט עפּעס בעטן ביי מיר. די טירן פון אונדזער מאָנאַסטיר זענען ברייט אָפן פאַר אַלע אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע זוכן ביי אונדז הילף. זאָגט, וואָס ווילט איר, און וואָס מיר וועלן נאָר קענען, וועלן מיר, מיט גאָטס הילף, טאָן, אום צו פאַרגרינגערן אייערע שמערצן וועלכע האָבן אייך געבראַכט אין אונדזער מאָנאַסטיר.

מאַניעס עלטערן, פון גרויס דאַנקבאַרקייט, וואָס די עלטסטע שוועסטער איז אַזוי גוט צו זיי און וויל זיי העלפן אין זייער אומגליק, האָבן זיך געוואָרפן איר קושן די הענט.

— באַרויקט אייך, דערציילט, וואָס ווילט איר פון אונדזער מאָנאַסטיר?

ר׳ זעליג מיט זיין ווייב זענען געשטאַנען ווי פאַרגליווערט און נישט געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט.

— ווייסט איר דען נישט, צוליב וואָס מיר זענען געקומען צו אייך? — האָט ר׳ זעליג מיט זיין ווייב ענדלעך קוים אַרויסגערעדט.
— איך בין נישט קיין נביאהטע, וואָס איך זאָל קענען וויסן. איך בין אַ זינדיקער בשר ודם גלייך מיט אַלע מענטשן. און אַלץ, וואָס גאָט ווייסט, איז פאַר מיר, ווי פאַר אַלע מענטשן פאַרבאָרגן.

— מיר זענען געקומען אייך בעטן, איר זאָלט אונדז אָפּגעבן אונדזער קינד, וועלכעס געפינט זיך ביי אייך אין מאָנאַסטיר.

די שוועסטער אירינע האָט זיך אומגעקוקט צו די איבעריקע שוועסטער, וואָס זענען געשטאַנען לעבן איר, און קאַלט געענטפערט:

— וועגן דעם זענט איר צו אונדז געקומען און מיך געוואָלט זען?
— וואָס דען האָבן מיר דאָ צו טאָן? מיר בעטן אייך, איר זאָלט רחמנות האָבן און אונדז אָפּגעבן אונדזער טאָכטער.

— וואָס הייסט איך זאָל זי אייך אָפּגעבן. איך האָב זי ביי אייך נישט גענומען, קען איך זי אייך נישט אָפּגעבן. אייער טאָכטער איז נישט קיין קינד, נישט קיין זאַך, וואָס מען זאָל זי קענען נעמען און אָפּגעבן. זי איז צו אונדז אַליין געקומען מיט איר גוטן ווילן, און מיט איר גוטן ווילן קען זי אַוועקגיין פון אונדז. מיר בייטן קיינעם נישט! אומזיסט מאַכן אייערע יידן אַ שלעכטן שם אויף אונדזערע מאָנאַסטירן, אַז זיי נעמען מיט געוואַלט אייערע קינדער און שמדן זיי... דאָס איז אַ בלבול.

— געליובט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס איך הער פון אייך, אַז מיין קינד איז דאָ, — האָט זיך חנה אָנגערופן.

— געליובט איז גאָט! — האָט זעליג געזאָגט.

די עלטסטע שוועסטער אירינע האָט זיך פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי זיך איבערגעקוקט מיט די איבעריקע שוועסטער, וועלכע האָבן זי אַרומגערינגלט, אָנגעהייבן זיך איבעררעדן מיט זיי אויף אַ שפּראַך, וועלכע ר' זעליג מיט זיין ווייב האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין איינציקן וואָרט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איצט ווערט באַשלאָסן דער גורל פון זייער קינד.

ענדלעך האָט די עלטסטע שוועסטער זיך אָנגערופן צו די אומגליקלעכע עלטערן:

— יאָ, זי איז דאָ, איך וויל פאַר אייך נישט לייקענען, כאָטש ווי איך האָב זיך דערוווּסט, האָט מען אייך דאָ געזאָגט, אַז זי איז נישטאָ. דאָס האָט אייער טאָכטער אַליין געבעטן, מען זאָל אייך און אַלע אַנדערע, וועלכע וועלן פרעגן אויף איר, זאָגן, אַז זי איז דאָ נישטאָ, ווייל זי האָט זיך אינגאַנצן פון אייך און אייערע יידן אָפּגעקערט און וויל אייך מער נישט קענען!

— ווי איז מיר! — האָט חנה אָנגעהייבן ברעכן די הענט. — עס איז דאָך נישט מעגלעך, מיין קינד זאָל אַזוי רעדן און זיך אָפּזאָגן פון אונדז!

— און איר זעט דאָך, אַז עס איז פאַרט אַזוי. ווען אַ קינד זאָגט זיך אָפּ פון אייגענע עלטערן און פון זיין פאָלק, זענען די עלטערן און דאָס פאָלק אַליין שולדיק.

— עס איז נישט מעגלעך! לאָזט מיך זי זען און מיט איר רעדן, וועט איר אַליין הערן.

— איך האָב עס שוין פון איר געהערט!

— איך וויל הערן פון איר אייגן מויל, — האָט חנה מיט טרערן געזאָגט. — איך וויל זי זען, מער פאַרלאַנג איך נישט, ווי זי צו זען און מיט איר צו רעדן, דאָס איז מיין איינציקע בקשה צו אייך.

די שוועסטער אירינע האָט זיך געווענדט צו אַ שוועסטער:

— גיי און זאָג מאַניען, אַז אירע עלטערן זענען דאָ און ווילן זיך מיט איר זען. זי זאָל קומען אַהער!

ר' זעליג מיט זיין ווייב, דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָבן זיך ווידער געוואָרפן קושן די הענט פון דער שוועסטער אירינע,

און אומגעדולדיק און פול מיט שמחה האָבן זיי דערוואַרט צו זען זייער טאָכטער.

מען האָט מאַניעס עלטערן געהייסן וואַרטן אויף זייער טאָכטער אין פאָדערהויז און מען האָט זיי צוריקגעפירט איבער אַלע צימערן אַהער.

חנה האָט זיך געמורמלט: „אויב, חס ושלום, עס איז אמת, ווי די שוועסטער דערציילט, אַז אונדזער קינד וויל אונדז מער נישט קענען, וועל איך וויינען פאַר איר, און זי בעטן... מיינע טרערן וועלן זי געוויס רירן... זי איז דאָך אַזאַ גוט קינד!"

— וואָס פעלט דיר איין, חנה? זי וועט גלייך מיט אונדז אַוועקפאָרן אַהיים. וואָס האָט זי דאָ צו טאָן? געלויבט גאָט, וואָס מיר האָבן זי געפונען און ווייסן שוין איצט זיכער, אַז זי געפינט זיך דאָ.

— אַוודאי בין איך נישט ווערט צו דערמאָנען זיין ליבן נאָמען פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט היינט מיט אונדז געטאָן.

פאַרשידענע שוועסטער זענען ווידער געגאַנגען הין און צוריק, און ביי יעדעס מאָל עפענען די טיר האָבן זיי געוואַרט, אַז אָט־אָט רופט מען זיי זיך זען מיט זייער קינד.

— וואָס געדויערט אַזוי לאַנג? — פרעגט ר' זעליג זיין ווייב.

— ווער ווייסט? אַ קינד, אפשר שלאָפט זי, וויל מען זי נישט אויפוועקן. מיר זאָל זיין פאַר איר. מיין האַרץ ווערט צעריסן. איך האָב זי שוין אַזוי געוואָלט זען, — און טרערן האָבן זיך אָנגעהייבן גיסן פון אירע אויגן און זי האָט שטיל געוויינט.

ר' זעליג האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון וויינען.

— באַרויִק זיך, חנה. עס פאַסט דאָ נישט צו וויינען... זי וועט באַלד קומען, וועלן מיר פאָרן אַהיים.

— איך קאָן נישט איינהאַלטן מיין האַרץ, וואָס קלאַפּט אַזוי. איך האָב זי שוין אַזוי לאַנג נישט געזען. מיר זאָל זיין פאַר איר! ווער ווייסט, ווי זי זעט אויס, אפשר איז זי גאָרנישט געזונט!

— וואָס פעלט דיר איין! זי זאָל, חס ושלום, נישט געזונט זיין, וואָלט מען אונדז געפירט צו איר. זי וועט באַלד קומען. גלויב מיר, אַז איך דערמאָן זיך, וואָס עס טוט זיך אינדערהיים אָן מיר, ווי עס גייט דאָרט מיט דער מיל אָן מיר, שטעלן מיר זיך די האָר קאַפּויר, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַ קינד איז בילכער!

— די מיל האָסטו אין זינען, און פון דער גאַנצער שטוב וואָס קאָן ווערן אָן מיר? נאָר זאָל אַלץ זיין אַ כפרה, אַבי מיין קינד זען צוריק. איך זינדיק נישט, אַבי נאָר מיין קינד.

— זאָל זי נאָר זיין געזונט, אַרט מיך נישט, וועל איך נאָך אַ ביסל צוווארטן, נאָר געזונט זאָל זי זיין, רבונו של עולם!

פלוצלונג האָט זיך געעפנט אַ טיר און עס איז אַריינגעקומען אַ שוועסטער און געזאָגט צו זיי:

— צום באַדויערן קאָן איך אייך איבערגעבן אין נאָמען פון אייער טאָכטער, אַז זי וויל זיך מיט אייך נישט זען. איך האָב פיל מיט איר איינגעטענהט און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

— עס איז אַ ליגן! — האָט חנה נישט מיט איר קול אויסגעשריען.—לאָזט מיך צו מיין קינד!—האָט זי נישט אויפגעהערט שרייען און וויינען. און מיטביידע הענט זיך געקלאַפט אין קאָפ. — עס איז אַ ליגן! — האָט זי נישט מיט איר קול אָנגעהייבן שרייען.

אין פאָדערהויז, ווו עס האָבן זיך געפונען נאָך שוועסטער, איז געוואָרן אַ טומל. דערשראָקענע זענען זיי געלאָפן הין און צוריק.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק.

אין שטילן דאָרף.

אין דאָרף, ווו עס וווינען מאַניעס עלטערן, איז איצטער שטילער, ווי געוויינלעך. צום ווייסן הויז, ווו דער עקאָנאָם מיט זיינע פאַרזעסענע טעכטער, פלימעניצעס און מומעס געפינען זיך, קומען ווייניק געסט. עפעס האָט יעדער מורא, יעדער ווייכט אויס דאָס הויז, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע דראַמע, וועלכע האָט זיך נאָך נישט געענדיקט און יעדער האָט מורא געהאַט זיך נישט פאַרמישן אין

דער געשיכטע, וועלכע קאָן זיך אפשר ;ייער מיאוס אויסלאָזן פאַר די אַנטיילנעמער און פאַר די, וועלכע קומען אין דעם ווייסן הויז. די-ריבער האָבן די פריערדיקע געסט אויסגעווייכט דאָס הויז, און ווען די דאָרטיקע שטענדיקע איינוווינער האָבן אַמאָל באַגעגנט זייערע באַקאַנטע און געפרעגט, פאַרוואָס זיי קומען נישט, האָט מען זיי אָפּגעפּטרט מיט אַן ענטפער, אַז מען איז באַשעפטיקט און מען האָט קיין צייט נישט.

און דער אַלטער פעלדשער פון דאָרף, לודוויגס פאָטער, האָט גלייך געענטפערט דעם סיווינסקיס ביידע „מומעס”:

— איך און מיין ווייב קענען נישט קומען צו אייך איבער דער געשיכטע מיט מאַניעס אַנטלויפן.

— וואָס הייסט, וואָס האָט איר דאָ וואָס מורא צו האָבן?

— מורא האָבן מיר נישט, אַנדערע דאַרפן מורא האָבן, נאָר דאָך ווילן מיר נישט, אַז עס זאָל פאַלן אַפילו אַ חשד אויף אונדז, ווייל מיר קאָנען נאָך נישט וויסן מיט וואָס די געשיכטע וועט זיך ענדיקן.

— וואָס קאָן זיך דאָ ענדיקן? זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, איז זי אַנטלאָפן. אַי, אייער זון איז מיט איר געלאָפן? ווער האָט זיך דאָס געקאָנט אָפּזאָגן פון אַזאַ גרויסער מצווה, ווי פירן אַ פאַרבלאָנ-דזשעט, אומשולדיק קינד צו דעם הייליקן שמד?

— פאַר מיין זון בין איך נישט פאַראַנטוואָרטלעך. איך האָב אויך ליב צו טאָן אַ מצווה, ווען עס ווערט געטאָן אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין, שטיל, רויק, אַז קיין הונט זאָל נישט וויסן, און דאָ ווייסן שוין באַלד אַ האַלבע וועלט. די יידן וועלן עפּעס שווייגן? וויבאַלד, אַז זיי ווייסן, ווו זי געפינט זיך!

— און אַז די יידן ווייסן, איז וואָס? — האָבן דעם עקאָנאָם סי-ווינסקיס ביידע מומעס געפרעגט. — וועלן זיי בלייבן דערביי, אָבער מאַניען וועט מען זיי נישט צוריקגעבן. און, ווידער, היינט ווייסן זיי, ווו זייער טאָכטער געפינט זיך און מאָרגן וועלן זיי שוין נישט וויסן!

— וואָס הייסט, איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר רעדט? — האָט דער פעלדשער זיך געוווּנדערט.

— וואָס זאָלט איר דאָ נישט פאַרשטיין? מען קען מאַניען איבער-פירן אין אַן אַנדער מאָנאַסטיר, ערגעץ וויט-וויט, וועלן שוין די יידן נישט וויסן. אפשר האָט מען זי שוין ערגעץ אַוועקגעפירט?

— די יידן וועלן נישט שווייגן! זיי וועלן שוין פון דעם נייעם אָרט זיך אויך דערוויסן! נישט אַזוי האָט מען זיך באַדאַרפט אויפפירן.

און דער פעלדשער האָט אָנגעהייבן דערציילן מיט גרויסקייט, ווי ער און נאָך אַנדערע, אין די אַמאָליקע צייטן, פלעגן נישט איין יידישקע פירן צום שמד אין די מאָנאַסטירן, און שאַ, שטיל. זייערע נשמות זענען שוין לאַנג אין גן־עדן, און דאָ מיט מאַניען טוט זיך עס אַ ביסל. עס קאָכט אַרום אין אַלע דערפער און שטעט און איין גאָט ווייסט מיט וואָס פאַר אַ בזיונות עס וועט זיך ענדיקן?

— וואָס־זשע טוט מען? — האָבן די „מומעס" געפרעגט אין איין ציטערניש.

— עס איז דאָ נאָר צוויי וועגן: אָדער מען זאָל זי אָפּגעבן אירע עלטערן, אַזוי, אַז זי זאָל אַליין פּלוצלונג קומען אין דאָרף צו זיך אַהיים, אָדער מען מוז זי אַוועקפירן פון דעם מאָנאַסטיר ערגעץ וויי־טער, אָבער עס אַזוי אָפּטאָן אין דער שטיל, אַז קיינער זאָל זיך מער נישט דערוויסן.

— עס איז גרינג צו זאָגן, מאַניען אָפּגעבן אירע עלטערן. וויפל אַרבעט, וויפל שרעק קאָסט אונדז, און ווי זאָגט מען זיך אָפּ פון אַזאַ מצווה? ווי נעמט מען אויף זיך אַזאַ גרויסע עבירה, און אַזאַ טייערע, ריינע נשמה צוריק איבערגעבן צו די שדים, די יידן, און וואָס וועלן מיר קאָנען זאָגן דער שוועסטער אירינע?

— טוט ווי איר פאַרשטייט. „מיין שטוב איז אין דער זייט".

— וואָס מאַכט איר זיך אַזוי נישט וויסנדיק? אייער זון האָט דאָך דעם גרעסטן אנטייל גענומען אין דער געשיכטע?

— מיין זון? וואָס מיין זון? ער איז פאַר זיך אַ מענטש, איך בין פאַר אים נישט פאַראַנטוואָרטלעך! מאלע, וואָס אַ יונגערמאַן האָט צו טאָן מיט פאַרשידענע מיידלעך! איך גלויב, אַז אין דער געשיכטע מיט מאַניען האָט ער נישט געזוכט קיין מצוות. אים איז ווייניק אָנגעגאַנגען איר שמד. ער האָט אין מאַניען געזוכט אַ שיין מיידל און ווייטער גאָרנישט!

— מער נישט, זאָגט איר, אַן אייגענער טאַטע? דאָס איז אַ גרויסע זינד!

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז פאַר מיין זונס זינד וועל איך נישט אָפּקומען. יעדער קומט אָפּ פאַר זיך.

— וויבאַלד אַזוי, — האָבן די מומעס געענטפערט און זיך איבער־

געצלמט, — וויבאלד אזוי? טאר מען דאך לודוויגן נישט אריינלאזן אין א לייטיש הויז!

— ווי איך ווילט אייך! איך וועל זיין צעפרידן, אז איר וועט אים צו אייך מער נישט אריינלאזן... ער איז א פראסטן פעלדשערס א זון, דארף ער זיך נישט שטופן אין די הויכע פענסטער צווישן די פריצים. מיין זיידע איז געווען א פראסטער מענטש און איך אויך, ווי קומט מיין זון צו אזעלכע לייט? איך האב אים געלאזט לערנען גראמאטע און דערנאך אין די שקאלעס, איז ער ביי זיך א גאנצער פריץ געווארן!

— איר רעדט מיט אונדז צופיל עזותדיק, איר לאכט פון אונדזער הויז...

— זייט מיר מוחל, איך מיין נישט קיינעם צו באליידיקן. איך רעד נאר וועגן מיין לודוויגן, וואס איז מיר צופיל פריץ געווארן און פארגעסט, אז זיין טאטע איז אן ארעמער, דארפישער פעלדשער און זיין מאמע ארבעט שווער אויף אונדזער שטיקל פעלד, און לודוויג הוליעט! א ליידיקגייער געווארן! ער פארגעסט, אז איך קען שוין אזויפיל נישט ארבעטן און שולדיק בין איך אליין, וואס איך האב אים געשיקט אין די שקאלעס, איז ער א גרויסער פריץ געווארן!

ברוגז און אן א זיי־געזונט זענען די פריצישע מומעס אוועקגעגאנגען פון פעלדשער און טרויעריק, שטיל פארפאלן געווארן אין עקאנאמס הויז.

* * *

אין דארף איז שטיל און טרויעריק. איבערהויפט האט אנגעמאכט אן אומעט אויף די דארפסלייט, וואס מען הערט מער נישט דאס קלאפן פון די רעדער אין ר' זעליג שרהס מיל. זינט ער מיט זיין ווייב זענען אוועקגעפארן זוכן מאניען האט זיך די מיל געשטעלט. א טאג צוויי איז זי נאך געגאנגען פון די זעקלעך קארן, וואס ער האט נאך פאר יום־כפור אנגעגרייט, און ווען עס האט זיך אויסגעלאזט, האט דער אלטער גוי זשיבעק זיך קיין עצה נישט געקענט געבן. ער איז גע-

גאַנגען צו דער אַלטער דבורה, וועלכע איז געבליבן אַליין אין שטוב, זי פרעגן, וואָס טוט מען ווייטער מיט דעם מאָלן אָן קאָרן? האָט זי אים געענטפערט:

— וואָס מיר מאָלן, ווער מיר מיל? פאַר אונדז איז איצט אַלץ איינס, כּל זמן מען וועט אונדזער מאַניעץ נישט געפינען.

און דער אַלטער זשיבעק האָט מיט אַ קרעכץ אָפּגעשטעלט די רעדער פון דער מיל און עס איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן... אַ טויט־שטילקייט האָט אָנגעהייבן הערשן אין מיל, און דער אַלטער זשיבעק, וועלכער איז פיל צענדליקער יאָרן צוגעוווינט געוואָרן צום רעש פון דער מיל, האָט שטיל צו זיך געזאָגט, קוקנדיק אויף די רעדער:

— געלעבט און אָפּגעשטאָרבן. שאַ, שטיל, ווי אויף דעם בית־הקברות. באַלד וועל איך אויך שטאַרבן. אַלץ מוז שטאַרבן!

זשיבעק האָט פאַרשלאָסן די מיל און האָט זיך איבערגעקליבן צו זיין באַלעבאָס אין הויז און זיך אַרויפגעלייגט אויף דעם אויוון און פלעגט שעהנווייז דאָרט אָפּליגן, ביז די אַלטע דבורה פלעגט אויף אים אָנשרייען, ער זאָל אַראָפּקריכן.

— וואָס וועל איך טאָן, אַז די מיל שטייט? איך קאָן נישט לעבן אָן אַרבעט, ליג איך אויף דעם אויוון.

און די אַלטע דבורה האָט אַ זיפץ געטאָן.

— ביזט גערעכט, זשיבעק, שווער זיך אַרומדרייען אָן אַרבעט, ווען מען איז צוגעוווינט.

און דבורה פלעגט אים טרייסטן, אַז איר זון מיט הנהן וועלן זיך אומקערן און ברענגען מיט זיך מאַניעץ. די מיל וועט ווידער אָנהייבן גיין, און עס וועט ווידער פריילעך ווערן אין דאָרף.

אפילו פרעמדע פאַרבייגייער פלעגן נישט אָן קיין זיפץ פאַרביי־גיין דורך דער מיל. די דאָרפסלייט זענען פון קינדווייז אָן צוגעוווינט צום רעש פון דער מיל, ווען נאָך דבורהס מאַן האָט די מיל געהאַלטן אין ארענדע.

שטיל, טרויעריק און אָן רעש איז איצט געלאָפן דאָס טייכל זאסטאווקע פאַרביי דער מיל. קיין איינציקע ראָד האָט דאָס לויפן פון טייכל נישט געשטערט.

אין דער שטילקייט איז פאַרביי דעם טייכל געגאַנגען יאַן און זיך געלאָזט גיין צו ר׳ זעליג שרהס הויז.

— איך וועל זיי גלייך זאָגן, — האָט ער ביי זיך פעסט באַשלאָסן.—

איך וועל זיי אָפּן זאָגן, אַז אויב זיי וועלן לאָזן מאַניען חתונה האָבן פאַר מיר, וועל איך זי באַפרייען פון מאָנאַסטיר...

אויף דעם וועג צו ר׳ זעליג שרהס הויז, האָט יאַן אין דער שטילקייט דערהערט, ווי אײנער גײט לעבן דער מיל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט ווער עס גײט.

ער האָט דערזען דעם אַלטן מילנער זשיבעק, אײנגעבויגן אין דרייען און רעדט עפּעס צו זיך.

– וואָס מאַכסטו עפּעס, זשיבעק? – האָט יאַן געפרעגט בײ אים.– פאַרוואָס לאָזטו נישט גײן די מיל?

זשיבעק האָט אָנגעהייבן זיפצן:

– נישטאָ וואָס צו מאָלן!

– פאַרוואָס, די פּויערים ברענגען מער נישט קיין קאָרן?

– ניין, זיי וואָלטן געבראַכט, נאָר קיין באַלעבאָס איז נישטאָ.

– ווו איז דיין באַלעבאָס?

– האָסט נישט געהערט פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן?

– ניין, נישט געהערט, – האָט יאַן זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק.

– נישט געהערט? – האָט זשיבעק זיך געוווּנדערט. – דאָס גאַנצע דאָרף, די גאַנצע געגנט ווייסט און דו נישט.

– וואָס-זשע איז געשען?

– זיין טעכטערל, די שיינע גוטע מאַניע האָט מען אַוועקגעפירט ערגעץ אין אַ מאָנאַסטיר אָפּשמדן אויף אַן אומדזעריקע...

– וואָס-זשע איז פאַר אַן אומגליק? און אַזוי רעדט אַזאַ פרומער קריסט, ווי דו?

– מען טאָר נישט טאָן אַזעלכע זאַכן מיט געוואַלד! נישט שיין פאַר אָרנטלעכע קריסטן!

יאַן האָט אַ שפּיי געטאָן, ווי אויף אַן אַלטן עובר-בטלניק און איז אַוועק צו זעליגן אין הויז.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק.

אַ משכון.

ווען יאַן איז אַריינגעקומען צו מאַניעס עלטערן אין הויז, האָט ער געפונען נאָר די אַלטע דבורהן, וועלכע איז ווי אַ האַלבע קראַנקע געזעסן לעבן טיש און דער אַלטער מילנער זשיבעק איז געלעגן אין קיך.

דבורה האָט זיך דערשראָקן, דערזעענדיק יאַנען, ווייל זי האָט שוין לאַנג נישט געזען קיין מענטשן, וואָס זאָל קומען צו זיי אין הויז.

— ווו איז אייער זון מיט אייער שנור? — האָט יאַן געפרעגט נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגעגעבן אַ גוטמאָרגן.

— ווו זאָל ער זיין — האָט דבורה געענטפערט מיט אַ זיפץ און געבעטן אים זיצן.

— נאָך זוכן זיי מאַניען?

— וואָס דען? ווי קאָנען מיר לעבן אָן איר?

— ווען וועלן זיי קומען אַהיים?

— איין גאָט ווייסט!

— אייביק וועלן זיי דאָך נישט אַרומזוכן מאַניען. די מיל קאָן דאָך אייביק נישט שטיין! און פון דעם גאַנצן הויז ווערט דאָך אַ תל!

— וואָס-זשע זאָלן מיר טאָן, ווען גאָט האָט אונדז אַזוי געשטראָפט?

— אַ שאָד, וואָס זיי זענען נישטאָ. איך קאָן נישט צוזען אייער צער... איך וואָלט אייך פיל געהאָלפן מאַניען צו געפינען, איך ווייס ווו זי איז...

— וואָס קומט אַרויס, מײַן זון שרײַבט מיר אויך, אַז ער ווייסט שוין ווו זי געפינט זיך, און דאָך גיט מען אונדז נישט אָפּ אונדזער קינד.

— וואָס, זיי ווייסן שוין? — האָט יאַן פאַרוווּנדערט געפרעגט. — פאַרוואָס־זשע נעמען זיי זי נישט אַהיים?

— די שוועסטער פון מאָנאַסטיר זאָגן, אַז מאַניע וויל דאָרט פאַרבלײַבן און וויל אונדז מער נישט קאָנען. איך גלויב נישט!

— און אײַער זון האָט זי שוין געזען, גערעדט מיט איר?

— ניין, זיי זאָגן, אַז מאַניע וויל נישט זען אירע עלטערן.

יאַן האָט זיך פון דעם נײַס אויפגעכאַפּט פון אָרט און געטראַכט: דאָס איז אַ ליגן. זי האָט מיך אַזוי געבעטן, איך זאָל זי נעמען אַהיים.

— ווו געפינט זיך איצטער אײַער זון מיט אײַער שנור? איך דאַרף זיי נייטיק זען.

— ווו זאָלן זיי זיך געפינען? דאָרטן, לעבן מאָנאַסטיר, אין שטעטל וואָראָנאָוויצע.

— וואָס טוען זיי דאָרטן, ווען מען וויל זיי מאַניען נישט אָפּגעבן?

— זיי זוכן מיטלען, כאָטש זיך זען מיט איר. הערן פון מאַניען, וואָס וועט זי זאָגן, ווען זי וועט זען די עלטערן. עס איז דאָך נישט מעגלעך, זי זאָל אונדז נישט וועלן מער קאָנען.

יאַן איז געזעסן אַ פּאָר מינוט אָן ווערטער. ער האָט זיך שוין אָנגעהייבן געזעגענען, און פּלוצלונג האָט ער אָנגענומען די אַלטע דבורה בײַ דער האַנט און איר געזאָגט:

— זאָגט מיר, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן, וואָס איך וועל אײַך בעטן, וועל איך אײַך מאַניען ברענגען פון מאָנאַסטיר.

— אויב דו קאָנסט עס אויספירן, ווייסטו ווי מיר וואָלטן דיר אָפּגעדאַנקט. וואָס דו זאָלסט נישט בעטן, וועלן מיר דיר אַוועקגעבן, אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן! אָבער דו ווייסט דאָך, אַז מיר זענען נישט רײַך...

— אַז איך וויל נישט קיין געלט...

— וואָס־זשע דען? — האָט דבורה פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— איך פאַרלאַנג נאָר איין זאַך, אַז איר אַלע זאָלט נישט זײַן דאַקעגן, אַז מאַניע זאָל מיט מיר חתונה האָבן. איך וועל ווינען

מיט איר טאָקע דאָ אין דאָרף, און זי וועט פון אייך נישט פאַר־פרעמדט ווערן.

— וואָס רעדסטו, יאַן? — האָט די אַלטע דבורה אַ דערשראָקענע אויסגערעדט. — וואָס רעדסטו? איך פאַרשטיי נישט, צי מיינע אַלטע אויערן הערן נישט?

— וואָס זאָלט איר דאָ נישט פאַרשטיין? איך בעט אייך, איר זאָלט אייער אייניקל דערלויבן חתונה האָבן מיט מיר. איך האָב זי שוין לאַנג ליב, און אַז איך וועל מיט איר חתונה האָבן, וועל איך זי אָפּהיטן, ווי די אויגן אין קאָפּ.

יאַן האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער, נאָר דבורה איז ווי פאַר־בליווערט געוואָרן און עס איז שווער געווען אַ וואָרט אויסצורעדן. ענדלעך האָט זי אים געזאָגט:

— איך ווייס גאָרנישט. דער קאָפּ דרייט זיך מיר און אין די אויגן איז מיר פינסטער.

דבורה האָט אָנגעהייבן רופן דעם אַלטן גוי, זשיבעקן, ער זאָל איר ברענגען אַ ביסל וואַסער.

זשיבעק האָט געבראַכט אַ קריגל וואַסער און צוריק זיך גע־לייגט, מאַכנדיק זיך ווי ער שלאָפט און געהערט יעדעס וואָרט, וואָס יאַן האָט גערעדט מיט דער אַלטער דבורה.

נאָכדעם, ווי זי האָט אויסגעטרונקען אַ ביסל וואַסער, האָט זיך דבורה אָנגערופן צו יאַנען:

— וויבאַלד זי זאָל חתונה האָבן מיט דיר, קאָן זי דאָך קיין ייִדיש קינד נישט בלייבן?

אוודאי נישט!

— וואָס־זשע איז אונדז דער חילוק, אַז זי וועט בלייבן אין מאָנאַסטיר?

— דאָרטן וועט זי פירן אַ לעבן, ווי אַן אַרעסטאַנט, און דאָ, ווען זי וועט חתונה האָבן, ווערט זי פריי און דער מאָנאַסטיר וועט מער נישט קאָנען זי אויסבאַהאַלטן.

— ווי איז מיר פאַר איר! — האָט די אַלטע דבורה זיך צעוויינט.

— זאָג מיר, יאַן, — האָט זי פּלוצלונג אים אַ פרעג געטאָן, אויס־ווישנדיק זיך די אויגן. — פאַרוואָס ווילסטו חתונה האָבן מיט מאַניען?

— ווייל איך האָב זי ליב.

— און דו וועסט זיך נישט שעמען פאַר דיינע אייגענע חתונה צו האָבן מיט אַ יידישקע?

— ניין, ווייל איך האָב זי צופיל ליב, און אָן איר קאָן איך נישט לעבן.

— פאַרוואָס זשע באַגייסטו זיך שוין אַזוי שלעכט מיט איר?

— מיט וואָס?

— דו האַלטסט עפּעס מאַניען פאַר אַ משכון: וועט מען זי דיר אוועקגעבן פאַר אַ פרוי — וועסטו זי באַפרייען, וועט נישט — בלייבט זי פאַר אַ משכון אַרעסטירט. דאָס איז עפּעס, ווי אַ מעשה אין אַ ביכל וועגן אַ מערדער, וואָס כאַפּט מענטשן פאַר אַ משכון, מען זאָל אים באַצאָלן געלט... און ווי קאָנסטו רעדן וועגן דעם, אַז דו האָסט זי ליב, ווען דו פירסט זיך אַזוי אויף? איך בין שוין אַן אַלט מענטש, דאָך ווייס איך, אַז ווען מען האָט עמעצן ליב, באַגייט מען זיך אַנדערש: פריער באַפרייט מען יענעם און דערנאָך רעדט מען. דאַן קאָן מען דיר ענטפערן. איצט איז מיין זון נישט אינדערהיים, ווייס איך גאָרנישט, וואָס דיר צו זאָגן. דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן דיר זאָגן, איז דאָס, אויב דו האָסט זי אמת ליב, דאַרפסטו נישט וואַרטן אויף באַלוינונגען. דו דאַרפסט זי, ווי צום גיכסטן, פריער פאַר אַלץ באַפרייען. ברענגען זי אַהיים, און דערנאָך וועלן מיר קאָנען רעדן. איך רעכן, אַז מען מוז מאַניען אויך פריער פרעגן, צי וויל זי מיט דיר חתונה האָבן?

— זי וועט נישט זיין דאַקעגן, איך האָב נאָר מורא, אַז ווען איך וועל זי באַפרייען, וועט איר זי דערנאָך באַלד מיט געוואַלט חתונה מאַכן מיט אַ יידן. קאָנט איר מיר פאַרזיכערן, אַז איר וועט דאָס נישט טאָן?

— איך קאָן דיר אָן מיין מאַן קיין זאַך נישט פאַרזיכערן... איך קאָן דיר נאָר זאָגן, אַז נישט פאַר קיין יידן און נישט פאַר קריסט וועלן מיר זי מיט געוואַלט נישט חתונה מאַכן. וואָס זי וועט וועלן, וועט זי טאָן מיט זיך.

— אויב אַזוי, — איז יאַן אויפגעשפּרונגען, — וועט נישט געדויערן קיין פאַר טעג און איר וועט מאַניען זען ביי זיך אינדערהיים.

— הלוואי! זאָל גאָט געבן, — האָט די אַלטע דבורה געזאָגט, נישט גלויבנדיק.

יאַן האָט זיך געזעגנט און איז מיט אַן אימפּעט אַרויס פון שטוב, זאָגנדיק שוין ביי דער טיר:

— אין גיכסטן וועט איר זען מאַניען, אָבער שוין אַלס מיין געזעצלעכע פרוי.

די אַלטע דבורה איז מיט שרעק אים נאָכגעלאָפן, געוואָלט אים עפּעס זאָגן, נאָר ער איז שוין געווען ווייט, און באַלד איז ער אינ־גאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן צווישן די ביימער הינטער דער מיל.

קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק.

דער אַלטער מילנער.

די גאַנצע צייט, וואָס יאַן האָט גערעדט מיט דער אַלטער דבורה, איז דער אַלטער מילנער זשיבעק געלעגן אויף דעם אויוון און זיך געמאַכט שלאָפנדדיק.

אָבער ער איז נישט נאָר געווען וואַכנדיק און געהערט יעדעס וואָרט, וואָס יאַן האָט געזאָגט דבורהן, נאָר ער איז געלעגן, ווי אויף שפּילקעס און עס האָט אים אַלע מאָל געהייבן פון אָרט, ווי גלייך דער אויוון האָט געגליט פון צופיל היצן.

ער האָט זיך אַלע מאָל געהייבן פון זיין אָרט און געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון אויוון, כאַפּן יאַנען, אים גוט אויסקלאַפּן די ביינער און אַרויסוואַרפן פון שטוב, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין אַלט־קייט און שוואַכקייט און אַז יאַן איז אַ יונגער, אַ געזונטער... איז ער ווייטער געבליבן ליגן אויף זיין אָרט און אין זיך געמורמלט:

— אַזאַ גאַרבישט, אַזאַ לא־יוצלח, אַזאַ פאַרזעעניש! וויל חתונה האָבן מיט אַזאַ גאָלדן מיידל, אַזאַ טייער קינד, ווי מאַניעלע. איך וועל אים די ציין אויסזעצן און דעם קאָפּ פון גאַרגל אָפּדרייען,

אז ער וועט שוין מער נישט קענען טראַכטן וועגן מאַניעלען. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ גוטן ביסן... נישקשה, דערויף בין איך זשיבעק, ער וועט זיך פריער דערוווּערגן, אַזאַ פּוסט-פּאַסטניק, אַ גאָר-נישט! ווי מעג ער גאָר טראַכטן וועגן מאַניעלען? ווייניק מיידלעך האָט ער אין דאָרף, ווו ער זאָל זיך קענען אויסקלייבן אַ כּלה און חתונה האָבן, ווי לייטן גלייך, האָט זיך אים דווקא פאַרגלוסט אַ יידיש מיידל, און וועך? מאַניעלע! אַנדערש שטייט אים נישט אָן!

און ער האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן.

זשיבעק האָט זיך נישט אויפגעהערט צו קסכן, אַז יעדער איבער האָט אין אים געציטערט פון גרויס כּעס, און אָפּגעקילט זיין כּעס האָט ער מיט דעם, וואָס ער האָט זיך געזאָגט:

— כּל-זמן איך, זשיבעק, לעב, וועל איך עס נישט דערלאָזן! איך בין אַ קריסט, אָבער אַזאַ עוולה וועל איך נישט דערלאָזן!

זשיבעק האָט עס געזאָגט מיט דעם גאַנצן האַרצן און נישט אומזיסט האָט ער זיך אַזוי געקאָכט, ווען מען האָט דערמאָנט מאַניעס נאָמען.

ער איז פון לאַנגע יאָרן געווען מילנער נאָך ביי זעליג שרהס פאָטער, דבורהס מאַן, ר' יצחק הירש שרהס, און אפילו נאָך זיין טויט איז די מיל מיט זשיבעקן צוזאַמען אויך איבערגעגאַנגען צו זעליגן. מאַניע, נאָך זייענדיק אַ קליין קינד, איז אויף דעם אַלטן זשיבעקס הענט אויסגעוואַקסן.

זשיבעק איז געווען אַן עלנטער, שטענדיק אַליין, קיינמאָל קיין ווייב און קינדער נישט געהאַט, אַ „באָביל" ווי מען רופט אַזוינס אין דאָרף.

אָפּדינענדיק פינפאונצוואנציק יאָר נאָך ביי ניקאָלאי דעם ערשטן, האָט ער זיך דערנאָך אויסגעוואָלגערט אין פיל שטעט און דערפער און צו קיין אַרבעט זיך נישט געקענט דערשלאָגן, ביז ער איז פאַרבלאָנ־דזשעט געוואָרן אין דעם דאָרף זאַסטאַוו, ווו זעליגס פאָטער האָט גע־האַלטן די מיל און דאָ איז ער פאַרבליבן אויף זיין גאַנץ לעבן, געטריי און איבערגעגעבן געאַרבעט. מען האָט אים די מיל איינגאַנצן געטרויט און זשיבעק איז דערויף שטאָלץ געווען, וואָס ער האָט זיך אין מיל געפילט, ווי אַ גאַנצער באַלעבאָס.

ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער יידישער פאַמיליע און ער

האָט זיך עפּעס גערעכנט פאַר אַן אייגענעם נישט נאָר אין מיל, נאָר אויך אין הויז.

ער האָט זייער ליב געהאַט די קינדער און באַזונדערס דאָס שיינע קינד מאַניע.

ער פלעגט מיט שטאָלץ און מיט ליבע אָפּט דערציילן, אַז ווען מאַניע איז נאָך געלעגן אין וויגעלע און געוויינט, פלעגט ער זי מיט שיינע לידעלעך פאַרוויגן ביז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

זשיבעק האָט מאַניען ליב געהאַט, ווי נאָר אַן אַלטער עלנטער מענטש, אַ „באָביל" קען ליב האָבן אַ קינד.

יעדן זונטיק, אָדער אין די חגאות, ווען ער איז געווען פריי און געגאַנגען אין שטעטל אַריין, איז ער קיין איינציק מאָל נישט געקומען אַהיים אָן מתנות פאַר מאַניעלען: ווייסינקע קליינע בייגעלעך אויפגעשנירט אויף אַ שטריקל, ווי אַ קרענצל, אָדער געפאַרבטע פייגעלעך, וועלכע מען האָט געקענט עסן און זיי זענען געווען אַזוי זיס און גוט!

און ווען מאַניע איז אונטערגעוואַקסן, פלעגט זשיבעק ברענגען פאַר איר רייטע קרעלן אויף דעם האַלדז אָדער אַנדערע שיינע פאַטשערקעס, מיט וועלכע מען האָט זיך געקענט אויספּוצן, און מאַניע האָט זיך שטענדיק זייער געפרייט און אָנגעקוואָלן פון זשיבעקס מתנות און האָט דעם אַלטן מילנער ליב געהאַט.

ווען מאַניע איז אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ שיין מיידל, פלעגט זשיבעק זאָגן, אַז ווען מאַניע וועט חתונה האָבן, וועט ער אַוועקוואַרפן די מיל און גיין צו איר מאַן דינען, ווייל ער קען מאַניען נישט אַוועקלאָזן אַליין, און אַלע אין שטוב פלעגן לאַכן און זיך פרייען מאַכן וועגן זשיבעקן.

אַלע אין דאָרף האָבן געוווּסט, וויאַזוי זשיבעק איז צוגעבונדן צו זיין יידישן באַלעבאָס און זיין פאַמיליע און די פויערים, וועלכע זענען געקומען מיט זעקלעך ווייץ, אָדער קאָרן, צו מאָלן אין מיל און דאָס מעל איז אַרויסגעקומען צו דיק, פלעגן זיי זיך מיט אים קריגן און אים פאָרוואַרפן, אַז ער איז אַ „זשידאָווסקי נאַימיט" — אַ יידישער משרת, נאָר ער האָט נישט געקוקט דערויף און פלעגט זיך קריגן מיט פויערים, ווען זיי האָבן נישט דערצאָלט אַ גראָשן.

פון זינט מאַניע איז אַנטלאָפן, איז זשיבעק אַרומגעגאַנגען אַ דערהרגעטער, אַ דערשלאָגענער. זיין באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע

זענען פון דעם אומגליק אָן נישט געווען אינדערהיים, זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט זוכן זייער קינד, און ווען זיי פלעגן קומען אַמאָל נעכטיקן אהיים, זענען זיי געווען אַזוי פאַרזאָרגט און נישט אויפגעהערט צו וויינען, אַז ער האָט נישט געוואַגט צו פרעגן, און פון דער אַלטער דבורה, וועלכע פלעגט זיך ווי אַ מת אַרומדרייען אַליין אין שטוב, אָדער לעבן דער פּוסטער מיל, האָט ער זיך אויך גאָרנישט געקענט דערוויסן וועגן מאַניען, צי עס איז דאָ אַ האָפענונג, אַז זי זאָל קומען אהיים.

נאָר איצט האָט ער, ליגנדיק אויף דעם אויוון, זיך מיטאַמאָל דערוווסט פון יאַנעקן, ווען ער האָט גערעדט מיט דער אַלטער דבורה.

און זשיבעק, בלייבנדיק ליגן אויף דעם אויוון, האָט זיך דאָס ערשטע מאָל פאַרטראַכט אַרויסצוראַטעווען מאַניען פון מאָנאַסטיר.

— נאָר, וויאַזוי?—האָט ער נישט אויפגעהערט צו קלערן. — איך בין אַלט און שוואַך... אָ, ווען איך בין יונג און שטאַרק ווי אַמאָל, וואָלט איך מיט מיין ביקס אין דער האַנט זי אַרויסגעראַטעוועט און געבראַכט אהיים... נאָר איצט וויאַזוי?

עס איז ביי זשיבעקן געבליבן, אַז ער זאָל קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן, נישט זיין באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע און אַפילו נישט דער אַלטער דבורהן.

— צו וואָס? — האָט ער זיך געטראַכט. — פּוסטע באַרימערייַ, אַז איך האָב נאָך אַליין נישט קיין פּלאַן? צו וואָס שיטן זאַלץ אויף די ווונדן?

— און אַז עס וועט מיר איינפאַלן אַ פּלאַן, וועל איך אויך קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן, וואָרים טאָמער געראָט מיר נישט, צו וואָס זאָל איך בלייבן אַ נאַר אויף דער עלטער.

זשיבעק האָט דערהערט אַ האַרצרייסנדיק געוויין פון דבורהן. עס האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַרצן און ער האָט אָנגעהייבן צו טראַכטן, אַז מען דאַרף אַראָפּקריכן פון אויוון, גיין צו דבורהן זי טרייסטן, אַז מאַניע וועט נאָך קומען אהיים און די מיל וועט ווידער אָנהייבן צו גיין.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט ווי די אַלטע דבורה רופט אים, שטייענדיק ביים אויוון.

— דו שלאָפסט, זשיבעק, הא?

זשיבעק איז אַראָפּגעקראָכן פון אויוון, זיך אויסגעריבן די אויגן און געענטפערט:

— יאָ, איך האָב געכאַפּט אַ ביסל אַ דרעמל.

— דאָ איז געווען יאַן...

— יאָ, ער איז געווען? וואָס־זשע האָט ער געוואָלט?

— ער האָט געזאָגט, אַז ער קען באַפרייען אונדזער מאַניען.

— נו, זאָל ער באַפרייען, ווען ער קען!

— ער שטעלט אָבער אַ תּנאי, אַז מיר זאָלן אים נישט שטערן, ער זאָל חתונה האָבן מיט מאַניען... ווי געפעלט דיר אַזאַ עזות?

— און וואָס האָט איר אים געענטפערט? — האָט זשיבעק געפרעגט, מאַכנדיק זיך נישט ווויסנדיק, אַז ער ווייסט פון אַלץ.

— אין הערצן האָב איך אים געשיקט צו אַלדע שוואַרצע יאָר, נאָר לפּנים האָב איך אים געזאָגט, אַז איך ווייס גאָרנישט און קען אים גאָרנישט ענטפערן, ווייל מיין זעליג מיט חנהן זענען נישטאָ.

— פאַרוואָס האָט איר מיך נישט אויפגעוועקט? איך זאָל אים מיט אַ שטעקן צעברעכן די ביינער און אים אַרויסוואַרפן, ווי אַ שפּענדל?

— ניין, דאָס דאַרף מען נישט. כּל־זמן אונדזער מאַניע איז נישט אינדערהיים, טאָר מען זיך מיט יאַנען נישט קריגן. מיר קענען נאָך ערגער מאַכן, מען דאַרף גיין מיט אים מיט גוטן, אפשר וועלן מיר אים טאַקע איבעררעדן, ער זאָל אַרויסראַטעווען מאַניען, זי ברענגען אַהיים... מיר וועלן אים גוט באַצאָלן! אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, וועלן מיר אים אַוועקגעבן, אַבי צו ראַטעווען אונדזער קינד!

און די אַלטע דבורה האָט זיך ווידער צעוויינט.

זשיבעקן, קוקנדיק אויף דבורהן, ווי די טרערן קאַטשען זיך איבער איר אַלט פּנים מיט די טיפע קנייטשן, האָבן אים טרערן אָנגעהייבן שטיקן אין האַלדז, אַז ער האָט אַ וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

— דו ווייסט, זשיבעק, צוליב וואָס איך האָב דיך אויפגעוועקט?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? די מיל שטייט, איך האָב נישט וואָס צו טאָן — שלאָף איך!

— דו ביזט אַ נאַר, איך פרעג דיך דען פאַרוואָס דו שלאָפסט? וואָס דען זאָל טאָן אַן אַלטער מענטש, ווען ער האָט נישט וואָס צו טאָן? איך האָב דיך אויפגעוועקט, ווייל איך וויל דיך בעטן, דו זאָלסט

אוועק אין שטעטל וואראנאוויצע און אלץ דערציילן מיין זעליגן מיט חנהן וועגן יאנען, זיי דארפן דאס וויסן.

— דער באלעבאס איז דען דארטן?

— אוודאי איז ער דארטן, אז נישט וואלט איך דיך נישט געשיקט. איך וואלט אליין אהין געפארן, פיל איך זיך אזוי שוואך, אז איך האב מורא, אז איך וועל אהין א לעבעדיקע נישט דערפארן. מאניע האט פון מיר א תל געמאכט, מיינע לעצטע כחות צוגענומען.

און דבורה האט זיך ווידער צעוויינט.

— וויינט נישט, דבורה, איך וועל באלד אוועק קיין וואראנאוויצע און אלץ דערציילן, וואס איר הייסט מיר, נאר וויינט נישט!

דבורה האט א ביסל געטראכט און געזאגט:

— איצט איז שוין שפעט, דו וועסט אנקומען אהין ביינאכט, ווען מען שלאפט שוין אין שטעטל. בעסער איז מארגן גאנץ פרי, ווען די זון וועט אנהייבן ארויסגיין, זאלסטו זיך לאזן אין וועג אריין און ביינאכט וועסטו קענען קומען צוריק. איך וועל אויף דיר ווארטן. איך קען דאך נישט בלייבן אליין, איך פיל זיך אזוי שוואך, אז איך קען אויסגיין ווי א ליכט און קיינער וועט אפילו נישט זיין דערביי.

— איך וועל בעטן א שכנה, זי זאל אריינקומען צו אייך, ווען איך וועל אוועקגיין.

— איך וויל נישט... אלע שכנים אין דארף, כאטש זיי באגייען זיך גוט צו אונדז, זענען אונדזערע שונאים. זיי האבן אלע געוווסט, אז מאניע וויל אנטלויפן און האבן אונדז גארנישט געזאגט. מארגן גאנץ פרי גיי אוועק און איך וועל ווארטן אויף דיר ביז דו וועסט קומען. איצט גיי ארויס אין דארף און דערוויס זיך, ווו דו קענסט ערגעץ געפינען יאנען, און דו זאלסט מיט אים רעדן און בעטן, ער זאל רחמנות האבן אויף אונדז און ברענגען אונדזער מאניען, אויב ער קען. אלץ, וואס מיר פארמאגן, וועלן מיר אים אוועקגעבן און זאל ער זיך ארויסשלאגן פון קאפ צו חתונה האבן מיט מאניען. קיינער פון אונדז וועט דעריף קיינמאל נישט באשטיין, אזוי זאלסטו אים טאקע זאגן!

אויף מארגן גאנץ פרי, ווען עס האט אנגעהייבן שארען אויף

טאָג איז שוין זשיבעק מיט זיין לאנגן שטעקן אין דער האנט גע־שטאנען אויף דעם וועג, וואָס פירט אין שטעטל ווארענאוויצע.

אויף דעם וועג איז פארבייגעפאָרן א פויער, האָט ער דעם אלטן זשיבעקן ארויפגענומען אויף דער פור און מען איז ווייטער געפאָרן.

ק א פ י ט ל פ י נ פ א ו נ צ ו א נ צ י ק.

ביי די ווענט פון מאנאסטיר.

אין דער גאנצער געגנט ארום דעם דאָרף זאסטאוו, ווו ר׳ זעליג שרהס האָט געוווינט, האָבן די יידן זיך אינטערעסירט מיט דעם אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן און באזונדערס האָט זיך וועגן דעם געקאָכט אין דעם נאָענטסטן שטעטל פון מאנאסטיר, ווארענא־וויצע.

די לעצטע צייט, זינט ר׳ זעליג מיט זיין ווייב האָבן זיך דער־וווּסט, אז זייער קינד געפינט זיך אין מאנאסטיר, פלעגן זיי דעם גאנצן טאָג שטיין ביי די דיקע ווענט פון מאנאסטיר, און ווער עס איז פון דאָרטן ארויסגעקומען, האָבן זיי געבעטן, מען זאָל זיי אָפגעבן זייער קינד, און פארנאכט פלעגן זיי פאָרן אין שטעטל וואָראנאוויצע אויף נאכטלעגער.

די אומגליקלעכע עלטערן פלעגן אָפט קומען צום דאָרטיקן רב פרעגן אן עצה, וואָס מען זאָל טאָן ארויסצוראטעווען זייער קינד און די היגע באלעבאטים זאָלן אים אין דעם העלפן. נאָר דער רב האָט די אומגליקלעכע עלטערן יעדעס מאָל געענטפערט, אז כל־זמן מען ווייסט נישט אויף זיכער, ווו זייער קינד געפינט זיך, איז שווער עפּעס צו טאָן.

איצט האָט זיך די גוטע האָפענונג ביי מאַניעס עלטערן פאַר־גרעסערט.

— וויבאַלד מיר ווייסן שוין, ווו אונדזער קינד געפינט זיך, — האָט זעליג געזאָגט זיין ווייב, — וועט זיך קיין ייד נישט אָפּזאָגן אונדז מיטהעלפן אַרויסצוראַטעווען אַ יידיש קינד פון גויִישע הענט, און מיט די בעסטע האָפענונגען זענען זיי אַוועק צום רב דערציילן די גוטע בשורה, וויאַזוי מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין מאַנאַסטיר און די עלטסטע שוועסטער אירינע האָט מיט זיי גערעדט.

ווען זיי זענען געקומען צום רב און דערציילט, אַז זיי ווייסן שוין אויף זיכער, אַז זייער טאָכטער געפינט זיך אין מאַנאַסטיר, האָט דער רב אַ צעפרידענער זיי געבעטן זיצן און וואַרטן ביז ער וועט צונויפרופן אַן אסיפה פון די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים און זיך האַלטן אַן עצה, וואָס מען קען ווייטער טאָן.

אַלע פאַרבעטענע באַלעבאַטים זענען געקומען צום רב אויף דער אסיפה, וועלנדיק האָבן אַ טייל אין דער גרויסער מצווה אַרויס־צוראַטעווען אַ יידיש קינד פון גויִישע הענט.

ר' זעליג מיט זיין ווייב האָבן דערציילט, אַז די עלטסטע שוועסטער אירינע איז געווען זייער גוט צו זיי. זי האָט אַליין גע־שיקט צום טויער אַ שוועסטער זיי אַריינרופן צו איר.

— די שוועסטער אירינע איז זייער אַ לייטישע קריסטין, — האָט איינער פון די באַלעבאַטים באַמערקט. — ווען זי קומט צו אונדז אין שטאָט פאַר די חגאות, גיט זי צו לייזן אַ סך געלט אין די יידישע קראָמען.

— וואָס־זשע האָט זי אייך געזאָגט? — האָט דער רב געפרעגט.

— זי האָט אונדז געפרעגט, וואָס מיר דאַרפן צו איר? האָבן מיר געענטפערט און געבעטן, זי זאָל אונדז אָפּגעבן אונדזער קינד.

— וואָס־זשע האָט זי געענטפערט? — האָבן כמעט אַלע באַלע־באַטים מיטאַמאָל בעפרעגט.

— אָט וועל איך אייך דערציילן, — האָט זעליג געענטפערט, אָפּרוענדיק זיך אַ ביסל פון די איבערלעבונגען פון היינטיקן טאָג.

און זעליג, כאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט ווייטער אָנגעהייבן:

— די עלטסטע שוועסטער אירינע האָט מיך געפרעגט, וואָס פאַרלאַנג איך פון איר, און ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך בעט זי, מען זאָל מיר אָפּגעבן מיין קינד, האָט זי געשמייכלט און געענטפערט, אַז

דאָס איז נישט געווענדט אין איר. אויב מאַניע וויל, זאָל זי גיין אַהיים צו אירע עלטערן. קיינער האָט זי מיט געוואַלט נישט אַריינ־געבראַכט אין מאַנאַסטיר. איך האָב געבעטן, אַז איך וויל זיך זען און רעדן מיט מיין טאָכטער, האָט זי באַלד געשיקט אַ „שוועסטער", זי זאָל זי רופן, ווייל די עלטערן וואַרטן דאָ און ווילן מיט איר רעדן. איך מיט מיין ווייב האָבן אַזש זיך צעוויינט פון פרייד, וואָס מיר וועלן באַלד זען אונדזער קינד. אָבער די „שוועסטער" איז גע־קומען צוריק אַליין און אונדז מודיע געווען, אַז מאַניע וויל אונדז נישט זען און נישט רעדן מיט אירע עלטערן. פרעג איך, צי עס איז מעגלעך דאָס זאָל זיין אמת?

כמעט אַלע באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים רב, האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע ערטער און געזאָגט:

— אויב אַזוי, איז דאָך נישטאָ פון וואָס צו רעדן! ווייבאַלד אַז זי אַליין וויל גיין צום שמד, וואָס קען מען דאָ העלפן? וואָס קען מען דאָ טאָן!

דער רב האָט טרויעריק געשאָקלט מיט דעם קאָפּ, ווי גלייך ער איז אויך מסכים מיט די באַלעבאַטים.

— וואָס רעדט איר, יידן! — האָט חנה זיך אָנגערופן מיט טרערן אין די אויגן, — ווי איז דאָס מעגלעך, אַז מיין קינד זאָל וועלן אַליין גיין צום שמד? מען האָט זי פאַרפירט און מען האַלט זי אין מאַנאַס־טיר, און מען וויל זי נישט אָפּלאָזן אַהיים. איך האָב דאָס געזאָגט דער עלטסטער שוועסטער אַליין.

— און איר האָט קיין מורא נישט געהאַט דאָס צו זאָגן דער עלטסטער שוועסטער אירינע? איר ווייסט, ווער זי איז? זי קער זיך אָן מיט די גרעסטע גראַפן און פירשטן!

— זי מעג אפילו זיין אַ קייזערין! פאַר וועמען האָב איך דאָס מורא, ווען איך דאַרף ראַטעווען מיין קינד פון שמד!

— אמת, אמת, — האָט דער רב געזאָגט, שאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ, — נישטאָ פאַר וועמען מורא צו האָבן, נאָר פאַר גאָט, אָבער נישט פאַר אַ בשר ודם. אַ קלייניקייט, אַרויסצוראַטעווען אַ יידיש קינד פון שמד! בפרט נאָך אַן אייגן קינד — נישטאָ וואָס מורא צו האָבן!

— דער רב זאָגט אמת, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די באַלע־באַטים, — אָבער וואָס וועט זיין, אַז זייער טאָכטער זאָל טאַקע נישט

וועלן מער זען אירע עלטערן און נישט רעדן מיט זיי, וואָס זאָל מען דעמאָלט טאָן, רבי?

— עס איז נישט אמת! עס קען נישט זיין! — האָט חנה מיט הארץ זיך אָנגערופן. — יעדע מאַמע קען גוט איר קינד, איך קען גיין שווערן ביי אַ ספר-תורה, אַז די שוועסטער האָט אונדז געזאָגט אַ ליגן. עס איז אַן אָנגעשטעלטע זאַך, מען זאָל אונדז אָפּנאַרן. איך פיל, מיין האַרץ פילט, אַז מיין קינד רייסט זיך, נעבעך, צו אונדז — צו אירע טאַטע-מאַמע, נאָר מען לאָזט זי נישט!

חנה האָט זיך געווענדט צום רב:

— רבי, איך וויל נאָר איין זאַך אייך בעטן, אַז איר מיט די באַלעבאַטים זאָלן אונדז העלפן זיך זען מיט אונדזער קינד. מער פאַר-לאַנג איך נישט, מער וויל איך ביי קיינעם גאָרנישט בעטן. איך וויל נאָר איינמאָל זען מיין קינד!

אויף אַ פּאָר מינוט איז געוואָרן שטיל. דער פאַרזאַמלטער עולם האָבן זיך איינער מיט דעם צווייטן איבערגעקוקט. דערנאָך האָבן אַלע אויגן זיך געווענדט צום רב, וואַרטנדיק, וואָס דער רבי וועט זאָגן.

ענדלעך האָט זיך דער רב אָנגערופן:

— מען דאַרף העלפן, אַז ר' זעליג מיט זיין ווייב זאָלן זיך זען און רעדן מיט זייער קינד, מען דאַרף דאָס נייטיק טאָן.

און דער רבי האָט זיך געווענדט צו איינעם פון די באַלעבאַטים, וואָס האָט די גרעסטע באַקאַליינע קראָם אין שטאָט:

— איר, ר' לייזער, אָדער אייער ווייב קענען דאָס טאָן. די עלטסטע שוועסטער פון מאָנאַסטיר קויפט דאָך ביי אייך אין קראָם, בעט זי וועגן דעם. איך וועל אויך זאָגן דער רביצין, אַז זי זאָל זיך זען מיט אייער ווייב און זי אויך בעטן וועגן דעם. זי דאַרף דאָס טאָן. עס איז נישט קיין קלייניקייט צו ראַטעווען אַ יידיש קינד פון שמד און אומקערן אַ פאַרפירטע יידישע טאָכטער צוריק צו אירע עלטערן — עס איז נישט קיין קלייניקייט!

ר' לייזער, דער גרויסער קרעמער, האָט זיך אויסגעגלייכט די באָרד און אָנגערופן:

— אוודאי וועל איך מיט מיין ווייב טאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך און בעטן וועגן דעם די עלטסטע שוועסטער, וועלכע קומט פאַר אַלע חגאות צו מיר אין קראָם. מיר וועלן זי אוודאי בעטן, נאָר איך פרעג, וואָס וועט זיין, אַז ר' זעליג מיט זיין ווייב וועלן זיך שוין

זען מיט זייער טאַכטעוי און זי וועט זיי זאָגן, אַז זי וויל נישט גיין מיט זיי אַהיים און וויל בלייבן אין מאָנאַסטיר? וואָס וועט דעמאָלט זיין, וויל איך פרעגן דעם רבין מיט די באַלעבאַטים?

נאָר אַנשטאָט זיי האָט זיך אָנגערופן חנה:

— איר ווילט אַלע וויסן, וואָס וועט זיין? וועל איך אייך ענטפערן, אַז, ערשטנס, טאָמער, חס ושלום, זאָל אפילו זיין אַזוי, אַז זי איז שטאַרק פאַרפירט געוואָרן פון די שונאי ישראל, בין איך זיכער, אַז ווען זי וועט אונדז, איר טאַטע-מאַמע, דעריזען, וועט זי זיך איבערבייטן און גיין מיט אונדז אַהיים. נאָר טאָמער, חס ושלום, איז זי שוין אַזוי פאַרפירט, אַז עס וועט אַזאַ אומגליק געשען, ווי ר' לייזער זאָגט, דעמאָלט וועל איך זיך מיט מיין מאַן זעצן שבעה און פאַרגעסן אין איר אויף שטענדיק, אויף אייביק.

— שבעה, ווי נאָך אַ טויטן! — האָט ר' זעליג נאָכגעזאָגט.

— מיר וועלן פאַרגעסן אין איר, ווי גלייך איך האָב זי קיינמאָל נישט געבוירן.

— שבעה זיצן, — האָט ר' זעליג נישט אויפגעהערט צו זיך רעדן. — אַלע ביי מיר אין הויז וועלן זיצן שבעה נאָך איר, ווי נאָך אַ טויטן.

עס איז ווידער שטיל געוואָרן. די באַלעבאַטים זענען בלאַס געוואָרן פון שרעק און ציטערניש, וואָס האָט זיי אַרומגעכאַפּט. עס האָט זיך געהערט חנהס שטיל וויינען און די רביצין, וואָס איז געזעסן באַזונדער, נישט ווייט פון דער טיר, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך אויך צעוויינט.

פּלוצלונג איז אַריינגעקומען די קעכין, וואָס האָט געדינט ביים רב און געזאָגט דער רביצין, אַז עפּעס איינער אַ גוי פרעגט אויף ר' זעליגן מיט זיין פרוי, וועלכע ער דאַרף נייטיק זען. ער בעט, אַז זיי זאָלן באַלד אַרויסגיין צו אים.

נישט וויסנדיק, וואָס פאַר אַ גוי עס רופט אים, האָט זעליג געבעטן ביים עולם, מען זאָל אים מוחל זיין, און ער מיט זיין ווייב זענען אַרויס אין קיך, וווּ זיי האָבן געפונען וואַרטנדיק זייער אַלטן מילנער, זשיבעק.

— וואָס איז געשען? — האָבן ביידע דערשראָקן אים געפרעגט.

— שרעקט זיך נישט, עס איז גאָרנישט געשען. דבורה האָט מיך געשיקט איך זאָל אייך דערציילן...

און זשיבעק האָט זיך אַרומגעקוקט אין קיך, ווו עס האָט זיך

געפונען די קעכין און צוזאַמען מיט זעליגן און זיין ווייב זענען זיי אַלע. אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, זיך געזעצט אויף אַ באַנק, וואָס האָט זיך געפונען לעבן דער טיר, און זשיבעק האָט זיי דערציילט אַלץ וועגן יאַנען, וואָס ער האָט גערעדט מיט דבורהן.

— דבורה האָט מיך געשיקט צו אייך, — האָט זשיבעק געזאָגט, — איר דאַרפט דאָס נייטיק וויסן, האָט זי מיר געזאָגט, בין איך געקומען אייך דערציילן.

אוודאי דאַרפן מיר עס וויסן, — האָבן זיי ביידע געענטפערט.

און חנה האָט אויסגעשפיגן דריי מאָל און געזאָגט: —וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט היינטיקע נאַכט און יענע נאַכט, זאָל זיך אויסלאָזן צו יאַנס קאָפּ און צו אַלע, וואָס ווילן אונדזער קינד שלעכטס טאָן! איצט זעסטו, זעליג, אַז איך בין גערעכט, מיין האַרץ זאָגט מיר אַלץ... איך האָב געוווסט, אַז מען נאַרט אונדז אָפּ. וואָס איז פּלוצלונג פאַר אַ חתונה מיט יאַנען? זי איז דאָך אַנטלאָפן מיט לודוויגן, וועלכער האָט זיך, צו אונדזער גרויסן אומגליק, פאַרקאָכט אין אונדזער קינד, און אונדז אומגליקלעך געמאַכט און אַזויפיל צרות מיט בזיונות געבראַכט.

חנה האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— איך האָב אָבער געפילט, אַז זיי נאַרן אונדז אָפּ! אונדזער קינד בענקט נאָך אונדז און האָט חרטה, זי וויל צוריק אַהיים!

חנה האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ מינוט און זיך ווידער געווענדט צו איר מאַן:

— דו ווייסט, זעליג, אַז מיר דאַרפן דאָס אַלץ דערציילן דעם רב מיט די באַלעבאַטים. זיי וועלן אַליין זען, אַז אונדזער קינד איז נישט שולדיק. זי איז נאָר פאַרפירט געוואָרן און איצט האָט זי חרטה, וואָרים ווען עס זאָל, חס ושלום, אַזוי זיין, ווי די שוועסטער האָט דערציילט, אַז אונדזער קינד וויל אונדז מער נישט קענען און זען, וואָלט יאַן צו אונדז נישט געקומען בעטן, מיר זאָלן מאַניען נישט שטערן חתונה האָבן מיט אים. וואָרים וואָס האָט מען ביי אונדז צו פרעגן, ווען עס זאָל זיין אמת, אַז זי זאָגט זיך אינגאַנצן אָפּ פון אונדז און וויל מער איר טאַטע-מאַמע נישט קענען?

— ביזט גערעכט, חנה, מען דאַרף דאָס איצט דערציילן דעם רב מיט די באַלעבאַטים. זאָלן זיי נישט מיינען, אַז אונדזער קינד איז אַ פאַרפאַלענע און זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון אירע אייגענע! זאָלן אַלע וויסן וועגן דעם!

— נאָר בעסער פון אַלץ וואָלט געווען,—האָט זעליג צוגעגעבן,— ווען זשיבעק אַליין זאָל עס זיי דערציילן.

— וועט דען פאַסטן פאַר לייטן, אַז מיר זאָלן זשיבעקן אַריינ־פירן צום רב.

— נישקשה, צוליב דעם אמת דאַרף מען זיך נישט שעמען. זשיבעק איז אונדז שטאַרק איבערגעגעבן. עס איז בעסער, מען זאָל דאָס הערן פון אים און נישט פון אונדז. איך וועל אים אָנזאָגן, אַז ער זאָל קיינעם נישט דערציילן, אַז ער איז געווען ביים רב, ער וועט מיך פאָלגן.

— ווי דו פאַרשטייסט, — האָט חנה געזאָגט, און אַלע דריי זענען אַריין צום רב אין שטוב.

זעליג האָט אים געבעטן, ער זאָל פאַר אַלעמען דערציילן וואָס זיין מוטער האָט אים איבערגעגעבן וועגן יאַנען.

זשיבעק האָט אַלץ דערציילט און איז אַוועקגעגאַנגען, חנה האָט אים באַגלייט ביז פון יענער זייט טיר, אים געגעבן עפּעס געלט, ער זאָל גיין אָפּעסן, זיך אַ ביסל אָפּרוען און פאָרן צוריק אַהיים, די שוויגער זאָל נישט זיין אַליין.

— וואָס־זשע הייסט איר זאָגן? — האָט זשיבעק צום סוף געפרעגט.

— וואָס האָסטו איר צו זאָגן? דערוויילי איז קיין גוטע בייס נישטאָ. נאָר גאָט קען העלפן, אַז מיין קינד זאָל זיך אומקערן צוריק אַהיים.

— איך מיין וועגן יאַנען?

— וועגן יאַנען? — האָט זי מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט. — וואָס האָב איך וועגן אים צו זאָגן?

— איך מיין, טאָמער קומט ער נאָכאַמאָל בעטן...

— זאָלסטו אים אַרויסטרייבן פון שטוב ווי אַ הונט, אַזאַ עזות! אַזאַ פאַרזעעניש! די פיס מעג ער זיך פריער צעברעכן, איידער ער זאָל נאָכאַמאָל קומען אין מיין הויז.

איך האָב אויך אַזוי געזאָגט דבורהן, אַז מען דאַרף אים מיט אַ שטעקן אַרויסטרייבן פון שטוב.

חנה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך איצט מיט אים נישט קריגן, זאָל ער איבערגיין אויף אַנדערע הענט! אויב ער וועט קומען, זאָל ער אַוועקגיין מיט וואָס ער איז געקומען... האָסטו געהערט, וואָס איך

זאָג דיר אָן? נאָר נישט קריגן זיך מיט אים און מיט קיינעם, מיר זענען דאָך אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל שונאים!

— איר זאָגט אמת! איך וועל אַזוי טאָן ווי איר הייסט מיר.

זשיבעק איז אַוועקגעגאַנגען און חנה האָט זיך אומגעקערט צוריק צום רב אין הויז.

די אומגליקלעכע עלטערן האָבן פאַר דעם רב און די באַלעבאַטים נישט אויפגעהערט צו רעדן, אַז זיי גלויבן נישט, אַז זייער קינד זאָל זיך איינגאַנצן פון זיי אָפּזאָגן און מיט טרערן אין די אויגן נישט אויפגעהערט ווידער צו בעטן, מען זאָל זיי העלפן אַרויסראַטעווען זייער קינד פון שמד. וואָרים אויב מען וועט דאָס באַלד נישט טאָן, וועט די גרויסע זינד פאַלן אויף דער גאַנצער שטאָט יידן.

דער רב האָט שטאַרק איינגעטענהט מיט די באַלעבאַטים, אַז מען דאַרף אַלץ טאָן כּל-זמן עס איז נאָך דאָ צייט. עס קען זיין, אַז ר׳ זעליגס טאָכטער איז אַ כּשר קינד און איז, נעבעך, אומזיסט אַריינגעפאַלן אין גויִשע הענט און וויל קומען צוריק אַהיים און ווייסט נישט וויאַזוי? איז דעריבער אַ הייליקער חוב אויף יעדן ייד, וואָס איז בכּוח איר צו העלפן.

דערביי האָט דער רב דערציילט וויאַזוי מיט יאָרן צוריק איז אים מיט אייניקע באַלעבאַטים געראָטן אַרויסצוראַטעווען אַ יידיש קינד פון שמד.

ער האָט עס דערציילט מיט נצחון און מיט גרויס שמחה, און דערביי האָט דער רב דערמאַנט מיט גרויס דאַנקבאַרקייט אַ יידישן גביר פון דער נאָענטסטער גרויסער שטאָט, וועלכער האָט געהאַט באַקאַנטע רייכע פּריצים און טאַקע דורך זיי איז אים געלונגען צו ראַטעווען אַ יידיש קינד, נאָר וויפל יידישע קינדער זענען, נעבעך, פאַרפאַלן געוואָרן! — האָט דער רב געענדיקט מיט אַ טיפן זיפץ.

דער רב האָט זיך געווענדט צו ר׳ לייזערן, דעם גרויסן באַקאַליי-קרעמער און אויך צו ר׳ פייוולען, וואָס האָט די גרעסטע שניט-קראָם אין שטאָט און ביי וועלכן עס קויפן אָפּט סחורה די מאַנאַשקעס און אויך די עלטסטע פון זיי, די שוועסטער אירינע, אַז זיי זאָלן זי בעטן באַפרייען ר׳ זעליגס קינד.

די צוויי אָנגעזעענע באַלעבאַטים האָבן צוגעזאָגט אַזוי צו טאָן. אגב, האָבן זיי געזאָגט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום דאַרף זיין אין מאָ-

נאַסטיר אַ גרויסער יום-טוב, ווען די עלטסטע שוועסטער געוויס קומען אין שטאָט איינקויפן, וועלן זיי מיט איר רעדן און בעטן.

און דער פאַרזאַמלטער עולם איז צעפרידן זיך צעגאַנגען פון דער אסיפה.

— איר קענט פאָרן בשלום אַהיים, — האָט דער רב געזאָגט ר' זעליגן מיט זיין פרוי, — מען וועט שוין אַלץ טאָן, וואָס מען דאַרף, גאָט זאָל נאָר העלפן!

— מיר קענען אָן אונדזער קינד נישט פאָרן אַהיים. מיר, פון אונדזער זייט, וועלן נישט אויפהערן צו קלאַפן אין די טויערן פון מאָנאַסטיר ביז מיר וועלן כאָטש זען און רעדן מיט אונדזער קינד. אפשר וועלן זיי אויף אונדז רחמנות האָבן!

— זאָל אייך גאָט העלפן! — האָט דער רב זיי צוגעוווּנטשן.

— איר וועט גאָרנישט פועלן ביי זיי, — האָט זיך אָנגערופן ר' לייזער, וועלכער איז מיט נאָך אַ פּאָר באַלעבאַטים געבליבן ביים רב. — איך קען די לייט גוט, מיט זייערע פרומע ריידעלעך וועלן זיי אייך צוזאָגן און אָפּלייגן פון טאָג אויף טאָג. עס וועט אַוועקגיין חדשים לאַנג, איר וועט זיך נאָר אָפּרייסן פון אייערע געשעפטן, פון פרנסה, און עס קען, חס ושלום, פון אייך אַ תל ווערן. פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, אַז ער וועט אייך העלפן אין אייער גרויסן אומגליק און מיר זאָגן אייך צו, אַז מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס מיר זענען נאָר בכוח.

— מיר דאַרפן נישט קיין מיל, קיין שטוב, קיין געשעפטן, — האָט חנה זיך אָנגערופן, — איך מיט מיין מאַן וועלן גיין דינען צו יענעם, אין פרעמדע הייזער וועלן מיר גיין בעטן אַ שטיקל ברויט און וועלן נישט רוען ביז מיר וועלן זען אונדזער קינד.

— זאָל אייך גאָט העלפן, ווו איר וועט זיך קערן און ווענדן,— האָבן אַלע אין שטוב צוגעוווּנטשן חנהן.

און מאַניעס עלטערן זענען אַוועקגעפאָרן פון שטעטל וואַראַנאַ-וויצע מיט אַ נייעם פּלאַן: שטיין יעדן טאָג לעבן די ווענט פון מאָ-נאַסטיר און שרייען: מאַניע! מאַניע! אפשר וועט זי דערהערן, זיך אָנרופן און באַווייזן זיך אין איינעם פון די פיל פענסטער פון מאָנאַסטיר.

און יעדן טאָג פלעגן די אומגליקלעכע עלטערן שטיין ביי די ווענט פון מאָנאַסטיר און שרייען: „מאַניע! מאַניע!” נאָר קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן און זיך נישט באַוויזן אין די פענסטער,

נאָר פון צייט צו צייט פלעגט זיך אין טויער באַווייזן אַ „שוועסטער״ און זיי זאָגן:

— מיר בעטן אייך מיט גוטן, איר זאָלט אויפהערן דאָ ברומגיין און שרייען. אייער טאָכטער וועט זיך סיי ווי סיי נישט אָנרופן, אַפילו ווען זי זאָל דערהערן אייערע קולות.

— פאַרוואָס זאָגט איר אַזוי?

— ווייל איך ווייס, אַז זי וויל אייך מער נישט קענען און נישט זען.

— איך גלויב אייך נישט! — האָט חנה מיט האַרץ זיך אָנגע־רופן. — עס איז נישט מעגלעך, אַז מיין אייגן קינד, וואָס איך האָב אונטער מיין האַרץ געטראָגן, זאָל זיך נישט באַווייזן אין איר פענ־סטער, ווען זי וועט דערהערן איר מוטערס קול.

און חנה, נישט מער אומקוקנדיק זיך אויף דער שוועסטער, האָט ווידער אָנגעהויבן שרייען:

— מאַניע! מאַניע!

ווען די שוועסטער האָט געזען, אַז מיט גוטן קען זי נישט איינשטילן מאַניעס עלטערן, האָט זי מיט אַ העכערן און שטאַרקערן טאָן זיי געוואָרנט:

— אויב איר וועט נישט אויפהערן שרייען און רופן מאַניען, וועלן מיר אייך מיט בייזן אַוועקטרייבן פונדאַנען.

— מיר וועלן נישט אַוועקגיין! — האָט חנה געענטפערט. — כּל זמן אונדזער קינד געפינט זיך פאַרמעצוימט אין אייערע דיקע ווענט, וועלן מיר נישט אויפהערן צו רופן אונדזער קינד ביז זי וועט זיך אָנרופן און מיר וועלן זי זען.

די „שוועסטער״ האָט נאָך שטרענגער זיי געוואָרנט, זיי זאָלן באַלד פונדאַנען אַוועקגיין.

— וואָס סטראַשעט איר אונדז? — האָבן זיך די עלטערן אָנגע־רופן. — איר האָט מיט געוואַלט צוגענומען אונדזער קינד, האָט איר אַלץ ביי אונדז צוגענומען און מיר האָבן פאַר אייך און פאַר קיינעם קיין מורא נישט! וואָס נאָך אומשטיינס־געזאָגט, קענט איר שלעכטערס און בייזערס אונדז טאָן, ווי איר האָט שוין געטאָן? וואָס קען נאָך שרעקלעכערס אונדז געטאָן ווערן, ווען איר האָט צוגענומען אונדזער קינד! איר קענט אויף אונדז אָנשיקן די וועכטערס פון מאַנאַסטיר מיט נאַהייקעס, איר קענט אויף אונדז אָנרייצן די בייזע הינט, אָבער

מיר וועלן פונדאַנען נישט אַוועקגיין, ביז מיר וועלן נישט זען און רעדן מיט אונדזער קינד. איר וועט גיכער זען דאָ אונדזערע טויטע קערפּערס, איידער מיר זאָלן פונדאַנען אַוועקגיין.

— אָבער ווי זאָל מאַניע מיט אייך רעדן? וויאַזוי קענט איר זי זען? אַז זי וויל אייך מער נישט קענען! אונדזער עלטסטע שוועסטער האָט דאָך פאַר אייך אין די אויגן געשיקט נאָך איר און איר געזאָגט, אַז אירע עלטערן וואַרטן, זיי ווילן זי זען און רעדן און מאַניע האָט געזאָגט, אַז זי וויל אייך נישט קענען, וואָס זשע קענען מיר טאָן? וואָס זשע קענען מיר אייך העלפן?

— איך גלויב אייך נישט! איך גלויב אייך אַלעמען נישט! — האָט חנה אויסגעשריען מיט האַרץ.—עס איז נישט מעגלעך, אַז מיין קינד זאָל אונדז נישט וועלן זען!

די שוועסטער איז בלאַס געוואָרן און פיל שנאה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף איר פרום פנים. זי איז אַוועק און פאַרפאַלן געוואָרן הינטער די טויערן פון מאָנאַסטיר.

עס איז שטיל געוואָרן, נאָר אַ בייזער ווינט האָט געבלאָזן אַרום מאָנאַסטיר און חנה מיט איר מאַן האָבן ווידער אָנגעהייבן שרייען:

— מאַניע! מאַניע! דיינע עלטערן רופן דיך, מאַניע!...

באַלד האָבן זיך ווידער געעפנט די שווערע טויערן פון מאָנאַסטיר, עס האָט זיך באַוויזן דיזעלבע שוועסטער מיט צוויי וועכטער.

חנה, דערזעענדיק זיי, איז געלאָפן אַנטקעגן און זיך געווענדט צו די וועכטער:

— מען האָט אייך געשיקט, איר זאָלט אונדז מיט שטעקנס אַוועקטרייבן, און שלאָגן! אָט בין איך דאָ, אָט איז מיין מאַן, טרייבט אונדז, שלאָגט אונדז! מיר וועלן פונדאַנען קיין לעבעדיקע נישט אַוועקגיין!

די שוועסטער מיט די וועכטערס זענען געשטאַנען אַ ביסל און אָן ווערטער צוריק אַריין אין מאָנאַסטיר.

עס האָט אָנגעהייבן נאַכט צו ווערן, און פון צייט צו צייט האָבן זיך געהערט וויינענדיקע האַרצרייסנדיקע אויסגעשרייען:

— מאַניע, מאַניע! דיינע עלטערן רופן דיך — מאַניע!...

קאפיטל זיבנאונצוואנציק.

א גאסט.

ווען דער אַלטער מילנער זשיבעק איז פאַרנאַכט געקומען צוריק אַהיים, האָט ער די אַלטע דבורה געטראָפן וויינען. אַזויווי זי האָט אים דערזען, האָט זי מיט איר פאַרטוך אויסגעווישט די טרערן און אים געפרעגט:

— האָסט זיי געזען?

— יאָ, איך האָב זיי געזען.

— וואָס זשע האָבן זיי געזאָגט?

— זיי האָבן געזאָגט, אַז זייער גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר האָט מיך געשיקט זיי דערציילן וועגן יאַנען.

— און וואָס האָבן זיי דיר עפּעס גוטס דערציילט וועגן מאַניען? ווען קומט זי שוין אַהיים?

— זיי האָבן מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן מאַניען.

דבורה האָט אַ זיפץ געטאָן.

— און יאַנען האָסטו געפונען און גערעדט מיט אים, ווי איך האָב דיך געבעטן?

— איך האָב געפרעגט, געזוכט, נאָר איך האָב אים נישט געפונען.

— שטעל זיך פאָר, זשיבעק, אַז היינט איז ער שוין ווידער געווען ביי מיר. געבראַכט מיר אַ מתנה צוויי מאראַנצן. האָב איך זיי אים אָפּגעגעבן צוריק, נישט געוואָלט נעמען פון אים קיין מתנות.

זשיבעק האָט זיך אָנגעצונדן פון כּעס, און מיט אַ ציטערדיק קול קלאַפּנדיק מיט זיין לאַנגן שטעקן, האָט ער געשריען פון כּעס:

— און ער קומט נאָך צו אונדז, אָדער ווען איך שלאָף, אָדער ווען איך פאָר אַוועק פון דערהיים! א, ווען איך בין דאָ! —האָט זיך זשיבעק אויסגעצויגן ווי אַ סאָלדאַט. — וואָלט ער שוין אַ לעבעדיקער פונדאַנען נישט אַוועקגעגאַנגען, כאָטש די באַלעבאָסטע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך מיט אים נישט קריגן, אים נישט אָנרירן. א, ווען מען לאָזט מיך נאָר, וואָלט איך אים אויף שטיק-שטיקלעך צעריסן! איך בין אַן אַלטער סאָלדאַט און קען נישט צוזען, ווען מען איז אַן עזות-פּנים!

— וואָס זשע האָט ער ווידער פון אייך געוואָלט? —האָט זשיבעק געפרעגט.

— וואָס ער האָט געוואָלט, פרעגסטו? ער זאָל שוין נישט דער-לעבן מער קומען צו מיר, וואָס ער האָט געוואָלט! ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געזען מאַניען און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי גלויבט נישט, אַז ער איז געווען ביי אונדז אין הויז, און אַז מיר וועלן נישט שטערן זייער חתונה האָבן... דעריבער בעט ער, אַז מיין זעליג זאָל איר שרייבן אַ בריוועלע, אַ פּאָר ווערטער נאָר, אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט „אַ פּאָר ווערטער נאָר”, אַז ער האָט גאָרנישט קעגן דעם, אַז מאַניע זאָל חתונה האָבן מיט יאַנען.

זשיבעק האָט זיך ווייטער אָנגעצונדן, קלאַפּנדיק מיט זיין שטעקן:

— זייער גלייך האָט איר געטאָן, דבורה, וואָס איר האָט ביי אים נישט גענומען קיין מתּנות און אים צוריק אָפּגעגעבן די צוויי מאַראַנצן. זאָל ער זיך מיט זיי דערווערגן, און וואָס האָט איר אים אויף אַזאַ עזות געענטפערט?

— איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. איך האָב אים נאָר גע-זאָגט, אַז זעליג איז נישטאָ אינדערהיים און איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. איך וויל זיך דאָך מיט אים נישט קריגן, האָב איך אים גאָרנישט געענטפערט, יאָ האָט געזאָגט, אַז ער וועט נאָך מאָרגן ווידער קומען צו אונדז, אפשר וועט ער טרעפן אינדערהיים זעליגן.

— גוט, וואָס ער וועט מאָרגן קומען, —האָט זיך זשיבעק דערפרייט, — ער וועט שוין לעבעדיק פון מיינע הענט נישט אַרויס! איין גאַנצן ביין וועל איך אים איבערלאָזן!

— מען דאַרף זיך, זשיבעק, איצטער מיט קיינעם נישט קריגן,

זעסט דאָך, אַז חנה האָט דיר אויך אַזוי אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף זיך איצטער מיט קיינעם נישט קריגן. גיי בעסער און עס עפּעס אָפּ און גיי זיך אָפּרוען.

— ניין, איך קען נישט, איך קען נישט! איך מוז אים צעברעכן אַלע זיינע ביינער! אַזאַ פּאַרזעעניש טראַכט גאָר חתונה האָבן מיט מאַניען! איך וועל אים דאָס מיט מיין שטעקן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ.

און זשיבעק, טרייסלענדיק מיט דעם קאָפּ פון פּאַרדרוס, איז אַוועק אין קיך אַריין.

אַוועקשטעלנדיק דעם שטעקן, האָט ער זיך געזעצט עסן „וועטשערע" און באַלד אַרויף אויף דעם אויוון, אָבער ער האָט לאַנג נישט גע־קענט אַנטשלאָפן ווערן.

ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן דאָס אויסזען פון זיין באַלע־באָס מיט דער באַלעבאָסטע. זיי האָבן זיך אינגאַנצן איבערגעביטן, האַלבע מענטשן געוואָרן פון גרויס צרות און זעען אויס ווי קראַנקע.

אויך האָט אין אים געקאָכט דער גרויסער פאַרדרוס אויף יאַנען און נישט געלאָזט אַנטשלאָפן ווערן.

אין שטעטל וואַראַנאַוויצע רעדן אַלע וועגן מאַניען, און ער האָט זיך שוין דערוווּסט, ווי זי געפינט זיך, און זשיבעקן האָבן אין קאָפּ אָנגעהייבן קריכן פּלענער וויאַזוי זי פון דאָרטן אַרויסצוראַטעווען און זי ברענגען אַהיים.

ער האָט אָנגעהייבן גלויבן, אַז ער קען דאָ עפּעס טאָן, כאָטש ער האָט נישט געוווּסט, וויאַזוי דאָס איז מעגלעך.

— איך וועל פּרוּוון, וואָס האָב איך דאָ מורא, איך האָב עפּעס דאָ אָנצוּווערן?

מיט די געדאַנקען איז זשיבעק אַנטשלאָפן געוואָרן.

זשיבעק איז אָפּגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט, און ווען ער האָט זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, האָט ער שוין געהערט די טריט פון דער אַלטער דבורהן. נאָר ער האָט אַזוי ליב געהאַט דעם אויוון, אַז ער איז ווייטער געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט דבורהס קול:

— קריך שוין אַראָפּ פון אויוון, מיר האָבן אַ טייערן גאַסט! גיי שטעל אויף דעם סאַמאָוואַר! אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט!

זשיבעק האָט זיך דערפרייט, מיינענדיק, אַז מאַניע איז גע־קומען, און אַראָפּקריכנדיק פון אויוון, האָט ער צו זיך געמורמלט:

„מײַן האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז זי װעט קומען. איך האָב זי הײַנטיקע נאַכט געזען אין חלום".

נאָר װען ער איז שױן אַראָפּגעקראָכן, האָט אים דבורה מיט פֿרײד געזאָגט:

— װײסטו װעמען מיר האָבן פֿאַר אַ גאַסט? — חיים איז גע־קומען. שטעל גיכער דעם סאַמאָװאַר!

— זײער גוט, װאָס חיים איז געקומען! איך האָב אים שױן לאַנג געװאָלט זען! באַלד װעט דער סאַמאָװאַר פֿאַרטיק װערן, באַלד!

זשיבעק האָט אָנגעגאָסן דעם סאַמאָװאַר, אָנגעשיט קױלן, אַרײַנ־געװאָרפֿן אין סאַמאָװאַר־קוימען אַ פּאָר אָנגעצונדענע שפּענדלעך און מיט דער כאָלעװע פֿון זײַן שטיװל אָנגעהײבן צו בלאָזן, װי מיט אַ בלאָזזאַק דאָס פֿײַער, אַז דער סאַמאָװאַר זאָל װאָס גיכער אויפֿקאָכן.

דערנאָך איז ער אַרײַן אין צימער, װוּ עס האָט זיך געפֿונען דבורה מיט דעם גאַסט און זיך פֿרײַנטלעך מיט אים באַגריסט.

— שױן לאַנג נישט געװען בײַ אונדז, חיים! — האָט זשיבעק געזאָגט.

— געװען נישט געזונט, — האָט זיך חיים פֿאַרענטפֿערט.

— װען מען דאַרף, דו זאָלסט זײַן געזונט, ביזטו גאָר קראַנק! נישט שײן אַזױ פֿאַר אַ יונגנמאַן! — האָט זשיבעק געזאָגט און איז אַרױס אינדרױסן היטן דעם סאַמאָװאַר, ער זאָל נישט אױסלױפֿן, װען ער װעט אָנהײבן קאָכן.

די אַלטע דבורה מיט דעם יונגן חײמען זענען געבליבן אַלײן און דבורה האָט אים אָנגעהײבן אױספֿרעגן.

— װאָס הערט זיך עפּעס גוטס? װוּ ביזטו פֿאַרפֿאַלן געװאָרן די גאַנצע צײַט? מוצאי יום־כּפּור האָב איך אױף דיר געװאַרט.

— איך בין געװען קראַנק, זײער קראַנק.

דבורה האָט געבראָכן מיט די הענט:

— און מיר האָבן נישט געװוּסט... דער קאָפּ איז אונדז אַלעמען אַזױ פֿאַרשלאָגן, אַז מיר װײסן אַפֿילו נישט, צי מיר לעבן.

— װאָס־זשע? איר האָט, נעבעך, גענוג אײַערס!

— פֿון װאָס־זשע ביזטו קראַנק געװאָרן?

— איך װײס נישט, נאָר יום־כּפּור אין שול איז מיר שלעכט געװאָרן און איך בין געפֿאַלן אין חלשות.

— וואָס-זשע? האָסט נישט געטאָרט פאַסטן, ביזט געווען שוואַך. האָסטו באַדאַרפט פרעגן דעם רב און ער וואָלט דיר געהייסן עסן.
— מילא, וואָס האָבן מיר צו רעדן, עס איז שוין פאַרבייגעגאַנגען. איצטער בין איך שוין געזונט. וואָס-זשע הערט זיך ביי אייך?
— קיין גוטס דערווייל, גאָט זאָל נאָר העלפן! מיין זעליג און חנה פאָרן אַרום, מען שווייגט נישט, מען טוט, נאָר פון איין שבת צום צווייטן כאַפּן זיי זיך אַראָפּ אַהיים... גאָט זאָל נאָר העלפן!
— איך וואָלט זיי באַדאַרפט זען, וועגן דעם בין איך טאַקע געקומען. איך האָב זיך דערוווסט, אַז זיי געפינען זיך אין וואָראָנאַ-וויצע, האָב איך דורך אַ שליח זיי איבערגעגעבן, אַז איך דאַרף זיי נייטיק זען. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן היינט קומען אַהיים. וועגן דעם בין איך טאַקע געקומען אַהער. וואָס-זשע הערט זיך, האָט איר ידיעות וועגן מאַניען? איר ווייסט דאָך ווו זי געפינט זיך?
— ווייסן—ווייסן מיר, נאָר וואָס העלפט עס, אַז מען קען זי נישט זען און רעדן מיט איר!
— דאָס איז אַוודאי נישט גוט, נאָר כל-זמן מען ווייסט ווו זי געפינט זיך, איז דאָ אַ האָפענונג, מען זאָל זי פון דאָרטן אַרויס-ראַטעווען. שלעכט וועט זיין, ווען מען וועט זי פון דאָרטן איבערפירן.
זשיבעק האָט פאַרשטאַנען, אַז חיימס קומען איז נישט אומזיסט. געוויס וועט ער מיט דבורהן רעדן וועגן מאַניען, האָט ער אונטערגעהערט זייער שמועס, און דערהערנדיק חיימס לעצטע ווערטער, האָט ער אָנגעהייבן מורמלען צו זיך אַליין: „מען וועט זי נישט איבערפירן, כל-זמן איך לעב נאָך, וועט זי פון מיינע אויגן נישט פאַרפאַלן ווערן!"
זשיבעק האָט אַריינגעטראָגן דעם זודיקן סאַמאָוואַר און דבורה האָט גענומען פאַרפאַרען טיי.
ער האָט געוואָלט אַוועקגיין.
— גיי נישט אַוועק, זשיבעק, נעם דיר אויך אַ גלעזל טיי, האָט דבורה געזאָגט און דערביי זיך געווענדט צו חיימען, אָנווייזנדיק אויף זשיבעקן:
— אָט זעסטו, חיים, אָט דאָס איז מיין איינציקער אַלטער פריינט, וואָס איז געבליבן מיט מיר. אַלע זענען זיך צעלאָפן, זעליג מיט חנהן זענען אַוועק פון שטוב, איך בין געבליבן אַליין ווי אַ שטיין, קיין לעבעדיקער מענטש קומט צו אונדז נישט אַריין, און די, וואָס פלעגן אַמאָל יאָ אַריינקומען צו אונדז, קומען איצט אויך נישט, זיינט

אונדזער גרויסער אומגליק האָט אונדז, ווי אַ דונער געטראָפֿן. מען שעמט זיך, אַפּנים, מיט אונדז אַ וואָרט צו רעדן, נאָר איין זשיבעק האַלט זיך נאָך ביי אונדז. איך ווייס נישט, וואָס איך וואָלט איינע אַליין אָן אים געטאָן. איך וואָלט משוגע געוואָרן פון עלנטקייט.

דערנאָך האָט זי זיך ווידער אומגעקערט צו זשיבעקן: „נעם דיר אַ שטאַרק גלעזל טיי ווי דו האָסט ליב!" און דערביי האָט זי אים אַריינגעוואָרפן אַ סך צוקער אין גלאָז, עס זאָל זיין גוט זיס, ווי ער האָט ליב געהאַט.

— נעם דיר אין שאַפע ווייסן קוילטש און עס געזונטערהייט.

זשיבעק איז מיטאַמאָל געריהרט געוואָרן פון דבורהס רייד און פון איר גוטער באַנעמונג צו אים, אַז עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן, און זייענדיק גליקלעך, וואָס מען רעדט וועגן אים אַזויפיל גוטס, האָט ער איצט מיטאַמאָל זיינע געפילן און דאַנקבאַרקייט אויסגעדריקט, נישט באַטראַכטנדיק וואָס ער רעדט:

— מען וועט זי נישט איבערפירן, כּל־זמן איך לעב און מיינע אויגן זענען נישט פאַרמאַכט, וועט זי נישט פאַרפאַלן ווערן!

— וואָס רעדסטו? וועמען וועט מען נישט איבערפירן? — האָט דבורה מיט חיימען פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איך מיין קענען דעם, וואָס חיים זאָגט, אַז ווען מען וועט מאַניען איבערפירן פון דעם מאָנאַסטיר, וועט זיין שלעכט, זאָגט ער. אַזוי־ווי איך האָב גאָט אין האַרצן, אַז מאַניע וועט פון אונדז נישט פאַרפאַלן ווערן! מיר וועלן שטענדיק ווייסן, ווו זי געפינט זיך, זשיבעק לעבט נאָך!

— וואָס האָסטו זיך צערעדט? דערציייל בעסער פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? — האָט דבורה געפרעגט.

— איך ווייס גאָרנישט, איך רעד גאָרנישט, גאָט ווייסט אַלץ!

דבורה האָט אָפּגעמאַכט מיט דער האַנט און זיך אָנגערופן צו חיימען:

— וואָס ווייסט ער! ער האָט ליב צו פּלאַפּלען, ווי אַלע אַלטע לייט, און זינט די מיל האָט זיך פאַרמאַכט און ער האָט נישט וואָס צו טאָן, האַלט ער אין איין פּלאַפּלען. וואָס־זשע? — האָט דבורה מיט אַ זיפץ צוגעגעבן: — אַז מען ווערט עלטער, ווערט מען נאַריש, ווי אַ קינד.

— זשיבעק האָט מיט ציטערדיקע הענט גענומען די זיסע גלאָז

טיי מיט דעם ווייסן קוילימש, און שאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ אויף דבורהס רייד וועגן אים, איז ער אַוועק אין קיך אַריין.

— זשיבעק איז זייער צוגעבונדן צו אונדזער הויז און באַזונדערס איז ער שטאַרק צוגעבונדן צו מאַניען, — האָט דבורה געזאָגט. — אַ קליי־ניקייט! מען קען זאָגן, אַז ער האָט זי אויסגעהאָדעוועט אויף זיינע הענט און זי אויסגעוויגט. ער רעדט איצטער זעלטן וועגן איר. נאָר ער ליידט גלייך מיט אונדז און ווי אַ שטומע בהמה קוקט ער אונדז אין די אויגן, טאָמער וועט ער הערן אַ גוטע בשורה וועגן מאַניען.

חיים האָט ווידער אָנגעהייבן אויספרעגן וואָס אַלע מאַכן און ווי עס גייט.

— קיין גוטס נישט, — האָט דבורה געענטפערט, — די מיל שטייט, די פּויערים קומען שוין נישט מאָלן, דער וועג צו דער מיל איז שוין ווי פאַרוואַקסן געוואָרן. אַרענדע פאַר דער מיל וועט מען שוין דאַרפן באַלד איינצאָלן און מיין זעליג מיט חנהן ווילן גאָרנישט וויסן! זיי זאָגן, אַז ביז זיי וועלן נישט אַרויסראַטעווען דאָס קינד פון שמד, דאַרפן זיי גאָרנישט האָבן.

און דבורה האָט דערביי געלאָזט אַ טרער.

ביי דעם הויז האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט אַ פור מיט קוויטשענדיקע, שלעכט געשמירטע רעדער.

דבורה און חיים האָבן זיך איבערגעקוקט.

דבורה האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר איז זעליג געקומען צופאָרן?

— געוויס איז ער געקומען, ווער דען? — האָט חיים געזאָגט.

— איך שרעק זיך אַלץ, טאָמער איז ווידער געקומען יאַן. די לעצטע טעג קומט ער אָפט צו אונדז.

— וואָס וויל ער פון אייך?

און ווען דבורה האָט אים געוואָלט דערציילן וועגן זיין קומען, האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען יאַן...

דבורה, דערזעענדיק אים, איז בלאַס געוואָרן.

יאַן, באַגעגענענדיק זיך מיט חיימען, האָט מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטאָן אויף אים.

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו דבורהן און געזאָגט:

— איך האָב מיט אייך זייער וויכטיקעס צו רעדן, — און דערביי

אַ קוק געטאָן אויף חיימען, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס איז דאָ איבעריק און שטערט אים.

חיים האָט פון זיין קוק פאַרשטאַנען, אַז ער וויל, ער זאָל אַוועקגיין.

דבורה האָט דאָס אויך פאַרשטאַנען, וואָס יאַן מיינט, האָט זי זיך אָנגערופן:

— דו קענסט רעדן, חיים מעג אַלץ הערן. ער איז נישט קיין פרעמדער.

— איך קען נישט, איך מוז נאָר מיט אייך אַליין רעדן.

— סיי ווי סיי וועל איך דערנאָך אַלץ איבערגעבן חיימען, וואָס דו וועסט רעדן, ווייל פאַר אים איז ביי אונדז קיין סודות נישטאָ. רעד, אויב דו ווילסט!

— איך קען נישט, — האָט יאַן געזאָגט און ווידער אַ קוק געטאָן אויף חיימען.

זעענדיק, אַז ער גייט נישט אַוועק, האָט ער אָנגעהייבן פאַר־שטעלט צו רעדן מיט דבורהן.

קענט איר מיר געבן אַן ענטפער וועגן דעם, וואָס איך האָב אייך געבעטן?

— איך ווייס נישט, וואָס צו ענטפערן. איך האָב מיין זעליגן נאָך נישט געזען... נאָר פונדעסטוועגן קען איך דיר זאָגן, אַז דו זאָלסט זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ... מיין זעליג און מיר אַלע וועלן קיינמאָל אין דער וועלט דערויף נישט באַשטיין און עס איז אומזיסט דיין קומען צו אונדז.

יאַן האָט זיך אָנגעצונדן, אַ שאָקל געטאָן מיט זיין קאָפּ און מיט כעס זיך אָנגערופן:

— עס, וואָס האָב איך זיך דאָ צו באַהאַלטן און רעדן אויף דעם ווינק, עס איז קיין סוד נישט! אַלע מעגן הערן! זייט וויסן, דבורה, אַז עס גייט אין מאַניעס לעבן! זייט וויסן אַלע, אַז איך האָב מאַניען געראַטעוועט פון שאַנד און שפּאָט און אפשר האָב איך זי געראַטעוועט פון טויט. .

— וואָס הייסט, דו האָסט זי געראַטעוועט? — האָט דבורה אַ דערשראָקענע געפרעגט.

— ווען לודוויג איז מיט איר אַנטלאָפן, האָט ער זי געוואָלט אומגליקלעך מאַכן און איך האָב איינגעשטעלט מיין לעבן און האָב זי

גערעטעוועט פון זיינע הענט, ווייל זי, אלס דאנקבארקייט, חתונה האָבן מיט מיר און איר מיט אייערע פארשטיינערטע הערצער ווילט דערצו נישט דערלאָזן! איך האָב געוואָלט, ווי צום בעסטן! מיר ווילן, איר זאָלט אויך איינשטימען דערויף, געבן אייער ברכה, ווי עס פירט זיך ביי לייטן, צום סוף זאָגט איר, אז עס קען קיינמאָל נישט זיין און איר וועט קיינמאָל נישט באשטיין דערויף. בין איך אייך מודיע, אז עס וועט אייך נישט העלפן, מיר וועלן סיי ווי סיי חתונה האָבן!

חיים, וועלכער האָט די גאנצע צייט פון יאנס רעדן געציטערט פון כעס, האָט צונויפגענומען אלע זיינע כוחות און אויסגעשריען:

— דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין, סיידן דו וועסט עס טאָן מיט געוואַלט, ווי גזלנים פאלן אָן אויף איינעם אין וואלד, ווי לודוויג, לויט ווי דו דערציילסט, האָט געוואָלט טאָן. מיט איר גוטן ווילן וועט זי קיינמאָל מיט דיר נישט חתונה האָבן! קיינמאָל נישט!

— פונוואנען ווייסטו עס? — האָט יאן מיט א פארביטערט געלעכטער געפרעגט, ארויסשטעלנדיק פון כעס זיינע ווייסע געזונטע ציין. — איך דארף דיר קיין חשבון נישט אָפּגעבן! איך ווייס נאָר, אז איר האלט דאָרטן מאניען מיט געוואלט, איר ווילט זי גייטן, אז זי זאָל זיך שמדן, כאָטש זי רייסט זיך אהיים צו אירע עלטערן. און דו ווילסט נייטן מיט געוואלט, זי זאָל מיט דיר חתונת האָבן. זי וועט קיינמאָל מיט איר גוטן ווילן דערויף נישט באשטיין. ווי דו דערציילסט, האָסטו געטאָן א גוטע זאך, וואָס דו האָסט זי ארויסגעראטעוועט פון לודוויגס הענט. ווילסטו, אז זי זאָל דיר באצאָלן מיטן לעבן! אזוי טוט נישט קיין אָרנטלעכער מענטש, וואָס איז פעיק צו טאָן גוטע זאכן. ביזטו מיט דיין אויפפירונג צו מאניען נישט בעסער, ווי א וואלד-גזלן!

— הער נאָר דו, — האָט יאן זיך געשטעלט קעגן חיימען אין א פּאָזע, ווי ער וויל אויף אים אָנפאלן, — דו דארפסט מיר קיין מוסר נישט זאָגן. ווען נישט די אלטע דבורה, וואָלט איך דיר באלד צעקאַר־דאטשעט דיין פנים, נאָר איך האָב דרך־ארץ פאר דבורהן. מיט דיר וועל איך זיך אָפּרעכענען אן אנדערש מאָל! איך וויל דיך נאָר פרעגן, וואָס ווילסטו, אז איך, וואָס איך האָב איינגעשטעלט דאָס לעבן פאר מאניען, האָב עס געטאָן פון דיינעטוועגן, אז דו זאָלסט קענען חתונה האָבן מיט איר? איך ווייס, אז דו דרייסט זיך שוין לאנג ארום איר;

זאָלסט אַוועקגיין באַלד פון מיינע אויגן, ווען דו ווילסט בלייבן ביי דיינע גאַנצע ביינער!

יאַן האָט אַ פּאַך געטאָן אין דער לופט מיט זיינע געזונטע הענט. דבורה האָט זיך צעשריגן, און זשיבעק, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און די גאַנצע צייט פול מיט כעס אויסגעהערט, וואָס יאַן האָט גערעדט, האָט מער נישט געקענט איינהאַלטן זיין כעס. ער איז געלאָפן אין קיך, פון ווינקל געכאַפּט זיין אַלטע צעבראָכענע הילצערנע ביקס, וואָס איז אים נאָך געבליבן פון דינסט אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן, איז צוגעלאָפן צו יאַנען און נישט מיט זיין קול, ציטערנדיק מיט אַלע אברים, האָט ער אָנגעהייבן שרייען:

— גיי באַלד אַרויס מיט גוטן פונדאַנען, ווען נישט, וועל איך דיר פּלעטן דעם קאָפּ! וואָס האָסטו זיך מיט געוואַלד אַריינגעריסן אין אַ פרעמד הויז? איך וועל באַלד רופן דעם „סטאַרשינע" און מען וועט דיך בינדן, ווי אַ חזיר! אַרויס פונדאַנען די מינוט!

— דו, אַלטער הונט, אויך? ביזטו דען אַ קריסט? דו ביזט דאָך אַ „זשידאָווסקי נאַימיט!" מיט דיר וועל איך זיך באַלד אָפּרעכענען!

און יאַן האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויף דעם אַלטן זשיבעקן.

דבורה און חיים האָבן זיך געשטעלט צווישן זיי און אָנגעהייבן שרייען און געוואַלדעווען.

אויף זייערע געשרייען זענען אָנגעלאָפן שכנים און זיך אַריינגעמישט, וועלנדיק יאַנען אַרויסשלעפּן פון הויז, נאָר ער האָט זיך געראַנגלט מיט אַלעמען און זיך געשלאָגן. די געשרייען און געוואַלדן זענען געוואָרן נאָך גרעסער.

עמעצער האָט מודיע געוועזן אין „וואָלאָסט", באַלד איז אָנגעלאָפן דער „סטאַרשינע" מיט צוויי „סאָטסקעס" און געוואָלט אים אַרויסשלעפּן פון הויז, אָבער יאַן איז אַריין אין דער רציחה און זיך געראַנגלט מיט דער דאָרפישער פּאָליציי, און נאָך אַ לאַנגן געשלעג, האָט מען יאַנס הענט פאַרדרייט אַהינטער און, אַ געבונדענעם מיט שטריק האָבן די „סאָטסקעס", אַ צעבלוטיקטן איבערן גאַנצן פנים, אים אָפּגעפירט אין וואָלאָסט. נאָר דער „סטאַרשינע" איז געבליבן ביי זעליג שרהס אין הויז מאַכן אַ פּראָטאָקאָל וועגן דעם סקאַנדאַל, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

דער „סטאַרשינע" האָט צוזאַמען מיט עדות פון די שכנים

אויסגעפרעגט די אַלטע דבורה, זשיבעקן און חיימען און זיי האָבן אַלץ דערציילט.

— איך וועל אַוועק אין שטאָט,—האָט דבורה אַ שרעקעוודיקע געזאָגט דעם סטארשינע, — איך האָב דא מורא צו בלייבן.

— האָב קיין מורא נישט, אַלטע, — האָט דער סטאַרשינע ליבלעך זי באַרויִקט, — קיינער וועט דיר קיין שלעכטס נישט טאָן. דיין מאַן האָט נאָך דאָ געוווינט און געהאַלטן די מיל, דיין זעליג איז אַ רויִקער מענטש און האָט קיינעם אין זיין לעבן קיין שלעכטס נישט געטאָן, קענסט דאָ רויִק וווינען! די שכנים שעצן אייך, און כּל-זמן איך בין דאָ סטאַרשינע, קענסטו רויִק זיין, איך וועל אייך נישט לאָזן באַליידיקן. קיינער האָט קיין רעכט נישט מיט געוואַלט אַריינצורייסן זיך אין אַ פרעמד הויז און מאַכן סקאַנדאַלן.

דער סטאַרשינע האָט צונויפגעלייגט זיינע פּאַפּירן און אָנגעהייבן זיך פריינטלעך מיט אַלעמען צו געזעגענען, נאָר דבורה האָט אים אָפּגעהאַלטן און געזאָגט:

— וואָס וועל איך טאָן, אַז יאַן וועט ווידער קומען זיך נוקם זיין אין אונדז?

— האָב קיין מורא נישט, יאַן וועט אַזוי גיך נישט קומען. איך וועל אים אין עטלעכע טעג אַרום אַוועקשיקן אין אויעזד אַריין און די נאַטשאַלסטווע, זיי זיכער, וועט אים אַזוי גיך נישט אָפּלאָזן, ווייל זיין פאַרברעכן איז גרויס. וואָרים אַ חוץ וואָס ער האָט זיך מיט געוואַלט אַריינגעריסן אין אַ פרעמד הויז, האָט ער זיך געשטעלט קעגן מיר און מיינע סאָטסקעס — קעגן נאַטשאַלסטווע, הייסט דאָס. עס איז אַ שווערע זינד, פון וועלכער מען לאָזט אַזוי גיך נישט אָפּ פריי!

— פּאַניע סטאַרשינע,—האָט דבורה זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ רחמנות פּנים, ווי גלייך דאָס גרעסטע אומגליק האָט זי געטראָפן, — אפשר וואָלסטו אים אָפּגעלאָזט פריי?

— וועמען? — האָט דער סטאַרשינע געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג.

— אָט טאַקע אָט דעם יאַנען... איך בעט אייך, איר זאָלט אים באַפרייען, איידער מען שיקט אים אין שטאָט. דאָרט וועט זיין שווער אים אַרויסצונעמען פון זייערע הענט. צו וואָס זאָל ער איבער אונדז אומגליקלעך ווערן?

— דו ביזט משוגע, צי וואָס? ער איז אָנגעפאַלן אויף דיין הויז און דו בעטסט נאָך פאַר אים? ניין, דאָס קען נישט זיין!

— פאַרשטייסטו דען נישט? מיר זענען דאָך יידן און לעבן צווישן גוים, וועט מען דערנאָך זאָגן, אַז מיר האָבן אים אומגליקלעך געמאַכט. איך בעט אייך, פאַניע סטארשינע, באַפרייט אים!

און דערביי האָט דבורה פון אונטער איר פאַרטוך אַרויסגענומען אַ געלט־פאַפירל און אַריינגערוקט דעם סטארשינע אין יד אַריין.

דער סטארשינע איז, צונעמענדיק דאָס געלט, געוואָרן אַ ביסל ווייכער און געזאָגט:

— אָט דאָס הייבט זיך אָן מיט יידן! באַלד שרעקן זיי זיך איבער און האָבן מורא! מילא, אַז דו ווילסט אים מוחל זיין, וואָס קען איך טאָן? אָבער דאָס, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אַקעגן נאַטשאַלסטווע, דאָס קען איך אים נישט מוחל זיין!

— גערעכט! — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער זשיבעק. — מען דאַרף אַזאַ חברהמאַן אָנלערנען, ער זאָל וויסן אויף דעם צווייטן מאָל! אַזאַ העזה פון אַ יונגן שנעק!

— הער שוין אויף, דו אַלטער נאַר! — האָט אויף אים אָנגעשריען דבורה. — דו ביזט נאָר איצט אַ גרויסער בריה! ער וועט דיך נאָך גוט אָנשלאָגן. וואָס וועסטו דעמאָלט טאָן מיט דיין הילצערנער ביקס, מיט די פאַרזשאַווערטע קוילן אָן פולווער?

אַלע און אויך דער סטאַרשינע האָבן זיך צעלאַכט.

— איך קען זיין ביקס, — האָט דער סטארשינע מיט אַ געלעכטער געזאָגט.

— לאַכט נישט פון מיין ביקס... — האָט זשיבעק ווי זיך באַליידיקט.—אַז מען דאַרף, קאָן מען מיט דער צווייטער זייט דערלאַנגען אין קאָפּ בעסער ווי מיט אַ קויל.

— מען דאַרף אים נישט באַפרייען, — האָט חיים זיך אויך אָנגערופן.—ער וועט דערנאָך אונדז נאָכמער צרות אָנטאָן!

— אָט דאָס געפעלט מיר!—האָט דער סטארשינע געלויבט חיימען.— כאָטש אַ ייד, נאָר דאָך אַ יונגער, נישט אַזוי ווי די אַלטע!

— מיש זיך נישט, חיים. דאָס גאַנצע דאַרף וועט מיט אונדז האָבן צו טאָן און יאַנס עלטערן וועלן אויך נישט שווייגן! דו ווייסט נישט וואָס פאַר אַ צרות מיר טראָגן איבער! מען דאַרף מיט אַלעמע

גוט לעבן, בפרט איצט נאָך, ווען מיר ווייסן נישט וואָס עס טוט זיך מיט אונדזער מאַניען.

חיים איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— נו, וואָס וועט זיין, פּאַניע סטארשינע? — איר וועט אים באַפרייען? — האָט זיך דבורה ווידער אָנגערופן.

— איך ווייס נישט וואָס צו טאָן! — האָט דער סטארשינע זיך אָנגעהייבן צו קראַצן אין קאָפּ. — ווען ער זאָל זיך נישט געווען שטעלן קעגן נאַטשאַלסטווע, וואָלט איך דיר צוליב געטאָן און אים באַפרייט, נאָר אַזוי, ווייס איך אַליין נישט וואָס צו טאָן.

— וואָס ווייסט מען דאָ נישט וואָס צו טאָן? — האָט זיך אָנגערופן סטעפּאַן, וואָס האָט געוווינט אין שכנות מיט דבורהן. — מען דאַרף יאָגן שטראַפירן מיט אַן עמער בראָנפן פאַר דער „הראַמאַדע" און אים באַפרייען!

— גוט געזאָגט! ריכטיק געזאָגט! — האָבן מיטאַמאָל אַלע אָנגעלאָפענע שכנים זיך אָנגערופן מיט פרייד.

דער סטארשינע האָט געטראַכט, וואָס זאָל ער טאָן, און געזאָגט:

— וואָס זאָל מען אָבער טאָן, אַז ער האָט זיך געשטעלט קעגן נאַטשאַלסטווע?

— ער איז שוין דערפאַר גענוג באַשטראָפט געוואָרן, — האָט דבורה געזאָגט. — מען האָט אים צעשלאָגן און געפירט אַ געבונדענעם איבערן דאָרף. און אַן עמער בראָנפן וועט ער אויך מוזן קויפן, וואָס זשע נאָך?

— קלוג זאָגסטו, דבורה — האָט איר שכן, סטעפּאַן, זי אָנגעהייבן לויבן, — דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן, דבורה, און דאַרפסט פון אונדזער דאָרף נישט אַוועק. מיר האָבן דיר קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן. מיר האָבן שטענדיק נאָך מיט דיין מאַן און איצט מיט דיין זון געלעבט ווי גוטע שכנים. האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן. עס וועט פאַר אונדזער דאָרף זיין אַ בזיון, ווען דו מיט דיין זון וועסט פון אונדז אַנטלויפן. וואָס זענען מיר עפּעס וואַלד-גזלנים, צי וואָס?

— ריכטיק רעדט סטעפּאַן! — האָט דער איבעריקער אָנגעלאָפענער עולם מסכים געווען, צושאָקלענדיק מיט די קעפּ.

ווען דער סטארשינע איז שוין געווען ביי דער טיר און געוואָלט אַוועקגיין, האָט אים דבורה ווידער געבעטן, ער זאָל באַלד באַפרייען יאַנען.

— נו נו, אלטע, איך וועל שוין זען... איך וועל זיך באטראכטן... איך וועל אים באפרייען... נאר פריער מוז איך אים גוט אנדערנען, ער זאל א צווייט מאל געדענקען, אז מען טאר זיך נישט שטעלן אקעגן אונדז, ווארים מיר, נאטשאלסטווע, זענען א „זאקאן״!..

און דער סטארשינע איז מיט שטאלץ אוועקגעגאנגען אין „וואלאסט״.

קאפיטל אכטאונצוואנציק.

דאס היטל ברענט.

ווען מען האט יאנען געפירט אין וואלאסט א געבונדענעם, איז א האלבער דארף נאכגעלאפן אויף זיין בייז וווּנדער.

אויף דעם בארג אין ווייסן הויז, ווו דער עקאנאם סיווינסקי מיט זיין גרויסער פאמיליע האט געוווינט, האט מען דערהערט א רעש און אלע זענען ארויסגעלאפן זען, וואס עס קומט פאר.

און ווען זיי האבן דערזען, אז מען פירט יאנען געבונדן און זיך דערוווסט, אז מען האט אים ארעסטירט ביי מאניעס עלטערן אין הויז, האבן זיך די ווייבער, און באזונדערס די „מומעס״ אויף טויט דערשראקן און זיך אנגעהייבן שושקען איינס מיט דעם צווייטן:

— אן אומגליק, —האט איינע געזאגט. — כל זמן עס איז געווען שטיל וועגן מאניען, וואלט מען מיט דער צייט פארגעסן און קיינעם וואלט נישט איינגעפאלן, אז מיר האבן אויך אנטייל גענומען אין מאניעס אנטלויפן מיט לודוויגן. אבער איצט, ווען מען האט יאנען ארעסטירט, וועט די פאליציי זיך שוין פון אלץ דערוויסן. אלע וועלן שוין וויסן און געוויס וועט מען אונדז אויך רופן אויסצופרעגן וויאזוי איז מאניע אריינגעפאלן אין מאנאסטיר און מען וויל זי פון דארטן נישט ארויסלאזן...

– פריער פאַר אַלץ, – האָט זיך די צווייטע מומע אָנגערופן, – דאַרף מען זיך באַלד זען מיט דעם סטאַרשינע און בעטן. ער זאָל יאַנען באַלד באַפרייען.

– ווער וועט דאָס גיין רעדן מיט דעם סטאַרשינע? – האָט זיך אָנגערופן דעם עקאָנאָמס עלטערע טאָכטער.

– מען דאַרף בעטן דיין פאָטער. ער קען זיך גוט מיט אים און דער סטאַרשינע וועט האָבן דרך-ארץ פאַר דיין פאָטער – האָבן די מומעס געענטפערט.

– אַ שיינער איינפאַל, בעטן דעם פאָטער! מען וועט דאָך אים דאַרפן דערציילן פון דער גאַנצער געשיכטע מיט מאַניען. אַזוי ווייס ער נאָר אַ ביסל, ווי אַלע ווייסן, און ער איז אין כּעס וואָס מען פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע געשעפטן. אַז ער וועט זיך דערוויסן וועגן אַלץ, וועט ער נאָכמער ווערן אין כּעס!

– ווער-זשע דען זאָל גיין בעטן דעם סטאַרשינע? אפשר וואָלסטו טאַקע געגאַנגען? דו קענסט דאָך אים.

– איך? – האָט זי מיט שרעק געזאָגט. – אַז מיין פאָטער וועט זיך וועגן דעם דערוויסן, וועט ער מיך דערהרגענען.

– ווער-זשע דען זאָל גיין?

– איך געוויס נישט... איך נישט.

פון פעלד איז אָנגעקומען דער עקאָנאָם און צווישן די ווייבער איז שטיל געוואָרן.

דער עקאָנאָם סיווינסקי איז אָנגעקומען פון פעלד אַ מידער, אַ פאַרשטויבטער און אַ פאַרצאָרנטער.

זיין גרויסע פאַמיליע האָט אין אים דערקענט, אַז ער איז מיט עפּעס זייער פאַרזאָרגט.

ער האָט קיין וואָרט מיט קיינעם נישט גערעדט, וואָס דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט און איז גלייך זיך געגאַנגען אַרומוואַשן.

– איך האָב מורא, – האָט זיך אָנגערופן איינע פון די מומעס, – אַז ער ווייסט שוין פון יאַנס אַרעסט.

– פאַרוואָס זאָל ער נישט וויסן? – האָט זיך אָנגערופן סיווינ-סקיס אַלטע מוטער, – עס איז עפּעס אַ סוד, וואָס מען קען עס אויס-באַהאַלטן? דאָס גאַנצע דאָרף ווייסט שוין, פאַרוואָס זאָל ער נישט וויסן?

– הלוואי זאָל זיך אויסלאָזן צו גוטן, – האָט די אַלטע מוטער

ווידער געזאָגט, שאָקלנדיק מיט דעם קאָפּ, נישט אויפהערנדיק דערביי צו זיפצן, — אין מיינע יאָרן זענען אַזעלכע געשיכטעס פאָרגעקומען אין די צענדליקער, און שאַ, שטיל! קיינער האָט נישט געוווּסט, און דאָ וואָס טוט זיך עס אַ ביסל? די גאַנצע וועלט ווייסט שוין! עס וואָלט מיך נישט געאַרט, זאָל וויסן די גאַנצע וועלט, נאָר אַבי אונדזער הויז זאָל דאָ נישט זיין אַרייַנגעמישט.

אין דעם שמועס איז אָנגעקומען סיווינסקי. עס איז געוואָרן שטיל. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, און אַלע האָבן באַמערקט אין סיווינסקיס פּנים, אַז עפּעס קאָכט אין אים און עס האָט זיך געפילט, אַז באַלד-באַלד וועט אַ שטורעם אויסברעכן.

און עס איז אויסגעבראָכן!

סיווינסקי האָט, ענדלעך, אָנגעהייבן רעדן פול מיט פאַרדראָס אויף זיין פאַמיליע:

— איר ווייסט שוין מסתמא, אַז מען האָט אַרעסטירט יאַנען ביים יידן אין הויז. איבערן גאַנצן דאָרף האָט מען אים געפירט אַ געבונדענעם, אַ צעבלוטיקטן... אַ האַלב דאָרף איז אים נאָכגעלאָפן... איר ווייסט שוין געוויס, פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט?

אַלע האָבן געשוויגן.

— וואָס-זשע מאַכט איר זיך נישט וויסנדיק, ווי גלייך איר ווייסט גאָרנישט? גאָרנישט ווייסט איר, אַיאָ?

זיינע ווערטער האָבן יעדן געשטאָכן, ווי שפּילקעס.

עס האָט זיך אָנגערופן איינע פון זיינע מומעס, און מער האָט מען נישט באַדאַרפט.

— וואָס-זשע קער זיך אָן יאַנס אַרעסט מיט אונדז? — האָט געפרעגט די מומע.

— עס קער זיך שוין אַ סך אָן! עס וואָלט מיך גאָרנישט געאַרט, זאָל ער אַפילו פאַרפוילט ווערן אין טורמע, ווען מיין הויז זאָל נישט זיין פאַרמישט אין דער געשיכטע.

— אין וואָס פאַר אַ געשיכטע? — האָט געפרעגט איינע פון זיינע טעכטער.

— אין וואָס פאַר אַ געשיכטע? — האָט סיווינסקי זיך נאָכגעקרומט, — זעט נאָר, ווי מען מאַכט זיך נישט וויסנדיק! איך מיין די געשיכטע מיט זעליגס טאָכטער מאַניע! איצט ווייסט איר שוין?

— איז וואָס-זשע קער זיך דאָס אָן צו אונדזער הויז? — האָט די מומע געפרעגט.

— עס וועט זיך אָנהייבן אַ פּראָצעס און מען וועט אונדז גע-וויס אויך רופן אין געריכט, אויספרעגן, וואָס מיר ווייסן וועגן מאַניעס מיט לודוויגס אַנטלויפן אין מאָנאַסטיר.

— וואָס-זשע? אַז מען וועט אונדז רופן, וועט מען אונדז אויפ-עסן, צי וואָס?

— נאָר צו וואָס דאַרף איך דעם סקאַנדאַל, אַז אַלע זאָלן רעדן פון אונדז.

— ביזט אַ שלעכטער קאַטאָליק! — האָט אים די מומע פאָרגע-וואָרפן. — וואָס-זשע, אין אַזאַ גוטער זאַך, וואָלטן מיר זיך, נאָך דיין מיינונג, באַדאַרפט אָפּזאָגן צו העלפן?

— איך בין אַ גוטער קאַטאָליק, ווי אַלע און עס וואָלט מיך אפשר אויך נישט געאַרט, ווען איך זאָל זיין אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש... איך בין אָבער אַ דינער, אַן אַרבעטער, אַ שקלאַף ביי מיין באַלעבאָס, גראַף שעפּעטיצקי, וועלכער פאָדערט, איך זאָל אַכטונג געבן אויף זיינע פעלדער און באַלעבאַטישקייט און נישט זיך פאַר-נעמען מיט מצוות. ווען איך האָב נישט קיין גרויסע פאַמיליע אויף מיין קאָפּ, וואָלט איך שוין לאַנג מיט דעם טיראַן געשלאָגן כּפּרות! נאָר איך קען גאָרנישט טאָן, ווען צו מיין טיש גייען דרייצן מענטשן, וועלכע אַרבעטן נישט, גייען אַרום ליידיק און פאַרנעמען זיך נאָר מיט מצוות...

אַ פּאָר פון זיין פאַמיליע האָבן זיך פון דער באַליידיקונג צעוויינט.

— שוין ווידער שטעכסטו אונדז מיט דעם ביסן ברויט? — האָט זיך איינע אָנגערופן.

זיין ווייב האָט אויך אַ קרומען קוק געטאָן אויף אים.

סיווינסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין זיין אויפרעגונג האָט ער זיך פאַרגעסן און אַ ביסל איבערגעזאַלצן. ער איז מיטאַמאָל ווייכער געוואָרן און זיך אָנגעהייבן פאַרענטפערן:

— איך האָב נישט געמיינט דאָס צו זאָגן... איך בין אין דעם נישט שולדיק... קיינער וויל נישט פאַרשטיין מיין לאַגע. דער גראַף איז אַ מענטש, וואָס פאַר געלט וועט ער אפילו פאַרקויפן יעזוסן, און יידן מיט געלט זענען דאָ אַ סך. די רייכע יידן, מיט וועלכע ער

האָט גרויסע געשעפטן, וועלן אים בעטן, ער זאָל זיך אַריינמישן, אַז מען זאָל זעליגס טאָכטער באַפרייען פון מאָנאַסטיר, וועט ער זיך שוין דערוויסן, אַז מיין הויז האָט אויך אַנטייל גענומען אין דער געשיכטע, און מער באַדאַרף מען נישט! ווייסט איר, וואָס דעם טיראַן קען דאַן איינפאַלן? ער קען זאָגן, אַז אַן עקאָנאָם אין זיינע גיטער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מצוות, דאַרף ער נישט האָבן. אָט פאַרוואָס איך האָב מורא! אָט פאַרוואָס מיך שרעקט יאַנס אַרעסט!

— היינט פרעג איך אייך, — האָט סיווינסקי ווייטער גערעדט, — וואָס קען איך אין מיינע יאָרן טאָן, ווען איך זאָל בלייבן אָן ברויט? עס זענען דאָ געגנוג פעיִקערע און יונגערע עקאָנאָמען, וואָס לאָקערן מיין שטעלע צו באַקומען. זיי וואַרטן נאָר אויף דעם ערשטן בעסטן צופאַל! איצט, מיינע ליבע, פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך בין אַזוי אויפגערעגט, ווען פאָרנדיק פון פעלד האָב איך דערזען יאַנען פירן מיט אַזאַ פאַראַד? איר אַלע האָט זיך דאָך שטענדיק געסודעט מיט יאַנען און מיט לודוויגן און געפּלאַנט וויאַזוי מען זאָל מאַניען אַריינגנאַרן אין מאָנאַסטיר. זיי ביידע זענען די לעצטע צייט פון אונדזער הויז נישט אַרויסגעקראָכן!

די גאַנצע פאַמיליע איז בלאַס געוואָרן און מיט שרעק געטראַכט נישט אַזוי וועגן יאַנס אַרעסט, „וואָס די וועלט וועט זיך דערוויסן", נאָר דערפון, וואָס סיווינסקי האָט זיי אָנגעשראָקן, אַז ער קען צוליב דער געשיכטע פאַרלירן זיין ברויט — זיין שטעלע ביים גראַף שעפּעטיצקי.

ווען אַלע האָבן זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט זיך ווידער אָנגערופן איינע פון די צוויי מומעס:

— מען דאַרף נישט זיין אויפגערעגט און זיך שרעקן, דערפון וועט גאָרנישט אַרויסקומען. מען דאַרף עפּעס זען טאָן.

— וואָס קען מען דאָ טאָן? — האָט סיווינסקי געפרעגט, אויסשפּרייטנדיק די הענט, ווי איינער וואָס בעט הילף, מען זאָל אים ראַטעווען.

— מען דאַרף גיין צום סטאַרשינע און בעטן, מען זאָל אים באַלד באַפרייען, איידער מען שיקט אים אַוועק אין שטאָט אַריין, ווייל דאָרטן וועט זיין אַ סך שווערער עפּעס צו טאָן, ווי דאָ.

— און באַלד וועט דער סטאַרשינע אים דען אַרויסלאָזן? מער האָט ער נישט וואָס צו טאָן!

אַז מען וועט אים גוט באַצאָלן, וועט ער עס טאָן! — האָט זיך אָנגערופן איינע פון דער פאַמיליע.

— דאָס ווייס איך, אַז מען וועט אים גוט באַצאָלן, וועט ער אפשר אים באַפרייען. נאָר איך האָב מורא, אַז עס וועט זיין שווערלעך, ווייל זעליג וועט נישט דערלאָזן! ער וועט נישט שווייגן! איר זעט דאָך, ער האָט אַלע זיינע געשעפטן פאַרלאָזן, אַפילו די מיל פאַרמאַכט און זוכט נאָר ווי אַרויסצוראַטעווען זיין טאָכטער.

— וואָס דאַרפן מיר קלערן, וואָס עס וועט זיין? דערווייל דאַרף מען זען ווי צום גיכסטן יאַנען באַפרייען, און דערנאָך וועלן מיר זען, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

— ווען מען וועט יאַנען באַפרייען, — האָט די יינגסטע פינפאונצוואַנציק-יעריקע טאָכטער געזאָגט, — וועט מען שוין אַזוי גיך אים נישט כאַפּן.

— זאָפיע זאָגט זייער ריכטיק, — האָבן אַלע מסכים געווען.

— און אַז יאַן וועט נישט זיין, — האָבן ביידע מומעס געזאָגט, — וועט גאָרנישט ווערן פון דער גאַנצער געשיכטע, עס וועט זיין שאַ, שטיל!

נו, גוט, ווער-זשע וועט גיין רעדן מיט דעם סטאַרשינע? — האָט סיווינסקי געפרעגט.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט איינער אויף דעם צווייטן און דערביי האָבן זייערע אויגן גערעדט: „גיי דו, — ניין, גיי דו".

אַלע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף סיווינסקין.

— איך זע, אַז איר ווילט, איך זאָל גיין צום סטאַרשינע, — האָט ער זיך אָנגערופן.

— אַוודאי דו, ווער דען? — האָבן זיך אַלע אָנגערופן.—דו ביזט דער באַלעבאָס פון הויז, דאַרפסטו גיין.

— איך? ניין! איך וועל נישט גיין „מאַצקי האָט אָנגעאַרבעט, זאָל מאַצקי אויפעסן".

מיט אָט דעם פויערשן שפּריכוואָרט האָט סיווינסקי געגעבן אָנצוהערן, אַז איינע פון די, וואָס זענען פאַרמישט אין דער געשיכטע, זאָל גיין בעטן דעם סטאַרשינע.

זיין פאַמיליע האָט אים אַרומגערינגלט און געבעטן און, ווי שטענדיק, איז ער ווייכער געוואָרן און נאָכגעגעבן.

* * *

אויף מאָרגן איז דער עקאָנאָם אַוועק אין וואָקאַסט. דער סטאַר־שינע האָט אים פרייַנטלעך באַגעגנט:

— דער פאַן עקאָנאָם איז אַליין געקומען צו מיר! וואָס איז אַזוינס געשען?

— איך בין געקומען אייך בעטן, איר זאָלט באַפרייַען יאַנען.

און דערבײַ האָט ער פאַר אים אונטערגעלייגט אַ פאָר גערלט־פאַפירלעך.

דער סטאַרשינע האָט באַלד פון טיש צוגענומען דאָס געלט, עס אַראָפּגעלאָזט אין זייַן טיפער קעשענע און זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, אַז יאַן איז געווייס אַ גרויסער פאַרברעכער, ווען אַלע בעטן, מען זאָל אים באַפרייַען. די אַלטע דבורה האָט דאָסזעלבע געבעטן און געגעבן געלט און איצט איז אפילו דער פאַן עקאָנאָם אַליין געקומען בעטן און אויך געלט געגעבן.

דער סטאַרשינע האָט דעריבער באַלד ביי זיך געמאַכט אַ חשבון, אַז מיט יאַנס באַפרייַונג וויל מען אים אָפּנאַרן. ער איז מער ווערט, און ער האָט געענטפערט דעם עקאָנאָם:

— ווי קען איך אים אַזוי גיך באַפרייַען, אַז ער איז אַ גרויסער פאַרברעכער און דערצו האָט ער זיך געשטעלט קעגן נאַטשאַלסטווע, ווען מען האָט אים באַדאַרפט אַרעסטירן.

דער עקאָנאָם האָט זיך נאָכמער דערשראָקן און געזאָגט:

— אַט דעריבער וויל איך אייך טאַקע בעטן, אַז איר זאָלט אים נישט שיקן אין שטאָט אַרייַן.

דער סטאַרשינע האָט זיך, ווי געוויינלעך, ווען ער האָט זיך פאַרטראַכט, אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און געענטפערט:

— איך ווייס נישט, צי קען איך דאָס טאָן? יאַן איז נישט גלאַט אַזוי אַ סקאַנדאַלמאַכער, וואָס איך זאָל אים קענען באַלד באַפרייַען. נישט אומזיסט האָט אפילו די אַלטע דבורה אויך געבעטן, מען זאָל יאַנען באַפרייַען, און איר בעט אויך! דבורה האָט אים אַלץ מוחל געווען.

— ווער, זאָגט איר, האָט געבעטן פאַר יאַנען? — האָט דער עקאָנאָם סיווינסקי איבערגעפרעגט, נישט גלייבנדיק זייַנע אויערן, וואָס ער האָבן געהערט.

— איך זאָג דאָך אייך, אַז די אַלטע דבורה, אין וועמענס הויז ער האָט זיך מיט געוואַלט אַריינגעריסן און געמאַכט סקאַנדאַלן, האָט אויך געבעטן פאַר זיין באַפרייונג.

— צוליב וואָס האָט זי עס געטאָן?

— ווייל זי ווייסט, אַז עס וואַרט אויף אים אַ שווערע שטראָף, האָט זי רחמנות געהאַט אויף זיינע עלטערן און האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים באַפרייען. אַ גוטע איז זי שטענדיק, האָט זי רחמנות געהאַט, וואָס זשע וווּנדערט איר זיך אַזוי?

— איך וווּנדער זיך נישט, נאָר איך זאָג, אַז עס זענען נאָך דאָ גוטע און ליטישע מענטשן אויף דער וועלט... זייט זשע אויך אַ גוטער און לאָזט יאַנען אָפּ פריי.

און דערביי האָט דער עקאָנאָם דערלאַנגט דעם סטאַרשינע נאָך אַ געלט-פּאַפּירל.

דער סטאַרשינע האָט צוגענומען דאָס געלט און געזאָגט:

— נו, גוט, איך וועל זיך באַטראַכטן... איך וועל זען... איך וועל אים באַפרייען...

דער עקאָנאָם האָט זיך געזעגנט מיט דעם סטאַרשינע און זיך געלאָזט גיין אַהיים.

אויף דעם וועג האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער אַלטער דבורה, וועלכע האָט אויך געבעטן פאַר יאַנס באַפרייונג. קומענדיק אַהיים, איז אים באַפאַלן זיין גאַנצע פאַמיליע און זיי האָבן אים געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך?

— גאָרנישט הערט זיך! דער סטאַרשינע האָט מיר צוגעזאָגט... געלט האָט ער גענומען, נאָר צי ער וועט אים באַלד באַפרייען, וועלן מיר זען!

אַלע האָבן זיך באַרויִקט, הערנדיק, אַז דער סטאַרשינע האָט צו- גענומען דאָס געלט און צוגעזאָגט צו באַפרייען.

— שטעלט אייך פאָר, — האָט סיווינסקי אָנגעהייבן דערציילן, — אַ חוץ מיר, האָט נאָך איינער געבעטן, מען זאָל יאַנען באַפרייען.. אַנו, טרעפט ווער?

— געוויס יאַנס עלטערן.

— ניין, איר וועט קיינמאָל נישט טרעפן! עס וועט אייך ניש איינפאַלן, ווער... שטעלט אייך פאָר, אַז די אַלטע דבורה אַליין האָ

אויך דעם סטאַרשינע געבעטן, מען זאָל אים באַפרייען און פאַר אַלע סקאַנדאַלן איז זי אים מוחל. דער סטאַרשינע האָט מיר אויך דער־ציילט, אַז ווען יאַן זאָל זיך נישט געווען שטעלן קעגן „נאַטשאַלסטווע", וואָלט ער אים שוין לאַנג באַפרייט.

— דבורה האָט געבעטן! — האָבן אַלע אויסגעשריען פון גרויס פאַרוואונדערונג, מיר וואָלטן קיינמאָל נישט געגלויבט, ווען מיר זאָלן עס פון דיין מויל נישט הערן!

— און איך וואָלט עס אויך נישט געגלויבט, ווען איך זאָל עס אַליין נישט געווען הערן פון סטאַרשינעס מויל. אַ שאָד, וואָס אַזאַ לייטישע פאַמיליע האָט אַזאַ אומגליק געטראָפן.

די מומעס האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרשטייענדיק, וווהין סיווינסקי שיסט מיט זיינע ווערטער.

— ראַטעווען אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה שטייט העכער פון אַלץ,— האָט זיך איינע פון די מומעס אָנגערופן.

— אָבער דו ווייסט, דו פאַרשטייסט דען, וואָס עס הייסט אָפּ־רייסן מיט געוואַלט אַ קינד פון די עלטערן?—האָט סיווינסקי געזאָגט.— האָסטו אַמאָל געהאַט אַ קינד? דו ווייסט, וואָס הייסט צו זיין אַ מוטער און וואָס אַ מוטערס האַרץ פילט?

— וואָס קען מען טאָן, — האָט מיט אַ פרום פנים זיך אָנגערופן די צווייטע מומע, — עס איז אוודאי אַ רחמנות אויף זיי, נאָר אַזוי איז גאָטס ווילן! קעגן אים קען מען גאָרנישט טאָן! ווער קען פאַר־שטיין זיינע וועגן?

די גאַנצע פאַמיליע האָט מיט פרומע פנימער צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ און סיווינסקי האָט נישט געוואַגט זיך אָנרופן מיט אַ וואָרט און האָט געשוויגן.

* *
*

אויף מאָרגן איז יאַן, אַ באַפרייטער, געקומען אין סיווינסקיס הויז. מיט גרויס שמחה האָבן אים אַלע באַגעגנט און די צוויי מומעס האָבן אים באַגעגנט מיט אויפגעהייבענע הענט און פאַרגלאָצטע אויגן.

— עס איז אונדז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן! — האָבן זיי געזאָגט.

— איך בין געקומען אָפּדאַנקען דעם פּאַן סיווינסקי, וואָס ער האָט געבעטן, מען זאָל מיך באַפרייען, נאָר מיט די „זשידעס" וועל איך זיך אָפּרעכענען.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט דער עקאָנאָם געפרעגט.

— ווען זאָל איך מיינען, אַז נישט דעם „זשיד" פון דער מיל מיט זיין גאַנצער פאַמיליע? צוליב זיי האָט מען מיך אומזיסט און אומנישט אַרעסטירט און געשלאָגן ביז צום טויט. איך קען דאָס נישט פאַרשווייגן, איך וועל זיך מיט זיי אָפּרעכענען!

— אומזיסט ביזטו אין כּעס אויף זיי, — האָט זיך אָנגערופן דער עקאָנאָם, — דו ביזט אַליין שולדיק אין דיין אַרעסט. צוואָס קריכסטו צו זיי אין הויז, וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו דאָרטן מיט זיי?

יאַן האָט געוואָלט זיך אויסרעדן זיין פאַרביטערט האַרץ וועגן זיין אומגליקלעכער ליבע צו מאַניען און וויאַזוי די „זשידעס" זענען אים אומדאַנקבאַר, וואָס ער האָט געראַטעוועט מאַניען פון לודוויגס הענט. נאָר ער האָט עס נישט געקענט טאָן איבער דעם עקאָנאָמס יינגסטע טאָכטער, וועלכע האָט געהאַט אַן אויג אויף אים, און יאַן האָט אָפּגעענטפערט:

— מסתמא האָב איך באַדאַרפט זייער נייטיק דאָרטן זיין. איך וועל זיי נישט שווייגן, איז מוז זיי אָנלערנען! די אַלטע מכשפה דבורה וועט מיך אויך האָבן צו געדענקען!

— אומזיסט ביזטו אין כּעס אויף זיי, — האָט דער עקאָנאָם געזאָגט. — נישט מיר דאַרפסטו דאַנקען פאַר דיין באַפרייונג, נאָר דער אַלטער דבורהן... אַ דאַנק איר האָט מען דיך באַפרייט.

— וואָס הייסט? ווי איז דאָס מעגלעך?

— אַזוי האָט מיר דער סטאַרשינע דערציילט, אַז עטלעכע מאָל האָט זי אים געבעטן, מען זאָל דיך באַפרייען. יאָ, פאַרשטייט זיך, האָב אויך געהאָלפן דערצו, נאָר ווען נישט דבורה, וואָלט מען דיך נישט באַפרייט. זי האָט געזאָגט דעם סטאַרשינע, אַז זי איז דיר מוחל און זי וויל נישט, אַז דו זאָלסט זיין אַרעסטירט איבער איר.

ביי יאַנען האָבן זיך די הענט אַראָפּגעלאָזט. דער גאַנצער כּעס איז ביי אים אַוועק און ער איז געבליבן שטיין אָן ווערטער.

קאפיטל ניינאונצוואנציק.

אויפן עולם התוהו.

אין שטעטל וואראגאוויצע איז איצט רעשיק, עס קאָכט אין יעדן ווינקעלע.

דאָס גאַנצע שטעטל וואַרט אַ גאַנץ יאָר אויף דער איצטיקער צייט — אויף דעם יערלעכן יום-טוב אין מאָנאַסטיר. טויזנטער פּילגרימען, גייענדיק פון ווייטע און נאָענטע געגנטן אין מאָנאַסטיר אויף דעם גרויסן יום-טוב, שטעלן זיך אָפּ אין שטעטל, און יעדער קויפט עפּעס אין די קראָמען און אויף דעם מאַרק.

דאָס גאַנצע שטעטל ווערט מיטאַמאָל לעבעדיק און קאָכט און רעשט פון טויזנטער מענטשן, וועלכע קומען אָן, און גייען אַוועק און עס קומען ווידער אָן נייע.

די טויזנטער פּילגרימען מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס און מיט די לאַנגע שטעקנס אין די הענט, רוען זיך אָפּ אונטערן הימל, אויף דעם מאַרק און אין די געסלעך, די אויף עטלעכע שעה און די אויף אַ גאַנצן טאָג מיט אַ נאַכט, און יידישע קרעמלען לייזן געלט און האָבן דערפון אַ גאַנץ יאָר צו לעבן מיט ווייב און קינדער.

אַלע קרעמער זענען איצט פאַרנומען טאָג און נאַכט. מען פאַרמאַכט כמעט נישט די קראָמען דעם גאַנצן מעת-לעת. אַן עבירה יעדן גראָשן לייזונג, וואָר׳ים וויבאַלד עס גייט אַוועק די צייט פון דעם

מאָנאסטיר־יום־טוב, זיצט מען איבער גאַנצע טעג איידער מען דערזעט אַ קונה.

דער גרויסער באַקאַלייגע־קרעמער ר׳ לייזער און דער גרעסטער שניט־קרעמער אין שטאָט, ר׳ פייוול, זענען איצט שטאַרק פאַרנומען. זיי אַרבעטן נישט אַליין, נאָר מיט העלפער. קונים גייען אַרויס און גייען אַריין און זיי האָבן קיין צייט נישט אַן איבעריק וואָרט צו רעדן.

דער אומגליקלעכער ר׳ זעליג שרהס מיט זיין ווייב חנה דרייען זיך דאָ אויך אַרום אין שטעטל. אַלע זענען פאַרנומען, נאָר זיי האָבן צייט און גענוג איבעריקע צייט.

באַזונדערס דרייען זיי זיך אַרום לעבן ר׳ לייזערס און ר׳ פייוולס קראָמען, ווייל זיי האָבן געזען, ווי פיל מאָנאַשקעס פון מאָנאַסטיר זענען אַריין אין זייערע קראָמען און אַרויסגעטראָגן פעקלעך, און זיי האָבן געוואָלט וויסן, כאָטש כאַפּן אַ וואָרט, צי די עלטסטע שוועסטער אירינע איז אויך ביי זיי געווען און צי זיי האָבן נישט פאַרגעסן צו רעדן אַ גוט וואָרט פאַר זייער טאָכטער, און וואָס האָט זי געענטפערט. אפשר האָבן זיי גערעדט מיט אַנדערע שוועסטער, אַז עס איז אַ יושר, מען זאָל אָפּלאָזן זייער קינד.

אַריינגיין און פרעגן האָט ר׳ זעליג מיט זיין ווייב נישט געוואַגט. זיי זענען אַזוי שטאַרק פאַרנומען און זעליג האָט עס אָפּגעלייגט אויף שבת, ווען די קראָמען זענען פאַרמאַכט, וועט ער מיט זיין ווייב גיין צו זיי אַהיים פרעגן.

און זיי האָבן זיך דאָ צווישן גרויסן עולם ארומגעדרייט ווי אויף אַן עולם התוהו. זיי האָבן נישט געקענט אַוועקגיין פון די צוויי גרויסע קרעמער, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז פונדאַנען דאַרף קומען די ישועה.

פון שטעטל פלעגן זיי אָפט אַוועקפאָרן צום מאָנאַסטיר און ווי פריער זיך שטעלן ביי די ווענט און מיט וויינענדיקע קולות רופן זייער טאָכטער—אפשר וועט זי דערהערן. און אַז זיי זענען מיד געוואָרן, פלעגן זיי ווידער פאָרן אין שטעטל: אפשר וועלן זיי פון די צוויי קרעמער, וועלכע האָבן ביים רב צוגעזאָגט בעטן פאַר זייער קינד, וועלן זיי זיך עפּעס דערוויסן.

ר׳ זעליג מיט זיין ווייב זענען באַזונדערס אומרויק געוואָרן אין דער לעצטער צייט, ווען דער מאָנאַסטיר־יום־טוב האָט זיך אָנגעהייבן

דערנענטערן, ווייל פון די פּילגרימען, וועלכע האָבן ליב צו דערציי וואונדערלעכע מעשיות, האָט ער געהערט, אַז אין דעם טאָג פון גרוי יום-טוב שמדט מען אָפּ יעדעס מאָל אַ סך „זינדיקע און פאַרפירט

און ר׳ זעליג מיט חנהן האָבן געוואָלט אַרויסראַטעווען זיי קינד פאַר דעם יום-טוב, אַז דערנאָך זאָל נישט זיין צו שפּעט...

ער איז דעריבער אויך נישט געפאָרן אַהיים, ווען חיים ה אים געשריבן, ער זאָל קומען, ווייל ער האָט אים פיל נייס צו דע ציילן, וויאַזוי מען זאָל פּרווון אַרויסצוראַטעווען מאַניען.

— וואָס קען אונדז חיים העלפן אין אונדזער אומגליק! — ה זעליג געזאָגט צו זיין ווייב. — מיר טאָרן נישט ביידע פונדאַנ אַוועק, ביז מיר וועלן זיך עפּעס זיכערס דערוויסן. חיימס עצות וו נישט אַנטלויפן. דאָ, נאָר פונדאַנען דאַרף קומען די ישועה. דער שווייגט נישט, די גרעסטע באַלעבאַטים וועלן אויך עפּעס טאָן, היי ווי קענען מיר פונדאַנען אַפילו אויף אַ מינוט אַוועקפאָרן.

חנה האָט מיט אים מסכים געווען און זעליג האָט חיימען ענטפערט, אַז ער קען איצט אַהיים נישט קומען, אַז חיים זאָל קומ צו אים. נאָר חיים האָט באַלד דורך אַ בריוו געענטפערט, אַז ז קומען אין שטעטל איז אומזיסט, ער דאַרף אים באַקענען מיט פּערזאָן, וואָס וויל פיל גוטס טאָן פאַר זיין קינד.

ר׳ זעליג האָט זיך באַטראַכט, אַז דאָס וויכטיקסטע פאַר א איז נאָר דאָ בלייבן ביז ער וועט זיך עפּעס דערוויסן. וואָס דא ער האָבן מער און וואָס קענען אים העלפן פאַרשידענע פּערזאָנ אַז דאָ וועט מען רעדן און בעטן די עלטסטע שוועסטער אַליין!

און ביי זעליגן איז געבליבן, אַז די אַלע פּערזאָנען וועט נישט אָנווערן. ער דאַרף קיין זאַך נישט טאָן און פונדאַנען ניי אַוועקפאָרן, ביז עס וועט זיך וועגן עפּעס דערוויסן. און אפשר וו גאָט טאָן אַ נס און ער וועט גאר אינגאַנצן געהאָלפן ווערן! כ קען נישט טאַנצן אויף צוויי יאַרידים. מען מוז איין זאַך אָפּטאָן, עס דאַרף צו זיין, מען זאל דערנאך, חס-ושלום, קיין חרטה נישט הא

און ר׳ זעליג מיט זיין פרוי זענען די גאַנצע צייט געבלי דאָ, אַרומגעדרייט זיך אין שטעטל, אַמאָל אַריינגייענדיק צום ו אָדער צו א באַקאַנטן באַלעבאָס, געפאָרן צום מאָנאַסטיר און וויד זיך אומגעקערט אין שטאָט אַריין.

ער מיט זיין ווייב האָבן צוגעזען, ווי יידן האַנדלען, זענ

שטאַרק פאַרנומען און זיי דרייען זיך אַרום מיט ליידיקע הענט ווי פוסטעפּאַסניקעס. די מיל שטייט, אַרענדע דאַרף מען צאָלן, אין שטוב דרייט זיך אַרום אַליין די אַלטע דבורה, פון אַלץ וועט ווערן אַ תל און גייט צו גרונט.

— נאָר משוגע צו ווערן! — פלעגן זיי איינס דאָס אַנדערע זאָגן און שטאַרק ביי זיך אַראָפּפאַלן. נאָר מינוטנווייז האָבן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע געטרייסט און געשטאַרקט:

— גאָט וועט העלפן, אונדזער קינד, אונדזער מאַניעלע וועט ווידער זיין אינדערהיים, מיר וועלן ווידער אַלע זיין צוזאַמען, די מיל וועט גיין... ווי קענען מיר זיך באַרויקן, כל־זמן אונדזער קינד געפינט זיך אין גוייִשע הענט! מען טאָר ביי זיך נישט אַראָפּפאַלן, מען מוז זיך שטאַרקן און גאָט וועט העלפן!

אוןביידע האָבן געציילט די מינוטן, אַז זיי זאָלן שוין דערלעבן שבת, ווען זיי וועלן זיך קענען זען מיט ר׳ לייזערן און ר׳ פייוולען. אפשר האָבן זיי זיך פון עפּעס דערוווּסט?

* * *

ביינאַכט, נאָך צוועלף, ווען ביי דעם וואָראָנאָוויצער רב איז מען שוין געשלאָפן און דער רב אַליין איז געזעסן ביי אַ לעמפּל און געלערנט, האָט זיך געהערט קלאַפּן אין פענסטער.

דער רב האָט זיך אָפּגעריסן פון לערנען און נישט פאַרשטאַנען, ווער קען אַזוי שפּעט קלאַפּן ביי אים. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, וואָס איז געווען פאַרמאַכט מיט די לאָדן און געפרעגט:

— ווער איז דאָרטן?

באַקאַנטע שטימען האָבן זיך אָנגערופן, אַז זיי דאַרפן נייטיק צום רבין.

דער רב האָט געעפנט די טיר און עס זענען אַריין צוויי באַ־לעבאַטים, ר׳ לייזער און ר׳ פייוול.

דער רב, פֿאַרשטייענדיק וועגן וואָס זיי זענען געקומען, האָט זיך אָנגערופֿן:

— געוויס, וועגן גוטע נייס זענט איר אַזוי שפּעט געקומען צו מיר, — און זעענדיק ווי זיי זענען זייער מיד, האָט ער זיי פֿריער פֿאַר אַלץ געבעטן זיצן און זיך אָפּרוען.

דערנאָך האָבן זיי אָנגעהייבן דערציילן:

— ווען מיר זענען אַוועק פֿון דער אסיפֿה, האָבן מיר אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז ווען די עלטסטע שוועסטער וועט קומען אין שטאָט און זיין ביי אונדז אין קראָם, זאָלן מיר זי בעטן...

— היינט איז זי געווען ביי מיר אין קראָם, — האָט זיך אָנגערופֿן ר׳ פּייווש, — און אַזויווי עס זענען געווען אַ סך קונים און מען האָט מיט איר נישט געקענט רעדן פֿון אַזאַ זאַך, האָב איך זי געבעטן, אַז זי זאָל מיר דערלויבן קומען צום קסיאָנדז, ווו זי שטעלט זיך שטענדיק אָפּ, ווען זי קומט אין שטאָטאַריין.

דער רב האָט מיט שמחה געפֿרעגט:

— אַזוי? איז זי טאַקע געווען און איר האָט גערעדט מיט איר?

— מיר האָבן ביידע גערעדט, איך און ר׳ לייזער.

און ר׳ פּייווש האָט ווייטער דערציילט:

— די עלטסטע שוועסטער האָט מיר דערלויבט קומען צום קסיאָנדז נישט שפּעטער, ווי אין אַ שעה צוויי אַרום, ווייל זי פֿאָרט באַלד אַוועק, און דאָ איז ביי מיר אין קראָם פֿול מיט מענטשן. האָב איך אַלץ אַוועקגעוואָרפֿן און צוזאַמען מיט ר׳ לייזערן זענען מיר אַוועק אַהין.

— נו, וואָס־זשע האָט זי געזאָגט? — האָט דער רב אומגעדולדיק געפֿרעגט.

— אַלס אונדזערע אַ לאַנגיעריקע קונה, האָט זי אונדז פֿריינטלעך אויפֿגענומען און אויסגעהערט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופֿן, אַז פֿון איר זייט איז זי גרייט צו טאָן אַלץ פֿאַר אונדזערטוועגן, נאָר פֿריער פֿאַר אַלץ פֿאַרלאַנגט זי, אַז ר׳ זעליג מיט זיין ווייב זאָלן אַוועק פֿון מאָנאַסטיר, ווו זיי שטייען ביי די ווענט און הערן נישט אויף צו שרייען. דאָס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך, האָט זי מיט כעס אויסגעשריען, מענטשן זאָלן גאַנצע טעג אָפּשטיין ביים מאָנאַסטיר און מאַכן סקאַנדאַלן! איר פֿאַרשטייט דאָך, — האָט זי אונדז געזאָגט, — אַז אונדזערע מענטשן וואָלטן זיך אָפּגערעכנט מיט אַזעלכע עזותניקעס.

וואָס וואָגן מאַכן סקאַנדאַלן לעבן אַ מאָנאַסטיר, נאָר איך דערלאָז עס נישט! איצט איז דאָס נאָך אַ גרעסערע געפאַר פאַר זיי. איך ווייסט דאָך וויפל פרומע פּילגרימען קומען איצט צו אונדזער גרויסן יום־טוב. איך האָב מאָניעס עלטערן נישט איינמאָל דורך אונדזערע מענטשן גע־וואָרנט, אַז זיי זאָלן אַוועק פון מאָנאַסטיר, פאָלגן זיי מיך נישט! היינט פרעג איך אייך, ווי קען איך דערפילן אייער ביטע פאַר אַזעלכעווילדע מענטשן? אדרבה, זאָגט זיי, אַז זיי זאָלן אַוועקוואַרפן זייערע נאַרישקייטן, זייערע פיס זאָלן מער נישט זיין לעבן מאָנאַסטיר. אפשר וועלן זיי אייך פאָלגן. דערנאָך, ווען איך וועל זען, אַז זיי פירן זיך אויף לייטיש, וועל איך אַלץ טאָן פאַר זיי, וואָס איך וועל נאָר קע־נען. און פאַר אונדזער אַוועקגיין האָט די עלטסטע שוועסטער אונדז נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן בעטן איר ווילן מודיע זיין זעליגן מיט זיין ווייב. מיט דעם זענען מיר אַוועקגעגאַנגען פון איר, רבי!

— וואָס־זשע זאָל מען איצט טאָן? — האָט דער רב געפרעגט.

— מען דאַרף וועגן דעם מודיע זיין ר' זעליגן מיט זיין ווייב. עס איז דאָך באמת נישט גוט און אַ גרויסע סכּנה, וואָס זיי שטייען גאַנצע טעג ביי די ווענט פון מאָנאַסטיר און הערן נישט אויף צו שרייען.

— זיי זענען נישט שולדיק, — האָט דער רב געענטפערט מיט אַ זיפץ, — זיי מיינען, אַז דערמיט וועלן זיי צווינגען, מען זאָל זיי אָפּגעבן זייער קינד... אַ גרויס רחמנות, נעבעך, אויף זיי!

— אָבער עס איז דאָך אויך פאַר זיי אַ גרויסע סכּנה!

— אוודאי אַ גרויסע סכּנה! מאָרגן גאַנץ פרי וועל איך הייסן דעם שמש, ער זאָל זיי אויפזוכן און שיקן צו מיר און איך וועל זיי אַלץ דערציילן, וואָס איר האָט מיר געזאָגט.

דער רבי האָט זיי געדאַנקט פאַר זייער גרויסער שליחות.

— פאַרוואָס קומט אונדז דאַנקען, — האָבן די באַלעבאַטים גע־ענטפערט. — יעדער ייד איז מחויב צו טאָן אַלץ, וואָס ער קען, אום אַרויסצוראַטעווען אַ יידיש קינד פון שמד. ווי מיר האָבן נאָר פאַרמאַכט אונדזערע קראָמען, זענען מיר אַוועק צו אייך, רבי!

די צוויי באַלעבאַטים האָבן שוין געוואָלט זיך געזעגענען מיט דעם רב און אַוועקגיין, האָט זיך איינער אַ כאַפּ געטאָן:

— מיר האָבן אייך, רבי, פאַרגעסן דערציילן, אַז די עלטסטע שוועסטער האָט אונדז געזאָגט, אַז פון איר זייט וואָלט זי שוין לאַנג

באפרייט מאַניען, נאָר זי, זעליגס טאָכטער הייסט דאָס, וויל נישט אַוועק פון מאָנאַסטיר און וויל מער נישט קענען אירע עלטערן! — דאָס האָט זעליג מיט זיין ווייב, — זאָגט די עלטסטע שוועסטער, — אַליין געזען, ווען זי האָט געשיקט נאָך מאַניען, זי זאָל זיך זען מיט אירע עלטערן, האָט מאַניע נישט געוואָלט גיין! הייסט, רבי, וויאַזוי קען מען דאָ עפּעס העלפן?

— איך גלויב מער ר׳ זעליגן מיט זיין ווייב, — האָט דער רב געענטפערט. — אויף דער אסיפה האָט איר דאָך אַליין געהערט, ווי ר׳ זעליג מיט זיין ווייב האָבן געזאָגט, אַז מען נאַרט זיי אָפּ און זיי וועלן גלויבן נאָר דעמאָלט, ווען זייער טאָכטער זאָל זיי, חס ושלום, אַליין ענטפערן, אַז זי וויל מער נישט גיין צו זיי אַהיים.

— אַז דער רבי זאָגט, זאָל זיין אַזוי, — האָבן די באַלעבאַטים געענטפערט. — דערווייל דאַרף מען אים מודיע זיין, און ווען עס וועלן אַוועק עטלעכע טעג, וועלן מיר זי ווידער בעטן. מיר וועלן די זאַך נישט אָפּלאָזן און טאָן אַלץ, וואָס מיר וועלן נאָר קענען.

די באַלעבאַטים האָבן דעם רב געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און זענען מידע, פון גאַנצן טאָג, אַוועק יעדער צו זיך אַהיים.

אויף מאָרגן, ווען דער רב האָט געשיקט דעם שמש אָפּזוכן ר׳ זעליגן, האָט ער אים אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט אים נישט געפינען אין שטאָט, זאָל ער פאָרן צום מאָנאַסטיר, ווער ער אים געוויס געפינען.

— צום מאָנאַסטיר? — האָט דער שמש איבערגעפרעגט אַ דער-שראָקענער. — עס איז אַ סכנה פאַר אַ יידן אַהין איצט צו פאָרן! אַזויפיל גויים געפינען זיך איצט אַרום מאָנאַסטיר!

— נישטאָ וואָס מורא צו האָבן! — האָט דער רב אויף אים אָנגע-שריען. — דו ווייסט דאָך אין וואָס דיין שליחות באַשטייט? מען דאַרף ראַטעווען אַ יידיש קינד פון שמד! ווי-זשע קענסטו, עם-הארץ, טראַכטן וועגן סכנה! ווען דו וועסט אים נישט געפינען אין שטאָט און וועסט נישט וועלן פאָרן צום מאָנאַסטיר, וועל איך אַליין פאָרן דאָרטן אויפ-זוכן ר׳ זעליגן.

דער שמש האָט פאַרשעמט געענטפערט:

— איך וועל טאָן אַזוי־ווי דער רבי הייסט מיר. איך וועל שוין ברענגען ר׳ זעליגן, און דער רבי זאָל מיר מוחל זיין.

דער רבי האָט אים געגעבן געלט, טאָמער וועט ער דאַרפן דינגען אַ פור צום מאָנאַסטיר. און דער שמש איז אַוועק אין שטאָט. ער האָט

זעליגן געזוכט אומעטום, צווישן די קראָמען, אויף דעם מאַרק, איבער אַלע גאַסן און אין די בתּי־מדרשים און אין ערגעץ נישט געפונען.

עס איז שוין געווען באַלד נאָך האַלבן טאָג, און מיט שרעק האָט דער שמש געמוזט דינגען אַ פורל צו פאָרן ביז צום מאַנאַסטיר.

פאָרנדיק, האָט ער מיט שרעק געזען אויף ביידע זייטן פון וועג גיין הונדערטער גוים צופוס צום מאַנאַסטיר.

פלוצלונג האָט ער מיט גרויס פרייד דערזען פאָרן אַקעגן ר׳ זעליגן מיט זיין ווייב.

ער האָט זיי אָפּגעשטעלט און האָט געזאָגט, אַז דער רב האָט זיי געהייסן קומען צו אים, און אַלע דריי זענען צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין.

ר׳ זעליג און חנה זענען ווי אויפגעלעבט געוואָרן.

— אפשר האָט שוין גאָט רחמנות געהאַט אויף אונדז, — האָט חנה מיט טרערן אין די אויגן פון פרייד זיך אָנגערופן, — אפשר האָט גאָט דורך גוטע שלוחים אונדז שוין געהאָלפן!

— הלוואי, רבונו של עולם, — האָט זעליג געענטפערט און טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז פון דעם געדאַנק, אַז דער רב האָט געשיקט נאָך אים, וועלנדיק אים אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז מען וועט באַלד באַפרייען זיין קינד.

ערשט פאַרנאַכט האָט זיי דער שמש געבראַכט צום רב.

און ווען דער רב האָט זיי דערציילט, וואָס די צווי באַלע־באַטים האָבן איבערגעגעבן, האָט ר׳ זעליג מיט אַ פאַרווייטיקט האַרץ זיך אָנגערופן, אַז די עלטסטע שוועסטער זאָגן ליגן. קיין איין וואָרט איז נישט אמת! זי וויל אַלעמען אָפּנאַרן און זי טראַכט גאָרנישט צו באַפרייען זיין קינד.

— ביי זיי איז דאָך אויך דאָ לייטישקייט און פיינקייט, — האָט דער רב זיך אָנגערופן. — צו וואָס דאַרף זי זאָגן אַ ליגן, אַז זי קען דערצו גאָרנישט העלפן?

— מסתמא פאַסט איר אַזוי צו זאָגן, — האָט זעליג געענטפערט, — עס זענען געוויס דאָ ביי זיי אויך אָרנטלעכע מענטשן, נאָר ווי עס קומט צו שמדן אַ יידיש קינד, זענען זיי גרייט אויף אַלערליי פאַרברעכנס, גלויבנדיק, אַז עס איז נישט קיין זינד אָפּצונאַרן צוליב אַזאַ הייליקער זאַך, ווי שמדן, אַ יידיש קינד.

דער רב האָט געפרעגט זעליגן:

— פונוואַנען ווייסט איר אַזוי זיכער, אַז זי באַרט אָפּ? אפשר האָט איר אַ טעות?

— איך האָב נישט קיין טעות, רבי. ווען די עלטסטע שוועסטער האָט מיך איינמאָל גערופן, אויסגעהערט מיין בקשה און מיט גוטע פרומע ריידעלעך געשיקט אַ שוועסטער נאָך מיין קינד, זי זאָל קומען זיך זען מיט אונדז און דערנאָך איז די שוועסטער געקומען אַליין, אָן מאַניען, און געזאָגט, אַז מיין קינד וויל אירע טאַטע-מאַמע מער נישט אָנקוקן, האָב איך געזען, אַז מען זאָגט ליגן און מען מאַכט נאָר חוזק פון אונדז. און איצט האָט זי ווידער געזאָגט די באַלע-באַטים, אַז אונדזער קינד וויל אונדז נישט זען.

— עס איז נישט קיין טעות, רבי, — האָט זיך חנה אָנגערופן. — אַ מאַמעס האַרץ פילט, וואָס איר קינד טראַכט. איך בין זיכער, אַז מיין קינד וויל זיך אַרויסרייסן פון דאָרטן און קומען אַהיים, נאָר זיי לאָזן נישט!

— פונדעסטוועגן,—האָט דער רב געענטפערט, — דאַרפט איר אויף עטלעכע טעג אויפהערן צו שטיין ביים מאָנאַסטיר און שרייען. אפשר וועט די עלטסטע שוועסטער האָבן אַ בעסער האַרץ צו אייך און פאָרט רחמנות האָבן. און ווידער איז דאָך אַ גרויסע סכנה פאַר אייך און אייער ווייב! עס קומען זיך איצט צוזאַמען אַזויפיל פויערים! זיי זענען דאָך ווילד, וואָס ווייסן זיי? עס איז אַ סכנה פאַר אייך!

— וואָס פאַר אַ סכנה? — האָט זעליג געענטפערט. — פאַר מיר איז קיין סכנה איצט נישטאָ, כּל-זמן מיין קינד געפינט זיך אין גוייִשע הענט. איך ווינטש זיך ליבער דעם טויט, איידער זען מיין קינד אַ געשמדטע. פונדעסטוועגן וועל איך פאָלגן דעם רבין און אַוועקפאָרן אַהיים אויף עטלעכע טעג, כאָטש איך גלויב נישט, אַז די הערצער פון די שוועסטער זאָלן ווייכער ווערן צו אונדז. איך דאַרף ייער ביימיק זיין אינדערהיים, איך דריי זיך דאָ סיי ווי סיי אַרום, וי אויף אַן עולם התוהו און טו גאָרנישט!

— פאָרט געזונטערהייט און זייט מצליח, — האָט דער רב זיך זיט אים געזעגנט און האָט צוגעגעבן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט ר' לייזער מיט ר' פייוועל זיך ווידער זען מיט דער עלטסטער שוועסטער און הערן, וואָס זי וועט זאָגן.

— אפשר וועט גאָט העלפן! — האָט חנה געצויגן מיט די פּלייצעס. און געזעגנענדיק זיך מיט דעם רב, איז ר' זעליג מיט זיין ווייב אַוועקגעפאָרן אַהיים.

קאַפּיטל דרייסיק.

מען זוכט עצות.

ווען די עלטסטע שוועסטער איז פון שטאָט געקומען צוריק צו זיך אין מאָנאַסטיר, האָט זי באַלד געשיקט צו זיך רופן די שוועסטער מאַריע, זיך האַלטן מיט איר אַן עצה, וואָס זי זאָל ווייטער טאָן מיט מאַניען.

אַן אויפגערעגטע, האָט זי באַגעגנט מאַריען:

— שטעל דיר פאָר, מיין טייערע, אַז אַלע יידן אין שטעטל ווייסן שוין, אַז מאַניע געפינט זיך ביי אונדז! די גאַס האָב איך נישט געקענט דורכגיין און זיי אַלע האָבן געקוקט אויף מיר מיט בייזע אויגן, אַז אַ שרעק האָט מיך אָנגעכאַפּט!

— מאַכט זיך גאָרנישט דערפון, עס וועט איבערגיין, מען וועט פאַרגעסן. איך קען די יידן! — האָט מאַריע זי געטרייסט. — עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס יידן קאָכן זיך, ווען איינע פון זייערע שמדט זיך. עס וועט אַוועקגיין אַ קורצע צייט, וועלן זיי פאַרגעסן

— דאָס איז נאָך גאָרנישט, מיין טייערע! שטעל זיך פאָר, אַ די קרעמער, ביי וועלכע איך קויף שטענדיק און האַלט זיי פאַ אָרנטלעכע מענטשן, האָבן געוואַגט מיך בעטן, איך זאָל מאַניען באַפרייען

— אַזאַ עזות פון יידן, זיך מישן אין אונדזערע געשעפטן!!

— אַזאַ העזה! — האָט מאַריע צוגעגעבן. — מיר דאַרפן מער ד

שוועל פון זייערע קראָמען נישט איבערטרעטן! וואָס זשע האָט איר זיי געענטפערט?

— איך האָב זיי געזאָגט, אַז פריער פאַר אַלץ, זאָלן מאַניעס עלטערן אויפהערן שטיין ביים מאָנאַסטיר און שרייען. זיי זאָלן זיך אויפפירן, ווי לייטישע מענטשן. און, ווידער, האָב איך זיי געזאָגט, וואָס קענען מיר דערצו העלפן, אַז מאַניע אַליין וויל זייערע עלטערן מער נישט קענען? זי איז נישט קיין קליין קינד. מיט געוואַלט האַלטן מיר זי נישט אין מאָנאַסטיר. זי איז אַליין געקומען, און אויב זי וועט וועלן, וועט זי אַליין אַוועקגיין!

— זייער גוט, האָט איר זיי געענטפערט. עס איז דאָך טאַקע באמת אַ סקאַנדאַל, וואָס אירע עלטערן גייען נישט אַוועק פון דעם מאָנאַסטיר און געוואַלדעווען! עס איז פּראָסט געפערלעך! אין דער צייט, ווען אַזויפיל פרומע מענטשן גייען אין מאָנאַסטיר און זעענדיק, ווי יידן מאַכן דאָ סקאַנדאַלן, קען אַרויסקומען דער גרעסטער אומגליק, און דערנאָך וועלן מיר דאַרפן זיין פאַראַנטוואָרטלעך! פריער פאַר אַלץ טאָרן זייערע פיס נישט טרעטן נאָענט פון מאָנאַסטיר! איר האָט זייער קלוג געענטפערט.

— יאָ, וואָס וועט זיין נאָכדעם? די יידן וועלן נישט שווייגן. זיי וועלן מיך נישט אָפּלאָזן און ווידער קומען צו מיר בעטן, וואָס זאָל איך דעמאָלט טאָן? די יידן וועלן נישט שווייגן, די גאַנצע שטאָט ווייסט שוין!

— אויב די יידן וועלן נאָכאַמאָל קומען בעטן, — האָט מאַריע געזאָגט, — זאָל איר זיי אָפּציען ביז נאָך דעם יום-טוב.

— און נאָך יום-טוב וואָס וועט זיין?

— אויב ביז אין דער צייט וועט זי נישט וועלן זיך שמדן, וועלן מיר געצוווּנגען זיין זי איבערצופירן אין אַן אַנדער מאָנאַסטיר, ערגעץ ווייט און מען וועט עס דאַרפן אַזוי טאָן, אַז קיינער פון די יידן זאָלן נישט וויסן, ווו זי געפינט זיך. אַז מאַניע וועט זיך אין אונדזערע ווענט מער נישט געפינען, האָבן מיר פאַר קיינעם קיין מורא נישט. אַלע יידן מעגן קומען אין מאָנאַסטיר.

— וואָס וועלן מיר זיי זאָגן, ווען מען וועט פרעגן, ווו זי איז אַהינגעקומען.

— מיר וועלן זאָגן, אַז מאַניע איז נישט קיין קליין מיידעלע. זי איז אַליין געקומען אין מאָנאַסטיר און איז אַליין אַוועקגעגאַנגען

פון מאַנאַסטיר. אפשר איז זי אַוועק אַהיים צו אירע עלטערן און אפשר ערגעץ אַנדערש. עס איז נישט אונדזער געשעפט, מיר זאָלן זי היטן, — וועלן מיר זאָגן.

די עלטסטע שוועסטער האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און געזאָגט:

— אפשר איז מעגלעך, אַז מען זאָל זי נאָך פאַר יום־טוב אַוועקפירן פונדאַנען אין אַן אַנדער מאַנאַסטיר? אַפילו היינט אָדער מאָרגן וואָלט געווען גוט, מען זאָל עס טאָן.

— ניין, דאָס איז נישט מעגלעך! ערשטנס, איז דאָס נישט אַזאַ גרינגע אַרבעט, מען קען זי דאָך נישט אַרויסשלעפּן פונדאַנען מיט געוואַלט. מען מוז דאָס אַזוי מאַכן, אַז זי זאָל מיט איר אייגענעם גוטן ווילן גיין מיט אונדז. מיר האָבן שוין אַזעלכע מיטלען דערצו... און, צווייטנס, האָף איך און גלויב, אַז אונדזער גרויסער יום־טוב וועט מאַכן אויף איר אַזאַ גוטן איינדרוק, אַז זי וועט זיך אינגאַנצן איבערבעטן. זי וועט זען אַזאַ רייכטום, אַזאַ שיינקייט, ווי טויזנטער מענטשן, אָרעם און רייך, אַלט און יונג פּייערן אונדזער הייליקן יום־טוב מיט אַזאַ פּאַראַד, מיט אַזאַ הערלעכקייט, קען דאָס אויף איר גוט ווירקן, אַז זי זאָל זיך אַליין בעטן און איבערגיין צו אונדז.

— אויף מיין לאַנג־יעריקער פּראַקטיק מיט אַזוינע מיידלעך, — האָט מאַריע צוגעגעבן, — האָב איך שוין געזען אַזאַ פאַל! אפשר וועט דאָ אויך אַזוי געשען! איך גלויב אין דעם! און איך האָב באַשלאָסן, אַז ווען דער יום־טוב וועט פאַרקומען אין גלאַנץ און אין פּראַכט, זאָל איך מאַניען איבערפירן אין אַן אַנדער צימער, זי זאָל פון פענסטער קענען אַלץ זען.

די עלטסטע שוועסטער אירינע האָט שטענדיק זיך גערעכנט מיט מאַריעס ווערטער, ווייל איר גאַנץ לעבן האָט זי פאַרבראַכט אין פאַרשידענע מאַנאַסטירן און האָט געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיקע, ווי צו ראַטעווען די אומגלויביקע און זינדיקע.

אויך איצט האָט די עלטסטע שוועסטער מיט דער גרעסטער ביי־ביריקייט זי אויסגעהערט, און זי האָט געפּרובירט נאָכאַמאָל איבער־פרעגן:

— וואָס זשע זאָגסטו, איז נאָך דיין מיינונג איצט נישט מעגלעך מאַניען איבערצופירן אין אַן אַנדער מאַנאַסטיר?

— אוממעגלעך! שוין אויך דערפאַר קען עס נישט זיין, ווייל איצט זענען דאָ אַלע אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט צוגרייטן דעם גרויסן

יום-טוב, אַז מען קען גאָר וועגן אַזעלכע זאַכן אַפילו נישט טראַכטן. אָך יום-טוב, ווען דער גרויסער עולם וועט זיך צעפאָרן, וועט מען עס רויק און גרינג קענען אָפּטאָן. און אפשר וועט מיט מאָניען געשען דאָס, וואָס איך דערוואַרט, אַז זי וועט ווערן אַנדזערע אַן איבערגעגעבענע, — האָט מאַריע געענדיקט, אויפהייבנדיק די אויגן צום הימל.

די עלטסטע שוועסטער האָט געבענטשט מאַריען און זי איז אַרויסגעגאַנגען פון אירע צימערן.

צווייטער טייל

קאַפּיטל אײנס.

באָריס קומט!

בײ מאַדאַם שערמאַן אין הויז רעשט מען זיך. שוין פון אַ פּאָר וואָכן, אַז מען ריכט זיך אויף איר זון באָריסן, וואָס דאַרף קומען פון פּעטערבורג צוגאַסט אַהיים. שוין מער ווי אַ יאָר, זינט ער האָט געענדיקט דעם יורידישן אוניווערזיטעט, און ער איז נישט געווען אינדערהיים, און צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן האָט ער געשריבן אַז ער קלויבט זיך פאָרן אַהיים זען זיך מיט זיין מוטער און מיט דער שוועסטער, נאָך וועלכע ער האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט.

מיט איר פרייד האָט זיך מאַדאַם שערמאַן געטיילט מיט חיימען, וועלכער איז די לעצטע צייט אָפט אַרייגעקומען צו איר אין הויז.

זייט דעם יום-כּפּור, ווען עס איז אים ביים דאַווענען נישט גוט געוואָרן און ער איז געפאַלן אין חלשות, ווען די מאַדאַם שערמאַן איז געווען אַזוי ליבלעך, אים אַריינגעפירט צו זיך אין הויז און זי מיט איר טאָכטער האָבן אים אָפּגעראַטעוועט, איז ער ווי צוגעבונדן געוואָרן צו דעם הויז און איז דאָרטן געוואָרן אַ היימישער.

מאַדאַם שערמאַן האָט אים געוויזן דעם בריוו פון איר זון, ווו ער שרייבט, אַז ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער מוטער און נאָך זיין שוועסטער.

איצט איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז ער קומט היינט בײ-טאָג מיט דעם פּאָסט-צוג.

אין שטוב האָט מען געקאָכט, געבאַקן און גערוימט אין אַלע צימערן. מאַדאַם שערמאַן מיט איר טאָכטער קלאַרע האָבן געבעטן חיימען, ער זאָל אויך מיט זיי פאָרן באַגעגענען באָריסן.

— ער איז דיין אַמאָליקער חבר, דו פלעגסט זיך דאָך אַמאָל שפּילן צוזאַמען, ווען איר זענט נאָך קינדער געווען, — האָט מאַדאַם שערמאַן געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— יאָ, קינדער, — האָט חיים אַ ביסל טרויעריק געזאָגט, — געווען אַמאָל חברים. אָבער איצט זענען מיר זייער ווייט איינס פון דעם צווייטן. מיר זענען אַוועק אין פאַרשידענע וועגן.

אויף מאַדאַם שערמאַנס געזיכט האָט זיך אָנגערוקט אַ דינער וואָלקן, אָבער זי איז באַלד פריילעך געוואָרן און געזאָגט:

— איז וואָס?.. ער האָט זיך אויף אַ האָר נישט איבערגעביטן. ער איז דערזעלבער, וואָס פריער. ער איז דאָך אַ געבילדעטער מענטש, געענדיקט די גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און דעם אוניווערזיטעט מיט אויסצייכענונגען. ווי קען זיך אַזאַ מענטש אָפּשטעלן ביי קלייניקייטן.

חיים האָט זיך פאַרטראַכט און טרויעריק געשוויגן.

קלאַרע האָט אים אויך אָנגעהייבן בעטן ער זאָל מיטפאָרן.

— איר זענט דאָך אויך אַ געבילדעטער מענטש, — האָט זי געזאָגט, — ווי קומט איר זיך אָפּשטעלן אויף אַזעלכע קלייניקייטן! זאָגט אונדז נישט אָפּ דאָס פאַרגעניגן און פאָרט מיט אונדז! ווען האָבן מיר דען געהאַט אַזאַ שמחה, ווי היינט? מיר זענען אַזוי עלנט, איר זענט דאָך ביי אונדז אין שטאָט דער איינציקער פריינט!

און דערביי האָט קלאַרע אים גענומען ביי דער רעכטער האַנט געאָרעמט און איר מוטער ביי דער צווייטער האַנט און האָבן אים אַרויפגעזעצט אויף דער דראָשקע, וואָס האָט פון פריער געוואַרט אויף זיי ביי דער טיר, און זיי זענען אַוועקגעפאָרן.

חיים האָט דעם גאַנצן וועג זייער ווייניק גערעדט. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען.

— אפשר איז גלייכער, וואָס איך פאָר אים באַגעגענען. ער קען פיל טאָן. אַלע וועגן זענען פאַר אים פריי, אַלע טירן זענען פאַר אים אָפן. אפשר איז דאָס אַ גאָט-זאַך, וואָס ער קומט גראַדע איצט אין שטאָט אַריין. ער איז שטענדיק געווען אַ פריינט פון זעליג שרהס הויז.

קלאַרע מיט איר מוטער זענען געווען איבערגליקלעך, וואָס חיים פּאַרט מיט זיי. ווייל זיי האָבן ביידע געקוקט אויף אים, אַז סוף כּל סוף וועט חיים ווערן אַ מיטגליד פון זייער פאַמיליע, און קלאַרע האָט אַנדערש נישט געטראַכט און אַנדערש נישט געקוקט אויף אים, ווי אויף איר צוקונפטיקן חתן.

זי האָט געוווּסט, אַז זי איז נישט שיין און נישט אַזוי יונג, אָבער זי האָט אים ליב געהאַט, ווי קיין מיידל קען אים אַזוי שטאַרק נישט ליב האָבן! פריער האָט קלאַרע געקוקט אויף דעם דאָרפיש מיידל מאַניע, ווי אויף איר שטאַרקן קאָנקורענט, צוליב איר שיינקייט, אָבער איצט איז זי שוין נישטאָ! און ווען אפילו זי זאָל שוין יאָ קומען צוריק אַהיים, ווער וועט זיך אויף איר אומקוקן, ווען זי האָט זיך אויף אייביק אַזוי שטאַרק פאַרפלעקט מיט איר אַנטלויפן צוזאַמען מיט לודוויגן. און ווען איז זי אַנטלאָפן? יום-כּפּור בייטאָג! נישט נאָר פרעמדע, אפילו אירע אייגענע עלטערן וועלן זי מער נישט וועלן קענען!

מאַדאַם שערמאַן האָט דעם גאַנצן וועג געקוקט אויף חיימען מיט איר טאָכטער און אַ גליקלעכע געטראַכט:

— וואָס פאַר אַ שיין פּאָרפאָלק וועט עס זיין! איך זאָל זיי נאָר דערלעבן איינגיכסטן אונטער דער חופּה צו פירן!

אויך האָט די מוטער געטראַכט וועגן איר באָריסן, אַז איר זון קומט אַהיים נישט אַנדערש, ווי ער וויל זיך געוויס באַראַטן מיט איר וועגן אַ שידוך. עס איז שוין אויך די רעכטע צייט פאַר אים צו חתונה האָבן, כאָטש ער איז יינגער פון קלאַרעטשקען מיט אַנדער-האַלבן יאָר.

— וואָס דאַרף ער ווייטער זיצן אַ בחור? — האָט די מוטער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן. — ער האָט שוין גענוג געלערנט און האָט שוין באַקומען אַזאַ גוטע שטעלע, היינט אויף וואָס זאָל ער וואַרטן?

אַזוי האָט זיך יעדער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און גע-טראַכט דעם גאַנצן וועג ביז זיי זענען צוגעפאָרן צום וואקזאַל, ווו זיי האָבן געוואַרט אויף דעם פאַסטצוג.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען, איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן באָריס, אַ פריילעכער, אַ יונגער, אַ געזונטער, מיט געגילטע קנעפּלעך אויף זיין טונקל גרינעם אויבערמאַנטל, און אַ היטל, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ קליין געגילט אָדלערל.

אויף דעם וואקזאל האָבן די באַדינטע אים אָנגענומען פאַר אַ הויכן באַאַמטן און דער באַן־זשאַנדאַרם האָט אים אָפּגעגעבן כבוד, אויפהייבנדיק די האַנט צום דאַשעק פון זיין היטל.

באָריס האָט זיך צעקושט מיט זיין מוטער און מיט זיין שוועסטער און אויך מיט זיין אַמאָליקן חבר פון די קינדעריאָרן, מיט היימען.

אויף דעם וועג, פאָרנדיק אַהיים, האָט באָריס יעדן אויסגעפרעגט, ווי עס גייט, וואָס מען מאַכט און וויאַזוי לעבט זיך דאָ? און ווען זיי האָבן זיך גענוג אָנגערעדט, האָט ער פּלוצלונג לעבעדיק און פריילעך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט עפּעס אייער שיינהייט?

— וועלכע שיינהייט? — האָט די מוטער מיט קלאָרען געפרעגט.

— אייער דאָרפישע „קראַסאַוויצע", איך מיין, מאַניע פון דאָרף זאַסטאַוו.

— מאַניען מיינסטו? — האָט די מוטער מיט קלאָרען פאַרוווּנדערט און אומצופרידן געפרעגט, פילנדיק זיך אַ ביסל באַליידיקט, וואָס באָריס, נישט זעענדיק אַזוי לאַנג די מוטער מיט דער שוועסטער, האָט נישט געפונען פון וואָס אַנדערש צו פרעגן, ווי אויף מאַניען.

— יאָ, איך האָב דאָך געזאָגט, מאַניע... וואָס מאַכט עפּעס זעליגס מיידל? איז זי נאָך אַזוי שיין, ווי פריער? — האָט ער נאָכאַמאָל פריילעך געפרעגט.

— אָ... אָ! — האָט די מוטער אויסגעצויגן דאָס וואָרט. — פרעג בעסער גאָרנישט אויף איר!

— וואָס הייסט? — האָט באָריס זיך אַ כאַפּ געטאָן פון זיין אָרט אַ דערשראָקענער, — זי איז געשטאָרבן, צי וואָס? איך זאָל נישט פרעגן? פאַרוואָס?

— הלוואי וואָלט זי בעסער געווען געשטאָרבן, — האָט די מוטער געענטפערט, — וואָלטן אירע עלטערן אַזויפיל צרות מיט בזיונות נישט געהאַט פון איר!

— וואָס זשע איז מיט איר אַזוינס געשען? — האָט ער אומרויִק געפרעגט.

— מיר וועלן נאָך האָבן צייט וועגן איר צו רעדן, אויב זי אינטערעסירט דיך אַזוי שטאַרק, — האָט די מוטער מיט דער טאָכטער געענטפערט. — מיר גלויבן, אַז מיר האָבן עפּעס וועגן וויכטיקערס צו רעדן, עס וועט נאָך זיין צייט דערפון צו רעדן.

— אָ, זי אינטערעסירט מיך זייער!

די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן איראָניש און טרויעריק זיך איבערגעקוקט...

ווען מען איז געקומען אַהיים, איז שוין דער טיש געווען געדעקט. באָריס איז געגאַנגען זיך אַרומוואַשן און איבערטאָן.

ווען ער איז דערנאָך אַריינגעקומען צוריק אין עסצימער, אַן אָפּגעוואַשענער, אַ פרישער, מיט אַ שיינעם פּאַרקעמטן קאָפּ האָר, האָט די מוטער מיט זיין שוועסטער אָנגעקוואָלן קוקנדיק אויף אים.

חיים האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אויך אַ קוק געטאָן אויף זיין אַמאָליקן חבר און האָט זיך טרויעריק פאַרטראַכט, פאַרגלייכנדיק באָריסן מיט זיך.

כאָטש ער, חיים, איז יינגער פון באָריסן מיט אַ יאָר, נאָר וואָס פאַר אַ גרויסער חילוק איז צווישן זיי!

ער, באָריס, איז שטאַרק, פול מיט לעבן און ענערגיע און מיט אַ שטאַרקן ווילן. זיין פיגור איז גלייך, שלאַנק, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט, האַלט שטאָלץ דעם קאָפּ און קוקט מיט זיינע גרויסע שיינע אויגן דורכדרינגלעך, ווי גלייך ער וויל די גאַנצע וועלט פאַרכאַפּן פאַר זיך, און ער, חיים, איז בלאַס, אַ דערשראָקענער, ווי אַ מענטש, וואָס פילט אונטער זיינע פיס קיין באָדן נישט... ווי איינער, וואָס ביי יעדן טריט, ווען ער מאַכט, ווייזט זיך אים אויס, אַז ער פאַלט.

באָריס איז שטענדיק לעבעדיק, פריילעך, מיט אַ טאָן פון אַ הערשער, וואָס באַפעלט און שאַפט און מיט זיין פריילעכקייט און לעבעדיקייט שטעקט ער אָן אַנדערע, וועלכע געפינען זיך אין זיין געזעלשאַפט, און ער, חיים, אַ בלאַסער איז כמעט שטענדיק מעלאַנכאָליש, שטיל און מיט פאַרחלומטע אויגן, ווי די פאַרנאַכטיקע לופט, ווען די זון פאַרגייט אין בין־השמשות צייט.

און חיים, באַמערקנדיק אויף אים, ווי אויסגעגאָסן ער איז אין זיין ביייעם העלן קאָסטיום מיט בלישטשענדיקע געגילטע קנעפּלעך, האָט זיך געפרעגט: ווער קען בעסער געפעלן אַזאַ מיידל, ווי מאַניע? — איך, אָדער ער?

דידאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אַרויפגעבראַכט, וואָס באָריס, נאָך נישט אָפּטרייסלענדיק פון זיך דעם שטויב פון וועג, האָט נישט געפונען וועגן אַנדערע זאַכן צו פרעגן, ווי נאָר אויף מאַניען.

חיים האָט פון באַריסעס באַציִונג צו מאַניען נישט געהאַלטן ערנסט. ער האָט גוט געקענט באָריסן, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען ערנסט צו מיידלעך, נאָר שטענדיק גרינג-דעהדיק און אויך איצט, נישט קוקנדיק, וואָס באַריס האָט אָפן געענטפערט זיין מוטער, אַז מאַניע אינטערעסירט אים זייער, האָט ער אויך נישט צוגעגעבן קיין ערנסטקייט און נישט אַרויסגערופן ביי אים קיין שום אייפער-זיכטיקייט. און ווידער האָט עס אים גאַראַנטירט פאַר באָריסן, וואָס ער מיט מאַניען זענען זיך אַזוי ווייט צעגאַנגען אין פאַרשידענע וועגן! ער איז אין דער צייט אויסגעוואַקסן, אַ סך געלערנט, געמאַכט קאַריערע, און זי, מאַניע, איז געבליבן דאָסזעלביקע דאָרפישע מיידל. אמת, זי פאַרמאָגט אין זיך באַזונדער שיינע און זעלטענע מעלות, וואָס יעדער מיידל, אָדער יעדע פרוי קען זיך עס ווינטשן, אָבער ווי ווייט זענען זייערע וועגן!

און חיים האָט זיך געפרעגט און אַליין פאַרענטפערט:

— אמת, באָריס האָט מיט גרויס ביי גיריקייט געפרעגט וועגן מאַניען, אָבער וועגן וועמען זאָל פרעגן אַ יונגערמאַן, וואָס קומט אין זיין היים, ווו ער איז שוין לאַנג נישט געווען, אַז נישט וועגן זיינע באַקאַנטע און פריינט? און באַזונדערס וועגן אַ שיין מיידל, וועלכע ער האָט פריער געקענט? דאָס איז דאָך אַזוי נאַטירלעך! נאָר די מאַדאַם שערמאַן, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז איר באָריס וועט נעמען די רייכסטע כּלה אין לאַנד, האָט געקענט פאַרדריסן, וואָס ער פרעגט אויף אַ דאָרפיש מיידל, און דערצו נאָך אַזעלכע, וואָס האָט זיך אין שטאָט באַפּלעקט מיט איר אַנטלויפן פון די עלטערנס הויז.

חיים האָט זיך באַרויִקט און דער קליינער עולם האָט גאַנץ פריילעך פאַרבראַכט בייִע טיש, ווו מען האָט פיל גערעדט וועגן פאַמיליענזאַכן און די מאַדאַם שערמאַן מיט קלאַרען האָבן אויך נישט פאַרפעלט אַריינצווואַרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן מאַניעס אַנט-לויפן פון אירע עלטערנס הויז.

נאָכן עסן האָט מאַדאַם שערמאַן פאָרגעלייגט איר זון, ער זאָל גיין זיך אַ ביסל צוליייגן און אָפּרוען פון וועג, אָבער באָריס האָט פריילעך געענטפערט:

— איך האָב זיך אין וועג גענוג אָפּגערוט, איך בין נישט גע-קומען אַהער שלאָפן. עס וועט זיין גענוג די נאַכט. איך וועל אַ ביסל

גיין שפּאַצירן מיט חיימען אין גאָרטן. איך האָב זיך אַזוי ווייניק באַוועגט אין וואַגאָן.

און באָריס איז מיט חיימען אַרויס אין גאָרטן, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז.

באָריס האָט זיך אַרומגעקוקט, און זעענדיק, אַז אַ חוץ אים מיט חיימען געפינט זיך קיינער נישט אין גאָרטן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט:

— וואָס איז אַזוינס געשען מיט מאַניען? עפּעס די מאַמע מיט מיין שוועסטער האָבן אַריינגעוואָרפן וועגן מאַניען אַ פּאָר ווערטער. דאָס איז דאָך שרעקלעך! דאָס איז אומגלויבלעך! דערציייל מיר, חיים, וואָס איז מיט איר אַזוינס געשען? איך גלויב, אַז דאָס גאַנצע שטעטל פּויקט מיט דער געשיכטע, ווייסטו דאָך אַוודאי! דערציייל מיר אַלץ, איך וויל דאָס וויסן, עס איז דאָך שרעקלעך!

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן, אַז קינד און קייט טראָגן איצט מאַניען אין מויל! עס איז קיין סוד פאַר קיינעם נישט! און נישט נאָר די גאַנצע שטאָט איז אויפגערעגט, נאָר אין אונדזער גאַנצער געגנט הערט מען נישט אויף צו רעדן. עס איז אוודאי נישט קיין שיינע געשיכטע, אָבער עס איז געווענדט וויאַזוי מען דערציילט עס און וויאַזוי מען פאַרשטייט עס.

— דעריבער וויל איך טאַקע, אַז דו זאָלסט עס מיר דערציילן. איך קען מיר נישט גלויבן און קען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז מיט מאַניען זאָל אַזוינס פאָרקומען!

— צום באַדויערן, איז עס אָבער פאָרט פאָרגעקומען. אַלע ווי איין מענטש באַשולדיקן מאַניען, נאָר נישט איך און אירע עלטערן. זיי, אַלס טאַטע-מאַמע, וועלכע האָבן אַזוי אומגעווייניגלעך ליב זייער געראָטן קינד און האָבן שטענדיק שטאָלצירט מיט איר, גלויבן, אַז זי איז פאַרפירט געוואָרן, נאָר אַז איצט האָט זי חרטה, וויל תשובה טאָן און זיך אַרויסרייסן פון די הענט, אין וועלכע זי געפינט זיך. דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך פון זייער זייט. זיי ווילן ראַטעווען זייער קינד פון אַן אומגליק. איך אָבער, האָט חיים, ווייטער געזאָגט, בין ביי דער מיינונג, אַז מאַניע איז אינגאַנצן נישט שולדיק אין איר אומגליק!

— איך גלויב אויך אַזוי, — איז באָריס אַריינגעפאַלן חיימען אין די רייד.

— שולדיק אין דעם, — האָט חיים איבערגעחזרט, — איז דאָס „ווייסע הויז"...

— וואָס פאַר אַ ווייס הויז? — האָט באָריס מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט.

— דעם עקאָנאָמס הויז אין דאָרף מיט די אַלטע פרומע מיידן, פלימעניצעס און מומעס און נאָך אַנדערע שוואַרצע יאָרן!

— אָ, דאָס הויז, וואָס געפינט זיך אויפן באַרג? — האָט זיך באָריס דערמאַנט.

— יאָ, דאָס הויז מיט די דרייצן ווייבער.

— שוין דרייצן? — האָט באָריס נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן.

— פונקט דרייצן ליידיקגייער, פוסטעפּאַסטניקעס, וואָס האָבן נישט וואָס צו טאָן און ליגן אויף דעם אַלטן סיווינסקיס פּלייצעס, דער איינציקער, וואָס אַרבעט שווער און ביטער פאַר דעם גאַנצן הויז, און די ווייבער פאַרנעמען זיך מיט מצוות און פליאָטקעס.

— מילא, כאַפּט זיי דער שוואַרצער יאָר, דערצייל בעסער ווייטער,—האָט באָריס אומגעדולדיק געזאָגט.

— און, אַ חוצדעם, איז שולדיק דאָס דאָרפישע לעבן, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף מאַניען, וועלכע איז שטענדיק פול מיט לעבן. אירע בעסטע יאָרן האָט זי פאַרבראַכט אין דעם שטילן דאָרף אין אירע עלטערנס הייזל, ווו עס איז נאָך שטילער! און איר געזעלשאַפט איז שטענדיק באַשטאַנען פון דער אַלטער דבורה מיט דעם אַלטן מילנער זשיבעק.

— זשיבעק לעבט נאָך? — האָט באָריס מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט, און חיים האָט ווייטער גערעדט:

— גאַנצע טעג און פאַרנאַכטן, אַזוי חדשים און יאָרן לאַנג, איז די פול לעבעדיקע מאַניע געזעסן פאַר איר שטיבל און געקוקט אויף דעם באַרג מיט דעם ווייסן הויז, וואָס עס איז כמעט יעדע נאַכט באַלויכטן מיט אַלע פענסטער...

קאַפּיטל צוויי.

פּלענער.

באָריס האָט זיך דערוווּסט פאַראינטערעסירט מיט דעם עקאָנאָם סיווינסקי, וועלכער איז דער באַלעבאָס פון ווייסן הויז, און ער האָט געפרעגט:

— און דער פאַן סיווינסקי דערלויבט עס, אַז מען זאָל ביי אים אַזוי אָפּט הוליען?

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי „יעדן טאָג", אָבער צוויי מאָל אין דער וואָך, ווער שמועסט נאָך אין זייערס חגאות, פאָרן זיך צוזאַמען געסט, מען פרעסט, מען שיכורט, מען זינגט און מען טאַנצט און פון ווייסן הויז לייכט זיך איבערן גאַנצן באַרג ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף דידאָזיקע אָוונטן קומען אויך מאָנאַשקעס און מען פאַרנעמט זיך מיט מצוות. מען מאַכט פּלענער, וויאַזוי צו כאַפּן „זינדיקע נשמות" און זיי אַריינברענגען אין זייער „גן-עדן" אַריין. מאַניע האָט זיך צו- פיל געוואָרפן זיי אין די אויגן מיט איר שיינקייט, זיי האָבן נישט פאַרגונען דעם יידן זעליג שרהס אַזאַ געראָטן קינד און מען האָט איר פאַרדרייט דעם קאָפּ.

— אין דאָרף, — האָט חיים ווייטער דערציילט, — איז נישט געווען קיינער פון די יידן, וואָס זאָל אַזאַ זאַך באַמערקן און נישט דערלאָזן. זעליג מיט זיין ווייב זענען שטענדיק פאַרנומען מיט זייער אַרבעט, קיינער האָט נישט געשטערט, און דער אומגליק איז געשען!

מען האָט אויסגעקליבן אַזאַ נאַכט, ווען אַלע יידן זענען צוזאַמען מיט מאַניעס עלטערן אין שול ביים דאַווענען און נישט באַמערקט פון קיינעם, איז דער אומגליק פאָרגעקומען, און ווען מען האָט זיך דער־נאָך געכאַפּט, איז שוין געווען שפּעט!

— קען מען זי נאָך ראַטעווען? — האָט באָריס זיך אַ כאַפּ געטאָן און געפרעגט. — ווייסט מען, ווו זי געפינט זיך איצט?

— אוודאי ווייסט מען! נאָר וואָס העלפט עס? עס איז זיך שווער אַרויסצוראַטעווען פון זייערע הענט.

— אויב מען ווייסט ווו זי געפינט זיך, וואָס־זשע שווייגט מען? פאַרוואָס טוט מען גאָרנישט, מען זאָל זי פון דאָרטן באַפרייען.

חיים האָט אָנגערופן דעם מאָנאַסטיר, וועלכער איז גוט באַקאַנט געווען באָריסן און האָט געזאָגט:

— מען טוט זייער פיל, מען שווייגט נישט, מען אַרבעט, נאָר דערווייל אָן דערפאָלג. אפשר וועט געלינגען, אירע עלטערן גייען נישט אַוועק פון מאָנאַסטיר. זעליג האָט אַוועקגעוואָרפן זיין מיל מיט אַלע זיינע געשעפטן און ער מיט זיין ווייב זענען זיך מקריב צו ראַטעווען זייער קינד. נאָר וואָס העלפט עס, אַז מען לאָזט זיי נישט זען זייער טאָכטער, מען נאַרט זיי אָפּ מיט פאַרשידענע ליגנס. זיי האָבן זיך איינמאָל דערשלאָגן צו דער עלטסטער שוועסטער, האָט זי געענטפערט, אַז מאַניע וויל אירע עלטערן מער נישט קענען און זען, און דאָס איז דער גרעסטער ליגן. מען האָט זיך שוין דערוווּסט, אַז מאַניע האָט זיך שוין אומגעקוקט, אַז מען האָט זי פאַרפירט און זי וויל צוריק אַהיים, נאָר מיט פאַרשידענע שקרים לאָזט מען זי נישט! מ׳האָט אַפילו דורך פאַרשידענע רעקאָמענדאַציעס צו באַקאַנטע רייכע פריצים, אַז מען זאָל זי באַפרייען, אָבער דערווייל איז נישט גוט. יעדער טאָג, וואָס עס געדויערט לענגער, ווערט די לאַגע ערגער.

— הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן! — האָט באָריס זיך אַ כאַפּ געטאָן. — איך וועל זיך נעמען צו דעם! איך וועל עס נישט אָפּלייגן. באַלד מאָרגן וועל איך פאָרן אין מאָנאַסטיר, און אויב מען וועט מאַניען מיר נישט אַרויסגעבן מיט גוטן, וועל איך זי באַפרייען מיט בייזן! אויב זיי וועלן מאָרגן נישט באַפרייען מאַניען, וועל איך גלייך פאָרן צום גובערנאַטאָר און וועל אַרויסנעמען אַ פּאַפּיר, אַז מען זאָל זי מיר אַרויסגעבן. איך דאַרף נאָר האָבן אַ בריוו פון איר פאָטער, אַז ער באַפולמעכטיקט מיך דאָס צו טאָן אין זיין נאָמען. נאָך מאָרגן און

אפשר נאָך היינט, אויב עס איז נישט שפּעט, ווייל איך פון איר פּאָ-טער אַזאַ בריוו באַקומען!

באָריס האָט דאָס אַלץ געזאָגט מיט פולער יונגער ענערגיע און מיט זיכערקייט אין זיין אונטערנעמונג.

חיים האָט מיט אַ שיינענדיק געזיכט, אַ גליקלעכער, זיך אָנגערופן:

— איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז ווען איך האָב געלייענט דיין בריוו צו דיין מוטער, אַז דו קלייבסט זיך אינגיכסטן צו קומען אַהיים, איז מיר באַלד איינגעפאַלן, אַז דו וועסט דאָ אַ סך קענען טאָן און העלפן און בין געפאָרן אין דאָרף צו זעליגן מיין פּלאַן וועגן דיר אים איבערצוגעבן, אַז ווען דו וועסט קומען, זאָל מען דיך בעטן וועגן דעם. אָבער איך האָב זעליגן איינדערהיים נישט געטראָפן. איך בין אָבער זיכער, אַז ווען ער וועט קומען אַהיים, וועט מען באַלד שיקן נאָך מיר.

— עס איז נייטיק אויסצוגעפינען, ווו ער געפינט זיך און אים שרייבן, אַז ער זאָל באַלד קומען אַהיים.

באָריס האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער און געזאָגט:

— איצט איז שוין צו שפּעט. ביז מיר וועלן קומען אין דאָרף וועט מען שוין דאָרטן שלאָפן און סיי ווי סיי וועלן מיר היינט גאָרנישט קענען אויפטאָן. נאָר מאָרגן פרי דאַרף מען זיך ענערגיש נעמען צו דער אַרבעט. אַן איבעריקע מינוט טאָר מען נישט פאַרלירן! הלוואי וואָלט איך געקומען מיט אַ פּאָר טעג פריער, וואָלט מאַניע שוין גע-ווען איינדערהיים ביי אירע עלטערן! — האָט ער מיט אַ פעסטער איבער-צייגונג געזאָגט.

אינמיטן שמועס צווישן די אַמאָליקע חברים האָט זיך אין גאָרטן באַוויזן קלאַרע און זיך געווענדט צו חיימען:

— עפּעס אַ גוי פרעגט אויף אייך.

— אַ גוי, וועך דאַרף דאָס צו מיר? — האָט חיים מיט פאַרוווּנ-דערונג געפרעגט און איז אריין אין שטוב.

דאָרטן האָט ער געטראָפן דעם אַלטן זשיבעקן מיט אַ בייטש אין דער האַנט.

— זשיבעק! — האָט חיים אויסגעשריען. — ווי קומסטו אַהער?

— דער באַלעבאָס האָט מיך געשיקט צו אייך, איר זאָלט קומען צו אונדז אין דאָרף.

— ער איז שוין געקומען אַהיים? — האָט חיים מיט פרייד געפרעגט.

— ער מיט דער באַלעבאָסטע. איך בין געקומען מיט דעם באַ־לעבאָס פערד און וועגעלע. איר קענט באַלד פאָרן מיט מיר.

— גוט, איך וועל פאָרן, וואַרט נאָר צו אַ ביסל, — האָט חיים גע־זאָגט און איז אַוועק צוריק אין גאָרטן, ווו באָריס האָט זיך געפונען.

— שטעל זיך פאָר, באָריס, אַז זעליג מיט זיין ווייב זענען שוין געקומען אַהיים. זיי האָבן נאָך מיר געשיקט זשיבעקן, איך זאָל באַלד קומען צו זיי אין דאָרף. זשיבעק וואַרט אויף מיר.

— אויסגעצייכנט! — האָט באָריס מיט פרייד אויסגעשריען. — ווייסט וואָס? איך וועל אויך פאָרן מיט דיר! — האָט באָריס געזאָגט נישט באַטראַכט, נאָר באַלד האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט.

— ניין, איך וועל אַהין קומען מאָרגן. די מאַמע מיט דער שוועס־טער וועלן זיך באַליידיקן, וואָס די ערשטע נאַכט פון מיין קומען זאָל איך מיט זיי נישט פאַרברענגען. און ווידער וועל איך גאָרנישט אָנווערן, ווען איך וועל קומען אַהין מאָרגן.

— אוודאי איז איבעריק, אַז דו זאָלסט איצט מיט מיר פאָרן. ערשטנס, טאָמער האָבן די עלטערן געבראַכט גוטע נייס, אַז עס וועט שוין זיין איבעריק דיין אַרבעט, און טאָמער נישט, וועל איך זיי וועגן אַלץ דערציילן און וועל פון זעליגן ברענגען אַ בריוו, אָדער ער וועט געוויס אַליין קומען צו דיר אין שטאָט אַריין, דיך בעטן.

— נו, פאָר געזונט און מיט דערפאָלג! מאָרגן וועלן מיר זיך זען!

ווען מאַדאַם שערמאַן האָט דערזען, ווי חיים געזעגנט זיך און גייט אַוועק, האָט זי אים פאַרגעהאַלטן.

— מיר האָבן גערעכנט, אַז צוליב אונדזער טייערן גאַסט, וועלן מיר אַלע צוזאַמען פאַרברענגען היינטיקן אָוונט, צום סוף גייט איר אַוועק!

— איך וואָלט מיט פאַרגעניגן געבליבן דעם גאַנצן אָוונט ביי אייך אין הויז, און איר וואָלט מיך נישט באַדאַרפט בעטן, — האָט זיך חיים פאַרענטפערט. — נאָר, צום באַדויערן, מוז איך נייטיק באַלד אַוועק־פאָרן צו זעליגן אין דאָרף.

— ווידער וועגן איר! — האָט מאַדאַם שערמאַן געזאָגט. — עס וועט איר שוין אַזוי העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. אַנדערע עלטערן וואָלטן שוין לאַנג אָן אַזעלכע פאַרגעסן און זיי קענען זיך אַלץ נישט טרייסטן! און וואָס וועט זיין אפילו, ווען מען וועט זי שוין ברענגען אַהיים?

זי איז שוין סיי ווי סיי א פארפאלענע! ס'איז נאר א רחמנות אויף די עלטערן און ווייטער גארנישט!

— מאמע רעד נישט אזוי וועגן מאניען! — האט באריס אומ- צעפרידן זיך אנגערופן. — יעדער דארף העלפן די אומגליקלעכע עלטערן מיט וואס מען קען נאר, אז מען זאל זייער טאכטער ארויסרייסן פון די מערדער! רעד נישט אזוי, מאמע!

און באריס האט זיך געווענדט צו חיימען:

— פארליר נישט קיין צייט און פאר געזונט! מארגן וועלן מיר זיך ווידער זען!

ווען חיים האט זיך מיט אלעמען געזעגנט „ביז מארגן" און ארויס פון הויז, האט מאדאם שערמאן זיך געווענדט צו איר זון.

— וואס האסטו צו רעדן וועגן דעם, וואס דו ווייסט נישט: קיינער האט מאניען נישט געכאפט און אוועקגעפירט אין מאנאסטיר? זי איז אליין אנטלאפן פון אירע עלטערנס הויז און אוועק יום-כפור ביינאכט!

— מאמע, איך ווייס שוין אלץ, רעד נישט אזוי! — האט באריס ביי איר זיך געבעטן.

— דו ווייסט גארנישט, באריס. זי איז נישט אנטלאפן אליין, נאר מיט דעם דארפישן פעלדשערס בחור, לודוויג...

— מאמע, איך האב דיך געבעטן, דו זאלסט וועגן מאניען אזוי נישט רעדן! — האט באריס אנגעהייבן זיך בעטן שוין מיט א העכערן טאן. — מאניע איז אן ארנטלעך לייטיש קינד.

די מוטער האט זיך צעלאכט, און קלארע, וואס האט זיך גע- פונען דערביי, האט פארביסן געשמייכלט.

— מאמע, איך בין דיין גאסט, און בעט דיך נאכאמאל נישט רעדן וועגן מאניען אזוי.

באריס האט עס געזאגט מיט אזא ערנסט און מיט אזעלכע פייערלעך אין די אויגן, אז די מוטער האט זיך דערשראקן און ענדלעך אנטשוויגן געווארן.

— איך וועל זיך גיין אפרוען, איך בין מיד פון היינטיקן טאג, — האט באריס געזאגט, און ער איז אוועקגעגאנגען אין דעם צוגעגרייטן צימער פאר אים.

די מאדאם שערמאן איז געבליבן מיט קלארען.

— עס הייבט זיך שוין מיט אים אן די אלטע געשיכטע, — האט

די מוטער מיט פאַרביטערניש געזאָגט קלאַרען – שוין־זשע האָט ער זי נאָך נישט פאַרגעסן?

קלאַרע האָט געשוויגן, און די גאַנצע סצענע צווישן באַריסן און איר מוטער האָט זי וויינִיק אָנגערירט. זאָל מיט מאַניען זיין וואָס עס איז, האָט זי געטראַכט, אַבי זי זאָל ביי איר נישט צונעמען חיימען, ווייל ער איז ביי איר די לעצטע האָפענונג אויף חתונה צו האָבן. און און דערצו זענען איר אַזוי געפעלן זיינע שוואַרצע, שטענדיק פאַרחלומטע אויגן, אַז זי האָט געפילט, אַז ווען ער זאָל זי אָוועקוואַרפן און חתונה האָבן מיט אַן אַנדערע, בלייבט איר נאָר זיך אַליין אַ טויט אָנטאָן, ווייל אָן חיימען פילט זי, אַז זי וועט נישט קענען לעבן.

אַלע פיזישע חסרונות, וועלכע עס האָבן זיך געפונען אין חיימען, זענען איר געפעלן און איז אין אים געווען ביז צום שטאַרבן פאַרליבט. זיין שטענדיקע בלאַסקייט, זיין שוואַכקייט און אַפילו זיין מאָגערקייט פאַר אַזא יונגן מענטשן, האָבן אין אירע אויגן געהאַט דעם זיבעטן חן. קלאַרע, זייענדיק אַליין אויך אַ שוואַכע, קוים וואָס די טרוקענע הויט האָט זיך געהאַלטן אויף איר, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען מען זאָל אַ גוטן בלאָז טאָן אויף איר, צעשיט זי זיך אַזויווי דאָס אָנגעקליבענע אַש אויף אַ פאַררויכערטן ציגאַר – איר זענען קיינמאָל נישט געפעלן די יונגעלייט מיט ברייטע געזונטע פלייצעס און מיט אָנגעפרעסענע פנימער, וועלכע האָבן ביי איר שטענדיק אַרויסגערופן אַן עקל. און ווען מען האָט איר, ווען זי איז געווען יינגער, גערעדט אַמאָל אַ שידוך מיט אַזא יונגנמאַן, האָט זי מורא באַקומען, און נישט געוואָלט הערן און וויסן.

חיים איז אין אירע אויגן געווען טייערער פון אַלץ אין דער וועלט. עפּעס האָט זי געפילט צו אים אַ צווייענדיקע ליבע: ווי צו אַ יונגנמאַן און ווי צו אַ קינד, און זי פלעגט אָפט חלומען, אַז ווען זי וועט חתונה האָבן, און חיים וועט ווערן איר מאַן, וועט זי אים אָפּהיטן ווי אַ קינד. זי וועט אים האָדעווען מיט אירע הענט און בעטן וואָס מער עסן, כאָטש ער וועט קיין אַפּעטיט נישט האָבן. זי וועט אים צודעקן מיט צוויי קאָלדרעס, ער זאָל זיך נישט פאַרקילן, און ווען ער וועט אַרויסגיין אין גאַס, וועט זי אים בעטן, ער זאָל גיין פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך און טראָגן אַ וואַרעם שאַרפעלע אויף זיין האַלדז, עס זאָל אים נישט כאַפּן עפּעס אַ פאַרקילונג.

חיים איז ביי קלאַרען געווען אַ יונגערמאַן און אַ קינד, און

צערטלעך, פול מיט ליבע, פלעגט זי זיך לאַשטשען צו אים, ווי אַ קעצעלע, און אין אירע אויגן האָט מען געקענט איבערלייענען: „חיים, נעם מיך, איך בעט דיך!"

דאָס, וואָס איר ברודער האָט אַזוי גוט גערעדט פאַר מאַניען, האָט זי ווייניק געעאַרט. איר האָט נאָר פאַרדראָסן, וואָס חיים פאַרט אָפּט אין דאָרף אַריין צו מאַניעס עלטערן, נאָר זי האָט זיך קעגן דעם גאָרנישט געקענט העלפן, ווייל חיים האָט איר נישט איינמאָל געזאָגט, אַז יעדער איז מחויב צו העלפן זעליגן אַרויסצוראַטעווען זיין קינד פון אַן אומגליק. און זי האָט געגלויבט, אַז חיים טוט דאָס איצט נאָר צוליב זיין גוטסקייט און לייטישקייט. זי קען דאָך אים נישט פאַרהאַלטן, פאַרוואָס ער וויל טאָן אַ גוטע זאַך! ער איז נישט איינער, וואָס העלפט דעם זעליגן און לאָזט זיך אַפילו קאָסטן געלט, הייבט וויאַזוי קען אַזאַ גוטער מענטש, ווי חיים זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ זאַך? אָבער אַז ער וועט מיט מאַניען, ווען זי וועט אַפילו קומען אַהיים, קיינמאָל נישט חתונה האָבן, איז זי געווען זיכער. חיים, ווי ער זאָל זי ליב האָבן, וועט זיך נישט פאַרבינדן מיט אַ מיידל, וועלכע האָט זיך אַליין פאַרפלעקט און אַלע טראָגן זי אַרום אויף די מיילער.

קלאַרע האָט שוין אַליין געוואָלט, אַז מיט מאַניען זאָל ווערן אַ סוף: אַהער אָדער אַהין! אָדער זי האָט זיך שוין געשמדט און חתונה געהאַט מיט לודוויגן און די עלטערן וועלן אין איר פאַרגעסן, ווי אין אַ טויטן, אָדער זי זאָל קומען אַהיים און חיים זאָל ווערן פריי און אויפהערן צו זיין באַשעפטיקט מיט מאַניעס אַרויסראַטעווען.

איר מוטער האָט איר אויך נישט איינמאָל געזאָגט:

— איך וואָלט שוין געוואָלט, אַז מיט מאַניען זאָל ווערן אַן ענדע, ער זאָל אויפהערן אַרומצופאָרן אין דאָרף, פאַרברענגען דאָרטן די גאַנצע צייט, און דאַן, ווען ער וועט דערפון באַפרייט ווערן, וועל איך מיט אים קענען ערנסט רעדן וועגן דיין חתונה. עס קען זיך דאָך אַזוי לאַנג ווייטער נישט ציען!

ביז איצט איז ביי דער מאַדאַם שערמאַן געווען אַלצאיינס, צי מאַניע וועט פאַרבלייבן אין מאָנאַסטיר, חתונה האָבן פאַר לודוויגן, אָדער קומען אַהיים. נאָר דערהערנדיק וויאַזוי איר זון רעדט וועגן מאַניען, האָט זי זיך דערשראָקן, מורא האָבנדיק, אַז ווען מאַניע

וועט קומען אַהיים, וועט זיך אָנהייבן די „אַלטע געשיכטע", און זי האָט איר מורא איצט אַרויסגעזאָגט קלאָרען.

עס וועט זיין אַ גרויסער אומגליק, ווען מאַניע וועט קומען אַהיים...

— מאַמע, וואָס רעדסטו? — האָט קלאַרע איר איבערגעשלאָגן די רייד.

— איך רעד? מיין האַרץ רעדט איצטער אין מיר! — האָט די מוטער געזאָגט, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן. — שטעל זיך פאָר, ווען איצט וועט זיך ווידער אָנהייבן דיזעלבע געשיכטע... מילא, דאַן איז ער נאָך געווען אַ יינגל, ער איז געווען אונטער מיין ווירקונג, ווי יעדע מאַמע איבער אירע קינדער. איך האָב געקוקט דערויף, ווי אויף אַ שפּילעכל... אָבער איצט איז ער אויסגעוואַקסן, אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, און ער קען טאָן וואָס ער וויל!

— מאַמע, וואָס מיינסטו מיט דיינע רייד? — איז קלאַרע אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט, אַ דערשראָקענע.

— איך מיין גאָרנישט! — האָט די מוטער געכאַפּט צוריק. — דו האָסט דאָך אַליין געהערט, וויאַזוי ער רעדט וועגן מאַניען! ער לאָזט דאָך אויף איר קיין שפּרינקעלע נישט פאַלן! האָסט געהערט?

— וואָס דיר פאַלט איין! — האָט קלאַרע זי באַרויקט. — ווי קענסטו גאָר טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן? און איך זאָג דיר, אַז טאַקע דערפאַר, וואָס באָריס איז שוין נישט קיין יינגעלע און איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן אויף אים אַ קוק צו טאָן, וועט ער מער אַזעלכע נאַרישקייטן נישט טאָן. אַן אַנדער מאַמע וואָלט אָנגעקוואָלן, קוקנדיק אויף אַזאַ זון, קיין עין הרע, און דו האָסט זיך געזעצט וויינען איבער נאַרישקייטן, וואָס אַ יונגערמאַן מאַכט אַ שפּאַס!

— אַ שיינער שפּאַס, נישטאָ וואָס צו רעדן! — האָט מאַדאַם שערמאַן איראָניש געזאָגט.

— יאָ, אַ שפּאַס, איך קען אַנדערש דערויף נישט קוקן, נאָר ווי אויף אַ שפּאַס. הער אויף, מאַמע, וועגן דעם צו טראַכטן און מיש זיך נישט צופיל אין זיינע געשעפטן. ער איז געקומען צו אונדז צו גאַסט, מיר האָבן אויף זיין קומען אַזוי לאַנג געוואַרט, אַז די אויגן זענען אונדז שיעור נישט אַרויס. לאָמיר אים נישט אָנטאָן קיין יסורים. זאָל ער דאָ ביי אונדז גוט פאַרברענגען, ווי ער וויל. פאַלג

מיך, מאמע. ווארף אוועק אזעלכע געדאנקען! — האָט זיך קלארע בישט אויפגעהערט צו בעטן ביי איר מוטער.

— אפשר ביזטו, מיין טייערע, גערעכט, — האָט די מוטער גע-ענטפערט און זיך א ביסל בארויקט.

קאפיטל דריי.

זיין „געשיכטע".

באָריס איז געלעגן ביי זיך אין צימער מיט אָפענע אויגן. ער האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן שלאָפן. ער איז מיט אַן אויטרייד אריין אין צימער זיך אָפּרוען, אבי נישט הערן פון זיין מוטער אזעלכע רייד וועגן מאַניען, וועלכע ער האָט געליבט און זי נישט געקענט פארגעסן.

ווען ער איז געווען א גימנאזיסט און דערנאָך א סטודענט, און קומענדיק יעדעס יאָר אויף „וואקאציע" אהיים, פלעגט ער מער צייט פארברענגען אין דאָרף זאסטאוו, ווו מאַניע מיט אירע עלטערן האָבן געוווינט.

מאַניע איז אים שטענדיק געפעלן מער, ווי אלע מיידלעך, מיט איר געזונטקייט, פרייליכקייט און שיינקייט.

אין די גרויסע שטעט, ווו ער האָט געלערנט, האָט ער געהאַט פיל באקאנטע היימער, ווו ער פלעגט זיך באגעגענען מיט מיידלעך, וועלכע זענען געווען אויך שיין און מיט א סך מער בילדונג, ווי מאַניע, אָבער מיט איר פארברענגען צוזאמען האָט ער געפילט, אז ער לעבט. זי פלעגט אים אָנשטעקן מיט איר פרייליכקייט און ער האָט זיך געפילט גליקלעך. ער האָט זיך קיינמאָל איר נישט דער-קלערט אין ליבע, ווייל ער האָט געוווסט, אז דאָס הייסט חתונה האָבן

מיט איר, און דערויף איז ער אפילו אין זיינע יונגע יאָרן געווען צו פּראַקטיש. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ רייכער יורש, זיין פאָטער אברהם שערמאַן, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן אברהם פּאָדריאַדטשיק איז געשטאָרבן, ווען ער איז געווען אין דריטן קלאַס גימנאַזיע, האָט איבערגעלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן, וואָס ער האָט געמאַכט, זייענדיק אַלע יאָרן פּאָדריאַדטשיק און געבויט פאַר דער רעגירונג קאַזאַרמעס און הייזער. באָריס האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען עס וועט קומען די צייט, אַז ער וועט דאַרפן חתונה האָבן, וועט ער קענען נעמען אַ גרויסן נדן און אויך אַ שיין מיידל.

און ווען אפילו ער זאָל באַשליסן חתונה האָבן מיט מאַניען, וועט עס זיין מוטער, פאַר וועלכער ער האָט נאָך דעמאָלט מורא געהאַט, נישט דערלאָזן און זי וועט זיין גערעכט. ווארים ווי איז דאָס טאַקע מעגלעך, אַז אברהם פּאָדריאַדטשיקס בן-יחיד און רייכער יורש זאָל חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון זעליג שרהס, וואָס איז אַ מילנער, וואָס פירט קוים זיינע געשעפטן מיט דער מיל און עס קומט אים אויס שווער צו צאָלן די אָרענדע.

וועגן פאַרפירן מאַניען האָט ער אויך קיינמאָל נישט געטראַכט. ער איז דערצו פאַרט געווען אַ „באַלעבאַטיש קינד״, וואָס אַזעלכע חשבונות זענען אים קיינמאָל נישט אויפגעקומען. ער האָט נאָר ביי יעדן צופאַל ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט איר און האָט זיך געפילט גליקלעך.

נאָכדעם, ווי מאַניע האָט געענדיקט די דאָרפישע שולע, פלעגט באָריס אין זיין „וואַקאַציע-צייט״ לערנען מיט איר, און דאָס איז זייער געפעלן געוואָרן מאַניעס פאָטער, וואָס האָט קיין לערער נישט געקענט צאָלן און אירע עלטערן האָבן דעריבער באָריסן אויפגענומען ביי זיך אין הויז מיט ליבע און דרך-ארץ.

ווען באָריס, אַלס ייד, איז מיט גרויסע שוועריקייטן און פאַר אַ סך געלט אַריינגעטראָטן אין פעטערבורגער אוניווערזיטעט און דערזען פאַר זיך אַ נייע שיינע וועלט, האָט ער כמעט ווי פאַרגעסן אָן מאַניען. ער האָט באַקומען נייע באַקאַנטע צווישן די יידישע סטודענטן, וועלכע האָבן זיך געטיילט אין פאַרשידענע גרופּן, ווי „ציוניסטן״, „יידישע נאַציאָנאַליסטן״ און אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט אנערקענט קיין שום נאַציע און זיך איבערגעגעבן צו אַרבעטן

פאַרן רוסישן פאָלק, קיין חילוק נישט, צי וואָס פאַר אַ רעליגיע זיי געהערן.

אויך האָבן זיך צווישן די יידישע סטודענטן געפונען אַזעלכע, וואָס זענען נישט צוגעשטאַנען צו קיין שום גרופּע, נאָר זיי האָבן געזוכט פאַר זייער קאַריערע גרינגע וועגן אַריינצוטרעטן אין אַ גרויסער ברייטער וועלט, נישט וועלנדיק, אַלס יידן, זיין פאַרשלאָסן אין אַ צוים און זיך נישט קענען רירן.

באָריס, אויסוואַקסנדיק אין ווילנע, נישט לײַדנדיק קיינמאָל פון נויט, זענען אים געפעלן געוואָרן די סטודענטן „קאַריעריסטן", ווי זייערע קעגנער סטודענטן פלעגן זיי מיט פאַראַכטונג רופן.

באָריס האָט צוגעזען, אַז ווען די קאַריעריסטן האָבן געענדיקט דעם אוניווערזיטעט, האָבן זיך דאָס רוב פון זיי געשמדט און האָבן באַלד גרינג באַקומען שטעלעס אין די דעפּאַרטאַמענטן פון די מיניס־טעריומס, און נאָך גליקלעכערע זענען אַריינגעטראָטן אַלס סעקרעטאַרן אין סענאַט, און דערנאָך איז מען מיט יעדן יאָר געוואַקסן מיט אַ גרעסערן געהאַלט, מיט מיטלען און מיט מעדאַלן פון פאַרשידענע מדרגות.

באָריס האָט אויך צוגעזען, ווי אַנדערע יידישע סטודענטן, ווען זיי ענדיקן, באַקומען נישט קיין שטעלעס און קיין אַרבעט און לײַדן נויט. און באָריס איז נישט צוגעשטאַנען צו זיין גרופּע, און ווען ער האָט געענדיקט אַלס יוריסט און מען האָט אים פאָרגעלייגט אַ שטעלע, אויב ער וועט זיך שמדן, האָט ער זיך אַפילו לאַנג געקווענקלט, וואָס וועט די מאַמע זאָגן? אָבער צוביסלעכווייז איז ער געקומען צו דעם געדאַנק, אַז ער איז שוין מער נישט קיין קינד, וואָס ער דאַרף זיך רעכענען מיט דער מאַמעס מיינונג. ער איז אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, און פאַרמאָגנדיק אַ רייכע ירושה פון זיין פאָטער, איז ער פון קיינעם נישט אָפּהענגיק. ער איז יונג און געזונט, ער דאַרף נישט פאַרלירן זיינע שענסטע יאָרן און קען מאַכן די בעסטע קאַריערע. ער וועט האָבן פאַר זיך אַ ברייטע גרויסע וועלט, אין וועלכער ער וועט קענען וואַקסן און אויסוואַקסן ביז דער גרעסטער מדרגה. אַי, די מאַמע? זי איז נישט אַזוי פאַנאַטיש. פריער וועט זי זיך אַ ביסל ברוגזן און דערנאָך וועט זי זיך איבערבעטן!

און אפשר, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — וועט די מאַמע אויך הנאה האָבן, זעענדיק איר זון, ווי זיין קאַריערע וואַקסט מיט יעדן טאָג;

— זאָל איך דעם שריט נישט מאַכן? — האָט באָריס זיך גע־פרעגט. — וואָס דערוואַרט מיר אין לעבן? ווערן אַן אַדוואָקאַט און זוכן פּראַקטיקע? און ווער ווייסט, צי וועל איך עס אַמאָל געפינען!

עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע חדשים און ער האָט זיך אַלץ נישט געקענט באַשליסן. ער איז אַוועקגעפאָרן פאַרברענגען אַ ביסל אינ־דערהיים און אויך פאַבראַכט צווישן זיינע באַקאַנטע אין פאַרשידענע שטעט. ער האָט זיך ערשט איצט אָנגעהייבן צוקוקן צום יידישן לעבן, אָבער עס האָט אים נישט באַפרידיקט. אין זיינע אויגן האָט דאָס יידישע לעבן, די יידישע וועלט אויסגעזען קליינלעך, ענג און פאַרצוימט, נישטאָ ווו צו רירן זיך.

און דאָ האָט ער זיך אויפגעהערט קווייקלען און געזאָגט: — פאַר מיר איז אַזאַ לעבן צו ענג! איך ברויך אַ ברייטע פרייע וועלט, וווּ איך זאָל זיך קענען רירן, איך קען דערשטיקט ווערן ביי אַזאַ לעבן!

און נישט זאָגנדיק קיינעם, איז ער אַוועק קיין פּעטערבורג און זיך געשמדט.

זיין טויף־פאָטער איז גראַד געווען איינער, וואָס האָט פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן אין סענאַט, און ער האָט אים דאָרטן געגעבן אַ שטעלע אַלס קלענערער סעקרעטאַר.

באָריס האָט זיך באַלד געמאַכט קליידער פון טונקל גרין געוואַנט מיט געגילטע קנעפּלעך, ווי עס טראָגן די סענאַט־באַאַמטע, און אָנ־טוענדיק זיך אין זיינע נייע מלבושים, וועלכע האָבן אַזוי שיין געפּאַסט אויף זיין אויסגעצאָסענער שיינער פיגור, האָט ער אָנגעקוואָלן פון זיין אויסזען.

פון דער צייט אָן, זינט באָריס האָט זיך געשמדט, האָט ער פונ־דעסטוועגן זיך נישט אָפּגעריסן פון יידן. ער האָט ליב געהאַט זיך צו געפינען אין יידישער געזעלשאַפט, זיך באַגעגענען מיט זיינע פריער־דיקע יידישע באַקאַנטע און פריינט און אויך ליב געהאַט אַ יידן אַ טובה צו טאָן.

זיין שמדן זיך איז געווען נאָר צוליב זיין קאַריערע, אָבער אינ־גאַנצן, האָט ער געזאָגט זיינע יידישע חברים, איז ער געבליבן אַ ייד, ווייל ער פילט זיך בעסער צווישן יידן, ווי צווישן דער קריסט־לעכער געזעלשאַפט, אין וועלכער זיינע קריסטלעכע חברים פון סענאַט־באַאַמטע האָבן אים אָנגעהייבן אַריינצופירן.

זיינע יידישע באַקאַנטע אָבער האָבן די פראַגע נישט אָנגערירט

און געשוויגן, כאָטש אין די יידישע הייזער, ווו אַהין ער פלעגט קומען, האָט מען אים פריינטלעך אויפגענומען, טראַכטנדיק דערביי: גוט, וואָס ער איז כאָטש נישט געוואָרן קיין שונא ישראל, ווי דאָס רוב יידן, וועלכע גייען איבער צו אַן אַנדער רעליגיע.

אַ סך יידן האָבן אפילו נישט געוווסט, צי באָריס איז געוואָרן אַ קריסט. אַ, ער גייט אין גרינעם געוואַנט מיט געגילטע קנעפלעך? האָט זיך אים געטראָפן אַ גליק, וואָס דורך גוטע רעקאָמענדאַציעס, אָדער דורך זיין געלט, האָט ער באַקומען אַ שטעלע אַלס רעגירונגס-באַאַמטער.

זיין מוטער האָט באָריס דעמאָלט געשריבן, אַז ער האָט זיך געטויפט און ער האָט באַקומען אַ שטעלע אין סענאַט. ער האָט אין בריוו אויספירלעך דערקלערט, פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן און אַז אַזוי איז ביי אים פעסט באַשלאָסן געוואָרן, און דעריבער האָט ער זיך מיט איר פריער נישט באַראַטן וועגן דעם שריט, וועלכן ער האָט וואָכנלאַנג באַטראַכט און עס האָט געמוזט געשען.

די מאַדאַם שערמאַן איז אין אָנהייב איבערראַשט געוואָרן. זי האָט זיך געפילט אומגליקלעך, שטיל געוויינט און עס איז איר שווער געווען זיך צוגעוויינען צו דעם געדאַנק, וואָס איר באָריס איז אַ משומד, אָבער צוביסלעך האָט זי זיך צו דעם געדאַנק צוגעוויינט.

איינמאָל זענען געקומען צו דער מאַדאַם שערמאַן צוויי יידן, אָפגעגעבן אַ גרוס פון איר זון און דערביי דערציילט, אַז זיי זענען געווען אין פעטערבורג און דערהערט, אַז איר זון דינט אין סענאַט, האָבן זיי געבעטן ביי אים, ער זאָל זיי אַ טובה טאָן. ער האָט די יידן פריינטלעך אויפגענומען און האָט געטאָן פאַר זיי, וואָס ער האָט נאָר געקענט, און די צוויי יידן האָבן פאַר מאַדאַם שערמאַן שטאַרק געלויבט איר זון.

פון דער צייט אָן האָט מאַדאַם שערמאַן אָנגעהייבן צו שטאָלצירן מיט איר זון, וואָס דינט אין סענאַט און איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער מאַן, צו וועלכן יידן קומען בעטן טובות.

און ווען באָריס איז איצט געקומען אַהיים, האָט די מוטער אין אים נישט געזען קיין שום חילוק פון דעם פריערדיקן באָריסן ביז דעם איצטיקן. דערזעלבער, וואָס איז פריער געווען! ער קומט זיך דאָ צוזאַמען מיט דיזעלבע יידן, ווי פריער און די יידן פון שטעטל גאַלינעווקע, ווייסנדיק, אַז ער האָט זיך פון יידן נישט דערווייטערט און איז נישט געוואָרן קיין שונא ישראל, נאָר, פאַרקערט,

ווען אַ גאַליציאַנער ייד ווערט אַמאָל איבער אַן אומגליק פאַרוואָרפן קיין פעטערבורג, טוט ער נאָך אַמאָל פאַר אים אַ טובה, האָבן איצט, ווען ער איז געקומען אַהיים, געקוקט אויף אים מיט דרך-ארץ און מיט גרויס אָפּשיי, און אין שטעטל האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט אַ יידיש האַרץ, און קיינער האָט אויף זיינע ליפּן נישט געבראַכט, אַז מאַדאַם שערמאַנס זון באַריס איז אַ געטויפטער, כאָטש אַלע האָבן וועגן דעם געוווּסט.

באַריסעס אַמאָליקער חבר פון די קינדעריאָרן, חיים, איז פון די ערשטע געווען, וואָס האָט זיך וועגן באַריסעס טויפן דערוווּסט, האָט אויך געהאַט וועגן אים דיזעלבע מיינונג, ווי אַלע אין שטאָט. באַזונדערס איז ער מיט אים געווען צופרידן, וואָס קומענדיק איצט אַהיים, האָט זיך באַריס צו אים באַצויגן פראָסט, אָן גדלות, פונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן, ווי גלייך ער האָט זיך גאָרנישט געטויפט און פאַרנעמט נישט קיין שטעלע אין סענאַט און טראָגט נישט אויף זיינע קליידער געגילטע קנעפּ און אַן אָדלער אויף זיין היטל!

און איצט, זיצנדיק ביי מאַניעס עלטערן אין הויז אַרום טיש, האָט ער געהאַלטן אין איין לויבן באַריסן, אַז נאָר ער, באַריס, וואָס איז איצט אַ גרויסער מאַן און אַלע טירן צו די גרעסטע נאַטשאַל-ניקעס, אַפילו צום גובערנאַטאָר, זענען אָפן פאַר אים, איז ער דעריבער דער איינציקער מענטש, וואָס וואָלט מיט זיין ענערגיע און פעיקייטן געקענט אַרויסראַטעווען מאַניען פון מאָנאַסטיר, ווו מען זאָל זי דאָרטן נישט וועלן אויסבאַהאַלטן.

— ווי נאָר איך האָב זיך דערוווּסט, אַז באַריס קלויבט זיך קומען אַהיים, — האָט חיים ווייטער גערעדט פאַר זעליגן און זיין פאַמיליע, — איז מיר באַלד איינגעפאַלן, אַז באַריס איז דער איינציקער מענטש, וואָס קען מאַניען אַרויסראַטעווען, ווען ער וועט קומען אַהיים. איך האָב אייך באַלד וועגן דעם געשריבן קיין וואראנאַוויצע און בין געקומען אין דאָרף, מיינענדיק, אַז איר זענט שוין אינדערהיים, אָבער איך האָב אייך נישט געטראָפן אינדערהיים. איצט איז שוין באַריס אויך געקומען צו פאָרן, מיין איך, אַז מען טאָר נישט פאַרלירן קיין איבעריקע מינוט און מיר דאַרפן מאָרגן פאָרן אין שטאָט אים בעטן וועגן דעם. ער איז זייער אַ גוטער און וועט אייך נישט אָפּזאָגן.

ר' זעליג האָט די גאַנצע צייט פון חיימס רעדן געשוויגן און זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט, נאָר עפּעס האָט ער געמורמלט

צווישן דער באָרד, ווי איינער רעדט צו זיך און קיינער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט.

חיים, זעענדיק, ווי ר׳ זעליג קווענקלט זיך, האָט ווייטער גערעדט:

— וואָס האָט איר דאָ לאַנג צו טראַכטן? איר מיינט, אַז באָריס איז איצט געוואָרן אַ גרויסער פּריץ, קען מען מיט אים נישט רעדן? ער איז איצט אויך אַזוי פּראָסט מיט מענטשן אַזויווי פריער. מען קען מיט אים אָפן רעדן וועגן אַלץ. און איך קען אייך עפּעס נאָך באַווייזן, האָט חיים צוגעגעבן, אַז אויב איר האָט מורא צו רעדן מיט אַזאַ גרויסן מאַן, וועל איך אייך ווייזן, אַז ער וועט קומען צו אייך אין דאָרף און איר וועט מיט אים קענען רעדן, וואָס איר וועט נאָר וועלן! ער האָט זייער ליב אַ יידן אַ טובה צו טאָן, בפרט נאָך פאַר אייך וועט ער אַלץ טאָן. ער קען דאָך מאַניען נאָך אַלס קינד און איז אַמאָל געווען אירער אַן אומזיסטיקער לערער — איר געדענקט? וואָס זשע טראַכט איר אַזוי לאַנג?

חיים איז אַנטשווינגן געוואָרן און געוואַרט...

ר׳ זעליג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך שטיל אָנגערופן:

— יאָ, יאָ, איך געדענק אַלץ!... און דיר דאַנק איך זייער, וואָס דו ביזט געקומען צו מיר וועגן אַזאַ גוטער זאַך צו טאָן, אָבער...— האָט ר׳ זעליג געזאָגט מיט אַ הויכער קלאָרער שטימע, — איך וויל נישט קיין טובות פון אַ משומד! אַלץ, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן באָריסן, איז אמת, אָבער פון אַ משומד טובות וויל איך נישט האָבן! אָט דאָס איז מיין ענטפער. האָסט געהערט?

חיים איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אויפגערעגט אויסגעשריען:

— וואָס רעדט איר! ר׳ זעליג, גאָט איז מיט אייך, האָט איר זיך אַליין צוגעהערט צו די ווערטער, וואָס אייער מויל האָט גערעדט?

— איך האָב זייער גוט געהערט און פריער גוט באַטראַכט, איידער איך האָב די ווערטער אַרויסגעלאָזט פון מיין מויל. און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז איך וויל פון אַ משומד קיין טובות נישט האָבן!

— איר וועט מיר מוחל זיין, ר׳ זעליג, וואָס איך וועל אייך זאָגן, צי זענט איר ביי אייער זינען, איר זאָלט דאָס קענען זאָגן?

— יאָ, איך זאָג עס מיט מיין קלאָרן פאַרשטאַנד.

— איך פאַרשטיי אייך נישט! ביי אייערע באַקאַנטע גויים, ביי אייערע פּריצים, קושט איר זייערע הענט, זיי זאָלן אייך העלפן ראַטעווען אייער טאָכטער, און ביי אַ משומד נישט?!

— גוייִם וועל איך קושן די הענט, וואַשן זייערע פיס און טרינקען דאָס וואַסער, אַבי זיי זאָלן מיר העלפן ראַטעווען מיין קינד, און ביי אַ משומד נישט! ווער שמועסט נאָך ביי אַזאַ מיאוסן משומד, ווי באַריס! איך פרעג דיך, צוליב וואָס האָט ער זיך געשמדט? צוליב די יידישע צרות, נויט אָדער הונגער, פון וואָס אַ ייד ליידט און עס זענען דאָ אַזוינע שוואַכע מענטשעלעך, וואָס ווילן זיך ראַטעווען און שמדן זיך! און צוליב וואָס האָט עס באַריס געטאָן, פרעג איך דיך? צי איז אים עפּעס אָפּגעגאַנגען? וואָס האָב אים געפעלט אָפּצושטופן זיין געשמדטן האַלדז? ער האָט שטענדיק געלעבט אין ווילטיק! אָדער אפשר זיין מוטער, די מאַדאַם שערמאַן, איז עפּעס אָפּגעגאַנגען? זיין פאָטער אברהם פּאָדריאַדטשיק האָט זיי געננוג געלט איבערגעלאָזט. באַריס האָט זיך געשמדט פון צופיל ווילטיק! זיין געשמדטער קישקע האָט אַלץ געפעלט, ער האָט נאָך געוואָלט האָבן גאָלדענע קנעפּלעך! אָט דאָס האָט אים געפעלט און צוליב דעם האָט ער זיך געשמדט! פון אַזאַ משומד וויל איך קיין טובות נישט האָבן!

אַלע זענען געבליבן שטיל אָן ווערטער. דערנאָך האָט חיים שטיל געפרעגט:

— וואָס זשע, ר׳ זעליג, איז ביי אייך געבליבן?

— אַזויווי איך האָב געזאָגט, אַזוי איז געבליבן! —האָט ר׳ זעליג פעסט אַרויסגערעדט.

— הייסט עס, אַז צוליב דעם, וואָס איר ווילט נישט פון אַ משומד קיין טובות האָבן, זאָל מאַניע אויף אייביק פאַרפאַלן ווערן?

פלוצלונג האָט זיך זיין ווייב חנה, אַן אָנגעצונדענע, אויפגעכאַפּט פון איר אָרט און צוזאַמען מיט איר אויך ר׳ זעליגס מוטער, די אַלטע דבורה, און מיט האַרצרייסנדיקע געשרייען זיך געוואָרפן אויף ר׳ זעליגן:

— קוילער איינער! מערדער! וואָס ווילסטו אוועקהרגענען אונדזער קינד צוליב דיינע משוגעתן!?

און די ביידע ווייבער האָבן זיך געוועגדט צו חיימען:

— קום, חיים! מיר וועלן פאָרן מיט דיר אין שטאָט אַריין! מיר וועלן פאַלן פאַר באַריסן צו די פיס, ער זאָל ראַטעווען אונדזער קינד!...

ביי ר׳ זעליגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט זיין האַלב גרויער קאָפּ.

און זיין נאַכמער גרויערע באָרד האָט כמעט דערגרייכט ביז צו זיינע קני.

די הויט אויף זיין פּנים האָט מיטאַמאָל שוואַרצע פלעקן באַקומען.

חנה האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן און די אַלטע דבורה האָט איר ביי יעדן וואָרט צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ.

— ווי האָט דיר גאָרנישט געקענט איינפאַלן! — האָט חנה נישט אויפגעהערט צו מאַכן פאָרווורפן איר מאַן. — ווי האָסטו גאָר געקענט טראַכטן, אַז ווען גאָט שיקט אונדז צו אַ גוטן שליח, ווילסטו נישט!

ר' זעליג איז געזעסן אויף זיין אָרט אַ דערשלאָגענער און גע-שוויגן. חנה האָט אָנגעהייבן צו רעדן אַ ביסל ווייכער און זיך גע-בעטן ביי אים:

— פאָלג מיך, זעליג, פאַרליר נישט קיין צייט און פאָר באַלד אין שטאָט אַריין און בעט באָריסן. דערצייל אים די גאַנצע געשיכטע וועגן אונדזער אומגליק, און זאָל אים גאָט העלפן ער זאָל מצליח זיין, וואָס ער וועט נאָר טאָן. אונדזער קינד שמאַכט דאָרטן און דו זיצט זיך רויק. וואָס איז? דיר געפעלט נישט קיין משומד, וואָס וויל אונדז גוטס טאָן! עס מעג נישט נאָר זיין אַ משומד, אַפילו אַ רוח מעג עס זיין, אַבי אונדזער קינד זאָל געראַטעוועט ווערן! דיר גע-פעלט נישט קיין משומד, מיר געפעלט עס אויך נישט, ווען מיר זיך מיט משומדים נישט משדך זיין, אָבער אַ טובה, ווען יענער וויל אונדז טאָן. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן? איך פרעג דיך, וואָס איז מיט דיר געוואָרן. דעם שכל האָסטו, מיינע שונאים, פאַרלאָרן! אונדזער קינד שמאַכט, נעבעך, און דו גאָרנישט! עס געפעלן דיר נישט קיין משומדים!

חנה האָט זיך שטיל צעוויינט און די אַלטע דבורה האָט איר מיטגעהאָלפן וויינען.

ר' זעליג האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרגלי-ווערטקייט און געזאָגט חיימען:

— נו, נו, לאָמיר פאָרן אין שטאָט אַריין!

— איצט איז שוין שפּעט,—האָט חנה געזאָגט,—חיים וועט ביי אונדז אי-בערנעכטיקן און מאָרגן פרי וועט איר אַרויספאָרן אין אַ גוטער מזלדיקער שעה!

— אמן, רבונו של עולם! — האָט געזאָגט די אַלטע דבורה.

אויב אַזוי, — האָט חנה ווידער זיך געווענדט צו חיימען, — וועל איך גיין צוגרייטן „וועטשערע” און מען וועט זיך לייגן פרי שלאָפן.

חיים אָבער, האָט זיך נאָך געקווייקלט און געוואָלט פאָרן אהיים.

— איר, ר' זעליג, וועט אינדערפרי אַליין פאָרן און איך וועל שוין וואַרטן אויף אייך.

— ניין, ווי ווּעסטו, חיים, זיך שלעפּן ביינאַכט אַליין?

ר' זעליג מיט זיין אַלטער מוטער האָבן אים אויך געבעטן, ער זאָל בלייבן נעכטיקן און גאַנץ פרי פאָרן צוזאַמען.

ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האָט חיים געמוזט בלייבן נעכטיקן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום, ווען אַלע זענען געזעסן אַרום טיש ביים אָווּנטברויט, איז אַריינגעקומען דער אַלטער זשיבעק און געזאָגט ר' זעליגן:

— באַלעבאָס, מאָרגן פרי גיי איך אַוועק פון אייך.

— וווּהין גייסטו? — האָט זעליג מיט פאַרווּנדערונג אים געפרעגט.

— אויף גאַטס וועלט גיי איך!

— וואָס הייסט דאָס? — האָבן אַלע ביים טיש געפרעגט זשיבעקן.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז איך גיי אַוועק פון אייך!

— אויף לאַנג? — האָט זעליג געפרעגט.

— איך ווייס? אפשר אויף שטענדיק!

— וואָס הייסט אויף שטענדיק? נאָך אַזויפיל יאָרן זייענדיק ביי מיר, ווילסטו מיך אַוועקוואַרפן?

— איך האָב דאָ נישט וואָס צו טאָן ביי אייך. די מיל שטייט, איך עס אומזיסט ברויט ביי אייך.

— וואָס הייסט אומזיסט? האָסט ביי מיר גענוג יאָרן ערלעך געאַרבעט.

— איר האָט מיר פאַר מיין אַרבעט געלט געצאָלט און ברויט געגעבן.

— וווּהין וועסטו גיין? — האָבן די ווייבער זיך אָנגערופן. — גאָט וועט העלפן, מאַניע וועט קומען אַהיים, וועט די מיל ווייטער אָנהייבן צו גיין און דו וועסט ווידער אַרבעטן.

— אַז די מיל וועט גיין, וועל איך ווידער קומען צוריק. נאָר דערווייל מוז איך גיין.

די ווייבער האָבן אָנגעהייבן צו בעטן דעם אַלטן זשיבעקן, ער זאָל זיי נישט אַוועקוואַרפן אין אַזאַ צייט און בלייבן דאָ, אָבער זשיבעק האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז פונדאַנען אַוועקגיין.

ווען די ווייבער האָבן געזען, אַז עס העלפט נישט קיין בעטן, האָבן זיי אים געפרעגט:

— נאָר וווהין גייסטו?

זשיבעק האָט עפּעס געמורמלט צווישן די ציין, זיך געקווייקלט און געענטפערט:

— איך גיי אין מאָנאַסטיר אויף דעם גרויסן יום־טוב גאָט בעטן... איך האָב גענוג געזינדיקט אויף דער וועלט, דאַרף מען גיין אין מאָנאַסטיר גאָט בעטן, ער זאָל מיר מוחל זיין מיינע זינד.

איצט האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז עס איז אומזיסט אים איבער־צורעדן, ער זאָל דאָ בלייבן, און ר' זעליג האָט זיך אָנגערופן:

— אויב דו גייסט אַוועק פון אונדז, דאַרף מען דאָך דיר אָפּ־געבן דיין געלט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן באַהאַלטן.

— יאָ, עס וועט צונוץ קומען. איך האָב אייך טאַקע וועגן דעם געוואָלט בעטן...

ר' זעליג האָט געזאָגט חנהן, זי זאָל אים אָפּגעבן זיין געלט. זי איז צוגעגאַנגען צום גרויסן קאַסטן און פון אונטן אַרויסגעשלעפּט אַ קליין בינטעלע, ווו עס זענען געווען פאַרבונדן פופציק רובל, וואָס זשיבעק האָט יאָרנלאַנג צוזאַמענגעקליבן.

אַוועקגעבנדיק אים דאָס געלט, האָט זעליג אָנגעזאָגט:

— זע, זשיבעק, אַז מען זאָל ביי דיר דאָס געלט נישט אַוועק־גנבענען!

— האָט קיין מורא נישט, איך קען די מאַשעניקעס־גנבים! זיי גייען פּלומרשט אין מאָנאַסטיר אויף דעם גרויסן יום־טוב גאָט בעטן, און ווען עס מאַכט זיך עפּעס נאָענט ביי דער האַנט, נעמען זיי צו! האָט קיין מורא נישט, איך קען זיי! — האָט זשיבעק געזאָגט, אַריינ־לייגנדיק דאָס געלט טיף אין זיין קעשענע.

— ווען־זשע גייסטו אַוועק פון אונדז, — האָבן די ווייבער ביי אים איבערגעפרעגט.

— גאַנץ פרי, ווען די זון וועט נאָר וואָס אָנהייבן אויפגיין.

ווען זשיבעק האָט געזאָגט אַ גוטע נאַכט און געגאַנגען שלאָפן, האָבן זיך אַלע ביים טיש איבערגעקוקט.

איין געדאַנק האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט: זשיבעק גייט אויף „באָגאָמאָליע” אין דעמזעלבן מאָנאַסטיר, ווו מאַניע געפינט זיך...

— אפשר וועט ער זי זען? — האָט יעדער געטראַכט ביי זיך. —

אפשר וועט מען דורך אים עפּעס קענען טאָן. זשיבעק איז דאָך זיין באַלעבאָס מיט דער פאַמיליע אַזוי געטריי און איבערגעגעבן! ער האָט דאָך מאַניען אַזוי ליב און האָט דאָך זי אויף זיינע הענט אויסגע־ ניאַנטשעט! קיינער האָט אָבער נישט געוואַגט וועגן דעם צו רעדן. נאָר די אַלטע דבורה האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט:

— אפשר וואָלט זשיבעק אונדז געקענט א טובה טאָן? ער וועט דאָך זיין אין מאָנאַסטיר, ווו אונדזער מאַניטשקע געפינט זיך?

אַלע האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט און חיים האָט זיך אָנגע־ רופן צו דבורהן:

— וואָס אייך קען איינפאַלן! וואָס קען אַזאַ אַלטער, ווי זשיבעק, עפּעס דאָ טאָן? טויזנטער אַזעלכע „באַגאָמאָלצעס", ווי ער, וועלן דאָרטן זיין. וואָס קען ער טאָן? אַזעלכע, ווי מאַניע, האַלט מען געוויס אָפּ־ געזונדערט. ער וועט זי אפילו נישט קענען זען, עס איז אומזיסט צו רעדן מיט אים וועגן דעם און אויך געפערלעך. ער איז טאַקע אייך זייער איבערגעגעבן, אָבער פאָרט אַ גוי און דערצו נאָך אַ פרומער. אומזיסט צו רעדן מיט אים, עס איז אַרויסגעוואָרפן!

אַלע האָבן געפונען, אַז די אַלטע דבורה האָט געזאָגט אַ נאַ־ רישקייט. מען האָט מער וועגן דעם נישט גערעדט און דער עולם איז געגאַנגען שלאָפן.

צוליב חיימס און זעליגס אַוועקפאָרן זענען אַלע אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, באַלד ווי עס האָט נאָר אָנגעהייבן צו טאָגן.

זשיבעק איז שוין געווען אָנגעטאָן, אַרומגעגאַרטלט, אויף זיינע פּלייצעס האָט ער געטראָגן אַן אָנגעפּילט זעקל, אין די הענט אַ לאַנגן שטעקן און אין מויל אַ פאַררויכערטע ליולקע פון שלעכטער „מאַכאָרקע". ער האָט זיך געזעגנט מיט אַלעמען, יעדן געבענטשט און האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין פון דאָרף אויף דעם וועג קיין וואָ־ ראָנאָוויצע.

קאפיטל פיר.

עולה־רגלניקעס.

זשיבעק איז שוין געווען אונטערן דאָרף און איז געגאַנגען ביי דער זייט פון וועג. פויערים זענען געפאָרן הין און צוריק. איינע, מיט אָנגעפילטע וועגן, זענען געפאָרן ערגעץ אין אַ שטעטל אויף אַ יאריד. אַנדערע האָבן געפירט אַ פאָר זעקלעך ווייץ, אָדער קאָרן אין מיל, עס אָפּמאָלן, און אַ טייל זענען געפאָרן אין זייערע פעלדער אַרבעטן.

איינע באַקאַנטע פויערים, דערזעענדיק דעם אַלטן זשיבעקן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „גוט מאָרגן״ און פאַרגעלייגט דעם אַלטן, ער זאָל זיך זעצן אויף דער פור, זיי וועלן אים אונטער־פירן. אָבער זשיבעק האָט געדאַנקט און געענטפערט, אַז ער גייט אויף „באָגאָמאָליע״ אין מאָנאַסטיר צום גרויסן יערלעכן יום־טוב.

און דאָס האָט געמיינט, אַז ער טאָר נישט פאָרן און מוז נאָר גיין צופוס.

די פויערים האָבן מיט גרויס דרך־ארץ געזאָגט, ער זאָל פאַר זיי דאָרטן אויך בעטן און יינגערע פויערים האָבן זיך געוועורטלט:

— ווייזט אויס, אַז דו, אַלטיטשקער, האָסט גענוג געזינדיקט אין דיין לאַנג לעבן, ווען דו שלעפּסט זיך אַזוי ווייט מיט דיינע אַלטע קראַנקע פיס.

— יאָ, געזינדיקט, ברודערל, אַ סך געזינדיקט! — האָט זשיבעק געענטפערט, שאָקלענדיק מיט זיין נאַקעטן אָפּגעדעקטן קאָפּ, אויף וועלכן עס איז כמעט קיין האָר נישט געווען.

די פויערים זענען ווייטער געפאָרן יעדער זיין וועג און זשיבעק איז זיך ווייטער געגאַנגען, אַלע האַלבע שעה זיך געזעצט אָפּרוען אויף דער ערד.

אַזוי איז ער געגאַנגען צוויי טעג, און ווען עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט, האָט ער גענעכטיקט אין אַ קרעטשמע, אָדער זיך איינגעבעטן צו אַ פויער אויף נאַכטלעגער און מיט דעם זונאויפגאַנג ווידער זיך געלאָזט צופוס אין וועג אַריין.

אויף דעם דריטן טאָג האָט זשיבעק דערזען פון ווייטנס, ווי אויף אַ זייטיקן שמאָלן וועג ציען זיך אין אַ לאַנגער שורה פּילגרימען. געזונטע גייען צופוס און אַלטע מיט קראַנקע, וואָס האָבן שוין קיין כּוח נישט צו גיין, זיצן אויף פורן.

זשיבעק האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און געוואַרט ביז די קאָמפּאַניע „באָגאָמאָלצעס" וועלן אָנקומען צו זיין וועג.

ווען די קאָמפּאַניע איז לעבן אים פאַרבייגעגאַנגען, האָט זשיבעק זיי אָפּגעגעבן אַ ברייטן גוט מאָרגן, איינבויגנדיק זיך כּמעט ביז צו דער ערד, און זיי נישט אויפגעהערט צו בענטשן.

די קאָמפּאַניע האָט אים געענטפערט מיט דעמזעלבן, און זשיבעק פאַרייניקנדיק זיך מיט די פּילגרימען, איז געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען.

פאָרויס דער קאָמפּאַניע איז געגאַנגען איינער, וועלכן אַלע האָבן גערופן „כאָדאָק". ער איז געווען אַ לאַנגער, אַ דאַרער, מיט לאַנגע באַוואַקסענע האָר און מיט באָרוועסע פיס.

אָנגעטאָן איז ער געווען מיט צעריסענע קליידער. אין אייניקע ערטער האָט מען אַרויסגעזען שטיקלעך נאַקעט לייב, און איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ דיקן שטריק.

זיינע טיפע דורכדרינגנדיקע אויגן האָבן געקוקט אויף יעדן, ווי מיט שפּילקעס און גערעדט האָט ער לאַנגזאַם, אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף.

ער האָט גערעדט פרום און דערציילט וועגן גרויסע נסים פון הייליקע מענטשן.

זשיבעק האָט געפרעגט ביי אַן אַלטער פויערטע ווער עס איז דער „כאָדאָק" און וואָס איז ער פאַר אַ מענטש?

— ער ווייזט אונדז דעם וועג, ער איז זייער אַ פרומער מאַן.

— ער איז פון דער היגער געגנט, זאָגט איר, פּאַרוואָס-זשע קען איך אים נישט? איך קען אַלע פון דער געגנט.

— כאַדאָק גייט שוין מער ווי צען יאָר אין מאָנאַסטיר אויף דעם גרויסן הייליקן יום-טוב, — האָט די פּויערטע געענטפערט. — ער איז שוין אויך געווען אויף יעזוסעס קבר.

— אַזוי ווייט איז ער שוין געווען! — האָט זשיבעק געזאָגט און מיט גרויס דרך-ארץ אַ קוק געטאָן אין דער זייט, וווּ כאַדאָק האָט זיך געפונען.

די קאָמפּאַניע עולה-רגלניקעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען לעבן אַ קרעניצע. דאָ האָט יעדער געגעסן פון זיין טאָרבע און פאַרטרונקען מיט ליטערן קאַלטן וואַסער פון דער קרעניצע און אויך די פערד אָנגעפּויעט.

כאַדאָק איז געזעסן אינמיטן און דערציילט גרויסע נסים וועגן דערדאָזיקער קרעניצע.

דאָסדאָזיקע וואַסער איז הייליק און העלפט אויסצוהיילן קראַנקע, ווייל מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָט פון דעם ברונען באַנעצט זייַנע ליפּן פון דעמדאָזיקן וואַסער דער הייליקער סטעפאַן, און פון דעמאָלט אָן, ווער עס טרינקט דאָס וואַסער, לעבט לענגער און קראַנקע, וואָס באַנעצן זיך מיט דעם וואַסער, ווערן געזונט. פיל קאַליקעס, וואָס האָבן זיך נישט געקענט רירן פון אָרט, זענען פונדאַנען אַוועקגעגאַנגען געזונט.

— פאַרשטייט זיך, — האָט כאַדאָק ווייטער דערציילט, — נישט יעדער קראַנקער איז זוכה באַלד צו באַקומען די רפואה. מען דאַרף זיך פריער אָפּרייניקן פון זינד, אַזוי ווי עס האָט מיט הונדערטער יאָר געטאָן דער הייליקער סטעפאַן.

— ווער איז דער הייליקער סטעפאַן? — האָט דער אַלטער זשיבעק געפרעגט. — איך בין פון דער היגער געגנט און מיר איז באַקאַנט דאָ יעדעס ווינקעלע. מיר איז אויך גוט באַקאַנט דידאָזיקע קרעניצע און האָב נישט געהערט, אַז דאָס וואַסער זאָל אין זיך האָבן אַזאַ כוח. אויך הער איך דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ הייליקער מיט דעם נאָמען סטעפאַן האָט דאָ אַמאָל געטרונקען פון דעמדאָזיקן ברונען. ווער איז געווען דער הייליקער סטעפאַן, דערצייל, גוטער מענטש!

ביי כאַדאָקן האָבן זיך פון גרויס צאָרן אָנגעצונדן פייערלעך אין די אויגן. ער האָט אָנגעהייבן דונערן מיט ווערטער:

— ווי צו אונדז אַלעמען! — האָט ער אויסגעשריען. — ווי, וואָס עס געפינט זיך אַ מענטש, וואָס האָט אַזויפיל יאָרן געלעבט און איז שוין באַלד מיט איין פוס אין קבר און ווייסט נישט וועגן דעם הייליקן סטעפּאַן!

— דערצייל, דערצייל, וועגן הייליקן סטעפּאַן! — האָבן זיך פיל ביי אים געבעטן.

און כאַדאַק, ווי זיין שטייגער איז, ווען ער האָט עפּעס אָנגעהייבן צו דערציילן, האָט ער זיך פריער צוגעגרייט, זיך גוט אויסגעהוסט און מיט די פינגער פאַרקעמט זיין באָרד.

— דער הייליקער סטעפּאַן, — האָט ער אָנגעהייבן און זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדע דריי-פיר ווערטער, — איז געווען אַ פּראָסטן פּויערס אַ זון, אויסגעוואַקסן אויפן פעלד און אונטערן הימל, געאַקערט די ערד. און דאָס שטיקל ערד, וואָס ער פלעגט פאַראַקערן, פלעגט שטענדיק זיין אַ גערעטעניש. עס האָט געמעגט נישט גיין קיין רעגן, אויף דער גאַנצער וועלט האָט געקענט זיין אַ טריקעניש און אַ הונגער, נאָר סטעפּאַנס שטיקל ערד איז געווען מיט פולע הויכע זאַנגען, העכער פון אַ מענטשן-קאָפּ. האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן די איבעריקע פּויערים פון זיין דאָרף. לאַנג האָבן זיי געטראָגן פאַרדראָס און קנאה אויף סטעפּאַנען. אַ מענטש איז זינדיק, אַז ער איז אָרעם און דער אַנדערער רייך, וויל ער, אַז דער אַנדערער זאָל אויך אָרעם ווערן. האָבן די פּויערים אָנגעהייבן סטעפּאַנען נאָכפאָרשן, וואָס פאַר אַ כּוח ליגט אין אים, וואָס זיין ערד איז מער געראָטן, ווי ביי אַלעמען, אָבער זיי האָבן אין זייער פאָרשונג גאָרנישט אויסגעפונען.

— נאָר איינמאָל, — האָט כאַדאַק ווייטער דערציילט, — האָט אין דאָרף אַ פּויער געזאָגט, אַז ער ווייסט שוין פאַרוואָס ביי סטעפּאַנען געראָט די ערד מער, ווי ביי אַנדערע. איינמאָל, האָט דער פּויער דערציילט, האָב איך גענעכטיקט אין פעלד, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און מיט שרעק דערזען, ווי עס ברענט אַ טויק מיט אָפּגעשניטענע זאַנגען, וועלכע זענען אין אַ בערגל געלעגן אויף דעם פעלד. האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און בין געלאָפן צו דעם אָרט, ווו עס האָט געברענט. אָבער ווי האָב איך זיך דערשראָקן, ווען איך בין צוגעלאָפן צו דעם אָרט, האָב איך געזען, אַז עס ברענט גאָרנישט, נאָר סטעפּאַן שטייט אויף די קני מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל און בעט...

כאַדאַק האָט ווידער אָנגעהייבן קעמען זיין באָרד און דערציילט:

— ווען די פּויערים האָבן דאָס דערהערט, איז ביי אַ סך געבליבן, אַז זיי וועלן טאָן אַזויווי סטעפּאַן: ביינאַכט, ווען דאָס גאַנצע דאָרף שלאָפט, וועלן זיי אויף דעם פעלד שטיין און בעטן צו גאָט.

זיי האָבן אַזוי געטאָן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. ביי סטעפּאַנען איז ווידער אויף זיין שטיקל ערד מער געראָטן דאָס ברויט ווי ביי אַלע אַנדערע. דעמאָלט האָבן זיינע שונאים און נישט פאַרגינער פאַרטראַכט סטעפּאַנען אויך מאַכן פאַר אַ זינדיקן. סטעפּאַן איז דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אַ שיינער, אַ געזונטער, אַז אַלע דאָרפס-מיידלעך זענען אים נאָכגעלאָפן. האָט מען סטעפּאַנען אַרומגערינגלט מיט זינדיקע מענטשן, און אין אַ קורצער צייט איז ער אויך געוואָרן זינדיק. דער אויסגעלאַסנסטער בחור איז ער געוואָרן אין דאָרף! ער האָט שטענדיק געטרונקען און זיך אַרומגעשלעפּט מיט מיידלעך. די ערד, וואָס ער האָט פאַראַקערט, איז שוין מער ביי אים נישט געראָטן, און זיינע נישט פאַרגינער האָבן זיך דאָס האַרץ געקילט, וואָס סטעפּאַן איז געוואָרן אַ זינדיקער, אַן אויסגעלאַסענער און אַ שיכּור.

די עולה-רגלניקעס צוזאַמען מיט זשיבעקן זענען געזעסן אַרומגערינגלט אַרום כאַדאַקן און געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל.

אייניקע האָבן אַלעמאָל זיך אָנגערופן:

— אַ מצווה אויף סטעפּאַנען, וואָס זיין ערד האָט אויפגעהערט געראָטן צו זיין, מען טאָר נישט אַזוי זינדיקן!

אַ טייל, וואָס זענען געוואָרן שטאַרק אומגעדולדיק און געוואָלט וויסן דעם סוף פון דער מעשה און וויאַזוי איז פון אַזאַ אויסגעלאַסענעם געוואָרן אַ הייליקער, האָבן אָנגעשריען אויף דעם עולם, זיי זאָלן שווייגן און געבעטן כאַדאַקן, ער זאָל ווייטער דערציילן.

כאַדאַק, ביי וועלכן עס האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרמאַכט דאָס מויל און האָט געהאַט ביין מאָס רייד, האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און ווידער אָנגעהייבן:

— אין אַ קורצער צייט איז פון דעם שיינעם בחור סטעפּאַן אינגאַנצן אַ תל געוואָרן. ער איז קראַנק און מיאוס געוואָרן, דאָס פּנים איז דאַר און געשטופּלט געוואָרן, די הענט און פיס האָט ער קוים געשלעפּט. ער האָט אָנגעווירן דעם מענטשן-געשטאַלט און האָט

אויסגעזען ווי אַ ווילדע חיה. די דאָרפס-מיידלעך האָבן אים פאַרלאָזן און אַלע, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן אים אויסגעוויכט און זיך אָפּגעקערט פון אים.

— ווען סטעפאַן האָט דאָס דערזען, — האָט כאָדאָק ווייטער דער־ציילט, — האָט ער אַוועקגעוואָרפן זיין היים און זיין ערד האָט ער אַוועקגעגעבן דעם אָרעמסטן פויער פון דאָרף, וואָס האָט געהאַט אַ סך קינדער, וועלכע האָבן געהונגערט, און אַליין איז ער אַוועק אין די נאָענטסטע וועלדער, ווו ער פלעגט לעבן פון גרינע בלעטער מיט פאַרשידענע וואַלד-קרייטעכער, און שטענדיק געשטאַנען אויף די קני און געבעטן דעם, וואָס לעבט אייביק, ער זאָל אים מוחל זיין זיינע גרויסע זינד און אויסהיילן פון זיינע אַלע קרענק. עטלעכע יאָר האָט ער אַזוי געלעבט אין די וועלדער און סטעפאַן איז פאַרוואַקסן גע־וואָרן מיט האָר ווי אַ ווילדע חיה.

— איינמאָל, — האָט כאָדאָק פאַרענדיק זיין וווּנדערלעכע געשיכטע מיט נצחון, — האָט סטעפאַן פּלוצלונג דערהערט אין וואַלד אַ קול. ער זאָל גיין צו דער קרעניצע, ווו מיר זיצן איצט אָט דאָ אַלע און פון וועלכער מיר און אונדזערע פערד האָבן זיך נאָר וואָס אָנגעטרונקען. דאָס קול האָט אויסגעשריען: גיי, סטעפאַן, צו דער קרעניצע, באַנעץ דיינע לעפצן מיט דעם לויטערן קוואַל וואַסער און וואַש אָרום דיין לייב. סטעפאַן האָט אַזוי געטאָן און האָט ווידער באַקומען אַ מענטשן־געשטאַלט און איז געוואָרן געזונט און שיין, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען זיין ערד איז שטענדיק געווען גראָטן מער ווי ביי אַלע אַנדערע, און פון דער צייט אָן איז סטעפאַן געוואָרן אַ הייליקער!

קיינער האָט נישט געפרעגט וויאַזוי איז סטעפאַן געוואָרן אַ הייליקער, וואָרים כאָדאָק זאָגט דאָך, אַז עס איז אמת! נאָר זשיבעק, וואָס האָט גוט געקענט די געגנט מיט די איינוווינער און האָט קיינ־מאָל נישט געהערט פון דעם הייליקן סטעפאַנען, האָט געבעטן כאָ־דאָקן, ער זאָל ווייטער דערציילן וויאַזוי סטעפאַן איז געוואָרן אַ הייליקער.

פיל פון די „באַגאַמאָלצעס” האָבן שוין איצט אויך געבעטן, און כאָדאָק האָט אָנגעהייבן:

— ווען דער הייליקער סטעפאַן האָט זיך דאָ אָפּגעוואַשן, איז ער צוריק געזונט געוואָרן און באַקומען אַ מענטשן-געשטאַלט, איז ער פונדאַנען אַוועק אויף דעם באַרג, ווו עס געפינט זיך איצט דער מאָ־

נאַסטיר וווהין מיר אַלע גייען. אין יענע יאָרן איז דאָרטן קיין מאַנאַסטיר, נישט געווען. דער באַרג איז געווען פאַרוואַקסן מיט ביימער און אַרום איז געווען וויסט און ווילד. סטעפאַן האָט זיך דאָרטן אויסגעבויט אַ שטיבל פון גרינע צווייגן און האָט דאָרטן געוווינט. מענטשן, וואָס זענען אַמאָל ביינאַכט דורכגעפאָרן, האָבן דערזען ווי אַ בוים איז באַלויכטן ווי בייטאָג, האָבן זיי זיך געלאָזט צום „ליכטיקן בוים" און האָבן דאָרטן געפונען דעם הייליקן סטעפאַנען שטיין אויף די קני און זיינע ליפן האָבן געזאָגט אַ געבעט. ווען די מענטשן זענען צוגעקומען צום בוים, איז די ליכטיקייט באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן. זיי האָבן נאָר געזען זיין שטיבל, געמאַכט פון צווייגן. זיי האָבן אים איבערגעלאָזט ברויט און געבעטן, ער זאָל זיי בענטשן. פון דער צייט אָן איז מען פון אַלע נאָענטע דערפער געקומען זיך צו אים בענטשן און מען האָט אים גערופן דער „הייליקער סטעפאַן".

— ווען דער הייליקער סטעפאַן איז געשטאָרבן, — האָט כאַדאָק געענדיקט, — האָט מען אים באַגראָבן אויף דעמזעלבן אָרט, ווו זיין שטיבל פון צווייגן איז געווען. יאָרנלאַנג איז מען געפאָרן צו זיין קבר. דערנאָך האָט מען אויף דעם באַרג אויסגעהאַקט די ביימער און מען האָט אויסגעבויט דעם מאָנאַסטיר, ווו מיר גייען איצט. אין איינעם פון די קעלערן פון מאָנאַסטיר געפינען זיך ביז היינטיקן טאָג די טויטע ביינער פון דעם הייליקן סטעפאַן, און וועלכער קראַנקער עס האָט די זכיה זיך אָנרירן אין זיינע ביינער, ווערט באַלד געזונט.

אַלע האָבן אָנגעקוואָלן פון דער ווונדערלעכער געשיכטע, וואָס כאַדאָק האָט דערציילט, באַזונדערס די פאַרשידענע קאַליקעס, וועלכע האָבן זיך צוגעשלעפט צום ברונעם און מיט דעם ווונדערלעכן וואַסער געוואַשן זייערע לייבער, פול מיט גוטע האָפענונגען אין דער קראַפט פון וואַסער, אַז זיי וועלן אינגיכן געזונט ווערן.

צו דעם ברונען האָט זיך דערנענטערט אַ פויערטע אין די מיטעלע יאָרן, וועלכע האָט געטראָגן אויף אירע פלייצעס אַ מיידעלע, אַ קאַליקע, פון אַ יאָר צוועלף. מען האָט די פויערטע גערופן „וואַסיליצווואַ".

דער עולם האָט מיט גרויס דרך־ארץ געמאַכט פאַר איר אַ וועג צום ברונען. מען האָט איר געהאָלפן אַראָפּנעמען די קאַליקע פון אירע פלייצעס און זי האָט עס אַרומגעוואַשן מיט דעם וואַסער פון

דעם ברונען פול מיט גלויבן, אַז דאָס קינד וועט אַמגיכסטן געזונט ווערן.

די קאָמפּאַניע עולה־רגלניקעס האָבן זיך אויפגעהייבן פון זייערע ערטער, ווי זיי האָבן זיך אַ פּאָר שעה אָפּגערוט און זענען ווייטער געגאַנגען.

זשיבעק האָט באַמערקט, אַז די וואַסיליעוואַ זעצט זיך נישט אויף קיין פור, נאָר זי גייט די גאַנצע צייט צופוס, טראָגנדיק אויף די פּלייצעס איר קאַליקע און ער האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס געפינט מען פאַר איר נישט קיין פּלאַץ אויף אַ פור? עס איז דאָך איר שווער צו גיין!

— זי וויל נישט פאָרן, זי האָט אויף זיך גענומען גיין אַזוי צופוס דעם גאַנצן וועג ביז צום מאָנאַסטיר, טראָגנדיק די גאַנצע צייט איר קאַליקע אויף די פּלייצעס. זי לאָזט אפילו נישט, אַז אַנדערע זאָלן איר העלפן, נאָר אַליין וויל זי די שווערע משא טראָגן.

— פאַרוואָס טוט זי דאָס?

— ווייל זי גלויבט, אַז מיט דעם וועט זי זיך אָפּרייניקן פון אירע זינד, פאַרוואָס זי איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ קינד אַ קאַליקע.

אָפּגייענדיק עטלעכע שעה, האָבן די פּילגרימען זיך ווידער אָפּגעשטעלט ביי דער זייט פון וועג און זיך צעלייגט אויף דעם פעלד אַ ביסל אָפּרוען. און כאָדאָק, ווי זיין שטייגער איז, האָט ווידער אָנגעהייבן צו דערציילן פאַרשידענע ווונדערלעכע מעשיות.

צווישן אַנדערע האָט ער אויך דערציילט וויאַזוי דער גרויסער יום־טוב ווערט געפייערט אין מאָנאַסטיר. די פייערונג קומט פאָר ביי־טאָג און ביינאַכט מיט דעם גרעסטן פּראַכט און גלאַנץ און אַז אין דעם יום־טוב ווערן געשמדט אַלע אומגלויביקע, וועלכע געפינען זיך אין מאָנאַסטיר.

זשיבעק האָט זיך דערמאַנט אָן מאַניען און האָט אַ ציטער געטאָן.

— ביים שמדן מוז פאָרקומען אַ שיינער פּאַראַד, — האָט זשיבעק באַמערקט.

— וווּנדערשיין! דער וואָס האָט עס נישט געזען, דערוואַרט אים דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אין דער וועלט.

— די אומגלויביקע שמדן זיך מיט זייער גוטן ווילן? — האָט זשיבעק מיט גרויס פאָרזיכטיקייט געפרעגט.

— ווי איינער! אייניקע גייען צום שמד, ווי צום טאַנץ און אייניקע קווייקלען זיך.

— און אָט די, וואָס גייען נישט ווילנדיק, צווינגט מען, זיי זאָלן באַקומען דאָס הייליקע וואַסער? — האָט זשיבעק ווידער געפרעגט.

— מען צווינגט קיינעם נישט! נאָר ווען מען געפינט זיך לאַנג אין מאָנאַסטיר, בעט מען זיך אַליין, מען זאָל טויפן.

— איינמאָל, — האָט כאָדאָק ווייטער דערציילט, — ווען איך בין געווען אין מאָנאַסטיר, איז דער יום-טוב געווען אַזוי שיין, אַז די זינדיקע האָבן זיך אַליין געבעטן, מען זאָל זיי וואָס גיכער שמדן, זיי זאָלן קענען האָבן דאָס גרויסע גליק אויך מיט אַלע אנטיילצו-נעמען אין דעם גרויסן יום-טוב.

זשיבעק האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז מאַניע וועט קיינמאָל נישט בעטן, מען זאָל זי שמדן, און ער וועט אַהין קומען אין דער ריכטיקער צייט.

איצט האָט זשיבעק מער נישט געפרעגט, מער נישט גערעדט און נישט געהערט, וואָס כאָדאָק דערציילט ווייטער די עולה-רגלניקעס, וועלכע זענען געזעסן אַרומגערינגלט אַרום כאָדאָקן, זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געשלונגען יעדעס וואָרט.

זשיבעק איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און אין זיינע פּלענער, וויאַזוי ער זאָל מאַניען צרויסראַטעווען פון מאָנאַסטיר.

ער האָט שוין וועגן דעם לאַנג געטראַכט, נאָר ער האָט נישט געוווסט וויאַזוי. נאָר ווען עס האָט זיך דערגענטערט דער יערלעכער גרויסער יום-טוב אין מאָנאַסטיר, איז אים איינגעפאַלן, ער זאָל אויך גיין אויף באַגאָמאָליע. אפשר וועט ער האָבן אַ צופאַל זי צו זען און צוזאַמען מאַכן דעם פּלאַן, וויאַזוי זי אַרויסצופירן פון מאָנאַסטיר.

וועגן זיין פּלאַן האָט ער קיינעם קיין איינציק וואָרט נישט געזאָגט, ווייל ער איז נישט געווען זיכער, צי עס וועט זיך אים איינגעבן און אומזיסט פּלאַפּלען האָט ער נישט ליב געהאַט. און ווידער האָט ער מורא געהאַט, אַז וויבאַלד איינער וועט וויסן פון זיין פּלאַן, וועט זיך אַ צווייטער אויך דערוויסן און עס קען זיך פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז ער, זשיבעק, וויל אַרויסראַטעווען פון שמד אַ יידישקע, וועלן אַלע לאַכן. און ווער שמועסט, טאָמער וועט מען אין דעם „ווייסן הויז" זיך דערוויסן, וועט אים דער קלויסטער פאַרשעלטן און אין חרם אַריינוואַרפן

און זשיבעק האָט זיין פּלאַן געהאַלטן ביי זיך בסוד סודות און האָט באַשלאָסן, אַז נאָר ער אַליין מוז דעם פּלאַן אויספירן. וועט זיך אים איינגעבן, איז גוט, ווען נישט? — וועט ער זיך צוריק אומקערן צו זיין פריערדיקן באַלעבאָס אין דאָרף, צו זעליגן, און וואַרטן ביז די מיל וועט זיך ווידער עפענען. ער וועט זיך שטעלן צוריק צו דער אַרבעט און קיינער וועט נישט וויסן וועגן זיינע פּלענער, אַז ער האָט מאַניען געוואָלט אַרויסראַטעווען פון מאָנאַסטיר, ווי גלייך ער האָט וועגן דעם קיינמאָל נישט געטראַכט.

ווען די עולה-רגלניקעס האָבן זיך גוט אָפּגערוט האָט מען ווידער זיך אָנגעהייבן קלויבן אין וועג.

דער עולם האָט געקוקט אויף דעם הימל און געזאָגט, אַז עס איז שוין נאָך האַלבן טאָג און מען האָט אָנגעהייבן רעדן, ווו מען וועט זיך אָפּשטעלן אויף נאַכטלעגער. אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צו כאַדאָקן און ער האָט זיך אָנגערופן:

— דאָ נאָענט דאַרף זיין ערגעץ אַ שטעטל וואַראַנאַוויצע.

און כאַדאָק האָט זיך געווענדט צו זשיבעקן:

— דו האָסט געזאָגט, אַז דו ביזט פון די היגע געגנטן. ווייסטו נישט וועגן דעם שטעטל און ווי ווייט איז נאָך אַהין צו גיין?

— איך ווייס זייער גוט, איך קום אָפּט אַהין און בין ערשט נישט לאַנג דאָרטן געווען.

כאַדאָק האָט זיך דערפרייט און נאָכאַמאָל געפרעגט:

— קענסטו אונדז נישט זאָגן, צי וועלן מיר אָנציען היינט אויף נאַכטלעגער?

— ניין, סיידן מיר זאָלן גיין אַ גוטע פּאָר שעה אין דער נאַכט אַריין.

— ביינאַכט גייען מיר נישט, ביינאַכט רוען מיר. אויב אַזוי, — האָט זיך כאַדאָק געווענדט צום אַלגעמיינעם עולם—וועט אונדז אויסקומען איבערנעכטיקן ערגעץ אין פעלד.

אַלע זענען געוואָרן אומצופרידן און זענען טרויעריק געוואָרן. אייניקע האָבן געזאָגט:

— נישט גוט צו נעכטיקן אין פעלד.

— פאַרוואָס אין פעלד? מיר וועלן אויף נאַכטלעגער קענען אָנקומען אין אַ דאָרף, וואָס געפינט זיך נישט ווייט, — האָט זשיבעק געזאָגט.

אַלע זענען מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן און מיט דאַנקבאַרע אויגן געקוקט אויף זשיבעקן, נאָר איינע, די פּויערטע וואסיליעווא, וועלכע האָט געטראָגן אויף אירע פּלייצעס דאָס קאַליקע מיידעלע, איז נישט געווען צופרידן, דערהערנדיק דאָס ערשטע מאָל דאָס שטעטל וואראנאוויצע, וואָס איז איר באַקאַנט, און האָט שטיל געזאָגט כאַדאָקן:

— נישט גוט אַזוי. בעסער וואָלט געווען, מיר זאָלן ביינאַכט אָנקומען אין דעם יידישן שטעטל און מיט דעם זונאויפגאַנג אַוועקגיין פון די פאַרשאָלטענע „זשידעס".

כאַדאָק האָט אויף וואסיליעוואַן אַ קוק געגעבן מיט זיינע שטעכעדיקע בליקן און אויך איר שטיל געזאָגט, אַז קיינער זאָל נישט הערן:

— זיך דערמאַנט! האָסט נישט וואָס מורא צו באַקומען, מיר זענען נישט אַליין, און ווער וועט דיך איצט דערקענען מיט דיין מיידעלע? זיי רויק, מיין טייערע, עס איז נישטאָ פאַרוואָס צו שרעקן זיך!

וואסיליעווא האָט זיך אַ ביסל באַרויקט און דאָך האָט זי אים געזאָגט:

— פונדעסטוועגן וואָלט בעסער געווען, מיר זאָלן אַריינקומען אין שטעטל ביינאַכט און אַוועקגיין פאַרטאָג.

דער עולם וועט נישט וועלן גיין ביינאַכט, — האָט כאַדאָק געענטפערט,—זייט רויק, עס וועט גאָרנישט געשען!

זשיבעק האָט באַמערקט דעם געשפּרעך און האָט אָנגעהייבן צו קוקן אויף זיי ביידע מיט חשד, און פון איצט אָן האָט ער זיך אָנגעהייבן מער צוצוקן צו דער וואסיליעווא און אויף כאַדאָקן. ווארים ביידע זענען אים אויסגעקומען עפּעס קענטלעך און וויפל ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, האָט ער נישט געקענט.

— אפשר ווייזט זיך מיר אויס? — האָט ער צו זיך געזאָגט און מער נישט געטראַכט וועגן דעם.

די זון האָט זיך אָנגעהייבן זעצן נידעריקער און נידעריקער. פון די בערג, פון איין זייט, און פון אונטער דעם וואַלד, פון דער צווייטער זייט, האָבן זיך אין לאַנגע שורות אָנגעהייבן ווייזן פוסגייער און פערד איינגעשפּאַנט אין וועגן.

כאַדאָק האָט זיך אָנגעבויגן צו דער וואסיליעווע, וועלכע איז געווען נישט צופרידן און שטיל איר געזאָגט:

— דו זעסט, וויפל באַגאַמאָלצעס עס גייען פון אַלע זייטן? זיי

ציען זיך אַלע אויף אונדזער וועג. מיר וועלן זיך באַלד פאַרייניקן מיט זיי און צוזאַמען גיין אונדזער וועג. היינט פאַר וועמען האָסטו זיך צו שרעקן, מיר זענען אַזויפיל!

די וואסיליעווא האָט זיך ווידער אַ ביסל באַרויִקט.

דער עולם האָט זיך שוין געוואָלט אויפהייבן פון די ערטער און ווייטער גיין זיין וועג, נאָר כאַדאַק האָט פאַרגעלייגט, מען זאָל אַ ביסל צוּוואַרטן ביז די עולה-רגלניקעס, וואָס מען זעט פון דערווייטנס, וועלן אַרויסקומען אויף זייער וועג.

דער גאַנצער עולם האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט, ווי אויף אַלע וועגן האָבן זיך, ווי לאַנגע לענטעס געצויגן שורות מענטשן און כאַדאַק האָט אויפגעהייבן די הענט, פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל און מיט התפעלות אויסגעשריען:

— זעט, ווי שיין עס זעט אויס! הונדערטער מענטשן פון ווייט און פון נאָענט גייען אין מאָנאַסטיר, ווו די טויטע ביינער פון הייליקן סטעפאַן געפינען זיך!

ווען עולה-רגלניקעס זענען פון אַלע זייטן זיך צוזאַמענגעקומען, האָט מען זיך געבענטשט איינס דאָס אַנדערע און אויסגעפרעגט, פון וועלכע געגנטן די קאָמפּאַניעס קומען.

צוליב די נייע אָנגעקומענע האָט מען זיך ווידער דאָ אויסגעזעצט אַ ביסל אָפּרוען, אַז באַלד דערנאָך זאָל מען זיך לאָזן גיין צום נאָענטן דאָרף אויף נאַכטלעגער, ווייל די נאַכט האָט זיך שוין אָנגעהייבן אָנרוקן.

וואסיליעווא איז ווידער געוואָרן אומרויִק, ווייל זי האָט שוין איצט קיין האָפענונג נישט געהאַט, אַז מען זאָל נעכטיקן אין שטעטל וואָראָ-באָוויצע, ווי זי האָט געוואָלט. מען וועט שוין מוזן אַהין אָנקומען בייטאָג און ווער ווייסט וויפל מען וועט דאָרטן פאַרברענגען, ווייל פיל וועלן אין שטעטל וועלן עפּעס קויפן און אָנגרייטן ברויט און שפּייז אויף דעם ווייטערדיקן וועג.

און וואסיליעווא האָט זיך אַלץ געשראָקן, וויאַזוי וועט זי זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן, אַז די יידן זאָלן זי נישט דערקענען.

כאַטש זי האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו שרעקן, ווייל פון דער צייט זינט זי איז באַגאַנגען דאָס גרויסע פאַרברעכן, אָדער ווי זי האָט געמיינט, די גרעסטע מצווה, וואָס אַ מענטש קען זיך נאָר ווינטשן, איז שוין אַוועק באַלד אַ יאָר אַכט, און נישט זי און נישט דאָס קינד, וואָס זי טראָגט אויף די פּלייצעס, וועט שוין קיינער נישט דערקענען.

נאָר אזוי איז שוין די טבע פון יעדן פאַרברעכער זיך צו שרעקן דאָס דאָס גאַנצע לעבן פאַר דער גרויסער שטראָף, וואָס זיי דערוואַרט, ווען מען וועט זיי כאַפּן.

און וואַסיליעוואַ האָט גוט געוווּסט, אַז ווען מען וועט זי דער־קענען, איז זי אויף אייביק אַ פאַרלאָרענע!

זי האָט גוט געקענט דאָס יידישע שטעטל וואָראָנאָוויצע און כמעט אַלע איינוווינער האָבן זי אויך געקענט.

צוריק מיט יאָרן איז זי דאָ געווען אַ דינסט אין אַ יידיש הויז, כאָטש זי איז געווען ווילד פרום.

כאַדאַק, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין שטעטל אַלס אַ פאַר־שטעלטער מאַנאַך, אַ בעל־תשובה, האָט זיך באַקענט מיט וואַסיליעוואַן, האָט זי באַצויבערט מיט זיינע וווּנדערלעכע מעשיות וועגן הייליקע און פרומע און זי איז נאָך ווילדער אין איר פרומקייט געוואָרן.

נישט קוקנדיק, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ מאַנאַך, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געשדכנט צו איר.

וואַסיליעוואַ פלעגט זיך קלאָגן פאַר אים און וויינען, אַז זי איז אַ גרויסע זינדיקע און זי האָט מורא, אַז ווען זי וועט קומען אויף יענער וועלט, וועט פאַר איר וויניק זיין דער גיהנם און זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל איר זאָגן, וואָס מען דאַרף אַזוינס טאָן, אַז זי זאָל זיך קענען אָפּוואַשן פון אירע גרויסע זינד. האָט ער געזאָגט, אַז נאָר דער, וואָס האָט כאָטש איינמאָל אין לעבן געבראַכט אַן אומגלויביקן צום שמד, ביי דעם ווערן אָפּגעוואַשן אַלע זינד.

זיינע רייד האָבן געהאַט אויף איר אַ געוואַלדיקע ווירקונג ביז צו רעליגיעזער משוגעת.

כאַדאַק, וואָס האָט בטבע נישט געקענט זיצן לאַנג אויף איין אָרט און זיך ליב געהאַט אַרומצושלעפּן איבער שטעט און דערפער, איז אינגיכסטן פון וואָראָנאָוויצע פאַרפאַלן געוואָרן.

וואַסיליעוואַ האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז זי מוז אַן אומגלויביקן ברענגען צום שמד, אום זיך אַליין צו באַפרייען פון אירע שווערע זינד. טאָג מיט נאַכט האָט זי וועגן דעם געחלומט און האָט זיך דערטראַכט, אַז זי מוז ראַטעווען אַ יידיש קינד.

אין דעם יידישן הויז, ווו זי האָט געדינט, איז געווען אַ שיין מיידעלע פון אַ יאָר פינף און זי האָט פאַרטראַכט צו גנבענען דאָס קינד און ראַטעווען איר נשמה.

זי האָט אַזוי געטאָן: זי איז מיט דעם יידישן מיידעלע פאַרפאַלן געוואָרן. דאָס גאַנצע שטעטל און די גאַנצע געגנט האָט מען איבערגעקערט זוכנדיק, נאָר דאָס יידישע קינד צוזאַמען מיט דער דינסט זענען פאַרפאַלן, ווי אין וואַסער אַריין.

אַ גאַנץ יאָר האָבן די אומגליקלעכע יידישע עלטערן זיך נישט געקענט באַרויקן, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. דאָס שטעטל האָט מיט דער צייט אין דער שרעקלעכער געשיכטע ווי פאַרגעסן, נאָר די עלטערן האָבן אינדערשטיל געטראָגן אין הארצן זייער נישט פאַרהיילטע גרויסע ווונד און האָבן זיך שוין לאַנג מיאש געווען פון צו געפונען זייער מיידעלע.

וואסיליעווא איז מיט דעם געגנבעטן יידישן קינד אַוועק אין אַ גרויסער שטאָט, מען זאָל זי צווישן אַ סך מענטשן נישט קענען געפינען. דאָס ביסל געלט, וואָס זי האָט מיט זיך געהאַט, איז גיך ביי איר אַוועקגעגאַנגען, און נישט האָבנדיק פון וואָס צו לעבן, האָט זי זיך געשטעלט ביי די טירן פון די קלויסטערס, גלייך מיט אַלע בעטלערס און בעטלערינס, און ביי די פרומע מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען אין קלויסטער, האָט זי געבעטן נדבות.

זי האָט אָבער געזען, ווי אַנדערע בעטלערקעס, וואָס האַלטן לעבן זיך קינדער, קאַליקעס, גיט מען גרעסערע נדבות און מאַכן אַ סך מער ווי זי, האָט איר אָנגעהייבן פאַרדריסן און זי האָט באַשלאָסן איר גע-גנבעט קינד אויך מאַכן פאַר אַ קאַליקע.

מאַכנדיק פון דעם קינד אַ פאַרזעעניש, האָט זי געמוזט איבער-פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, ווו זי האָט זיך פאַרנומען מיט בעטלעריי און יעדן טאָג, זיצנדיק ביי דער טיר פון קלויסטער מיט דעם קינד, פלעגט זי קומען אַהיים, אַ צעפרידענע, מיט גענוג געלט.

אַזוי האָט זי זיך אַרומגעשלעפט פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף עטלעכע יאָר.

דאָס קינד האָט זי, ווי פריער, זייער ליב געהאַט און האָט כמעט ווי פאַרגעסן, אַז עס איז אַ פרעמד קינד.

ווען זי האָט מיט יאָרן צוזאַמענגעקליבן פיל געלט, האָט איר פלוצלונג אָנגעהייבן באַנג טאָן, פאַרוואָס זי האָט פון קינד געמאַכט אַ קאַליקע און זי איז גרייט געווען אַוועקגעבן אַ העלפט פון איר פאַרמעגן, אַז די פאַרדרייטע הענטלעך און פיסלעך פון קינד זאָלן צוריק אויסגעגלייכט ווערן. זי איז אַפילו אַמאָל געווען ביי אַ דאָק-

טאָר פרעגן, צי מען קען העלפן, אַז דאָס קינד זאָל געזונט ווערן. אָבער דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז מען קען נישט העלפן.

מיט אַ יאָר צוויי צוריק, האָט זי ערגעץ אין אַ דאָרף זיך ווידער באַגעגנט מיט כאַדאַקן, וועלכער האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט זיך אַרומשלעפן.

דערשמעקנדיק, אַז וואַסיליעווע האָט געלט, איז ער ווידער מיט איר באַפריינדעט געוואָרן.

איינמאָל האָט זי זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז זי וואָלט געוואָלט, איר קינד זאָל געזונט ווערן, האָט איר כאַדאַק דערויף געענטפערט:

— קיין דאָקטאָר וועט דאָס קינד נישט קענען אויסהיילן, נאָר איין האָפענונג איז דאָ. דו דאַרפסט גיין אויף דעם גרויסן יערלעכן יום-טוב אין דעם מאָנאַסטיר, ווו עס געפינען זיך די טויטע ביינער פון הייליקן סטעפאַן. ווען דאָס קראַנקע קינד וועט אָנרירן די הייליקע ביינער, וועט עס געזונט ווערן! ערגערע קראַנקע, וואָס האָבן קיין האָפענונג נישט געהאַט אַפילו ווייטער צו לעבן, זענען געזונט געוואָרן!

וואַסיליעווע האָט אַ גליקלעכע אָנגעהייבן קושן זיינע הענט פון דאַנקבאַרקייט.

— אָבער, — האָט כאַדאַק צוגעגעבן, — דו מוזט אויף זיך נעמען דעם גאַנצן ווייטן וועג אין מאָנאַסטיר גיין צופוס... דו טאָרסט קיין שפאַן נישט פאָרן.

— איך וועל אַלץ טאָן, וואָס דו וועסט מיך הייסן, אַבי מיין קינד זאָל געזונט ווערן.

— דו מוזט אָבער אויך אויף זיך נעמען, — האָט כאַדאַק ווייטער געזאָגט, — דאָס קינד צו טראָגן אויף דיינע פלייצעס דעם גאַנצן וועג ביזן מאָנאַסטיר. דערמיט וועסטו זיך ריינוואַשן פון דיינע אַלע זינד און וועסט האָבן די זכיה צוצוקומען צו די טויטע ביינער פון הייליקן סטעפאַן.

— אַלץ נעם איך אויף זיך! — האָט זי אויסגעשריען.

ווען וואַסיליעווע האָט דאָס אַלץ דערנאָך דערציילט אַנדערע פרומע פרויען, האָט מען זי שטאַרק געלויבט, וואָס זי האָט זיך באַשלאָסן צוליב איר קינד טאָן אַזאַ גוטע זאַך.

גאַנצע צוויי יאָר האָט וואַסיליעווא געוואַרט אויף דער גליקלעכער שעה, ווען זי האָט צוזאַמען מיט אַ קאָמפּאַניע עולה־רגלניקעס זיך געלאָזט גיין אין מאָנאַסטיר אויף דעם גרויסן יערלעכן יום־טוב.

קאַפּיטל פינף.

אַן אומדערוואַרטער צופאַל.

אַלע עולה־רגלניקעס האָבן זיך צעלייגט אינמיטן דאָרף אויף נאַכטלעגער, יעדע גרופּע באַזונדער.

גאַנץ פרי, ווען דער עולם איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף זיך קלויבן אין ווייטן וועג אַריין, האָט זיך אין כאָדאָקס קאָמפּאַניע דערהערט אַ געשריי.

איינע פון די „באָגאָמאָלצעס" האָט נישט מיט איר קול געשריען:

— מען האָט מיך אָוועקגעקוילעט! מען האָט ביי מיר ביינאַכט צוגעגנבעט מיין גאַנץ געלט!

זי האָט געוויינט, געשריען, זיך געשלאָגן מיט דעם קאָפּ אין דער ערד און אויף די קני געבעטן כאָדאָקן, געקושט זיינע הענט, ער זאָל זען געפינען דעם גנב און אָפּנעמען ביי אים דאָס געגנבעטע געלט.

— וואָס זשע קען איך טאָן? — האָט כאָדאָק מיט גרויס מיטגעפיל געפּרעגט די אומגליקלעכע פרוי.

— איך ווייס נישט, דו ביזט די גאַנצע צייט אונדזער וועגווייזער, ווייסטו בעסער, וואָס צו טאָן, אַז מען זאָל כאַפּן דעם גנב!

די איבעריקע קאָמפּאַניעס, דערהערנדיק פונדערווייטנס, אַז אין דער קאָמפּאַניע איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל, זענען זיי אַוועק זייער וועג.

כאַדאָקס קאָמפּאַניע האָט אויך געזאָלט גיין, אָבער די באַגנבעטע פרוי האָט נישט געלאָזט און נישט אויפגעהערט צו שרייען און בעטן מיט גוטן און מיט קללות, אַז מען זאָל געפינען דעם גנב, אַנדערש וועט זי נישט לאָזן ווייטער גיין!

אויף איר געשריי זענען זיך אָנגעלאָפן אייניקע פויערים פון דאָרף. זעענדיק, אַז דער סקאַנדאַל ווערט גרעסער, האָט כאַדאַק געזאָגט צום עולם:

— מיר האָבן קיין אַנדער אויסוועג נישט, נאָר צו באַזוכן יעדן און די אומשולדיקע וועלן מוזן מוחל זיין, קיין אַנדער מיטל האָבן מיר נישט, ווי צו געפינען דעם גנב!

דעם עולם איז דער פּלאַן געפעלן און פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט קולות:

— ריכטיק, ריכטיק, כאַדאַק, אַזוי דאַרף מען טאָן!

מען האָט אָנגעהייבן יעדן באַזוכן און מען איז אויך געקומען צום אַלטן זשיבעקן און מען האָט ביי אים געפונען אַזויפיל געלט — פּופציק רובל!..

אַלע האָבן מיט פאַרוואונדערונג אויסגעשריען די גרויסע סומע „פופציק רובל!"

איינע מיט די אַנדערע האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי גלייך זיי וואָלטן געפרעגט: ווי קומט צום אַלטן אַזויפיל געלט?

— ביי דער פרוי האָט מען צוגעגנבעט נאָר דרייסיק רובל און ער האָט פופציק,—האָט איינער באַמערקט.

— וואָס איז דאָ געדרונגען? — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן.— דאָס איבעריקע געלט האָט דער אַלטער בעטלער געוויס ערגעץ אַנדערש אָוועקגעגנבעט. מיר ווייסן דען, ווער ער איז? און פונוואַנען ער קומט? מיר אַלע קענען זיך איינע די אַנדערע, מיר זענען פון איין דאָרף, אָדער פון נאָענטע דערפער, און דער אַלטער איז אונדז פרעמד, אויף דעם וועג זיך צוגעטשעפעט צו אונדזער קאָמפּאַניע, זאָגנדיק, אַז ער גייט אויך אויף „באַגאָמאָליע" אין מאָנאַסטיר. ווער ווייס ווער ער איז, אפשר גייט ער גאָר גנבענען! מיר קענען אַזוינע, וואָס פאַר לייטן מאַכן זיי זיך פרום און אין אמתן זענען זיי גנבים און רוצחים!

אַלעמענס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אַלטן זשיבעקן, וועלכער איז געשטאַנען בלאַס און געציטערט, ווי אַ בלאַט.

— איר זעט דען נישט אַלע, אַז ער איז אַ גנב! —האָבן אייניקע געזאָגט, —אָנווייזנדיק אויף זשיבעקן מיט די הענט.

— מען דאַרף אים בינדן, ער זאָל נישט אַנטלויפן!

אייניקע פון די פּילגרימען האָבן שוין פון זיך אַראָפּגענומען שטריק, מיט וועלכע זיי זענען געווען אַרומגעגאַרטלט און געוואָלט בינדן זשיבעקן, נאָר דאָ זענען צוגעקומען עטלעכע פּויערים פון דאָרף און זיך אָנגערופן:

— ביי אונדז גייט דאָס נישט אַזוי. ביי אונדז איז, געלויבט גאָט, דאָ „נאַטשאַלסטווע". אַלע דאַרפן מיט דעם אַלטן גיין אין „וואָלאָסט" און דאָרטן וועט שוין „נאַטשאַלסטווע" אויספאָרשן, ווער עס איז דער גנב.

זשיבעק האָט מיט טרערן אין די אויגן געשריען, אַז עס איז זיין אייגן געלט, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין באַלעבאָס פאַר פיל יאָרן אַרבעט, נאָר קיינער האָט אים נישט געגלויבט, ווייל ער איז געווען צווישן זיי אַ פרעמדער און אַלע פּילגרימען זענען געווען זיכער, אַז ער איז דער גנב.

כאַדאַקן האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס ער האָט געפּסקנט, אַז מען זאָל יעדן באַזוכן. עס האָט זיך אים זייער נישט געוואָלט באַגע-גענען מיט „נאַטשאַלסטווע" און באַזונדערס האָט זיך איצטער גע-פונען אין טויטשרעק וואַסיליעווע.

כאַדאַק האָט געפּרובירט זאָגן, אַז מען זאָל ווייטער גיין און מען זאָל נאָר איבערלאָזן דאָ דעם גנב ביי דער „נאַטשאַלסטווע", אָבער די פּויערים פון דאָרף האָבן נישט געלאָזט.

— אַלע דאַרפן גיין אין וואָלאָסט! — האָבן זיי געזאָגט. — וואָרים אויב צווישן אייך זענען דאָ גנבים, ווער ווייסט, אפשר האָט מען ביי אונדז אין דאָרף עמעצן אויך באַגנבעט ביינאַכט!

און ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האָט די גאַנצע קאָמפּאַניע געמוזט גיין אין וואָלאָסט.

די פּויערים פון דאָרף זענען אויך געגאַנגען און נישט אויפ-געהערט צו רעדן צווישן זיך.

— מיר זענען גאַסטפריינטלעך. מיר לאָזן אַלע „באָגאָמאָלצעס" אַריין צו אונדז אין דאָרף, און אויב זיי פעלט אויס ברויט, גיבן מיר. און פאַרוואָס נישט? פרומע מענטשן, וואָס גייען פון אַזוי ווייט בעטן

באַט, דאַרף מען צו זיי זיין גאַסטפרײַנטלעך, צום סוף זענען גאָר דאָ צווישן אײַך גנבים!

— נאַטשאַלסטווע וועט שוין אויספאָרשן, וועלן מיר שוין אַלץ וויסן! — האָבן זיי גייענדיק גערעדט.

וואַסיליעוואַ, וועלכע איז געגאַנגען מיט כאַדאַקן, האָט אים געזאָגט:

איך האָב אָבער געפילט, אַז מען דאַרף אָנציען אין שטעטל אויף נאַכטלעגער! מיין הארץ האָט מיר געזאָגט, אַז מיט אונדז וועט זיך דאָ טרעפן אַן אומגליק!

— וואָס פאַר אַן אומגליק? — האָט כאַדאַק אומצופרידן זיך אָנגערופן. — מיר וועלן קומען אין וואָלאָסט און מען וועט אונדז אָפּלאָזן! זיי נאָר דו אַ מענטש און שרעק זיך נישט. אָבער דאָס בעסטע וואָלט געווען, דו זאָלסט מיט מיר נישט גיין צוזאַמען, מיש זיך אַריין צווישן עולם, מען זאָל נישט באַמערקן, אַז מיר זענען באַקאַנטע.

וואַסיליעוואַ האָט זיך פון זיינע רייד נאָכמער דערשראָקן, אַז די ציין האָבן ביי איר אָנגעהייבן קלאַפּן.

— ווען עס איז אין אַ שטאָט, — האָט זי געזאָגט כאַדאָקן, — וואָלט איך אינגאַנצן פון אייך אַוועקגעגאַנגען און זיך געקענט אויסבאַהאַלטן, נאָר דאָ, אין דאָרף, וויאַזוי קען מען אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן?

— מען דאַרף זיך גאָרנישט באַהאַלטן. מיש זיך נאָר אַריין צווישן עולם, וועט מען דיך נישט באַמערקן, און באַרויק זיך.

און נישט ווילנדיק האָט וואַסיליעוואַ געמוזט אַזוי טאָן, און איז פאַרשווונדן געוואָרן צווישן עולם.

ווען מען איז צוגעקומען צום „וואָלאָסט", איז דער סטאַרשינע נאָך נישט געקומען צו זיין אַרבעט. עס איז נאָך געווען צו פרי און דער עולם האָט זיך צעלייגט אויף דער ערד אַרום „וואָלאָסט". די פויערים פון דאָרף האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער לאַנגער באַנק, וואָס האָט זיך געפונען ביים אַריינגאַנג אין „וואָלאָסט" אַריין.

אַלע האָבן געהאַלטן אַן אויג אויף דעם „גנב", ער זאָל נישט אַנטלויפן.

צוויי „סאַטסקעס", וואָס האָבן זיך שטענדיק געפונען אין „וואָ-

לאַסט", דערזעענדיק אַזאַ גרויסן עולם, זענען צוגעגאַנגען צו די באַלעבאַטים פון דאָרף און געפרעגט:

„וואָס איז דאָ אַזוינס געשען?

זיי האָבן דערציילט די גאַנצע געשיכטע און אָנגעוויזן אויף זשיבעקן, אַז מען איז אים חושד, אַז ער האָט ביינאַכט ביי אַ פרוי צוגעגנבעט געלט.

איינער פון די סאָטסקעס האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם גנב און מיט פאַרוווּנדערונג זיך אָנגערופן צו די דאָרפס-באַלעבאַטים:

— וועט דאָס נישט זיין אונדזער אַלטער זשיבעק? צי איך בין בלינד?...

די דאָרפס-באַלעבאַטים האָבן ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם „גנב" און געפרעגט דעם סאָטסקע:

— וועלכער זשיבעק?

— אָט דער אַלטער מילנער פון דאָרף זאַסטאַוו! ווער האָט עס ביי אים אַמאָל נישט געמאָלט אַ זעקל ווייץ אָדער קאָרן?

— אַוודאי, ווער קען אים נישט?! — האָבן זיי געענטפערט.

זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו זשיבעקן און מיט פרייד אים דערקענט און האָבן אים צוגערופן און ווי אַן אַלטן באַקאַנטן האָבן זיי אָפּגעטרעטן פאַר אים אַ פּלאַץ אויף דער באַנק.

— ווי קומסטו אַהער און וואָס איז דאָ געשען?—האָבן זיי אים געפרעגט.

זשיבעק האָט זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע. אַז די מיל איז געבליבן שטיין, איז ער אַוועק פון זיין באַלעבאָס און האָט זיך געלאָזט גיין אין מאָנאַסטיר אויף „באָגאָמאָליע", אויף דעם וועג האָט ער באַגעגנט די פּילגרימען. האָט ער זיך פאַרייניקט מיט זיי און גייט שוין צוזאַמען מיט זיי אַ פּאָר טעג. איצטער איז מען אים אַלס „פרעמדן" חושד אין אַ גניבה, ווייל מען האָט יעדן באַזוכט און ביי אים געפונען פופציק רובל.

— די פופציק רובל, — האָט זשיבעק געזאָגט, — האָב איך אָפּגענומען ביי מיין באַלעבאָס, ס'איז מיר געקומען פאַר מיין אַרבעט.

— מיין באַלעבאָס, — האָט זשיבעק צוגעגעבן, — קען זאָגן עדות, אַז איך זאָג אמת, אויב מען וועט אים פרעגן.

— וואָס פאַר אַ פראַגע! מיר קענען דיך דען נישט? — האָבן

זיך אָנגערופן א פּאָר באַלעבאַטים. מיר וועלן נישט לאָזן דיך באַ־ליידיקן, זאָל נאָר קומען דער סטאַרשינע!

— גאָט האָט אייך צוגעשיקט, מען זאָל אומזיסט נישט באַליי־דיקן אַן אומשולדיקן מענטשן,—האָט זשיבעק געזאָגט און זיך באַרויִקט.

— די גוייִם פון דאָרף האָבן געזאָגט דעם עולם:

— מיר קענען דעם אַלטן מילנער פאַר אַן אָרנטלעכן גאָטס־פאָרכטיקן מענטשן. איר האָט אומזיסט באַשולדיקט אַן אָרנטלעכן מענטשן און איר וועט דאַרפן בעטן ביי אים, ער זאָל אייך מוחל זיין, גאָט זאָל אייך נישט באַשטראָפן!

— קיינער באַשולדיקט אים נישט!—האָט מען פון עולם געשריען.

— ווער־זשע דען האָט אים באַשולדיקט אין אַזאַ שווערער זינד, ווי גניבה?

— איך נישט! — האָט יעדער געשריען און אָפּגעלייקנט שטיין און ביין.

די פרוי, ביי וועלכער מען האָט ביינאַכט צוגעגנבעט איר געלט, איז צוגעגאַנגען צו דער באַנק, ווו די דאָרפס־באַלעבאַטים זענען געזעסן און אָנגעהייבן וויינען פאַר זיי, אַז מען זאָל געפינען איר געלט.

— זיי רויִק, אָרעמע, — האָבן זיי די פרוי באַרויִקט. — עס וועט באַלד קומען דער סטאַרשינע, וועט ער שוין געפינען דעם גנב מיט דיין געלט!

און זיי האָבן זיך געווענדט צו די סאָטסקעס, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן, קיינער פון דער קאָמפּאַניע זאָל נישט אַנטלויפן.

די סאָטסקעס האָבן אַכטונג געגעבן אויף די פּילגרימען און באַזונדערס אויף די מאַנסביילן.

ווען דער סטאַרשינע איז געקומען און מען האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער איינגעלאַדן צו זיך די באַלעבאַטים, וואָס זענען געזעסן אויף דער באַנק, זיך אַנידער־געזעצט צווישן זיי און אָנגעהייבן באַזוכן און אויספרעגן יעדן באַ־זונדער.

ווען עס איז געקומען צו כאַדאָק, האָט דער סטאַרשינע אים באַלד דערקענט.

— מען זוכט דיך שוין לאַנג, כאַדאָק, — האָט דער סטאַרשינע זיך אָנגערופן, — דו שלעפּסט זיך נאָך אַרום איבער דער וועלט און

נאַרסט אָפּ אָרנטלעכע מענטשן, אַז דו ביזט אַ מאַנאַך. און אין נאָך אַ פאַרברעכן באַשולדיקט מען דיך. דו וועסט זיך מוזן ביי אונדז אַ ביסל אָפּרוען, ביז מיר וועלן דיך אַוועקשיקן צו דער שטאָטישער נאַטשאַלסטווע און זיי וועלן שוין וויסן וואָס צו טאָן מיט אַזאַ שלעפּער, ווי דו.

ווען מען האָט אים באַזוכט, האָט מען ביי אים געפונען עטלעכע הונדערט רובל.

— ווי קומט צו דיר אַזויפיל געלט? — האָט דער סטאַרשינע געפרעגט.

דער סטאַרשינע האָט די סאָטסקעס געהייסן אים ארעסטירן און גענומען אויספרעגן אַנדערע.

פּלוצלונג איז געוואָרן אַ געשריי צווישן די פּילגרימען, אַז מען ווייסט שוין ווער עס האָט געגנבעט און אָנגעהייבן שרייען: „וואַסי-ליעווא!"

— זי איז צווישן אונדז נישטאָ! — האָבן אַלע געשריען. — זי איז אַנטלאָפן! געוויס האָט זי געגנבעט דאָס געלט!

מען האָט זי אָנגעהייבן זוכן, און עס האָט לאַנג נישט געדויערט, האָט מען זי געפונען אין נאָענטן גאָרטן, זיך באַהאַלטנדיק מיט איר קינד צווישן געדיכטע ביימער.

און ווען מען האָט זי געבראַכט צום סטאַרשינע, האָט ער זי געפרעגט:

— צו וואָס ביזטו אַנטלאָפן?

— איך האָב זיך דערשראָקן.

— זיי זיך מודה. דו האָסט געגנבעט דאָס געלט?

— ניין, איך האָב קיינמאָל נישט געגנבעט.

דער סטאַרשינע האָט איר געוואָרנט, אַז עס וועט זיך ענדיקן זייער שלעכט פאַר איר אויב זי וועט זיך באַלד נישט מודה זיין.

וואַסיליעווא האָט זיך אַזוי דערשראָקן פון דעם סטאַרשינעס וואָרעניש, אַז זי האָט געזאָגט:

— איך האָב נישט געגנבעט, נאָר כאַדאָק האָט געגנבעט און מיר געגעבן צו באַהאַלטן דאָס געלט. אָט איז עס!

און דערביי האָט זי פון צווישן אירע שמאַטעס אַרויסגעשלעפּט אַ קייטיק טיכעלע, אין וועלכן עס איז געווען פאַרבונדן דאָס גע-גנבעטע געלט.

דער באַגנבעטער פרוי האָט מען באַלד אומגעקערט דאָס געלט. אַלע פּילגרימען האָט מען באַפרייט און די וואַסיליעווא האָט מען פאַרהאַלטן.

דערנאָך האָט דער סטאַרשינע זיך געווענדט צו די פּילגרימען:

— איצט גייט מיט גאָטס הילף אייער וועג און בעט פאַר אונדז אויך!

— וויאַזוי קענען מיר גיין, — האָבן אייניקע פּילגרימען זיך אָנגערופן, — אַז איר האָט אונדזער וועגווייזער, כאַדאָקן, ביי אונדז צוגענומען. מיר זענען דאָ אַלע פרעמדע. מיר זענען פון ווייט און מיר קענען זיך נישט לאָזן אין וועג אַריין אָן אַ פירער!

אַ פּאָר ווייבער האָבן מיט געוויין געבעטן, מען זאָל זיי צוריק אָפּגעבן כאַדאָקן, זייער פירער.

— איר רעדט נאַרישקייטן, באַבעס! — האָט דער סטאַרשינע אָנגעשריען. — כאַדאָק וועט שוין מיט אייך נישט גיין! מיט אַ צונג קען מען זיך דערפרעגן דעם וועג, אַפילו קיין קיעוו!

— מיר וועלן בלאָנדזשען. מיר זענען שוין מיד פון וועג. מיר דאַרפן גיין מיט דעם קורצן וועג און אָן אַ פירער וועלן מיר נישט קענען!

דער סטאַרשינע האָט זיך באַראַטן מיט די דאָרפס-באַלעבאַטים, וואָס זאָל מען דאָ טאָן?

דער עולם האָט מיט אומגעדולט געוואַרט, וואָס וועט מען זיי זאָגן.

נאָך דער באַראַטונג האָט דער סטאַרשינע פייערלעך געזאָגט:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן. איר זאָרגט זיך אומזיסט, נאַראָנים! איר האָט דאָך צווישן אייערע דעם בעסטן וועגווייזער!

— ווער איז ער? — האָבן אַלע געפרעגט.

— דער אַלטער זשיבעק, וואָס גייט מיט אייך צוזאַמען! ער איז פון אונדזער געגנט און קען דאָ יעדעס שטיקעלע ערד. ער איז אַן אָרנטלעכער און אַ גאָטספאָרכטיקער מענטש. מיר אַלע דאָ קענען אים פאַר איינעם פון די בעסטע מענטשן. איך פאַרזיכער אייך, אַז ער ווייסט וויאַזוי אייך צו פירן מיט דעם קירצסטן וועג.

דערהערנדיק, ווי „נאַטשאַלסטווע" לויבט זשיבעקן אַזוי, האָבן אַלע אָנגעהייבן שרייען:

— גוט, זייער גוט! זאָל דער אַלטער זשיבעק זיין אונדזער וועגווייזער!

די פּילגרימען, געזעגנענדיק זיך מיט די דאָרפס־באַלעבאַטים און מיט דעם סטאַרשינע, האָבן זיי געבענטשט און געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

דער אַלטער זשיבעק איז געגאַנגען דער ערשטער פּאָרויס מיט זיין הויכן נאַקעטן קאָפּ. שפּאַנענדיק מיט זיין אָנגעפּילט זעקל אויף די פּלייצעס און מיט זיין לאַנגן שטעקן אין דער האַנט, האָט ער ביי די פּילגרימען אויסגעזען ווי איינער פון די הייליקע, וואָס זענען אויסגעמאָלט אויף די קלויסטער־ווענט.

קאַפּיטל זעקס.

אַ יריד אויפן פעלד.

זשיבעק האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס ווי עפּעס דורך אַ נס האָט ער זיך באַפרייט פון אַן אומגליק, נאָר באַזונדערס האָט ער זיך געפרייט, וואָס אומדערוואַרט איז ער ביי דער קאָמפּאַניע געוואָרן זייערער אַ פירער, אַ וועגווייזער, נישט צוליב כבוד, צו וועלכן ער האָט זיך נישט געיאָגט, נאָר צוליב דעם צוועק, וואָס ער גייט אין מאָנאַסטיר, פון וואָס ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן און פּלאַנעווען דעם גאַנצן וועג.

ער איז אַ פירער, האָט ער געטראַכט, וועט ער האָבן דאָס רעכט באַלד אַריינצוקומען אין מאָנאַסטיר און נישט צו וואַרטן ביז דער יום־טוב וועט זיך אָנהייבן, ווען אַלע „באָגאָמאָלצעס" וועט מען ערשט אַריינלאָזן אין די פיר ווענט פון מאָנאַסטיר.

ער וועט זיך דערווייל קענען דאָרטן אומקוקן, ווו עס געפינט זיך מאַניע און אפשר וועט ער זי קענען זען איידער דער יום־טוב וועט

זיך אָנהייבן און זיך דערוויסן, צי זי וויל גיין אַהיים אָדער זי וויל שוין קיינמאָל נישט זען אירע עלטערן, ווי די מאָנאַשקעס זאָגן.

אויב דאָס איז אמת, איז פאַרפאַלן און ער האָט נישט וואָס צו טאָן אוןאַלס פרומער קריסט, וועט ער זי נישט איבעררעדן, זי זאָל גיין אַהיים. נאָר טאָמער איז נישט אמת, ווי די עלטערן זאָגן, פאַרקערט, זי רייסט זיך אַהיים, נאָר די מאָנאַשקעס לאָזן נישט און ווילן זי נישט באַפרייען, דעמאָלט וועט ער צלך טאָן, אַז מען זאָל איר נישט צווינגען קעגן איר ווילן גיין צום שמד און וועט זי אַרויסראַטעווען פון מאָנאַסטיר.

דער קלויסטער טאָר נישט מיט געוואַלט צוציען נייע שאָף. נאָר מיט דעם גוטן ווילן דאַרף דער קלויסטער אַרייננעמען אונטער זיינע פליגלען, אָבער נישט מיט געוואַלט!

אַזוי האָט דער אַלטער זשיבעק דעם גאַנצן וועג געטראַכט און געפלאַנעוועט.

די פּילגרימען זענען געווען זייער צופרידן מיט זייער נייעם פירער און וועגווייזער.

ערשטנס, זענען זיי געווען זיכער מיט אים, ווייל ער איז אַן אָרנטלעכער פרומער מאַן, ווי די נאַטשאַלסטווע אַליין האָט עס באַשטעטיקט, הײַנט וויאַזוי קען נאָך בעסער און זיכערער זיין, ווי נאַטשאַלסטווע!

און, צווייטנס, האָבן זיי געזען, ווי זייער פירער גייט זיכער, ער איז באַקאַנט מיט יעדן שטעזשקעלע און וועגעלע און פירט זיי גלייך אויף דעם קירצסטן וועג. ער שטעלט נישט אָפּ די פאַרבייפאָרנדע, זיי אויסצופרעגן ווי מען גייט ווייטער, ווי דאָס פלעגט טאָן זייער פריערדיקער פירער כאַדאָק.

איין זאַך האָט געפעלט די פּילגרימען און זייער פירער זשיבעקן: ווען מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען, האָט זייער נייער פירער נישט דערציילט קיין וווּנדערלעכע מעשיות וועגן הייליקע, וואָס האָבן אין זייער לעבן געטאָן ווונדער.

דערפאַר פלעגט זיי זשיבעק דערציילן וועגן זיין לעבן, ווי ער האָט פינפאונצוואַנציק יאָר געדינט ביי ניקאָלאַי דעם ערשטן און ווי ער האָט זיך געשלאָגן מיט טערקן און אַנדערע אומגליקלעכע פעלקער אין די מלחמות, און דער עולם האָט אָנגעקוואָלן הערנדיק.

ווען מען איז געקומען אין שטעטל וואָראָנאָוויצע, האָט זיך זשיבעק מיט זיין קאָמפּאַניע אָפּגעשטעלט אויף אַ גאַנצן טאָג.

אויף דעם מאַרקפּלאַץ און אויף אַלע געסלעך האָט דאָ געקאָכט, ווי אויף אַ גרויסן יאַריד.

די פּילגרימען האָבן קאָמפּאַניעסווייז זיך צעשיט איבערן גאַנצן שטעטל און יעדער האָט עפּעס געקויפט אויף דעם ווייטערן וועג: ברויט, פּאָדעם, נאָדלען און נאָך אַנדערע נייטיקע זאַכן, און ערשט אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, האָט זיך זשיבעקס קאָמפּאַניע אויפגעהייבן פון זייערע ערטער און אַרויס פון שטעטל, גייענדיק זייער ווייטערן וועג.

— עס איז נאָך ווייט פונדאַנען צום מאָנאַסטיר? — האָבן אייניקע פון די פּילגרימען געפרעגט זייער פירער זשיבעקן. — מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מער קיין שטעטלעך איז אויף אונדזער וועג נישטאָ, אַז עס איז שוין נאָענט צום מאָנאַסטיר.

— ווייט איז שוין נישט, אָבער נאָענט איז אויך נישט! — האָט ער געענטפערט.—קיין שטעטלעך זענען מער נישטאָ, נאָר עטלעכע דערפער.

אויף דעם דריטן טאָג, פאַרנאַכט, האָבן די פּילגרימען דערזען די געגילטע קופּאָלן פון די מאָנאַסטיר-קלויסטערס, און האָבן דערהערט דאָס קלינגען פון די גלעקער.

נאָך די גלאָקן-קלאַנגען האָבן די פּילגרימען דערקענט, אַז איצט קומען פאַר אין מאָנאַסטיר די פאַרנאַכטיקע תּפילות.

אַלע זענען, ווי איין מענטש געפאַלן אויף די קני און שטיל געשעפּטשעט אַ געבעט.

דערנאָך זענען אַלע אויפגעשטאַנען און אין אַ שעה גאַנג זענען זיי שוין געווען אויף דעם גרויסן פּלאַץ,ביים פוס פון באַרג, ווו עס האָט זיך געפונען דער מאָנאַסטיר.

דאָ האָבן זיך געפונען טויזנטער פּילגרימען, וועלכע האָבן זיך צעלייגט אויף דער ערד אין פּאַלאַטקעס, אָדער אונטערן הימל און וואַרטן אויף דעם טאָג פון גרויסן יום-טוב, ווען מען וועט זיי אַלע אַריינלאָזן אין מאָנאַסטיר.

דער גרויסער פּלאַץ אַרום דעם מאָנאַסטיר האָט אויסגעזען, ווי אַ יאַריד אין אַ שטאָט.

עס האָבן זיך געהערט קולות פון טויזנטער מענטשן און דאָס הירזשען פון הונדערטער פערד.

דאָ זענען זיך אויך אָנגעפּאָרן קריסטלעכע קרעמער, וואָס האָבן אויף שטעלעכלעך מיט קליינע טישלעך און אויך אויף דער ערד זיך צעלייגט מיט זייערע סחורות: קאַרעלן, געפאַרבטע בילדער פון הייליקע און אויך פרומע ביכלעך.

אויך זענען דאָ געווען טישלעך, ווו מען האָט פאַרקויפט ברויט, געקאָכטע אייער און קאַרטאָפליעס מיט אַנדערע אַזעלכע פאַרבייסנס.

עס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט פאַרשידענע טונקעלע פאַרשווינדלער, וואָס האָבן פון אונטער די פּאָלעס פאַרקויפט בראַנפן, כאָטש לעבן מאָנאַסטיר איז געווען פאַרבאָטן ביז נאָכן יום-טוב צו טרינקען און קויפן שטאַרקע געטראַנקען.

דאָ האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט פאַרשידענע שווינדלער און גנבים, וועלכע האָבן פאַרקויפט שטיקלעך רויטן בלעך פאַר אמת גאָלדענע צלמלעך, גלעזערנע קאָרעלן. פאַר שטיינערנע און נאָך אַזעלכע שווינדלערייען.

גאַנץ אָפט האָט מען געהערט, אַז מען האָט געכאַפּט אַ גנב, אָדער אַ שווינדלער און עס איז געוואָרן אַ געלויף.

זשיבעק, אויסלייגנדיק זיך מיט זיין קאָמפּאַניע אויף דעם פּלאַץ, האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט, ווי אַן עלטסטער פאַר זיינע סאָלדאַטן און געהאַלטן אַ רעדע פאַר זיין קאָמפּאַניע.

ער האָט זיי דערציילט, אַז דאָ זענען די מענטשן נישט אַלע פרומע. עס געפינען זיך אויך פאַלשע „מאָנאַשקעס" מיט „גנבים". זיי זאָלן זיך היטן און ביז נאָך דעם גרויסן יום-טוב זאָלן זיי נישט טרינקען.

אויך האָט ער זיי געזאָגט:

— איך האָב אייך בשלום געבראַכט צום מאָנאַסטיר. ביז דעם גרויסן יום-טוב וועל איך מיט אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קענען, אייך דינען, אָבער דערנאָך, נאָך דעם יום-טוב, זאָלט איר צווישן זיך אויסקלייבן אַן אַנדער פירער, וואָס זאָל גיין מיט אייך צוריק אַהיים. ווייל איך בין פון דער היגער געגנט און וועל באַלד נאָך יום-טוב גיין צו זיך אַהיים.

— צוריק וועלן מיר שוין אַליין קאָנען טרעפן דעם וועג אַהיים! — האָבן די פּילגרימען געענטפערט און אים געדאַנקט פאַר זיין וואָרעניש פון שווינדלער און גנבים.

צום גרויסן יום-טוב זענען נאָך געבליבן עטלעכע טעג און זשיבעק, אַלס פירער פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע פּילגרימען, איז אַלע טאָג

בעקומען אין מאָנאַסטיר, זיך דערוויסן, ווו דער פּלאַץ וועט זיין פאַר זיין קאָמפּאַניע אין דער צייט, ווען מען וועט פייערן דעם גרויסן יום-טוב.

אויך פלעגט ער אַלע טאָג קומען אַהין נאָך דעם הייליקן וואַסער פון ברונען, וואָס האָט זיך געפונען אין מאָנאַסטיר.

אַלע פּילגרימען האָבן געגלויבט, אַז דאָס וואַסער טוט וווּנדער נישט נאָר מיט קראַנקע נאָר אויך מיט געזונטע.

און יעדן טאָג, ווען זשיבעק פלעגט ברענגען אָן עמער וואַסער פון דעם מאָנאַסטיר-ברונען, האָט מען עס צעגאָסן אין קליינע פלעשעלעך, וואָס יעדער האָט געהאַט מיט זיך.

נישט געזונטע האָבן באַנעצט מיטן וואַסער זייערע ווונדן און קראַנקע ערטער, און געזונטע — זייערע אויגן און דאָס פּנים. און נאָך יום-טוב, ווען מען איז געגאַנגען צוריק אַהיים, האָט יעדער מיט זיך מיטגענומען אַ פלאַש וואַסער און עס באַנוצט צו דערמוטיקן צוועק אַ גאַנץ יאָר.

וואָס נענטער צום גרויסן יום-טוב, זענען אָנגעקומען מער פּילגרימען, וועלכע האָבן זיך איינגעאָרדנט אַרום דעם פּלאַץ, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם מאָנאַסטיר.

קאַפּיטל זיבן.

מען גרייט זיך.

אין מאָנאַסטיר קאָכט איצטער, ווי אין אַ קעסל. די פּאָר הונדערט שוועסטער, וועלכע ווינען דאָרטן, זענען שטאַרק פאַרנומען פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט צוגרייטן צום יום-טוב.

און אַז דער יום-טוב זאָל אַרויסקומען וואָס שענער און גלענצנדער, איז עס פאַר דעם מאָנאַסטיר אַ לעבנספראַגע, ווייל פון די טויזנטער פּילגרימען קומט אַריין אין מאָנאַסטיר אַ גרויסע הכנסה, פון וועלכער

דער מאָנאַסטיר מיט די הונדערטער שוועסטער קענען עקזיסטירן. די שוועסטער פאַרקויפן דאָ פאַרשידענע הייליקע בילדער, גרויסע און קליינע צלמלעך, פרומע ביכלעך און נאָך פיל „עמבלעמען", וואָס דערמאָנען דעם מאָנאַסטיר.

נישטאָ קיין איינציקער פון די טויזנטער פּילגרימען, וואָס זאָל עפּעס נישט קויפן, און אָט דער מסחר ברענגט פיל געלט אַריין פאַרן מאָנאַסטיר. חוצדעם, וואַרפט יעדער אַריין עפּעס אין די צדקה־פּושקעס, וואָס זענען אָנגעקראַפּט אויף אַלע טירן און טויערן און מער פאַרמעגלעכע גיבן היבשע נדבות פאַר דעם מאָנאַסטיר. עס טרעפט אויך, אַז אַ רייכע פרומע פרוי טוט אויס פון זיך די גילדערנע פינגערלעך און די גאָלדענע קייטעלעך פון האַלדז און אַנדערע צירונג און שענקט עס אַוועק פאַר דעם מאָנאַסטיר.

און דעריבער טוט מען אַלץ, אַז דער מאָנאַסטיר זאָל האָבן אַ גוטן נאָמען, וואָס זאָל זיך ווייט פאַרשפּרייטן, אַז איבעראַיאָר זאָלן מער פּילגרימען קומען און מער הכנסה אַריינברענגען.

צוליב דעמדאָזיקן צוועק, ווען עס דערנענטערן זיך די טעג פון גרויסן יום־טוב און עס הייבן אָן צו קומען פּילגרימען, ווערן באַשטימט עטלעכע צענדליק „שוועסטער", וואָס זייער אַרבעט באַשטייט אין דעם, צו פאַרברענגען מיט די פּירער און וועגווייזער פון די קאָמפּאַניעס און זיי דערציילן פאַרשידענע וווּנדערלעכע געשיכטעס וועגן מאָנאַסטיר, וועגן די טויטע ביינער פון די הייליקע, וואָס ליגן אין די קעלערס, וועגן דעם ווונדערלעכן ברונעם, וואָס געפינט זיך אין מאָנאַסטיר, ווי דאָס וואַסער מאַכט פון קראַנקע געזונטע, און געזונטע פאַרלענגערט עס די יאָרן, און נאָך אַזעלכע זאַכן.

דער צוועק איז, אַז די פּירער און וועגווייזער זאָלן עס דערנאָך דערציילן זייערע קאָמפּאַניעס פּילגרימען, וועלכע צעטראָגן דערנאָך ווייט איבערן גאַנצן לאַנד דעם גוטן שם פון דעם מאָנאַסטיר.

אַזוי פירט זיך עס פון יאָרן און יאָרן.

די צאָל פון די פּילגרימען ווערט גרעסער און דער מאָנאַסטיר רייכער און רייכער.

אַלע איינוווינער אין מאָנאַסטיר זענען איצטער געווען שטאַרק באַשעפטיקט, און זייער געוויינלעכע אַרבעט פון אַ גאַנץ יאָר האָט מען אָפּגעלייגט אויף נאָך דעם גרויסן יום־טוב.

מען האָט זיך אַפילו איצטער ווייניק אומגעקוקט אויף מאַניען,

מיט וועלכער מען האָט זיך פריער פיל באַשעפטיקט, וועלנדיק זי צוּיגן דערצו, מיט איר אייגענעם ווילן גיין צום שמד, גלייך מיט אַלע אַנדערע, וועלכע מען האָט, ווי יעדעס יאָר צום גרויסן יום-טוב, צוגעגרייט צום טויפן זיך.

נאָר אַזוי ווי מאַניע האָט דערווייל נאָך נישט איינגעוויליקט דערצו, האָט מען זי, ביז עס וועט איבערגיין דער יום-טוב, געלאָזט צורו, אַז דערנאָך זאָל מען זי איבערפירן ערגעץ ווייטער אין אַן אַנדער מאָנאַסטיר.

מאַניע איז געווען זייער צופרידן, וואָס די לעצטע טעג לאָזט מען זי צורו.

מען האָט זי איבערגעפירט אין אַן אַנדער צימער, זי זאָל קע-נען דורך די פענסטער זען די גאַנצע גרויסקייט און שיינקייט פון דעם גרויסן יום-טוב.

לעבן דעם צימער איז געווען אַ קליין גערטנדל מיט עטלעכעביימער, וואָס האָט אַרומגערינגלט אַ הויכער שטיינערנער פּאַרקאַן מיט שטעכעדיקע שפּיצן, אַז מען זאָל נישט קענען אַריבערקריכן.

דאָ האָט מאַניע רויק פאַרבראַכט און געגלויבט, אַז סוף כל סוף וועט מען זי פונדאַנען באַפרייען. זי האָט אויך געגלויבט, אַז מיט געוואַלט קען מען זי נישט גויטן, זי זאָל גיין צום שמד.

יאָ, וועלכן מען האָט אָפּט אַרייגעלאָזט צו איר, האָט גע-מוזט אויפהערן צו קומען, ווייל מיט זיינע נודנע ליבעס-דערקלערונגען און מיט זיין וויינען פאַר איר, אַז ער וועט זיך נעמען דאָס לעבן, ווען ער וועט מיט איר נישט חתונה האָבן, איז ער איר אַזוי נמאס געוואָרן, אַז זי האָט אים געבעטן מיט גוטן און געוואָרנט מיט בייזן, אַז מען וועט אים מער נישט אַריינלאָזן צו איר. און מורא האָבנדיק, אַז עס זאָל אין דער צייט פון יום-טוב נישט אַרויסקומען קיין סקאַנדאַל, האָט מען יאַנען מער צו איר נישט אַריינגעלאָזט, און מאַניע איז די גאַנצע צייט געזעסן ביי זיך אין צימער, אָדער גע-שפּאַצירט אין גערטנדל.

זעלטן פלעגט זיך אַריינכאַפּן צו איר אַ שוועסטער און גע-רעדט מיט איר אַ פּאָר ווערטער, אָדער זי געפרעגט, אין וואָס זי באַטיקט זיך און זי אויך אויסגעפרעגט, ווי זי פילט זיך אין געזונט.

מאַניע האָט נישט געהערט די געשרייען פון אירע עלטערן, ווען זיי פלעגן שטיין ביי די ווענט פון מאָנאַסטיר. זי האָט פון איר

היים בכלל גאָרנישט געהערט, און כאָטש די שוועסטער און אַפילו יצאַן פלעגן איר דערציילן, אַז די עלטערן ווילן פון איר מער נישט וויסן, האָט זי נישט געגלויבט און האָט געפילט, אַז זיי שווייגן נישט אין דעם און זוכן פאַרשידענע וועגן, זי צו באַפרייען פון איר געפענגעניש.

דאָס איבערפירן אין אַ בעסער צימער מיט אַ גערטנדל און אויך דאָס, וואָס מען לאָזט זי צורו, האָט זי אויך צוגעשריבן, אַז אין מאָנאַסטיר איז מען נישט רויק, ווייל אירע עלטערן שווייגן נישט אין דעם און לייגן איין וועלטן, אַז מען זאָל זייער קינד אָפּלאָזן אַהיים.

מאַניעצן האָבן די שוועסטער, וואָס פלעגן קומען צו איר, דער־ציילן וועגן דעם גרויסן יום־טוב און איר פאָרגעלייגט ווייסע קליידער, זי זאָל זיך אָנטאָן צוליב דעם יום־טוב. זי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט.

— אָן ווייסע קליידער וועסטו נישט קענען גיין זען די גאַנצע שיינקייט פון דעם יום־טוב, — האָט איר אַ שוועסטער געוואָרנט.

מאַניע האָט געשוויגן.

— דו ביזט אַ ווילדע עקשנטע, — האָט די שוועסטער געזאָגט אומצופרידן.

— עס איז נישט מיין יום־טוב, ווייל איך זיצן ביי זיך אין צי־מער. איך האָב בכלל דאָ נישט וואָס צו טאָן. דער בעסטער יום־טוב וועט זיין פאַר מיר, ווען מען וועט מיך אָפּלאָזן אַהיים צו מיינע עלטערן.

און ווידער האָט די שוועסטער אָנגעהייבן צו רעדן, אַז דער מאָנאַסטיר קען זי אויף הפקר נישט אָפּלאָזן, ווייל אירע עלטערן האָבן זיך פון איר לאַנג אָפּגעזאָגט און זי האָט מער קיין היים נישט. איר היים איז נאָר אין מאָנאַסטיר, און אויב זי וויל דאָ נישט בלייבן, קען זי נאָר באַפרייען דער, וואָס וועט חתונה האָבן מיט איר.

מאַניע, ווי איר שטייגער איז געווען פון פריער, אַז ווען מען האָט גערעדט וועגן חתונה האָבן, האָט זי נישט געענטפערט און גע־שוויגן, נאָר שפּעטער מיט אַ פּאָר מינוט האָט זי זיך אָנגערופן צו דער שוועסטער:

— אַז איך זאָל גלויבן אין דעם, וואָס איר זאָגט, קען נאָר זיין איין זאַך, איר זאָלט מיר זען ברענגען אַ בריוו פון מיינע עלטערן, אַז זיי ווילן מיך מער נישט קענען און זאָגן זיך אָפּ פון מיר, און ווען איך וועל אַזאַ בריוו באַקומען, וועל איך טאָן אַלץ, וואָס איר

וועט מיר הייסן. ברענגט מיר אַזאַ בריוו אַפילו מאָרגן, וועל איך נאָך הייַנטיקן יום-טוב גיין צום שמד גלייך מיט אַלע אַנדערע.

די שוועסטער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ פּאָר מינוט און פריילעך זיך אָנגערופן:

— גוט, מיר וועלן דיר אַזאַ בריוו ברענגען פון דיין פאָטער!..

יעדן פאַרנאַכט, ווען זשיבעק האָט אָפּגעטאָן אַלע זיינע אַרבעטן פאַר זיין קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך געפונען אויפן פּלאַץ אונטערן באַרג, האָט ער ליב געהאַט צו גיין אין מאָנאַסטיר, פאַררויכערן זיין לולקע, פול אָנגעשטאָפּט מיט מאַכאָרקע, זיך זעצן אויף אַ באַנק און הערן, ווי די שוועסטער דערציילן די וווּנדערלעכע מעשיות וועגן הייליקע און וועגן דעם לעבן אין מאָנאַסטיר.

די שוועסטער האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און האָבן ליב געהאַט צו דערציילן אָן אַ שיעור.

איינמאָל האָט זשיבעק געזאָגט צו די שוועסטער:

— איך געדענק, ווען איך בין מיט אייניקע יאָר געווען אין מאָנאַסטיר אויף דעם גרויסן יערלעכן יום-טוב, איז אַלץ געווען אַזוי שיין, אַז עס האָט מיר געבלענדט אין די אויגן פון שיינקייט. דאָס זינגען פון פאַרשידענע פרויען-כאָרן און דאָס שפּילן פון מוזיק איז געווען אַזוי געטלעך שיין, אַז עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך געפין זיך אויף דעם הימל צווישן די הייליקע מלאכים און האָב פאַר־געסן, אַז איך געפין זיך אויף אונדזער זינדיקער ערד.

די שוועסטער האָבן אָנגעקוואָלן פון דעם אַלטן זשיבעקס ווער־טער און האָבן אים איבערגעפרעגט:

— איאָ, שיין קומט פאַר אונדזער גרויסער יום-טוב?

— וווּנדערלעך שיין! — האָט דער אַלטער אויסגעשריען מיט אַ ברען. — נאָר מער פון אַלץ, געדענק איך, איז מיר געפעלן די צערע־מאָניע פון דעם טויפן אומגלויביקע. איך וועל קיינמאָל נישט פאַר־געסן די שיינקייט, ווי מען פירט זיי אונטער אַ זילבערנער חופּה און זיי, די אומגלויביקע, גייען אָנגעטאָן אין ווייסן, אויסגעלייטערטע, און זעען אויס, ווי מלאכימלעך.

— יאָ, עס איז שיין און אַ גרויסע פרייד פאַר אונדז צו זען ווי עס קומען צו צו אונדז ניי-געבוירענע, אויסגעלייטערטע פון זינד... עס איז זייער שיין עס צוצוזען! דאָס אויג קוועלט גאָר אָן!

די שוועסטער האָבן אויך נישט אויפגעהערט צו לויבן די שיינקייט, ווען מען פירט זיי אונטער אַ זילבערנע חופּה.

— און היינטיקן יום־טוב וועט דאָס שמדן פון נייע צוגעקומענע אויך פאַרקומען? — האָט זשיבעק געפרעגט.

— געוויס! — האָבן די שוועסטער מיט פרייד אויסגעשריִען.

— פיל אַזוינע וועט מען היינטיקן יום־טוב פירן אונטער דער חופּה?

— קיין סך נישט, אָבער איינצקע אַזעלכע זענען ביי אונדז דאָ און מיר גרייטן זיי צו צום גרויסן יום־טוב!

— איז ווייניקער זייער צאָל, ווי ווען איך בין געווען? — האָט זשיבעק געפרעגט און האָט אויסגערעכנט אין וועלכן יאָר ער איז געווען אין מאָנאַסטיר אויף דעם גרויסן יום־טוב.

— ווייניקער, ווי דעמאָלט, — האָבן די שוועסטער געענטפערט טרויעריק. — די וועלט ווערט וואָס אַמאָל זינדיקער און פון אַלע זייטן שטערט מען אונדז אין אונדזער הייליקע אַרבעט. אַט געפינט זיך ביי אונדז איינע, וואָס וואָלט געווען אַ שיינדלינג פאַר אונדזער מאָנאַסטיר, ווען זי זאָל מיט אונדז בלייבן. איז זי איינגעשפּאַרט אַזויווי די וואַנט, און אונדזערע רייד האָבן אויף איר ווייניק ווירקונג. זי האַלט זיך נאָר ביי אירן. מיט געוואַלט קענען מיר אויף איר נישט ווירקן, ווייל די פּראַקטיק האָט אונדז נישט איינמאָל באַוויזן, אַז עס טויג נישט נייטן יענעם מיט געוואַלט, ווייל אַזאַ שמדן האָט דערנאָך קיין ווערט נישט. מיט דעם מויל רעדט מען אַזוי און אין האַרצן געפינען זיך אַלע שוואַרצע רוחות. און דער סוף פון אַזעלכע ענדיקט זיך שטענדיק מיט גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן פאַר אונדזער מאָנאַסטיר. און, ווידער, אונדזער קלויסטער דערלויבט אונדז אויך נישט צו נעמען שטרענגע מיטלען. ווען עס גייט אַמאָל אָפּ אינדערשטיל, איז נאָך צו דערליידן, נאָר גייט עס אַריין אין דער עפנטלעכקייט, איז נישט גוט פאַר אונדז און פאַר אונדזער מאָנאַסטיר.

— ריכטיק! — האָט זשיבעק געזאָגט. — מען טאָר נישט מיט געוואַלט. מען דאַרף אַזעלכע מיט גוטן איבערצייגן, אַז זיי זאָלן אונדז גלויבן מיט דעם גאַנצן האַרצן און מיט דעם אייגענעם גוטן ווילן איבערגיין אין אונדזער גלויבן.

— מיר טוען טאַקע אַזוי, — האָבן די שוועסטער געענטפערט, —

און אָט טאַקע דערפאַר לאָזן מיר צורו איינע אַזעלכע. זי וועט אפילו קיין אנטייל נישט נעמען אין דעם גרויסן יום-טוב.

— וואָס-זשע, מען האָט שוין געפּרוווט רעדן מיט איר? — האָט זשיבעק געפרעגט.

— אָ, מען האָט שוין פיל גערעדט, און ווער? אונדזערע פעיקסטע שוועסטער, וואָס קענען מיט זייערע רייד אַ שטיין רירן פון אָרט, און עס העלפט נישט, אַזוי איינגעשפּאַרט איז זי! וואָס דאַרפט איר מער, אַפילו אונדזער שוועסטער מאַריע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די מאָנאַסטירן און האָט אַ סך געבראַכט צום שמדן, קען נישט ווירקן אויף איר. און אויך אַפילו אונדזער עלטסטע שוועסטער אירינע האָט זיך מיט איר פאַראינטערעסירט און אַוועקגעגעבן פיל פון איר טייערער צייט, זי זאָל דאָס מיידל איבעררעדן, און עס האָט געהאָלפן, ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט!

— וואָס טוט איר איצט מיט איר? — האָט זשיבעק זיך פאַראינטערעסירט.

— גאָרנישט, וואָס קענען מיר טאָן? זי זיצט אין איר צימער, ביז זי וועט מוזן בעטן ביי אונדז.

— איר זענט מיט איר זיכער, אַז זי וועט מיט איר אייגענעם ווילן גיין צום שמד?

— שטאַרק זיכער קענען מיר נישט זיין!

— וואָס-זשע טוט איר מיט אַזעלכע, ווען עס העלפט נישט, אַפילו ווען איר לאָזט זי זיצן ביי אייך לאַנג?

— מיר שיקן זי אַוועק אין אַן אַנדער מאָנאַסטיר, ווען מיר זעען, אַז דאָ קענען מיר גאָרנישט אויספירן.

נאָך דעם געשפּרעך האָט זשיבעק נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם איינגעשפּאַרטן מיידל. ער האָט געפילט, אַז זי דאַרף נישט זיין קיין אַנדערע, ווי מאַניע, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן פאַרשידענע פּלענער, ווי זי צו זען.

דעם צווייטן אָוונט, ווען זשיבעק האָט אָנגעשטאָפּט מיט מאַכאָרקע זיין לולקע, פאַררויכערט און ווידער אַוועק אין מאָנאַסטיר, האָט ער געזאָגט צו די שוועסטער:

— איך האָב די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער אומגליקלעכער, וואָס איז אַזאַ איינגעשפּאַרטע. איך האָב אויף איר זייער רחמנות!

— וואָס־זשע קענען מיר טאָן? — האָט איין שוועסטער געזאָגט מיט אַ טיפן זיפץ. — מיר האָבן אַלץ געטאָן זי צו ראַטעווען, איין גאָט ווייסט, אַז מיר זענען נישט שולדיק!

— איר ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט זשיבעק פּלוצלונג זיך אָנגערופן. — איך וויל אייך בעטן, איר זאָלט מיר דערלויבן אַ פּאָר שעה רעדן מיט איר. איך בין זיכער, אַז איך וועל זי איבעררעדן און זי וועט מיט איר אייגענעם ווילן אייך בעטן, זי זאָל מיט אַלע אַנדערע גיין אונטער דער חופּה, ווען דער גרויסער יום־טוב וועט פאָרקומען.

— וואָס אייך קען איינפאַלן! — האָבן די שוועסטער געענטפערט. — אַז מיר האָבן זי נישט געקענט איבעררעדן, וועט איר אוודאי גאָרנישט קענען העלפן.

— מיר איז דאָס נישט ערשטע מאָל, נישט איין זינדיקע נשמה איז מיר געלונגען צו ראַטעווען אין מיין לאַנג לעבן! — האָט זשיבעק מיט זיכערקייט געענטפערט. — איך גלויב אין מיר, אַז איך וועל זי קענען איבעררעדן. עס איז מיר שטענדיק געלונגען! פאָלגט מיך, טוט עס מיר צוליב, וועט איר זען... וואָס קענט איר דאָ פאַרלירן, ווען נאָך אַ פרומער קריסט, ווי איך, וועט מיט איר רעדן אַ פּאָר גוטע ווערטער.

זשיבעק האָט גערעדט אַזוי איבערצייגט, אַז ער האָט געווירקט אויף די שוועסטער, זיי זאָלן וועגן דעם אַלטן פּירער זיך פאַרטראַכטן.

און זשיבעק האָט דערווייל נישט אויפגעהערט צו רעדן און בעטן:

— אַ רחמנות אויף אַ זינדיקער נשמה! פאַרוואָס זאָל זי אויך נישט קענען אָנטייל נעמען אין אַזאַ שיינעם הייליקן יום־טוב. עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז ווען טויזנטער גלויביקע מענטשן וועלן זיך פרייען אין דעם גרויסן יום־טוב, זאָל זי איינע שטיין פונדערווייטנס אַ גלייכגילטיקע, אַ פאַרגליווערטע! דאָס קען נישט זיין! דאָס טאָר מען נישט דערלאָזן! דערלויבט מיר מיט איר רעדן, וועט איר זען!

דעם אַלטן פּירערס רייד האָבן געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף די שוועסטער, אַז זיי האָבן אָנגעהייבן גלויבן, אַז דער אַלטער וועט אפשר קענען ווירקן אויף מאַניען, און די שוועסטער האָבן זיך אָנגעהייבן איבערקוקן איינס מיט דעם אַנדערן.

קאפיטל אכט.

דאָס באַגעגעניש.

נאָך פיל איבערלייגן זיך, האָבן די שוועסטער באַשלאָסן, אַז מען זאָל פּרוּוון, דער אַלטער זאָל רעדן מיט מאַניען. מען דאַרף אַלץ טאָן, וואָס קען עס שאַדן. אַ זייטיקער מענטש און אַן עלטערער, וועט ער אפשר אויף איר מער ווירקן, ווי ווער עס איז פון מאַנאַסטיר.

און עס איז געבליבן, אַז אַ שוועסטער זאָל אים אַריינפירן צו מאַניען און דערנאָך, אויב זי וועט אים גוט אויפנעמען, זאָל מען זיי איבערלאָזן אַליין.

און אַזוי איז געווען: אין דעמזעלבן אָוונט האָט אַ שוועסטער צוזאַמען מיט זשיבעקן זיך געלאָזט גיין צו דעם צימער, ווו מאַניע האָט זיך געפינען.

אינדרויסן איז געווען נאָך גענוג ליכטיק, ווען די שוועסטער מיט דעם אַלטן זשיבעקן האָבן זיך געלאָזט גיין צו מאַניען. זיי האָבן זי באַגעגנט אין גאָרטן, ווו זי האָט מיט אַ לאָפּעטע די ערד גע-גראָבן און געשיט פאַרשידענע קערנדלעך, אַן אַרבעט, וואָס זי האָט שטענדיק ליב געהאַט אין דאָרף צו טאָן אין דעם גאָרטן, וואָס האָט אַרומגערינגלט איר פאָטערס הייזל, און אַלס דאָרפסמיידל, האָט זי זייער גוט געקענט די אַרבעט.

מאַניע איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין איר אַרבעט, אַז זי האָט נישט באַמערקט, ווי עס האָט זיך געעפנט דאָס טירל פון גערטל און מען איז אַריינגעגאַנגען.

— אַ גוטער אָוונט דיר, טײַערע! אַט דאָס איז גוט, וואָס דו פאַרברענגסט דײַן צײַט מיט שײנער אַרבעט! גאָט וועט געוויס בענטשן דײַן שטיקל ערד, וואָס דו פאַרזײסט!

מאַניע האָט זיך אומגעקערט און דערזען פאַר זיך דעם אַלטן מילנער פון איר פאָטערס מיל... זי איז געוואָרן אַזוי איבעררעשט, אַז עס האָט זיך בײַ איר, נישט ווילנדיק, אַרויסגעריסן אַ קוויטשענדיקער געשריי. זי האָט אָבער באַלד באַמערקט אין דעם מילנערס אויגן אַזאַ מין ערנסטקייט, וואָס זי האָט עס קײנמאָל בײַ אים נישט געזען. זי האָט זיך אַזש דערשראָקן און האָט פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף שווײַגן.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, מײַן טײַערע, — האָט די שוועסטער זי געפרעגט.

— יאָ, איך האָב זיך דערשראָקן. איך האָב נישט באַמערקט, ווי איר זענט אַרײַן אין גערטל, אומדערוואַרט... אַזוי פּלוצלונג האָב איך אײַך דערזען מיט אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, האָב איך זיך זײער דערשראָקן!

מאַניע האָט גערעדט מיט אַ ציטערדיקער שטימע און מיט דער גרעסטער נײַגיריקייט האָט זי נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף דעם איר באַקאַנטן געזיכט, וואָס זינט זי געדענקט זיך, איז זײַן אַלט צעקנייטשט פּנים מיט דעם נאַקעטן קאָפּ איר ליב און טײַער געווען.

זשיבעקס געזיכט האָט ווידער באַקומען זײַן שטענדיק אויסזען און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז צופרידן מיט איר אויפפירן זיך. מאַניע האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און געשוויגן.

— נו, דער שרעק איז שוין בײַ דיר איבערגעגאַנגען? — האָט די שוועסטער געפרעגט מיט אַ שמייכל. — איצט וועל איך דיך באַקאָנען מיט דעם אַלטן מאַן. ער איז זײער אַ גאַטספאָרכטיקער מענטש. ער איז געקומען פון זײער ווײַט צו אונדזער גרויסן יום־טוב צוזאַמען מיט אַ קאָמפּאַניע פּילגרימען, בײַ וועלכע ער איז דער פירער און וועגווײַזער. ער דערציילט זײער שיינע און וווּנדערלעכע געשיכטעס פון זײַן לאַנג לעבן, ווי ער האָט אַמאָל געדינט פינפאונצוואַנציק יאָר בײַ ניקאָלײַ דעם ערשטן און איז געווען אין די מלחמות מיט די טערקן און אַנדערע אומגלויביקע.

בײַ מאַניען זענען מיטאַמאָל אירע שיינע אויגן גרעסער געוואָרן פון גרויס פאַרוווּנדערונג און זי האָט מיט אַלע אירע קרעפטן זיך

איינגעהאַלטן פון רעדן און געשוויגן. זי האָט נאָר געזאָגט דידאָזיקע געציילטע ווערטער:

— איך האָב זייער ליב צו הערן שיינע געשיכטעס, דערהויפּט ווען אַלטע לייט דערציילן עס.

די שוועסטער איז געווען איבערגליקלעך צו הערן פון מאַניען, ווי זי נעמט אויף אַזוי פריינטלעך דעם אַלטן פירער פון פּילגרימען. ווייל מיט יעדן איז זי געווען שטרענג און געבּרוגזט זיך און שטענדיק אָנגעבלאָזן. דערצו האָט זי אָפּט מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן.

— אויב אַזוי,—האָט די שוועסטער זיך אָנגערופן,—וועל איך גיין און וועל אייך איבערלאָזן, ווייל מיר אַלע דאָ זענען איצט זייער באַשעפטיקט מיט דעם צוגרייטן דעם גרויסן יום-טוב. טויזנטער פּילגרימען זענען זיך אָנגעפאָרן פון דער גאַנצער וועלט צו אונדזער שיינעם יום-טוב.

די שוועסטער האָט געפרעגט מאַניען אין וואָס זי נייטיקט זיך, אויף וואָס מאַניע האָט געדאַנקט און געענטפערט, אַז זי ברויכט איצט גאָרנישט.

די שוועסטער האָט זיך פריינטלעך מיט ביידע געזעגנט און אַרויסגעגאַנגען פון גערטל.

ווען זי איז צוריקגעקומען צו אירע חברטעס, האָט זי מיט פרייד דערציילט, ווי אַזוי מאַניע האָט גוט אויפגענומען דעם אַלטן פירער פון די פּילגרימען.

— אַ וואונדערלעכער אַלטער! — האָבן די שוועסטער געזאָגט. — ער מאַכט אויף יעדן אַזאַ גוטן איינדרוק, אַז אפילו מאַניע, וואָס איז מיט יעדן אַזוי שטרענג, האָט אים אַזוי גוט אויפגענומען! ווער ווייסט, אפשר וועט געשען אַ נס און דער אַלטער וועט זי קענען איבעררעדן. אונדזער עלטסטע שוועסטער אירינע וועט זיך זייער פרייען, ווען עס וועט געלינגען, אַז נאָך אין דעם גרויסן יום-טוב וועט מען זי גלייך מיט די אַנדערע קענען אָפּשמדן.

ווען מאַניע מיט דעם אַלטן זשיבעקן זענען געבליבן אַליין און דערהערט, ווי דאָס טירל פון גערטל איז פאַרמאַכט געוואָרן, האָט זי אים פאַרשיט מיט פראַגן.

— ווי קומסטו אַהער, זשיבעק? וואָס מאַכן מיינע עלטערן? די באָבע?

— צוליב דיר בין איך געקומען, — האָט ער טרויעריק גע-

ענטפערט. — איך קען מער נישט צוזען דעם צער פון דיינע עלטערן און פון דיין אלטער באבע.

— וואס מאכן זיי, נעבעך?

— זייער נישט גוט... ווען דו זאלסט וויסן, וואס ביי אונדז איז געוואָרן נאך דיין אוועקפאָרן! די מיל שטייט די גאנצע צייט, זיי האָבן אוועקגעוואָרפן די היים און פאָרן ארום פון איינעם צום אנדערן בעטן מען זאָל דיך פונדאנען באפרייען און נעמען דיך צוריק אהיים. א לאנגע צייט זענען זיי געשטאנען ביי די ווענט פון מאנאסטיר און דיך גערופן, אפשר וועסטו זיך אָנרופן, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט.

— די עלטסטע שוועסטער פון מאנאסטיר — האָט ער ווייטער דערציילט, — איז איינמאָל געוועזן גוט צו זיי און אויסגעהערט, וואס זיי ווילן פון איר. זיי האָבן געבעטן, מען זאָל זיי אָפגעבן זייער קינד, האָט זי באלד א שוועסטער נאך דיר געשיקט, אז דו זאלסט קומען זיך זען מיט די עלטערן, נאר יענע איז געקומען און דערציילט, אז דו ווילסט נישט גיין אהיים און ווילסט מער נישט קענען דיינע עלטערן... איז דאס מעגלעך, איז דאס מעגלעך?

מאניע איז מיט א געוויין, אן אנגעצונדענע, אויפגעשפרונגען פון איר אָרט:

— און מיר האָבן די מערדער געזאָגט, אז מיינע עלטערן ווילן מיך נישט קענען!

זשיבעק האָט זי אָנגעכאפט ביי די הענט, און מיט שרעק זיך אָנגערופן:

— דו זאלסט נישט וויינען און נישט זיין אויפגערעגט, ווארים דאס קען איינגאבן קאליע מאכן מיין פלאן, און איך אליין קען נאך איבער דיר אומגליקלעך ווערן. אויב דו ווילסט פונדאנען באפרייט ווערן, מוזטו מיך אין אלץ פאָלגן, וואס איך וועל דיר הייסן טאָן. איך בין זייער צעפרידן, וואס איך האָב זיך דערוווּסט דעם אמת און נאָר צוליב דעם אמת בין איך געקומען אהער און שטעל איין מיין לעבן!...

מאניע האָט זיך אויסגעווישט די טרערן און שטיל, אונטער־טעניק זיך אָנגערופן:

— זשיבעק, איך וועל דיר אין אלץ פאָלגן... דו פרעגסט מיך, צי וויל איך זיך פונדאנען באפרייען? ווי האָט דיר גאָר אנדערש

געקענט איינפאַלן! איך האָב שוין לאַנג באַשלאָסן: ווען איך וועל זען, אַז איך האָב שוין מער נישט קיין שום האָפענונגען פונדאַנען זיך צו באַפרייען, וועל איך גיכער זיך אַליין נעמען דאָס לעבן, איידער איך זאָל ווייטער בלייבן דאָ.

— נו, גוט, גוט, טראַכט נישט מער וועגן דעם. איך וועל טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך איז. דו זיי נאָר רויק און טו, וואָס איך וועל דיר הייסן.

— אַלץ וועל איך טאָן, ווי דו וועסט מיר הייסן! — האָט מאַניע נאָכאַמאָל פאַרזיכערט.

— אַזוי וועט זיין גוט, — האָט זשיבעק צעפרידן געזאָגט.

מאַניע האָט נישט אויפגעהערט אויסצופרעגן זשיבעקן וועגן אירע עלטערן.

— זיי רוען נישט, שלאָפן נישט קיין נעכט און טראַכטן נאָר וויאַזוי דיך צו באַפרייען פונדאַנען.

— זיי האָבן דיך געשיקט צו מיר? — האָט מאַניע פלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— ניין, איך בין אַליין געקומען. זיי ווייסן אַפילו נישט, צי איך וועל זיך זען מיט דיר, און נישט זיי און קיינער אויף דער וועלט טאָר נישט וויסן, אַז איך האָב זיך געזען מיט דיר.

— אַפילו פאַר מיינע עלטערן האַלטסטו עס בסוד?

— יאָ, אַפילו פאַר דיינע עלטערן... אַ חוץ אונדז טאָר קיינער נישט וויסן.

מאַניע האָט געקוקט אויף אים מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

— צוליב וואָס, זשיבעק, טוסטו עס, אַז נישט צוליב מיינע עלטערן? פאַרוואָס זאָל עס זיין אַ סוד פאַר זיי?

— ווייל איך קען אומגליקלעך ווערן, ווען עמעצער וועט זיך דערוויסן דעם אמתן צוועק פון מיין קומען אין מאַנאַסטיר. איך בין דאָך אַ קריסט!.. פאַרשטייסטו שוין, פאַרוואָס עס דאַרף זיין אַ סוד? און איך בעט דיך טאַקע, אַז אונדזער זען זיך זאָל נישט אַרויסקומען. קיינער דאַרף קיינמאָל זיך נישט דערוויסן. דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מיך אין אַלץ פאָלגן!

— געוויס וועל איך דיך פאָלגן, דו מעגסט זיין רויק.

— אָט אַזוי איז גוט! — האָט זשיבעק צעפרידן געזאָגט. — איצט, מיין קינד, וועלן מיר רעדן וועגן דעם, צוליב וואָס איך בין געקומען

צו דיר און איך פרעג דיך נאָכאַמאָל: דו ווילסט אַרויס פונדאַנען און קומען צוריק צו דיינע עלטערן?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? מיין לעבן וועל איך אַוועקגעבן דעם, וועד עס וועט מיך באַפרייען פונדאַנען!

— נו, איז גוט. קיינער פאַרלאַנגט פון דיר נישט דיין לעבן, מער נישט אַז דו זאָלסט אַלץ טאָן, ווי איך וועל דיר הייסן, אַזוי ווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט.

איידער זשיבעק האָט אָנגעהייבן צו רעדן מיט מאַניען וועגן דעם, וויאַזוי ער זאָל זי באַפרייען פון מאָנאַסטיר, האָט ער זי אויסגעפרעגט וועגן יאַנען, וועלכער איז געקומען צו דער אַלטער דבורה און געזאָגט, אַז מען זאָל אים געבן אַ בריוו פון איר פאָטער, אַז ער האָט נישט דאַגעגן, זי זאָל חתונה האָבן מיט אים.

טאַניע איז אויפגעשפרונגען:

— עס קאָן נישט זיין, ער זאָל אַזוי זאָגן!

— איך האָב עס אַליין געהערט פון זיין מויל. איך האָב פריער געוווסט, אַז עס איז אַ ליגן, ער וויל אָפּנאַרן דיינע עלטערן און דיך אויך און אייך אַלע אומגליקלעך מאַכן. דעמאָלט איז מיר דאָס ערשט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז איך זאָל דיך באַפרייען, כאָטש איך אַליין האָב גאָרנישט געוווסט וויאַזוי. נאָר איצט זע איך, אַז צוליב יושר און גערעכטיקייט העלפט מיר גאָט אויסצופירן מיין גוטן פּלאַן.

מאַניע האָט זיך קוים אויפגעהאַלטן פון אויפרעגונג און רויִקער זיך אָנגערופן:

— דאַכט זיך אַ נאַר, אַ נעבעך, איז אָט דערדאָזיקער יאַן, וואָס קען קיין צוויי נישט ציילן, און דאָך איז ער געווען פעיִק אונדז אַלעמען אומגליקלעך מאַכן. איך האָב אים שוין לאַנג פאַרטריבן פון זיך, ווייל ער אינגאַנצן מיט זיין גוטסקייט, פרומקייט און מיט זיין נאַרישע, ליבע צו מיר איז מיר פּראָסט נמאס געוואָרן. איך האָב עטלעכע מאָל געוואָרנט די „שוועסטער", אַז זיי זאָלן מער יאַנען נישט אַריינלאָזן צו מיר, און איך האָב זיך ענדלעך באַפרייט פון דעם נודניק.

מאַניע האָט נישט אויפגעהערט אויסצופרעגן וועגן איר היים און וועגן דאָרף. זי האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט וועגן יעדער קלייניקייט, אַז זי האָט מינוטנווייז פאַרגעסן, אין וועלכער לאַגע זי געפינט זיך. באַזונדערס האָט איר אינטערעסירט דער גאָרטן, וואָס האָט אַרומ-

גערינגלט אירע עלטערנס הייזל און געפרעגט, ווער עס גיט אכטונג אויף דעם גערטל.

— ביזט א נאריש קינד, ווער זאל אכטונג געבן? אלץ איז פאר־לאזט! — האט זשיבעק טרויעריק געענטפערט, — מען טראכט אפילו נישט צו לאזן גיין די מיל, און דו פרעגסט אויף דעם גערטל! וועמען ליגט איצט אין זינען אכטונג צו געבן, אלץ גייט צו גרונט, אלץ!

די נאכט האט זיך אנגערוקט, עס האט אנגעהייבן ווערן שפעט, דער אלטער זשיבעק האט זיך א כאפ געטאן:

— הער, מאניע, עס ווערט שפעט. אין מאנאסטיר וועט מען באלד גיין שלאפן און איבערשלאגן אונדזער שמועס... זאלסטו נישט זיין אומרויק, מארגן וועל איך קומען פריער צו דיר און וועגן אלץ וועלן מיר קאנען אפרעדן, וואס מיר האבן צו טאן, אז דו זאלסט פון דארטן באפרייט ווערן.

— ווען, מיינסטו, קען דאס געשען, — האט מאניע אומגעדולדיק געפרעגט.

— אין דער נאכט פון דעם גרויסן יום־טוב, — האט זשיבעק גע־ענטפערט. — דאס איז די בעסטע צייט, ווען מען וועט קענען עפעס טאן.

— עס איז דאך צום גרויסן יום־טוב געבליבן איינגאנצן א פאר טעג, — האט מאניע, א גליקלעכע, מיט א שיינענדיק געזיכט געזאגט.

— יא, א פאר טעג, און אויב גאט וועט מיר זיין צו הילף, ווי ביז אהער, וועט עס געשען!

— אוי, ווי לאנג וועלן זיך פאר מיר ציען די פאר טעג!

— דו מוזט האבן געדולד, מאניע, דו דארפסט זיין רויק, קיינער זאל אויף דיר גארנישט באמערקן, — האט זשיבעק איר אנגעזאגט.

זשיבעק אליין איז געווארן אומרויק, ווארטנדיק, אז יעדע מינוט זאל אנקומען די שוועסטער. ער האט זיך אלעמאל ארומגעקוקט און שטיל זיך אנגערופן, נאכאמאל זי ווארנענדיק, אז אויב די שוועסטער וועט אנקומען און ער וועט מוזן איבערגיין אויף אן אנדער שמועס, זאל זי זיך נישט וווּנדערן און זיין רויק און אז מארגן וועט ער ווידער קומען.

— אין דער נאכט פון גרויסן יום־טוב, — האט זשיבעק אנגע־הייבן, — ווען דער פיל טויזנטדיקער עולם מיט אלע איינוווינער פון מאנאסטיר וועלן זיין פארנומען מיט דעם פייערן דעם גרויסן יום־טוב...

און ווי זשיבעק האָט אַזוי גערעדט, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ סקריפּ פון גאָרטן-טירל און באַלד דערנאָך די טריט פון דער שוועסטער, וועלכע האָט זשיבעקן פריער געבראַכט אַהער, און ער האָט פּלוצלונג איבערגעריסן דעם פריערדיקן שמועס און אָנגעהייבן צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש:

— די וועלט איז זינדיק, דער מענטש דאַרף נישט טראַכטן וועגן זיין זינדיקן גוף, נאָר וועגן זיין נשמה...

— איך בין געצוווּנגען איבערצושלאָגן אייער שמועס, — האָט זיך פאַרענטפערט די שוועסטער. — איך באַדויער עס זייער, נאָר וואָס קען איך טאָן? איך מוז טאָן מיין פליכט און גלייך מיט אַלע איינוווינער פון מאָנאַסטיר אָפּהיטן די אָרדענונג. באַלד גייט מען שוין אין מאָנאַסטיר זיך לייגן שלאָפן. מיר מוזן גיין, — האָט זי זיך געווענדט צום אַלטן פירער פון די פּילגרימען.

די שוועסטער האָט, צו איר גרויס צופרידנקייט, באַמערקט, אַז מאַניען ווילט זיך ווייטער הערן דעם אַלטן רעדן, האָט זי זיך צו איר אָנגערופן:

— אויב דיך אינטערעסירט ווייטער צו הערן דערציילן דעם אַלטן, קענסטו אים בעטן, ער זאָל מאָרגן ווידער קומען צו דיר.

— איך בעט אייך זייער, שוועסטער! גוט, זייער גוט צו הערן אַזאַ פרומען און אַלטן מענטשן, וואָס האָט אַ סך יאָרן געלעבט און אַ סך געזען.

די שוועסטער איז איבערראַשט געוואָרן, הערנדיק פון דער שטרענגער און שטענדיק איינגעשפּאַרטער מאַניען, אַז זי וויל הערן אַזאַ גאָטספאָרכטיקן מענטשן, ווי דעם אַלטן פירער פון די פּילגרימען.

אַ צופרידענע און אַ גליקלעכע, האָט זי געזאָגט מאַניען: „אַ גוטע נאַכט" און זי דאָס ערשטע מאָל אַ קוש געטאָן אין שטערן.

דאָסזעלבע האָט אויך געטאָן דער אַלטער זשיבעק און ער איז צוזאַמען מיט דער שוועסטער אַרויסגעגאַנגען פון גערטל, איבערלאָזנדיק מאַניען אַליין, וועלכע איז באַלד אַוועק צו זיך אין צימער.

קאַפּיטל ניין.

בענקעניש.

בלייבנדיק אַליין, האָט מאַניע זיך אומגעקוקט ביי זיך אין צימער. זי האָט נישט געגלויבט אירע אויגן, וואָס האָבן נאָר וואָס געזען און אירע אויערן, וואָס האָבן געהערט.

עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט אַ גוטן חלום.

זייענדיק אין מאָנאַסטיר און איבערלעבנדיק שלעכטע טעג פון גרויס בענקענישט און חרטה, פלעגן זיך איר אָפּט חלומען גוטע חלומות.

זי פלעגט זען אין חלום אירע עלטערן, די אַלטע באָבע, דעם גאָרטן, וואָס רינגלט אַרום פון צוויי זייטן זייער הייזל, די מיל מיט דעם אַלטן מילנער, וועלכן זי האָט שטענדיק אַזוי ליב געהאַט.

זי האָט געזען דעם טייך, וועמעס וואַסערן פלעגן טרייבן די גרויסע הילצערנע ראָד פון דער מיל, און אַז איין האַלבע ראָד האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דעם שוואַרצן וואַסער אויף דער ליכטיקער וועלט, פלעגן שטענדיק אָפּקאַפּן לויטערע טראָפּן וואַסער, און ווען די זון האָט געשיינט, האָבן זיי אויסגעזען, ווי טייערע בריליאַנטן. נאָר באַלד פלעגט זי זיך אַריינדרייען צוריק אין וואַסער, ווו מען האָט זי שוין מער נישט געקענט זען, און עס האָט זיך באַוויזן די צווייטע האַלבע ראָד, פון וועלכער עס פלעגן אויך אַזוי קאַפּן טראָפּנס, ווי שיינע בריליאַנטן.

אָפט פלעגט זי זען אין חלום, ווי דער אַלטער מילנער איז אַרויסגעגאַנגען פון מיל, איינגאַנצן באַשיט מיט ווייס מעל. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ מת אין תכריכים. ער פלעגט מיטאַמאָל אָפּשטעלן די מיל. די ראָד האָט זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט. עס איז געוואָרן שטיל. דער מילנער האָט מיט אַ האַמער געקלאַפּט איבער דער ראָד און ווידער געלאָזט גיין די מיל, ווידער האָט די ראָד זיך אָנגעהייבן דרייען, וואַרפנדיק גאָלדענע און בריליאַנטענע טראָפּנס פון זיך, און עס איז געווען אַזוי פריילעך און מאַניע האָט לאַנג-לאַנג ליב געהאַט צו שטיין און קוקן, ווי די ראָד דרייט זיך.

דאָס אַלץ פלעגט זיך איר אָפט חלומען ביינאַכט אין מאָנאַסטיר, און איצט איז געקומען צו איר דער אַלטער מילנער און וויל זי באַפרייען פון איר געפענגעניש און זי נעמען אַהיים צו אירע עלטערן, צו דער באָבן, צום גאָרטן און צו דער מיל.

אין אָנהייב האָט זי געגלויבט, אַז עס איז נאָר אַ גוטער חלום, אָבער באַלד האָט זי געזען, אַז עס איז פאָרגעקומען אינדערעמתן, עס איז שוין מער נישט קיין חלום!

עס האָט איר נאָר באַנג געטאָן, וואָס אַזוי גיך איז אָנגעקומען די נאַכט, ווען מען דאַרף גיין שלאָפן. זי האָט אים נאָך געהאַט אַזויפיל צו פרעגן און ער האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן און די כמעט צוויי שעה, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, זענען מאַניען איבערגעלאָפן, ווי אַ פאָר מינוט.

דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז אין מאָנאַסטיר, האָט זי זיך דערפילט מוטיק און פריילעך. זי וואָלט זיך אַפילו איצט צעזונגען, ווען זי זאָל נישט מורא האָבן, אַז זי וועט עמעצן אויפוועקן.

— איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס גליק איז, — האָט זי צו זיך געזאָגט. — איצט פיל איך זיך גליקלעך, איך גלויב איצט אין מיין באַפרייונג.

עס איז שוין אַוועק אַ גוטע שעה, זינט דער אַלטער זשיבעק איז אַוועק פון איר און זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט איינגאַנצן באַרויקן. שלאָפן האָט זי נישט געקענט און איצט האָט זי זיך דערמאָנט אין יעדן וואָרט, וואָס דער אַלטער מילנער האָט געזאָגט. אַ סך האָט זי נישט פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט געפילט און געגלויבט, אַז איר באַפרייונג קומט באַלד. אַליין האָט זי זיך גאָרנישט געקענט

העלפן, אָבער מיט דעם אַלטן זשיבעקן, וועט עס גיין אויסגעצייכנט און קיינער וועט עס אפילו נישט באַמערקן!

— איך ברויך נאָר זיין פון יענער זייט טויער, — האָט זי זיך געזאָגט, — דערנאָך האָב איך פאַר זיי קיין מורא נישט. זיי וועלן שוין פאַר מיר מורא האָבן! נאָר פון יענער זייט טויער!..

פון נישט קענען אַנטשלאָפן ווערן האָט זיך איר ווידער גע-טראַכט. זי האָט זיך ווידער דערמאַנט אָן איר היים.

— עס איז זייער גוט, וואָס מיט מיר האָט זיך געמאַכט דער אומגליק, — האָט זי געזאָגט. — ערשט איצט וועל איך וויסן ווי צו שעצן מיין היים, איך וועל וויסן ווי צו לעבן. פריער בין איך נאָר געווען אַ ווילדע ציג, איך האָב געמיינט, אַז קיין בעסערע מענטשן פון די, וואָס וווינען אויף דעם באַרג און אין „ווייסן הויז", איז נישטאָ אויף דער וועלט. קיין בעסערע, שענערע און לייטישערע יונגער-מאַן, ווי לודוויג, האָבן מיינע אויגן קיינמאָל נישט געזען. איצט זע איך, ווער זיי זענען אַלע!

— און אין הייליקן מאַנאַסטיר? — האָט זי איראָניש געפרעגט,— די פרומע „שוועסטער", וועלכע קומען אין „ווייסן הויז" און די איבעריקע שוועסטער מיט זייערע גוטע און פרומע ריידעלעך, וועלכע קומען צו מיר? איך קען זיי שוין אַלע! מיך וועלן זיי שוין נישט אָפּנאַרן!

מיטאַמאָל האָט זיך מאַגיעס פנים באַדעקט מיט אַ טרויער.

עס האָט זיך איר פאָרגעשטעלט, אַז זי איז שוין אַ גליקלעכע אריבער פון יענער זייט טויער. זי איז שוין פריי.

און זי האָט זיך געפרייט.

— ווו אַהין וועל איך דערנאָך גיין? אַהיים? איך וועל דאָך פאַר קיינעם די אויגן נישט קענען ווייזן פון בושה און חרפה! מיינע עלטערן און אייגענע וועלן זיך מיט מיר שעמען באַווייזן זיך ערגעץ. און פון דעם „ווייסן הויז" וועט מען אויף מיר לאַקערן. איך קען זיי מער נישט זען, איך קען זיי מער נישט אָנקוקן!

אַ סך פראַגן האָבן זיך געשטעלט פאַר איר, אויף דעם פאַל, ווען איר וועט געלינגען זיך אַרויסרייסן פונדאַנען און זיך באַפרייען, נאָר אויף קיין איין פראַגע האָט זי נישט געקענט ענטפערן.

זי האָט זיך אָנגעהייבן שרעקן פאַר אַלץ און האָט זיך שטיל צעוויינט.

מאַניע האָט זיך ערשט איצט אָנגעהייבן אָפּצוגעבן חשבון, וואָס פאַר אַ שפּילעכל זי האָט אָפּגעטאָן פאַר זיך און פאַר אירע אומגליקלעכע עלטערן.

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט זייערע ליידן און בזיונות פאַר מענטשן איבער איר, און באַזונדערס האָט איר ווי געטאָן, וואָס די מיל איז געבליבן שטיין. פאַרוואָס האָט עס איר פאָטער געטאָן, האָט זי נישט פאַרשטאַנען. זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן מיט איר אַנטלויפן, האָט אויף אים אַזוי שרעקלעך געווירקט, אַז ער האָט אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר.

מאַניע האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן איר פאָטערט געשעפטן, נאָר איצט האָט זי נישט נאָר אָנגעהייבן צו טראַכטן, נאָר אויך אָנגעהייבן זאָרגן.

שרעקלעכע געדאַנקען האָבן איר אָנגעהייבן קריכן אין קאָפּ אַריין פון נישט שלאָפן. זי האָט נישט געוווסט וויפל דער זייגער איז איצט, נאָר פאַרשטאַנען, אַז עס איז שוין זייער שפּעט.

אַזוי איז מאַניע געלעגן אויף איר בעט און זיך געראַנגלט מיט דעם שלאָף ביז זי האָט דערהערט דאָס שטילע קלינגען פון דעם קלענסטן גלאָק אין מאָנאַסטיר.

דאָס קלינגען האָט, ווי יעדעס מאָל אין דער צייט, גערופן די פרומע איינוווינער פון מאָנאַסטיר צו דער ערשטער תפילה.

מאַניע האָט מיט פרייד דערהערט דאָס קלינגען פון קלויסטער, ווייל זי האָט געוווסט, אַז אינדרויסן איז נאָך שטאַרק פינסטער, וועט אין אַ שעה אַרום אָנהייבן צו טאָגן...

מאַניע האָט אויף דעמדאָזיקן טאָג געוואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד. אין דעם טאָג וועט דער אַלטער מילנער ווידער קומען צו איר און אַלץ, וואָס פאַר איר איז ביז איצט אַ רעטעניש, וועט היינט קלאָר ווערן...

די „שוועסטער", וועלכע איז געווען צוזאַמען מיט דעם אַלטן זשיבעקן ביי מאַניען, האָט אויף מאָרגן דערציילט אירע חברטעס וווּנדער איבער וווּנדער.

— איר וועט מאַניען גאָרנישט דערקענען, — האָט זי געזאָגט. — ווען איך בין געקומען נאָך דעם אַלטן, ווייל עס איז געווען שפּעט און די צייט פון שלאָפן, האָב איך מאַניען נישט דערקענט. זי איז געווען זייער פריילעך און זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דעם אַלטן.

וועלכער האָט נישט אויפגעהערט מיט איר צו רעדן וועגן דעם, אַז אַ מענטש דאַרף זאָרגן פאַר זיין נשמה. איך בין איצטער זיכער, אַז מיר וועלן זי נישט דאַרפן איבערפירן אין אַן אַנדער מאָנאַסטיר. זי וועט בלייבן ביי אונדז. דער אַלטער וועט זי גיך איבערצייגן אין איר פאַרבלאָנדזשעטקייט און אין גיכן וועט זי זיך אַליין בעטן, מען זאָל זי טויפן.

די „שוועסטער" האָבן נישט געגלייבט זייערע אויערן, הערנדיק, ווי זייער חברטע דערציילט וועגן מאַניען.

— דאָס וועט זיין אַן אמתער נס, — האָבן די שוועסטער געזאָגט.— עס ווייזט אויס, אַז דער אַלטער פירער איז אַן אמתער גלויביקער. נאָר דער, וואָס גלויבט מיט זיין גאַנצער נשמה, דער פאַרמאָגט אַ באַזונדער קראַפט אין זיין רעדן און קען יעדן איבערצייגן. נישט יעדער איז זוכה דערצו! נישט אומזיסט האָבן די פילגרימען אים אויסגעקליבן פאַר זייער פירער. דאָס פאָלק, ווי פראָסט עס איז, פילט מיט זיין געזונטן אינסטינקט, ווער עס פאַרדינט באמת צו זיין זייער פירער.

— מיר דאַרפן וועגן דעם דערציילן אונדזער עלטסטער שוועסטער,— האָט איינע פאָרגעלייגט.

— אוודאי, אוודאי! — האָבן אַלע איינגעשטימט. — זי וועט זיך זייער פרייען, הערנדיק די גוטע נייס, אַז עס איז דאָ אַ האָפענונג, אַז מאַניע זאָל בלייבן מיט אונדז.

פלוצלונג האָט איינע אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס וויל אַזוי שטאַרק אונדזער עלטסטע שוועסטער, אַז מאַניע זאָל פאַרבלייבן אַ אונדזעריקע. מיט קיינער האָט זי זיך אַזוי נישט אָפּגעגעבן, ווי מיט מאַניען!

— איך האָב דאָס געהערט פון איר אַליין, פאַרוואָס זי וויל נישט אָפּלאָזן מאַניען און וויל זייער, זי זאָל דאָ בלייבן,—האָט זיך אַ צווייטע אָנגערופן.

— דערצייל, דערצייל! וואָס האָט זי געזאָגט? — האָבן זיך אַלע געבעטן.

— איך וועל אייך איבערגעבן אירע ווערטער וואָרט אין וואָרט: מאַניע איז אַן אויסגעצייכנט קינד, זייער אַן אָרנטלעכע, — האָט אונדזער עלטסטע געזאָגט, — אַן אומשולדיקע און אַן אָפנהאַרציקע. דערצו איז זי אַ געזונטע און אַ שיינע, און ווען מען זאָל זי קענען

איבערצייגן, וועט זי גיין צום שמד מיט דעם גאַנצן האַרצן. פון מאַניען קען ווערן זייער אַ גרויביקע און אַ פרומע קריסטין. זי קען אונדז זייער נוצלעך זיין. זי איז נישט פון די נאַטורן, וואָס ביי זיי איז עס אַ לצאַיינס, וואָס זענען גרייט צו בייטן זייערע מיינונ-גען און רעליגיעס, ווי מען בייט די שיך. מען איז קיינמאָל מיט זיי נישט זיכער און אַזעלכע גיבן ווייניק צו אונדזער הייליקן קלויסטער. גאַנץ אָפט האָבן מיר פון זיי נאָר בזיונות און צרות.

— עס זענען דאָ גענוג מיידלעך פון פרעמדע גלויבנס, — האָט די שוועסטער ווייטער איבערגעגעבן זייער עלטסטע שוועסטערס ווערטער.— זיי פעלן אונדז נישט. אַזויווי זאַמד און שטערן זענען זיי דאָ, אָבער אַזעלכע, ווי מאַניע, זענען זייער ווייניק דאָ. איך האָב וועגן איר שוין לאַנג געהערט און אַפילו איינמאָל זי געזען ביי דעם עקאָנאָם סיווינסקין אין הויז. זי האָט מיך נישט באַמערקט. זי איז געווען פאַרראַשט מיט דעם יונגוואַרג, אָבער איך האָב זי גוט געזען און האָב נאָך דאַן סיווינסקיס מומעס אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז אַזאַ אומשולדיק שיין קינד וואָלט געווען אַן אוצר פאַר אונדזער מאָנאַסטיר.

— אַזוי האָט אונדזער עלטסטע גערעדט וועגן מאַניען? — האָבן אַלע מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט.

— פונקט אַזוי ווי איך האָב אייך איבערגעגעבן, — האָט גע-ענטפערט די דערציילערין.

— אויב אַזוי, — האָבן אַלע געזאָגט, — דאַרף מען באַלד גיין איר דערציילן וועגן אַלטן, זי וועט זיך זייער פרייען!

דריי שוועסטער, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען די, וואָס איז מיט דער אַלטן פירער געוועזן צוזאַמען ביי מאַניען, זענען אַוועק צו זייער עלטסטער און האָבן איר אַלץ דערציילט, וואָס איז פאַרגעקומען מיט מאַניען.

די עלטסטע שוועסטער אירינע האָט אויפגעהייבן די הענט און געבענטשט די שוועסטער פאַר דער גוטער בשורה, און האָט געזאָגט, אַז זי וויל זען דעם אַלטן פירער און אים בענטשן אין זיין הייליקער אַרבעט.

מען האָט באַלד אַרויסגעשיקט פון מאָנאַסטיר אויף דעם פּלאַץ, וווּ דער אַלטער פירער האָט זיך געפונען מיט זיין קאָמפּאַניע פּיל-גרימען און אים געזאָגט, אַז די עלטסטע שוועסטער וויל אים זען. אין אָנהייב האָט זיך זשיבעק דערשראָקן, אָבער ווען די שוועס-

טער, וואָס איז געקומען נאָך אים, האָט אים דערציילט צוליב וואָס די עלטסטע וויל אים זען, האָט ער זיך באַרויִקט.

די עלטסטע שוועסטער האָט אים זייער פריינטלעך באַגעגנט און אים געבענטשט אין זיין הייליקע אַרבעט.

— וואָס-זשע? ביזטו איבערצייגט, אַז דו וועסט קענען ווירקן אויף איר? זי איז פון אייגעשפּאַרטע! איך בין שטענדיק אַזוי גוט צו איר און זי האַלט אין איין שווייגן און איך ווייס נישט, ווי איך האַלט מיט איר און וואָס ווייטער צו טאָן, — האָט זיך די עלטסטע געקלאָגט פאַר אים.

— איך קען נישט זאָגן, אַז איך בין אינגאַנצן איבערצייגט אין דערפאָלג, איך גלויב אָבער, אַז מיינע רייד ווירקן אויף איר, און וואָס ווייטער, ווערט זי מער פריינטלעך צו מיר. דאָס איז אמת.

— וואָס איך הער! — האָט זי מיט פרייד אויסגעשריען. — עס גלויבט זיך קוים. דאָס וועט זיין דער גרעסטער ווונדער, אויב דאָס וועט געשען!.. מאַניע איז שטענדיק אָנגעשטויסן אויף אונדז אַלע און דאָס נאַרישע קינד מיינט, אַז מיר ווילן איר שלעכטס טאָן... און איצט הער איך, אַז זי איז פריינטלעך צו אייך! איך בין זייער גליקלעך דאָס צו הערן פון אייך!

און פלוצלונג האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— ווען וועט איר זיך נאָכאַמאָל זען מיט איר?

— אויב איך וועל האָבן צייט, וועל איך זיך ווייטער זען מיט איר.

— איר מוזט געפינען צייט, עס איז צו אַ הייליקע אַרבעט, וואָס אַ גלויביקער קריסט זאָל זיך קענען אַפילו איין מינוט אָפּזאָגן פון דעם. איר מוזט מיט איר רעדן נאָך היינט און יעדן טאָג.

— איך האָב מער צייט אינדערפרי צו גיין צו איר. נעכטן האָט מען מיך געפירט אַהין ערשט פאַרנאַכט, דערנאָך איז געוואָרן שפּעט, האָב איך געמוזט אַוועקגיין און אונדזער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן, ווען אַ שוועסטער איז מיך געקומען רופן. עס איז שוין געווען די צייט פון שלאָפן.

— גייט אַהין, אין וועלכער צייט איר ווילט. קיינער דאַרף אייך מער נישט פירן און רופן.

דערביי האָט די עלטסטע געגעבן אַ באַפעל די שוועסטער, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דעם געשפּרעך, אַז מען זאָל דעם אַלטן פירער פון די פּילגרימען געבן אַ פרייען אַריינגאַנג אומעטום אין מאָנאַסטיר.

די עלטסטע האָט געבענטשט דעם אַלטן זשיבעקן זאָל איס פריינטלעך אָפּגעלאָזט פון זיך.

זשיבעק, קושנדיק די הענט פון דער עלטסטער שוועסטער, האָט זיך שוין געלאָזט אַוועקגיין, נאָר די עלטסטע האָט אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ווי לאַנג רעכנט איר צו פאַרבלייבן ביי אונדז?

— ביז נאָך דעם יום־טוב.

— אפשר וועט איר פאַרבלייבן לענגער?

— ניין, איך קען נישט! איך מוז זיך איילן צו מיין אַרבעט אינדערהיים. באַלד ווי עס וועט זיך ענדיקן דער גרויסער יום־טוב, לאָז איך זיך צוריק אין וועג אַריין.

זשיבעק האָט זיך נאָכאַמאָל געזעגנט און זיך געלאָזט גיין צום גערטנדל, וווּ מאַניעס צימער האָט זיך געפונען.

מאַניע האָט דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט זייער טרויעריק. נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף איר באַפרייער, האָט זי זיך קיין אָרט נישט געפונען. זי איז אַלעמאָל געגאַנגען פון איין פענסטער צו דעם צווייטן און אַרויסגעקוקט, אפשר גייט ער שוין. זי איז אייניקע מאָל אַרויסגעגאַנגען פון צימער אין גערטנדל, אפשר וועט זי אים דאָרטן באַגעגענען. זי האָט זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך, טאָמער וועט זי דערהערן זיינע טריט.

אָבער אומזיסט. עס איז שטיל, ווי אויף דעם בית־הקברות און זי איז געווען אויסער זיך. זי האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, פאַרוואָס קומט ער נישט? האָט עפּעס געטראָפן מיט דעם אַלטן זשיבעק?

אפשר איז ער קראַנק געוואָרן, אָדער גאָר געשטאָרבן. ער איז דאָך שוין אַזוי אַלט! און טאָמער האָט מען זיך דערוווּסט וועגן זיינע פּלענער, צוליב וואָס ער איז געקומען אין מאָנאַסטיר? אפשר איז מען אים חושד, אַז ער וויל זי באַפרייען און ער וועט שוין קיינמאָל נישט קענען קומען צו איר!

איינע פון די באַדינערין האָט איר געבראַכט עסן. זי האָט זיך קיינמאָל נישט אומגעקוקט אויף איר. נאָר איצט האָט זי באַטראַכט די דינערין פון קאָפּ ביז די פיס, אפשר וועט זי עפּעס אין איר דערקענען. און זי האָט איר געוואָלט פרעגן, צי האָט זי נישט באַגעגנט אַזאַ און אַזאַ אַלטן פּילגרים? אָבער זי האָט זיך באַלד גע־

כאַפּט, אַז עס טויג נישט, מען זאָל איר נישט חושד זיין און זי האָט, ווי שטענדיק, געשוויגן.

מאַניע האָט זיך צום עסן כמעט ווי נישט צוגערירט. דאָס מויל איז ביי איר געווען, ווי פאַרשלאָסן און אין האַלדז ענג און און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז קיין טראָפּן וואַסער וועט זי נישט קענען דורכשלינגען.

ווען די דינערין איז דערגאַך, ווי געווייַנלעך, געקומען צונעמען די טעלער און האָט געזען, ווי זי האָט כמעט גאָרנישט געגעסן, האָט זי געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר נישט געגעסן? אפשר פילט איר זיך נישט געזונט און מען דאַרף צו אייך שיקן אַ דאָקטאָר?

— ניין, ניין! — האָט זיך מאַניע אַ כאַפּ געטאָן. — מען דאַרף נישט, איך בין געזונט.

ווי נאָר די דינערין איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי ווידער אומגעדולדיק אָנגעהייבן וואַרטן אויף זשיבעקן.

לאַנג איז איר איצט נישט אויסגעקומען צו וואַרטן. זי האָט באַלד דערהערט דעם באַקאַנטן סקריפּ פון גאָרטנטירל. זי איז אַרויסגעלאָפן אַקעגן, און דערזעענדיק זשיבעקן, איז זי מיטאַמאָל פרייַלעך געוואָרן און אירע אויגן האָבן אָנגעהייבן צו גלאַנצן.

— וואָס איז אַזוי שפּעט? — האָט זי אים געפרעגט. — מיינע אויגן זענען מיר שיעור נישט אַרויסגעקראָכן, אַרויסקוקנדיק אויף דיר!

— די גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן, — האָט זי ווייטער גערעדט, — קיין אויג נישט צוגעטאָן, און ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָב איך אָנגעהייבן וואַרטן אויף דיין קומען, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל משוגע ווערן וואַרטנדיק. נאָר געלויבט גאָט, וואָס דו ביזט ענדלעך געקומען.

מאַניע האָט גערעדט מיט גרויס אויפרעגונג און יעדעס וואָרט האָט ביי איר אין האַלדז געציטערט.

דער אַלטער זשיבעק האָט זיך אָנגעהייבן שרעקן, אַז פון אַזאַ אויפרעגונג זאָל זי נישט קראַנק ווערן און ער האָט זי אָנגעהייבן וואָרענען:

— עס איז גאָרנישט אַזוי שפּעט. עס איז נאָך גענוג פרי, אַז מיר זאָלן האָבן צייט צו רעדן דעם גאַנצן טאָג. דאָס, וואָס דו ביזט אַזוי אויפגערעגט און שלאָפסט נישט בייַנאַכט, געפעלט מיר נישט;

די קאָנסט פון אַזאַ אויפפירן זיך נאָך קראַנק ווערן און דו מוזט איצט זיין געזונט, אַנדערש טויג נישט. דו דאַרפסט נישט זיין קיין קינד און פאַרשטיין, אַז דו מוזט איצט זיין רויִק מער, ווי אַלעמאָל, ווען נישט קען צעשטערט ווערן מיין גאַנצער פּלאַן און מיר קענען ביידע אומגליקלעך ווערן! ווען איך קום נישט, ווען דיר ווילט זיך, מסתמא קען איך נישט! אַזוי זיך אויפפירן איז נישט גוט, מאַניע! זייער נישט גוט!

— מער נישט, מער נישט! — האָט זיך מאַניע אָנגעהייבן פאַר-ענטפערן, ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט זיך שווער פאַרשולדיקט. — איך פאַרשטיי זייער גוט, וואָס דו זאָגסט. פון איצט אָן וועל איך זיך אויפפירן אַזויווי דו הייסט מיר.

און זשיבעק האָט, ווי זיין שטייגער, געענטפערט:

— אַזוי איז גוט, אַזוי וועט זיין גוט... וואָרים גאָט אַליין העלפט מיר אין מיין פּלאַן און ווען מיר וועלן טאָן אַ פעלער, וועט ער נישט זיין שולדיק, נאָר מיר.

— מער נישט, מער נישט! — האָט זי נאָכאַמאָל געזאָגט און געבעטן, ער זאָל איר מוחל זיין.

— אַזוי איז גוט, אַזוי וועט זיין גוט, — האָט ער ווידער גע-זאָגט, — גאָט אַליין העלפט מיר. פון איצט אָן, וועל איך קענען קומען צו דיר, ווען איך וועל נאָר וועלן און אָן באַגלייטער.

— ווי איז דאָס מעגלעך? — האָט זי מיט פרייד אויסגעשריגן.

זשיבעק האָט איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע, וויאַזוי מען האָט אים גערופן צו דער עלטסטער שוועסטער און וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— איצט, מאַניע, הער וויאַזוי אונדזער פּלאַן וועט זיין.

זשיבעק האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און זיך אָנגערופן:

— אין דער נאַכט פון דעם גרויסן יום-טוב, ווען דער טויזנט-קעפּיקער עולם וועט שפּעט אין דער נאַכט זיך לאָזן אַרויסגיין פון מאָנאַסטיר, וועל איך מיט דיר צוזאַמען, נישט באַמערקט פון קיינעם, אויך אַרויסגיין... אָט דאָס איז מיין פּלאַן און גאָט זאָל מיר אויך ווייטער העלפן, ווי ביז אַהער.

מאַניע האָט מיט גרויסע אויגן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און געפרעגט:

— און טאָמער וועט מען מיך דערקענען? מען וועט מיך געוויס דערקענען, — האָט זי אים געוואָרנט.

— אוודאי וועט מען דיך דערקענען, אַט אַזוי ווי דו זעסט איצט אויס. איך האָב אָבער נאָך פון דערהיים מיטגענומען אין מיין זאַק מיינע אַלטע צעריסענע קליידער, און וועלכע פאַר דיין גרויסגיין פון צימער וועסטו זיך מוזן אין זיי אָנטאָן... שרעק זיך נישט, וואָס דיינע קליידער וועלן זיין אַלט און צעריסן. וואָס עלטערער און צעריסענער, וועט זיין בעסער. דו וועסט אין זיי אויסזען, ווי אַלע אַנדערע באַגאַמאַלצעס, וואָס זענען פון וויַיט געקומען צופוס אין מאַנאַסטיר אויף דעם גרויסן יום-טוב.

— אויסגעצייכנט! —האָט מאַניע אויסגעשריִען מיט דער גרעסטער פרייד. — ווייל דער פּלאַן זיך איבערצוטאָן אין אַלטע פּויערשע קליידער, איז איר שטאַרק געפעלן.

— אָבער מיט איין זאַך ווייס איך נישט וואָס צו טאָן.

— וואָס מיינסטו, זשיבעק? — האָט זי מיט שרעק געפרעגט.

— איך מיין, מיט דיין שיין פנימל, וואָס טוט מען? דיין פנים איז צו יונג און צו שיין פאַר אַ באַגאַמאַלעץ, דעריבער רעכן איך אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, דו זאָלסט זיך מאַכן פאַר אַ בלינדע און פאַרבינדן דיינע אויגן מיט אַ טיכל, און איך וועל דיך פירן... האָב קיין מורא נישט! צווישן די באַגאַמאַלצעס געפינען זיך גענוג קאַליקעס מיט בלינדע, וואָס קומען אין מאַנאַסטיר זיך אויסהיילן, וועט נאָך זיין איין בלינדע... געפעלט דיר מיין פּלאַן, מאַניע?

— עס קען בעסער נישט זיין! — האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ געלעכטער. — דו וועסט זען, ווי איך וועל זיך אויפפירן, ווי אַן אמתע בלינדע! איצט בין איך זיכער, אַז קיינער וועט מיך נישט דערקענען! אוודאי וואָלט געווען בעסער, ווען דו זאָלסט געווען מיטנעמען אַן אַלט קלייד פון אַ פּויערטע, נישט קיין מאַנסבילשע, — האָט מאַניע פונדעסטוועגן באַמערקט, — נאָר עס איז פאַרפאַלן, עס וועט מוזן אַזוי גוט זיין!

— איך האָב אויך וועגן דעם געטראַכט, — האָט זשיבעק זיך פאַרענטפערט, — נאָר ווו זאָל איך דיר געווען נעמען אַ באַבעשיקלייד? גיין אין שטאָט אַריין אויף דעם מאַרק קויפן? און ווען מען וואָלט זיך וועגן דעם דערוווּסט, וואָלטן אַלע געפרעגט, וואָס טויג מיר אַ ווייבערשע קלייד? בעסער אַזוי, מיין קינד!

קאפיטל צען.

דער גרויסער יום־טוב.

שטיל און רויק איז פאר מאניען מיט זשיבעקן געגאנגען די צייט ביז דעם טאג, ווען מען האט באדארפט פייערן דעם גרויסן יום־טוב. דער אלטער זשיבעק איז געקומען צו מאניען יעדן טאג. קיינער האט זיי נישט געשטערט, קיינער האט זיי אין גארנישט חושד געווען. פארקערט די שוועסטער האבן וואס ווייטער, מער גע־גלויבט, אז א דאנק דעם אלטן פירער, וועט מאניע בלייבן אויף שטענדיק מיט זיי צוזאמען.

אלע אין מאנאסטיר, פון דער עלטסטער ביז דער קלענסטער שוועסטער, האבן כמעט ווי פארגעסן אן מאניען מיט דעם אלטן זשיבעקן, ווייל יעדע פון זיי איז געווען פארנומען מיט דעם צוגרייטן דעם גרויסן יום־טוב און מאניע איז זיי מער אין זינען נישט געלעגן.

און דער אלטער זשיבעק האט זיין גאנצע פרייע צייט כמעט דעם גאנצן טאג פארבראכט ביי מאניען און האט געהאלטן אין איין דערציילן וועגן זיין גיין אין מאנאסטיר און אויך, אז שיעור, שיעור איז ער אריינגעפאלן אין א גרויסן אומגליק. די פילגרימען האבן אים באשולדיקט אין גניבה. צום סוף האט זיך אויסגעלאזט, אז דער אמתער גנב איז גאר געווען דער פריערדיקער פירער פון די פיל־גרימען, איינער מיט דעם נאמען כאדאק, וועלכער האט זיך ארויס־געגעבן פאר א פאלשן מאנאך.

— אויסגעלאָזט האָט זיך, — האָט ער ווייטער דערציילט, — אַז דעם כאַדאָקן האָט מען אַרעסטירט נאָך מיט אַ פרוי און מיך האָט מען געמאַכט פאַר דעם פירער און וועגווייזער. איך דערצייל עס דיר קעגן דעם, וואָס דו האָסט פריער געזאָגט, אַז עס וואָלט בעסער געווען איך זאָל געווען ברענגען פאַר דיר פּרויענקליידער. שטעל זיך פאָר, וואָס וואָלט איך געקענט ענטפערן דער נאַטשאַלסטווע, ווען מען וואָלט געפונען ביי מיר אַ פרויענקלייד! איך וואָלט געמוזט זאָגן דעם אמת און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן אומגליק עס וואָלט דע-מאָלט אַרויסגעקומען פאַר אונדז ביידע.

מאַניע, זייענדיק אָפּגעזונדערט פון דערהיים און פון דער גאַנצער וועלט, האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, און וויפל זשיבעק האָט דערציילט, איז איר אַלץ געווען ווייניק, און יעדעס מאָל האָט זי זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל ווייטער דערציילן, וואָס עס הערט זיך אינ-דערהיים, אין דאָרף און אין נאָענטן שטעטל גאַלינעווקע, פונוואַנען זי איז אַנטלאָפן.

און זשיבעק, זייענדיק געוווינט צו קוקן אויף מאַניען, ווי אויף אַ קינד, האָט איצט אויך אויף איר געקוקט מיט דיזעלבע אויגן, ווען מאַניע איז געווען אַ קליין מיידעלע און אים שטענדיק געבעטן, ער זאָל איר דערציילן שיינע מעשהלעך.

ער האָט איר דערציילט, וויאַזוי מען האָט אַרעסטירט יאַנען און ווי ער איז קוים אַ לעבעדיקער באַפרייט געוואָרן.

מאַניע האָט זייער פיל געלאַכט וועגן דער געשיכטע מיט יאַנס אַרעסט און באַפרייונג.

— האָסטו געזען חיימען? — האָט זי אים פּלוצלונג געפרעגט.

— פאַרוואָס זאָל איך אים נישט זען? ער קומט אָפט צו אונדז, און כאָטש ער טרעפט זעלטן דיינע עלטערן אינדערהיים, זיצט ער מיט דער אַלטער באָבע און רעדט וועגן דיר און די באָבע הערט נישט אויף צו וויינען, ווען זי דערמאָנט זיך אָן דיר. חיים פאַר-זיכערט זי, אַז מען שווייגט נישט אין דעם, מען אַרבעט און מען וועט עס נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט באַפרייט ווערן און די באָבע באַרויקט זיך.

— אָרעמע באָבע, אָרעמער חיים! — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ.—וואָס איך האָב אָפּגעטאָן! מיין האַרץ ווערט מיר צעריסן, ווען איך דערמאָן זיך, ווי אַלע ליידן אַזוי איבער מיר.

— איך האָב געמיינט, — האָט מאַניע ווייטער געזאָגט, — אַז חיים וויל מער מיין נאָמען נישט דערמאנען, צום סוף אינטערעסירט ער זיך אַזוי מיט מיר. אָרעמער חיים!

— און נאָך וויאַזוי! — האָט זשיבעק זיך אָנגערופן. — אָט אַ טאָג פאַר מיין אַוועקגיין, איז חיים ווידער געקומען פון שטאָט און דערציילט דיין פאָטער, אַז מאַדאַם שערמאַנס זון איז געקומען אַזש פון פעטערבורג אַהיים. ער איז אַ גאַנצער געגעראַל און טראָגט אַ מעדאַל... נו, האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דיר און געשיקט חיימען דיין פאָטער זאָגן, אַז ער וועט פאָרן צו נאַטשאַלסטווע, אפילו צום גובערנאַטאָר אַליין, און וועט פועלן, אַז דער מאָנאַסטיר זאָל דיין פאָטער אָפּגעבן צוריק זיין קינד. אַזוי האָט חיים דערציילט. איך האָב אויך געהערט, האָב איך זיך געטראַכט, לאָז ער פאָרן צום גובערנאַטאָר, וואָס קען דאָס שאַדן? טאָמער וועט מיין פּלאַן נישט געלינגען, וועסטו דורך אים געהאָלפן ווערן!

מאַניע האָט זיך מיט די נייס שטאַרק פאַראינטערעסירט און זיך אָנגערופן:

— באָריס איז געקומען צופאָרן?

— אפשר הייסט ער באָריס.

— ער איז דאָך אַ געשמדטער, ווי זשע קומט עס, ער זאָל מיר וועלן העלפן זיך באַפרייען פון מאָנאַסטיר?

— וואָס-זשע איז דאָ געדרונגען? אָט בין איך אַ געבוירענער קריסט, ווייל איך דיר אויך העלפן, ווייל דאָס איז אַ ריכטיקע זאַך... איך ווייס און פיל, אַז מען טאָר נישט, אַז עס איז אַ גרויסע זינד, צווינגען מיט געוואַלט יענעם צו בייטן זיין רעליגיע. מיט דעם גוטן ווילן — זייער שיין, אָבער מיט געוואַלט — איז אַ גרויסע זינד! און דעריבער וויל דערדאָזיקער באָריס אויך דיר העלפן, ווייל ער איז געוויס אַן אָרנטלעכער מענטש, און יעדער אָרנטלעכער קריסט וואָלט אַזוי געטאָן!

מאַניע האָט נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע געשיכטע און זי האָט זיך געטראַכט: וואָס-זשע, באָריס איז משוגע געוואָרן! צי וואָס דאַרף ער עס, איך וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלויבט אויף אים!

און מאַניע האָט איבערגעפרעגט זשיבעקן:

— וואָס-זשע איז געוואָרן?

— דיין פאָטער האָט פריער נישט געוואָלט, אַז באָריס זאָל

העלפן, נאָר ווען די באָבע מיט דיין מוטער האָבן געוויינט און אָנגעשריען, איז ער מיט חיימען צוזאַמענגעפאָרן אין שטאָט אַריין צו באָריסן אים בעטן וועגן דעם און געבן אַ פּאַפּיר פאַר נאַטשאַלסטווע, אַז ער איז דיין פּאָטערס אַדוואָקאַט. ער וויל עס אַלץ מאַכן „פּאָרמאַלנא" ווי עס דאַרף צו זיין! דעמזעלבן טאָג בין איך אַוועק פון דערהיים, ווייס איך נישט וואָס עס איז ווייטער געוואָרן.

מאַניע האָט זיך פאַרטראַכט און דערמאַנט זיך אין אירע קינדעריאָרן, ווען באָריס, אַלס גימנאַזיסטל מיט מעשענע בלישטשענדיקע קנעפּלעך, פלעגט קומען צו זיי אין דאָרף אַריין, מען האָט פאַרבראַכט צוזאַמען און דערנאָך פלעגט ער מיט איר לערנען און שרייבן.

פאַר דער צייט, וואָס זי האָט זיך געפונען אין מאָנאַסטיר, האָט זיך איר קיינמאָל נישט געוואָלט זיין פריי ווי איצט און זיך זען מיט די אַלע, וועגן וועלכע זשיבעק האָט איר איצט דערציילט.

צו דעם גרויסן יום-טוב, וואָס דאַרף פאַר איר ברענגען די באַפרייונג, איז געבליבן נאָר איין טאָג און מאַניע האָט געציילט די מינוטן.

ווען עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט און זשיבעק האָט באַדאַרפט אַוועקגיין, האָט ער איר געזאָגט:

— מאָרגן וועל איך ביי דיר נישט זיין, ווייל דעם גאַנצן טאָג ביז דער יום-טוב וועט זיך אָנהייבן, וועל איך זיין פאַרנומען מיט מיינע פּילגרימען.

מאַניע איז טרויעריק געוואָרן און אים אָנגעהייבן בעטן, ער זאָל אַריינקומען כאָטש אויף אַ קורצע צייט.

— בעט נישט און פאָלג אַזוי ווי איך הייס דיר. דו זאָלסט זיך גאָרנישט זאָרגן. מאָרגנדיקן טאָג זאָלסטו זיין פאַרטיק. שפּעט אין אָוונט, ווען אַלע גלאָקן וועלן קלינגען און דער טויזנט-קעפּיקער עולם וועט צוזאַמען מיט די גלחים זינגען די תפילות, אַז די לופט וועט ציטערן, וועל איך צו דיר קומען און מיר וועלן זיך לאָזן גיין אויף גאָטס באַראָט און מיר וועלן זיך צוזאַמענמישן מיט דעם גרויסן עולם, און ווייטער וועט גאָט העלפן!

— איך זאָג דיר נאָכאַמאָל אָן, די נאַכט זאָלסטו רויק שלאָפן און זיך אָננעמען מיט כוחות. דו זאָלסט זיין מוטיק, ווי אַ סאָלדאַט און זיך פאַר קיין זאַך נישט שרעקן!

און דער אַלטער זשיבעק האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און זיך אויסגעצויגן, ווי גלייך ער מושטירט מיט סאָלדאַטן.

און זאָגנדיק אַ גוטע נאַכט, איז ער אַוועק פון מאַניען.

די קורצע צייט, וואָס איז געבליבן צום גרויסן יום־טוב, האָט זיך פאַר מאַניען געצויגן, ווי אַ פעך און וויפל זי האָט זיך באַמיט צו האַלטן שטאַרק און פעסט, ווי דער אַלטער זשיבעק האָט איר אָנגעזאָגט, איז איר אַלץ געקראָכן אין קאָפּ אַריין פאַרשידענע שרעקלעכע געדאַנקען.

— אפשר וועט יאַן און לודוויג אויך קומען צו דעם יום־טוב און וועלן זי דערקענען? און דעם עקאָנאָם סילווינסקיס מומעס וועלן דאָך געוויס דאָ זיין...

און וויפל מאַניע האָט וועגן אַזעלכע זאַכן נישט געוואָלט מער טראַכטן, זענען זיי אַלע געקומען איר אויף די געדאַנקען, און ווי בייזע פליגן זיי נישט געקענט אָפּטרייבן פון זיך.

און מאַניע האָט געפלאַנעוועט, אַז אַפילו, ווען מען וועט זי באַמערקן, וועט זי זאָגן, אַז זי האָט אויך געוואָלט זען דעם גרויסן יום־טוב... וועלן זיי נאָך הנאה האָבן און זי לויבן דערפאַר. אַי, פאַר־וואָס גייט זי אין מענערקליידער, האָט זי אויך צוגעגרייט אַ תירוץ: זי וועט זאָגן, אַז זי האָט נישט געוואָלט, מען זאָל זיך אויף איר אומקוקן...

דער גאַנצער שרעק איז ביי איר נאָר געבליבן דורכגיין דעם טויער פון מאָנאַסטיר.

צוביסלעכווייז האָט זי זיך צוגעוויינט צו די געדאַנקען, וואָס האָבן איר געשראָקן און איז מיטאַמאָל געוואָרן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס איר שטייט פאַר איבערצולעבן.

— וואָס וועט זיין — זאָל זיין! — האָט זי זיך געזאָגט. — אַז מען שפּילט אין קאָרטן, מוז מען איינשטעקן. און, ווידער, וואָס האָב איך דאָ אָנצוּווערן? איידער פירן אַזאַ לעבן ווייטער, מעג זיין מיט מיר, וואָס עס וויל זיך.

און מאַניע האָט זיך אינגאַנצן באַרויִקט און פרייליך געוואָרן. די לעצטע נאַכט, וואָס זי האָט נאָך באַדאַרפט בלייבן אין מאָנאַסטיר, איז זי געשמאַק געשלאָפן.

אויף מאָרגן פרי האָט זי אויפגעוועקט דאָס אומגעוויינלעכע קלינגען פון עטלעכע גלעקער צוזאַמען.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און פון דעם גוטן אויסשלאָפן זיך האָט זי זיך דערפילט מוטיק און שטאַרק.

דאָס קלינגען פון די גלעקער האָט אין אירע אויערן געשפּילט, ווי אַ גוטע שיינע מוזיק, וועמעס קלאַנגען עס האָבן איר אָנגעזאָגט וועגן איר פרייהייט, וואָס דאַרף היינט אָנקומען.

אַ גליקלעכע האָט זי געטראַכט איצט וועגן דעם, ווי וועט זי זיך מאָרגן אין דער צייט געפינען.

— געוויס צוזאַמען מיט מיינע עלטערן און מיט דער באָבען און מיט מיינע גוטע פריינט. אָ, ווען איך וועל ווערן פריי, האָט זי שוין געטראַכט, וועל איך שוין וויסן, ווי זיך אויפצופירן. איך מוז מיט מיין גוט אויפפירן זיך באַצאָלן מיט פּראָצענט מיינע עלטערן פאַר די אומגליקן און בזיונות, וואָס זיי האָבן פון מיר, נעבעך, איבערגעליטן. געווען אַ נאַריש מיידל, איך בין נישט שולדיק! — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין און טרערן פון חרטה האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

זי האָט אויף גיך אירע אויגן אויסגעווישט און פריילעך געזאָגט:

— איך טאָר נישט און דאַרף איצט נישט וויינען.

די גלעקער האָבן נישט אויפגעהערט צו קלינגען, און ווען זי האָט דערהערט, ווי עס רעשט און הילכט אינדרויסן, איז זי צוגעגאַנגען נאָענט צו אַ פענסטער פון איר צימער און זיך געשטעלט ביי דער זייט וואַנט אַזוי, אַז מען זאָל פון דרויסן נישט קענען זען, ווי זי קוקט אַרויס דורכן פענסטער.

און מאַניע האָט געזען, ווי פּילגרימען, געזונטע און אַלערליי קאַליקעס, הינקענדיקע, אויף קוליעס, בלינדע, וועלכע מען פירט ביי די הענט, גייען אין פּראָצעסיעס און מען זינגט תפילות.

— דאָס איז נאָך גאָרנישט, — האָט מאַניע געטראַכט, — דער אמתער יום־טוב וועט זיך ערשט אָנהייבן ביינאַכט, האָט מיר געזאָגט זשיבעק.

מאַניע האָט זיך באַזונדערס צוגעקוקט צו די בלינדע, וועלכע מען האָט געפירט.

— היינט וועט מען מיך אויך אַזוי פירן, ווי די בלינדע, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

עס האָט זיך געעפנט די טיר און אין גרויס איילעניש איז

אַריינגעקומען די באַדינערין אָנגעטאָן יום-טובדיק, אין ווייסן. זי האָט פּאָר מאַניען אַנידערגעשטעלט אויף דעם טיש עסן און זי געפרעגט:

— פאַרוואָס גייט איר אויך נישט זען דעם גרויסן יום-טוב? עס איז דאָך אַזוי שיין! אויב איר ווילט, וועט באַלד קומען אַ שוועסטער, וועט איר גיין זען אונדזער שיינעם גרויסן יום-טוב!

— איך דאַנק אייך זייער, — האָט מאַניע געענטפערט, — איך וואָלט מיט פאַרגעניגן געגאַנגען, נאָר די לעצטע טעג פיל איך זיך נישט אין מיין געזונט. איך קוק דורכן פענסטער און זע אַלץ.

— זייער גוט טוט איר, וואָס איר קוקט דורכן פענסטער. אַזאַ יום-טוב קומט פאָר ביי אונדז נאָר איינמאָל אין יאָר. פון דער גאַנצער וועלט מענטשן, אָרעמע און רייכע, קליין און גרויס קומען צו אונדזער יום-טוב, און עס איז נישטאָ קיין חילוק צווישן גרויס און קליין, אָרעם און רייך. אַלע זענען גלייך! די רייכסטע פּריצים גייען מיט די אָרעמע בעטלערס.

די באַדינערין האָט איילנדיק זיך געזעגנט מיט מאַניען און איר געווונטשן, אַז איבעראַיאָר זאָל זי גלייך מיט אַלע נעמען אנטייל אין דעם גרויסן יום-טוב.

דערביי האָט זי אַ קוק געטאָן אויף איר און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— אוי, וואָלטן אייך געפּאַסט ווייסע קליידער, איר זענט דאָך אַזוי שיין, ווי אַ מלאך!

מיט די ווערטער איז די באַדינערין איילנדיק אַרויס פון צימער, רעדנדיק צו זיך: אוי, בין איך היינט פאַרנומען, אַזויפיל אַרבעט האָב איך, אַז איך קען זיך נישט צערייסן!

דער מיטאָג איז געווען אַ יום-טובדיקער, אַ בעסערער, ווי אַלע טאָג און מאַניע האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן.

פון דרויסן האָט זיך געהערט געזאַנג, און זי האָט זיך ווידער געשטעלט ביי דער זייט וואַנט, אַז מען זאָל זי נישט קענען זען, ווי זי קוקט אַרויס פון פענסטער, און ווידער האָט זי געזען גיין פּראָ-צעסיעס.

פלוצלונג האָט זי באַמערקט אין דער פּראָצעסיע דעם אַלטן זשיבעקן און זי איז אָפּגעשפּרונגען פון איר אָרט, ער זאָל זי נישט זער

מיט זיין נאַקעטן קאָפּ און מיט זיין אַלטקייט האָט ער זיך מען.

באַמערקט צווישן עולם, און מאַניע האָט זיך זייער געפרייט, וואָס זי האָט אים דערזען.

עפּעס האָט זי זיך געפּילט איצט זיכערער אין איר באַפרייונג.

— עס וועט אָנקומען די נאַכט, וועט ער קומען און עס וועט געשען!..

די פּראָצעסיעס צוזאַמען מיט דעם זינגען האָבן אויפגעהערט.

— איצט גייט דער עולם עסן מיטאָג, — האָט זי זיך געטראַכט, — די אמתע חתונה וועט זיך אָנהייבן ערשט ביינאַכט.

עס איז געוואָרן שטיל, נאָר אַ פּאָר גלעקלעך מיט דינע קלאַנגען האָבן דעם גאַנצן טאָג נישט אויפגעהערט צו קלינגען.

מאַניע האָט זיך אָנגעהייבן גרייטן אין וועג אַריין. זי האָט אַרויסגענומען אַ קליין שפּיגעלע, וואָס זי האָט געהאַט מיט זיך און האָט זיך אָנגעקוקט.

— מיינע האָר זענען צעשויבערט, — האָט זי געזאָגט, — מען דאַרף זיי מאַכן גלאַט, אַז מען זאָל קענען גוט טראָגן אַ היטל און מען זאָל מיינע גרויסע האָר נישט באַמערקן.

זי איז צוגעגאַנגען צו דעם וואַששיסל, גוט באַנעצט אירע האָר און זיי פּעסט פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ, און דערנאָך זיי שטאַרק פאַרדרייט אַרום קאָפּ און זיי איינגעפּלאַטשט מיט די הענט, זיי זאָלן אויסקוקן קלענער.

מיט דער גרעסטער אומגעדולד האָט זי אָנגעהייבן וואַרטן, ווען די נאַכט וועט קומען.

עס האָבן ווידער אָנגעהייבן קלינגען אַ סך גלאָקן צוזאַמען, און די לאַנג דערוואַרטע נאַכט האָט זיך אָנגעהייבן אָנרוקן...

ווי עס איז נאָר נאַכט געוואָרן, זענען די שפּיצן פון די קלויסטערס אין מאָנאַסטיר באַלויכטן געוואָרן מיט הונדערטער פייער־לעך. אַלע גלאָקן האָבן אָנגעהייבן קלינגען, און דער מאָנאַסטיר איז פול געוואָרן מיט פּילגרימען, אַז עס איז קיין שפּילקע נישט געבליבן ווו צו וואַרפן.

הונדערטער גייסטלעכע, אין ווייסע און אין שוואַרצע קליידער, צוזאַמען מיט די שוועסטער און טויזנטער פּילגרימען, האָבן מיט פענער און מיט ליכט אָנגעהייבן גיין אין פּראָצעסיעס, אין וועלכע מען האָט געטראָגן בילדער פון זייערע הייליקע.

אין דער לופט צוזאַמען מיט די גלעקער־קלאַנגען האָט געהילכט געזאַנג און מוזיק אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן.

אונטער דעם הילכן און רעש פון דעם יום־טוב איז דער אלטער זשיבעק אריין אין צימער. ווו מאניע האט זיך געפונען.

פון זיין זעקל האט ער ארויסגענומען אלטע פויערשע קליידער און געזאגט:

— נו, טו זיך איבער... דארפסט זיך נישט איילן און דערהויפט זיך נישט שרעקן. קיינער וועט זיך איצט אויף אונדז נישט אומקוקן, מעגסט אפילו מיט האמערס קלאפן.

— וויאזוי זאל איך זיך אנטאן? — האט מאניע, האלטנדיק די פויערשע קליידער געפרעגט.

— האסט גארנישט וואס צו טאן, — האט זשיבעק געזאגט. — דו דארפסט נישט אראפווארפן פון זיך דיינע קליידער. — און מיט די ווערטער האט ער גענומען די פויערשע „סוויטע" און איר אין דעם אנגעטאן, ארומגעגארטלט מיט א שטריק, אויף דעם קאפ איר אנגע־רוקט איבער די אויערן אן אלט פויעריש היטל פון שאפענעם פוטער, פארבונדן איר האלדז מיט א טיכל, אז עס האט פארדעקט מער ווי א האלב פנים, געגעבן איר א שטעקן אין דער האנט, דערנאך זי באטראכט און זיך אנגערופן:

— אויסגעצייכנט! מען דארף דיך נישט מאכן בלינד, קיינער וועט דיך אזוי אויך נישט דערקענען.

— נו, לאמיר נישט פארלירן קיין צייט, — האט ער זיך ווידער אנגערופן.—עס איז נאך געבליבן א שעה צו דער ענדע פון יום־טוב. דער גרויסער עולם וועט אנהייבן צוגיין זיך פון מאנאסטיר, וועלן מיר אויך ארויסגיין מיט זיי צוזאמען.

זשיבעק האט פארמאכט די טיר פון צימער און דערנאך דאס טירל פון גערטל און האבן אנגעהייבן צו גיין ער האט באלד מיט מאניען זיך צעמישט צווישן די טויזנטער פילגרימען, וועלכע האבן געזונגען פארשידענע תפילות.

געפינענדיק זיך צווישן דעם גרויסן עולם צוזאמען מיט דעם אלטן זשיבעק, איז מיטאמאל פון מאניעס פנים אוועק דער פריערדיקער שרעק און מיט גרויס נייגעריקייט געקוקט אויף די פראצעסיעס, מיט וועלכע זי איז, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, מיטגעגאנגען, ווייל דער שטראם פון דעם גרויסן עולם האט זי מיטגעשלעפט און האט זיך קוים געהאלטן לעבן דעם אלטן זשיבעקן, מורא האבנדיק אים צו פארלירן.

פלוצלונג האָט זיך דער עולם אָפּגעשטעלט לעבן גרויסן קלויס־טער. זי האָט געהערט, ווי אַלע האָבן מיט דער גרעסטער פרייד גערעדט, אַז באַלד וועלן אַרויסגיין פון קלויסטער די „נייע צוגעקו־מענע", וועלכע מען טויפט איצט אין קלויסטער מיט גרויס פּאַראַד.

דער עולם האָט מיט דער גרעסטער אומגעדולט געוואַרט אָנצו־קוקן די נייע „גליקלעכע" און אויסגעלייטערטע"...

— מען גייט, זיי גייען שוין! — האָט מאַניע אַלעמאָל געהערט אויסשרייען אַרום זיך.

און באַלד האָבן זיך אויף די קלויסטער-טרעפּ באַוויזן אַ סך גייסטלעכע, דערנאָך די עלטסטע שוועסטער אירינע, אַרומגערינגלט מיט הונדערטער שוועסטער, וועלכע האָבן געטראָגן אָנגעצונדענע ווייס־וואַקסענע ליכט, און דערנאָך עטלעכע געטויפטע מיידלעך, וועלכע זענען אויך געווען אַרומגערינגלט מיט שוועסטער.

דערזעענדיק זיי, האָבן זיך פון טויזנטער הערצער דערהערט פרייד-אויסגעשרייען מיט לויב-געזאַנגען לכּבוד די נייע צוגעקומענע און „אויסגעלייטערטע".

מאַניע האָט פון די געטויפטע מיידלעך די אויגן נישט אַראָפּ־גענומען, זיך איינגעגעסן אין זיי מיט אירע בליקן. עפּעס איינע איז איר געווען אַזוי קענטלעך, נאָר זי האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען, וווּ זי האָט איר געזען.

די קלינגעריי פון די גלאָקן האָט אָנגעהייבן שוואַכער ווערן, און דאָס האָט געהייסן, אַז דער יום-טוב גייט שוין צו ענדע.

דער טויזנטקעפּיקער עולם האָט זיך אָנגעהייבן לאָזן צו די טויערן פון מאָנאַסטיר, און דער שטראָם פון גרויסן עולם האָט אויך מאַניען מיט זשיבעקן מיטגעשלעפּט.

פלוצלונג האָט זשיבעק שטיל געזאָגט מאַניען:

— דו ווייסט, אַז דו ביזט שוין פריי?

— וואָס הייסט? האָט זי מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט.

— מיר זענען שוין פון יענער זייט טויער.

— און איך האָב עס נישט באַמערקט. איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן זיך נאָך לאַנג אַזוי שטופּן צווישן גרויסן עולם, ביז מיר וועלן צוקומען צום טויער.

די באַלייכטונגען פון די קלויסטער-שפּיצן האָבן זיך צוביסלעכווייז פאַרלאָשן און אַרום מאָנאַסטיר איז מיטאַמאָל געוואָרן פינסטער. די

פּילגרימען, ווי שוואַרצע שאָטנס, האָבן זיך נאָך געשיט פון די מאָנאַסטיר־טויערן און זענען געגאַנגען און געגאַנגען.

דאָס פינסטערניש פון דער האַלבער נאַכט איז וואָס ווייטער געוואָרן געדיכטער און געדיכטער, אַז איינער האָט דעם צווייטן נישט געזען.

— מאַניע, — האָט זשיבעק געזאָגט, — מיר וועלן נאָך אַ ביסל גיין מיט דעם וועג. נאָר באַלד וועט זיין אַ וועלדל, וועלן מיר גיין צווישן די ביימער.

מאַניע האָט זיך אָנגעהייבן שרעקן. זשיבעק האָט עס דערפילט, הערנדיק איר קלאַפּנדיק האַרץ און ער האָט ווי אַ פּאָטער אויף זיין קינד אָנגעשריען:

— וואָס ביזטו אַ קינד, צי וואָס? האָסט מיר צוגעזאָגט פאָלגן, פאָלג זשע מיך און שרעק זיך נישט, ווייל עס איז נישטאָ פאַרוואָס מער צו שרעקן זיך! כל זמן דו האָסט זיך געפונען צווישן די דיקע ווענט פון מאָנאַסטיר, האָט דיין שרעקן נאָך געהאַט אַ שטיקל פאַרענטפערונג, אָבער איצט, ווען דו ביזט שוין אַזוי ווייט פון די מאָנאַסטיר־טויערן, איז זיך מער נישטאָ וואָס צו שרעקן. ביזט פריי, מאַניע! דו הערסט, מאַניע, ביזט פריי!

— פאַרוואָס־זשע ווילסטו גיין מיט דעם וואַלד און נישט מיט דעם וועג?

— גאָרנישט! איך וויל נישט, אַז עמעצער זאָל אונדז באַגעגענען, ווי מיר שלעפּן זיך אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. עס קען אויף אונדז פאַלן אַ חשד, אַז מיר זענען נישט קיין אָרנטלעכע מענטשן... און ווידער וועלן מיר אין וואַלד קענען זיך אַ ביסל אָפּרוען. דו ביזט שוין אַוודאי מיד? וועלן מיר עפּעס פאַרבייסן... אַ יאָ, דו ביזט שוין אויך הונגעריק? איך האָב היינט דאָ געקויפט אַ פרישן קיילעכיקן ווייסן קוילעטש, איך האָב גוטן קעז און אויך בראַנפן... האָט ער געזאָגט מיט אַ שטיל געלעכטערל. — נישקשה וועסט אויך מעגן באַנעצן דיינע ליפּן און דערקוויקן דיין הערצעלע... האָסט זיך, נעבעך, גענוג אָנגעפייניקט.

מאַניע האָט ערשט איצט מיטאַמאָל דערפילט, ווי שטאַרק זי איז הונגעריק.

— גוט, זייער גוט, וואָס דו האָסט אָנגעגרייט עפּעס צו עסן. איך בין טאַקע זייער הונגעריק. איך וועל דיך שוין פאָלגן און

וועל זיך מער נישט שרעקן, ווארים טאַקע באמת פאַר וועמען האָב איך איצט מורא? זאָל מען מורא האָבן פאַר מיר,—האָט זי פריילעך געזאָגט.

— קלוג געזאָגט! זאָל מען מורא האָבן פאַר דיר!

און דער אַלטער זשיבעק האָט זיך אַזוי פריילעך צעלאַכט, אַז ער האָט זיך אַזש צעהוסט.

אַ צוואַנציק מינוט זענען זיי שווייגנדיק געגאַנגען אויף דעם וועג. מער קיין פילגרימען האָבן זיי שוין אַרום זיך נישט געזען.

באַלד האָבן זיי ביי דער זייט דערזען דאָס וועלדל, זיי זענען אַראָפּ פון וועג און פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימער.

קאַפּיטל עלף.

אויף דעם וועג צוריק.

זיי זענען געגאַנגען נישט טיף אין וואַלד, נאָר אַזוי נאָענט צום ברעג, אַז מ׳זאָל נישט פאַרלירן דעם פריערדיקן וועג, וואָס ציט גלייך אין יידישן שטעטל וואָראָנאָוויצע. אָפּגייענדיק אַ פאַר ווי‌אָרסט, האָבן זיי זיך גענומען אַ ביסל טיפער אין וואַלד און זיך צוגעזעצט אויף דעם גראָז, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די פּיאָנעס פון אַ בוים.

זיי האָבן זיך אָפּגערוט און זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט, וועלכע זיי האָבן ביז איצט נישט באַמערקט, ווייל זיי האָבן זיך אַזוי צוגעוויינט צום רעש פון גרויסן עולם, אַז זיי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו רוישן אין קאָפּ און אין די אויערן.

פון מאָנאַסטיר האָט זיך איצט צו זיי נאָך געטראָגן אַ טויב קלינגען פון אַ פּאָר גלאָקן. נאָר וואָס ווייטער האָט די צאָך קלינגענדיקע גלאָקן זיך פאַרקלאָגערט ביז נאָר איינער פון די קלענסטע גלאָקן האָט

טויב נישט אויפגעהערט צו קלינגען, און ענדלעך האָט ער אויך אויפגעהערט. אַרום מאַניען און זשיבעקן האָט געהערשט אַ שטילקייט, אַז מען האָט געקענט הערן יעדן שאָרך פון די וואַלד-בלעטלעך, אָדער דאָס פּאָכן מיט די פליגלען פון די פייגעלעך, וועלכע האָבן גערוט אויף די צווייגן פון די ביימער.

דער אַלטער זשיבעק האָט פון זיין טאָרבע, מיט וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל נישט צעשיידט און איז שטענדיק געהאָנגען ביי זיין גאַרטל, אַרויסגענומען ברויט און קעז און פון דער כאָלעווע פון זיינעם אַ שטיוול,—אַ קליין פלעשעלע בראָנפן.

דאָס אַלץ האָט ער פאַרגעלייגט מאַניען.

— נעם אַ פּאָר טראָפּן, — האָט ער געזאָגט, — עס וועט דיר דערקוויקן. — זי האָט זיך אָבער פון דעם אָפּגעזאָגט און האָט נאָר גענומען אַ ביסעלע, אויסגעגאָסן אויף די הענט און זיך מיט דעם אַרומגעוואַשן דאָס פּנים, זי זאָל זיך אַ ביסל דערפרישן.

— אַן עבירה זיך וואַשן מיט בראָנפן, — האָט דער אַלטער זיך געוווּרטלט, — דעם טייערן טראָפּן דאַרף מען אַראָפּגליטשן אין זיך.

דערביי האָט ער אָנגעהייבן גאָרגלען פון העלדזל און אַלעמאָל געקוקט אויף דעם פלעשל און געוואָלט זען, וויפל עס איז נאָך איבערגעבליבן.

— מען זעט גאָרנישט, — האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר מאַניען.— אפשר וועסטו זען, דו האָסט יונגע אויגן.

דערביי האָט ער איר דערלאַנגט דאָס פלעשל.

— וואָס ווילסטו זען אין פלעשל? — האָט זי לאַכנדיק געפרעגט און איר האָט זיך איצט אויסגעוויזן, אַז דער אַלטער זשיבעק שפּילט זיך מיט איר אַזוי און זאָגט ווערטלעך אויף צום לאַכן, פונקט ווי זי איז נאָך אַ קינד געווען.

— וואָס ווילסטו זען אין פלעשל? — האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט.

— איך וויל אָפּטרינקען פונקט אַ האַלב און די צווייטע האַלב איבערלאָזן אויף נאָכאַמאָל. דערנאָך וועט שוין ווערן טאָג און אַ ביסל בראָנפן וועט מען באַקומען, ווו מען וועט נאָר וועלן, געלט האָב איך גענוג!

דערביי האָט ער פון פלעשל נאָך איין זופּ געטאָן, זיך דערפילט דאָס האַרץ, אַז ער האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן. דערנאָך האָט ער פאַר

אפגעבראָכן אַ שטיקל קוילישׁ מיט אַ שטיקל קעז און אַלץ דערלאַנגט מאַניען.

— נו, עס, דאָס האַרץ קלעמט דיר שוין!

מאַניע האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן ברויט מיט קעז און גע־פילט מער טעם, ווי פון די גוטע מיטאָגן מיט וועלכע מען האָט זי געהאָדעוועט אין מאָנאַסטיר.

— איך האָב שוין לאַנג מיט אַזאַ גוטן אַפּעטיט נישט געגעסן און אַזוי נישט הנאה געהאַט, ווי איצט.

— זעסטו! איך האָב דיר אָבער געזאָגט, אַז מען דאַרף עסן! אַ שאָד, וואָס דו ווילסט מיך נישט פאָלגן און נעמען אַ ביסל בראָנפן. דעמאָלט וואָלסטו ערשט געוווּסט, וואָס גוט הייסט! אָט פאָלג מיך און נעם אַ ביסעלע, עס איז נאָך אין פלעשל געבליבן.

מאַניע האָט געלאַכט.

— נו, אַז דו ווילסט נישט, וועל איך נאָך נעמען אַ קליין ביסעלע, —האָט ער געזאָגט, און גאַרגלענדיק ווידער פון העלדזל, האָט ער זיך שוין נישט געקענט מער אָפּרייסן, ביז פון פלעשל האָט זיך אויפגעהערט ווייטער צו גיסן.

— אָט איצט ווייס איך, וויפל איך האָב אויסגעטרונקען און וויפל עס איז געבליבן אין פלעשל.

— זאָל דיר זיין צו געזונט, — האָט מאַניע אים געווּנטשן לאַכנדיק. — נישקשה, האָסט זיך געמענט דערלויבן צו נעמען אַן איבעריק ביסל בראָנפן. האָסט געטאָן אַזאַ גוטע זאַך, וואָס איך און מיינע עלטערן וועלן דיר עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן... און וואָס עס געהער זיך אָן צו מיר, ביזטו פאַר מיר אַלצאיינס, ווי אַ צווייטער פאָטער.

דאָס האַרץ האָט פון מאַניעס ווערטער זיך דערוואַרעמט ביי דעם עלנטן אַלטן זשיבעקן, וואָס האָט קיינעם נישט געהאַט אויף דער וועלט. ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ, זאָגנדיק:

— ניין, ניין מאַניע, דיינע עלטערן טאָרן נישט וויסן! קיינער טאָר נישט וויסן, אַז איך האָב דיך אַרויסגעפירט פון מאָנאַסטיר. ביז נאָך מיין טויט טאָר קיינער נישט וויסן!

מאַניע, וועלכע האָט געשמאַק געקייט אויף אַלע אירע ציין דאָס ברויט מיט קעז, האָט אויפגעהערט צו עסן און אים מיט דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג געפרעגט:

— וואָס הייסט, מיינע עלטערן זאָלן נישט וויסן? זיי וועלן דאָך דיר אָפּדאַנקען!

— איך דאַרף נישט קיין דאַנקען! איך האָב אַלץ געטאָן מיט מיין אייגענעם ווילן. קיינער האָט מיך וועגן דעם נישט געבעטן, און אויב דו ווילסט מיך באַלוינען, וועט דער בעסטער דאַנק זיין פאַר מיר, ווען דו וועסט קיינעם קיין וואָרט דערציילן! וועט זיך אָבער עמעצער דערוויסן, אַז איך האָב דיך אַרויסגעפירט פון מאָנאַסטיר, וועסטו מיר טאָן אַ סך שלעכטס, פון וואָס איך וועל זייער ליידן... און מיר טאָן שלעכטס, ווייס איך, ווילסטו אויך נישט! איך בעט דיך, מאַניע, נאָכאַמאָל, אַז דו זאָלסט קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן.

— גוט, גוטער זשיבעק, איך וועל דיך פאָלגן און קיינעם קיין וואָרט וועגן דיר נישט דערציילן, אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר זאָגן, פאַרוואָס ווילסטו עס אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, אַז דו האָסט געטאָן פאַר מיר אַזאַ גוטע זאַך... האָסט דאָך געראַטעוועט מיין לעבן!

— דו ביזט אַ קלוגע, פאַרוואָס זאָלסטו עס נישט פאַרשטיין? איך בין דאָך אַ קריסט, און אַלס אַן אמתער פרומער קריסט האָט מיך מיין געוויסן געפּלאָגט, אַז מען האָט מיט דיר געטאָן נישט קיין קריסטלעכע זאַך. מען טאָר יענעם מיט געוואַלט נישט בייטן צו בייטן די רעליגיע, נאָר מיט דעם גוטן ווילן קענען מיר אויפנעמען אין אונדזער קלויסטער פרעמדע און זיי שמדן, אָבער נישט מיט געוואַלט! דאָס הייסט אונדזער גאָט אויך נישט טאָן! אַזוי פאַרשטיי איך שטענדיק און אַזוי האָב איך איצט אויך פאַרשטאַנען. האָב איך דעריבער אַלץ געטאָן, אַז איך זאָל דיך באַפרייען און געבעטן גאָט צו הילף. קענענדיק דיך פון קינדהייט אָן, האָב איך געפילט און פאַרשטאַנען, אַז מען האָט דיך נאָר פאַרפירט און מען האַלט דיך אין מאָנאַסטיר מיט געוואַלט, האָב איך דיך באַפרייט. אָבער ווען מען וועט זיך דערוויסן, וועל איך האָבן גרויסע צרות פון זיי.

— אָבער מיינע עלטערן וועלן קיינעם נישט דערציילן. זיי דאַרפן דאָך וויסן!

— ניין! אַז איינער ווייס, וועלן שוין פריער אָדער שפּעטער אַלע זיך דערוויסן, איך וויל דאָס נישט!

— אָבער וואָס וועל איך זיי דערציילן, וויאַזוי איך האָב זיך באַפרייט?

— גאַנץ פּראָסט, דו קענסט יעדן דערציילן. אַז אין גרויסן טומל פון גרויסן יום-טוב, ווען עס זענען צוזאַמענגעקומען טויזנטער מענטשן, האָט מען אויף דיר ווייניקער אַכטונג געגעבן, ווייל אַלע זענען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דעם יום-טוב... איז דיר געלונגען נישט באַמערקט אַרויסצוגיין פון מאַנאַסטיר צוזאַמען מיט דעם גרויסן עולם. אָט דאָס איז גאָר, וואָס דו האָסט צו זאָגן! האָבן זיך דען נישט שוין געטראָפן אַזעלכע געשיכטעס? טאַקע אין דעמזעלבן מאַנאַסטיר האָט זיך שוין אויך אַמאָל אַזאַ געשיכטע געטראָפן און פאַרפאַלן ביז היינטיקן טאָג.

מאַניע האָט געגעבן איר וואָרט דעם אַלטן זשיבעקן, אַז זי וועט קיינעם נישט דערציילן וועגן אים, אַזוי ווי ער פאַרלאַנגט עס.

ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זיי זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין.

זיי זענען געגאַנגען און אַלעמאָל זיך אָפּגערוט.

דער וואַלד האָט זיך געענדיקט און זיי האָבן געמוזט גיין אויפן גלייכן אָפענעם וועג. מאַניע האָט זיך ווידער אָנגעהייבן שרעקן. אפשר באַגעגנט מען זיי.

— וואָס־זשע האָסטו מורא, אַז מען וועט אונדז באַגעגענען? מיר האָבן עפּעס ביי עמעצן אין דער נאַכט געגנבעט, צי וואָס?

— טאָמער איז מען אונדז חושד? ווי דו האָסט פריער געזאָגט.

— נו, און אַז עמעצן וועט איינפאַלן אונדז חושד צו זיין, איז וואָס? וועט מען אונדז אָפּשטעלן, אויספרעגן, ווער מיר זענען, פון־וואַנען און וווהין מיר גייען און מען וועט אונדז אָפּלאָזן.

— און טאָמער דערוויסט מען זיך דערווייל אין מאַנאַסטיר, אַז מיר זענען אַנטלאָפן? — האָט מאַניע מיט שרעק געפרעגט.

דער אַלטער זשיבעק האָט זיך צעלאַכט:

— איך וווּנדער זיך אויף דיר, מאַניע, דו ביזט שוין נישט קיין קינד, אַ דערוואַקסענער מענטש, אַ קלוג מיידל און רעדסט אַזוינע נאַרישקייטן! דו ווייסט אַליין גוט, אַז מיר האָבן נאָר גע־קענט מורא האָבן, ווען מען כאַפּט אונדז אין מאַנאַסטיר, אָבער דאָ זאָגן זיי פאַר אונדז מורה האָבן, ווי דו האָסט פריער זייער גלייך געזאָגט. זעסטו, אויב מורא האָבן, דאַרף איך מער, ווי דו. איך בין אַ קריסט, וואָלט איך, נאָך זייער מיינונג, אפשר נישט באַדאַרפט

העלפן דיך צו באפרייען. אבער דו ביזט פון אן אנדער גלויבן, וואס פאר א טענות קענען זיי האבן צו דיר?

— זיי האבן דאך מיט דיר געטאן א גרויס פארברעכן, — האט זשיבעק אויפגערעגט ווייטער גערעדט. — זיי האבן דיך נישט געטארט האלטן ביי זיך אן איבעריקע מינוט, ווען דו האסט זיך איין מאל אפגעזאגט צו בייטן דיין רעליגיע. נאר ביי זיך אין מאנאסטיר האבן זיי אומגעזעצלעך געטאן, וואס זיי האבן געטאן, ווייסנדיק, אז קיינער וועט זיי נישט שטערן. אבער דא האסטו פאר זיי נישט וואס מורא צו האבן. זיי וועלן דאנקען גאט. אז דו אדער דיינע עלטערן וועלן זיי נישט אנקלאגן, כאטש א דאנק זייערע גרויסע באקאנטשאפטן אין די הויכע פענסטער, האבן זיי פאר קיין שטראף קיין מורא נישט. זיי שרעקן זיך אבער פאר אן עפנטלעכן סקאנדאל. פאר דעם האבן זיי מורא מער ווי פאר צוואנציק שטראפן!

— פארוואס שרעקן זיי זיך אזוי דערפאר? — האט מאניע פון בייגעריקייט געפרעגט.

— ווייל זייער מאנאסטיר זאל נישט באקומען קיין שלעכטן נאמען. ווייניקער פילגרימען וועלן דאן קומען צו זיי און ווייניקער געלט וועט צו זיי אריינפאלן.

— זאג מיר, זשיבעק, פונוואנען ווייסטו דאס אלץ? — האט מאניע זיך פאראינטערעסירט צו פרעגן.

דער אלטער זשיבעק האט א זיפץ געטאן און געענטפערט:

— מיין קינד, א מענטש, וואס האט געלעבט אזויפיל יארן, אזויפיל געליטן אין זיין לעבן און דערצו געדינט פינפאונצוואנציק יאר ביי ניקאלאי דעם ערשטן, ווייסט אלץ! איך בין טאקע א פראסטער „בעזגראמאטנע מוזשיק", אבער נישט פון די מוזשיקעס, וועלכע האבן אפגעלעבט זייערע אלע יארן רויק ביי זיך אין דארף. איך האב דאך אין מיין לאנג לעבן אויסגעזען א וועלט! ווו האב איך זיך נישט ארומגעוואלגערט, אלץ געזען און געהערט און דערצו, ווען איך האב נאך געדינט, האט מען אונדז, סאלדאטן, געשיקט אין א מאנאסטיר, ווייל דארטן זענען פארגעקומען אזעלכע שרעקלעכע זאכן, וואס אלס קריסט איז מיר א בזיון צו דערציילן... בעסער שווייגן!

און זשיבעק איז אין דער פינסטערער נאכט אנטשוויגן געווארן. מאניע האט אים מער וועגן דעם נישט געפרעגט. זי האט זיך בארויקט און איז לאנג געגאנגען, נישט אויסרעדנדיק אווארט.

— ביזט מיד? — האָט זשיבעק פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן מאַניען.

— אָ, ניין, איך פיל זיך איצט אַזוי גוט, אַז איך פיל נישט קיין שום מידקייט.

— אָבער קיינער באַגעגנט אונדז נישט! — האָט פּלוצלונג אַ צעפרידענע מאַניע אויסגעשריען.

— ווער זאָל אונדז באַגעגענען? די וועלט שלאָפט איצט

— עס איז שפּעט? וויפל קען איצט זיין צו טאָג?

זשיבעק האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם הימל, ווי גלייך ער וואָלט געקוקט אויף אַ זייגער און געזאָגט:

— אַ שעה צוויי צו טאָג און אפשר נאָך ווייניקער.

וואָס נענטער צו טאָג, האָט מען אָנגעהייבן באַגעגענען פורען. טייל זענען געפאָרן אויף די פעלדער צו דער אַרבעט און טייל זענען געפאָרן מיט געפּאַקטע פורן גרינס און מיט זעקלעך ווייץ און קאָרן ערגעץ אין אַ שטעטל אויף אַ יאריד.

מען האָט אויך באַגעגנט איינציקע פוסגייער מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס.

יעדעס מאָל, ווען זשיבעק האָט עמעצן באַגעגנט, האָט ער יעדן געזאָגט אַ ברייטן גוטמאָרגן און מיט אַ ברכה. מאַניע האָט אים נאָכגעטאָן און די פאַרבייגייער און פאַרבייפאָרער האָבן פריינטלעך געענטפערט מיט דעמזעלבן.

זשיבעק האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם הימל און זיך אָנגערופן צו מאַניען:

— איך וואָלט געוואָלט, אַז מיר זאָלן אָנקומען אין שטעטל וואָראָנאָוויצע, ווען עס וועט נאָך זיין פינסטער. אָבער איך זע, אַז מיר וועלן נישט קענען, סיידן מיר זאָלן אַ ביסל אונטערפאָרן.

— ווו וועסטו נעמען דאָ אַ וואָגן מיט פערד?

— איך וועל פרעגן. אויב עמעצער פאָרט אויף דעם וועג קיין וואָראָנאָוויצע, וועלן מיר זיך איינבעטן ביי גוטע מענטשן, מען זאָל אונדז אַ ביסל אונטערפירן.

מאַניע האָט זיך ווידער אָנגעהייבן שרעקן און אים אָפּגערעדט דערפון.

— בעסער אָנצוקומען שפּעטער, איידער זיך איינבעטן ביי פרעמדע מענטשן. ווער ווייסט ווי אַזוי מען וועט אויף אונדז קוקן...

זשיבעק האָט זיך צעלאַכט.

— ווייזט אויס, אַז מען האָט דיך גוט אָנגעשראָקן אין מאָנאַסטיר... נישטאָ, מיין טייערע, וואָס צו שרעקן זיך איצט! — האָט ער פעסט געזאָגט.

מאַניע, גלייבנדיק אים אין אַלץ, האָט אים נאָכגעגעבן, און האָט מער וועגן דעם נישט גערעדט.

ווען עס איז פאַרבייגעפאָרן דער ערשטער פויער, האָט אים זשיבעק אָפּגעשטעלט, און אָפּגעבנדיק אים זיין ברייטן גוטמאָרגן מיט ברכות, ווי זיין שטייגער איז, און באַקומענדיק דעמזעלבן פריינטלעכן גוטמאָרגן, האָט אים זשיבעק געפרעגט:

— וואוהין טראָגט דיך גאָט?

— אָט, נישט ווייט פון וואַראַנאַוויצע.

— פיר אונטער אַן אַלטן מאַן מיט אַ זון, אַ קאַליקע.

— פונוואַנען פירט דיך גאָט?

— פון מאָנאַסטיר, פאַר דיר גאָט געבעטן!

— וואָס האָסטו זיך אַזוי געאיילט? ערשט היינט ביינאַכט האָט זיך דער גרויסער יום-טוב געענדיקט.

— איך אייל זיך אַהיים אין מיין דאָרף צו מיין שטיקל ערד, וואָס איך האָב פאַרלאָזט צוליב די תפילות... און ווידער איז ביינאַכט פאַר אונדז קילער צו גיין, ווי בייטאָג, ווען די זון ברענט.

— ווייזט אויס, אַלטיטשקער, אַז דו האָסט פיל געזינדיקט אין דיין לאַנג לעבן, ווען דו האָסט אין אַזאַ אַרבעטס-צייט געקענט פאַרלאָזן דיין שטיקל פעלד, — האָט זיך דער פויער געוווּרטלט און פריינטלעך געזאָגט: — נו, קריכט אַרויף אויף דעם וואָגן, אָט אַזוי! און דערביי האָט דער פויער די פוסגייער געהאָלפן אַרויפקריכן אויף דעם וואָגן און מען האָט אָנגעהייבן ווייטער פאָרן.

דעם גאַנצן וועג האָט זשיבעק מיט דעם פויער פאַרפירט אַ לאַנגן שמועס וועגן דער ערד אין דער געגנט, צי זי איז פעט און שוואַרץ.

— עס איז געווענדט, ווער עס באַאַרבעט די ערד, — האָט דער פויער געענטפערט. — אַז מען איז נישט קיין באַלעבאָס, העלפט נישט קיין פעטע שוואַרצע ערד. ווען מען באַאַרבעט גוט, איז אַ מאָגער שטיקל ערד אויך נישט שלעכט.

— ריכטיק געזאָגט! — האָט זשיבעק מסכים געווען.

קאפיטל צוועלף.

אין שטעטל.

א פאָר וויאָרסט פון שטעטל וואָראָנאוויצע האָט דער פויער, וואָס האָט די פרעמדע מענטשן אונטערגעפירט מיט זיין פערד און וואָגן, זיך באַדאַרפט נעמען אין א זייט וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן פריש געאַקערטע פעלדער. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין פור און געזאָגט:

— דאָ נישט ווייט זעט מען שוין אַרויס דאָס שטעטל און איך דאַרף מיך נעמען אין דער זייט.

זשיבעק און מאַניע זענען אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן און אים געדאַנקט, און נאָכדעם, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעווינשעוועט איינס דאָס אַנדערע אַלדאס גוטס, איז דער פויער אַוועקגעפאָרן זיין וועג און זשיבעק מיט מאַניען זענען געגאַנגען מיט דעם שליאַך, וואָס פירט גלייך אין שטעטל.

אינדרויסן איז מיטאַמאָל געוואָרן שטאָק פינסטער, א סימן, אַז באַלד וועט אָנהייבן צו טאָגן. ערגעץ פון א נאָענטן שטעטל האָט זיך געהערט העגער קרייען און הינט האַווקען.

צום שטעטל איז נישט לאַנג געבליבן צו גיין.

— מאַניע, — האָט זיך זשיבעק פלוצלונג אָנגערופן, — באַלד וועלן מיר זיך געזעגענען. ווען מיר וועלן אַריינגיין אין שטעטל, וועל איך דיך צופירן צו אייער רבין. דאָרטן וועסטו זאָגן, ווער דו ביזט און דערציילן, אַז דו ביזט אַליין אַנטלאָפן פון מאָנאַסטיר, ווען דער

גרויסער יום-טוב איז פאָרגעקומען און מען האָט דיך נישט באַמערקט, ווען דו ביזט צוזאַמען מיט דעם גרויסן עולם אַרויסגעגאַנגען דורכן טויער. מיין נאָמען זאָלסטו נישט דערמאָנען, אַזויווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט. איך בין נישטאָ און קיינער דאַרף נישט וויסן וועגן מיר.

— וואָס וועל איך טאָן אַליין ביים רבי? — האָט מאַניע געפרעגט אַ ביסל דערשראָקן.

— דו דאַרפסט גאָרנישט טאָן. דער ראַבין ווייסט שוין וועגן דיר. דיינע עלטערן פלעגן אָפט קומען צום ראַבין אין הויז פרעגן, וואָס מען זאָל טאָן, אַז מען זאָל דיך באַפרייען פון מאָנאַסטיר.

— און וווּהין וועסטו איצט גיין?

— וואָס הייסט וווּהין? אַהיים צו דער מיל וועל איך גיין. אמת, דיין פאָטער וועט שוין איצט ווידער לאָזן די מיל...

— ווען וועלן מיר זיך נאָכאַמאָל זען? — האָט מאַניע געפרעגט.

— מיר וועלן זיך שוין זען! אינדערהיים, אָדער ערגעץ אַנדערש, ווו דו וועסט זיין, נו, מאַניע, מיר דאַרפן זיך איילן, מיר מוזן אָנקומען אין שטאָט, איידער עס וועט ליכטיק ווערן.

דערביי האָט ער פון ערגעץ אונטער זיינע קליידער אַרויסגענומען געלט און איר געגעבן.

— אַ מענטש טאָר אָן געלט נישט זיין. איך שענק דיר עס נישט. דו וועסט מיר שפּעטער אָפּגעבן, ווען מיר וועלן זיך זען. אין וועג טאָר אַ מענטש נישט זיין אָן קיין געלט, — האָט ער ווידער געזאָגט. — אָט, ווען איך האָב זיך געלאָזט אין וועג, האָב איך מיטגענומען מיין גאַנץ געלט — פופציק רובל. צען איז שוין ביי מיר צוועקגעגאַנגען, צוואַנציק גיב איך דיר און צוואַנציק בלייבט פאַר מיר.

מאַניע האָט צוגענומען ביי אים דאָס געלט און געזאָגט:

— ווען מיר וועלן זיך זען, וועל איך דיר אָפּגעבן.

— גוט, גוט, איך בין רויִק פאַר מיין געלט. זע בעסער, דו זאָלסט זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט וועגן מיר, דאָס בעט איך דיך נאָכאַמאָל.

— זיי רויִק, קיין לעבעדיקער מענטש וועט נישט וויסן!

— אַזוי איז גוט! דיין וואָרט איז ביי מיר הייליק!

דעם ווייטערדיקן וועג האָבן זיי געשוויגן און האָבן זיך ביידע צוגעאיילט קומען וואָס פריער קיין וואָראָנאָוויצע.

דאָס שטעטל איז נאָך געשלאָפן, ווען די מידע פוסגייער זענען

אהין אָנגעקומען. אין אַן עק הימל האָט קוים אָנגעהייבן צו טאָגן. אָבער עס איז נאָך געווען גענוג פינסטער אין שטעטל.

ווען מען איז צוגעקומען צו דעם געסל, ווו עס האָט זיך געפונען דעם רבס שטוב, האָבן זיי זיך געזעגנט. מאַניע האָט איר באַפרייער אַ קוש געטאָן אין זיין נאַקעטן קאָפּ און טרערן פול מיט דאַנקבאַרקייט האָבן זי געשטיקט אין האַלדז, נישט קענענדיק אויסרעדן אַ וואָרט.

דער אַלטער זשיבעק האָט מיט זיין אַרבל אויך געווישט זיינע אויגן. און זיי זענען זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע וועגן.

זשיבעק האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעשטעלט און געוואַרט פונדערווייטנס, ביז מען וועט מאַניען אַריינלאָזן צום „ראַבין".

מאַניע האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענסטער. קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, האָט זי געקלאַפּט עטלעכע מאָל, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז ביים פענסטער האָט זיך באַוויזן די רביצן און מיט שרעק געפרעגט:

— ווער איז דאָרטן?

— איך בין ר' זעליגס טאָכטער.

— וועלכער ר' זעליג?

— ר' זעליג שרהס טאָכטער פון דאָרף זאַסטאַוו.

באַלד האָט זיך אין אַ פענסטער באַוויזן אַ טונקעלע געלע שיין. דערנאָך האָט זיך געעפנט די טיר און מאַניע איז אַריינגעגאַנגען.

* * *

דער אַלטער זשיבעק, וואָס האָט דאָס אַלץ פונדערווייטנס געזען, האָט גרינג אָפּגעזיפצט און איז אוועק אין דער איינציקער גויישער קרעטשמע, וואָס האָט זיך געפונען אין שטעטל אויף דעם מאַרק, וווּ פאַרבייפאָרער און פרעמדע מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען אָדער איבערנעכטיקן, און איבערגעכאַפּט דעם הונגער.

זשיבעק האָט דאָ גענומען אַ ביסל בראָנפן און פאַרביסן, און

אַ מידער זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד אין אַ ווינקל צווישן אַנדערע, וועלכע זענען דאָ געלעגן און געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. די קרעטשמע איז געווען פול מיט פּילגרימען און אַנדערע פאַרבייפאָרער. אויף דעם גרויסן מאַרק-פּלאַץ אַרום דער קרעטשמע זענען געשטאַנען אַ סך פורן מיט פערד, אַז עס איז נישט געווען דורכצוגיין.

טייל האָבן גערוט אויף די וועגן אָדער געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, נאָר נאָך מער מענטשן האָבן זיך געשטופּט צום לאַנגן טיש, ווו מען האָט פאַרקויפט עסנוואַרג און בראָנפן.

אַלע האָבן גערעדט און גערעשט, און די לופט אין קרעטשמע איז געשטאַנען, ווי אַ נעפּל, ווי אַ רויך.

זשיבעק האָט זיך צווישן אַלע אויך געשטופּט צום טיש מיט עסנוואַרג. דאָ האָט ער זיך פּלוצלונג באַגעגנט מיט יאַנען, וועלכער איז געשטאַנען ביים טיש, געטרונקען און געגעסן.

— וואָס טוסטו דאָ, אַלטער? — האָט יאַן געפרעגט זשיבעקן. — אוודאי פון דעם גרויסן יום-טוב גייסטו?

— יאָ, פון מאָנאַסטיר, גלייך מיט אַלע גאָט געבעטן, און דו, פונוואַנען פאָרסטו?

— אויך פון מאָנאַסטיר!

— אַזוי יונג גייסטו שוין איבער די מאָנאַסטירן. וואָס וועסטו טאָן אויף דער עלטער? — האָט זיך זשיבעק געוווּנדערט.

עטלעכע פויערים, וואָס זענען לעבן זיי געשטאַנען און געהערט דעם שמועס, האָבן זיך צעלאַכט און אָנגערופן:

— גוט האָט געזאָגט דער אַלטער! ווי קומט אַזאַ געזונטער יונגערמאַן ארומגיין איבער די מאָנאַסטירן?

און די פויערים האָבן זיך אויף אַ קול צעלאַכט.

איינער האָט זיך געווענדט צו יאַנען:

— אַזאַ געזונטער יונגערמאַן וואָלט בעסער געבליבן אויף דעם פעלד אַרבעטן, ווען די אַלטע גייען אין די מאָנאַסטירן גאָט פאַר אייך בעטן!

דעם קרעטשמערס זון, יוזעף, וועלכער איז אויך געשטאַנען ביים טיש מיט עסנוואַרג און געהאָלפן זיין פאָטער פאַרקויפן אין דעם

גרויסן יאַריד, און וועלכער האָט גוט געקענט יאַנען און צוליב וואָס ער קומט אַזוי אָפּט אין מאָנאַסטיר, האָט זיך צעלאַכט, זאָגנדיק:

— יאַן גייט אין מאָנאַסטיר צוליב אַ מיידל, אַ „זשידאָווקע", וועלכע האָט זיך באַדאַרפט שמדן און מיט אים חתונה האָבן, צום סוף איז זי גאָר אַנטלאָפן פון מאָנאַסטיר און ער איז געבליבן אַליין...

יאַן האָט זיך אָנגעצונדן און מיט פאַרדראָס זיך אָנגערופן צום קרעטשמערס זון:

— הער נאָר, יוזעק, האַלט בעסער די צונג צווישן די ציין! אַזוי דאַרף נישט רעדן אַ חבר, שיטן זאַלץ אויף די ווונדן... האַלט בעסער מויל, וואָרים איך קען נאָך אין דיר אַריינפאָרן!

— וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? איז עס דען נישט אמת, זאָג איך אַ ליגן? איך מיין נישט דיך צו ערגערן. איך זאָג עס זייער טשיקאַווע! זיי נישט ברוגז אויף מיר, חבר, און דערצייל בעסער, — האָט יוזעק פריינטלעך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף יאַנס אַקסלען.

— דערצייל, דערצייל! — האָבן זיך אָנגערופן אַ פּאָר פּויערים. — עס איז זייער אינטערעסאַנט וויאַזוי די זשידאָווקע איז אַנטלאָפן.

— אַפּנים, — האָט זיך געבומען ווערטלען אַ דריטער פּויער, — אַז אונדזערע הייליקע שוועסטער האָבן צוליב דעם גרויסן יום-טוב געבומען אַ ביסל איבעריקן בראָנפן. אַנדערש וויאַזוי איז מעגלעך, אַז דידאָזיקע אומגלויביקע זאָל קאָנען אַנטלויפן?

די אַרומיקע, וואָס זענען געשטאַנען דערביי און זיך צוגעהערט צום שמועס, האָבן מיטאַמאָל אויסגעשאָסן אַ פריילעכן געלעכטער, וועלכער האָט יאַנען געשטאָכן, ווי מיט שפּילקעס און ער האָט מיט כעס געשריען אויף די צוהערער:

— איר זענט דען קריסטן? איר זענט פאַרקויפער פון יעזוסן! וואָס זענען די שוועסטער שולדיק, ווען זיי, האָבנדיק גוטע הערצער, זענען זיך באַגאַנגען מיט דער „זשידאָווקע" מיט קריסטלעכן רחמנות. זיי האָבן איר געגלויבט און זי האָט זיי אָפּגענאַרט. אַזעלכע דאַרף מען האַלטן אין אייזערנע קייטן, ווי מען פלעגט עס טאָן אין די אַמאָליקע יאָרן און נישט פירן זיך, ווי מיט פריצטעס צירלעך-מאַנירלעך. דאָס וועט זיי זיין אַן אָנלערנונג אויף ווייטער.

— נו, געבוג! געבוג זיך בייזערן. וואַרף אַוועק דיין כעס און דערצייל בעסער, וויאַזוי איז דאָס געשען? עס איז דאָך אַזוי טשיקאַווע.

— דערצייל, דערצייל, — האָבן זיך די פריערדיקע צוויי פּויערים

אויך געבעטן בײַ אים. — מיר וועלן קומען אַהיים פון אַזאַ ווײַטן וועג און מען וועט אונדז פרעגן, וואָס האָט איר געהערט און וואָס האָט איר געזען אויף דער וועלט, וועלן מיר נישט וויסן וואָס צו זאָגן.

ענדלעך, האָט מען יאַנען אײַנגעבעטן און ער האָט מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ אָנגעהויבן צו דערצײַלן:

— איך בין געקומען אין מאָנאַסטיר ערשט נעכטן בײַנאַכט. דער יום-טוב האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. — יום-טוב איז יום-טוב! איך בין געווען צווישן עולם ביז דער יום-טוב האָט זיך געענדיקט, דערנאָך בין איך אַ מידער אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי אַ געהרגעטער. גאַנץ פרי בין איך אָבער אויפגעשטאַנען און געוואַרט: הײַנט מוז איך זיך זען מיט מאַניען און ערנסט איבעררעדן מיט איר וועגן אונדזער חתונה, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין נישט אײנמאָל גערעדט און זי האָט עס אַלץ אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט. וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב זיך אײניקע מאָל באַקלאָגט פאַר די שוועסטער, האָבן זיי מיר צוגעזאָגט, אַז איצט זענען אַלע שטאַרק פאַרנומען מיט דעם יום-טוב, נאָר באַלד דערנאָך וועלן זיי זיך אויך אין דעם אַרײַנמישן און מיר העלפן איבעררעדן מיט דעם מיידל, און צוליב דעם בין איך טאַקע איצט געקומען אין מאָנאַסטיר. נאָר שטעלט אײַך פאָר, אַז ווען איך האָב געבעטן מײַנע אַ באַקאַנטע שוועסטער, זי זאָל מיט מיר גײן צו מאַניען, האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט און געזאָגט, אַז מאַניע איז שוין נישטאָ. זי איז אַנטלאָפן פון מאָנאַסטיר... ערשט נעכטן פאַרנאַכט, ווען די באַדינערין האָט פאַר איר געבראַכט עסן, איז זי געווען, און איצט איז זי שוין נישטאָ! ווי אין וואַסער אַרײַן!..

יאַן, דערצײַלנדיק, האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און דער קלײנער עולם, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דער געשיכטע, האָט קײן געדולט נישט געהאַט ווײַטער צו וואַרטן און געפרעגט:

— וואָס-זשע איז געוואָרן? איז מען איר באַלד נאָכגעלאָפן זוכן?

— נײן, אָט דאָס פאַרדריסט מיך דאָך! איך האָב געפרעגט מײַן באַקאַנטע שוועסטער: וואָס-זשע האָט מען געטאָן, אַז מען זאָל זי כאַפּן? האָט זי קאַלטבלוטיק געענטפערט, אַז זי ווייסט גאָרנישט. האָב איך זיך געווענדט צו אײנער פון די עלטסטע שוועסטער און פאָרגעלייגט, אַז איך וועל זײ אויך העלפן זוכן אויף אַלע וועגן, האָט זי געענטפערט, אַז עס איז איבעריק און מיך געבעטן, אַז איך זאָל נישט

מאכן קיין געוואלד וועגן דעם, ווייל אזוי האט די עלטסטע שוועסטער אנגעזאגט. עס פאסט נישט פאר אונדזער מאנאסטיר.

יאן איז אנטשוויגן געווארן.

— און וואס איז ווייטער געווען? — האט איינער געפרעגט.

— וואס זאל ווייטער זיין? עס איז מער גארנישט געווען. נאר איך וועל נישט שווייגן! אונטער דער ערד וועל איך זי געפינען! זי וועט זיך פון מיינע הענט נישט אויסדרייען!

אלע האבן ווידער אים אויסגעלאכט און געזאגט:

— פארגעס, ווי מען האט זי גערופן! נישט געלוינט די צייט צו פארלירן און אויסצוהערן די געשיכטע. נישטא וואס צו הערן! — און דערביי האבן זיי צוגעגעבן דאס פויערשע ווערטל: אז מען גנבעט ארויס דאס פערד, וועק נישט העלפן, אז מען זאל די שטאל פאר-ברענען. און זיי האבן ווידער געזאגט: — פארגעס, ברודערל, ווי מען האט זי גערופן.

— איך וועל נישט פארגעסן. אונטער דער ערד וועל איך זי געפינען! — האט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען און קלאפן איבערן טיש, אז די טעלער מיט דעם עסן האבן אנגעהייבן צו קלינגען. — גיב נאר, יוזעק, נאך א גלעזל בראנפן!

און ווען יוזעק האט פאר אים אנגעגאסן דאס גלעזל, האט יאן מיטאמאל עס אויסגעטרונקען ביז אין דנא, נישט אויפהערנדיק צו שרייען: אונטער דער ערד וועל איך זי געפינען!

פלוצלונג האט זיך איינער שטארק צעלאכט. יאן האט זיך אומ-געקוקט. מיט בייזע אויגן האט ער דערזען, אז דאס איז זיין גע-וועזענער חבר לודוויג, וועלכער האט נישט אויפגעהערט צו לאכן און רעדן:

— אט א מענטש איז ביז צום טויט פארליבט!

יאן האט זיך געווארפן צו אים זיך שלאגן.

— צו וואס זיך שלאגן? — האט לודוויג צו אים ווייך גערעדט.— איך בין דיר איצט דערזעלבער פריינט, וואס פריער, ווען דו האסט מיך געהאלפן מיט דער „זשידאווקע” אנטלויפן... איצט בין איך גרייט דיך צו העלפן זי צו געפונען, היינט צו וואס דארפן מיר זיך שלאגן!

און לודוויג האט אויסגעשטרעקט זיין האנט און ביידע פריער-דיקע חברים האבן זיך צעקושט, צוגייענדיק צום לאנגן טיש און צוזאמען אויסגעטרונקען פאר זייער ניי־ער פריינטשאפט.

דער עולם האָט געלאַכט פון דער גאַנצער געשיכטע, נאָר דער אַלטער זשיבעק, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט און אַלץ געהערט, האָט זיך פאַרטראַכט.

טרויעריקע געדאַנקען זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך געשראָקן נישט אַזוי פאַר די צוויי חברהלייט, ווי לודוויג און יאַן, ווי פאַר דעם עקאָנאָם סיוווינסקיס „ווייסן הויז", ווו די ווייבער וועלן געוויס נישט שווייגן.

— די צוויי חברהלייט וועלן געוויס פונדאַנען גלייך אַוועק אין דעם ווייסן הויז, — האָט זשיבעק געטראַכט, — און זיי דערציילן וועגן מאַניעס אַנטלויפן און דאָרטן וועט מען צוביסלעך ווידער אָנהייבן צו וועבן אַ נעץ פאַר דער אומגליקלעכער מאַניען.

זשיבעק האָט פאַרבונדן זיין זעקל, עס פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס, באַצאָלט דעם קרעטשמער אַ פּאָר קאָפּיקעס פאַר נאַכטלעגער און מיט זיין לאַנגן שטעקן זיך געלאָזט אַרויסגיין פון שטעטל אויף דעם וועג, וואָס פירט איבער פאַרשיידענע דערפער אַהיים אין דאָרף זאַסטאַוו.

ווען מאַניע איז אַריינגעקומען צום רב אין שטוב, האָט זי די רביצין דערשראָקן געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— איך בין אַנטלאָפן פון מאָנאַסטיר...

— געלויבט איז דער אויבערשטער, — האָט די רביצין געענטפערט,— וואָס ער האָט מיט דיר געטאָן אַזאַ גרויסן נס און דיך אַרויסגע- ראַטעוועט פון גויישע הענט!

באַלד איז פון זיין צימער אָנגעקומען דער רב, און אויסהערנדיק מאַניען, האָט ער געדאַנקט דעם, וואָס לעבט אייביק, וואָס זי איז בשלום געקומען צו אים אין הויז.

ער האָט מאַניען געבעטן זיך זעצן און אָפּרוען, און געזאָגט:

— נו, איצט וועט מען דאַרפן באַלד מודיע זיין ר' זעליגן, ער זאָל קומען אָפּנעמען זיין כּשר קינד און דו וועסט זיך דערווייל אָפּ- רוען פון דיין שווערן וועג.

— אוודאי, אוודאי דאַרף מען אים באַלד מודיע זיין! — האָט די רביצין זי אָנגערופן.

דערנאָך האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מאַניען און געזאָגט:

— איך זע, מיין קינד, אַז דו ביזט זייער מיד, וואַש זיך אָרום.

דו וועסט עפּעס עסן און זיך לייגן אויסרוען און מיר וועלן שיקן אָנזאָגן דיינע עלטערן די גוטע בשורה.

— איך זאָל זיך פילן אַ ביסל געזונטער, — האָט דער רב זיך אָנגערופן, — וואָלט איך אַליין געפאָרן אָנזאָגן די בשורה... אַזאַ גרויסע מצווה אָנזאָגן איז נישט יעדער זוכה, נאָר איין גאָט ווייסט, אַז איך בין צו שוואַך צו פאָרן.

— וואָס רעדסטו, רבי, ווי קענסטו מיט דיין שוואַכן געזונט גאָר טראַכטן וועגן פאָרן? עס וועט באַלד קומען דער שמש, וועסטו שיקן מיט אים אַ בריוול, ווו דו וועסט ר' זעליגן אָנזאָגן די גוטע בשורה.

— זאָל זיין אַזוי, — האָט דער רב מסכּים געווען און געזאָגט דער רביצין, — גיב דעם מיידל עסן, זי איז זייער מיד און זאָל זי זיך גיין אָפּרוען.

מאַניע האָט זיך אַרומגעוואַשן, די רביצין האָט איר געגעבן טיי מיט מילך און עפּעס עסן און דערנאָך האָט זי מאַניען אַריינגעפירט צו זיך אין שלאָפצימער און ווי אַן אייגענע מאַמע איר קינד, האָט זי מאַניען אַוועקגעלייגט ביי זיך אין בעט, זי איינגעדעקט, זאָגנדיק דערביי אַ ברכה.

מאַניע האָט ערשט איצט דערפילט איר גרויס מידקייט. יעדער אבר האָט איר געבראָכן.

— איך זאָל כאָטש זיין געזונט, — האָט זי זיך געטראַכט, ווייל זי האָט זיך געשראָקן, אַז נאָך אַזויפיל איבערלעבונגען און נאָך דעם וועג, וואָס זי האָט געמאַכט אין דער היינטיקער נאַכט, מיט אַזויפיל שרעק, זאָל זי נישט קראַנק ווערן.

נאָך איצט ליגנדיק אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, אויף וועלכע דער שלאָף איז געלעגן פון גרויס מידקייט, האָט זי אַלעמאָל אויפגעציטערט פון שרעק, טאָמער עפנט זיך די טיר און עס פאַלן אַריין די „שוועסטער" מיט יאַגען און נעמען זי צוריק אין מאָנאַסטיר, ווו מען פאַרשליסט זי ערגעץ אין אַ קעלער אונטער זיבן פאַרשלאָסענע טירן, אַז זי וועט שוין מער נישט קענען די ליכטיקע וועלט זען.

נאָר מיט שווערקייט האָט זי אַלעמאָל געעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז זי איז ביים רב אין שטוב, האָט זי אַ גליקלעכע זיך באַרויקט און ווידער פאַרמאַכט די אויגן.

אַזוי איז זי אומרויִק אַ צייט געלעגן אויפן בעט, נאָר איר יונגער

געזונטער קערפּער האָט גובר געווען אירע צעשרויפטע נערוון און איז געשמאַק איינגעשלאָפן.

ווען דער שמש איז נאָך דעם ערשטן מנין אין דעם נאָענטן בית-המדרש געקומען צום רב, האָט ער אים געזאָגט:

— נעם און עס עפּעס אָפּ אויף גיך, ווארים איך דאַרף דיך שיקן וועגן אַ וויכטיקער שליחות אין דאָרף אַריין צו ר' זעליג שרהס, וואָס האַלט דאָרטן די מיל.

— גוט, רבי, איך וועל עפּעס איבערכאַפּן, — האָט דער שמש געזאָגט, און איז געגאַנגען זיך וואַשן צום עסן.

ווען דער שמש האָט נאָכן עסן אָפּגעבענטשט, האָט דער רב אים דערלאַנגט אַ בריוו און געזאָגט:

— גיי באַלד, פאַרליר נישט קיין צייט, דינג אַ פורל און פאָר צו ר' זעליגן און דעם בריוו זאָלסטו אָפּגעבן נאָר אין זיינע הענט.

דער שמש, נעמענדיק ביים רב אויף הוצאות הדרך, איז באַלד אַוועק, געדונגען אַ פויעריש פורל אויף הין און צוריק און איז אַוועקגעפאָרן.

עטלעכע וויאָרסט פאַרן דאָרף זאַסטאַוו, איז דער אַלטער זשיבעק געגאַנגען צופוס ביי דער זייט פון וועג. און דערזעענדיק, ווי עס פאָרט אַ פור, האָט ער געבעטן דעם פויער, ער זאָל אונטערפירן אַן אַלטן מענטשן.

דער פויער האָט אָפּגעשטעלט די פור און אים אַרויפגענומען, זשיבעק האָט זיך געזעצט לעבן פויער און זיי האָבן זיך צערעדט:

— וווּ אַהין גייסטו, אַלטער?

— אין דאָרף זאַסטאַוו.

— איך פאָר אויך אַהין.

— דו ביזט טאַקע פון זאַסטאַוו?

— יאָ, איך אַרבעט אין דער מיל.

דער שמש דערהערנדיק, אַז דער אַלטער אַרבעט אין דער דאָרטיקער מיל, האָט געפרעגט:

— אין וועלכער מיל?

— וואָס דער ייד זעליג האַלט אין אַרענדע.

— איך פאָר אויך אַהין, — האָט דער שמש געזאָגט.

— צו וועמען פאָרסטו דאָרטן?

— צו דעם באַלעבאָס פון דער מיל.

זשיבעק האָט דעם יידן פאַרווּנדערט אָנגעקוקט און געפרעגט:
— דו דאַרפסט אין מיל? קען איך דיר זאָגן, אַז די מיל שטייט שוין לאַנג און מאָלט נישט.
— איך פאָר נישט וועגן מסחר. איך פאָר אָפּגעבן אַ בריוו דעם באַלעבאָס פון דער מיל.
— נו, דאָס איז עפּעס אַנדערש! — האָט זשיבעק געזאָגט און ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן.
אָבער דער אַלטער זשיבעק האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן און געטראַכט: פון וועמען קען זיין דער בריוו? זיין באַלעבאָס האָט איצט קיין געשעפטן נישט. דערצו ווייזט אויס, אַז עס איז זייער אַ ביטיקער בריוו, ווען ער פאָרט צוליב דעם.
שווייגנדיק, האָט ער אַלעמאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם יידן, וועלנדיק נאָך זיין אויסזען טרעפן ווער דער ייד איז? און אים איז איינגעפאַלן, אפשר איז דער בריוו פון רב, וואָס זאָגט אָן די עלטערן, אַז מאַניע געפינט זיך ביי אים אין הויז.
זשיבעק איז געקומען צו דעם באַשלוס, ווייל דער ייד זעט נישט אויס, ווי קיין סוחר, נאָר ווי אַ „דוכאָוונער מענטש".
עס האָט זיך זשיבעקן זייער געוואָלט פרעגן, צו איז דער ייד נישט געשיקט געוואָרן מיט דעם בריוו פון וואָראָנאָוויצער „ראַבין", אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס פּאַסט נישט און ער האָט זיך אָנגענומען מיט געדולט צו וואַרטן ביז זיי וועלן צוזאַמען קומען צו זיין באַלעבאָס אין הויז, וועט ער שוין פון אַלץ וויסן!
אין אַ צוויי שעה אַרום איז די פור צוגעפאָרן צו ר' זעליגס שטוב. די אַלטע דבורה, וועלכע איז געזעסן אינדרויסן מיט אַ געשטריקטן זאָק אין דער האַנט און געדרעמלט, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די רעדער-קלאַפּן און געזען, ווי פון דער פור קריכט אַראָפּ אַ ייד און דער אַלטער זשיבעק...
דבורה האָט פון די אומגעריכטע געסט נישט געוווּסט אויף וואָס פריער צו קוקן און וועמען פריער צו פרעגן. פון גרויס איבעראַשונג האָבן ביי איר די הענט אָנגעהייבן זיך טרייסלען. שוין לאַנג, אַז קיין פור האָט זיך ביי זייער טיר נישט אָפּגעשטעלט און קיין לעבעדיקער מענטש האָט זייער שוועל נישט איבערגעטראָטן, און איצט ביטאָמאָל אַ פרעמדן ייד און זייער אַלטער פריינט זשיבעק!..
ענדלעך, האָט זי געפרעגט דעם יידן:

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס?

— איך האָב אַ נייטיקן בריוו אָפּצוגעבן ר׳ זעליגן. ווו איז ר׳ זעליג?

— ער איז נישטאָ, ער איז אַוועקגעפאָרן.

— ווען קומט ער?

— נישט אַזוי גיך, — האָט דבורה געענטפערט מיט אַ זיפץ.

דער שמש איז געבליבן שטיין אין גרויס פאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן...

קאַפּיטל דרייצן.

דער שמש.

דבורה האָט זיך פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט צום שמש:

— וואָס שטייט איר אינדרויסן, קומט אַריין אין שטוב, וועט איר זיך אָפּרוען אַ ביסל פון וועג און עפּעס עסן. עס איז דאָ פון אַלדאָס גוטס: מילך, פוטער און אייער. עס איז נישטאָ ווער עס זאָל עסן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ און ווידער געבעטן, מען זאָל נישט שטיין אינדרויסן.

אַריינגייענדיק אין שטוב און זיך אַנידערגעזעצט, האָט דער שמש ווידער געפרעגט:

— ווו איז ר׳ זעליג?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, ער איז אַוועקגעפאָרן.

— וואוהין איז ער געפאָרן, ווייט פונדאַנען? אפשר קען מען שיקן נאָך אים? איך האָב זייער אַ נייטיקן בריוו פון וואָראָנאָוויצער רב, איך בין זיין שמש.

— אַ בריוו? אפשר אַ גוטע בשורה, וואָס-זשע שרייבט ער אין בריוו?

— איך ווייס נישט, דער רב האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. ער האָט מיר נאָר געהייסן, איך זאָל דעם בריוו אָפּגעבן אין די הענט פון ר׳ זעליגן.

דערווייל איז אָנגעקומען ר׳ זעליגס ווייב, חנה, וועלכע איז געגאַנגען איבערן דאָרף עפּעס קויפן, און דערזעענדיק זשיבעקן, האָט זי זיך זייער דערפרייט, וואָס ער איז צוריקגעקומען.

די אַלטע דבורה האָט איר דערציילט, אַז דער ייד איז אַ שמש, וועלכן דער וואָראָנאָוויצער רב האָט געשיקט מיט אַ נייטיקן בריוו פאַר זעליגן.

— ווו-זשע איז דער בריוו? — האָט חנה געפרעגט ביים שמש.

— דער רב האָט געהייסן נאָר אָפּגעבן אין די הענט צו ר׳ זעליגן. איך ווייס גאָרנישט, איך בין א שמש און מוז דעם רב פאָלגן.

— אוודאי, אוודאי מוז מען דעם רב פאָלגן? וואָס-זשע טוט מען? אפשר שרייבט דער רב אַ גוטע בשורה?

— אפשר קען מען שיקן נאָך אייער מאַן, ער זאָל באַלד קומען צו פאָרן אַהיים? ווייל דער בריוו איז געוויס אַ נייטיקער, ווען נישט וואָלט מיך דער רב נישט געשיקט אַזוי ווייט צו אייך! אפשר קען מען שיקן נאָך אייער מאַן? — האָט דער שמש ווידער געפרעגט.

— מיין מאַן איז זייער ווייט. ער איז אין דער גובערניע געפאָרן מיט אַ גרויסן מאַן צום גובערנאַטאָר. איר ווייסט דאָך מיין גרויסן אומגליק?

— אוודאי ווייס איך! זאָל גאָט העלפן, אייער מאַן זאָל קומען צוריק פון גובערנאַטאָר מיט גוטע בשורות.

זשיבעק געפינענדיק זיך דערביי און הערנדיק, וואָס מען רעדט, איז געשטאַנען, ווי אויף שפּילקעס. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט זאָגן, אַז מאַניע געפינט זיך ביים רב און געוויס שרייבט ער וועגן דעם אין בריוו, אָבער ער האָט געפילט, וואָס פאַר אַ גרויסע געפאַר עס איז פאַר אים און ער האָט זיך מיט זיינע אַלע קרעפטן איינגעהאַלטן און קיין וואָרט נישט געזאָגט וועגן דעם.

דערווייל האָט דער פויער פון דער פור אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער האַלב געעפנטער טיר און געזאָגט, אַז עס איז שוין

צייט צו פֿאָרן צוריק. מען האָט אים געדונגען, אַז מען וועט באַלד פֿאָרן צוריק, און צום סוף פֿאַרלירט ער אומזיסט איבעריקע צייט.

— באַלד, באַלד! — האָט געזאָגט דער שמש, פֿאַרענטפֿערנדיק זיך, אַז ער מוז פֿאַרברענגען נאָך אַ פּאָר מינוט און ער וועט באַלד פֿאָרן. אָבער ווען עס איז אַוועקגעגאַנגען צען מינוט, האָט דער פֿויער ווידער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער האַלב געעפֿנטער טיר און שוין פֿול מיט טענות געזאָגט פֿאַרוואָס מען פֿאָרט שוין נישט? מען זאָל אים באַצאָלן, וועט ער זיך אַליין אַוועקפֿאָרן. ער קען אומזיסט נישט פֿאַרלירן אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט.

דער שמש האָט זיך שוין אָנגעהייבן געזעגענען, אָבער חנה מיט דבורהן האָבן אים אָפּגעהאַלטן.

— וואָס הייסט, איר וועט אַזוי אַוועקפֿאָרן? איר מוזט ביי אונדז פֿריער אָפּעסן, און וואָס וועט זיין מיט דעם בריוו? — האָט זי גע־פֿרעגט.

— איר זעט דאָך, אַז דער ערל לאָזט מיך נישט לעבן און רייסט ביי מיר די פּאָלעס, איך זאָל באַלד פֿאָרן!

— זאָרגט זיך נישט, ער וועט וואַרטן, — האָט חנה געזאָגט, און אַזוי רעדנדיק, איז זי אַרויס צום פֿויער פֿון פֿורל און מיט אים איבער־גערעדט, ער זאָל וואַרטן. דערביי האָט זי אים געגעבן עטלעכע קאָ־פּיקעס און אַרויסגעטראָגן פֿאַר אים אַ גרויסן טרונק בראָנפֿן מיט אַ שטיק ווייסן קוילעטש.

דער אַלטער זשיבעק האָט אויך מיטגעהאָלפֿן איינטענהן מיט אים, און ענדלעך האָט דער פֿויער זיך באַרויִקט: אויסטרינקענדיק דעם טרונק בראָנפֿן און פֿאַרבייסנדיק מיט דעם ווייסן קוילעטש, האָט ער אַרונטערגעשיט פֿאַר זיינע פֿערדלעך נאָך אַ ביסל היי און אַליין זיך אויסגעצויגן אויף זיין וואָגן, ווי לאַנג ער איז, און איז געשמאַק אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

באַרויִקט דעם פֿויער פֿון דער פֿור, האָט חנה געגרייט צום טיש און געבעטן דעם שמש, ער זאָל עסן.

דערנאָך האָבן אַלע ווידער אָנגעהייבן רעדן וועגן בריוו, וואָס מען זאָל טאָן?

און אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט אויף דעם שמש.

— איך זאָל אַזוי וויסן פֿון אַלדאָס בייז, ווי איך ווייס וואָס צו טאָן, — האָט דער שמש זיך אָנגערופֿן. — איך וויל אייך זייער אָפּגעבן

דעם בריוו, — האָט ער מיט דעם גאַנצן האַרצן געזאָגט, — איך פאַרשטיי, אַז ער שרייבט געוויס וועגן אייער טאָכטער, ווייל פון דער צייט, וואָס עס איז געווען די אסיפה ביים רב און ר׳ זעליג מיט אייך זענען אויך געווען דערביי, האָבן אונדזערע באַלעבאַטים, ר׳ לייזער און ר׳ פייוול, שטאַרק געאַרבעט, אַז מען זאָל אייער טאָכטער באַפרייען. און איר דאַרפט וויסן, אַז ר׳ זעליג מיט ר׳ פייוולען זענען נישט קיין קלייניקייט! זיי זענען די גרעסטע גבירים און אין זייערע קראָמען קומען קויפן די גרעסטע פריצים פון אַרום דער גאַנצער געגנט. און אַלע מאַגנאַטיר קויפן ביי זיי און אַפילו די עלטסטע „שוועסטער", וואָס האָט צו שאַפן איבערן גאַנצן מאַגנאַסטיר, קויפט אויך ביי זיי אין זייערע קראָמען!

— איר דאַרפט וויסן, — האָט דער שמש ווייטער גערעדט, אַז ר׳ לייזער מיט ר׳ פייוולען האָבן די גרעסטע באַקאַנטשאַפט און זיי טוען זייער אַ סך גוטס פאַר יידן. וויפל האָבן זיי שוין אַרויסגעראַטעוועט יידן פון תפיסה! גאַנץ נאַטשאַלסטווע איז ביי זיי אין די הענט, ווייל אַלע קויפן ביי זיי אין די קראָמען, און אַז מען דאַרף אַמאָל ביליק אָדער גאָר אומזיסט אַוועקגעבן אַ „נאַטשאַלניקס" אַ ווייב אַ זיידן קלייד, גיבן זיי כלומרשט אויף באָרג, אָבער קיין געלט נעמען זיי קיינמאָל נישט. און ר׳ לייזער מיט ר׳ פייוולען טוען אין דער זאַך, וועלן זיי מיט גאָטס הילף, אייער טאָכטער באַפרייען גאָר איינגיכסטן!

— אמן, רבונו של עולם! — האָט חנה מיט דבורהן דערויף געענטפערט און ווייטער געבעטן דעם שמש, ער זאָל נעמען נאָך אַ ביסל בראָנפן און עסן, אונטערדרוקנדיק פאַר אים אַ טעלערל מיט פרישע סמעטענע, אָדער קעז מיט אייער.

— מיט גאָטס הילף, — האָט חנה געזאָגט, — וועט מיין קינד איינגיכן באַפרייט ווערן, ווייל מיין מאַן שרייבט מיר, אַז ער און דער גרויסער מאַן, מיט וועלכן ער איז געפאָרן אין דער גובערניע, האָט מען צוגעלאָזט צום גובערנאַטאָר אַליין און ער האָט אויסגעהערט דעם גאַנצן אומגליק פון מיין קינד. און דער גובערנאַטאָר אַליין האָט מיין מאַן געזאָגט, אַז ער וועט די זאַך אויספאָרשן און מיין קינד וועט ווערן באַפרייט.

דער שמש, אָנגיסנדיק זיך נאָך אַ ביסל בראָנפן, האָט זיך געווענדט צו די פרויען:

— לחיים, גאָט זאָל געבן אין אַזאַ שעה, אַז אייער קינד זאָל

גאָר אינגיכן באַפרייט ווערן. און איך מוז אייך זאָגן, כאָטש איך בין אַ פּראָסטער ייד און מער נישט, ווי אַ שמש, לייגט זיך דער שכל אויפן קאָפּ, אַז ביז דער גובערנאַטאָר וועט אויספאָרשן די זאַך, ביז ער וועט שרייבן „פּריקאַזן" מיט באַפעלן, וועט אייער טאָכטער פריער באַפרייט ווערן אין בעסטן שלום, אָן „פּריקאַזן" מיט „באַפעלן" און מיט „אויספאָרשונגען", ווייל אונדזערע באַלעבאַטים. ר' לייזער און ר' פייוול, שלאָפן נישט אין דעם! זיי טוען, זיי אַרבעטן, זיי קערן איבער וועלטן! אַ קלייניקייט, אַרויסצוראַטעווען אַ יידיש קינד פון גויִשע הענט! ר' לייזער און ר' פייוועל לייגן איין די וועלט! זיי וועלן עפּעס שווייגן? איר מעגט זיכער זיין, אַז גאָר אינגיכן וועט אייער קינד קומען צוריק צו אייך אַהיים.

— אמן, רבונו של עולם! — האָבן די ווייבער געענטפערט אויף דעם שמש רייד.

דער אַלטער זשיבעק, הערנדיק דעם שמועס, איז געוואָרן שטאַרק אומרויִק און ער האָט מיט שרעק געטראַכט:

— פאַרוואָס דערציילט דער שמש נישט, אַז ער האָט מאַניען געזען ביים רב אין שטוב? איז דען מעגלעך, אַז ער זאָל זי נישט האָבן געזען?

פאַרשידענע שרעקלעכע געדאַנקען האָבן דעם אַלטן זשיבעקן אָנגעהייבן קריכן אין קאָפּ אַריין: אפשר איז מאַניע נישט אַריין צום רבין אין שטוב? אַ, ער האָט דאָך אַליין געהערט ווי מאַניע האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין פענסטער אין ראַבינס שטוב, און ער האָט אַליין געזען, ווי אין אַ פענסטער איז געוואָרן ליכטיק און עס איז שטיל געוואָרן, זי האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן און ערשט דעמאָלט איז ער רויִק אַוועקגעגאַנגען אין קרעטשמע?

— אפשר, האָט ער איצטער געטראַכט, האָט זיך אים דאָס אַלץ אויסגעוויזן? זייער מעגלעך! ווייל עס איז נאָך געווען גענוג פינסטער. ער איז געווען שטאַרק מיד פון דעם וועג און פון די איבערלעבונגען. ער איז געשטאַנען פונדערווייטנס, האָט זיך אים געקענט אויסווייזן, אַז מען האָט זי אַריינגעלאָזט צום רב אין שטוב.

— אפשר, האָט מיט שרעק זשיבעק געטראַכט, איז דאָס גאָר־נישט געווען דעם רבס הויז, און מען האָט מאַניען אַלס אַ פרעמדן מענטשן, וואָס קלאַפּט ביינאַכט אין אַ פרעמד הויז, פאַרטריבן ווי אַ משוגענע אָדער זי, נעבעך, געשלאָגן, פאַרוואָס זי לאָזט קיין לייטן

נישט שלאָפן? וואָס ווייס איך? איך בין באַלד אַוועק אין קרעטשמע, ווו איך בין פון מידקייט, ווי אַ דערהרגעטער, אַנטשלאָפן גע־וואָרן! וואָס ווייס איך איז מיט איר ווייטער געשען? איך האָב זיך אויפגעכאַפּט ערשט נאָך אַ האַלבן טאָג!

וואָס ווייטער זשיבעק האָט געטראַכט וועגן דעם, איז ער געווען זיכער, אַז אַזוי איז געשען. זי איז נישטאָ ביים ראַבין אין הויז, ווארים ווען זי זאָל זיין, וואָלט דער ייד, וואָס האָט געבראַכט דעם בריוו, געזען מאַניען. דער רב, די רביצין אָדער אַן אַנדערער אין שטוב וואָלטן אים וועגן דעם דערציילט, און דער ייד ווייסט גאָרנישט פון איר באַפרייונג, ווייל דער ראַבין מיט זיין ווייב ווייסן אויך נישט. מאַניע איז צו זיי אין הויז נישט געקומען, דאָס איז זיכער!

דער אַלטער זשיבעק איז געווען אַ גלויביקער און האָט אויך געגלויבט אין אַלערליי שדים און רוחות, ווי דאָס רוב פויערים אין די דערפער.

אין זיין לאַנג לעבן האָט ער געהערט טויזנטער מעשיות וועגן דידאָזיקע לייט, וועלכע קערן איבער וועלטן די גאַנצע נעכט, און זשיבעק האָט זיך איצט אויך דערמאָנט אין דידאָזיקע לייט.

נישט אַנדערש, האָט ער געטראַכט, אַז זיי האָבן עס אים אָפּגעטאָן.

— און דאָס איז באַוווּסט, האָט ער זיך געזאָגט, אַז דידאָזיקע לייט אַרבעטן מעשים, דערהויפּט, ווען עס דאַרף אָנהייבן טאָגן. פאַר דעם טאָג ציטערן זיי, ווי פאַר דעם טויט, און אַזויווי דעמאָלט האָט שוין באַלד באַדאַרפט אָנהייבן צו טאָגן און זייער הערשאַפט האָט זיך אָנגעהייבן ענדיקן, האָבן זיי אים עס אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל, און ער האָט מאַניען אָנגעוויזן אויף אַ פרעמד הויז. אים האָט זיך נאָר אויסגעוויזן, אַז מען האָט זי אַריינגעלאָזט צום „ראַבין" אין הויז. עס איז שטיל געוואָרן און ער איז דעריבער רויק אַוועקגעגאַנגען אין קרעטשמע.

אַ שרעק האָט אים אָנגעכאַפּט, ווען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז מאַניע דרייט זיך אַרום עלנט און אַליין ערגעץ אַרום שטעטל, און דאָרטן געפינט זיך איצט אויך יאַן מיט זיין קאָמפּאַניע, וועלכע לאָקערן נאָך איר.

וואָס ווייטער דער שמש האָט געגעסן און גערעדט מיט חנהן און דבורהן, נישט דערמאַנענדיק די גאַנצע צייט, אַז מאַניע גע־

פינט זיך איצט ביים רב, זענען אים אַלץ מער געקראָכן אין קאָפּ די שרעקלעכסטע געדאַנקען.

— אפשר ווער איך שוין באַשטראָפט דערפאַר, וואָס איך בין געגאַנגען קעגן היילִיקן קלויסטער און איך האָב נישט געטאָרט זי באַפרייען פון מאָנאַסטיר? אפשר האָב איך טאַקע באַדאַרפט העלפן די שוועסטער זי איבעררעדן, אַז זי זאָל זיך אונטערגעבן אונטער די ווייסע פליגלען פון היילִיקן קלויסטער, געראַטעוועט און געלייטערט ווערן פון דער זינדיקער וועלט, ווי דאָס רוב פרומע קריסטן טוען. וואָס ווייס איך? איך בין דאָך נאָך אַלעמען אַ פּראָסטער מענטש! אפשר ווייסט מען אין „ווייסן הויז" מער פון מיר, זיי זענען דאָך געלערנטער פון מיר, און לייענען שטענדיק אַ סך הייליקע ביכער.

— און דערפאַר טאַקע וואָס איך בין באַגאַנגען אַזאַ גרויסע זינד קעגן היילִיקן קלויסטער, האָט זשיבעק געטראַכט, האָט דידאָזיקע „שוואַרצע חברה" אין דערדאָזיקער נאַכט געהאַט אויף מיר אַזאַ שליטה, פאַרבלענדנדיק מיר מיינע אויגן און פאַרדרייט דעם קאָפּ. אַ גליק, וואָס עס איז געווען נאָענט צו טאָג, האָבן זיי שוין מער נישט געקענט טאָן, אָבער ווען איך מיט מאַניען קום אין שטעטל פריער מיט אַ שעה, אָדער צוויי, ווער ווייסט, וואָס די לייט וואָלטן מיט מיר געטאָן!

זשיבעק האָט אָנגעהייבן פילן, אַז די שטראָף פאַר זיין גרויסער זינד קעגן דעם היילִיקן קלויסטער, האָט זיך שוין פאַר אים אָנגעהייבן, און ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַן אומגליקן ער וועט זיך נאָך באַגעגענען!

עס האָט זיך אָנגעהייבן אָרויקן די נאַכט. דער שמש איז נאָך אַלץ געזעסן מיט די ווייבער ביים טיש און גערעדט. זשיבעק האָט געפילט, אַז ער וועט משוגע ווערן, אויב ער וועט נישט פרעגן דעם יידן, צי האָט ער נישט געזען מאַניען ביים „ראַבין" אין הויז? ער וועט נישט דערציילן, אַז ער האָט זי באַפרייט. דאָס וועט ער קיינמאָל נישט טאָן, נאָר אויספרעגן מוז ער אים!

און אומדערוואַרט פאַר אַלע, האָט ער פּלוצלינג געפרעגט דעם שמש:

— איר האָט נישט געזען מאַניען ביים ראַבין?

— ניין, ווי האָב איך זי געקענט זען ביים רב, אַז זי איז

נאָך אין מאָנאַסטיר. אפשר וועט גאָט העלפן, אַז מען וועט זי אינ־גיכן באַפרייען... נאָר דערווייל האָב איך נישט געהערט.

חנה מיט דבורהן זענען פאַרציטערט געוואָרן און זיך געוואָרפן צו זשיבעקן.

— ווי פעלט דיר אײן דאָס צו פרעגן? ביזט משוגע געוואָרן!

— איך בין נישט משוגע, איך האָב געהערט אין וואָראָנאָוויצע, אַז מאַניע איז שוין פריי, האָב איך געמיינט, אַז זי איז שוין אינ־דערהיים. נאָר אַזוי ווי זי איז דאָ נישטאָ, האָב איך געטראַכט, אַז זי איז ביים „ראַבין". וועגן וואָס דען האָט ער געשיקט אַ בריוו, גע־דונגען אַ פור, מען זאָל וואָס גיכער אָפּגעבן דעם בריוו. נישט אַנדערש, אַז דאָרטן שטייט געשריבן, אַז מאַניע איז שוין פריי. אַ בריוו וואָלט דער „ראַבין" געקענט שיקן מיט יעדן אומזיסט, און דאָ האָט ער גע־שיקט מיט זיינעם אַ מענטשן! וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט? גע־וויס שרייבט ער, אַז מאַניע איז שוין פריי!

די ווייבער האָבן זיך פון זייערע ערטער אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין, געמישט מיט גוטע האָפענונגען. זיי האָבן פאַרגעסן צו פרעגן זשיבעקן פון וועמען האָט ער אין שטעטל געהערט, אַז מאַניע איז שוין פריי, נאָר זיי האָבן זיך געוואָרפן צום שמש מיט געבעטן און געוויינען:

— גיט אונדז דעם בריוו... נעמט אונדז נישט אַרויס די נשמה און גיט אונדז באַלד אָפּ דעם בריוו.

— אמת, דער רב האָט אייך געהייסן אָפּגעבן דעם בריוו נאָר מיין מאַן, — האָט חנה נישט אויפגעהערט, און דעם רב דאַרף מען פאָלגן, אָבער מיין מאַן איז נישטאָ אינדערהיים. איך בין דאָך זיין ווייב, מעגט איר מיר אָפּגעבן דעם בריוו!

דער שמש איז געשטאַנען, ווי צעמישט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

די ווייבער האָבן געציטערט פון אומגעדולד, נישט אויפ־הערנדיק מיט טרערן אין די אויגן צו בעטן אים און זשיבעק האָט געקוקט אויף דעם יידן מיט אַזעלכע שרעקלעכע אויגן, אַז ווען ער האָט לעבן זיך זיין ביקס, וואָלט ער אים דערשאָסן און צוגענומען ביי אים דעם בריוו.

און קוקנדיק אויף די וויינענדיקע ווייבער מיט גרויס רחמנות, האָט זשיבעק ביי זיך באַשלאָסן, אַז ביז דער ייד וועט נישט אָפּ־

געבן דעם „ראַבינס" בריוו, וועט ער אים קיין לעבעדיקן נישט אָפּ־לאָזן. ער וועט באַצאָלן דעם פֿייער פֿון דער פּור, ער זאָל אַליין אָוועקפֿאָרן און דער ייִד וועט דאָ מוזן בלייבן אָדער אַוועקגעבן דעם בריוו.

דער שמש האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט און זיך אָנגערופֿן צו חנהן:

— איר האָט רעכט, איר זענט ר' זעליגס ווייב, אָבער פֿאַר־וואָס האָט דער רב געהייסן דעם בריוו אָפּגעבן אייער מאַן אין די הענט?

— וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ נישט? דער רב האָט נישט געקענט וויסן, אַז מיין מאַן איז נישטאָ אינדערהיים. ווען ער זאָל דאָס וויסן, וואָלט ער געהייסן מיר אָפּגעבן דעם בריוו.

דער שמש איז געבליבן שטיין, ווי אַ צעטומלטער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די ייִדענע איז גערעכט. נאָר דאָס ערשטע מאָל, זינט ער איז שמש בײַם רב, קומט אים אויס נישט אַזוי טאָן פּינקטלעך זיינע שליחות, ווי מען פֿאַרלאַנגט עס פֿון אים.

— טראַכט נישט לאַנג און גיט מיר דעם — בריוו! —האָט חנה געזאָגט, אויסשטרעקנדיק איר האַנט נאָך דעם בריוו.—איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, דער רב וועט אייך גאָרנישט זאָגן דערפֿאַר, און סיי ווי סיי וועלן מיר אייך נישט אָפּלאָזן ביז איר וועט אונדז דעם בריוו נישט אָפּגעבן!

— אוודאי, אוודאי נישט אָפּלאָזן, — האָט די אַלטע דבורה אויך געזאָגט.

— דער פֿייער פֿון דער פּור, וואָס איר האָט געדונגען, וועט צוריק מיט אייך נישט פֿאָרן! —האָט דער אַלטער זשיבעק געסטראַשעט, איינהאַלטנדיק זיין כּעס און טרייסלענדיק מיט דעם קאָפּ.

דער שמש, ווילנדיק נישט ווילנדיק, האָט דערלאַנגט דעם בריוו ר' זעליגס ווייב.

חנה האָט אים אויף גיך אויפֿגעריסן, דעם בריוו, אָבער זי האָט אים נישט געקענט איבערלייענען, ווייל ער איז געווען געשריבן אויף לשון קודש.

— זייט אַזוי גוט און לייענט אים איבער, — האָט זי געבעטן דעם שמש.

ווען דער שמש האָט געגומען לייענען דעם בריוו, האָבן אים אַלע אַרומגעשטעלט.

אויף דעם שמש פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך וועל אייך אָנזאָגן אַ גוטע בשורה: אייער טאָכטער געפינט זיך איצט ביים רב אין הויז...

צווישן די ווייבער האָט אויסגעבראָכן אַ געוויין פון גרויס פרייד.

— מיין קינד איז פריי! — האָט חנה נישט אויפגעהערט צו צו שרייען און לאַכנדיקע טרערן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע אויגן.

— מאַניעלע איז שוין נישט אין מאָנאַסטיר, נאָר ביים רב, מיינע ביינער זאָל זי איבערלעבן! — האָט די אַלטע דבורה נישט אויפגעהערט צו וויינען פון פרייד.

דער אַלטער זשיבעק, דערהערנדיק, אַז מאַניע געפינט זיך ביים רב אין שטוב, האָט זיך אינגאַנצן בארויִקט און אַלע שרעק פון די רוחות און שדים זענען מיטאַמאָל פון אים אַוועק.

— אַזוי שרייבט דער רב, אַז אונדזער קינד איז ביי אים אין הויז? — האָבן די ווייבער נישט אויפגעהערט איבערצופרעגן דעם שמש.

— אַז איר לאָזט נישט לייענען דעם בריוו! אוודאי שרייבט דער רב, ווער דען!

— לייענט, לייענט, — האָבן זיי זיך געבעטן, — מער מיט צען יאָר וועט איר לעבן, וואָס איר האָט אונדז אָנגעזאָגט די גוטע בשורה! לייענט, מיר בעטן אייך!

און דער שמש, האַלטנדיק דעם בריוו פאַר די אויגן, האָט געזאָגט:

— דער רב שרייבט צו ר׳ זעליגן, אַז מאַניע איז ביי אים אין הויז און אַז ר׳ זעליג זאָל באַלד קומען צו פאָרן אָפּנעמען זיין קינד. ווייטער שרייבט דער רב, אַז ער גיט אייך אַלע אַ מזל־טוב, וואָס אייער קינד איז געראַטעוועט פון גוייִשע הענט. און דער רב רופט אָן אייער טאָכטער „כשר קינד". מער שרייבט גאָרנישט דער רב, — האָט דער שמש געזאָגט, אָפּגעבנדיק דעם בריוו צו חנהן.

— איר הערט, שוויגער, — האָט חנה זיך אָנגערופן צו דער אַלטער דבורה, — דער רב גיט אונדז אַ מזל־טוב!

— מיט מזל זאָל דער רב לעבן, מיט מזל זאָלט איר לעבן, וואָס

איר האָט אונדז אָנגעזאָגט אַזאַ גוטע בשורה! — האָט דבורה אויס. געשריען.

— ווו-זשע איז זעליג? מען דאַרף באַלד פאָרן אין שטאָט אים קלאַפּן אַ דעפּעשע און אים אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז ער זאָל באַלד קומען אַהיים! — האָט חנה זיך אָנגערופן.

— צו וואָס אַ דעפּעשע, נאַריש קינד, — האָט די אַלטע דבורה געענטפערט. — זעליג ווייסט שוין פריער פון אונדז, אַז דער גובער־נאַטאָר האָט געהייסן אונדזער קינד באַפרייען... ער וועט, מסתמא, באַלד אָנקומען. וואָס האָט ער מער צו טאָן אין דער גובערניע, ווען אונדזער מאַניעלע איז שוין פריי?

— ניין, מען דאַרף ר' זעליגן באַלד קלאַפּן אַ דעפּעשע, — האָט דער שמש געזאָגט,—ווייל עס קען זיין, אַז נישט ר' זעליג און אפילו נישט דער גובערנאַטאָר ווייסן פון איר באַפרייונג. ווייל דאָס האָבן געטאָן אונדזערע באַלעבאַטים. ר' לייזער און ר' פייוול. איך האָב דאָך אייך פריער געזאָגט, אַז זיי זענען נישט געשלאָפן און אין דעם שטאַרק געאַרבעט. איר שפּילט זיך מיט ר' לייזערן און מיט ר' פייוולען!

— איר זאָלט מיר מוחל זיין, — האָט די אַלטע דבורה זיך גע-ווענדט צום שמש, — ר' לייזער מיט ר' פייוולען זענען טאַקע צוויי טייערע יידן, אָבער אָן דעם גובערנאַטאָר וואָלטן זיי גאָרנישט אויס-געפירט! און איר ווייסט, ווער עס איז געפאָרן מיט מיין זעליגן צום גובערנאַטאָר? אַ גרויסער מאַן פון פעטערבורג, וואָס איז אפשר גרעסער פון גובערנאַטאָר. גאָט אַליין האָט אים צוגעשיקט, ער זאָל ראַטעווען אונדזער קינד! אַט וועט מסתמא באַלד אָנקומען מיין זעליג, וועט ער אונדז אַלץ דערציילן.

— איר האָט אַלע אַ טעות, — איז דער שמש געשטאַנען אויף זיינעם, — דער גובערנאַטאָר, ווי ער זאָל וועלן צוליב טאָן דעם גרויסן מאַן פון פעטערבורג, וואָלט עס געדויערט אַ גאַנץ יאָר. ביז מען שרייבט אַהער, ביז מען שרייבט אַהין מיט אַלע „פאָרמאַליטעטן", דאַרף געדויערן מער ווי אַ יאָר. נו, און ר' זעליג מיט ר' פייוולען, ביי וועלכע די עלטסטע שוועסטער פון מאַנאַסטיר לויפט אין זייערע קראָמען, האָבן זי געבעטן, האָט זי אַזעלכע מענטשן נישט געקענט אָפּזאָגן און האָט באַלד געהייסן אייער קינד אַרויסלאָזן פון מאַנאַסטיר. וואָס קענט איר דאָ נישט פאַרשטיין? מען דאַרף באַלד קלאַפּן אַ דעפּעשע צו ר' זעליגן און אים אָנזאָגן די גוטע בשורה!

די ווייבער האָבן געצויגן מיט די אַקסלען, נישט ווילסנדיק וואָס צו טאָן.

זשיבעק האָט אָנגעקוואָלן, הערנדיק, ווי מען שפּאָרט זיך, ווער עס האָט באַפרייט מאַניען: דער גובערנאַטאָר, אָדער די וואָראָנאָוויצער באַלעבאַטים, און ער איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס קיינעם פּאַסט נישט איין, אַז ער האָט זי אַרויסגעפירט פון מאָנאַסטיר און געבראַכט צום רב אין הויז.

ווען מען האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט חנה אַ גליקלעכע זיך אָנגערופן צום שמש:

— איך פאַר מיט אייך קיין וואָראָנאָוויצע זיך זען מיט מיין קינד.

— איך פאָר אויך, — האָט די אלטע דבורה געזאָגט.

— ניין, שוויגער, איר טאָרט נישט פאָרן, איר זענט קראַנק.

— ווען-זשע וועל איך זען מאַניעלען? איך האָב די אויגן מיינע אויסגעוויינט, וויל איך זי זען, מיין האַרץ ווערט צעריסן פון בענקעניש נאָך איר!

— וואָס-זשע קען מען טאָן, שוויגער? אַבי מאַניע איז שוין נישט אין גויִשע הענט, וועט איר זי שוין, אם ירצה השם, זען אינגיכסטן. זעליג וועט באַלד קומען, וועלן מיר שוין זען, ווו אַהין מיר זאָלן נעמען אונדזער קינד. מען קען זי דאָך גלייך נישט ברענגען אין דאָרף אַריין צווישן די רוצחים פון „ווייסן הויז". זייער גוט האָט מען געטאָן, וואָס מען האָט מאַניעלען נישט געלאָזט פאָרן אַהיים און גלייך זי געבראַכט צום רב אין הויז. די רביצין, זאָל לעבן, וועט שוין אַכטונג געבן אויף איר, זי איז דאָך אַזאַ גוטע, אַן אמתע צדקניות! זייער גוט האָט מען געטאָן, וואָס מען האָט זי געבראַכט צום רב אין הויז!...

— וואָס דען מיינט איר, ר' זעליג מיט ר' פייוולען וועלן נישט וואָס צו טאָן? מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן, — האָט דער שמש וועגן דעם צוגעגעבן.

— הונדערט יאָר זאָלן זיי לעבן, גאָט זאָל זיי באַצאָלן פאַר דעם גוטס, וואָס זיי האָבן מיט אונדזער קינד געטאָן! — האָבן די ווייבער געווונטשן די וואָראָנאָוויצער באַלעבאַטים.

— נו, געלויבט גאָט, וואָס האָט זיך אַזוי געמאַכט! — האָט דער שמש, רייבנדיק איין האַנט אין דער צווייטער פון צופרידנקייט, זיך אָנגערופן, — עס איז שוין צייט צו פאָרן.

מען האָט אויפגעוועקט דעם פויער, וואָס איז די גאַנצע צייט געשלאָפן אויף דעם וואָגן.

דער פויער פון דער פור, אויסרייבנדיק די אויגן פון שלאָף, האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, און דערזעענדיק זיין פאַרשוין, דעם שמש, זשיבעקן און צוויי ווייבער, האָט געפרעגט, וואָס מען וויל פון אים.

— שוין צייט צו פאָרן צוריק אַהיים! — האָט דער שמש געזאָגט. — די פרוי, — האָט ער אָנגעוויזן אויף חנהן, — וועט אויך פאָרן מיט אונדז, וועסטו כאַפּן נאָך אַ פאַרדינסטל. זעסט, אַז דו האָסט נישט אומזיסט געוואַרט!

דער פויער האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, געבנדיק אַ קוק אויף דעם הימל און זיך אָנגערופן:

— וועלכער משוגענער וועט פאָרן אַזוי שפּעט ביינאַכט? וואָס איז, דער טייך ברענט?

און זאָגנדיק די ווערטער, האָט זיך דער פויער איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, און די אַלטע דבורה האָט זיך אָנגערופן:

— דער ערל האָט רעכט. צו וואָס זיך שלעפּן די גאַנצע נאַכט און אָנקומען אַהין, ווען עס וועט נאָך זיין פינסטער? וואָס וועט אַרויסקומען? דו וועסט דאָך נישט אויפוועקן אַלע ביים רב און אויך מאַניעלען, זי זאָל מיינע ביינער איבערלעבן, זאָל זי געזונטערהייט זיך גוט אויסשלאָפן! בעסער וועט זיין, ווי דער ערל זאָגט, אַרויסצופאָרן פאַרטאָג און אָנקומען קיין וואראנאוויצע, ווען אַלע וועלן שוין האָבן אויפגעשטאַנען.

— ריכטיק געזאָגט! — האָט זיך אָנגערופן זשיבעק, נישט אויפהערנדיק שאָקלען מיט דעם קאָפּ.

— איך וויל שוין אָבער אַזוי זען מיין קינד! די אויגן קריכן מיר שיער אַרויס וואַרטנדיק, — האָט חנה וויינענדיק זיך אָנגערופן, — און אַז גאָט האָט מיר יאָ געהאָלפן, פאַרוואָס זאָל איך מיין קינד נישט זען וואָס גיכער?

— דו וועסט מאַניעלען סיי ווי סיי נישט זען פריער, ווי ווען דו וועסט פאַרטאָג אַרויספאָרן. דו וועסט דאָך נישט אויפוועקן ביים רב די גאַנצע שטוב!

— ריכטיק! — האָט זשיבעק ווידער געזאָגט.

— איך וואָלט אוודאי געוואָלט פאָרן באַלד, — האָט זיך אָנגע־רופן דער שמש, — נאָר וואָס קען איך טאָן, אַז דער ערל וויל נישט! און אפשר איז ער גערעכט. צו וואָס דאַרף מען זיך שלעפּן אינדער־פינסטער די גאַנצע נאַכט און אָנקומען אַהין אַן אויסגעמוטשעטער און נישט קיין אויסגעשלאָפענער? אייער שוויגער האָט רעכט!

ווילנדיק נישט ווילנדיק, איז דער עולם צוריק אַריין אין שטוב.

— אויב אַזוי, דאַרף מען קאָכן וועטשערע! — האָט חנה פרייליך געזאָגט. — ווען מיין מאַן וועט מיט גאָטס הילף בשלום קומען אַהיים און מיר וועלן זיין צוזאַמען מיט אונדזער קינד, וועט מען ערשט קאָכן די גרויסע וועטשערע! דערווייל וועל איך נאָר מאַכן ווארע־ניקעס מיט קעז, עס וועט לאַנג נישט געדויערן! — האָט זי זיך גע־ווענדט צום שמש.

דער שמש, וועלכער האָט זיך נישט לאַנג אָנגעגעסן און האָט בדעה געהאַט זיך אָפּצוזאָגן פון וועטשערע, נאָר דערהערנדיק „ווא־רעניקעס מיט קעז”, האָט ער נישט געקענט ביישטיין דעם גרויסן נסיון און האָט געשוויגן.

— נו, שוויגער, — האָט חנה זיך פריילעך אָנגערופן צו דבורהן, — אַז גאָט האָט אונדז יאָ געהאָלפן, וועט איר מיר העלפן מאַכן די „וואַרעניקעס”, וועלן זיי פאַרטיק ווערן וואָס גיכער, ווארים מען דאַרף פריער גיין שלאָפן.

ביידע ווייבער האָבן זיך פלייסיק גענומען צו דער אַרבעט, איינגעהייצט אין אויוון, צוגעשטעלט אַ טאָפּ וואַסער, גענומען מעל, אייער, קעז, געמישט, געקנאָטן און דערביי האָט די אַלטע דבורה די גאַנצע צייט ביי דער אַרבעט נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— רבונו של עולם! איך זאָל נאָך דערלעבן צו באַקן לעקעך אויף מאַניעלעס חתונה! מער וויל איך ביי דיר נישט, נאָר דערלעבן מאַניעלעס חתונה און דערנאָך קענסטו מיט מיר טאָן, וואָס דו וועסט נאָר וועלן!

— שוויגער! איר וועט נאָך דערלעבן צו האָבן אוראייניקלעך פון מאַניען, און איר רעדט נאָר וועגן חתונה!

— הלוואי, רבונו של עולם, איך זאָל דאָס ווערט זיין ביי גאָט! — האָט דבורה געזאָגט, אויפהייבנדיק אירע פאַרמעליקטע הענט.

באַלד האָט מען געגרייט צום טיש און מען האָט דערלאַנגט

א גרויסע שיסל מיט וואַרעניקעס, פון וועלכע עס איז געגאַנגען אַ פּאַרע ביז אין דער סטעליע.

דער שמש איז זיך געגאַנגען וואַשן, גענומען אַ ביסל בראָנפן, געטרונקען לחיים, און זייענדיק אַ זאַטער, האָט ער געשטופּט אין האַלדז וואַרעניקעס, נישט אויפהערנדיק צו לויבן, אַז אַזעלכע וואַ-רעניקעס איז גאָר אין שטאָט נישט בנמצא, ווייל ווו איז דען אין שטאָט גאָר דאָ אַזאַ פרישע פּוטער מיט קעז, ווי אין דאָרף?

— אַ חוץ דעם, — האָט דבורה געזאָגט, — דאַרף מען קענען קאָכן וואַרעניקעס. מען דאַרף וויסן, וויאַזוי צו מאַכן דיין דאָס טייג, אַז עס זאָל זיך קענען דורכלייכטן, און דערהויפּט דאַרף מען וויסן, ווען זיי אַרויסצונעמען פון „קאָך״.

— אוודאי, אוודאי, — האָט דער שמש געזאָגט מיט אַ האַלב פאַרדומפּטן קול, וואַרגנדיק און פאַרהוסטנדיק זיך אַלע מאָל.

דער פויער אויף דעם וואָגן האָט אין שלאָף דערפילט דעם גוטן געשמאַק פון וואַרעניקעס און האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב און געזאָגט, אַז אַ שעה פאַרטאָג וועט מען אַרויספאָרן.

דערזעענדיק דעם פויער פון דער פור, האָט מען אים אויך מכבד געווען מיט וואַרעניקעס אויף אַ באַזונדער שיסעלע, צוזאַמען מיט אַ טרונק בראָנפן.

אין איין מינוט איז דער פויער פאַרטיק געוואָרן מיט דעם שיסעלע, אָפּגעדאַנקט, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און נאָכאַמאָל דערמאָנט, אַז אַ שעה פאַרטאָג וועט מען אַרויספאָרן, און איז געגאַנגען שלאָפן.

דער שמש האָט ביים טיש נישט אויפגעהערט פרייען צו רעדן.

די ווייבער האָבן גאָרנישט געוווּסט, וואָס מיט אים צו טאָן, דערפאַר וואָס ער איז געווען דער גוטער שליח און געבראַכט די טייערע בשורה פון זייער קינד, און האָבן אים נישט אויפגעהערט צו בעטן, ער זאָל נאָך עסן אַ פּאָר וואַרעניקעס.

— ניין, ניין, אַ דאַנק אייך, איך קען מער נישט! אַ ייד איז נישט קיין גוי... איר האָט געזען, ווי דער פויער האָט מיט איינמאָל אַריינגעשלונגען אַ גאַנצע שיסל וואַרעניקעס און האָט זיך אַפילו קיין קרים נישט געטאָן!

— אוודאי איז אַ גוי נישט קיין ייד, — האָבן די ווייבער איינ-געשטימט.

באַלד איז ווידער דער שמועס איבערגעגאַנגען אויף מאַניען.

— איין זאַך פאַרשטיי איך נישט, — האָט זיך חנה אָנגערופן, — איר זענט דאָך געווען ביים רב אין שטוב, ווען ער האָט אייך איבערגעגעבן דעם בריוו צו מיין מאַן, ווי אַזוי זשע האָט איר נישט געזען מיין טאָכטער?

— איך פאַרשטיי אויך נישט, — האָט דער שמש געענטפערט.

— איר האָט גאָרנישט געהערט, אַז זי איז געקומען? — האָט דבורה געפרעגט, — מען האָט אייך גאָרנישט געזאָגט ווען איר.

— ניין, גאָרנישט געהערט! איך האָב שוין וועגן דעם געטראַכט און קען עס נישט פאַרשטיין. דערנאָך האָב איך אַ קלער געטאָן, אַז איר קומען דאַרף דערווייל אפשר זיין אַ סוד? ר' לייזער מיט ר' פייוולען האָבן מסתמא אַזוי אָנגעזאָגט, אַז קיינער דאַרף דערווייל נישט וויסן. נו, האָט מען מיר נישט געזאָגט! נאָר וואָס דאַרפן מיר דאָ אַ סך קלערן? אי״ה מאָרגן וועלן מיר דאָרטן זיין, וועלן מיר אַלץ וויסן! איך טראַכט בעסער וועגן אַן אַנדער זאַך: ווי קומט עס וואָס דער רב האָט מיר געזאָגט, אַז דעם בריוו זאָל איך אָפּגעבן נאָר ר' זעליגן אין די הענט. דאָס באַווייזט, אַז איר קומען דאַרף דערווייל זיין אַ סוד!

— און אפשר, — האָט דער שמש געזאָגט מיט צופרידנקייט, — אפשר האָט דאָס דער רב געטאָן, ווייל ער אַליין האָט געוואָלט דורך זיין בריוו אָנזאָגן ר' זעליגן די גוטע בשורה. דער רב, — האָט דער שמש זיך צעלאַכט, — וויל אויך לעבן איבעריקע צען יאָר.

— זאָל ער לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! — האָבן די ווייבער אים געווונטשן.

— נאָר אַז גאָט וויל, — האָט דער שמש געזאָגט לאַכנדיק, — האָב איך דער ערשטער אייך אָנגעזאָגט די גוטע בשורה.

— לעבט אויך ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! — האָבן די ווייבער געענטפערט.

דער שמש האָט אָפּגעבענטשט ביים טיש און דער עולם איז באַלד געגאַנגען שלאָפן, ווייל מען האָט באַדאַרפט אויפשטיין גאַנץ פרי.

דער שמש האָט געהאַט אַ שלעכטע נאַכט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו קרעכצן. כמעט אַ קראַנקער איז ער אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, ווען מען האָט באַדאַרפט פאָרן.

און ווען מען האָט אים דערלאַנגט אַ גלעזל טיי, האָט ער גע־בעטן נאָך איינס, זאָגנדיק, אַז דאָס גלעזל טיי האָט אים גערעטעוועט.

חנה האָט פון קעלער אַרויסגענומען אַ טעפּל פּוטער און אַ שיסל קעז און עס גוט איינגעפּאַקעוועט אין וואָגן.

— דאָס וועט זיין פאַר דער רביצין אַ מתנה, — האָט חנה געזאָגט און דבורה האָט דערביי געווינטשעוועט:

— זאָלן זיי אַלע עסן געזונטערהייט!

חנה האָט אויך דעם שמש געגעבן אַ טעפּעלע פּוטער, זאָגנדיק:

— דאָס וועט זיין פאַר אייך אַ מתנה.

דער שמש האָט זיך עפּעס געקווענקלט: נעמען, אָדער נישט?

— נישקשה, איר מעגט עס מיטנעמען, — האָבן אים די ווייבער געבעטן, — אַזאַ פּוטער וועט איר אין שטאָט נישט געפינען. איר האָט עס כשר פאַרדינט. אַזאַ בשורה, אַזאַ גוטע בשורה, האָט איר אונדז געבראַכט!

— אָט טאַקע דערפאַר וויל איך גאָרנישט נעמען פאַר דער בשורה, — האָט דער שמש געזאָגט מיט אַ געלעכטערל. — איר ווייסט דאָך, אַז פאַר אָנזאָגן אַ גוטע בשורה, רעכנט מען צו צען יאָר לעבן, וויל איך דעריבער גאָרנישט נעמען. מען זאָל עס נישט פאַררעכענען אויף דעם חשבון פון די צען יאָר...

— אויב אַזוי, — האָט חנה געזאָגט, — וועל איך דאָס טעפּל פּוטער אַליין אָפּגעבן אייער ווייב, וועט איר שוין נישט האָבן וואָס מורא צו האָבן!

— אויב אַזוי, איז גאָר עפּעס אנדערש! — האָט דער שמש גע־ענטפערט צופרידן.

דער פויער האָט נישט אויפגעהערט צו איילן דעם עולם, אַז עס איז שוין צייט צו פאָרן.

דער אַלטער זשיבעק האָט געהאָלפן חנהן אַרויפקריכן אויף דער פור, דער שמש האָט זיך אויך אַרויפגעכאַפּט און די פור האָט זיך גערירט.

דבורה איז אַריין צוריק אין שטוב און זשיבעק האָט זיך גע־לאָזט גיין צו דער מיל, כאָטש ער האָט דאַרטן נישט געהאַט קיין שום אַרבעט צו טאָן, נאָר גלאַט אַזוי! ער האָט שוין לאַנג די מיל נישט געזען, האָט ער זיך פאַרבענקט און געוואָלט אויף איר אַ קוק טאָן... און אפשר האָט ער איר געוואָלט אָנזאָגן די בשורה, אַז זי

וועט נאָך אַמאָל לעבעדיק ווערן, די גרויסע ראָד וועט איינגיכסטן זיך אָנהייבן דרייען, עס וועט זיך הערן דאָס פּליסקען פון וואַסער, פויערים וועלן קומען מיט פורן ווייץ און קאָרן און די מיל וועט מאָלן און מאָלן. זשיבעק וועט באַלעבאַטעווען, שרייען אויף די פויערים, וועלכע שטופן זיך מיט די זעק תבואה איינער פאַר דעם אַנדערן, און עס וועט זיך אָנהייבן אַ נייע וועלט, אַ ניי לעבן!

• •

ווען מאַניע האָט נעכטן נאָך אַ האַלבן טאָג זיך אויפגעכאַפּט פון לאַנגן שלאָף און דערזען, אַז זי געפינט זיך ביי דער רביצין אין שלאָפצימער, נישט אין מאָנאַסטיר, האָט זי אַליין נישט געגלויבט איר גליק. ערשט נעכטן האָט זי זיך געפילט אַזוי אומגליקלעך און ווייניק געגלויבט, אַז זי זאָל זיך אַזוי גליקלעך ראַטעווען און איבערלעבן אַזאַ נאַכט מיט אַזויפיל שרעק! און איצט זעט זי זיך פריי. באַלד וועלן קומען אירע עלטערן, די באָבע, זי וועט זיי אַלעמען זען.

פון קיין זאַך האָט זי איצט נישט געטראַכט, נאָר וועגן אירע עלטערן, און ווען די רביצין איז צו איר אַריינגעקומען, איז אירע ערשטע פראַגע געווען:

— זענען שוין מיינע עלטערן געקומען?

— זיי וועלן מסתמא היינט קומען, ווייל דער רב האָט דעם שמש געשיקט צו זיי אָנזאָגן די גוטע בשורה. זיי וועלן מסתמא אויף דער נאַכט דאָ זיין.

— איך בענק שוין נאָך זיי אַזוי! — האָבן זיך ביי מאַניען די ווערטער אַרויסגעריסן.

— דו וועסט שוין לאַנג נישט דאַרפן וואַרטן, — האָט די רביצין זי געטרייסט.

עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט, מאַניע האָט אומגעדולדיק אַלע־מאָל אַרויסגעקוקט פון פענסטער און זיך צוגעהערט צו יעדן פאַרביי־פאָרער, אפשר וועט זיך אַ פור אָפּשטעלן ביים רבס שטוב, אָבער עס

איז געווען שטיל און מאַניע האָט אָנגעהייבן ווערן אומרויִק און זיך שרעקן.

— וואָס קען דאָס זיין, רביצין, וואָס זיי זענען נאָך נישט געקומען?

— וואָס זאָל זיין? גאָרנישט. וואָס קען מען אין וועג וויסן? אויב זיי וועלן היינט נישט קומען, וועלן זיי אי״ה געוויס זיין מאָרגן איינדערפרי.

— איך טראַכט אַזויפיל איבער, ווער ווייסט, וואָס מיט זיי איז פאָרגעקומען? איך האָב שוין זיי אַזוי לאַנג נישט געזען!

— וואָס קריכן דיר אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישע געדאַנקען? דו ביזט נעבעך אָנגעשראָקן, ווייזט זיך דיר אַלץ אויס, אַז עס איז עפּעס פאָרגעקומען און דו לייגסט אַלץ אויס אויף שלעכטס. איך ווייס, אַז אַלע ביי אייך אין שטוב זענען ב״ה געזונט, טראַכט גאָרנישט איבער, אַלץ וועט זיין גוט!

מאַניע האָט זיך באַרויִקט, נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך אָנגערופן:

— אפשר, רביצין, וואָלט איך געפאָרן באַלד אַהיים?

— וואָס דיר קען איינפאַלן! דו דאַרפסט נישט, אַן דיינע עלטערן, פאָרן אַהיים. זיי וועלן אי״ה קומען, וועט איר אַלע צוזאַמען פאָרן אַהיים. דו ביזט געווען אַ קלוג מיידל, וואָס דו ביזט נישט געפאָרן גלייך אַהיים און האָסט זיך אָפּגעשטעלט פריער ביי אונדז, און איצט רעדסטו נאַרישקייטן!

— זייט מיר מוחל, רביצין, איך בין אַזוי איבערשראָקן, אַז פון אַלץ טראַכט איך איבער.

— נו, גענוג, גענוג, דאַרפסט פון גאָרנישט איבערטראַכטן. היינטיקע נאַכט דאַרפסטו זיך לייגן פריער, ווייל גאָך אַזאַ נאַכט דאַרפסטו זיך גוט אויסשלאָפן.

— איך האָב גענוג גערוט דעם גאַנצן טאָג. איך וועל זיך לייגן גלייך מיט אַלע.

זיצנדיק אין עסצימער האָבן זיי נאָך לאַנג גערעדט. שפּעטער איז פון זיין צימער אַריינגעקומען דער רב. מאַניע האָט זיך מיט גרויס דרך-ארץ אויפגעהייבן פון אָרט.

— זיץ, מיין קינד, זיי זיך נישט מטריח. איך בין געקומען דיך פרעגן, וואָס דו מאַכסט.

— אַ דאַנק, רבי, איך פיל זיך ביי אייך זייער גוט. איך וואָלט גאָר געוואָלט מיינע עלטערן שוין זען.

— ווערסט זיי אי״ה זען. זיי וועלן געוויס קומען מאָרגן פרי. איך האָב דאָך געשיקט נאָך זיי מיין שמש.

— זיי וואָלטן דאָך שוין געקענט קומען?

— אַז מען איז אין וועג, קען מען נאָר וויסן, ווען מען פאָרט אַוועק, נאָר ווען מען קומט, קען מען קיינמאָל נישט אויסרעכענען, — האָט דער רבי געענטפערט.

— איך האָב אויך אַזוי געזאָגט, — האָט די רביצין זיך אָנגערופן.

— אוודאי אַזוי, זיי רויק מיין קינד!

דערווייל האָט דער רב דערציילט, אַז אים וואונדערט זייער, וואָס אין שטעטל ווייסט מען שוין, אַז ר' זעליגס קינד האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון גוי׳שע הענט.

— איך האָב קיינעם קיין וואָרט נישט געזאָגט, — האָט דער רבי דערציילט, — אפילו מיין שמש האָב איך גאָרנישט געזאָגט וועגן דיר און וויאַזוי מען האָט זיך דערוווּסט, פאַרשטיי איך נישט. אפשר האָסטו עמעצן געזאָגט? — האָט ער זיך געווענדט צו דער רביצין.

— איך האָב מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דעם. ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מען ווייסט?

— עס איז געווען ביי מיר אַ ייד וועגן אַן ענין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט וועגן דעם געהערט אין קרעטשמע.

מאַניע איז געוואָרן אומרויק.

— האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן, מיין קינד. איצט האָסטו פאַר קיינעם קיין מורא נישט צו האָבן. די רוצחים האָבן קיין רעכט נישט געהאַט, מיט געוואַלט דיך האַלטן ביי זיך פאַרשלאָסן, זיי דאַרפן מורא האָבן פאַר דיינע עלטערן, וועלכע קענען זיי אָנקלאָגן. אָבער זאָלן זיי איבערגיין אויף אַנדערע הענט, אַבי מען האָט דיך פון זיי אַרויסגעריסן. דו דאַרפסט פאַר זיי מער קיין מורא נישט האָבן. —האָט זי דער רב בארויקט.

קאַפּיטל פּערצן.

אין דער גרויסער שטאָט.

אין דער גרויסער שטאָט כ., ווו עס האָט געוווינט דער גובער־נאַטאָר, איז צו דעם ערשטקלאַסיקן האָטעל „דער אדלער” צוגעפאָרן באָריס וולאַדימיראָוויטש שערמאַן, אָנגעטאָן אין זיין מונדיר מיט די געגילדטע קנעפּלעך.

ער איז נאָר וואָס געקומען פון אַ באַזוך ביים גובערנאַטאָר, ווו ער האָט אים אויך איצטיקס מאָל פריינטלעך אויפגענומען און צוגעזאָגט, אַז זיין ביטע וועגן דער יידישער מיידל, וואָס מען האַלט זי אין מאָנאַסטיר, וועט ער אָננעמען באַלדיקע שריט. די זאַך דאַרף זיך דערקלערן, און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס יידישע מיידל ווערט גענייט דערצו און מען וויל זי מיט געוואַלט אָפּשמדן, וועט מען זי באַלד באַפרייען.

פון דעם גובערנאַטאָרס גוטע באַנעמונג צו אים איז ער געוועזן זיכער, אַז די באַפרייונג פון מאַניען וועט פאָרקומען גאָר אמגיכסטן, און ער האָט זיך איצט געפילט דער גליקלעכסטער אין דער וועלט.

אַריינקומענדיק צו זיך אין צימער און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך זיין מונדיר, האָט ער אויף דעם טיש באַמערקט אַ בריוו, און נאָך פון דעם קאָנווערט האָט ער באַלד דערקענט, אַז דאָס איז פון זיין מוטער.

נעמענדיק דעם בריוו, האָט ער אָנגעהייבן צו לעזן:

„מײַן טײַערע בוזיע!

איך מוז דיר, ענדלעך, זאָגן, מײַן קינד, אַז דו טוסט מיר אָן גרױסע יסורים. איך האָב דיר עס שױן לאַנג געװאָלט זאָגן, נאָר איך האָב עס געטראָגן אין האַרצן און נישט געװאָלט דיר שטערן אין דײַנע פֿאַרגעניגנס. דו ביזט דאָך מײַן טײַערער גאַסט, אױף װעלכן די אױגן זענען מיר חדשים-לאַנג אַרױסגעקראָכן, אַרױסקוקנדיק אױף דײַן קומען. צום סוף, װען איך האָב שױן דערלעבט דיך צו זען, ביזטו אַװעקגעפֿאָרן און פֿאַרגעסן אין דײַן מאַמען און אין דײַן שװעסטער. װאָס איז? דו װײסט אַ ייִדן אַ טובה טאָן. זײער שײן, איך בין שטאָלץ, װאָס מײַן זון איז אומשטאַנד און פֿאַרמאָגט אַ גוט האַרץ יענעם אַ טובה צו טאָן. אָבער אַװעקלײגן זיך אינגאַנצן פֿאַר יענעם און פֿאַרגעסן אין דער אײגענער מוטער און אין דער אײנציקער שװעסטער, איז שױן אַ ביסל צופֿיל. און פֿאַר װעמען לײגסטו זיך אַזױ אַװעק און גיסט אַװעק דײַן בעסטע צײַט? זאָל כאָטש זײַן פֿאַר עפּעס רעכטס. נײן, דאָס אױך נישט! דו גיסט אַװעק דײַן גאַנצע צײַט פֿאַר אַ מײדל, װאָס איז אַנטלאָפֿן מיט אַ פּראָסטן פֿעלדשערס אַ זון. אמת, אַ טובה דאַרף מען יעדן מענטשן טאָן, אָבער דײַן גאָלדענע צײַט אַװעקגעבן פֿאַר אַזאַ מײדל, איז שױן צופֿיל! איך, דײַן מוטער און דײַן שװעסטער, געפֿינען זיך באַלײדיקט פֿון דיר. פֿאַרגעס נישט, אַז די צײַם שטײט נישט, אָט באַלד, אײדער מען קוקט זיך אום, װעט די צײַט אַװעקפֿליִען, דײַן אורלױב װעט זיך ענדיקן און דו װעסט מוזן אַװעקפֿאָרן קײן פּעטערבורג, און מיר האָבן דיך אַפֿילו נישט אָנגעקוקט װי עס דאַרף צו זײַן, זיך נישט אָנגערעדט. דו װעסט אַװעקפֿאָרן און מיר װעלן װידער דאַרפֿן װאַרטן אַ גאַנץ יאָר ביז מיר װעלן דיך נאָכאַמאָל קענען זען”.

„איך בעט דיך, מײַן קינד, דו זאָלסט אַװעקװאַרפֿן אַלץ און באַלד קומען צופֿאָרן. לאָמיר כאָטש די קורצע צײַט, װאָס איז נאָך געבליבן צו דײַן אַװעקפֿאָרן, פֿאַרברענגען צוזאַמען. עס איז מיר פּראָסט אַ בזיון פֿאַר באַקאַנטע. ביזט געקומען צו דײַן מוטער און שװעסטער, צום סוף האָסטו אונדז איבער-

געלאָזט און בייזט אָוועקגעפאָרן. איך האָב געמיינט, אַז מיר צעשיידן זיך נאָר אויף אַ פּאָר טעג. צום סוף האָסטו זיך דאָרטן אַנידערגעזעצט צוליב איינער, וואָס מען דאַרף אין אַ ליטיש הויז איר נאָמען נישט דערמאָנען און דו טראַכסט גאָר-נישט פון צו קומען אַהיים. ענטפער מיר באַלד ווען דו פאָרסט אַרויס".

צו דעם בריוו האָט אויך צוגעשריבן זיין שוועסטער און אים אויך געבעטן ער זאָל וואָס גיכער קומען. זי האָט מאַניעס נאָמען נישט דערמאָנט, זי האָט אים נאָר געגעבן אָנצוהערן, אַז צוליב פאַ-מיליע-אָנגעלעגנהייטן דאַרף ער איצט זיין אינדערהיים און פאַר-לאַנגט פון אים, אַלס איר ברודער, מיט וועלכן זי דאַרף זיך נייטיק באַראַטן, ער זאָל ווי צום גיכסטן קומען אַהיים.

באָריס האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו און מיט אַ איראָנישן שמייכל זיך געזאָגט:

— מיין מוטער, וואָס מאַכט אַזוי צו גאָרנישט מאַניען, זאָל וויסן, וואָס זי איז פאַר מיר! און אַז איך בין גרייט צוליב איר אַפילו מקריב זיין פּעטערבורג מיט מיין גאַנצער קאַריערע און דאָ בלייבן אפילו אַ גאַנץ יאָר, אַבי איך זאָל זי באַפרייען, וואָס וואָלט מיין מוטער דעמאָלט געזאָגט.

— און דידאָזיקע צייט, ווען איך וועל דאַרפן אָפן רעדן מיט מיין מוטער, וועט מוזן קומען! נישט איצט, איז שפּעטער, ווען עס איז, אָבער קומען מוז עס!

און, אַזוי טראַכטנדיק, האָט באָריס זיך געזעצט צום שרייבטיש און געענטפערט זיין מוטער אויף איר בריוו:

„איך וויל זיין אינדערהיים און פאַרברענגען מיט דיר, נישט וויפיקער, ווי דו, נאָר דו מוזט, מיין ליבע מוטער, ענדלעך, פאַרשטיין, אַז איך בין שוין מער קיין יינגעלע נישט, וואָס איך דאַרף זיך האַלטן ביי דער מאַמעס פאַרטוך. ווען איך בין דאָ און קען נאָך נישט פאָרן אַהיים, מוז דאָס אַזוי זיין. ווען איך האָב זיך גענומען צו אַ זאַך, קען איך עס נישט איבערלאָזן אינמיטן. איך מוז עס פאַרענדיקן און דערנאָך וועל איך קומען אַהיים. איך האָף, אַז איך וועל עס אויספירן מיט גרויס דערפאָלג, און דאָס, וואָס דאָס פּאַסט נישט פאַר

דיינע באַקאַנטע, קען איך זיך נישט רעכענען מיט פּראָווינציעלע נאַרישקייטן. זאָלסט מיר מוחל זיין, די באַקאַנטע קענען רעדן וואָס זיי ווילן, נאָר מיר גייט עס ווייניק אָן!"

נאָכדעם, ווי ער האָט נאָכאַמאָל פאַרזיכערט זיין מוטער, אַז באַלד ווי ער וועט פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט פאַרגענומען, וועט ער באַלד קומען אַהיים, האָט ער אויך געשריבן זיין שוועסטער, אַז קיין שום פאַמיליע-אַנגעלעגנהייטן קען אים נישט צווינגען, ער זאָל אינמיטן אַוועקוואַרפן זיין אַרבעט, וואָס ער האָט שוין אָנגעהייבן. און אויך האָט ער פאַרזיכערט זיין שוועסטער, אַז ער וועט טאָן אַלץ, אַז ער זאָל קענען וואָס פריער קומען אַהיים.

ווען ער האָט געענדיקט אָנשרייבן דעם בריוו, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר און עס איז אַריינגעקומען לעוו גריגאָריעוויטש באסין, זיינער אַמאָליקער חבר פון פעטערבורגער אוניווערזיטעט.

זיין חבר, וועלכער האָט זיך דעמאָלט גערופן „באַשעס" און איצט „באסין", האָט צוזאַמען מיט באָריס שערמאַן געהערט צו דער גרופּע סטודענטן-קאַריעריסטן, וועלכע דאָס רוב פון זיי האָבן זיך אויסגעשמדט צוליב רעגירונג-שטעלעס, וואָס מען האָט זיי נאָך דעם ענדיקן זייער שטודיום געגעבן אין פאַרשידענע דעפּאַרטאַמענטן.

באַסין, אויך אַ געענדיקטער יוריסט, האָט באַלד נאָך זיין שמדן זיך באַקומען אַ שטעלע אין דער גובערניע כ. אַלס סעקרעטאַר אין אַ העכערן געריכט.

באָריס האָט דאָ ביי זיין אָנקומען אין דער גובערניע, באַלד אויפגעזוכט זיין חבר און פאַרבראַכט מיט אים די פרייע צייט.

כמעט אַלע טאָג האָבן זיי זיך געזען און באסין איז גוט געווען באַקאַנט מיט דער גאַנצער געשיכטע, צוליב וואָס זיין חבר איז געקומען. ער האָט נאָר נישט געוווסט, אַז באָריס איז שטאַרק פאַרליבט אין דעם מיידל פון אַ יידן, וואָס האָט אַ מיל ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן דערפל, ווייל עס איז אים וועגן דעם קיינמאָל נישט איינגעפאַלן.

— נו, ווי גייען דיינע געשעפטן? — האָט באסין אים געפרעגט, ווי ער האָט נאָר איבערגעטראָטן די שוועל פון זיין צימער.

— אויסגעצייכנט, — האָט באָריס פריילעך געענטפערט, — איך קום נאָר וואָס פון גובערנאַטאָר, ער האָט מיך זייער ליבלעך אויפגענומען און צוגעזאָגט צו טאָן אין דער זאַך, וואָס נאָר אין זיין מאַכט איז מעגלעך.

באָריס שערמאַן האָט די נייס איבערגעגעבן זיין חבר מיט אַ שטראַלנדיק געזיכט.

באַסין האָט אים אָנגעקוקט און פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר, באָריס, דו קענסט פאַרזיצלען דאָס מיידל, צוליב וועלכער דו גיסט אַוועק אַזויפיל דיין צייט?

— אוודאי קען איך זי! נאָר צוליב וואָס פרעגסטו עס? — האָט באָריס געקוקט אויף אים מיט פאַרוווּנדערונג.

— אָט, גלאַט אַזוי, עפּעס געפעלט מיר, אַז דו ביזט אַ פאַרליבטער, דיין פּנים זעט אויס אַזוי!

באָריס האָט עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס און מער נישט געענטפערט.

דערנאָך האָט באָריס פּלוצלונג ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— און דו טראַכסט נישט וועגן חתונה האָבן? איך מיין, אַז עס איז די רעכטע צייט, דו זאָלסט זיך איינאָרדענען מיט אַ בעלע-באַטישקייט.

— איך וואָלט אוודאי חתונה געהאַט, נאָר עס איז נישטאָ פאַר וועמען?

— ווייניק מיידלעך זענען דאָ?

— מיידלעך פעלן נישט, נאָר נישט פאַר מיר, — האָט באַסין געענטפערט מיט אַ זיפץ.—קיין יידיש מיידל וועט מיך נישט נעמען און ביי זיי באַגעגן איך נישט אַזוינע, וואָס זאָל מיר געפעלן.

— דו רעדסט נאַרישקייטן! ביי זיי זענען אויך דאָ שיינע און לייטישע מיידלעך.

— אוודאי זענען דאָ, אָבער אַזעלכע ווי מיר ווילן זיי אויך נישט, גלייך מיט די יידישע.

— וואָס רעדסטו מיט דעם לשון „מיר". דו קענסט נאָר רעדן אין דיין נאָמען.

— איך זאָג „מיר", ווייל איך בין איבערצייגט, אַז ווען עס וועט קומען די צייט, ווען דו וועסט דאַרפן חתונה האָבן, וועט דיר אויך זיין שווער אַזוי ווי מיר.

באָריס האָט געפילט, אַז זיין חבר זאָגט אמת, אָבער צוליב זיין יונגן שטאָלץ איז עס אים נישט אָנגעשטאַנען און ער האָט זיך אָנגערופן:

— ווען איך זאָל אפילו איצט ווערן חתונה האָבן, ווער איך האָבן איינע פאַר צען.

— יידישע מיידלעך, מיינסטו?

— ווי קען איך רעדן וועגן יידישע, איך בין דאָך אַ קריסט און אַ יידיש מיידל וועט פאַר מיר נישט חתונה האָבן.

— עס איז געווענדט וואָס פאַר אַ מיידל? נישט אַלע מיידלעך זענען גלייך!

באָריס האָט גוט פאַרשטאַנען זיין חברס פאַרשטעלטע ווערטער, ווייל מיט זיינע לעצטע ווערטער, האָט ער אים געטראָפן, פונקט ווי ער זאָל אים אָנטרעטן אויף דעם פוס אויף אַ אָנגעווייטיקט אָרט.

ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און אים געפרעגט:

— וואָס מיינסטו מיט דעם צו זאָגן?

— איך מיין צו זאָגן, אַז עס איז נישט גוט מיט אונדז.

— זאָג מיט „דיר”, נישט מיט „אונדז”, — האָט באָריס אויסגעבעסערט.

— זאָל זיין, ווי דו ווילסט: מיט „מיר”. איך מיין עס גאַנץ ערנסט. מיין לאַגע איז זייער אַ טרויעריקע, איך האָב באַשלאָסן חתונה צו האָבן, גענוג געווען אַ בחור, מיר געפעלט אַ פאַמיליעלעבן, און עס איז טאַקע שוין די העכסטע צייט. נו, איז עס מיר שווער, זייער שווער, עס קומט מיר נאָר אויס צו פאַרזיצן אַן אַלטער בחור.

באַסין האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און ווידער אָנגעהייבן:

— חתונה האָבן וואָלט איך אפשר יאָ געקענט, אָבער דעמאָלט דאַרף איך זיך אָפּזאָגן פון מיין גאַנצער קאַריערע, צוליב וואָס איך האָב געבראַכט אַזויפיל קרבנות...

באָריס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט און אָנגעשריען אויף זיין חבר:

— דו זאָלסט אויפהערן צו רעדן מיט רעטענישן! עפּעס שטיקט דיך, ווילסטו זיך אויסרעדן, טאָ רעד ווי אַ מענטש מיט אָפענע דבורים, ווען נישט לאָמיר וועגן אַזעלכע זאַכן מער נישט רעדן!

— און ווייסטו גאָר וואָס, לעוו? לאָמיר איינגאַנצן וועגן אַזעלכע זאַכן מער נישט רעדן, עס קאָסט געזונט... לאָמיר בעסער גיין ערגעץ פאַרברענגען.

— ניין, ניין, —האָט לעוו אָפּגעהאַלטן זיין חבר, —איך בין היינט אומישנע געקומען צו דיר זיך אַ ביסל אויסרעדן, עס איז שווער

איבערצוטראָגן... איך וועל איצט רעדן אָפן! איך וויל זיך טאַקע באַ־ראַטן מיט דיר, וואָס איך זאָל טאָן? הער מיך אויס!

— איך הער, איך הער! צו וואָס אַזויפיל פאָררעדעס?

און באַסין האָט אָנגעהייבן דערציילן:

— דו ווייסט דאָך שוין, אַז מיין נאָענטער נאַטשאַלניק, דער פּאָרזיצנדער פון געריכט, איז שטענדיק זייער גוט צו מיר און איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ גליק, ווארים ער האָט גרויסע באַציונגען מיט פּעטערבורג. זיינער אַ נאָענטער פריינט איז איצט אַ מיניסטער און, פאַרשטייט זיך, אַז זיין גוטע באַציונג צו מיר, האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר מיר. איך קען דאָ, אַ דאַנק אים, אויסוואַקסן אין טיטלען און אין געהאַלט, און נאָך בעסער, אַ דאַנק אים קען מען מיך איבערפירן אויף אַ העכערע שטעלע אין פּעטערבורג, צו וואָס איך שטרעב די גאַנצע צייט, צייט מיין קאַריערע האָט זיך אָנגעהייבן.

— דאָס לעצטע יאָר, — האָט לעוו ווייטער דערציילט, — איז די באַציונג פון מיין נאַטשאַלניק צו מיר געוואָרן נאָך בעסער. ער האָט מיך אָנגעהייבן איינלאַדן אָפט צו זיך אַהיים, מיך באַקאַנט מיט זיין פאַמיליע און גאַנץ אָפט האָט מען מיך אָנגעהייבן אויך איינלאַדן אין די פייערטעג אויף אַ מיטאָג, אָדער אויף אַן אָוונט, ווען עס קומען דאָרטן פאַר פאַר איינגעלאַדענע געסט, און מיט וועמען האָב איך זיך דאָרטן נישט באַקאַנט און באַפריינט? מיט דער גרעסטער „נאַטשאַלסטווע” פון דער גובערניע, מיט דעם גובערנאַטאָר, מיט די רייכסטע גוטבאַזיצער אין דער געגנט און אפילו מיט דעם הויפּט־נאַטשאַלניק פון דער גובערניע, מיט דעם גענעראַל, וואָס האָט צו שאַפן איבער דעם גאַנצן מיליטער, האָב איך זיך אויך באַקאַנט און ער האָט אַפילו מיר פאָרגעשטעלט זיין פרוי מיט זיינע טעכטער, וואָס האָבן זיך אויך געפונען אויף דעם אָוונט.

באַסין איז אַנטשוויגן געוואָרן און עס האָט אויסגעוויזן, אַז ער טראַכט, וואָס ער זאָל ווייטער דערציילן.

באָריס האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער געשיכטע און זיך אָנגערופן:

— וואָס־זשע ביזטו אַנטשוויגן געוואָרן? דערצייל ווייטער, די געשיכטע האָט מיך זייער אינטערעסירט.

— יאָ, — האָט באַסין זיך אַ כאַפּ געטאָן, — איך האָב זיך גע־פונען אויף דעם זיבעטן הימל, אַלע וועגן זענען פאַר מיר געוואָרן

אָפּן, נאָר ביסלעכווייז, האָב איך אָנגעהייבן צו באַמערקן, ווי מען שדכנט מיר דעם פּאַרזיצנדערס אַ פּלימעניצע, וואָס איז נישט לאַנג געקומען צופאָרן און ווייזט אויס אויף לאַנג זיך באַזעצט ביי דער פאַמיליע פון מיין „נאַטשאַלניק"... איך האָב באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיך געזעצט צום טיש, איז מיין פּלאַץ שטענדיק אויסגעקליבן געוואָרן לעבן איר און נאָכן עסן פּלעגט די פּלימע-ניצע מיך שוין נישט אָפּלאָזן ביז דער אָוונט, אָדער דער באַל האָט זיך געענדיקט. מיט איר איז מיר, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, אויסגע-קומען די גאַנצע צייט צו טאַנצן און זיך נאָכשלעפּן לעבן איר. פון צייט צו צייט פּלעגט צוקומען צו מיר דעם פּאַרזיצנדערס פרוי און „אונדז" פרעגן, ווי מיר פילן זיך? פאַרוואָס טאַנצן מיר אַזוי ווייניק? און צי ווילן „מיר" זיך מיט עפּעס דערקוויקן, און דער'ביי איז ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן אַ לאַקיי מיט אַ גרויסער טאַץ, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען אָנגעשטעלט אלדאָס גוטס.

באָריסן האָט אָנגעכאַפּט אַ געלעכטער, אַז ער האָט קוים גע-קענט כאַפּן דעם אָטעם.

באַסין האָט מיט פאַרדראָס זיך אָנגערופן:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאַכט?

— אַך און וויי צו מיין געלעכטער! איך לאַך מיט יאַשטשערקעס. דיזעלבע געשיכטע איז אויך מיט מיר. מען לאַדט מיך איין אין די גרעסטע הייזער און אומעטום געפינט זיך אַ פּאַרזעסענע, אַ פּאַר-וויאַלעטע, אָפּגעלעבטע פּלימעניצע, דער באַלעבאָסטעס אַ שוועסטער, אָדער אַ נאָענטע קרובה, מיט וועלכער מ'וויל מיך פאַרשלייערן... נאָר וועגן מיר אַן אַנדערש מאָל. דערצייל ווייטער. עס איז זייער אינטערעסאַנט.

— דיר איז עס אינטערעסאַנט, און ביי מיר איז עס אַ פראַגע פון לעבן און טויט! וואָס האָב איך דיר ווייטער צו דערציילן? מיין לאַגע איז זייער נישט קיין גוטע. איך פיל, אַז ווען איך וועל נישט חתונה האָבן מיט מיין „נאַטשאַלניקס" פּלימעניצע, וועל איך נישט נאָר אין מיין קאַריערע נישט שטייגן, נאָר עס וועט זיכער ווערן אוממעגלעך צו בלייבן ווייטער אויף מיין שטעלע. וועל איך יאָ חתונה האָבן מיט איר, וועל איך שטאַרק אויסוואַקסן מיט טיטלען, מיט מעדאַלן און וועל דערגרייכן דאָס גרעסטע: אַ הויכע שטעלע,

ווי איך וועל נאָר וועלן, אַפילו אין די בעסטע דעפּאַרטאַמענטן אין פּעטערבורג.

— וואָס-זשע? נעמט מען און מען האָט חתונה! ביזט דאָך דערויף געגאַנגען צו מאַכן אַ קאַריערע, און ווען דו האָסט אַזאַ גוטן צופאַל אויסצוזוכן, טראַכט מען נישט און מען האָט חתונה!

— עס איז גוט צו זאָגן „האָב חתונה!" מיט וועמען זאָל איך עס חתונה האָבן? אַ הויפן פאַרטריקנטע ביינער, עלטער פון מיר. מיט איין וואָרט, אַ פאַרזעסענע אַלטע פאַרטריקנטע מויד, אויף וועלכער קיינער קוקט זיך מער נישט אום, וויל מען פאַרשלייערן מיט איינעם, וואָס קומט אַרויס פון יידן...

— זיי רעכענען נאָך, האָט באַסין גערעדט מיט אויפרעגונג, אַז איך, אַלס געוועזענער ייד, דאַרף אויך דאָס האַלטן פאַר אַ גליק, וואָס מען וויל מיר אָנטאָן אַזויפיל כּבוד און זי מיר געבן פאַר אַ פרוי. זי איז דאָך אַ גרויסע יחסנטע, אַ טאָכטער פון אַ גענעראַל, איינער פון די, וואָס האָט זיך אַמאָל געשלאָגן אין קאַווקאַז מיט די דאָרטיקע שבטים און צוגענומען זייער לאַנד פאַר רוסלאַנד. בין איך גליקלעך ווי די ראַבע קאַץ און מוז חתונה האָבן מיט איר!

באַסין איז אַנטשוויגן געוואָרן און באַריס האָט אויך נישט גערעדט. זיי זענען געזעסן טרויעריק און פאַרטראַכט.

דערנאָך האָט באַסין געפרעגט:

— וואָס טוט מען? וויאַזוי דרייט מען זיך אַרויס פון דער בלאָטע?

— איך ווייס? אפשר וואָלסטו געבעטן, מען זאָל דיך איבער-פירן אין אַן אַנדער שטאָט, וועסטו מיטאַמאָל פטור ווערן פון אַלץ!

— איך האָב שוין אויך וועגן דעם געטראַכט, נאָר איך האָב מורא, אַז ווען איך וועל דאָס בעטן, וועט מיין נאַטשאַלניק פאַרשטיין, וואָס איך מיין דערמיט און אנשטאט מיך איבערפירן אין אַן אַנדער שטאָט, קען איך אײַנגאַנצן באַקומען „אטסטאווקע" און אויף דעם בעסטן פאַל וועל איך באַקומען אַ קלענערע שטעלע, און דאָס הייסט: גיין צוריק, פאַלן און פאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער, פאַרבלייבן אַ פאַרגליווערטער דאָס גאַנצע לעבן אויף איין אָרט, סיידן איך וועל זיך אַליין אָפּזאָגן אינגאַנצן פון דינסט. און דערנאָך וואָס וועט זיין? פון דער יידישער געזעלשאַפט בין איך אָפּגעריסן און פאַרפאַלן. ווען איך בין נאָך אויף א שטעלע און בין פאַרשפּיליעט

אין מיין „מונדיר“ מיט די בלישטשעדיקע קנעפּלעך, דולדעט מען מיך נאָך אפילו צווישן יידן, וועל איך אָבער ווערן אויס קאַפּעלושמאַכער, וועלן זיי מיך פּראָסט אויסווייכן. נו, און צווישן דער קריסטלעכער געזעלשאַפט האָב איך דאַן נישט וואָס צו טאָן, ווייל זיי ליידן בכלל נישט אַ געוועזענעם ייד. דו מעגסט זיך שמדן הונדערט מאָל און נישט פאַרפעלן יעדן טאָג צו גיין אין קלויסטער, וועלן זיי דיר נישט פאַרגעסן, אַז דו ביזט אַ געוועזענער „זשיד“. נו, איצט פאַרשטייסטו שוין מיין לאַגע?

— איך פאַרשטיי עס צופיל,—האָט באָריס טרויעריק געענטפערט.— אָט דאָ ליגן מיר שוין די גליקן פון אונדזער שמדן זיך צוליב קאַריערע, — האָט באָריס אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף זיין האַרצן.

— וואָס רעדסטו וועגן דיר? ווען איך בין אויף דיין אָרט, דאָס הייסט אַזוי פאַרמעגלעך, ווי דו, וואָלט איך שוין לאַנג מיט זיי געשלאָגן כפּרות, אַוועקגעוואָרפן אויף דעם מיסט דעם מונדיר מיט די קנעפּלעך, איך וואָלט דערנאָך אַוועק קיין אויסלאַנד, געוואָרן אַ ייד און זיך אומגעקערט צוריק צו דער יידישער געזעלשאַפט, אין וועלכער איך בין אויסגעוואַקסן. אָבער וואָס קען איך טאָן, אַז מער ווי מיין קליינעם געהאַלט, וואָס איך קריג יעדן חודש דעם צוואַנציקסטן, און מיין מונדיר, וואָס איך טראָג, פאַרמאָג איך גאָרנישט! פון מיינע עלטערן, פון מיינע אייגענע קען איך קיין שטיצע נישט דערוואַרטן און האָב קיין רעכט נישט עס צו פאַרלאַנגען. זיי האָבן פון מיר גענוג איבערגעלעבט יסורים און בזיונות!

— זאָג נאָר, לעוו, — האָט באָריס זיך אַ כאַפּ געטאָן,—דו האָסט אַמאָל געטראַכט דערפון, צי נאָר איצט איז עס דיר איינגעפאַלן?

— וועגן וואָס מיינסטו?

— אָט, וועגן דעם, אַז דו זאָלסט זיין פאַרמעגלעך, וואָלסטו אַוועק קיין אויסלאַנד און דאָרט צוריק געוואָרן אַ ייד?

— דאָס ערשטע מאָל, ווען דער פּלאַן איז מיר איינגעפאַלן, איז געווען, ווען איך האָב אָנגעהייבן אַריינקומען אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. ווייל מען האָט מיך אומעטום אויפגענומען פריינטלעך, אָבער יעדעס מאָל האָב איך זיך צווישן זיי געפילט אומגליקלעך, ווייל ביי יעדן צופאַל האָט מען מיר געגעבן צו פילן מיט אַ וואָרט, מיט אַ בליק און מיט באַזונדערע זשעסטן, אַז איך דאַרף קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז איך בין אַ „זשיד“. נו, און איצט, ווען מען

וויל מיך פאַרשלייערן מיט דעם גענעראַלס טאָכטער, הער איך וועגן דעם נישט אויף צו טראַכטן.

באַסין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אינדערלופטן, ווי איינער, וואָס וויל עפּעס פון זיך אָפּטרייבן, און זיך אָנגערופן מיט אַ הויכן קול:

— נאָר וואָס קומט אַרויס פון מיין טראַכטן? דערצו דאַרף מען האָבן אַ סך געלט. פאַר מיר איז קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ, אָדער זיך לאָזן פאַרשלייערן און מאַכן קאַריערע, אָדער בלייבן אַ פאַרגליווערטער אויף איין אָרט דעם גאַנצן לעבן.

באַסין איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט, אַז זיין פאַרמעגלעכער חבר זאָל זיך אָפּרופן מיט עפּעס אַן עצה. באַריס האָט זיך פאַרטראַכט, און באַסין האָט אים נישט געשטערט.

זיין חבר אָבער, פון וועלכן ער האָט מער אָדער ווייניקער דערוואַרט הילף אין זיין שלעכטער לאַגע, אָדער כאָטש אַ גוט וואָרט, איז איצט געווען פאַרטראַכט מער וועגן זיך, ווייל ער האָט זיך גע־פילט פיל אומגליקלעכער פון זיין חבר.

ער, באַריס, האָט זיך געפונען אין אַן ערגערער לאַגע פון זיין חבר, ווייל צוליב זיין שוואַכן כאַראַקטער האָט ער אין פעטערבורג זיך געלאָזט פאַרדרייען דאָס קאָפּ, און אויף אַזאַ אופן, ווי באַסין. איינער פון די הויכע באַאַמטע אין סענאַט, אונטער וועלכנס אויפזען ער האָט געאַרבעט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון זיין הויכקייט צום געשמדטן יונגנמאַן, וועלכער איז אים זייער געפעלן. ער האָט אים אויך איינגעלאַדן צו זיך אַהיים, באַקאַנט מיט זיין פאַמיליע, געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו אים אין הויז.

אין אָנהייב האָט באַריס אַזאַ גוטע באַציונג פון אַזאַ הויכן באַ־אַמטן געהאַלטן פאַר אַ גליק פאַר זיך. ער האָט אין דעם געזען, ווי אין דער צוקונפט וואַקסט זיין קאַריערע, ווייל אין זיין הויז האָט ער געהאַט די גרויסע ערע זיך צו באַקענען מיט פאַרשידענע סענאַטאָרן, מיניסטאָרן און גענעראַלן.

אָבער דערנאָך האָט זיך אויסגעלאָזט עפּעס אַנדערש.

קאפיטל פופצן.

געקומען אפדאנקען.

באסין האט מיט דעם גרעסטן אומגעדולט געווארט, אז זיין חבר זאל אים דערציילן וועגן דעם „עפעס אנדערש" און מיט א אייגע־האלטענעם אטעם האט ער אים ארייננגעקוקט אין די אויגן, ווארטנדיק, ווען ער וועט אנהייבן רעדן, נאר פלוצלונג האט זיך דערהערט, ווי מען קלאפט אין טיר.

— ארײַן! — האט באריס אויסגעשריען, נאר דאס קלאפן האט נישט אויפגעהערט און שרייענדיק „ארײַן! ביטע, ארײַן!" האט באריס זיך אויפגעהייבן פון זיין ארט, געלאזט זיך גיין צו דער טיר און זי געעפנט.

עס איז ארײַן ר' זעליג, א בלאסער, א צעקאכטער, מיט בלישטשענדיקע אויגן, און כאפנדיק דעם אטעם, האט ער קיין ווארט נישט געקענט אויסרעדן.

— וואס איז געשען, ר' זעליג? — האט באריס געפרעגט א דער־שראקענער.

— שרעקט זיך נישט... איך בין געקומען אייך אפדאנקען... איך בין נישט אומשטאנד אייך אפצודאנקען... גאט וועט אייך באצאלן!.. — האט ר' זעליג גערעדט מיט אפגעריסענע ווערטער.

— פארוואס דאנקען? וואס איז געשען? — האט באריס איבער־געפרעגט.

— וואס הייסט, איר ווייסט נאך גארנישט?

און ר׳ זעליג האָט אַרויסגעכאַפּט פון זיין זייט־קעשענע אַ טעלע־גראַמע און דערלאַנגט באָריסן.

באָריס האָט איבערגעלייענט די טעלעגראַמע, ווּ זעליגס ווייב איז מודיע איר מאַן, אַז זייער קינד איז פריי און אַז זי מיט מאַגיען געפינען זיך איצט אין וואָראָנאָוויצע ביים רב און אַז ער זאָל באַלד קומען צו פאָרן.

— מיר קומט אַ גרויסער מזל־טוב! — האָט ר׳ זעליג מיט גרויס פרייד נישט אויפגעהערט צו רעדן. — איך ווייס גאָרנישט, ווי אייך אָפּצודאַנקען, פריער גאָט און נאָכדעם איר, האָט געראַטעוועט מיין קינד. איך פאָר באַלד אַוועק, איך בין נאָר אַריינגעלאָפן צו אייך אין האָטעל אָפּדאַנקען.

באָריס איז געשטאַנען, ווי אַ צעמישטער, נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָ קומט פאַר. ער האָט נאָר אַלעמאָל געענטפערט ר׳ זעליגן:

— נישטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען...

— וואָס הייסט נישטאָ? אַ קלייניקייט, אַזאַ זאַך, אַ גאַנצער מנין פרומע יידן קענען דאָס נישט טאָן, און מיין גאַנץ לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן, וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיין קינד.

— נישטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען, — האָט באָריס נישט אויפגעהערט.

— נו, זייט געזונט, זאָל אייך גאָט באַצאָלן פאַר דעם גוטן, וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן. זייט געזונט, איך פאָר באַלד אַוועק קיין וואָראָנאָוויצע.

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? — האָט באָריס זיך אַ כאַפּ געטאָן פון זיין צעטומלטקייט. — צום צוג איז נאָך וויַיט, זיצט אַ ביסל און דערציילט, וויאַזוי איז דאָס געשען?

— איך ווייס גאָרנישט, נאָר דאָס, וואָס איז געשריבן אין דער טעלעגראַמע... איר דאַרפט מער וויסן, — האָט ר׳ זעליג געזאָגט און זיך געריסן צו דער טיר.

— אומזיסט איילט איר זיך אַזוי. צום ערשטן צוג איז נאָך גע־בליבן אַ שעה צוויי.

דערביי האָט ער גענומען די צייטונג, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און געבעטן זיין חבר, ער זאָל געפינען ווען די צוגן גייען אָפּ.

באַסין האָט געבלעטערט אין דער צייטונג און זיך אָנגערופן, אַז צום ערשטן צוג אוז נאָך געבליבן דריי שעה.

— זייער גוט, — האָט ר׳ זעליג אַ גליקלעכער זיך אָנגערופן, —

וועל איך וואַרטן אויפֿן וואָקזאַל. אַז גאָט האָט מיר געהאָלפֿן, איך קען שוין פֿאָרן זען מײַן קינד, וועל איך וואַרטן אויף דעם וואָקזאַל אַפֿילו פֿינף שעה.

— וועט איר בעסער וואַרטן בײַ מיר, וועלן מיר אַ ביסל שמועסן.

— ניין, ניין, — האָט ר׳ זעליג אַוועקגעמאַכט מיט די הענט, — איך וויל נישט... טאַמער, חס ושלום, וועל איך פֿאַרשפּעטיקן דעם צוג... ניין, ניין, איר וועט מיר מוחל זײַן, איך וואָלט אוודאי אײַך געוואָלט צוליב טאָן, נאָר נישט איצט... מיר וועלן זיך נאָך זען... איך וועל קומען מיט מײַן ווײַב צו אײַך אַהיים אָפּדאַנקען, וועלן מיר אַ ביסל שמועסן און אײַך דערציילן, וויאַזוי, פֿריער גאָט און דערנאָך איר, האָט אונדז געהאָלפֿן... און ווי וועט איר נישט וועלן זען מײַן קינד, וואָס איר האָט געראַטעוועט? איר וועט קומען צו אונדז אין דאָרף און וועט זײַן בײַ אונדז אַ טײַערער גאַסט!

אָנזעגנענדיק נאָכאַמאָל, איז ר׳ זעליג, ווי אַ ווינט אַרויס פֿון צימער.

באַריס איז געבליבן שטיין, נישט קענענדיק אַרויסרעדן אַ וואָרט.

— וואָס שטייסטו אַזוי? אַ לעמעשקע און זעסט אויס עפּעס אַזוי נאַריש...

— איך שטעל זיך אַליין פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ נאַריש פּנים איך האָב איצט, — האָט באַריס געזאָגט מיט אַ שמייכל, — מען דאַרף דאָס מיר נישט זאָגן, און נישט נאָר נאַריש, נאָר משוגע קען מען ווערן! הער נאָר אויס. איך האָב דיר נאָר וואָס דערציילט, אַז איך בין הײַנט געווען בײַם גובערנאַטאָר. אמת, ער האָט מיך זייער פֿײַן אויפֿגענומען און צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס איך האָב געבעטן, אָבער ווי איז מעגלעך, אַז אין אַזאַ קורצער צײַט זאָל זי באַפֿרײַט ווערן? נאָך דער טעלעגראַמע איז צו פֿאַרשטיין, אַז זי איז נאָך נעכטן אַוועק פֿון מאָנאַסטיר.

— וואָס איז דאָ אַזויפֿיל צו טראַכטן? — האָט באַסין זיך אָנגערופֿן. — עס קען זײַן, אַז דער גובערנאַטאָר האָט נאָך נעכטן טעלעגראַפֿיש געגעבן אַ שטרענגן באַפֿעל, מען זאָל זי באַפֿרײַען, נו, איז זי דעריבער נאָך נעכטן באַפֿרײַט געוואָרן.

— פֿאַרוואָס־זשע האָט מיר דער גובערנאַטאָר גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם?

— עס קען זייער שײַן זײַן, אַז ער האָט אַליין אויך נישט גע-

ווסט דעם רעזולטאט. אהין איז עס געגאנגען טעלעגראפיש און צוריק גייען די פאפירן מיט דער פאסט. עס איז א געוויינלעכע זאך, און איך ווייס נישט, וואס דו וווּנדערסט זיך אזוי. נאר וואס איז דער חילוק, אבי דאס מיידל, פאר וועלכער דו האסט אזויפיל צייט אוועק־געגעבן, איז שוין פריי!

באריס האט זיך, ענדלעך, בארויִקט און זיך אנגערופן:

— עס קען זיין! אפשר ביזטו גערעכט!

— עס איז געוויס אזוי! וועגן וואס איז דא צו טראכטן?

— אויב אזוי, — האט באריס זיך אויפגעכאפט, ווי פון שלאף, — פאר איך אהיים. וואס האב איך דא מער צו טאן? מיין מוטער מיט דער שוועסטער זענען אזוי אויך ברוגז אויף מיר, וואס איך בין אוועקגעפארן פון דערהיים. אט האב איך ערשט היינט באקומען פון זיי א בריוו פול מיט טענות צו מיר.

באריס האט דערביי אנגעוויזן אויף דעם בריוו, וואס איז געלעגן אויף דעם שרייב־טיש.

הייסט עס, אז דו ווילסט שוין אוועקפארן, — האט באסין גע־זאגט אן אומצופרידענער.

— דו זעסט דאך, אז איך מוז פארן! אט נעם און לייען איבער דעם בריוו, דארטן זענען קיין סודות נישטא.

באסין האט אויף גיך איבערגעקוקט דעם בריוו, און א אומצופ־פרידענער האט ער געזאגט:

— אוודאי דארפסטו פארן אהיים! אוודאי וואלט איך געוואלט, אז דו זאלסט נאך בלייבן דא מיט מיר, נאר וואס קען מען טאן? יא, דערצייל מיר כאטש, וואס מיט דיר איז געשען אין פעטערבורג, וואו דו פילסט זיך אזוי אומגליקלעך.

— עט, עס איז א גאנצע געשיכטע, — האט באריס אוועקגע־מאכט מיט דער האנט, — עס איז צופיל צו דערציילן. איך בין איצט נישט אויפגעלייגט. איך האף, אז ביז מיין אוועקפארן קיין פעטערבורג וועלן מיר זיך נאך זען.

— וויאזוי קען דאס זיין?

— גאנץ פראסט, קום צו פארן צו מיר. דו וועסט זיין ביי אונדז א גאסט און מיר וועלן גוט פארברענגען צוזאמען.

— איך וואלט מיט פארגעניגן אנגענומען דיין איינלאדונג, אבער עס איז א גאנצע געשיכטע, מען דארף בעטן אורלויב.

— בעט מען, איז וואָס? מען וועט דיר אין דעם נישט אָפּזאָגן.
באַסין האָט צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן און פאָרן צו זיין חבר פאַרברענגען צוזאַמען.

* * *

פון דער צייט, זינט ר׳ זעליג האָט באַקומען די טעלעגראַמע, אַז זיין טאָכטער איז באַפרייט געוואָרן פון מאָנאַסטיר, האָט ער פון קיין זאַך נישט געטראַכט, נאָר וועגן דעם, ווי גיכער אָנצוקומען אין שטעטל וואָראָנאָוויצע און זיך זען מיט זיין קינד.

די גרויסע פרייד האָט אים אַזוי אַרומגעכאַפּט, אַז ער האָט נישט געטראַכט וועגן דער מיל, וואָס איז שוין צייט, אַז ער זאָל זי לאָזן גיין און ווידער זיך נעמען צו זיין שטענדיקע אַרבעט. ער האָט אויך נישט געטראַכט, צי זאָל ער באַלד נעמען מאַניען אַהיים און בכלל, וואָס וועט זי טאָן אינדערהיים?

און שוין זיצנדיק אין דריטן קלאַס וואַגאָן און אַרויסקוקנדיק פון פענסטערל, ווי דער צוג לויפט, איבערלאָזנדיק הינטער זיך פרעמדע אומבאַקאַנטע פעלדער, האָט ער געוווסט, אַז וואָס אַ מינוט, וואָס אַ רגע דערנענט ער זיך צו זיין קינד, און אַ גליקלעכער האָט ער אויס-גערעכנט, וועלכע שעה ער וועט אָנקומען אויף דער לעצטער סטאַציע און דערנאָך דינגען אַ פור גלייך אין שטעטל וואָראָנאָוויצע.

אָבער וואָס ווייטער ער איז געפאָרן, האָט זיך זיין שמחה פאַרוואָלקנט. וואָס ווייטער, האָט ער זיך צוביסלעך אָפּגעקילט פון דער גרויסער פרייד, וועלכע האָט אַזוי מחיהדיק געוואַרעמט זיין אָנגעווייטיקט האַרץ.

עס האָבן פאַר אים אָנגעהייבן אַרויסשווימען פאַרשידענע פראַגן וועגן דעם, וווהין זאָל ער איצט נעמען זיין טאָכטער? דידאָזיקע פראַגע קען מען נישט אָפּלייגן. אָט וועט איבערלויפן די נאַכט, מאָרגן פרי וועט ער קומען צום רב, דאָרטן וועט ער געפינען זיין טאָכטער, מען וועט זיך פרייען איינס מיט דעם אַנדערן, און דער-

נאָך? מען וועט דאַרפן אַוועקפאָרן אַהיים, וואָס-זשע זאָל ער מיט מאַניען טאָן? זי מיטנעמען אין דאָרף איז אוממעגלעך! דאָס הייסט, מיט אייגענע הענט זי צוריק אין פייער אַריינוואַרפן! זי וועט ווידער זיין אַרומגערינגלט מיט דיזעלבע רוצחים, וועלכע האָבן זיין קינד פאַרפירט.

— ניין, דאָס קען נישט זיין, דאָס איז אוממעגלעך! — האָט ער געטראַכט. — דאָס טאָר איך נישט טאָן, איך טאָר עס נישט דערלאָזן! אַלצאיינס, ווי איך זאָל נעמען מיין קינד און אַליין עס טרייבן צו דעם שמד.

ר' זעליג האָט קיין שום ענטפער נישט געפונען, וואָס ער זאָל טאָן מיט זיין געראַטעוועט קינד. די פראַגע האָט דעם גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו עקבערן זיין אויסגעמוטשעטן קאָפּ.

ער האָט געפרוו'ט אַלעמאָל אַוועקטרייבן דיזאָזיקע געדאַנקען, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

— צו וואָס, — האָט ער געטראַכט, — זאָל איך זיך אַליין פאַר-ביטערן דאָס לעבן. גאָט האָט מיט מיר אַזאַ גרויסן נס געטאָן, דאַרף איך זיך פרייען, און ווי וועט זיין שפּעטער, וועט מיר גאָט ווייטער העלפן. איך וועל קומען אי"ה אין שטאָט, וועל איך זיך האַלטן אַן עצה מיט חנהן און טאַקע מיט מאַניען אַליין. זי איז שוין ב"ה נישט קיין קינד, זי וועט אַליין פאַרשטיין, אַז אין דאָרף דאַרף זי נישט פאָרן, אפשר שפּעטער, אָבער איצט נישט!

— און, ווידער, — האָט ר' זעליג געטראַכט, — וועל איך זיך האַלטן אַן עצה מיט דעם געערטן רב און מיט דער רביצין. זי איז דאָך אַזאַ קלוגע און אַ גוטע, וואָס-זשע דאַרף איך איצט שלעפּן אויף זיך אומזיסטיקע זאָרגן? איצט איז ביי מיר אַ גרויסע שמחה, דאַרף איך זיך פרייען!

אויף אַ סטאַציע האָט זיך אויף פינף מינוט אָפּגעשטעלט דער צוג און לעבן וואַגאָן, פענסטערל, פונוואַנען ר' זעליג האָט אַרויסגעקוקט, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אָרעמער ייד און געבעטן אַ נדבה.

און ר' זעליג, דערזעענדיק דעם אָרעמאַן, האָט מיט פרייד אים געגעבן אַ נדבה. דער אָרעמער ייד האָט אים אָנגעוווּנטשן אַלדאָס גוטס.

ר' זעליג האָט זיך זייער דערפרייט, וואָס גאָט האָט אים צוגע-שיקט אַן אָרעמאַן, וועלכן ער האָט געגעבן אַ נדבה.

עס איז אים עפּעס גרינגער געוואָרן אויף דעם האַרץ און ער האָט געזאָגט:

— ווען איך וועל אי״ה קומען אין שטעטל, וועל איך צעטיילן אָרעמעלייט אַ פּאָר רובל.

דער צוג איז אָפּגעגאַנגען פון דער סטאַציע. ער האָט זיך באַרויִקט. ער האָט אָנגעהייבן ציילן די שעה, וויפל עס איז נאָך געבליבן צו זען זיין קינד און געפרייט זיך מיט יעדער סטאַציע, וואָס דער צוג איז אָפּגעלאָפן.

אויף מאָרגן פרי איז ער געקומען צו דער לעצטער סטאַציע, באַלד געדונגען אַ פור קיין וואָראָנאָוויצע. אויף דעם וועג, ווו די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קרעטשמע, האָט ר׳ זעליג אויף גיך זיך געשטעלט אָפּדאַוונען.

עס איז צוגעקומען צו אים אַ באַקאַנטער ייד פון וואָראָנאָוויצע, אויך אין טלית און תפילין און אים אָפּגעגעבן שלום־עליכם צוזאַמען מיט אַ מזל־טוב.

— פונוואַנען ווייסט איר עס, איר האָט געזען מיין טאָכטער?— האָט ר׳ זעליג געפרעגט אומצופרידן, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז ביז ער וועט נישט אַוועקפאָרן מיט מאַניען פון שטעטל, זאָל עס נאָך זיין בסוד, כדי מען זאָל ווייניקער פון איר רעדן.

— איך ווייס, — האָט דער ייד געענטפערט. — וואָס פאַר אַ חילוק, פונוואַנען איך ווייס? אַבי גאָט האָט אייך געהאָלפן!

— איר האָט אפשר געזען מיין טאָכטער?

— ניין, איך האָב זי נישט געזען, נאָר איך האָב געהערט, אַז זי געפינט זיך ביים רב אין שטוב און די גאַנצע שטאָט הערט נישט אויף צו רעדן וועגן ר׳ לייזערן און ר׳ פייוולען...

— וואָס פאַר אַ ר׳ לייזער מיט ר׳ פייוולען? — האָט ר׳ זעליג געפרעגט, ווי צעמשט, נישט פאַרשטייענדיק.

דער ייד איז אויפגעשפרונגען פון גרויס פאַרוואונדערונג:

— וואָס הייסט, איר ווייסט נישט פון אונדזערע שענסטע באַלעבאַטים, ר׳ לייזער און ר׳ פייוול? די גרעסטע קרעמער ביי אונדז אין שטאָט!

— יאָ, יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט.

— פריער גאָט און דערנאָך זיי, איז אייער טאָכטער אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון גויִישע הענט. די גאַנצע שטאָט רעדט איצט פון זיי. אַ קלייניקייט אַזאַ גרויסע מצווה! נישט יעדער איז זוכה צו טאָן אַזאַ זאַך!

— זאָל זיי גאָט באַצאָלן, אויב זיי האָבן געטאָן גוטס פאַר מיין קינד! — האָט ר׳ זעליג געענטפערט. — יעדער, וואָס האָט געהאָלפן מיין קינד אַרויסרייסן זיך פון גויִישע הענט, זאָל זיי גאָט העלפן!

דער ייד, וועלכער האָט שוין אָפּגעדאַוונט און אויסגעטאָן טלית און תפילין, האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס הייסט, איר זאָגט „אויב" אונדזערע באַלעבאַטים האָבן געהאָלפן? ווען נישט ר׳ לייזער מיט ר׳ פייוולען, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט זיך, חס ושלום, געקענט אויסלאָזן מיט אייער קינד! אַ קלייניקייט, ר׳ לייזער מיט ר׳ פייוולען, זיי האָבן די גרעסטע באַקאַנטשאַפט און האָבן זיך אַוועקגעלייגט צו באַפרייען אייער טאָכטער פון מאַנאַסטיר, קומט איר, אַן אייגענער פאָטער, און זאָגט „אויב".

— איך האָב גאָרנישט געמיינט דערמיט, — האָט זיך ר׳ זעליג אָנגעהייבן פאַרענטפערן, — אוודאי פריער גאָט און דערנאָך אייערע באַלעבאַטים, ר׳ לייזער מיט ר׳ פייוולען, איז מיין קינד געראַטעוועט געוואָרן פון גויִישע הענט. זאָל זיי גאָט באַצאָלן!

דער ייד האָט זיך, ענדלעך, באַרויִקט.

ר׳ זעליג האָט אויך אויסגעטאָן זיין טלית און תפילין און געזאָגט דעם יידן: אַז גאָט האָט מיר יאָ געהאָלפן, ווען מיר נעמען אַ ביסל בראָנפן.

ר׳ זעליג מיט דעם יידן האָבן געטרונקען לחיים, געווינטשעוועט איינס דאָס אַנדערע, און אַז גאָט זאָל אָפּהיטן יעדן יידן פון אַזעלכע אומגליקן.

דערנאָך האָבן זיך ביידע פריינטלעך געזעגנט. דער באַקאַנטער ייד איז געפאָרן צו דער באַן-סטאַציע און ר׳ זעליג קיין וואָראָנאָוויצע.

דעם גאַנצן וועג ביזן שטעטל האָט ר׳ זעליג נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן די וואָראָנאָוויצער צוויי באַלעבאַטים, ר׳ לייזער און ר׳ פייוולען און וועגן באָריס שערמאַן: ווער פון זיי האָבן זיין קינד אַרויסגעראַטעוועט פון אַזאַ גרויסן אומגליק?

און ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז אַלע דריי האָבן שטאַרק

געאַרבעט אין דעם און דעריבער איז די אַזוי גיך באַפרייט געוואָרן, און מיט דעם גאַנצן האַרצן האָט ער זיי געווונטשן אַלדאָס גוטס.

ווען ר׳ זעליג איז אָנגעקומען אין שטעטל וואָראָנאָוויצע, האָט ער ביים רב אין שטוב געטראָפן מאַניען און זיין ווייב חנה. דאָס באַגעגעניש מיט זיין קינד איז געווען האַרציק און די שמחה איז געווען גרויס.

עס איז אויך געקומען צום רב ר׳ לייזער מיט ר׳ פייוולען און נאָך אַ פּאָר באַלעבאַטים.

די רביצין האָט געשטעלט אויף דעם טיש לעקעך מיט בראָנפן. מען האָט געטרונקען „לחיים” איינס צום אַנדערן און מען האָט גע-ווינטשעוועט ר׳ לייזערן און ר׳ פייוולען, אַז זייערע געשעפטן זאָלן גיין גוט, זיי זאָלן נאָך רייכער ווערן און קענען טאָן אַ סך טובות פאַר כלל ישראל.

חנה מיט זעליגן האָבן זיך געפילט גליקלעך, וואָס גאָט האָט זיי געהאָלפן און אַלע האָבן די גליקלעכע עלטערן געווינטשעוועט, אַז אינגיכן זאָלן זיי טאַנצן אויף מאַניעס חתונה, און אין איר האָבן פיל נחת.

ווען דער גאַנצער עולם איז זיך צעגאַנגען און ביים טיש זענען נאָר געבליבן: דער רב, די רביצין און מאַניע מיט אירע עלטערן, האָט זיך אויף ר׳ זעליגן פּלוצלונג אָנגערוקט אַ וואָלקן. זיינע קנייטשן זענען געוואָרן טיפער, דאָס פּנים טרויעריק און פון זיין האַרצן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפער זיפץ.

דער רב האָט עס באַמערקט און האָט זיך אויך אָנגערופן מיט אַ זיפץ:

— מען טאָר נישט זאָרגן, ר׳ זעליג, גאָט האָט אייך אַזויפיל געהאָלפן און איר זינדיקט שוין און זאָרגט! איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז איר טראַכט איצט וועגן דאגות פּרנסה. אוודאי איז פּרנסה אַ גרויסע זאַך, אָבער איר דאַרפט נישט און טאָרט נישט זאָרגן. גאָט וועט אייך אויך ווייטער העלפן!

— רבי, איך טראַכט איצט נישט וועגן פּרנסה. איך וועל איצט ווידער אָנהייבן אַרבעטן, די מיל וועל איך היינט, מאָרגן ווידער לאָזן גיין און איך ווייס, אַז גאָט וועט מיך נישט פאַרלאָזן. איך דאגה איצט וועגן מיין טאָכטער: אָט דאַרפן מיר פאָרן אהיים, געענוג געווען נע-ונד און פאַרלאָזט אַזוי לאַנג די מיל.

— די גאַנצע שטוב פּאַרלאַזט, — האָט חנה מיט אַ זיפץ זיך אָנגערופן און זיך געווענדט צו דער רביצין: — איך בין אויס באַלעבאָסטע געוואָרן. פרעגט מיך בחרם, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין שטוב? איך ווייס נישט.

— עס איז געוואָרן פון אַלץ אַ תל, — האָט ר' זעליג ווייטער גערעדט.—מען דאַרף פאָרן אַהיים און אַלץ ברענגען אין אָרדענונג, ווי פריער. נאָר נישט וועגן דעם, רבי, זאָרג איך, גאָט וועט מיר העלפן. נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין קינד, וויאַזוי קען איך זי ברענגען אַהיים און ווידער זי איבערלאָזן צווישן די רוצחים, וואָס האָבן געוואָלט קוילען מיין קינד! און וועגן דעם, רבי, האָב איך זיך טאַקע געוואָלט שואל בעצה זיין מיט אייך, רבי!

דער רב האָט געקנייטשט דעם שטערן און זיך אָנגערופן:

— דאָס איז טאַקע אַ האַרבע שאלה, וועגן וואָס מען דאַרף זיך גוט באַטראַכטן. אוודאי קען מען אייער טאָכטער אַזוי גיך נישט ברענגען אין דאָרף אַריין! מען דאַרף עס גוט באַטראַכטן!

אַ פּאָר מינוט האָבן אַלע געשוויגן און דערנאָך האָט זיך אָנגערופן חנה:

— איר וועט מיר מוחל זיין, רבי, וואָס איך, פּראָסטע יידענע, וועל זאָגן...

— אדרבה, איר זענט אַ מאַמע, קענט איר זאָגן, — האָט דער רב זיך אָנגערופן.

— איך וויל זאָגן, רבי, אַז ווען מיין מאַן זאָל מיך וועלן פאָלגן, וואָלטן מיר אינגאַנצן אַרויסגעפאָרן פון דאָרף אין אַ שטאָט, ווו יידן זענען דאָ. גענוג געלעבט אין דאָרף צווישן גוים! מען ווייסט דען, אַז מען איז אַ ייד? מען פאַרגעסט אַמאָל אפילו, ווען ראש חודש איז. מען לעבט דען, ווי אַ ייד? מען איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט שונאים. איך האָב שטענדיק געטראַכט און געזאָגט מיין מאַן, אַז ווען גאָט וועט אונדז העלפן, וואָלט גלייכער געווען, מיר זאָלן אַרויספאָרן פון דאָרף און זיך באַזעצן צווישן יידן... פלעגט ער מיר אַלץ ענטפערן: פרנסה! מילא, האָב איך געשוויגן, אָבער איצט וואָלט דאָס בעסטע געווען, מיר זאָלן אַרויספאָרן אין אַ שטאָט, ווו אַלע יידן לעבן, וואָלטן מיר אויך געלעבט.

דער רב האָט אַ קוק געטאָן אויף ר' זעליגן און געפרעגט:

— וואָס זאָגט איר דערויף, ר' זעליג, אפשר איז אייער ווייב גערעכט? אפשר איז גלייכער, איר זאָלט טאַקע איבערפאָרן אין שטאָט?

— איך וואָלט עס אוודאי געוואָלט, — האָט ר' זעליג געזאָגט, — איך טראַכט אויך שטענדיק וועגן דעם. מיין ווייב איז אוודאי גערעכט, וואָרים וואָס איז עס טאַקע באמת פאַר אַ יידן דאָס גאַנצע לעבן צו זיין אין דאָרף? מען ווייסט דען, אַז מען איז אַ ייד? מען אַרבעט אַ גאַנצע וואָך, ווי אַן אָקס אין דער יאַרקע און אַז עס קומט שבת, מען וויל זיין אַ ייד, איז אַפילו קיין מנין נישטאָ, ווו צו גיין דאַווענען. נאָר וואָס קען איך טאָן, אַז די מיל איז מיין גאַנצע פרנסה!

— דער רב האָט ווידער אָנגעהייבן קנייטשן דעם שטערן און געזאָגט צו ר' לייזערן:

— אפשר וואָלט איר טאַקע אַרויסגעפאָרן פון דאָרף און זיך באַזעצט אין אַ נאָענט שטעטל? די מיל זאָלט איר טאַקע האַלטן ווייטער. אַ גאַנצע וואָך וועט איר זיין אין מיל און אויף שבת וועט איר קומען אין שטאָט.

— ניין, רבי, איך מיט מיין ווייב האָבן שוין לאַנג גערעדט וועגן דעם, אָבער עס איז פאַר מיר שווער און מיין ווייב וויל דאָס אויך נישט. זי זאָגט, איך אַרבעט זיך אָן אין מיל אַ גאַנצן טאָג, קום איך צו מיר אַהיים און רו זיך אָפּ, אָבער אָן אַהיים, ווי וועל איך האָבן כוח זיך צו וואַלגערן אַ גאַנצע וואָך? עס איז נישט פאַר מיינע כוחות, רבי! איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן.

— און ווידער,—האָט ר' זעליג ווייטער געזאָגט,—וועל איך אַפילו אויף שבת נישט קענען פאָרן אַהיים. וואָרים איך טאָר נישט אָפּלאָזן די מיל אויף אַ מינוט אָן מיר. אמת, שבת אַרבעט איך נישט אין מיל, אָבער מען דאַרף וויסן, אַז דער באַלעבאָס איז דאָ, ווען נישט טויג עס נישט. אַזאַ ווייסטע פרנסה איז דאָס!

— דעריבער טענה איך שטענדיק צו מיין מאַן, אַז מען דאַרף אינגאַנצן אָפּלאָזן די מיל און אַרויספאָרן אין שטאָט און געפינען אַ נייע פרנסה. טענהט אָבער מיין מאַן, אַז אין די שטעטלעך איז אַזוי אויך נישטאָ קיין פרנסה, אפילו פאַר די יידן, וואָס וווינען שוין לאַנג דאָרטן, בפרט נאָך פאַר אַ נייעם מענטשן.

— אייער מאַן איז גערעכט, — האָט דער רב זיך אָנגערופן, זיפצנדיק. — יידן פעלט פרנסה! אָט ביי אונדז אין שטאָט, למשל,

א חוץ אַ פּאָר גבירים, זענען אַלע גרויסע אָרעמעלייט, ווייל עס פעלט זיי פּרנסה, און ווען עס קומט צו אַ יום-טוב, קומען אָן צו מעות חטין כּמעט דריי פערטל שטאָט, אַפילו אַזעלכע בכבודיקע באַלעבאַטים, וואָס האָבן אייגענע קרעמלעך, ווייל זיי האָבן נישט קיין פּרנסה, — האָט דער רב געענטפערט, זיפצנדיק.

— דו הערסט, חנה, וואָס דער רב דערציילט? זאָל גאָט אָפּהיטן דערפון יידן און אונדז אויך! איך קען די מיל נישט אָפּלאָזן! איך בין צו דער מיל צוגעוווינט דאָס גאַנצע לעבן, זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן!

אַלע ביים טיש זענען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. אין חנהס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, און זי האָט געפרעגט:

— וואָס זשע טוט מען?

זי האָט פון קיינעם קיין ענטפער נישט באַקומען. נאָר פּלוצלונג האָט זיך אָנגערופן מאַניע, וועלכע האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט, וואָס יעדער האָט גערעדט.

— רבי, איך מעג אויך עפּעס זאָגן?

— אַוודאי, אַוודאי מיין קינד, דאָ רעדט זיך וועגן דיין תּכלית, קענסטו אַוודאי רעדן!

— איך וויל פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט און זיך לערנען עפּעס אַ מלאכה...

פאַר אַלע זענען מאַניעס ווערטער געווען אומדערוואַרט און אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט...

קיינער האָט אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט מאַניע מיט אירע רייד, און ר׳ זעליג האָט געפרעגט:

— אַ מלאכה גאָר? וואָס מיינסטו מיט דעם?

— איך מיין, איך זאָל אַוועקפאָרן אין אַ גרויסע שטאָט זיך אויסלערנען עפּעס אַ מלאכה און אַרבעטן. עס זענען דאָ אַ סך מיידלעך, וואָס אַרבעטן און פאַרדינען.

— חנה האָט געוואָלט זיך אָנרופן קעגן דעם פּלאַן, נאָר דער רב האָט געזאָגט:

— אַ מלאכה זיך אויסלערנען איז זייער אַ גוטע זאַך.

און חנה האָט זיך באַגניגט מיט דעם. זי האָט נאָר געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ מלאכה, אַ שטייגער, ווילסטו זיך אויסלערנען, מיין קינד?

— איך ווייס? מען קען זיך אויסלערנען נייען קליידער, אָדער ביי אַ מאָדיסטקע מאַכן פרויען-היטעלעך. מאַלע וואָס פאַר אַן אַרבעט מען קען זיך אויסלערנען אין אַ גרויסער שטאָט! עס זענען דאָ אַ סך מיידלעך, וואָס אַרבעטן פאַרשידענע מלאכות.

ווען פריער, איידער עס האָט זיך געטראָפן דער אומגליק, זאָל זי דאָס זאָגן, אַז זי וויל פאַרלאָזן די היים און פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט זיך לערנען אַ מלאכה, וואָלטן די עלטערן אויף קיין פאַל זייער טאָכטער נישט דערלאָזט צו אַזאַ זאַך, אָבער איצט האָט חנה פאַר-זיכטיק געענטפערט.

— איך האָב אויסגעווײנט מיינע אויגן,—האָט חנה געזאָגט,—ביז איך האָב דיך דערלעבט צו זען און איצט ווילסטו אונדז אַוועקוואַרפן און פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט.

— צו וואָס פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט, — האָט ר׳ זעליג זיך אָנגערופן, — פאַר וועמען וועל איך דאָ אַרבעטן, אַז נישט פאַר מיין קינד? צו וואָס דאַרף איך דיינע אַלע מלאכות?

— איך האָב גערעכנט, — האָט חנה ווידער זיך אָנגערופן, — גאָט וועט דיך ברענגען אַהיים, עס וועט אַוועקגיין אַ ביסל צייט, וועט זיך מאַכן אַ גוטער שידוך, דו וועסט נחת האָבן און מיר וועלן האָבן פון דיר נחת... וואָס דען אַרבעט אַזוי שווער דער טאַטע און איך, אַז נישט צוליב דיר, מיין קינד! און דו ווילסט זיך גיין לערנען אַ מלאכה?

— סיי ווי סיי, מאַמע, קען איך איצט נישט פאָרן אַהיים, און אַז דער טאַטע זאָל צוליב מיר אַרויספאָרן פון דאָרף און זוכן אַ נייע פרנסה, דאָס וויל איך נישט! דער טאַטע איז זיין גאַנץ לעבן שוין צוגעוווינט צו דער מיל, טאָר ער זיך נישט ברעכן אויף דער עלטער, און ביי היינטיקע שווערע צייטן זוכן נייע פרנסות! דאָס וועל איך נישט דערלאָזן. און ווידער איז גאָרנישט אַזאַ גרויסע עוולה, ווען איך וועל אויך אַרבעטן און עפּעס פאַרדינען, איידער זיצן פאַרלייגט מיט די הענט, אַרומגיין ליידיק און זיצן און וואַרטן ביז אַ חתן וועט קומען מיך נעמען!

— אייער טאָכטער איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט, — האָט דער רב געזאָגט און געבעטן, מען זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער מוז איצט אַוועקגיין פון טיש, ווייל עס וואַרטן אויף אים אַ פּאָר מענטשן.

ווען דער רב האָט זיך אויף דערווייל געזעגנט מיט דעם עולם

און איז אַוועק צו זיך אין צימער, האָט זיך די רביצין אָנגערופן צו מאַניעס מוטער:

— איר מיינט, אַז אייער טאָכטער איז אינגאַנצן אומגערעכט? אָט מיין רחלע, זאָל מיינע ביינער איבערלעבן, וויל נישט טאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער, אַמאָל מיר העלפן: אַ טעלער, אָדער אַ גלאָז אויס-ווישן... קיינמאָל וועט זי זיך צו קיין זאַך נישט צורירן. צו אַלץ האָט זי ליב צו קומען צום גרייטן. אַלץ טראָג איר אונטער און זי, מיינע ביינער זאָל זי מיר איבערלעבן, אָדער זי זיצט שעהנווייז ביים פענסטער און קוקט אַרויס אויף דער גאַס, אָדער זי גייט אַרום מיט אירע חברטעס און מען רעדט נאַרישקייטן! גאָט זאָל מיר נאָך העלפן, עס זאָל זיך מאַכן עפּעס אַ לייטישער שידוך, וועט זי שוין האָבן וואָס צו טאָן. אייער טאָכטער, זאָל געזונט זיין, איז גאָרנישט אַזוי אומ-גערעכט, ווייל זי וויל אַרבעטן און אייך העלפן.

— איך האָב זיך אויף מיין קינד, ב"ה, נישט וואָס צו באַקלאָגן... פאַרקערט, זי האָט שטענדיק ליב מיר צו העלפן אין מיין אַרבעט אינדערהיים, היינט צו וואָס דאַרף זי אַוועקפאָרן פון אונדז? אויב זי וויל אַרבעטן, איז דאָ, ב"ה, גענוג אינדערהיים צו טאָן! — האָט חנה געזאָגט.

מאַניע, הערנדיק, וואָס דער רב און די רביצין האָבן געזאָגט, האָט באַקומען מער מוט און האָט זיך אָנגערופן:

— אָבער, מאַמע, דו און דער טאַטע האָבן דאָך אַליין דאָ גע-זאָגט, אַז איך קען איצט אַהיים נישט פאָרן, און ווידער, וואָס אומ-טשיינס געזאָגט, איז דאָ פאַר אַן אַרבעט אינדערהיים? אויסווישן אַ גלאָז מיט אַ טעלער, אָדער אויסקערן די שטוב?

— איך מוז דיר זאָגן, מאַמע, דעם גאַנצן אמת, — האָט מאַניע ווייטער געזאָגט, — אַז זיצנדיק אַ לאַנגע צייט אַליין פאַרשלאָסן אין אַ צימער אין מאָנאַסטיר, האָב איך זיך, אין דער שטילקייט און עלנטקייט, זיך אָפּגעגעבן חשבון פון מיין גאַנץ לעבן, און בין גע-קומען דערצו, אַז פון אַרומגיין ליידיק מיט פאַרלייגטע הענט קומען אַרויס אַלע אומגליקן... און מיין אומגליק איז אויך געקומען דערפון, וואָס איך בין אין דאָרף אַרומגעגאַנגען ליידיק און זיך פאַרדרייט דעם קאָפּ. איין גאָט ווייס, אַז אין מיין אומגליק, וואָס האָט אַזויפיל יסורים געבראַכט אייך און מיר אַליין, בין איך נישט שולדיק! איך וויל מער נישט אַרומגיין ליידיק! איך וויל זיין אַ

פאַרנומענער מענטש און זיך נישט אַרומטראָגן מיט פוסטע געדאַנקען.
איך מוז אייך נאָך זאָגן, אַז ווי מיין אומגליק איז געווען גרויס, דאָך
האָט ער מיר געבראַכט גרויסע נוצן. איך בין אַנדערש געוואָרן. איך וויל
איך פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט זיך אויסלערנען עפּעס אַ מלאכה.

דערמאָנענדיק זיך אָן איר אָפּגעשלאָסנקייט און עלנט אין מאָ־
נאַסטיר, האָט זי, נישט ווילנדיק, זיך דערמאָנט אין אירע איבער־
לעבונגען אין מאָנאַסטיר און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אירע
אויגן.

ר' זעליג האָט דאָס באַמערקט. עס האָט אים אַ ריס געטאָן אין
האַרצן און ער האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר ביזטו גערעכט, מיין קינד. עס איז מיר איינגעפאַלן,
אַז דו זאָלסט פאָרן קיין כ. צום פעטער יעקב משה. אַ שאָד, וואָס
ווען איך בין איצט געווען אין כ. און געהאַלטן דאָרטן סטאַנציע, איז
עס מיר נישט איינגעפאַלן צו רעדן מיט אים וועגן דעם. נאָר ווי האָט
עס מיר געקענט איינפאַלן, אַז באַקומענדיק די טעלעגראַמע מיט דער
גוטער בשורה, האָב איך זיך אַזוי געאיילט אַהיים, וועלנדיק דיך זען,
וואָס גיכער!

— דאָס וועט זיין זייער גוט, — האָט די רביצין זיך אָנגערופן,—
ווינענדיק ביי אַן אייגענעם, וועט איר זיין רויק.

— איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, — האָט מאַניע געזאָגט, —
אוודאי איז גלייכער צו ווינען ביים פעטער, ווי ביי אַ פרעמדן. מען
דאַרף נאָר פריער פרעגן ביי אים און ביי דער מומען, צי זיי וועלן
באַשטיין, איך זאָל שטענדיק קענען ווינען דאָרטן.

— פאַרוואָס זאָל ער מיט דער מומען נישט וועלן? — האָט זיך
ר' זעליג אָנגערופן. — איך וויל, חס ושלום, נישט אומזיסט. דערצו איז
ער נישט קיין גביר, ער זאָל מיין קינד קענען האַלטן אומזיסט. איך
וועל צאָלן, וויפל ער וועט פאַרלאַנגען.

— איך וועל דיך אָפּפירן צו ר' יעקב משהן,—האָט חנה געזאָגט.—
ווייל יעקב משה איז איר ברודער, האָט זי אים מיט איר
שוועגערין געוואָלט אַליין בעטן, אַז מען זאָל אָפּהיטן איר קינד.

— פאַרוואָס נאָר דאָ? מיר וועלן ביידע פאָרן מיט מאַניעלען,
האָט ר' זעליג אַ צעפרידענער געזאָגט.

— זעט איר,—האָט די רביצין זיך אָנגערופן,—אַז מען צערעדט זיך

דערעדט מען זיך. עס האָט אין אָנהייב אויסגעזעהן אַזוי שלעכט, און איצטער וועט מיט גאָטס הילף אַלץ זיין גוט!—האָט זי געווינשעוועט.

— איידער מיר פאָרן אַוועק,—האָט זיך מאַניע אָנגערופן,—וואָלט איך זיך געוואָלט זען מיט דער באָבען. איך בענק אַזוי נאָך איר, איך האָב זי שוין אַזוי לאַנג נישט געזען!

די אַלטע דבורה זאָל קומען קיין וואָראָנאָוויצע איז צו שווער געווען, און עס איז געבליבן, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, באַלד פאָרן אין דאָרף אַריין, און מאָרגן צו דער באַן-סטאַנציע אין דער גרויסער גובערניע-שטאָט.

קאַפּיטל זעכצן.

ביי מאַדאַם שערמאַן אין הויז.

די מאַדאַם שערמאַן איז די לעצטע צייט אַרומגעגאַנגען פול מיט פאַרדראָס, וואָס איר באָריס האָט זיך אַנידערגעזעצט אין דער גובערניע און פאַרגעסן אָן דער מאַמען, אָן זיין שוועסטער און אָן דער גאַנצער היים! און זי פלעגט זיך אָפט באַקלאָגן פאַר חיים ווייסמאַן.

— וואָס-זשע,—פלעגט חיים יעדעס מאָל ענטפערן,—עס איז דאָך נישט קיין קלייניקייט אַרויסצוראַטעווען אַ מענטשן פון אַזאַ אומגליק.

— אָבער אַ שיעור דאַרף דאָך יעדע זאַך האָבן! — ער איז געפאָרן, געבעטן דעם גובערנאַטאָר, וואָס-זשע דאַרף ער נאָך דאָרטן איבערליגן?

— מסתמא איז ער נאָך נישט פאַרטיק געוואָרן און קען נישט אַוועקפאָרן!

— אָבער אַזוי אַוועקלייגן זיך? — האָט מאַדאַם שערמאַן נישט

אויפגעהערט צו רעדן מיט פּאַרדראָס, — איך גלויב, אַז עס איז אומזיסט זיין אַרבעט.

— און איך גלויב, אַז ער וועט יאָ האָבן דערפאָלג.

— איר פאַרשטייט מיך נישט, הער ווייסמאַן. מיין זון, אַז ער נעמט זיך עפּעס צו טאָן, מוז ער עס אויספירן. איך זאָג נאָר, אַז מיין זונס אַרבעט איז אומזיסט דערפאַר, ווייל ווען מיין זון וועט שוין געלינגען באַפרייען מאַניען, וועט אַוועקגיין אַ קורצע צייט און זי וועט ווידער אַנטלויפן מיט אַן אַנדער שייגעץ...

— צי וואָס זאָלט איר עס זאָגן, מאַדאַם שערמאַן! איר זאָלט קענען מאַניען אַזוי ווי איך, וואָלט איר עס נישט געזאָגט! מען דאַרף זי קענען. זי איז אַן אויסגעצייכנט מיידל מיט זייער אַ סך גוטע מעלות, איך רעד שוין נישט וועגן איר שיינקייט...

— איר שיינקייט איז איר אומגליק! — האָט מאַדאַם שערמאַן אונטערגעכאַפּט.

— נישט דאָס וויל איך זאָגן. איר אומגליק איז נישט אין איר שיינקייט, נאָר דאָס, וואָס זי וווינט אין דאָרף, שטענדיק אַרומגערינגלט מיט גוֹיִים און דאָס ווירקט אויף אַ יונגן מענטשן, אויף זיין גאַנצער צוקונפט. ווייטער פאַרמאָגט זי זעלטענע גוטע מעלות און געבוירענעם געזונטן פאַרשטאַנד.

— איך קען עס אייך נישט איבערגעבן, מען דאַרף זי קענען אַזוי ווי איך. אייער זון קען זי אויך זייער גוט פון קינדווייז אָן און דערפאַר טאַקע לייגט ער זיך אַזוי אַוועק. ער וויל זי ראַטעווען. פאַר אַן אַנדערער וואָלט ער אפשר אַזויפיל פון זיין טייערע צייט נישט אַוועקגעגעבן.

— אַזוי, דערפאַר—וואָס זי איז שיין... — האָט מאַדאַם שערמאַן מיט איראָניע געשמייכלט. זי איז אַ שיין מיידל... ווייניק באַקאַנטע שיינע מיידלעך האָט ער, וועט ער נאָך האָבן אַ שיין מיידל, וועלכע וועט אים דאנקבאַר זיין פאַר איר באַפרייונג.

— מאַמע, הער שוין אויף אַזוי צו רעדן! — האָט קלאַרע זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן. — דו קענסט נאָך נישט וויסן, וואָס מאַניע וועט נאָך אַמאָל זיין פאַר באָריסן!

— וואָס קען זי זיין פאַר אונדזער באָריסן! — איז די מאַדאַם שערמאַן מיט פּעס אויפגעשפּרונגען. — אויף דעם ערגסטן פאַל קען זי ווערן זיינע אַ מעטרעסע... ווייניק האָט ער אַזעלכע אין פּעטערבורג,

וועט ער נאָך האָבן איינע, דערויף איז ער דאָך אַ יונגערמאַן און דערצו נאָך אַ שיינער, אַ געזונטער.

— מאַמע! — איז קלאַרע אויפגעשפּרונגען, און נישט מיט איר קול אויסגעשריען פון כעס און פאַרדראָס. — דו זאָלסט אויפהערן אַזוי צו רעדן וועגן מאַניען! זי איז אַן אומשולדיק קינד, זי קען נאָך אַמאָל ווערן דיין שנור, מיין שוועגערין און באַריסעס פרוי!

קלאַרע האָט זיך היסטעריש צעוויינט, אָנגעכאַפּט חיימען און מיט פאַרוויינטע אויגן נישט אויפגעהערט צו שלוקעכצן פון טרערן.

— קום, חיים, לאָמיר גיין פונדאַנען! איך קען מער נישט בלייבן אינדערהיים, וואָס איז פאַר מיר אַ גיהנום!

און קלאַרע האָט מיט איר גאַנצן קערפּער זיך אָנגעלענט אויף חיימס אָרעם און שטיל, וויינענדיק, געשעפּטשעט מיט די ליפּן:

— קום, חיים, קום מיין טייערער, די מאַמע מאַכט פון דער שטוב אַ גיהנום! קום, מיט דיר וועל איך גיין אין עק וועלט אַריין!

מאַדאַם שערמאַן איז געפאַלן אויף אַ שטול, אַ האַלב טויטע. דאָס פּנים איז איר געוואָרן בלאַס, ווי קאַלך, און פאַר אירע אויגן האָבן זיך אָנגעהייבן דרייען פייערדיקע רינגלעך מיט שטערנדלעך.

ביי חיימען אַליין האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די הענט, אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ וואָלקן מיט רחמנות. ער האָט ביידע פרויען געוואָלט העלפן, אַז זיי זאָלן קומען צו זיך.

און ער האָט זיך ביי קלאַרען, וועלכע איז געהאָנגען אויף זיינע אָרעמס און פון שוועריקייט זיך קוים אַליין געהאַלטן אויף די פיס — געבעטן מיט אַ רחמנות-פּנים, אַז זי זאָל אויפהערן צו וויינען און זיך באַרויִקן.

און אויך ביי איר מוטער האָט זיך דער שוואַכער חיים געבעטן, ווי ביי אַ גזלן, אַז זי זאָל זיך באַרויִקן און עס זאָל זיין שטיל.

חיימען איז מיט זיינע אַלע כּוחות געלונגען צוצופירן קלאַרען צו אַ שטול און זי מיט געוואַלט אַנידערגעזעצט און אַליין איז ער אויך צוגעגאַנגען צו אַ שטול, און ווי אַ שווערער שטיין איז ער אין דער שטול אַריינגעפאַלן און זיך אָפּגערוט, ווי פון אַ שווערער אַרבעט.

קלאַרע און איר מוטער זענען געזעסן אין די שטולן און נאָך שטיל געשלוקעכצט פון געוויין, און חיים האָט שווער געאָטעמט פון דעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן

דאָס זשומען פֿון אַ פּאָר פֿאַרליבטע פֿליגן, וועלכע האָבן זיך צוזאַמען געדרייט און זיך געפּלאָנטערט ביים פֿענסטער.

אין דער גרויסער שטילקייט האָט קיינער זיך נישט אָנגערופֿן מיט אַ וואָרט. אַפילו דעם אָטעם האָט מען פֿון קיינעם נישט געהערט. עס האָט אויסגעזען, ווי אַלע זענען פֿאַרגליווערט געוואָרן, אָדער אין היגערפּלעט אַריינגעפּאַקן.

פּלוצלונג האָט דאָס גלעקל ביי דער טיר אָנגעהייבן קלינגען און דער קלאַנג האָט זיך געקאַטשעט הילכיקער און העכער ווי אַלעמאָל.

אַלע האָבן געעפֿנט די אויגן מיט אַ ציטער און זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זייערע ערטער. חיים איז געלאָפֿן עפֿענען די טיר און אויסגעשריען:

— אַ טעלעגראַמע! מען האָט געבראַכט אַ טעלעגראַמע!

אַלע האָבן זיך געוואָרפֿן צו דער טיר.

— אוודאי פֿון באָריסן! — האָט מאַדאַם שערמאַן געזאָגט און מיט ציטעריקע הענט געכאַפּט די טעלעגראַמע פֿון דעם טעלעגראַף־טרעגער און איבערגעלייענט אויף אַ קול:

„מאַניע באַפֿרייט געפֿינט זיך שוין מיט עלטערן צוזאַמען מאָרגן פֿרי אַהיים.

באָריס".

אַלע זענען מיטאַמאָל ווי אויפֿגעוואַכט געוואָרן פֿון אַ לאַנגן שלאָף און פֿאַרגעסן אָן דעם, וואָס עס איז ערשט נישט לאַנג פֿאַרבעקומען, ווי גלייך עס איז נאָר געווען אַ שלעכטער חלום.

אַלע האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי גלייך זיי זעען זיך דאָס ערשטע מאָל און קיינער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— וואָס־זשע שטיי איך, ווי אַ גולם? — האָט מאַדאַם שערמאַן פֿריילעך זיך אָנגערופֿן. — באָריס קומט!

— דו הערסט, חיים, באָריס קומט! — האָט קלאַרע געזאָגט. — וואָס־זשע שטייען מיר און קוקן זיך אָן!

די גרויסע שטילקייט ביי מאַדאַם שערמאַן אין הויז איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן, אין אַלע ווינקעלעך האָט זיך אָנגעהייבן ראַשן און זיך געגרייט אויף באָריסעס קומען.

* * *

אין דער צייט, ווען מען האָט ביי מאַדאַם שערמאַן אין הויז געראַמט און געוואַשן צוליב דעם גאַסט, וואָס דאַרף קומען, איז קלאַרע מיט חיימען געזעסן אין גאָרטן אויף איר ליבער וועראַנדע.

חיים האָט אויסגעזען זייער שוואַך און כמעט גאָרנישט גערעדט.

קלאַרע האָט, אַ דערשראָקענע, אים געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, חיים? דו פרייסט זיך גאָרנישט מיט באָריסעס קומען? ער איז דאָך דיין חבר פון די קינדעריאָרן? אין זיינע בריוו צו מיר שרייבט ער דיר יעדעס מאָל פריינטלעכע גרוסן.

— איך פריי זיך אוודאי, בפרט נאָך, וואָס ער האָט באַפרייט מאַניען. איך וועל היינט מוזן פאָרן אין דאָרף אַריין זיך זען מיט איר און אָפּגעבן אירע עלטערן מזל-טוב.

— וויאַזוי קענסטו אַוועקפאָרן, אַז באָריס קומט? דו וועסט מאַניעס עלטערן נישט אָנטרעפן, זיי וועלן נישט אַנטלויפן!

— איך מוז זען מאַניען, איך מוז זי זען!

— דו נאַר, באָריס וועט קומען, וועט ער אונדז אַלץ דערציילן, וויאַזוי ער האָט זי באַפרייט... עס איז דאָך אַזוי אינטערעסאַנט!

חיים האָט זיך געוואַקלט און געזאָגט:

— אפשר ביזטו גערעכט, איך וואָלט זייער געוואָלט זען באָריסן און הערן, וואָס ער וועט דערציילן.

— וואָס דען? ווי פאַלט דיר איין אַזאַ נאַרישקייט איצט אַוועק-צופאָרן!

חיים האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן:

— זאָג מיר, קלאַרע, פונוואַנען האָסטו גענומען צו זאָגן דיין מוטער, אַז מען קען גאָרנישט וויסן, וואָס מאַניע וועט זיין פאַר איידן?

— וואָס מיינסטו? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— איך מיין, וואָס דו האָסט געזאָגט, אַז דיין מאַמע קען נאָך אַמאָל ווערן מאַניעס אַ שוויגער.

— ווייס איך וואָס! גאָרנישט! די מאַמע מיט אירע שטעכ-ווערטלעך וועגן מאַניען, האָט מיך אַזוי פאַרדראָסן, אַז איך בין אין

עס געוואָרן און איך געדענק אַליין נישט, וואָס איך האָב געזאָגט, איך האָב שוין אין אַלץ פאַרגעסן און דו געדענקסט נאָך!
— ניין, קלאַרע, דו האָסט דאָך נישט אויסגעטראַכט און עס אויסגעזויגט פון דיינע פינגער! האָסט דאָך קלאָר געזאָגט, אַז עס קען געמאָלט זיין, אַז מאַניע זאָל אַמאָל ווערן באַריסעס פרוי.
קלאַרע האָט זיך געקווענקלט צו רעדן ווייטער וועגן דעם, נאָר חיים האָט מיט זיין שטילער שטימע זי אָנגעהייבן בעטן:
— קלאַרע, דו ביזט דאָך שטענדיק אַזוי גוט צו מיר, דו האָסט דאָך פאַר מיר קיינמאָל קיין סודות נישט, פאַרוואָס זשע זאָלסטו מיר נישט דערציילן, — און דערביי האָט ער מיט זיין האַנט אָנגעהייבן גלעטן אירע האָר פון קאָפּ, ווי ער פלעגט דאָס שטענדיק טאָן, ווען ער איז געווען גוט צו איר.
— אמת, חיים, איך האָב פאַר דיר קיינמאָל קיין סודות נישט, וועל איך דיר איצט אויך דערציילן, נאָר קיין מענטש אויף דער וועלט טאָר וועגן דעם נישט וויסן!
— צו וואָס דאַרף עמעצער וויסן? איך דערצייל קיינמאָל נישט יענעם, וואָס איך ווייס, הייגט צו וואָס זאָל איך עס טאָן, ווען דו בעטסט מיך וועגן דעם?
— איך ווייס, איך ווייס, אַז דו ביזט אַ ווילער... די ווערטער, וועלכע האָבן זיך ביי מיר אַרויסגעריסן, ווען די מאַמע האָט מיך אויפגערעגט און אריינגעבראַכט אין כעס, האָב איך גענומען פון באַריסעס טאָגבוך, ווו יעדן טאָג, אָדער פון צייט צו צייט פאַרשרייבט ער זיינע איבערלעבונגען.
— וואָס פאַר אַ טאָגבוך? — האָט חיים איבערגעפרעגט, נישט פאַרשטייענדיק אין אָנהייב וועגן וואָס זי רעדט.
— איך זאָג דאָך דיר, אַז באַריס פירט אַ טאָגבוך וועגן זיין לעבן. אוי, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי אומגליקלעך ער איז! ווען די מאַמע זאָל וויסן! ער איז, נעבעך, אַזוי אומגליקלעך!
און קלאַרעס האָט זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.
— זיין איינציקע רעטונג זעט ער נאָר אין מאַניען... ער רעדט וועגן איר, ווי וועגן אַ גאָט און מיט אַזויפיל ליבע, וואָס מען באַגעגנט עס נישט אין ערגעץ. ער ליבט אין איר נישט נאָר איר שיינקייט, איר פּערזענלעכקייט, נאָר אויך איר יעדעס גליד ליבט ער און בעט... ער זאָגט, אַז ער האָט נאָך קיין צווייט מיידל,

אזעלכע ווי מאַניע, נישט באַגעגנט, אַז אירע אויגן זעבען אַ וועלט, אַ ים, אין וועלכן מען קען דערטרונקען ווערן... איר פיגור, איר שטעל און באַזונדערס איר קלוגקייט און איר געזונטער פאַרשטאַנד... זי איז אימשטאַנד, שרייבט ער, דעם שוואַכן אָפּגעלאָזענעם מענטשן צוריק לעבעדיק און שטאַרק צו מאַכן... עס איז גענוג אירן אַ ליבן בליק, אָדער יענעם שענקען איר זיסן שמייכל, וואָס קען דערוואַרעמען די פאַרטריקנטסטע, פאַרהאַרטעוועטסטע נשמה.

— אַט אַזוי שרייבט ער וועגן מאַניען, ווי דו דערציילסט?

— יאָ, נאָך שענער ווי איך דערצייל... ער שרייבט אַזוי שיין, אַז ווען איך האָב געלייענט, האָב איך געוויינט...

חיים, זיך אײַנעסנדיק אין קלאַרען מיט זיינע אויגן, האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן און זי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— אין טאָגבוך דערמאָנט באָריס טאַקע מאַניעס נאָמען?

— ניין, קיין נאָמען דערמאָנט ער נישט... ער רעדט נאָר וועגן אַ מיידל, וואָס לעבט אין אַ דאָרף, ווי איר טאַטע האַלט אַ מיל. זי וואַקסט, ווי אַ בלום צווישן דערנער און אַז מען מוז דידאָזיקע שיינע, זעלטענע, בליענדיקע בלום אַרויסרייסן מיט דעם וואָרצל און זי איבערזעצן אויף אַן אַנדער פרוכטבאַרן אָרט, ווו זי זאָל קענען ווייטער בליען און וואַקסן אין איר גאַנצער פּראַכט און שיינקייט...

אוי, דו זאָלסט זען, ווי באָריס שרייבט שיין!

וואָס ווייטער, איז חיים מער פיבעריש פאַראינטערעסירט גע־וואָרן און ער האָט זי ווידער נישט אויפגעהערט צו פאַרשיטן מיט פראַגן:

— זאָג מיר, קלאַרע, ער האָט טאַקע אַליין געלייענט פאַר דיר זיין טאָגבוך? האָסטו אים נישט געפרעגט, וועמען ער מיינט אַט די בלום, וואָס וואַקסט צווישן די דערנער?

קלאַרע האָט, אַ דערשראָקענע, מיט אירע ביידע הענט פאַרמאַכט חיימען דאָס מויל.

— זאָל גאָט אָפּהיטן! ער טאָר נישט וויסן, אַז איך האָב גע־לייענט זיין טאָגבוך. דו זאָלסט זיך נאָר פאַר אים נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט! עס טוט מיר שוין באַנג, וואָס איך האָב דיר דער־ציילט. נאָר דו ביזט אַזוי צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל דיר זאָגן, פונוואַנען ווייס איך, אַז מאַניע קען אַמאָל ווערן באָריסעס פרוי, אַז איך האָב דיר נישט געקענט אָפּזאָגן. איך בעט דיך נאָכאַמאָל, אַז דו זאָלסט זיך פאַר אים מיט גאָרנישט אַרויסכאַפּן.

— וויאַזוי זשע האָסטו געליייענט זיין טאָגבוך ?—האָט חיים נישט אויפגעהערט צו פרעגן.

— ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, האָב איך איינמאָל אויפגערוימט אויף זיין שרייבטיש, האָב איך אין אַ שיפלעדל פלוצלונג דערזען אַ דיקן געשריבענעם בוך מיט אַן אויפשריפט: „מיין טאָגבוך”, האָב איך אָנגעהייבן לייענען אַ פּאָר שורות און געוואָלט אים צוריק אַוועקלייגן, האָט עס מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און איבערגעלייענט ביז אין סוף. ער שרייבט נישט נאָר וועגן מאַניען, נאָר וועגן זיין גאַנץ לעבן אין פּעטערבורג. אוי, ווען די מאַמע ווייסט, ווי אומגליקלעך ער איז! און אונדז ווייזט זיך אויס, אַז בּאָריס איז דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט! איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, ווען איך האָב געלייענט זיין טאָג-בוך.

אויף חיימס געזיכט האָט זיך פלוצלונג באַוויזן אַן אומצופרידנקייט, און ער האָט מער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

— וואָס איז מיט דיר, חיים? — האָט קלאַרע געפרעגט. — פילסט זיך שוין ווידער נישט גוט?

— ניין, עס דאַכט זיך דיר נאָר אַזוי.

— וואָס-זשע זעסטו פלוצלונג אַזוי שלעכט אויס?

— איך בין ברוגז אויף דיר! — האָט ער ענדלעך געזאָגט מיט פאַרדרוס.

— אויף מיר? — האָט קלאַרע פאַרוווּנדערט געקוקט אויף אים.

— יאָ, איך בין ברוגז.

— אָבער פאַרוואָס? איך פיל זיך נישט אין קיין זאַך, איך זאָל זיך האָבן פאַרשולדיקט קעגן דיר. זאָג שוין, איך בעט דיך, און נעם נישט אַרויס ביי מיר די נשמה.

— דו האָסט נישט באַדאַרפט און נישט געטאָרט לייענען דיין ברודערס טאָגבוך אָן זיין וויסן! ער האָט עס געוויס געשריבן פאַר זיך און נישט פאַר קיינעם. יעדער מענטש טראָגט אין האַרצן טיף פאַרבאָרגן זיינע סודות און קיינער האָט קיין רעכט נישט אַהין אין יענעמס האַרצן אַריינצוקוקן. באַזונדערס האָסטו געטאָן אַ גרויס פאַרברעכן, וואָס דו האָסט אַן אַנדערן דערציילט.

— איך האָב קיינעם נישט דערציילט, אַ חוץ דיר.

— איך מיין טאַקע דאָס, אַז אויך מיר האָסטו נישט באַדאַרפט דערציילן.

— דו האָסט דאָך מיר אַליין געבעטן און איך קען פאַר דיר קיין סודות נישט האַלטן.

— דו האָסט נאָר אַ רעכט דיינע אייגענע סודות צו דערציילן, אָבער נישט קיין אַנדערע. איך האָב דיך וועגן דעם נישט געבעטן.

— ער איז דאָך מיין ברודער, מעג איך וויסן, וואָס מיט אים קומט פאָר.

— מעג זיין אַ ברודער! ווען באָריס זאָל וועלן, אַז דו זאָלסט וויסן, וואָס מיט אים קומט פאָר, וואָלט ער דיר דערציילט. האָסט נישט געהאַט קיין רעכט!

— אַי, לאָז מיך צורו! דו טשעפּעסט זיך עפּעס צו מיר און ווייטער גאָרנישט! ווען מיין ברודער וואָלט געוואָלט פאַר יעדן, אַפילו פאַר זיין איינציקער שוועסטער, באַהאַלטן זיינע סודות, וואָלט ער עס נישט אָנגעשריבן אויף פּאַפּיר, אַז מען זאָל עס קענען איבערלייענען.

— אַז דו פאַרשטייסט נישט, וועט נישט העלפן מיין רעדן. נאָר אויף ווייטער ראַט איך דיר, אַז דו זאָלסט נישט לייענען קיין פרעמדע בריוו און קיין טאָגביכער. דאָס איז נישט שיין פאַר דיר, און באַזונדער וועל איך דיך בעטן מיר וועגן אַזעלכע זאַכן נישט דערציילן.

קלאַרע האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און זיך אָנגערופן:

— ביזט גערעכט, חיים, איך וועל עס שוין מער אין מיין לעבן נישט טאָן. איך האָב נישט געמיינט צו טאָן אַ שלעכטע זאַך... איצט פאַרשטיי איך, אַז איך האָב עס נישט באַדאַרפט טאָן... איך בעט דיך, דו זאָלסט קיינעם נישט דערציילן.

ער האָט איר נאָכאַמאָל באַרויִקט, אַז ווייטער ווי צווישן זיי ביידע וועט עס נישט גיין.

חיים איז אַוועקגעגאַנגען, און ביים געזעגענען האָט ער צוגעזאָגט, אַז מאָרגן פאַרנאַכט, ווען מען וועט דאַרפן פאָרן צום וואָקזאַל באַגעגענען באָריסן, וועט ער קומען, און ווען ער וועט צייט האָבן, וועט ער פריער קומען.

חיים, גייענדיק אַליין צו זיך אַהיים, האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן מאַניעס באַפרייונג. ער האָט דערפילט, אַז ער האָט מאַניען ליב אַזוי ווי פריער און געטראַכט: אפשר וועט מאַניע פון

איצט אָן זיך באַציען אַנדערש צו אים און ער וועט איר, ענדלעך, אָפן זאָגן וועגן זיינע געפילן צו איר.

— און ווער ווייסט, — האָט ער געטראַכט, — אפשר וועט ער איצט הערן דעם לאַנג דערוואַרטן ענטפער פון איר און ער וועט דעמאָלט זיך פילן פאַר דעם גליקלעכסטן מענטש אין דער וועלט?

נאָר באַלד איז אויפגעשווומען פאַר אים באָריס און קלאַרע...

ער האָט נאָך פריער געהאַט אַ חשד, אַז באָריס איז נישט גלייכגילטיק צו מאַניען, נאָר איצט, ווי קלאַרע האָט דערציילט וועגן זיין טאָגבוך, איז ער זיכער, אַז באָריס הערט נישט אויף צו טראַכטן וועגן מאַניען.

חיים האָט אליין צוגעגעבן, אַז ער קען זיך נישט פאַרגלייכן צו אים: באָריס איז שיין, געזונט, געבילדעט און רייך. ער קען מאַניען בעסער געפעלן, ווי ער. אָבער חיים האָט באַלד באָריסן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— אמת, ער איז פול מיט מעלות, אָבער ער איז דאָך געשמדט!.. עס קען קיינמאָל און אויף קיין פאַל נישט געשען! ער מעג זי ליב האָבן ביז צום שטאַרבן! טויזנטער שטערונגען זענען דאָ דערצו!

און חיים האָט זיך וועגן באָריסן איינגאַנצן באַרויִקט, אָבער ווי אַ שטאַרקע וואַנט איז צווישן אים מיט מאַניען געשטאַנען קלאַרע. ער האָט זיך די לעצטע צייט אַזוי צוגעוויינט צו איר, אַז ער פלעגט נישט פאַרפעלן קיין איינציקן טאָג, ער זאָל נישט קומען צו מאַדאַם שערמאַן אין הויז און האָט דאָרטן מער צייט פאַרבראַכט, ווי ביי זיך אינדערהיים.

ער האָט זיך צו דער שוואַכער בלאַסער קלאַרען צוגעוויינט, ווי צו אַן אייגענער שוועסטער, ווי צו אַ מאַמע און מיט איר צוגע- לאָזטקייט, גוטסקייט און געטרייקייט האָט ער זיך אַזוי צוגעבונדן צו איר, אַז ער האָט אין דער לעצטער צייט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, וויאַזוי וועט ער קענען לעבן אָן קלאַרען.

עס איז שוין איינמאָל פאָרגעקומען אַזאַ מאָמענט, אַז ווען קלאַרע האָט גערעדט מיט אַזויפיל ליבע צו אים, איז נישט ווילנדיק אַריינגעוואָרפן געוואָרן צווישן די רייד אַ פּאָר ווערטער וועגן חתונה האָבן. גערעדט האָט קלאַרע און ער האָט געשוויגן, אָבער ער האָט מיט פאַרגעניגן געהערט, ווי זי האָט אַזוי שיין געמאָלט זייער לעבן צוזאַמען: זיי וועלן פאַר זיך איינאָרדענען נישט קיין גרויסע, נאָר אַ שיינע וווינונג מיט מעבל און מיט דיוואַנעס אויף די פּאָדלאָגעס...

לעבן דער וווינונג וועט זיין אַ גערטנדל, ווו עס וועט זיין שטיל און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. זיי וועלן דאָרט שפּאַצירן און זיך אָפּרוען. זי וועט אים אָפּהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

און ער מיט זיין שוואַכן געזונט בייטיקט זיך אין דעם אַלעם. אויך שוין איצט זאָרגט זי און צערטלט אים, היט אים אָפּ מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט און טרייקייט, אַז ער קען זיך פון איר נישט אָפּרייסן, און ער פילט זיך זייער גוט לעבן איר, אַז עס גלוסט זיך אים נישט פון איר אַוועקגיין.

אָבער מאַניען האָט ער ליב אינדערשטיל. מאַניע איז שיין, געזונט, פול מיט לעבן — דאָס לעבן אַליין! און אים ווילט זי אַזוי לעבן, ער האָט נאָך נישט געלעבט!

ווען מיט מאַניען האָט זיך געטראָפן דער גרויסער אומגליק, איז ער קראַנק געוואָרן פון צער, און זיין ליבע צו איר איז ווי אַנטשלאָפן געוואָרן, און וואָס ווייטער, האָט ער זיך מער צוגעבונדן צו דער גוטער קלאַרען. אָבער איצט, דערוויסנדיק זיך, אַז מאַניע איז שוין פריי און געפינט זיך צוזאַמען מיט די עלטערן, האָט זיך די ליבשאַפט צו מאַניען מער אויפגעפלאַקערט און ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן. ער פילט, ווי דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים און אַז ער וועט משוגע ווערן!

גייענדיק ווייטער צו זיך אַהיים, האָט ער מיט אַלע כוחות זיך אָנגעהייבן צו באַרויִקן:

— איך זע נישט קיין שום שטערונגען, איך זאָל מיין לעבן נישט קענען פאַרבינדן אויף שטענדיק מיט מאַניען. איך גלויב, אַז אירע עלטערן וועלן איצט געוויס נישט זיין דאַגעגן איך זאָל מיט איר חתונה האָבן. איך דאַרף, ענדלעך, אָפּן רעדן מיט מאַניען, וועט אַלץ קלאָר ווערן!

מיט די געדאַנקען איז ער אַריינגעקומען צו זיך אַהיים, ווו מען האָט אים באַגעגנט און געזאָגט, אַז דאָ איז געווען דער אַלטער מילנער זשיבעק און איבערגעלאָזט אַ בריוועלע פון ר' זעליגן, אַז ער זאָל באַלד קומען אין דאָרף.

קאַפּיטל זיבעצן.

ביים געזעגענען זיך.

ווען מאַניע מיט אירע עלטערן זענען אָנגעקומען אין דאָרף, האָבן זיי די שכנים מיט פרייד באַגעגנט און זשיבעק האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן פון גרויס שמחה.

דער אַלטער מילנער איז צוגעפאַלן צו אירע הענט און זיי נישט אויפגעהערט צו קושן. מאַניע האָט מיט טרערן אין די אויגן איר רעטער אַ קוש געטאָן אין קאָפּ.

די אַלטע דבורה האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן פון גרויס פרייד און האָט געזאָגט, אַז נאָר אירע תפילות פאַר דעם, וואָס לעבט אייביק און אירע טרערן פון אירע אַלטע אויגן האָבן מאַניען אַרויס־געראַטעוועט פון גויישע הענט.

— איך האָב אויסגעוויינט מיינע אויגן פאַר דיר, — האָט דבורה געזאָגט.

דערנאָך, ווען ווען האָט זיך נאָך דעם באַגעגעניש אַ ביסל באַרויקט, האָט מאַניע געזאָגט איר פאָטער:

— איידער איך פאָר אַוועק פונדאַנען, וואָלט איך אויך געוואָלט זען חיימען.

— זייער גוט, זייער גוט מאַניעלע, — האָט ר' זעליג מיט פרייד געזאָגט, — איך וועל באַלד שיקן זשיבעקן נאָך אים, און ווי אַ בליץ איז אים איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק:

— ווער ווייסט גאָטס מעשים! — אפשר וועלן זיך די קינדער

צוזאַמענרעדן און עס וועט אין אַ גוטער שעה צווישן זיי ווערן אַ שידוך. דאַמאָלט וועט אַלץ זיין גוט, זי וועט פאַרשפּאָרן צו פאָרן, עס וועט זיין איינגיכסטן אַ חתונה, זיי וועלן אַרויספאָרן אין שטאָט. אפשר וועט גאָט טאָן אַ נס.

ר׳ זעליג האָט באַלד אָוועקגעשיקט אין שטעטל זשיבעקן נאָך חיימען און אַליין האָט ער אַ גליקלעכער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן חיימען, אַז ער וואָלט פאַר זיין טאָכטער געווען אַ זיווג מן השמים.

ער האָט וועגן דעם אפילו הנהן נישט דערציילט. אַז עס וועט זיין באַשערט, וועט זי אויך וויסן, און צו וואָס דאַרף מען רעדן וועגן אַ זאַך, וואָס מען ווייסט נישט? און אַ נאַר האָט ער נישט געוואָלט בלייבן.

ר׳ זעליג האָט געוווסט, אַז די קינדער געפעלן זיך און ביי אים איז געבליבן, אַז ווען חיים וועט קומען, וועט ער פּרוּוון מיט יעדן באַזונדער אַ שמועס טאָן, אַריינוואַרפן אַ וואָרט, ער זאָל וויסן, צי מען קען ווייטער רעדן וועגן דעם.

ר׳ זעליג איז טרויעריק געוואָרן, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז טאָמער איז עס אַ פּוסטע זאַך. ער האָט שטענדיק געשטאָלצירט מיט זיין געראָטענער טאָכטער, וואָס פאַרמאָגט אַזויפיל מעלות און דערצו איז זי נאָך אַ שיינע, וואָס קען יעדן חתן געפעלן, אָבער פון דער צייט, וואָס עס האָט זיך מיט איר דער אומגליק געטראָפן, איז ער מיט זיין קינד שטאַרק אַראָפּגעפאַלן, ווייל אַלע ווייסן די געשיכטע מיט איר און מען קען עס נישט אויסבאַהאַלטן. און ווען גאָט זאָל וועלן, עס זאָל זיך מאַכן מיט חיימען, וואָלט עס אוודאי אַ גליק געווען.

דעמזעלבן טאָג איז חיים געקומען אין דאָרף. אַלע האָבן זיך געפרייט ביים באַגעגענען זיך.

מאַניע האָט געזאָגט חיימען:

— היינט־מאָרגן פאָר איך אויף לאַנג אַוועק פונדאַנען צו מיין פעטער אין כ... האָב איך געוואָלט דיך זען און זיך געזעגענען מיט דיר... איך ווייס, אַז דו ביזט מיר אַ גוטער פריינט און איך ווייס אויך, אַז דו האָסט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט מיר אין מיין אומגליק. מיין פאָטער האָט מיר אַלץ דערציילט.

ר׳ זעליג הערנדיק, וויאַזוי זי רעדט אַזוי פריינטלעך מיט

חיימען האָט אָנגעקוואָלן און אויף דעם ווונק געגעבן אָנצוהערן חנהן, אַז מען דאַרף די „קינדער" לאָזן אַליין.

חנה האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס איר מאַן מיינט מיט דעם, ווי גלייך ער זאָל איר האָבן דערציילט, וואָס ער טראַכט וועגן די „קינדער".

און מיט אַן אויסרייד, אַז זי איז שטאַרק פאַרנומען, איז חנה מיט אַ באַהאַלטענעם גליקלעכן שמייכל פאַרשוווּנדן געוואָרן אין צימער פון דער אַלטער דבורהן, און ר' זעליג אַליין איז אויך ערגעץ ווי פאַרפאַלן געוואָרן.

מאַניע מיט חיימען זענען געבליבן אַליין.

— פאָרסטו גאָר אַוועק? — האָט חיים געפרעגט.

— איך מוז אַוועקפאָרן... דו דאַרפסט עס אַליין פאַרשטיין, אַז איך קען איצט, נאָך מיין אומגליק, אין דאָרף נישט בלייבן. איך וואָלט אַפילו איצט אויך נישט געקומען אַהיים, נאָר איך האָב זיך זייער געצאַיילט זען מיט דער באָבען. איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט מוחל געווען, ווען איך זאָל זי נישט זען. זי האָט זיך, נעבעך, גענוג אויסגעוויינט אירע אַלטע אויגן איבער מיר. און אַז איך בין דאָ, האָב איך דיך שוין אויך געוואָלט זען... איך דאַנק דיר זייער וואָס דו ביזט געקומען.

— איך בין מיט דער גרעסטער פרייד געקומען צו דיר, און דו דאַנקסט מיר גאָר. ווען-זשע רעכנסטו אַוועקצופאָרן?

— איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן.

— אַזוי גיך! וואָס-זשע רעכנסטו צו טאָן ביים פעטער אין דער גרויסער שטאָט? לאַנג וועסטו דאָרטן פאַרברענגען?

— וואָס פאַר אַ פאַרברענגען, איך וועל דאָרטן זיך אויסלערנען אַ מלאכה און אַרבעטן גלייך מיט אַלע מיידלעך אין די גרויסע שטעט.

און מאַניע האָט אים דערציילט וועגן אַלע אירע פלענער איז דער גרויסער שטאָט.

חיים האָט אַ טרויעריקער געשוויגן.

— וואָס-זשע שווייגסטו, חיים? עס ווייזט אויס, אַז דיר געפעלט נישט, וואָס איך פאָר אַוועק.

— אַוודאי געפעלט מיר נישט און דיין אויסלערנען זיך אַ מלאכה געפעלט מיר אויך נישט! און וואָס יאָגט דיך אַזוי דיין פאָטער?

— ער און די מאַמע באַשטייען אויף דערויף און פירן מיך אָפּ

צום פעטער. אפילו דער וואָראָנאָוויצער רב, מיט וועלכן מיין פאָטער האָט זיך געהאַלטן אַן עצה וועגן מיר, איז אויך נישט געווען קעגן מיין פּלאַן.

חיים איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט באַשלאָסן מער נישט אָפּלייגן און מיט איר אָפּן רעדן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט און ער טאָר עס אויף ווייטער נישט אָפּלייגן. נאָר עפּעס האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ און דאָס מויל איז ווי פאַרשלאָסן געוואָרן, נישט קענענדיק אויסרעדן אַ וואָרט.

פלוצלונג האָט ער מיטאַמאָל אויסגעשאָסן, אַז דאָס קול האָט זיך ביי אים איבערגעביטן:

— מאַניע, פאָר נישט!.. פאָלג מיך און בלייב דאָ...

— עס קען נישט זיין, עס איז נישט מעגלעך... איך מוז פאָרן!

— פאַרוואָס מוזטו?

— שוין זשע ביזטו אַ קינד און דו פאַרשטייסט נישט, אָדער דו מאַכסט זיך נישט פאַרשטייענדיק?

— איך פאַרשטיי אַלץ, נאָר בלייב דאָ און לאָמיר חתונה האָבן... מיר וועלן וווינען אין שטאָט און דו וועסט זיין באַשיצט, מאַניע!..

פאַר מאַניען איז עס געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז זי האָט זיך דערשראָקן און זיך אַרומגעקוקט, מורא האָבנדיק, אפשר האָט עמעצער געהערט, וואָס חיים האָט געזאָגט. דערנאָך האָט זיך אויף אירע ליפּן באַוויזן אַן אומשולדיקער שמייכל און זי האָט זיך שטיל אָנגערופן:

דו ביזט עפּעס גאָר אַ קינד, ווען דו רעדסט וועגן דעם. וואָס הייסט פלוצלונג, נישט מיר, נישט דיר, חתונה האָבן, ווען איך האָב קיינמאָל וועגן דעם נישט געטראַכט?

— אפשר האָסטו טאַקע נישט געטראַכט, אָבער איצט איז גראָד די רעכטע צייט... און אַלע שווערע פראַגן, וואָס רינגלען דיך איצט אַרום, וועלן מיטאַמאָל פאַרענטפערט ווערן.

— אפשר... נאָר צו וואָס זאָלסטו זיך פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט מיר, ווען דו קענסט טאָן אַ בעסערן און רייכערן שידוך. דו שטעלסט זיך פאָר, וואָס מען רעדט איצט ביי אייך אין שטעטל וועגן אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט דאָס אומגליק יום-כּפּור צו אַנטלויפן מיט אַ שייגעץ?

— כ'האָב גאָרנישט געהערט רעדן און ווידער גייט עס מיר זייער ווייניק אָן, וואָס אַנדערע זאָגן... איך האָב דיך צופיל ליב, מאַניע!

— אויב דו האָסט ביז איצט נישט געהערט, ווײסטו הערן... עס וועט זיך ערשט אָנהייבן, ווען מען וועט זיך דערוויסן, אַז איך בין דאָ, און טאַקע אויך דערפֿאַר, מוז איך פֿונדאַנען וואָס גיכער אַוועקפֿאָרן, כאָטש ביז דער צייט, ווען אַלע וועלן פֿאַרגעסן אָן מיר... עס איז אַ באַשלאָסענע זאַך: איך מוז אַוועקפֿאָרן און אָנהייבן אַ נייַ לעבן, אַן אַנדער לעבן.

חיים האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס זאָלסטו נישט אָנהייבן אַן אַנדער לעבן מיט מיר צוזאַמען?

מאַניע, וועלכע האָט קיינמאָל נישט געקענט רעדן פֿאַרשטעלט און האָט ליב געהאַט קלאָרקייט, האָט געענטפֿערט:

— ווייל איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, איך זאָל פֿאַרבינדן מיין לעבן מיט דיר. איך האָב דיך ליב, ווי אַ ברודער, ווי אַ פֿריינט פֿון מיינע קינדעריאָרן, איך שעץ דיך זייער אַלס אָרנטלעכער און לייטישער מענטש, אָבער וועגן חתונה האָבן מיט דיר, האָב איך קיין איינציק מאָל נישט געטראַכט און עס קען קיינמאָל נישט געשען.

— „קיינמאָל נישט" — זאָגסטו?

— איצטער זאָג איך אַזוי ווי איך טראַכט.

— און איך קען קיינמאָל נישט האָפֿן, אַז דו זאָלסט דיין מיינונג איבערבייטן?

— איך קען קיינמאָל נישט וויסן, וואָס עס וועט מיט מיר זיין אַמאָל. איצטער ווייס איך וואָס מיט מיר איז און זאָג דיר דעם גאַנצן אמת.

מאַניע האָט באַמערקט, ווי חיימס געזיכט איז בלאַס געוואָרן און ער האָט אָנגעהייבן צו הוסטן, ווי יעדעס מאָל, ווען ער איז געווען אויפֿגערעגט.

זי האָט געוווסט, אַז זיין הוסט איז נישט קיין געזונטער און עס האָט זי פֿאַרכאַפּט ביים האַרצן, ווי ביי אַ מוטער, ווען זי זעט איר קראַנק קינד פֿאַרהוסט זיך.

זי האָט געוווסט, אַז איר ענטפֿער וועט אים קיין געזונט נישט צוגעבן, און עס האָט איר באַנג געטאָן, וואָס זי האָט געשיקט נאָך אים, ער זאָל קומען אין דאָרף זיך זען פֿאַר איר אַוועקפֿאָרן. זי האָט אים נישט געוואָלט איבערלאָזן אין אַזאַ צושטאַנד און האָט געזוכט אַ וועג וויאַזוי אויסצודרייען זיך פֿון זייער איצטיקן געשפּרעך און

וויאַזוי מאַכט מען עס, אַז זי זאָל אים אַזוי אומגליקלעך נישט איבערלאָזן. אָבער זי האָט גאָרנישט אויסגעטראַכט, ווייל זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן און בפרט נאָך זאָגן אַ ליגן. זי האָט נאָר צו אים אָנגעהייבן רעדן, וואָס איז נאָר איר אין קאָפּ אַריין.

— חיים, צי וואָס האָסטו גאָר באַדאַרפט רעדן איצט וועגן דעם... מיר זענען דאָך ביידע אַזוי יונג... וואָס קענען מיר וויסן, וואָס עס קאָן נאָך פאָרקומען מיט אונדז?... איך דאַרף זיך פריער איינאָרדענען, ווערן אַ זעלבסטשטענדיקע. דו וואָלסט נייטיק באַדאַרפט פאַרבעסערן דיין געזונט, פרעגן ביי דאָקטוירים, וואָס דו דאַרפסט טאָן און ווערן אַ געזונטער מענטש. אַ מאַן, אַ שטאַרקער! אָט אַזוי אָ!...

און דערביי האָט מאַניע זיך באַוועגט מיט איר געזונטן יונגן קערפּער, אויסשפּרייטנדיק אירע הענט אין דער ברייט און אין דער לענג און געוויזן וויאַזוי אַ געזונטער מאַן דאַרף אויסזען!

חיים, זעענדיק אירע באַוועגונגען פון אַ שטאַרקן יונגן מענטשן, האָט זיך דערפילט קעגן איר אַזוי קליין און נידערגעשלאָגן, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך קלענער און איינגעשרומפּענער געוואָרן און ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שוואַך קול:

— איך וואָלט מיט דיר וועגן דעם נישט גערעדט, ווען דו זאָלסט אַזוי גיך נישט אַוועקפאָרן.

— איך פאָר דאָך נישט אַוועק אויף אייביק, מיר וועלן זיך דאָך נאָך זען! ווי וועסטו אַמאָל נישט קומען קיין כ., וועסטו זיך מיט מיר זען.

חיים איז אַ ביסל לעבעדיקער געוואָרן, זיין בלאַס פּנים האָט זיך אָנגעהייבן אַ ביסל רויטלען און ער האָט זיך פריילעך אָנגערופן:

— אַוודאי וועלן מיר זיך זען אין כ. איך קום כמעט אַלע יאָר אַהין, איך האָב דאָרטן אַ סך באַקאַנטע און פריינט.

אין צימער האָט זיך באַוויזן ר' זעליג און דערנאָך חנה. מאַניע איז געווען זייער צופרידן, וואָס זיי זענען אָנגעקומען

— דו הערסט, מאַמע, — האָט מאַניע זיך אָנגערופן, אַבי זי זאָל מיט אירע עלטערן פאַרפירן אַ געשפּרעך, — חיים האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַמאָל קומען קיין כ., וועלן מיר זיך זען און איר וועט דורך אים באַקומען אַ גרוס פון מיר.

ר' זעליג מיט זיין ווייב האָבן זיך איבערגעקוקט און געוואָלט דערשמעקן וועגן וואָס די „קינדער" האָבן צווישן זיך גערעדט און

זעענדיק, ווי מאַניע איז אַזוי גוט אויפגעלייגט און חיים איז אויך לעבעדיקער, ווי פריער, האָבן זיי בײַ זיך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן צווישן זיך גערעדט וועגן עפּעס אַ תכלית, און ר' זעליג האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— אפשר וואָלט איר זיך צווישן זיך צוזאַמענגערעדט, אַז איר זאָלט בלייבן דאָ...

— אַוודאי, אַוודאי, — האָט חנה צוגעגעבן, — איר האָט זיך דאָך פון קינדווייז אָן אַזוי ליב... זעסט דאָך, חיים, ווי זי האָט באַלד געשיקט נאָך דיר און דיך געוואָלט זען.

מאַניע האָט אומבאַמערקט פאַר חיימען אַ שלעפּ געטאָן בײַ איר מוטערס קלייד און פון צווישן די ציין שטיל געזאָגט:

— מאַמע...

חנה מיט איר מאַן זענען אַנטשווישן געוואָרן און די יום-טובדיקע פּנימער פון אירע עלטערן זענען מיטאַמאָל ווי פאַרשוווּנדן און האָבן צוריק באַקומען זייער פריערדיקן וואָכעדיקן אויסזען.

חיים האָט נאָך פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה בײַ ר' זעליגן אין הויז און מאַניע האָט זיך געגעבן אַלע מי צו זיין גוט צו חיימען, ווייל זי האָט, פון רחמנות צו אים, נאָך איר אַוועקפאָרן נישט געוואָלט איבערלאָזן קיין טרויעריקע שטימונג.

און מאַניע, ווי יעדע פרוי, אין וועלכער מען איז פאַרליבט, האָט דאָס דערגרייכט.

חיים איז, מער אָדער ווייניקער, אַוועקגעפאָרן צופרידן, באַזונדערס מיט דעם, וואָס ער האָט זיך, ענדלעך, אַרויסגעזאָגט וועגן זיין באַציונג צו איר.

„זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זי קאָן זיך דערויף אַזוי גיך נישט באַשליסן. עס איז דאָך נישט קיין בייגל אויפצועסן. דאָס איז דאָך אַ שריט אויף דעם גאַנצן לעבן. מען דאַרף פריער מיט דעם געדאַנק געוויינט ווערן. איך בין זיכער, אַז עס וועט אַוועקגיין אַ שטיקל צייט און מיר וועלן זיך ווידער זען, וועל איך באַקומען אַ מער קלאָרן ענטפער".

מיט די געדאַנקען איז חיים אַ צופרידענער אַוועקגעפאָרן פון דאָרף צו זיך אַהיים.

ווען חיים איז אַוועקגעפאָרן פון ר' זעליגס הויז, האָבן מאַניעס עלטערן מער קיין וואָרט נישט גערעדט, ווייל זיי האָבן בכלל אויס-

געמיידט יעדן סכסוך מיט זייער געראַטעוועט קינד און האָבן אין גאַנצן איר איצט נאָכגעגעבן, כאָטש פריער, איידער דער אומגליק האָט זיך מיט איר געטראָפן, איז נישט אַזוי געווען.

נאָר ווען מאַניע האָט נאָך חיימס אַוועקפאָרן געזען, אַז די עלטערן פרעגן ביי איר נישט, וואָס פאַר אַ געשפּרעך זי האָט געהאַט מיט אים, האָט זי אַליין געפרעגט:

— מאַמע, ווי פאַלט דיר איין אַזאַ זאַך צו רעדן? נאָך גוט וואָס דו האָסט באַלד פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף דערפון נישט רעדן.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? יעדע טאַטע-מאַמע ווילן זייער קינד וואָס פריער פירן צו דער חופה... צרות פון דיר האָבן מיר גענוג געהאַט און איצט ווילן מיר האָבן נחת. וואָס האָסטו אונדז דאָ חושד צו זיין?

— איך בין דיך, מאַמע, אין קיין זאַך נישט חושד, האָט מאַניע מיט אַ שמייכל זיך צוגערוקט צו איר מוטער, זי אַרומגענומען און געקושט, — אָבער וואָס אַזוי פלוצלונג, פון דער העלער הויט, נישט מיר, נישט דיר — גיין חתונה האָבן! מען האָט דען וועגן דעם אַמאָל גערעדט?

— קיינער רעדט נישט, אַז ס׳קומט די ריכטיקע צייט ווערט עס! וויאַזוי, מיינסטו, האָב איך חתונה געהאַט מיט דיין טאַטן? מיר האָבן קיינמאָל קיין וואָרט נישט גערעדט און אַז עס איז געקומען די ריכטיקע צייט, האָבן מיר חתונה געהאַט אין אַ גוטער שעה.

מאַניע האָט זיך צעלאַכט, זיך געטוליעט צו איר מוטער און זי נישט אויפגעהערט צו קושן.

קאפיטל אכצן.

באָריס אינדערהיים.

אין שטעטל גאַליגעווקע האָט מען פון באָריסעס טעלעגראַמע צו זיין מוטער זיך באַלד דערוווסט, אַז ר׳ זעליגס טאָכטער האָט מען, אַ דאַנק זיינע גרויסע באַקאַנטשאַפטן, געמוזט באַפרייען פון מאָנאַסטיר.

אין אַלע בתי-מדרשים, אין שול און אויף דער גאַס האָבן יידן נישט אויפגעהערט צו רעדן און דערציילן גדולות וועגן מאַדאַם שערמאַנס זון באָריס, וואָס פאַר אַ גרויסע זאַך ער האָט געטאָן, אַז די פרומסטע יידן מעגן אים מקנא זיין.

מען האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ געטויפטער און מען האָט אים אומעטום נישט אויפגעהערט צו לויבן:

— אַ קלייניקייט אַזאַ זאַך, ווי אַרויסצוראַטעווען אַ יידיש קינד פון גויישע הענט!

— ער וועט שוין נישט ליידן קיין חבוט הקבר, אַלע זיינע זינד וועלן אים פאַרגעבן ווערן!

— איר מיינט, אַז מען דאַרף דאָס גאַנצע לעבן נאָר דאַוונען און זיין אַ פרומער ייד. אַז מען זאָל איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר קענען אַריין גלייך אין גן עדן? — האָט זיך איינער צווישן עולם אָנגערופן, — עס איז גענוג, אַז מען טוט איינמאָל אין לעבן אַ גוטע זאַך, וועט מען זיצן אין גן-עדן גלייך מיט אַלע צדיקים.

אַלס באַווייז האָט איינער דערציילט אַ געשיכטע, וואָס עס

האָט זיך פאַרלאָפן מיט אַן אַפּיקורוס להכעיס, וואָס איז געווען ער־גער פון אַ משומד.

— די מעשה איז אַזוי געווען, — האָט ער אָנגעהייבן דערציילן.— אין אַ שטעטל האָט מען באַדאַרפט פירן אַן אָרימע כלה צו דער חופּה. מען האָט דעם חתן צוגעזאָגט נדן מיט אַ טלית. אַז עס איז געקומען צו גיין צו דער חופּה, האָבן די אָרעמע עלטערן מער נישט געקענט געבן ווי נאָר אַ האַלבן נדן. נו, האָט ער געמוזט נעמען אַ האַלבן נדן, אַ ברירה האָט ער געהאַט? נאָר אַז עס איז געקומען צום טלית, האָבן דער כלהס עלטערן געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך ביז אין לעצטן אויסגעבראַכט אויף חתונה־הוצאות און עס איז זיי נישט איבערגעבליבן קיין קאָפּיקע צו קויפן אַ טלית. און דער חתן האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ווען מען וועט אים נישט געבן קיין טלית, אַזוי ווי מען האָט אים ביי די תנאים צוגעזאָגט, וועט ער נישט גיין צו דער חופּה.

— די כלה איז שוין געווען אָנגעטאָן אין אירע חתונה־מלבושים, די קלעזמער זענען שוין געשטאַנען מיט די פידלען אין די הענט, מחותנים וואַרטן און דער חתן רירט זיך נישט פון אָרט, זאָגנדיק, אַז ווען מען וועט אים געבן אַ טלית, וועט ער גיין צו דער חופּה און ווען נישט, איז אויס שידוך! איז פאַרבייגעגאַנגען דער אַפּיקורוס להכעיס, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געגעסן טרפות בפרהסיא, און זעענדיק ווי עס שטייען מחותנים, קלעזמער, די כלה וויינט, ווייבער שרייען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ געלעכטער געפרעגט, וואָס איז דאָ אַזוינס געשען? און ווען מען האָט אים דערציילט וועגן דעם, איז ער באַלד אויף גיך אַוועק און געבראַכט אַ שפּאָגלנייעם טלית און אַוועקגעגעבן אים דעם חתן. די קלעזמער האָבן באַלד אָנגעהייבן שפּילן און דער חתן איז מיט דער כלה געגאַנגען צו דער חופּה אין אַ מזלדיקער שעה.

— ווען מען האָט דערנאָך וועגן דעם אפּיקורוס דערציילט דעם בעשידער צדיק, — האָט דער ייד געענדיקט, — איז דער צדיק אַריין אין גרויס התפּעלות און געזאָגט, אַז אַט פאַר דעם אפּיקורס איז אָנגע־גרייט אַ שטול אין גן־עדן צווישן די צדיקים. היינט ווייסט איר שוין, וואָס פאַר אַ שכר מאַדאַם שערמאַנס זון וועט באַקומען פאַר אַזאַ זאַך, ווי אַרויסצוראַטעווען אַ יידיש קינד פון גוי׳שע הענט! ווער קען דאָס גאָר אָפּשאַצן!

אויסהערנדיק די געשיכטע מיט דעם אַפּיקורוס, האָט דער עולם מיט גרויס דרך־ארץ דערמאנט באַריסעס נאָמען, און פון דער צייט אָן, ווען יידן און ווייבער האָבן באַגעגנט אין גאַס די מאַדאַם שערמאַן, אָדער איר טאָכטער קלאַרע, האָבן זיי געקוקט אויף זיי מיט גרויס אָפּשיי און מיט דאַנקבאַרקייט.

או, ווען באַריס איז געקומען צופאָרן אַהיים פון דער גובערניע, האָבן אַלע יידן געפונען פאַר זייער חוב אים גיין אָפּגעבן שלום־עליכם און דאַנקען פאַר דער גרויסער זאַך, וואָס ער האָט געטאָן. און באַריס האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס נישט קוקנדיק, וואָס ער האָט זיך געטויפט, זענען די יידן פון זיין שטעטל צו אים אַזוי פריינטלעך.

ווען עס זענען אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר טעג און דער רעש איז אין שטעטל איבערגעגאַנגען, האָט באַריס אָנגעהייבן אויספרעגן ביי חיימען וועגן ר' זעליגן מיט זיין פאַמיליע, ווייל ער האָט זיך גע־ריכט, אַז מאַניע מיט אירע עלטערן וועלן אים קומען דאַנקען פאַר איר באַפרייונג, און נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף זיי, האָט ער געזאָגט חיימען:

— מיך ווונדערט, וואָס איך זע נישט מאַניען מיט אירע על־טערן. איך האָב געמיינט, אַז זיי וועלן דעם ערשטן טאָג קומען זיך זען מיט מיר.

חיים, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט מיט זייער קומען, האָט זיי פאַרענטפערט:

— ערשטנס, ווי ר' זעליג האָט מיר דערציילט, אַז זייענדיק אין דער גובערניע־שטאָט און באַקומענדיק אַ טעלעגראַמע, אַז זיין טאָכטער איז פריי געוואָרן, איז ער באַלד געלאָפן אין האָטעל דיר דאַנקען.

— ביזט גערעכט, — האָט באַריס פריילעך זיך אָנגערופן. — ווייסטו גאָר וואָס? לאָמיר פאָרן אין דאָרף אַריין. איך האָב זייער געוואָלט זען מאַניען, ווי קוקט זי איצט אויס.

— זיי זענען איצט נישטאָ אין דאָרף, אַ חוץ די אַלטע דבורה.

— ווו זשע זענען זיי איצט? און ווען קומען זיי אַהיים?

— זיי זענען שוין געווען, נאָר זיי זענען אַוועקגעפאָרן.

— ווו אַהין? וואָס איז פּלוצלונג? —האָט באַריס פאַרשאָטן חיימען מיט פראַגן.

— זיי זענען געפֿאָרן צו מאַניעס אַ פֿעטער אין דער גובערניע־שטאָט, און עס ווייזט אויס, אַז מאַניע וועט שוין אין דער גרויסער שטאָט ביים פֿעטער בלייבן.

— וואָס איך הער! — האָט באָריס אויסגעשריען. — און איך בין נאָר וואָס פֿון דאָרטן געקומען! ווען איך ווייס, וואָלט איך געוואַרט ביז זיי וואָלטן געקומען. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט געוואַרט!

מאַדאַם שערמאַן, הערנדיק פֿונדערווייטנס וויאַזוי איר זון רעדט וועגן מאַניען, איז בלויז און רויט געוואָרן פֿון גרויס פֿאַרדרוס און מיט אַן איינגעהאַלטענער רוּיקייט געפֿרעגט איר זון:

— וואָס־זשע, באָריס, וואָס פֿרעגסטו אַזוי נאָך אויף ר׳ זעליגס פֿאַמיליע? איך מיין, עס איז שוין צייט, דו זאָלסט אין זינען האָבן דיינע אייגענע אינטערעסן. שיין, איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, וואָס דו האָסט אַוועקגעגעבן דיין טייערע צייט און זי באַפֿרייט, אָבער עס איז שוין אויך צייט, מען זאָל וועגן דער געשיכטע מער נישט רעדן. אפֿילו אונדזער שטעטל האָט שוין באַלד אין דעם פֿאַרגעסן און דו הערסט נישט אויף צו רעדן.

און מאַדאַם שערמאַן האָט אָנגעהייבן רעדן מיט אַ וויינענדיק קול:

— שוין מער ווי אַ האַלבע צייט פֿון דיין אורלויב איז אַוועק... איידער מען וועט זיך אומקוקן, וועט די צייט אַריבערפֿליען. האָסט אפֿילו מיט מיר קיין וואָרט נישט גערעדט, די גאַנצע צייט הער איך מער נישט פֿון דיר: ר׳ זעליג, אָדער מאַניע, ווי גלייך קיין אַנדערע געשעפֿטן אין דיין לעבן האָסטו נישט...

באָריס האָט אויף זיין מוטער טרויעריק אַ קוק געטאָן און זי אָנגעהייבן באַרוּיקן:

— מיר וועלן זיך נאָך גענוג קענען אָנרעדן! עס איז נאָך געבליבן גענוג צייט ביז מיין אַוועקפֿאָרן. און אפֿשר, — האָט באָריס זיך פֿאַרטראַכט, — וועל איך דאָ בלייבן לענגער ווי מיין אורלויב?

די מוטער האָט מיט חשד געקוקט אויף איר זון און געפֿרעגט:

— איז דען מעגלעך, אַז דו זאָלסט לענגער דאָ פֿאַרבלייבן, ווי דיין אורלויב, וואָס מען האָט דיר געגעבן?

— ווען עס וועט זיך ענדיקן מיין אורלויב, וועל איך טעלע־

גראפירן, אַז איך בין נישט געזונט און וועל בעטן, מען זאָל מיין אורלויב פאַרלענגערן.

מאַדאַם שערמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז אים פּלוצלונג איינגעפאַלן פאַרבלייבן דאָ לענגער?

קלאַרע, דערהערנדיק פּלוצלונג, ווי איר ברודער רעדט וועגן פאַרלענגערן זיין אורלויב, האָט זיך מיט פאַרוווּנדערונג אומגעקוקט אויף אים.

פאַר איר, וועלכע האָט געליינט זיין טאָגבוך, איז דאָס געווען פאַרשטענדלעך און זי האָט דערביי אַ שמייכל געטאָן.

בכלל האָט איר ווייניק אינטערעסירט באַריסעס ליבעס, און וועמען ער האָט ליב. זי איז צופיל געווען פאַרנומען מיט זיך, מיט איר היימען. ביי איר איז חיים געווען אַלץ אין דער וועלט, ווייטער איז איר קיין זאַך נישט אָנגעגאַנגען. פאַרקערט, זינט זי האָט געלעזן באַריסעס טאָגבוך, ווו ער רעדט אַזוי הייס וועגן זיין ליבע, האָט זי אים אָנגעהייבן שעצן, ווייל אין אירע לאַנגע מיידלשע יאָרן האָט איר האַרץ נישט אויפגעהערט צו ליבן.

ווען זי איז נאָך יונג געווען און יונגעלייט זענען פון צייט צו צייט אַריינגעקומען אין זייער הויז, האָט זי שטענדיק עמעצן געליבט, און ווען זי איז עלטער געוואָרן און די יונגעלייט האָבן אויפגעהערט צוביסלעך צו גיין, האָט זי ליב געהאַט עמעצן אין איר פאַנטאַזיע.

פון זינט אָבער חיים האָט אָפט אָנגעהייבן אַריינקומען אין זייער הויז, האָט זי זיך צו אים אַזוי שטאַרק צוגעבונדן, אַז איר גאַנצע וועלט איז באַשטאַנען נאָר פון חיימען.

און ער, חיים, האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו איר, אָדער ריכטיקער געזאָגט: צו זייער הויז. ער האָט זיך שטענדיק דאָ געפילט היימיש און אנגענעם, ווי איינער אין זיינער אַ רויקער שטילער היים. ער האָט ליב געהאַט אַלץ אין דעם הויז: דאָס שיינע ווייכע מעבל, דעם קאָלירנדיקן שפאַליער, מיט וועלכן עס זענען אויסגעקלעפּט די ווענט, די טירן, וועלכע האָבן זיך גרינג און שטיל געעפנט און פאַרמאַכט, נישט סקריפּנדיק און נישט קוויטשנדיק, און די אַראָפּגעלאָזטע זיידענע שטאָרן, וואָס פלעגן באַשיצן פון דער זון.

חיים האָט ליב געהאַט דעם קיילעכיקן עס-טיש, וועלכער איז פעסט, נישט וואַקלענדיק, געשטאַנען ווי איינגעגראָבן אויף זיין אָרט,

און ווען מען פלעגט דעקן דעם טיש מיט א ווייס, ווי זילבער, טיש-טוך, אין אָרדענונג שטעלן די טעלער מיט גאָפל-מעסער און דאָס עסן איז געווען ריין און געשמאַק, פלעגט ער דערפילן אַן אמתן תענוג. נאָכן עסן פלעגט ער ליב האָבן איבערצוגיין אין צווייטן צימער, זיך אויסציען אויף א ווייכער סאָפע, און קלאַרע, זיצנדיק לעבן אים אויף א קליין ווייך סאַמעטן בענקל, פלעגט גלעטן זיין קאָפ האָר, דאָס איינציקע, וואָס איז ביי אים באַזונדערס שיין געווען.

ביי דער מאַדאַם שערמאַן אין הויז פלעגט ער פילן, אַז ער רוט, קיין זאַך האָט אים נישט וויי געטאָן, ער האָט נישט געהוסט און גרינג געאָטעמט.

און געפינענדיק זיך אין דעמדאָזיקן רויקן זאַטן הויז, ווו אַלץ פירט זיך אַזוי אין דער בעסטער אָרדענונג, האָט ער אויך ליב באַקומען די שטילע קלאַרע, וועלכע, ווי אים פלעגט זיך אויסדאַכטן, פלעגט גיין אויף די שפּיץ פינגער, אַז מען האָט קוים געהערט אירע טריט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי גייט נישט, נאָר פליגעלעך פון א יונג טייבעלע, וואָס קען נאָך נישט שטאַרק פליען, שוועבן קוים.

און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געפונען אין מאַדאַם שער-מאַנס הויז לעבן קלאַרען, וועלכע פלעגט שטענדיק שוועבן אַרום אים, האָט ער פאַרגעסן אן אַלץ און צייטנווייז אפילו אין מאַניען, און עס איז איר געווען גוט און אנגענעם.

קלאַרע האָט שטענדיק גערעדט פון זייער חתונה און וויאַזוי זיי וועלן זיך גוט און שיין איינאָרדענען אין זייער נייער היים.

און חיים פלעגט, שווייגנדיק, הערן ווי זי רעדט און א זיסער שמייכל האָט דערביי געשפּילט אויף זיינע ליפּן.

מיט דעם באַשטימען די צייט פון דער חתונה האָט קלאַרע מיט איר מוטער נאָר געוואַרט אויף באָריסעס קומען. און ווען זיין מוטער האָט אים דערציילט מיט וועמען זיין שוועסטער וויל חתונה האָבן, איז ער געוואָרן גליקלעך איבערראַשט.

ער האָט זיך עס קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט. שטענדיק האָט ער חיימען ליב געהאַט, זיין שטילן, שוואַכן יוגנטפריינט און האָט געפונען, אַז חיים מיט זיין פאַרזעסענער שוועסטער זענען א גלייכע פּאָר: ביידע שוואַכע און שטילע מענטשן, אָן גרויסע פּרעטענזיעס צו דער וועלט. ביידע זענען אָן לעבן, וועלן זיי זיך אין דער שטיל, ער-געץ אין א ווינקל, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, גליקלעך לעבן צוזאַמען.

ביי מאַדאַם שערמאַן איז געבליבן מער נישט אָפּלייגן און נאָך היינט זאָל זיך די פאַמיליע פאַרזאַמלען, רעדן ערנסט וועגן זייער חתונה און באַשטימען די צייט. וואָרים צו וואָס דאַרף מען עס אָפּלייגן? האָט מאַדאַם שערמאַן געטראַכט. חיים וועט וויסן, אַז דאָ איז זיין היים און פאַרשפּאָרן אַוועקגיין און קומען! און ווידער איז שוין טאַקע די רעכטע צייט קלאָרע זאָל חתונה האָבן. זי וויל עס מער נישט פאַרציען, ווייל זי האָט זיך מיט קלאַרען שוין נישט איין מאָל אָפּגעבריט מיט צופיל קלויבן, איבערטראַכטן, מיט וועלן וואָס בעסער באַוואָרענען איר קינד, און דעריבער האָט מען אַלעמאָל אָפּגעלייגט, און אַזוי האָט זיך עס געצויגן און געצויגן...

ניין, איצט וועט זי מער נישט אָפּלייגן.

און זי האָט געזאָגט באָריסן, אַז אָוונטצייט, וועלן זיי זיך וועגן דעם אַלע צוזאַמענרעדן, זאָל ער קיינעם נישט אויפנעמען, אָדער ערגעץ אַוועקגיין און פאַררעדן זיך.

נאָך אָוונטברויט, ווען די דינסט האָט אָפּגעראַמט פון טיש און געלייגט אַ טיי-טישטוך און טאַקע באַלד געבראַכט וועמען טיי און וועמען שוואַרצע קאַווע, האָט מאַדאַם שערמאַן גלייך אָנגעהייבן, ווענדנדיק זיך צו איר באָריסן און כאַפּנדיק אַלעמאָל אַ קוק אויף חיימען מיט קלאַרען, וועלכע זענען געזעסן איינס לעבן צווייטן:

— איך האָב דיר שוין דערציילט, באָריס, אַז מיר האָבן די גאַנצע צייט געוואָרט אויף דיר... די קינדער האָבן זיך ליב, מען דאַרף באַשטימען די צייט פון דער חתונה, און דו פאַרנעמסט איצט דיין פאַרשטאָרבענעם טאַטנס אָרט, האָב איך אָן דיר גאָרנישט געוואָלט טאָן...

אין מאַדאַם שערמאַנס אויגן האָבן זיך באַוויזן שטייענדיקע טרערן. חיימס שטול, אויף וועלכן ער איז געזעסן, האָט זיך עפּעס מיט אַ סקריפּ אַ ריר געטאָן פון אָרט און מיט צעשראָקענע אויגן האָט חיים זיך אַרומגעקוקט: צי האָט עמעצער נישט געהערט, וואָס מאַדאַם שערמאַן האָט נאָר וואָס געזאָגט.

קלאַרע, דערהערנדיק, וואָס די מאַמע האָט געזאָגט, האָט נאָך ליבלעכער און נענטער זיך צוגערוקט צו חיימען, אַז ער האָט באַלד דערפילט די וואַרעמקייט פון איר שמאָלן קערפּער.

און באָריס, געפינענדיק זיך איצט אין דער ראָלע פון אַ פאָטער, וואָס זיין מוטער האָט פלוצלונג אַרויפגעשלעפּט אויף אים, האָט

זיך געפּידט, ווי ער זאָל נאָר וואָס האָבן אָנגעטאָן אַ ניי מלבוש, וואָס דער שניידער האָט קאַליע געמאַכט און עס הענגט אויף אים ווי אַ זאַק.

און מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל האָט ער געטראַכט: ווי נעם איך איצט אַ שפּיגל זיך אָנצוקוקן, וואָס פאַר אַ אידיאָטיש פּנים איך האָב איצט!

מאַדאַם שערמאַן, דערמאנענדיק איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, האָט מיט טרויער ווידער אַ קוק געטאָן אויף חיימען מיט קלאַרען און שטיל זיי געפרעגט:

— וואָס-זשע זאָגט איר, קינדער?

נאָר ביי די „קינדער" האָבן זיך נישט אַ ריר געטאָן די ליפּן און זיי האָבן געשוויגן.

— זיי שעמען זיך! — האָט מאַדאַם שערמאַן געזאָגט מיט אַ גליקלעכן שמייכל פון אַ מוטער, און איר טרויער איז פון איר מיט-אַמאָל אַוועק.

ביים טיש איז געוואָרן שטיל. איינער האָט געוואַרט אויף דעם צווייטן, מען זאָל זיך אָנרופן מיט אַ וואָרט, אָבער אַלע האָבן גע-שוויגן.

מאַדאַם שערמאַן און באָריס האָבן נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף חיימען מיט קלאַרען, אָבער זיי האָבן קיין וואָרט נישט אַרויס-גערעדט.

ענדלעך איז באָריסן נמאס געוואָרן זיך ווייטער צו געפינען אין דער ראָלע פון א פאָטער און ער האָט זיך אָנגערופן:

— מיר וואָלט זייער אנגענעם געווען, ווען די חתונה זאָל פאָר-קומען אין דער צייט, ווען איך געפין זיך דאָ... וואָס זאָגט איר דערויף, יונגעלייט?

— אָט דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט און געוואַרט אויף דיין קומען... אַז מיינע אויגן זענען מיר, מיינע שונאים, שיעור נישט אַרויס, ביז איך האָב דיך דערלעבט צו זען ביי אונדז אינדערהיים.

זאָגנדיק דאָס, האָט מאַדאַם שערמאַן ווידער זיך געווענדט צו די קינדער:

נו, קינדער, וואָס זאָגט איר?

אָבער אנשטאט זיי, האָט באָריס זיך פריילעך אָנגערופן:

— נו, און איצט בין איך דאָ... פון מיין זייט קען די חתונה

אפילו מאָרגן, און די מאַמע, גלייב איך, וועט נישט זיין דאַ־קעגן?

— וואָס איז דאָ מיך צו פרעגן? אוודאי בין איך נישט דאַקעגן. עס זענען נישטאָ קיין שום שטערונגען דערצו. מיין וווינונג בלייבט אינגאַנצן פאַר די קינדער. וואָס דאַרף איך, אימשטיינס געזאָגט? פאַר מיר וועלן זיך, געלויבט גאָט, אויך געפינען אַ פאָר צימערן, נישט צו פאַרזינדיקן!

— נו, איצטער איז אַלץ געווענדט אָן די יונגעלייט. וואָס זאָגסטו, חיים? און דו, קלאַרע?

חיים האָט געשמייכלט, נישט קענענדיק אַרויסזאָגן אַ וואָרט און קלאַרע האָט זיך מיט אַ געלעכטערל אָנגערופן:

— מען קען די חתונה באַשטימען, אַז זי זאָל פאָרקומען אין אַ חודש אַרום... מען דאַרף זיך דאָך מאַכן אַ פּאָר קליידלעך, — האָט קלאַרע ווידער געזאָגט לאַכנדיק. — די מאַמע וועט זיך געוויס אויך וועלן אָנטאָן, ווי אַ מחותנתטע... ווי זאָגסטו מאַמע?

— אוודאי, אוודאי, וואָס־זשע דען מיינסטו, איך וועל דיך פירן צו דער חופה, ווי אַן אָרעמע כלה? מיר וועלן פאָרן אין דער גובער־ניע דיך אויסקליידן ביי די שענסטע מאָדיסטקעס, און דאָס איבעריקע פון „גאַרדעראָב", וואָס מען גיט אַ כלה, איז געלויבט גאָט, פון לאַנג פאַר דיר אָנגעגרייט.

— אויב מיר וועלן דאַרפן פאָרן אין דער גובערניע, — האָט זיך קלאַרע אָנגערופן, — וועט אפשר אַ חודש זיין ווייניק, זאָל זיין אין זעקס וואָכן אַרום, ווי זאָגסטו, חיים? — האָט קלאַרע צום סוף זיך געווענדט צו אים.

און נישט קענענדיק איבערטראָגן אַלע בליקן, וואָס זענען גע־ווען געווענדט אויף אים, האָט ער געענטפערט:

— וויאַזוי דו פאַרשטייסט, קלאַרע... זאָל זיין אין זעקס וואָכן, זאָל זיין אין אַ חודש.

אַלע האָבן פריילעך זיך צעלאַכט, און מאַדאַם שערמאַן האָט זיך געוואָרטלט:

— אַזאַ שעמעוודיקער חתן, ווי גלייך ער קומט דאָס ערשטע מאָל צו אונדז אין הויז און קוקט דאָס ערשטע מאָל אָן די כלה.

— אַלע חתנים זענען שעמעוודיק, — האָט קלאַרע געפרווט חיימען פאַרענטפערן.

— נאָר איך, ווען איך וועל אַ חתן ווערן, וועל זיך נישט שעמען! — האָט באָריס פריילעך זיך געווערטלט.

— דו אַ חתן? מען דאַרף פריער האָבן אַ כלה! — האָט קלאַרע, שפּאַסנדיק, זיך גערייצט מיט איר ברודער.

— וואָס מיינסטו, איך האָב נישט קיין כלה? אַזאַ נאַר בין איך?

— ווער, דו? — האָט קלאַרע געטייטלט אויף אים מיט אַ פינגער, נישט אויפהערנדיק צו לאַכן.

— לאַך נישט, איך מיין עס גאַנץ ערנסט... עס וועט אַזוי לאַנג נישט געדויערן, ווי איר אַלע מיינט.

די מוטער האָט זיך אומרויִק אמוגעקוקט אויף איר זון.

מאַדאַם שערמאַן האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן איר זונס חתונה, ווייל ווי זי איז נישט געווען קיין שטאַרקע קעגנערין פון זיין שמדן זיך, דאָך, ווען זי פלעגט זיך דערמאַנען, אַז איר איינציקער זון וועט חתונה האָבן פאַר אַ קריסטין און וועט האָבן קינדער גויִים, האָט זי זיך זייער געשראָקן. נאָר זי איז וועגן דעם שטענדיק רויִק געווען, ווייל זי האָט דאָס גערעכנט פאַר נאָך זייער ווייט, און איצט האָט זי פּלוצלונג דערהערט פון איר זון, אַז ער מיינט עס גאַנץ ערנסט.

און ווען ער שפּאַסט נאָר, איז עס איר אויך נישט געפעלן, ווייל זי איז געווען פון די, וואָס האָבן געגלויבט, אַז אין יעדן שפּאַס געפינט זיך אַ האַלבער אמת.

— אַזוי, מיין זון? — האָט מאַדאַם שערמאַן אויך שפּאַסנדיק זיך אָנגערופן. — דו טראַכסט צו ווערן אַ חתן און די מאַמע ווייס גאָרנישט! און פונוואַנען זאָל דיין מאַמע וויסן, אַז דו פאָרסט שטענדיק אַרום, האָסט אין זינען פרעמדע געשעפטן און פאַרגעסט אַפילו, אַז דו האָסט אַהיים מיט אַ מאַמע, וועלכע מען דאַרף דערציילן, וויאַזוי דו לעבסט אין פּעטערבורג, ווער עס זענען דאָרט דיינע באַקאַנטע און ווו אַהין קומסטו אַריין... דו פאַרברענגסט דאָך נישט דיין גאַנצע צייט נאָר ביי דער אַרבעט. דאָס אַלץ דאַרף דיין מאַמע נישט וויסן, איאָ?

— נאָר שרעק זיך נישט, מאַמע... אַז עס וועט קומען די צייט, וועסטו אַלץ וויסן!

און זאָגנדיק די ווערטער, האָט ער זיין שטול צוגערוקט צו דער מוטער, זי אַרומגענומען און געקושט, קוקנדיק מיט ליבע גלייך דער מוטער אין די אויגן.

— דו מיינסט, מאַמע, אַז דו האָסט אַ שלעכטן זון און שטעכסט אים נאָר מיט ווערטלעך, האָסטו אַ גרויסן טעות! ווען עס וועט קו־מען די גליקלעכע צייט פאַר מיר, וועסטו, מיין מאַמע, אַלץ וויסן און האָסט נישט אויף מיר וואָס ברוגז צו זיין...

— דו האָסט נישט אויף מיר ברוגז צו זיין, בוזע, איך בין אַ מאַמע און וויל דיך זען וואָס מער לעבן מיר.

און מיט די ווערטער האָט זי זיין קאָפּ צוגערוקט צו איר האַרצן און געגלעט זיין פּנים, ווי אַ קליין קינד.

— איך בין נישט ברוגז אויף דיר, מאַמע, איך בין נישט ברוגז,— האָט ער שטיל געזאָגט.

דערנאָך האָט ער זיך פריילעך אויפגעכאַפּט און אויף אַ הויכן קול זיך אָנגערופן:

— און דו, מאַמע, מיינסט אוודאי, אַז איך וועל חתונה האָבן פאַר אַ גויע? דו זאָלסט זיך קיינמאָל דערפאַר נישט שרעקן, איך וועל חתונה האָבן נאָר פאַר אַ יידישער טאָכטער.

זיין מוטער האָט זיינע ווערטער אויך איצט אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס, ווייל זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, וויאַזוי וועט איר געשמדטער זון קענען חתונה האָבן פאַר אַ יידיש קינד, און זי האָט זיך ווייניק צוגעהערט צו זיינע לעצטע ווערטער.

און באָריס האָט נישט אויפגעהערט ווייטער צו רעדן וועגן דעם:

— און דו, מאַמע, פרייסט זיך גאָרנישט פון דעם נייס, אַבי איך האָב גערעכנט, אַז ביי דיר וועט עס זיין אַ גרויסע שמחה.

— הער שוין אויף צו רעדן נאַרישקייטן! לאָמיר היינטיקן אָוונט פאַרברענגען פריילעך, ווען איך האָב דערלעבט אייניקלעכסטן צו פירן אונדזער קלאַרעטשקען צו דער חופּה!

— און מיט מיר ווילסטו זיך גאָרנישט פרייען? מיין נישט, מאַמע, אַז עס איז אַזוי ווייט צו וואַרטן ביז דו וועסט דיין זון פירן צו דער חופּה!

— הער שוין אויף, בוזע, זיך מאַכן נאַריש, און ווידער — מאַך זיך נאַריש, וויפל דיין האַרץ גלוסט... היינטיקער אָוונט איז ביי אונדז אַ גרויסע שמחה.

דערביי איז זי צוגעגאַנגען צום בופעט, אַרויסגענומען אַ טעצל מיט לעקעך און אַ פלאַש ווייַן און געזאָגט:

— איצט וועלן מיר טרינקען „לחיים" פאַר דעם געזונט פון דעם יונגן פּאָר!

באָריס איז מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן, אָנגעהייבן שרייען „הורא", געכאַפּט אַ פלאַש וויין, אָנגעהייבן גיסן אין די גלעזלעך, שרייענדיק:

— לאָמיר טרינקען פאַר דעם יונגן פּאָר! און אינגיכן זאָל מען אויך טרינקען פאַר מיין געזונט און פאַר מיין כלהס געזונט! הורא!...

אַלע האָבן שטאַרק געלאַכט, נאָר חיים האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און האָט עפּעס מאָדנע געשמייכלט.

קאַפּיטל ניינצן.

צוויי חברים.

אויף מאָרגן איז חיים פריער, ווי אַלעמאָל, געקומען צו זיין כלה, און מער ווי אַלעמאָל האָט ער געפילט, אַז דאָ, לעבן קלאַרען, איז זיין היים און זיין אָפּרו.

ווי יעדעס מאָל, און איצט נאָכמער ווי אַלעמאָל, ווען חיים פלעגט קומען, האָט אים קלאַרע באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אירע אַן אייגענע זאַך. צי דער האַלדזטוך איז פאַרבונדן אין אַ ריכטיקן שלייף, צי זיין קאָסטיום איז אויסגעפּוצט און נישט צע־קנייטשט. דערנאָך פלעגט זי אים נייטן, אַז ער מוז אויסטרינקען אַ גלאָז מילך און עפּעס עסן, און ווען ער איז לאַנג געזעסן, אָדער שפּאַצירט, פלעגט זי אים פרעגן, צי איז ער נישט מיד און צווינגען אים, ער זאָל זיך אַ ביסעלע אָפּרוען אויף דער סאָפע.

און חיים איז שוין אַזוי צוגעוויינט געוואָרן צו איר, אַז ער האָט, ווי אַ גוט שטיל קינד, זי געפאָלגט.

ווען חיים איז היינט געלעגן אויף דער ווייכער סאָפע און קלאַרע איז געזעסן לעבן אים אויף אַ בענקעלע און אָפּגעהיט זיין רו, אַכטונג געגעבן, עס זאָל זיין שטיל, איז פּלוצלונג אין דער הערשנדיקער שטילקייט אַריינגעלאָפן אין צימער באָריס, וועלכער האָט ממש פול געמאַכט דאָס צימער מיט יונגן געזונטן לעבן.

אין אַלע ווינקעלעך האָט אָפּגעקלונגען זיין פעסטע שטימע.

— שאַ, באָריס, — האָט קלארע זיך אָנגערופן, — חיים וויל זיך אָפּרוען.

— וואָס איז פאַר אַ רוען אינמיטן העלן טאָג! — האָט זיין קול נאָך העכער געקלונגען און איז צוגעגאַנגען צו חיימען, אַ קלאַפּ געטאָן אים אין פּלייצע, זאָגנדיק צו אים: „איך זוך דיך דעם גאַנצן טאָג און איך האָב דיך קוים געפונען!"

— מיר האָבן שפּאַצירט אין גאָרטן, — האָט קלאַרע אים פאַרענטפערט.

— איך האָב אייך געזוכט אין גאָרטן... געוויס האָט איר זיך פאַרקליבן ערגעץ צווישן דיביימער אין אַ ווינקעלע! ביז וואַנען וועט איר זיך עס באַהאַלטן און האָבן סודות פאַר אונדז? איר זענט דאָך שוין חתן-כלה און קענט רעדן אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט!

אַלע האָבן זיך פריילעך צעלאַכט.

— און די מאַמע קלאָגט זיך אויך, — האָט באָריס ווייטער געזאָגט. — פון נעכטן אָן זייט איר חתן-כלה געוואָרן, האָט זי דיך נאָך רעכט נישט אָנגעקוקט און אַ וואָרט נישט גערעדט. גיי בעסער העלפן אַ ביסל דער מאַמען, זי האָט אַזויפיל אַרבעט, זי גרייט זיך שוין צו דער חתונה. גיי, קלאַרע, און איך וועל דאָ רעדן אַ ביסל מיט חיימען, וואָס דו דאַרפסט נישט הערן.

— חיים האָט פאַר מיר קיין סודות נישט, דו מעגסט רעדן.

— גיי, גיי צו דער מאַמען, איך מיין עס ערנסט... דערווייל איז ער נאָך אַ בחור און איך מעג מיט אים האָבן סודות... גיי, מיין שוועסטער, און העלף דער מאַמען אין איר אַרבעט און מיר וועלן דאָ אַ ביסל שמועסן.

קלאַרע איז פריילעך אַוועקגעגאַנגען און באָריס מיט חיימען זענען געבליבן אַליין.

— נו, וואָס מאַכסטו, חיים, ווי פילסטו זיך אַלס חתן? — האָט באָריס געפרעגט, צוזעצנדיק זיך אויף דעם קליינעם ווייכן סאַמעטענעם בענקעלע, אויף וועלכן קלאַרע איז פריער געזעסן.

חיים האָט זיך אויף דער סאָפע אויסגעצויגן, ווי גרויס און לאַנג ער איז, געגעבן אַ געניץ און זיך אָנגערופן:

— איך בין מיד, באָריס, איך בין מיד!

— מיד? פון וואָס?

איך בין מיד פון לעבן.

— פון לעבן? — האָט באָריס זיך צעלאַכט.—דו האָסט דען געלעבט אַמאָל? דיר גייט ערשט צום לעבן און דו ביזט שוין מיד — שעם זיך!

— טאַקע אָט פאַר דעם נייעם לעבן, וואָס מיר שטייט פאָר, שרעק איך זיך.

דו ביזט אַ מאָדנער מענטש, חיים, וואָס איז דאָ צו שרעקן זיך? דו וועסט חתונה האָבן און קלאַרע וועט פאַר דיר נישט נאָר זיין אַ גוטע געטרייע פרוי, נאָר אויך אַ ניאַנקע, וואָס וועט דיך אָפּהיטן, ווי דאָס אויג פון קאָפּ, ווי אַ קינד וועט זי דיך אָפּהיטן. איך באַוווּנדער מיין שוועסטער, וואָס זי האָט זיך געקענט אַזוי שטאַרק צובינדן צו דיר! זי האָט פאַרגעסן אין איר מאַמען און איר ברודער, נאָר איין חיים איז איר גאַנצע וועלט געוואָרן! הלוואי וואָלט איך געהאַט אַ פרוי, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַ העלפט מעלות, ווי קלאַרע. קענענדיק דיך און צוזעענדיק די לעצטע צייט, וויאַזוי זי באַגייט זיך מיט דיר, קען איך זיך נישט פאָרשטעלן, וויאַזוי וואָלסטו אַ טאָג אָן איר געקענט לעבן!

— דאָס ווייס איך, דאָס פיל איך, — האָט חיים האַרציק געזאָגט, — זי איז די לעצטע צייט געוואָרן פאַר מיר א טייל פון מיין איך און אָן קלאַרען שטעל איך זיך נישט פאָר וויאַזוי איך וואָלט געקענט לעבן, ווי דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט.

— נו, איז דאָך גוט, וואָס-זשע ניאַנטשעסטו זיך און זיפצסט שטענדיק אַזוי?

— איך וואָלט באַדאַרפט צו זיין אַ ביסל געזונטער, באָריס. אַ ביסעלע מער געזונט... איך פיל זיך אָפּט אַזוי שוואַך!

— נו, הער זיך שוין אויף ווידער צו פיעשטשען, ביזט קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער גבור, און געפירט האָסטו אַ בחורשן

לעבן... דו וועסט חתונה האָבן, דו וועסט פירן אַ נאָרמאַל לעבן און קלאָרע וועט דיך אָפּהיטן און אכטונג געבן אויף דיר, וועסטו זיך פילן געזינטער און שטאַרקער! אָבער זאָל זיין געבוג צו רעדן וועגן נאַרישקייטן. איך בין געקומען צו דיר, ווי אַ חבר פון מיין יוגנט, זיך אַ ביסל אויסרעדן דאָס האַרץ, ווייל איך קען מיט קיינעם נישט אַזוי רעדן אָפן, ווי מיט דיר.

— יאָ, גוט וואָס דו ביזט געקומען! — האָט חיים זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען פון דער סאָפע. — איך האָב זיך דערמאַנט... זאָג מיר, באָריס, וואָס האָסטו זיך נעכטן ביים טיש אַזוי צעפלאַפּלט, אַז דו וועסט חתונה האָבן פאַר אַ יידישע טאָכטער... איך האָב עס נאַטירלעך אָנגענומען פאַר אַ פריילעכן שפּאַס... דער נעכטיקער ווייַן איז געווען זייער גוט, איז קיין וואונדער נישט, וואָס דו האָסט זיך אַזוי צעוואָרטלט. פונדעסטוועגן האָב איך וועגן דעם לאַנג געטראַכט און איך וויל דיך פרעגן, וואָס איז דיר פּלוצלונג איינגעפאַלן וועגן דעם צו רעדן?

— אַ שפּאַס? — האָט זיך באָריס ביטער צעלאַכט. — אַ שיינער שפּאַס! איך האָב עס געמיינט גאַנץ ערנסט, כאָטש איך האָב צוליב אונדזער גרויסער שמחה זיך דערלויבט צו נעמען אַן איבעריק גלעזל וויין.

— ערנסט זאָגסטו? — האָט חיים געזאָגט מיט גרויס פאַרוואונדערונג און זיך איבערגעזעצט אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען ביי אַן אָפענעם פענסטער. — וויאַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז דו זאָלסט גאָר קענען טראַכטן וועגן דעם?

— וויאַזוי עס איז מעגלעך, ווייס איך נאָך אליין נישט, נאָר פאַר קיין גויע וועל איך קיינמאָל נישט חתונה האָבן!

ביידע זענען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איינער וואַרט, אַז דער צווייטער זאָל פריער אָנהייבן צו רעדן.

אָנגעהייבן האָט חיים:

— וואָס איז מיט דיר פּלוצלונג אַזוינס געשען, באָריס! איך האָב שטענדיק גערעכנט, אַז דו פילסט זיך גליקלעך אין דיין ספערע, קיינער האָט דיך נישט גענייט און קיין זאַך האָט דיך נישט געצוווּנגען, דו זאָלסט דעם שריט מאַכן, וואָס־זשע איז מיט דיר פּלוצלונג אַזוינס געוואָרן, ווען דו רעדסט וועגן אַ אוממעגלעכער זאַך?

— איך האָב געמאַכט אַ גרויסן טעות אין מיין לעבן! פּראָסט געזאָגט, איך האָב זיך אַליין איבערגעשניטן דעם האַלדז! איך בין באַגאַנגען אַ זעלבסטמאָרד... נאָר אין די יונגע נאַרישע סטודענטן-יאָרן האָב איך געקענט אַזאַ גרויסע נאַרישקייט אויפטאָן; איצט אָבער זע איך, אַז עס איז נישט גלאַט אַ נאַרישקייט, דאָס איז מיין גאַנץ לעבן און אויב איך וועל זיך אין דער צייט נישט ראַטעווען, בין איך אַ פאַרפאַלענער! איך האָב מיט קיינעם, אַ חוץ אַ פּאָר ווערטער מיט מיינעם אַ חבר, אויך אַ געשמדטער, נישט גערעדט און נאָר פאַר דיר, אַלס מיין חבר און צוקונפטיקער שוואָגער, וועל איך עפענען מיין גאַנץ אָנגעווייטיקט האַרץ.

קאַפּיטל צוואַנציק.

באָריסעס ווידוי.

באָריס האָט זיין שטול צוגערוקט נענטער צו חיימען און זיך ווידער אָנגערופן:

— פיל אָבער וועל איך דיר נישט דערציילן... עס איז גענוג דיר צו זאָגן אין אַ פּאָר ווערטער, אַז איך בין צו שאַנד און צו שפּאָט...

— דו ווילסט זאָגן, — האָט חיים באַמערקט, — אַז דו פילסט זיך נישט גוט צווישן דיינע פריערדיקע פריינט און באַקאַנטע, צווישן די פעטערבורגער יידן? דאָס האָסטו באַדאַרפט דערוואַרטן, ווען דו האָסט דעם שריט געמאַכט.

— ניין, נישט אין דער יידישער געזעלשאַפט... פאַרקערט, די יידן באַגייען זיך צו גוט, צו פיין צו מיר, כאָטש מיט מיין טויפן זיך האָב איך פאַרדינט ביי זיי, זיי זאָלן מיך פאַראַכטן און זיך

דערווייטערן פון מיר. איך האָב עס כשר פאַרדינט, אָבער דווקא פאַר־קערט: די ייִדן באַגייען זיך מיט מיר זייער גוט און אין זייער געזעלשאַפט פיל איך זיך אויסגעצייכנט, און אַפילו ווען זיי זאָלן מיך אַמאָל באַליידיקן, וואָלט איך עס אויך אָנגענומען פאַר ליב, לויט ווי איך האָב עס פאַרדינט. צו שאַנד און צו שפּאָט בין איך דווקא ביי די, צוליב וועלכע איך האָב איבערגעביטן מיין גלויבן. אומעטום פיל איך זיך צווישן זיי דערזעלבער „זשיד", וואָס פריער, זיי גיבן מיר עס אָנצוהערן ביי יעדן צופאַל.

— אָבער מער פון אַלץ, — האָט באָריס זיך אויפגעקאָכט, — פאַרדריסט מיך, וואָס מען וויל מיט מיר אַ גוט געשעפט מאַכן.

— וואָס הייסט געשעפט מאַכן פון דיר? — האָט חיים גע־פרעגט. — דאָס פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט!

— מען דאַרף זיין אין מיין הויט, מען זאָל דאָס קענען גוט פאַרשטיין, נאָר איך וועל פּרוּוון דיר עס קלאָר איבערגעבן. ווי דו ווייסט, האָט מען מיר באַלד נאָך מיין טויפן געגעבן אַ קליינע שטעלע אין סענאַט גלייך מיט נאָך אַנדערע קריסטלעכע סטודענטן, וועלכע האָבן געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט. איך טו מיין אַרבעט פּינקטלעך, איך שיכור נישט, איך הוליע נישט און ווער נישט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט אין די קאַבאַרעטן, אָדער אין נאָך אַזעלכע ערטער. איך קום נישט אויף מאָרגן אַ פאַרשלאָפענער צו דער אַרבעט, ווי דאָס רוב. איך בין דאָך געבוירן אַ ייִד און ווייס זייער ווייניק פון אַ הולטייסקע לעבן. דאָס אַלץ האָבן באַמערקט אַ פּאָר הויכע באַאַמטע. מיינע אַלע מעלות האָט מען אָנגעהייבן צו שעצן און איך האָב דערוואַרט, אַז מען וועט מיר געבן אַ העכערע שטעלע און דאָס הייסט אויך אַ העכערן טיטל.

— מיט איין וואָרט, חיים, איך האָב זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט די נאַרישע געדאַנקען פון אַ קאַריעריסט, ווי אַ סך אַנדערע געטויפטע ייִדישע סטודענטן, וואָס זייער שטרעבן און לעבן איז נאָר געווען קאַריערע. אָבער מיט מיר איז פאָרגעקומען אַ צופאַל, און איך האָב זיך מיטאַמאָל אויסגעניכטערט, און דערפילט ווי אומגליקלעך איך בין. די געשיכטע איז זייער אַ לאַנגע. אָבער איך וועל פּרוּוון דיר איבער־געבן, ווי מעגלעך, אין קורצן: איינער, זייער אַ הויכער באַאַמטער, אונטער וועלכנס פירונג איך אַרבעט, האָט זיך באַזונדערס אָנגעהייבן צו מיר גוט צו באַציִען. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אַהיים, און

באַקאַנט געמאַכט מיט זיין פאַמיליע, ווי מען האָט מיך יעדעס מאָל זייער פריינטלעך אויפגענומען. אין אנהייב האָב איך זיך געפילט גליקלעך און האָב געזען, אַז אין דער צוקונפט שטייט מיר פאָר אַ גרויסע קאַריערע, נאָר דערנאָך האָב איך באַמערקט, אַז מען וויל מיך חתונה מאַכן מיט זייער אַ פאַרזעסענער קרובה, וועלכע איז עלטער פון מיר מיט אַ שיינע פאָר יאָר.

— איך האָב זיך אָנגעהייבן אַרומקוקן און האָב זיך דערוווּסט, אַז אייניקע געטויפטע יונגעלייט, צוליב זייער קאַריערע, האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו ביי אַזעלכע פאַלן און דורך אומגעלומפּערטע חתונות האָבן זיי געשטייגט אין זייערע קאַריערעס, וואָס העכער און העכער. אויף דערויף האָב איך נישט געקענט גיין און איך האָב פאַר זיך געזען צוויי וועגן: אָדער חתונה האָבן און שטייגן העכער און העכער, אָדער בלייבן יאָרנלאַנג אויף מיין קליינער שטעלע און פאַרגליווערט ווערן, ווי אַ סך אַזעלכע אומגליקלעכע, קאַנצעלאַריע-„טשינאָווניקעס", וועלכע פּלאָגן זיך אָפּ אַזוי זייערע גאַנצע יאָרן.

באָריס האָט איבערגעריסן זיין ווידוי און זיך אָפּגערוט, ווי גלייך ער האָט געטאָן אַ שווערע אַרבעט און חיים האָט זיך מיט זיינע אויגן ווי איינגעגעסן אין אים און געוואַרט ער זאָל ווייטער דערציילן.

ענדלעך האָט באָריס ווידער אָנגעהייבן.

— פון דער צייט אָן האָב איך קיין שום נאַכט נישט געשלאָפן. איך האָב זיך שטאַרק געפּלאָגט און מיין מוח האָט געפּלאַצט, טראַכטנדיק, אויף וואָס איך זאָל זיך באַשליסן און וואָס איך זאָל אָנהייבן טאָן? אַ געוואַלדיקע חרטה און בענקשאַפט האָט מיך אַרומגעכאַפּט, אַז איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קראַנק ווערן. גאַנצע נעכט פלעג איך ליגן אויף מיין בעט מיט אָפענע אויגן און טראַכטן. מיין גאַנצע יוגנט איז פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען. איך האָב געטראַכט וועגן מיין מוטער, מיין שוועסטער, וועגן דיר און וועגן אונדזער שטעטל. נאָר באַזונדערס איז פאַר מיינע אויגן אויפגעשוווּמען דאָס דאָרף זאַסטאַוו, ווי מיר פלעגן אַהין פאָרן, דערהויפּט זומערצייט, און פאַרברענגען ביי מאַניעס עלטערן אין הויז. מאַניע איז געשטאַנען פאַר מיינע אויגן, ווי אַ שיינע פרעכטיקע בלום און האָב זי פאַרגלייכט מיט דעם אויסגעטרוקנטן פאַרזעסן מיידל, וואָס די פאַמיליע פון מיין הויכן באַאַמטן האָבן מיר געוואָלט פאַרשדכענען...

— איך האָב זיך דערמאַנט, ווי איך פלעג מאַניען לערנען לייענען

אין שרייבן און די גאַנצע נעכט, נישט קענענדיק אַנשלאָפן ווערן, האָב איך געהערט איר קלינגנדיקע שטימע און פאַר זיך געזען ווי געזונט, יונג און שיין זי איז!

באָריס האָט פּלוצלונג באַמערקט, ווי חיימס געזיכט איז בלאַס געוואָרן און ער האָט אים געפרעגט:

— ביזט מיד, חיים? אפשר ווילסטו זיך צולייגן אויף דער סאָפע?

— ניין, ניין, עס ווייזט זיך דיר נאָר אויס. דערצייל ווייטער.

— איך האָב דערפילט, אַז איך האָב מאַניען ליב... ליב מיט מיין גאַנץ לעבן און האָב באַשלאָסן, אַז ווען אויף „קאָניקול" איך וועל פאָרן אַהיים, מוז איך זי זען און מיט איר אָפן רעדן. אָבער אומדערוואַרט, קומענדיק אַהיים, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן איר אומגליק...

— און דו האָסט נאָכדעם דיין מיינונג נישט איבערגעביטן וועגן מאַניען? — האָט חיים פּלוצלונג געפרעגט.

— ניין, זייענדיק געבוירן און וווינענדיק שטענדיק אין דאָרף, אַרומגערינגלט מיט אַזאַ אַטמאָספערע, האָט געקענט מיט איר אַזאַ אומגליק פּאַסירן! צו מיין ליבע צו איר איז נאָך איר אומגליק נאָך צוגעקומען רחמנות און איך האָב זי נאָכמער ליב באַקומען און האָב געטראַכט, אַז מען מוז זי אַרויסרייסן פון דאָרף. מאַניע האָט זייער גלייך געטאָן, וואָס זי איז איבערגעפאָרן אין אַ שטאָט.

— און איצט, וואָס רעכנסטו צו טאָן?

— איך וועל פאָרן אין דער גובערניע זי זען און מיט איר אָפן רעדן.

— און דערנאָך?

— און דערנאָך, פרעגסטו? אויב זי האָט מיך נישט פאַרגעסן און האָט מיך אַזוי ליב, ווי דאָס לעצטע מאָל, ווען מיר האָבן זיך געזען, וועל איך חתונה האָבן מיט איר! איך בין זייער פיל קעגן איר שולדיק, און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס, וואָס איך האָב מיט איר דעמאָלט איבערגעריסן, האָב איך אויך גורם געווען צו איר שריט. קיין איינציקן בריוו האָב איך איר נישט געשריבן, ווי איך האָב איר צוגעזאָגט ביי מיין געזעגענען זיך מיט איר דאָס לעצטע מאָל און נאָכמער מיין טיפן זיך האָט אפשר געבראַכט צו איר אומגליק.

חיים איז געווען אַזוי איבערראַשט פון באָריסעס לעצטע ווערטער, אַז דער קאָפּ האָט זיך אים אָנגעהייבן דרייען, ער האָט

געוואָלט באַריסן אַ סך פרעגן, נאָר ער האָט נישט געוווסט פונוואַנען פריער אָנצוהייבן.

עס איז אָנגעקומען קלאַרע, און דערזעענדיק זי, האָט זיך חיים אַ ביסל באַרויקט.

— וואָס האָט איר זיך פאַרשפּאַרט אין צימער און הערט נישט אויף צו רעדן! — האָט קלאַרע אָנגעשריען און געבעטן, מען זאָל איבערגיין אין גאָרטן.

ביידע חברים זענען, שווייגנדיק, איר נאָכגעגאַנגען.

די צייט איז געגאַנגען. מאַדאַם שערמאַן האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס אַלע קינדער זענען אינדערהיים און פאָרן נישט אַוועק. ווי באַריס איז פריער, קענען איר ווילן, אַוועק אין דער גובערניע.

זי איז געווען גליקלעך, וואָס איר קלאַרע איז אַ כּלה געוואָרן און אינגיכן וועט זיין די חתונה און זי איז געווען אויך גליקלעך, וואָס באַלד, ווען חיים איז אַ חתן געוואָרן, האָט זי אים אויך אָנגעהייבן רופן: „קינד".

באָריס פלעגט כּמעט די גאַנצע צייט פאַרברענגען מיט חיימען. קיין טריט האָט ער נישט געמאַכט אָן אים. ווו ער איז געגאַנגען אָדער געפאָרן שפּאַצירן אונטער דער שטאָט און אפילו ווען זיי האָבן זיך געפונען אינדערהיים, זענען זיי שטענדיק געווען צוזאַמען און זיך נישט געקענט צו זאַט אָנרעדן. אַ חוץ זייער פריינטשאַפט פון דער יוגנט, אַ חוץ, וואָס קלאַרע האָט זיי פאַרבונדן אין נאָענטער קרובהשאַפט, האָט זיי עפּעס אַנדערש צוגעבונדן איינס צום צווייטן און האָבן זיך קיינמאָל נישט געקענט אָנרעדן.

און פון וואָס זיי זאָלן נישט אָנהייבן צו רעדן, ווען זיי זענען נאָר געווען אינצווייען, איז באַלד ביי זיי דער שמועס איבערגעגאַנגען וועגן מאַניען, ווי גלייך דאָס דאָרפישע מיידל פון דעם יידישן מילנער איז ביי זיי געוואָרן דער צענטער פון זייער לעבן.

קלאַרע האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט זען חיימען צוזאַמען מיט איר ברודער, אַז זי פלעגט אין שפּאַס זאָגן באָריסן:

— דו נעמסט צו ביי מיר מיין חתן, שטענדיק בין איך אַליין... איך זע אים נישט פאַר מיינע אויגן, און ווען איך וויל אים זען, ווייס איך שוין, אַז איך וועל אים געפונען לעבן דיר.

— נאָך אַ גליק, וואָס איך בין נישט קיין מיידל, — פלעגט באָריס איר אָפּענטפערן אויך מיט אַ שפּאַס.

די מוטער פלעגט לאַכן און אָנקוועלן, וואָס באָריס מיט קלאַרעס חתן זענען אַזוי באַפריינדעט און האָבן זיך ליב.

די צייט איז געגאַנגען און דער טאָג פון קלאַרעס חתונה האָט זיך אָנגעהייבן דערנענטערן.

מאַדאַם שערמאַן האָט זיך געגרייט צו דער חתונה און אויך צו באָריסעס אָוועקפאָרן, ווייל זיין אורלויב האָט זיך געזאָלט ענדיקן אַ טאָג נאָך דער חתונה.

ווי אָבער איז זי איבערראַשט געוואָרן, ווען באָריס, זיצנדיק מיט דער גאַנצער פאַמיליע ביים טיש, האָט דערציילט, אַז ער האָט היינט אָוועקגעשיקט קיין פעטערבורג אַ פּאַפּיר, ווי ער האָט געשריבן, אַז איבער זיינע פערזענלעכע געשעפטן און אויך צוליב דעם, וואָס ער פילט זיך נישט אינגאַנצן געזונט, בעט ער, מען זאָל אים דער-לויבן בלייבן אינדערהיים נאָך זעקס חדשים.

— אויף זעקס חדשים! — האָט זיך די מוטער געוווּנדערט. — ווער וועט דיר עס דערלויבן אויף אַזאַ צייט? איך פאַרשטיי, מען בעט פאַרלענגערן די צייט אויף אַ פּאָר וואָכן, אויף אַ חודש! אָבער אויף אַ גאַנץ האַלב יאָר? איך האָב מורא, באָריס, אַז דו זאָלסט אינגאַנצן נישט פאַרלירן די שטעלע פאַר אַזאַ זאַך. איך זאָג דיר, פאַרשטייט זיך, נישט קיין דעה, ווען דו פרעגסט ביי מיר נישט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט דאָ געמאַכט אַ פעלער. אַ שאָד, אַזאַ גוטע שטעלע. אַ קלייניקייט פאַר אַזאַ יונגנמאַן דינען אין סענאַט!

קלאַרען האָט, ווי שטענדיק, דעם ברודערס געשעפטן ווייניק אינטערעסירט. זי איז געזעסן לעבן איר חתן און ווי אויף אַ קינד אַכטונג געגעבן, ער זאָל וואָס מער עסן און אַלעמאָל פאַר אים עפּעס צוגעלייגט אין טעלער אַריין.

— איך קען מער נישט עסן, קלאַרעטשקע! — האָט ער זיך גע-בעטן, ווי ביי אַ גזלן, און אַוועקגעלייגט גאָפּל-מעסער.

— ניין, ניין, דו מוזט, מיין טייערער! אַז איך וועל נישט אַכ-טונג געבן, אַז דו זאָלסט זיין געזונט, ווער דען? און דערביי האָט קלאַרע פאַרגעסן, אַז איר חתן איז אַ דערוואַקסענער מענטש און האָט אים מיט געוואַלט אָנגעהייבן האָדעווען, ווי אַ קליין קינד פון אירע הענט.

חיים, אָבער, דערהערנדיק, ווי באָריס דערציילט וועגן דעם

פּאַפּיר, וואָס ער האָט אַוועקגעשיקט, האָט זיך אָפּגעבעטן ביי קלאַרען מיט דעם עסק און פאַרוואונדערט געפרעגט:

— מיין מיינונג איז אויך, אַז דו האָסט איבערגעזאָלצן, וואָס דו האָסט געבעטן אויף זעקס חדשים און איך האָב אויך מורא, אַז דו קענסט פאַרלירן די שטעלע.

— הלוואי וואָלט אַזוי געווען, — האָט באָריס קאַלטבלוטיק געענטפערט.

אַלע האָבן אים מיט גרויס פאַרוואונדערונג אָנגעקוקט.

מאַדאַם שערמאַן האָט אים מער נישט איבערגעפרעגט, נאָר זי האָט נאָר אַ שטילן זיפץ געטאָן און עס איז איר אויפגעקומען אויפן געדאַנק, אַז אין פּעטערבורג איז נישט אַזוי אין אָרדענונג מיט איר זון, אָבער זי האָט זיך איצט נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט נישט ליב, מען זאָל זיך מישן אין זיינע געשעפטן. זי האָט איר זון שטענדיק געהאַלטן פאַר צו קלוג און אַ מענטש פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַז ער ווייסט, וואָס ער טוט. זי האָט נאָר מורא געהאַט, טאָמער פאַרלירט ער די שטעלע.

ווען מאַדאַם שערמאַן האָט דאָס ערשטע מאָל זיך דערוווּסט, אַז איר זון האָט זיך געטויפט, האָט זי אַ לאַנגע צייט געטראָגן אַ וווּנד אין האַרצן, נאָר ווען באָריס האָט איר דערנאָך געשריבן, אַז ער האָט באַקומען אַ שטעלע אין סענאַט, איז זי ביי זיך שטאָלץ געוואָרן און די פריערדיקע וווּנד האָט זיך ביי איר באַלד אויסגעהיילט.

נאָר חיים האָט זיך נישט געקענט באַרויקן, און עס איז ביי אים געבליבן, אַז ביים ערשטן צופאַל, ווען זיי וועלן זיין אינצווייען, זאָל ער מיט אים וועגן דעם ערנסט איבעררעדן.

אויף אַזאַ צופאַל האָט ער לאַנג נישט באַדאַרפט וואַרטן. טאַקע דעמזעלבן טאָג האָבן זיי זיך פאַרקליבן אונטערן שטעטל און שפּאַצירט ביים וועג פון די צעאַקערטע פעלדער.

ווי זייער שטייגער איז, האָט מען אָנגעהייבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש: באָריס האָט אים דערציילט וויאַזוי ער האָט פאַרבראַכט אין דער גובערניע. חיים — וועגן לעבן אין שטעטל; און ווי שטענדיק, נישט באַמערקנדיק, זענען זיי איבערגעגאַנגען אין אַ געשפּרעך וועגן מאַניען.

— זאָג מיר, באָריס, וואָס איך האָב דיך געוואָלט פרעגן? ווי קומט דאָס טאַקע באמת, דו זאָלסט מיטאַמאָל בעטן, מען זאָל דיר

דערלויבן בלייבן אינדערהיים אַ גאַנץ האַלב יאָר! מען וועט דיך נאָר אויסלאַכן! און איך בין זיכער, אַז דו קענסט זיך ריכטן איינגיכן צו באַקומען אַ „ריינע אטסטאַווקע“, סיידן דו ביזט נישט געווען ביי דיין שכל, ווען דו האָסט געשריבן דעם פּאַפּיר.

— ביי מיין שכל בין איך גראַד יאָ געווען, און ווי פּאַלט דיר נישט איין, אַז פאַר מיר וועט נישט זיין אַזאַ גרויסער אומגליק, ווען עס זאָל אַזוי זיין, ווי דו זאָגסט.

— וואָס הייסט? איך פאַרשטיי נישט! און דיין קאַריערע, צוליב וואָס דו האָסט געמאַכט אַזאַ שריט, איז גאָרנישט? און איך מוז דיר גאַנץ אָפן זאָגן, כּל־זמן דו דינסט אין סענאַט און גייסט נאָך אין די קנעפּלעך, האָסטו נאָך אַ שטיקל פּנים ביי יידן. פאַרלירסטו עס אָבער, ווייסטו באָריס, ווי דו וועסט דאַמאָלט אויסזען? קענסטו דאָס זיך פאָרשטעלן? עס וועט זיין אַ רחמנות אויף דיר צו קוקן...

באָריס האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גראָבנדיק מיט אַ פוס אין ווייכער צעאַקערטער ערד.

דערנאָך האָט ער אויפגעהייבן זיין קאָפּ שטאָלץ און גלייך, און פעסט זיך אָנגערופן:

— דאָס, וואָס דו, חיים, שטעלסט זיך פאָר וועגן מיין אויסזען, וועט נישט זיין!

— איך בעט דיך, באָריס, רעד מיט מיר אָפן און נישט מיט רעטעניש. מיר זענען צו נאָענטע איינס מיט דעם צווייטן, אַז מיר זאָלן דאַרפן רעדן פאַרשטעלט.

באָריס האָט פאַרשטאַנען, אַז חיים איז גערעכט, ער דאַרף מיט אים נישט רעדן פאַרשטעלט, און פאַר וועמען זאָל ער עפּענען זיין האַרץ, אַז נישט פאַר חיימען? מיט זיין מוטער קען ער וועגן דעם נישט רעדן, זי וועט אים נישט פאַרשטיין, די שוועסטער אוודאי נישט, נאָר איין חיים.

און דאָך איז אים איצט שווער געווען אָפן צו רעדן אַפילו מיט חיימען, ווייל פאַר אים אַליין איז נאָך אַלץ נישט קלאָר געוואָרן און זיין צוקונפט האָט ער געזען, ווי דורך אַ זיפּ.

פונדעסטוועגן האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג און גלייך זיך אָנגערופן צו זיין חבר:

— איך וויל אינגאַנצן איבעררייסן מיט פּעטערבורג. איך האָב האָב געמאַכט אַ פאַלשן שריט... איך בין נישט שולדיק אין דעם...

איך בין געגאַנגען מיט דעם שטראָם... איך בין געווען יונג און נאַריש... איך האָב, גלייך מיט אַ טייל פון מיינע חברים אין אוניווערזיטעט, זיך געיאָגט נאָך קאַריערעס, כאָטש עס איז נישט געווען אין מיין נאַטור... איך האָב זיך ערשט שפּעטער וועגן דעם אומגעקוקט, זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין, עס איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלן... נאָר דער געדאַנק וועגן מאַניען האָט מיך געראַטעוועט און געגעבן מוט, איך זאָל אָננעמען אַ פעסטן באַשלוס! אָן איר וואָלט איך זיך שטענדיק געוואַקלט... איך וואָלט געפאַלן און געפאַלן און וואָלט ווירקלעך אויסגעזען אַזוי טרויעריק, ווי דו האָסט מיר נאָר וואָס געוואָרנט, ווען מען וועט מיר אָפּזאָגן פון מיין שטעלע אין סענאַט און איך וועל מוזן אויסטאָן די קנעפּלעך...

— אָבער וואָס קען דאָ העלפן דאָס אָרעמע מיידל, מאַניע? — האָט חיים געפרעגט.

— אַ משונהדיקע פראַגע... ווער דאַרף איר הילף? עס איז גענוג, אַז איך האָב זי ליב! און אַ דאַנק מיין ליבע צו איר, וועל איך אויפטאָן גבורות! איך וועל אינגאַנצן איבעררייסן מיט מיין לעצטער פאַרגאַנגענהייט און וועל ווערן דאָס, וואָס איך בין באמת!

חיים האָט באָריסן געהערט מיט אַ האַלבן אויער. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן מאַניען און האָט אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען, וואָס וויל באָריס פון איר, און האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— וואָס אייגנטלעך ווילסטו פון מאַניען?

באָריס האָט מיט פאַרוואונדערונג אָנגעשטעלט אויף חיימען זיינע אויגן און געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ משוגענעם:

— אַ מאָדנע פראַגע! איך וועל חתונה האָבן מיט איר און וועל אָנהייבן אַ ניי לעבן! איצט ווייסטו שוין?

חיים איז אונטערגעשפּרונגען און געזאָגט באָריסן:

— דו ביזט ביי דיין שכל, צי ניין? וואָס הייסט, דו וועסט חתונה האָבן? ערשטנס, האָסטו מיט איר נאָך נישט גערעדט און קענסט נישט גערעדט און קענסט נישט וויסן, וואָס פאַר אַן ענטפער דו וועסט באַקומען פון איר... דו זאָלסט זיך נישט פאַרלאָזן דערויף, וואָס דו ביזט אַ יונגערמאַן מיט אַ רייכער ירושה און זי, אַן אָרעם מיידל! דו זאָלסט זיך אויך נישט שטאַרק פאַרלאָזן אויף דעם, וואָס דו האָסט באַקומען אַ חשובע בילדונג און זי קען קוים אַ בוך איבערלייענען און אַ בריוול אָנשרייבן. דו קענסט נישט מאַניען! דו ווייסט נישט, וויאַזוי דו קענסט

פון איר נאָך אָפּשניידן! און דו רעדסט וועגן אַ זאַך, ווי גלייך עס איז שוין ביי דיר אין קעשענע. ווי מעגסטו רעדן מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן דעם, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן?

— און איך בין זיכער אין מיין דערפאָלג, ווייל איך ווייס, אַז זי האָט מיך ליב...

— ליב?... זי האָט אַמאָל מיט דיר גערעדט וועגן דעם?

— קיינמאָל נישט!.. נאָר איר שווייגן ביים לעצטן מאָל, ווען איך האָב זי געזען, האָט מער געזאָגט, ווי זי זאָל רעדן.

באָריסעס זיכערקייט האָט אין חיימען אַרויסגערופן קנאה און אומרויִקייט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף באָריסן און געזען, וואָס פאַר אַ גרויסער חילוק עס איז צווישן זיי ביידע. באָריס איז געזונט, שיין און פול מיט לעבן און ענערגיע, און ער איז אַזוי שוואַך און פּילט, אַז באַלד קומט אים אָן דער הוסט. דערווייל האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז שוין אַ חתן פאַר דער גוטער קלאַרען, וואָס איז אים אַזוי געטריי און איבערגעגעבן. אים דאַכט זיך אויס, אַז אָן איר וואָלט ער אַ טאָג נישט געקענט איבערלעבן.

חיים האָט זיין קנאה צו באָריסן און זיינע געפילן צו דער גע־זונטער בליענדיקער מאַניען אין זיך פאַרשטיקט, און ער האָט זיך אָנגע־כאַפּט ביים האַרצן און זיך אויסגעהוסט.

— איך וואָלט אַפילו היינט געפאָרן אין דער גובערניע זיך זען מיט מאַניען, — האָט באָריס זיך אָנגערופן, — נאָר די מאַמע מיט קלאַרען פאָרן מאָרגן אַהין צו די מאָדיסטקעס זיך מאַכן קליידער צו דער חתונה, וועל איך שוין צוואַרטן ביז זיי וועלן צוריק קומען. מען קען דאָך דאָס הויז אינגאַנצן נישט פאַרשליסן. מיין מוטער האָט מיך וועגן דעם געבעטן, האָב איך איר נישט געקענט אָפּזאָגן.

ביידע חברים האָבן זיך געלאָזט גיין אין שטעטל אַריין צוריק אַהיים.

אַ צייט זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק, יעדער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, נאָר פּלוצלונג האָט באָריס זיך אָפּגעשטעלט און מיט זיין גאַנצן קערפּער זיך אויסגעדרייט צו חיימען:

— זאָג מיר, חיים, דו האָסט דאָך מאַניען נישט לאַנג געזען? ווי זעט זי איצט אויס, איז זי אַזוי שיין, ווי פריער?

— ווי זאָל זי אויסזען, — האָט חיים געענטפערט אויף מיט אַ פראַגע, — ווען מען איז שיין, איז מען שיין!

— איך מיין, צי האָבן אירע לעצטע איבערלעבונגען נישט גע־ווירקט אויף איר געזונט און אויף איר גאַנצן אויסזען?

— אויף איר שיינקייט נישט, נאָר זי איז אַ ביסעלע בלאַסער געוואָרן און אויך ערנסטער. אַזאַ איינדרוק האָט זי אויף מיר גע־מאַכט. עס וועט איבערגיין, אַ קליניקייט, וואָס זי האָט באַדאַרפט איבערלעבן.

— איך מיין אויך אַזוי.

— איך וואָלט געוואָלט זי שוין אַזוי זען! — האָט באָריס געזאָגט מיט אויסגעצויגענע ווערטער.

קומענדיק אַהיים, האָט מאַדאַם שערמאַן מיט קלאַרען זיי באַגעגנט פול מיט טענות:

— שוין ווידער ביידע פאַרפאַלן געוואָרן! — האָט מאַדאַם שערמאַן געזאָגט. — איר וועט האָבן גענוג צייט זיך אָנרעדן, ווען מיר וועלן אַוועקפאָרן און איר וועט בלייבן אין צווייען.

— ווי געפעלט דיר אַזאַ פאַרליבעניש! — האָט קלאַרע לאַכנדיק זיך געווענדט צו איר מוטער. — עס איז זיי גאָרנישט אָפּצוררייסן איינס פון דעם אַנדערן!

דערנאָך האָט קלאַרע אָנגענומען חיימען ביי דער האַנט און געזאָגט:

— דו ביזט שוין אוודאי הונגעריק, קום, וועל איך דיר געבן עפּעס עסן און דו וועסט זיך אַנידערלייגן אויף דער סאָפע אָפּרוען.

— שוין ווידער עסן! — האָט חיים זיך אָנגעהייבן באַקלאָגן מיט אַ וויינענדיקער שטימע. — איך וואָלט זיך אַ ביסל צוגעלייגט, דאָס יאָ.

— ווער פרעגט ביי דיר! אַ מענטש ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע צוויי שעה און נאָך גאָר אין מויל נישט גענומען! אַ שיינער תכלית קען זיין פון דיר!

און קלאַרע האָט אָנגענומען איר חתן און מיט געוואַלד אים אַריינגעפירט אין עסצימער, אויך בעטנדיק איר ברודער, ער זאָל מיט־גיין, ווייל זי האָט צוגעגרייט גוטע זאַכן און דער סאַמאָוואַר שטייט שוין אויפן טיש.

— אויסגעצייכנט! — האָט באָריס פריילעך אויסגעשריען. — מיין שוועסטערל איז אַ „מאַלאַדיעץ!"

— וואָס ווערטלסטו זיך אַזוי? — האָט די מוטער זיך אָנגערופן.

צו איר זון, — הלוואי וואָלט דיר גאָט, אָן איר שאָדן, באַשערט אַזאַ געטרייע פרוי.

— וואָלט איך געוואָרן ברייטער, ווי לענגער, פון איר שטאָפּן מיך מיט עסן אַ צען מאָל אין טאָג! — האָט באָריס זיך צעלאַכט.

פלוצלונג האָט זיך אויף מאַדאַם שערמאַנס געזיכט אָנגערוקט אַ טרויער. זי האָט געטראַכט, אַז ווען איר זון וואָלט נישט געווען גע־שמדט, וואָלט זי מיט אים געקענט טאָן אַ פיינעם שידוך. און וואָס וואָלט איר איצט געפעלט, ווען זי זאָל אירע צוויי קינדער האָבן חתונה געמאַכט, ווי גליקלעך וואָלט זי דאַן געווען!

און אַ זיפץ האָט זיך פלוצלונג פון איר האַרצן אַרויסגעגנבעט.

— מאַמע, וואָס האָסטו זיך פלוצלונג פאַרזאָרגט! — האָט באָריס באַמערקט.

— גאָרנישט, מיין קינד, עס האָט זיך גלאַט אַזוי אַ זיפץ געטאָן, — האָט זי געזאָגט און ווידער זיך פרייליך געמאַכט.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

ביי די מאַדיסטקעס.

אין דער גרויסער גובערניע שטאָט ר. איז מאַדאַם שערמאַן מיט איר טאָכטער קלאַרע אַרומגעלאָפן צווישן די קראָמען און מאָדיסטקעס.

אין די קראָמען האָט מען געקליבן אַלערליי שטאָפן אויף קליי־דער און ביי די מאַדיסטקעס — פאַרשידענע פאַסאָנען לויט דער לעצ־טער מאָדע.

שעהן־ווייז איז אַוועק ביז קלאַרען איז עפּעס געפעלן. אַפילו די שטענדיקע געדולדיקע קרעמער און זייערע געהילפן, די פּאַרקוי־

פער, האָבן פאַרלוירן זייער געדולט און צווישן זיך אין דער שטיל געריעדט מיט פאַרדראָס:

— אַזאַ מיאוסע אַלטע מויד, און קיין זאַך געפעלט איר נישט.

אויך ביי די מאָדיסטקעס האָט קלאַרע איבערגעוואָרפן אַלע מאָ-דע-זשורנאַלן, אָנגעקוקט דאָרטיקע פאַסאָנען און אַלץ זיך געקרימט און געקרימט, קיין זאַך איז איר נישט געפעלן.

און קלאַרע מיט איר נישט אויפהערן קלויבן „די לעצטע מאָ-דע" האָט אויך די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער מאָדיסט-קע, אַרויסגעבראַכט פון געדולט און מיט פאַרדראָס האָבן זיי גערעדט שטיל צווישן די ציין:

— אַזוי איז שוין שטענדיק מיט די אַלטע מיידלעך, ווען גאָט העלפט, זיי ווערן כּלות און דאַרפן זיך מאַכן קליידער צו דער חתונה.

— ווען עס קומט אַ כּלה, אַ יונגע, אַ שיינע, איז אַ פאַרגעניגן. אַלץ פּאַסט זיי און וואָס פאַר אַ קלייד מען זאָל זיי נישט אָנמעסטן, זינגט עס אויף זיי! אַלץ איז אויף זיי ווי אָנגעמאָסטן, אַ פאַרגעניגן צו קוקן!

— וואָס-זשע, — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטע, וואָס איז גע-ווען צווישן אַנדערע מיידלעך ביי די ניי-מאַשינען און געשטעפט אַ קלייד, — אַ יונגע כּלה געפעלט דעם חתן וויאַזוי זי איז און אַזאַ אַלטע מיידל מוז מיט עפּעס אַנדערש געפעלן, דעריבער קלויבט זי אַזוי און קיין זאַך געפעלט איר נישט, ווייל זי האָט מורא און ציטערט, טאָמער וועט זי אין דעם קלייד נישט געפעלן דעם חתן.

— מען זאָל גאָרנישט דערלעבן צו ווערן אַן אַלטע מויד, — האָט ווידער איינע זיך אָנגערופן און דערביי אַ זיפץ געטאָן.

— ביזט אַ נאַרישע מויד, — האָט אַן אַנדערע געענטפערט. — וואָס זאָל מען טאָן, אַז עס טרעפט זיך נישט דער פּאַסנדיקער חתן, דאַרף מען זיך שוין נעמען דאָס לעבן?

— בעסער זיך נעמען דאָס לעבן, איידער אַזוי אויסזיצן, ווי דידאָזיקע כּלה.

— זעסטו דאָך, אַז פונדעסטוועגן איז זי אַ כּלה געוואָרן! וואָס האָט זי דאָ אָנגעווווירן, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט?

איינע פון די לערן-מיידלעך, וואָס האָט נישט לאַנג אָנגעהייבן אַרבעטן ביי דער מאָדיסטקע און איז אויך געזעסן צווישן די מייד-

לעך בײַ אַ מאַשין, פֿאַרטיפֿט אין איר אַרבעט, האָט זיך אויך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם מאָדנעם געשפּרעך צווישן די מײדלעך. זי האָט אויפֿגעהייבן דעם קאָפּ און זיך צוגעהערט.

די מײדלעך האָבן ווײַטער צווישן זיך גערעדט:

— נישקשה, ווען זי זאָל נישט האָבן אַזויפֿיל געלט, וואָלט זי קיינער נישט גענומען. פֿון די קליידער, וואָס זי מאַכט זיך, זעט מען, אַז זי דאַרף זײַן זייער אַ רײַכע!

דאָס לערן-מײדל, וועלכע האָט פֿריער זײַענדיק פֿאַרטיפֿט אין איר אַרבעט, נישט געזען די כּלה, און איצט ווערנדיק פֿאַראינטערעסירט אין דעם געשפּרעך פֿון די מײדלעך, האָט זיך איר פֿאַרגלוסט אויך אָנקוקן די כּלה און בײַ איר איז געבליבן, אַז זי וועט גיין עפּעס פֿרעגן דער מאָדיסטקע וועגן איר אַרבעט, וועט זי אָנקוקן די כּלה, וועגן וועלכער אירע חבֿרטעס רעדן אַזויפֿיל.

זי האָט זיך אויפֿגעהייבן פֿון איר אָרט און מיט דער אַרבעט אין דער האַנט איז זי אַרײַנגעגאַנגען אין דערבײַיאיקן צימער, וואָס איז געווען אָפּגעטײלט פֿון אַרבעט-צימער מיט אַ דורכזיכטיק גלעזערן ווענטל.

און איידער דעם לערן-מײדל איז געלונגען צו פֿרעגן די מאָדיסטקע, האָט קלאַרע מיט גרויס פֿאַרוווּנדערונג אויסגעשריִען:

— מאַניע, וואָס טוסטו דאָ?

— וועמען איך זע! מאַניע? — האָט מאַדאַם שערמאַן, נישט גלויבנדיק אירע אויגן געפֿרעגט.

מאַניע איז אויף אַ סעקונדע איבערראַשט געוואָרן, באַגעגענענדיק אַזוי אומדערוואַרט מאַדאַם שערמאַן מיט איר טאָכטער, נאָר זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן און שטיל געענטפֿערט:

— איך אַרבעט דאָ...

די מאָדיסטקע, צוזעענדיק די סצענע, האָט באַלד אַ טראַכט געטאָן, אַז אַ דאַנק דער פֿרײַנטלעכער באַגעגעניש מיט אירער אַ לערן-מײדל, וועט די שוועסטער קונהטע ווערן אַ ביסל ווייכער און וועט שוין פֿון איר נישט אַוועק צו אַן אַנדער מאָדיסטקע.

— זי אַרבעט בײַ מיר, — האָט די מאָדיסטקע פֿרײַנטלעך זיך אָנגערופֿן און מיט ליבלעכע בליקן אַ קוק געטאָן אויף מאַניען, — זי איז בײַ מיר ערשט נישט לאַנג און עס ווײַזט אויס, אַז זי וועט זײַן אַ גוטע אַרבעטערין. איך בין זייער מיט איר צופֿרידן. זייער

גוט, מאַניע, וואָס דו ביזט אַריינגעקומען. זיי אַזוי גוט און מעסט אָן אויף דיר דעם לעצטן פאַסאָן, וועלכער איז נישט לאַנג אָנגעקומען פון פּאַריז...

און דערביי האָט די מאָדיסטקע זיך געווענדט צו מאַדאַם שער־מאַן מיט איר טאָכטער:

— איצט וועט איר קענען זען אויף איר, ווי שיין דאָס קלייד וועט זיין אויף אייך.

און אַזוי רעדנדיק, האָט די מאָדיסטקע אַרויפגעוואָרפן דעם „פאַסאָן" אויף מאַניען, און איר געהאָלפן פאַרשפּיליען מיט אַ פּאָר טוץ שפּילקעס, עס זאָל אויסקומען וואָס גיכער.

די מאָדיסטקע איז אָפּגעטרעטן פון מאַניען מיט עטלעכע טריט צוריק און מיט אַ שטראַלנדיק געזיכט, אַ גליקלעכע, זיך אָנגערופן צו קלאַרען:

— איצט טוט אַ קוק, ווי שיין אַזאַ שטאָף מיט אַזאַ פאַסאָן וועט זיין אויף אייך! זעט נאָר, ווי עס זינגט אויף איר דאָס קלייד און ווי פון די אַקסלען לאָזן זיך אַראָפּ די אַרבל, פונקט ווי אויף אַ העלפט, סאַמע ביי די עלנבויגן. אַזאַ יאָר זאָלט איר האָבן, ווי דאָס קלייד זעט אויס! טו זיך נאָר אַ דריי, מאַניטשקע, זעט נאָר, ווי עס זינגט אויף די פּלייצעס... יעדעס פעלדעלע לעבט, רעדט און טאַנצט...

— שיין, זייער שיין! — האָט קלאַרע אָנגעקוואָלן, און די מוטער איז אויך געווען גליקלעך פון דעם קלייד, וואָס איז ענדלעך געפעלן איר קאַפּריזנער טאָכטער און מען וועט פאַרשפּאָרן זיך ווייטער אַרומ־שלעפּן צו אַנדערע מאָדיסטקעס.

מאַניע האָט געשווינט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פאַסאָן און די מאָדיסטקע איז פאַרווונדערט געוואָרן פון איר יונגן, געזונטן שיי־נעם קערפּער, וועלכע איז אַזוי שיין און פעסט געבויט און אויסגע־וואַקסן, ווי אַ טאָק. און זי האָט געטראַכט: נישטאָ אַזאַ קלייד, וואָס זאָל אויף אַזאַ פיגור נישט אויסזען שיין, גאָר ווי אומישנע אָפּגעטאָקט.

— איך פריי זיך זייער, וואָס איך זע דיך, — האָט מאַדאַם שער־מאַן זיך נאָכאַמאָל אָנגערופן, — וואָס־זשע טוסטו דאָ?

— איך האָב דיך אַזוי געוואָלט זען, ווי־זשע קומסטו אַהער? — האָט קלאַרע אויך געפרעגט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך אַרבעט דאָ.

— דו אַרבעטסט? — האָט מאַדאַם שערמאַן נישט אױפֿגעהערט זיך צו װוּנדערן.

— אַװדאי אַרבעט איך. איך בין דאָך נישט אַלײן, עס אַרבעטן דאָ אַ סך.

— זײער גוט, זײער גוט, װאָס דו אַרבעטסט... עס פֿרײט מיך זײער דאָס צו זען און צו הערן פֿון דיר.

מאַניע האָט גוט פֿאַרשטאַנען מאַדאַם שערמאַנס פֿיל באַדײטנדיקע פֿרײד און האָט עס אױסגעטײטשט בײ זיך אַזױװי גלײך מאַדאַם שערמאַן זאָל האָבן געזאָגט: „גוט, זײער גוט, װאָס דו אַרבעטסט און האָסט מער נישט אין זינען קײן פּוסטע געשעפֿטן".

— װי-זשע גײט דיר דאָ, מאַניע? — האָט קלאַרע געפֿרעגט.

— גאַנץ גוט... איך האָב געװאָלט אַרבעטן, האָט מיך מײן פֿאָטער אָפּגעפֿירט אַהער צו מײנעם אַ פֿעטער, װאָס װױנט דאָ, און דעם פֿעטערס קינדער האָבן פֿאַר מיר געפֿונען אַרבעט בײ דער „מאַדאַם".

— און איך בין אַ כּלה געװאָרן און דו גיסט מיר גאָרנישט אָפּ קײן מזל-טוב?..

— זאָל זײן מיט מזל! פֿונװאַנען זאָל איך עס װיסן? אָט האָסטו מיר געזאָגט, װײס איך! און אײך מאַדאַם שערמאַן, גיב איך אױך אָפּ מזל-טוב!

— אַ דאַנק, אינגיכן בײ דיר, מאַניע! — האָט די מוטער מיט אַ שײנענדיק געזיכט געענטפֿערט.

— װײסטו, װער מײן חתן איז, מאַניע?

— איך װײס נישט... אַז דו װעסט מיר זאָגן, װעל איך װיסן.

— חיים איז מײן חתן! — האָט קלאַרע אַ גליקלעכע געזאָגט.

— װעלכער חיים! — האָט מאַניע אין אָנהײב נישט פֿאַרשטאַנען.

— חיים, דו קענסט אים גוט, ער קומט דאָך אָפֿט אַרײן צו דײנע עלטערן אין הױז.

— חיים? — האָט זי מיט דער גרעסטער פֿאַרװוּנדערונג זיך אַלײן איבערגעפֿרעגט.

— יאָ, חיים, װאָס װוּנדערסטו זיך אַזױ?

— איך װוּנדער זיך נישט, פֿאַרקערט, מיך פֿרײט זײער, װאָס דו האָסט אַזאַ לײטישן חתן! איך בין זיכער, אַז דו װעסט זײן גליקלעך פֿאַר אים... איך קען אים פֿון קינדװײז אָן, ער איז שטענדיק געװען אַ לײטישער און אַ גוטער.

קלאַרע האָט געפילט, אַז מאַניע רעדט אַזויפיל גוטס וועגן איר חתן מיט דעם גאַנצן האַרצן. עס האָבן זיך איר אין די אויגן געשטעלט טרערן פון דאַנקבאַרקייט, וואָס זי האָט אַזאַ גוטע מיינונג וועגן איר חיימען. זי האָט מאַניען אַרומגענומען און הערצלעך געקושט, זאָגנדיק:

— איך ווייס, אַז דו ביזט מיר און מיין חיימען אַ פריינט, און אויב עס איז מעגלעך, דו זאָלסט קומען אויף מיין חתונה, בעט איך דיך זייער! מיר וועלן בעטן דער „מאַדאַם", זי זאָל דיך אָפּלאָזן אויף אַ פּאָר טעג צו מיין חתונה.

— יאָ, יאָ, איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, — האָט זיך די מאָ-דיסטקע אָנגערופן,—דו קענסט, מאַניע, פאָרן אויף דער חתונה.

די מאַדאַם שערמאַן האָט פון יוצא וועגן און צוליב איר טאָכ-טער אויך מאַניען געבעטן קומען אויף דער חתונה.

— איך דאַנק אייך זייער,—האָט מאַניע זיך אָנגערופן.

— ניין, ניין, מיין נישט, אַז דו וועסט אָפּקומען מיט דאַנקען, איך וויל באמת מיט דעם גאַנצן האַרצן, דו זאָלסט קומען אויף מיין חתונה.

— איך ווייס? אפשר?

— וואָס אפשר?—איז קלאַרע פון איר נישט אָפּגעטרעטן.

— איך מיין, אפשר וועט מיין פאָטער גראַד זיין אין דער גובערניע, וועט ער מיך מיטנעמען.

— דיין פאָטער מיט דער מוטער וועלן געוויס זיין אויף דער חתונה, — האָט מאַדאַם שערמאַן זיך אָנגערופן. — איך בעט אויף דער חתונה אַלע שכנים און אַלע באַקאַנטע און פריינט. וואָס איז, איך האָב עפּעס אַ סך קינדער פירן צו דער חופה? מיט באָריסן איז מיר נישט באַשערט... מיין מאַן, ער זאָל זיין אַ גוטער בעטער פאַר אונדז, איז אויך נישט באַשערט, ער זאָל דערלעבן קלאַרעטשקעס חתונה, און אַז איך האָב עס יאָ דערלעבט, מיין בת יחידה פירן צו דער חופה, וועל איך אַלע בעטן, מען זאָל קומען אויף דער חתונה.

מאַדאַם שערמאַן האָט געלאָזט אַ טרער, דערמאָנענדיק זיך אין איר פאַרשטאָרבענעם מאַן און אַז זי דאַרף אָן אים אַליין פירן איר טאָכטער צו דער חופה.

— גוט, גוט, איך וועל אַלץ מעגלעכס טאָן, איך זאָל זיין אויף דיין חתונה, — האָט מאַניע געזאָגט צו קלאַרען, כדי איבערצורייסן די

טרויעריקע שטימונג, וואָס די מאַדאַם שערמאַן, דערמאַנענדיק זיך אין איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, האָט אַריינגעטראָגן מיט אירע טרערן.

קלאַרע האָט זיך ווידער צעקושט מיט מאַניען און פרייליך זיך אָנגערופן:

— מען קען גאָרנישט וויסן, מאַניע, עס קען זיין, דו זאָלסט מיך איינגיכסטן אויך דאַרפן בעטן, איך זאָל קומען אויף דיין חתונה. דו לאַכסט? לאַך נישט! אַ מענטש וויס גאָרנישט... עס קומט פּלוצלונג, אומגעריכט, ווי ביי מיר. פאַראַיאָרן אין דער צייט האָב איך זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, איך זאָל ווערן אַ כלה פאַר חיימען, און ווען עמעצער זאָל עס מיר געוועזן זאָגן, וואָלט איך אויך געלאַכט, ווי דו איצט.

מאַניע האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן און האָט מיט איר געלעכטער אָנגעשטעקט מיט פריילעכקייט אַלע, וועלכע האָבן זיך דאָ געפונען. אַפילו די מיידלעך ביי די ביי-מאַשינען פון יענער זייט גלעזערנעם ווענטל האָבן זיך צעלאַכט, נישט וויסנדיק וועגן וואָס און מיט אומגעדולט האָבן זיי געוואַרט, אַז מאַניע זאָל שוין קומען צוריק און זיי אַלץ דערציילן, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען מיט דער כלה, וועלכע מאַכט זיך אַזוינע טייערע קליידער.

מאַדאַם שערמאַן האָט כמעט אַלע קליידער צו דער חתונה באַשטעלט ביי דער מאָדיסטקע, ביי וועלכער מאַניע האָט געאַרבעט. מען האָט אָפּגערעדט ווען מען זאָל קומען „פּאַסן" די קליידער, און אַז אין עטלעכע טעג אַרום זאָל אַלץ פאַרטיק ווערן, מען זאָל קענען וואָס גיכער פאָרן אַהיים, ווייל עס איז דאָ גענוג אַרבעט אינדערהיים צוצוגרייטן די חתונה.

די מאָדיסטקע, וועלכע האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ גרויסע באַשטעלונג, האָט צוגעזאָגט, ווי מעגלעך גיך פאַרענדיקן די אַרבעט.

ביים געזעגענען זיך מיט מאַניען, האָט מאַדאַם שערמאַן ווידער געזאָגט, אַז קומענדיק אַהיים וועט זי גלייך שרייבן איר פאָטער, ער זאָל קומען מיט חנהן און מיט איר, מאַניען, אויף דער חתונה. ווייל ר' זעליג, האָט זי געזאָגט, איז געוועזן שטענדיק באַפריינדעט מיט איר מאַן, זיי האָבן געהאַט צוזאַמען געשעפטן און איר מאַן האָט שטענדיק ליב געהאַט ר' זעליגן פאַר זיין אָרנטלעכקייט.

— וואָס הייסט מיין מאַנס פריינט, ר' זעליג מיט זיין פאַמיליע, וועט נישט זיין אויף דער חתונה? — האָט מאַדאַם שערמאַן ווידער

געזאָגט און איז מיט קלאָרען אוועק אין האָטעל זיך אָפּרוען פון אַרומ־לויפן איבער די קראָמען און מאָדיסטקעס.

ווען מאַניע איז אריין אין צווייטן צימער צוריק צו איר אַרבעט, האָבן אַלע מיידלעך זיך אַרומגעשטעלט און זי פאַרשיט מיט פראַגן:

— דו קענסט די כּלה?

— קענסט אפשר איר חתן?

— וואָס האָט איר אַלע דאָרטן אַזוי געלאַכט? אַפילו אונדזער שטענדיק ברוגזדיקע „מאַדאַם", האָבן מיר געהערט, האָט אויך גע־לאַכט. וואָס איז אַזוינס געשען?

מאַניע האָט נישט געוווּסט פונוואַנען אָנצוהייבן און וועמען פריער צו ענטפערן.

ווען עס איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, האָט מאַניע געזאָגט:

— די כּלה איז מיינע אַ גוטע באַקאַנטע. נו, האָט מען זיך אַ ביסל צערעדט, אָט דאָס איז אַלץ!

— קענסטו איר חתן? אוודאי אַן אַלטער בחור, אַ פאַרשלעפּטע קרענק... ווען נישט וואָלט ער נישט גענומען אַזאַ אַלט מיידל, אַזאַ מיאוסע.

— ער וואָלט זי נישט גענומען, ווען זי זאָל נישט האָבן אַ סך געלט. ער נעמט געוויס אַ גרויסן נדן!

— מיט אַ גרויסן נדן קען מען שטענדיק געפינען אַ חתן, ווי אַלט און מיאוס מען זאָל נישט זיין!

מאַניע איז צעטומלט געוואָרן פון די פראַגן, מיט וועלכע מען האָט זי ווידער פאַרשיט פון אַלע זייטן.

זי האָט די מיידלעך קוים איינגעשטילט און זיך אָנגערופן:

— איר האָט, קינדער, אַלע אַ טעות: ערשטנס איז די כּלה נישט אַזוי מיאוס, ווי אייך דאַכט זיך אויס. זי איז אַמאָל געווען נישט קיין מיאוסע, זי איז זייער אַ גוטע, אַן אינטעליגענטע, אַ לייטישע און אויך אַ געבילדעטע.

— נו, און דער חתן, וואָס איז? — האָבן די מיידלעך אַזש אונטער־געשפּרונגען פון אומגעדולט. — אוודאי אַן אַלטער מיאוסער בחור, וואָס האָט מיט איר חתונה צוליב געלט?

מאַניע האָט אָנגעשריען אויף אירע חברטעס:

— איר זאָלט אַזוי נישט רעדן וועגן איר חתן! איך קען אים

זייער גוט, און אַז איר וועט רעדן שלעכטס אויף אים, וועל איך אייך גאָרנישט דערציילן!

— ניין, ניין, מאַניעלע! מיר וועלן מער נישט רעדן, דערצייל, דערצייל שוין! — האָבן די מיידלעך פון אַלע זייטן געבעטן מאַניען.

— איך האָב דאָך אייך שוין דערציילט, אַז ער איז זייער אַ לייטישער יונגערמאַן און אַ געבילדעטער. זי וועט געוויס זיין גליקלעך פאַר אים.

— פאַרוואָס־זשע האָט ער גענומען אַזאַ אַלט מיידל און נישט קיין שיינע, אַז נישט פאַר איר געלט?

— ווער קען וויסן... אפשר פאַר אירע אַנדערע מעלות. זי איז אַ גוטע און אויך אַ געבילדעטע. ער איז גאָרנישט אַזאַ אָרעמאַן, ער זאָל דאַרפן זיך יאָגן נאָך איר געלט.

— ער איז קיין אָרעמאַן אויך נישט! — האָט זיך איינע געוווּנדערט. — אָט אַ מזל פון אַ מיידל!

— אַוודאי דאַרף מען האָבן מזל! — האָט אַ צווייטע געזאָגט און דערביי אַ זיפץ געטאָן.

— הערט איר, קינדער, — האָט די ערשטע זיך אָנגערופן, מען דאַרף זיך גאָרנישט אייַלן חתונה האָבן, מען ווערט עס קיינמאָל נישט אָן. וואָס האָט זי אָנגעווירן, אַז זי האָט איצט חתונה? אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט שוין געהאַט עטלעכע קינדערלעך און וואָלט פאַרשוואַרצט געוואָרן.

— עט, איך בין איר מוחל דאָס גליק, — האָט זיך ווידער איינע אָנגערופן,—איר האָט געזען, ווי זי זעט אויס? זאָל מיך גאָט אָפּהיטן צו ווערן אַן אַלטע מויד.

לאַנג האָבן די מיידלעך ביי דער אַרבעט גערעדט און געאַמפּערט זיך, וואָס איז בעסער: חתונה האָבן יונג, ווען מען איז נאָך שיין און געזונט, אָדער ווען מען איז שוין אַן עלטער מיידל, אָפּגעבליאַקעוועט און מען זעט אויס קרענקלעך? נאָר עס איז אַריינגעקומען די מאַדאַם, איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און אַלע מאַשינען האָבן גיכער און אין טאַקט אָנגעהייבן שטאַרקער צו קלאַפּן.

די מאַדאַם האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די געשניטענע אַרבעט, עס צעטיילט צווישן די מיידלעך און געזאָגט, אַז די אַרבעט איז פאַר דער כּלה און מען דאַרף עס עקסטרע מאַכן וואָס גיכער צו דער צייט. ווייל מאָרגן וועלן זיי קומען צוויי מאָל „פּאַסן", איבערמאָרגן

וועט מען דאָס לעצטע מאָל „פּאַסן" און אויף דעם דריטן טאָג דאַרף די גאַנצע אַרבעט פאַרטיק ווערן, ווייל די כּלה מיט דער מוטער מוזן דעמזעלבן טאָג אַוועקפאָרן.

— אַלזאָ, קינדער, — האָט די מאַדאַם געענדיקט, — זאָלט איר אויפהערן גרעגערן. איר וועט רעדן, ווען איר וועט ענדיקן די אַרבעט, אַזעלכע באַשטעלונגען טרעפן זיך נישט אָפט, מוז מען עס מאַכן פּינקטלעך און אין דער בעסטער אָרדענונג.

מיט מאַניען איז די מאַדאַם געווען איצט באַזונדערס פרייַנטלעך, און זאָגנדיק איר אַ פּאָר גוטע ווערטער, איז זי אַוועקגעגאַנגען טראַכטנדיק, אַז מאַניע איז פאַר איר אַן אוצר. זי וועט יעדעס מאָל מעסטן אויף איר שיינער פיגור פּאַסאָנען, ווייל זי איז געוואָרן איבער־צייגט, אַז נאָר צוליב דעם, וואָס די פּאַסאָנען זענען אַזוי שיין געווען אויסגעגאָסן אויף איר, האָט די מאַדאַם שערמאַן געמאַכט ביי איר די באַשטעלונג און נישט אַוועקגעגאַנגען צו אַנדערע מאָדיסטקעס.

באַקומענדיק פון דער מאַדאַם די נייע באַשטעלונגען, האָבן די מיידלעך אויפגעהערט צו רעדן און גענומען זיך צו דער אַרבעט. מאַ־ניען אָבער האָט זיך נישט געאַרבעט, עס איז נאָך פון איר נישט אַוועקגעגאַנגען די גרויסע איבעררעשונג פון היינטיקן טאָג ביים באַ־געגענען זיך מיט קלאַרען און איר מוטער. איר האַרץ איז געוואָרן פול מיט פרייד, וואָס חיים איז אַ חתן געוואָרן, זי האָט פּלוצלונג אָנגעהייבן בענקען אַהיים און עס האָט זיך איר זייער געוואָלט זיין אויף דער חתונה, כאָטש זי האָט נישט געגלויבט, אַז דאָס וועט קענען געשען. איר פאָטער איז איצט אַזוי באַשעפטיקט מיט דער מיל און די מאַמע איז אַזוי פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט, וואָס איז געווען פאַרלאָזט, אַז עס ליגט זיי איצט נישט אין קאָפּ קיין חתונות. דאָך האָט זיך איר געטראַכט: אפשר יאָ, וואָס קען מען וויסן? זי איז שוין אַזוי לאַנג נישט געווען אויף קיין חתונה! און קלאַרע מיט דער מוטער האָבן זי אַזוי געבעטן און געזאָגט, אַז זי וועט אויך בעטן איר מוטער מיט דעם פאָטער, וואָס איז געווען אַ פריינט פון איר מאַן. אפשר מאַכט זיך טאַקע, אַז זי וועט פאָרן אויף דער חתונה!

— וויבאַלד אַזוי, — האָט מאַניע געטראַכט, — וועל איך זיך דאַרפן מאַכן אַ ניי קלייד צו דער חתונה, וואָרים וואָס וועל איך דאָ

אָנווערן? עס וועט סיי ווי סיי צונויף קומען, איך דאַרף שוין לאַנג האָבן אַ נײַ קלייד, און אַז איך וועל עס נישט האָבן פֿאַרטיק, וועל איך נישט קענען זײַן אויף דער חתונה, ווען אַפֿילו מײַנע עלטערן וועלן מיך וועלן מיטנעמען.

* * *

אויף דעם דריטן טאָג זענען אַלע קליידער פֿאַר דער כּלה פֿאַרטיק געוואָרן.

מאַדאַם שערמאַן מיט קלאַרען האָבן זיך געזעגנט מיט מאַניען און ווידער זי געבעטן אויף דער חתונה און זענען אַוועקגעפֿאָרן אַהיים.

מאַניע האָט נאָכמער אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן אַ נײַ קלייד, און ווײַסנדיק וויאַזוי די „מאַדאַם" באַגייט זיך מיט איר אַזוי גוט, האָט זי זיך מיט איר באַראַטן, וואָס פֿאַך אַ קלייד זי זאָל זיך מאַכן און וואָס פֿאַר אַ שטאָף און וויאַזוי עס זאָל זײַן גענייט?

— איך וויל טאַקע, — האָט די „מאַדאַם" מיט פֿרייד זיך אָנגערופֿן, — אַז דו זאָלסט זיך מאַכן אַ נײַ קלייד אויף דער חתונה. זאָל כאַצן דאָרטן זען וויאַזוי מען נייט בײַ מיר! אויף דער חתונה וועלן געוויס זײַן רײַכע דאַמען פֿון דער גובערניע, זאָלן זיי וויסן, וואָס הייסט שיין גענייט! איך בין זיכער, אַז אויף דײַן פֿיגור וועט דאָס קלייד באַזונדערס שיין אויסזען! איך וויל דיר אַליין העלפֿן אויסקלויבן דעם שטאָף און אַליין אַכטונג געבן, עס זאָל זײַן שיין גענייט נאָכן לעצטן פּאַריזער זשורנאַל, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ שיין יונג מיידל, ווי דו, — האָט די מאַדאַם מיט אַ ליב געלעכטערל געזאָגט. — און טאָמער וועט דיר אויספֿעלן געלט, וועל איך דיר אויסבאָרגן, וועסט מיר שפּעטער באַצאָלן.

— איך דאַנק אײַך, מאַדאַם... ווען מײַן פֿאָטער איז דאָ געווען, האָט ער מיר איבערגעלאָזט געלט אויף אַ נײַ קלייד, נאָר איך האָב עס אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער און נישט געמאַכט.

— נו, איז אוודאי גוט, — האָט די מאַדאַם געענטפערט, — ווען דו וועסט נאָר וועלן, וועל איך מיט דיר גיין שטאָף קויפן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען שוין פאַר מאַניען געניייט ביי דער מאָדיסטקע אַ קלייד.

די מאַדאַם אַליין האָט אויף איר „געפּאַסט", געמאָסטן און אָנגעקוקט ווי דאָס קלייד זעט אויס אויף איר אפילו אין די „סטריגעוועס". היינט ווי וווּנדער שיין וועט עס אויף איר אויסזען, ווען דאָס קלייד וועט זיין אינגאַנצן פאַרטיק! — האָט די מאַדאַם געטראַכט.

פון יעדן טריט, פון יעדן שטעל, וואָס מאַניע האָט זיך באַוועגט ביים אָנמעסטן דאָס קלייד, האָט די מאַדאַם אָנגעקוקט און געטראַכט: ווי קומט עס צו אַ דאָרפיש מיידל? זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט:

— זאָג מיר, מאַניע, דו זאָלסט מיר מוחל זיין, וואָס איך וועל דיך פרעגן, דו האָסט דאָך געוווינט אין אַ דאָרף מיט דיינע עלטערן?

— יאָ, איך בין געבוירן אין דאָרף, מיינע עלטערן וווינען נאָך איצט דאָרטן.

— ווי קומט צו דיר, אַ דאָרפיש מיידל, אַזאַ שיינע טאַליע, אַזעלכע עלעגאַנטע איידעלע באַוועגונגען, ווי גלייך דו האָסט זיך אין דיין גאַנץ לעבן צו קיין פּראָסטער אַרבעט נישט צוגערירט? איך ווייס אויך, אַז דיין פאָטער איז נישט קיין רייכער גוט-באַזיצער און אַרבעט שווער. נאָר אין די גרויסע שטעט, צווישן די אַריסטאָקראַטקעס, קען מען אַמאָל באַגעגענען אַזעלכע, ווי דו. עס איז דאָך אַ פאַרגעניגן צו מעסטן אויף דיר אַ קלייד, עס זינגט פּראָסט אַראָפּ פון דיר!

מאַניע איז מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן און ווי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן...

די מאַדאַם האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט מיט מאַניען און האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט וועגן דעם.

— מיין פאָטער האָט אַזוי געוואָלט... — האָט מאַניע געענטפערט.

די „מאַדאַם" האָט אַ שמייכל געטאָן, הערנדיק פון מאַניען אַזאַ אומשולדיק קינדישן ענטפער, און זי האָט געזאָגט:

— צו זיין שיין און עלעגאַנט איז נישט געוועגדט אין וועלן, וואָס מיינסטו מיט דעם, וואָס דיין פאָטער האָט אַזוי געוואָלט?

— איך מיין, ער האָט נישט געוואָלט, איך זאָל טאָן פּראָסטע אַרבעט, ווי אַלע אַנדערע דאָרפסמיידלעך, ער האָט מיך זייער ליב

געהאַט, אַפּילו אונדזער גערטנדל, וואָס געפינט זיך לעבן אונדזער הייזל, האָט ער מיר נישט געלאָזט באַאַרבעטן, נאָר איך האָב נישט געפאָלגט, ווייל איך האָב זייער ליב געהאַט צו גראָבן אין גאָרטן און באַגיסן דאָס גרינס, וואָס וואַקסט דאָרטן.

— פאַרוואָס-זשע האָט ער דיך נישט געלאָזט אַרבעטן!

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ער האָט מיך זייער ליב געהאַט, האָט ער נישט געוואָלט, איך זאָל אַרבעטן. ער האָט געמיינט דערמיט, איך זאָל אָפּהיטן מיין געזונט.

— אַ מאָדנע ליבע פון אַ פאָטער צו אַ קינד! — האָט די מאָ־דיסטקע זיך געוווּנדערט. — וואָס-זשע האָסטו די גאַנצע טעג געטאָן?

— גאָרנישט, אַזויווי אַלע פּריצישע קינדער, וועלכע טוען גאָר־נישט און גייען אַרום ליידיק... ביי אונדז אין דאָרף געפינט זיך אַ פּריצישער הויף, דאָרטן האָט געוווינט אַ פּריץ מיט אַ פרוי און קינ־דער, פלעג איך זיך מיט די קינדער שפּילן. מען האָט זיך געלערנט טאַנצן, מען האָט פאַרבראַכט גוט די צייט, מען האָט מיך דאָרטן זייער ליב געהאַט און איך בין מיט די קינדער כמעט צוזאַמען אויסגעוואַקסן.

די מאָדיסטקע האָט זי אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס, און ווען מאַניע האָט געענדיקט, האָט זי ווידער געפרעגט:

— וויאַזוי-זשע קומסטו איצט צו אונדז אין שטאָט?

— איך האָב געוואָלט זיך אויסלערנען עפּעס אַן אַרבעט, ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, נו, האָט מיך מיין פאָטער געבראַכט אַהער צו מיינעם אַ פעטער און איצט אַרבעט איך ביי אייך.

— זייער גוט, וואָס דו ווילסט זיך אויסלערנען אַן אַרבעט, — האָט די מאָדיסטקע זי געלויבט. — איך בין זיכער, אַז דו וועסט זיך אינגיכן ביי מיר אויסלערנען. חוצדעם, וועל איך אויף דיר מעסטן קליידער. אויף דיין שיינער פיגור באַקומט דאָס קלייד אַ באַזונדערן חן. עס מוז יעדן געפעלן. פאַר דעם וועל איך דיר באַזונדער צאָלן.

— דאָס וועל איך מער נישט טאָן, מאַדאַם! איך האָב אָנגעמאָסטן די קליידער פאַר מאַדאַם שערמאַן מיט איר טאָכטער, ווייל זיי זענען מיינע גוטע באַקאַנטע, אָבער פאַר פרעמדע וועל איך עס פאַר קיין געלט נישט טאָן!

— פאַרוואָס? — האָט די מאַדאַם ווי דערשראָקן געפרעגט. — וואָס איז, דו שעמסט זיך אפשר? איך פאַרשטיי עס זייער גוט, אָבער דו וועסט צו דעם זיך צוגעוויינען און עס וועט ביי דיר גאָרנישט אויס־

מאַכן. דערצו איז דאָס אַזאַ גרינגע און שיינע אַרבעט, פאַר וועלכער איך וועל דיר באַזונדער באַצאָלן.

— איך וויל נישט האַנדלען מיט מיין פיגור! איך בין אַריינגעטרעטן צו אייך זיך אויסלערנען צושניידן און קענען אויפניייען אַ שיין קלייד און מער וויל איך נישט!

די מאָדיסטקע איז איבעראַשט געוואָרן נישט אַזוי פון אירע ווערטער, נאָר מיט דעם טאָן וויאַזוי זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט.

ביז איצטער האָט די מאָדיסטקע קוים מאַניען באַמערקט בײַ זיך אין וואַרשטאַט. זי פלעגט יעדן פרימאָרגן פינקטלעך אין דער צייט קומען צו איר אַרבעט, שטיל און נישט באַמערקט, און פאַרנאַכט אויך אַזוי שטיל אַוועקגיין. זעלטן ווען מען האָט פון איר אַ וואָרט געהערט אַרויסרעדן, און איצט האָט זי גערעדט מיט אַזאַ שטאָלץ, גאָרנישט ווי אַן אַרבעטמיידל, נאָר טאַקע ווי אַ שטאָלצע פּריצטע. נישט אומזיסט, — האָט די מאָדיסטקע געטראַכט, — איז זי אויסגעוואַקסן אין אַ פּריצישן הויף!

די מאָדיסטקע האָט עפּעס מיטאַמאָל אָנגעהייבן דרך־ארץ האָבן פאַר איר און שטיל זי געפרעגט:

— וואָס־זשע בלייבט? אַנדערע מיידלעך וואָלטן זיך געשעצט פאַר גליקלעך, ווען איך זאָל זיי בײַ מיר געבן אַזאַ שטעלע און נאָך באַזונדער צאָלן.

— איך קען נישט, איך וויל נישט זיין קיין מאַניקען! — האָט מאַניע פעסט געזאָגט.—איך וויל אַרבעטן און צוליב דעם בין איך צו אייך אַריינגעטרעטן.

דער מאָדיסטקע איז געגאַנגען אין לעבן, אַז מאַניע זאָל זיך פון דער אַרבעט נישט אָפּזאָגן, און ווייסנדיק ווי שטאַרק מאַניע וויל אַרבעטן בײַ איר, האָט זי פאָרזיכטיק געפּרוּווט אָננעמען דאָס לעצטע מיטל.

— מאַניע, — האָט זי געזאָגט, — דו געפעלסט מיר זייער. איך וויל, אַז דו זאָלסט אַרבעטן בײַ מיר, ווייל איך גלויב, אַז דו וועסט בײַ מיר אין דיין אַרבעט האָבן גרויס ערפאָלג... אָבער איך קען נישט האַלטן אַן אַרבעטערין, וועלכע זאָל מיר דעות זאָגן, וואָס זי דאַרף טאָן און וואָס נישט. איך בין די באַלעבאָסטע אין מיין וואַרשטאַט און די אַרבעטערינס מוזן מיך פאָלגן, וואָס איך הייס טאָן.

— אויב אַזוי, — האָט מאַניע קאַלטבלוטיק און ליבלעך זיך אָנגערופן, — האָב איך ביי אייך מער נישט וואָס צו טאָן.

און זי האָט זיך פריינטלעך אָנגעהייבן געזעגענען מיט דער מאָדיסטקע.

מאַניעס באַלעבאָסטע האָט זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן, אַז זי האָט נישט דערוואַרט אַזאַ ענדע. זי איז געווען זיכער, אַז ווען זי וועט איר געבן אָנצוהערן, אַז זי קען אָנווערן ביי איר די גאַנצע אַרבעט, וועט זי מוזן זיך באַשליסן אויף אירע באַדינגונגען, אַזוי ווי עס פלעגט שטענדיק פּאַרקומען מיט אירע אַנדערע אַרבעטערינס, מיט וועלכע עס פלעגט אַמאָל איבער עפּעס פּאַרקומען אַ סכסוך, וואָרים ווער וויל עס אָנווערן אַ שטעלע? זיי זענען דאָך אָרעמע מיידלעך און מאַניע, ווייזט אויס, איז אויך נישט רייכער פון זיי. און דאָ פּלוצלונג וויל זי אַוועקגיין, ווי גלייך עס איז נישט פּאָרגעקומען און זי געזעגנט זיך שוין אויף אַוועקצוגיין!

— וואָס איילסטו זיך אַזוי, מאַניע? — האָט די מאָדיסטקע זיך אָנגערופן. — עס ברענט דאָך נישט! איך וויל זיך באַטראַכטן, אפשר וועלן מיר געפונען אַן אויסוועג. בלייב דערווייל ביי דער אַרבעט און שפּעטער וועלן מיר זען! וועסט נישט וועלן? וועל איך דיך מיט געוואַלד נישט נייטן און לאָמיר דערווייל מער נישט רעדן וועגן דעם!

מאַניע, וועלכע האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן איר פּאַלטאָ אויף איין אַרבל, האָט אים צוריק אויסגעטאָן און ווידער געבליבן ביי דער אַרבעט, ווי געווען.

פּאַרנאַכט, ווען זי איז געקומען אַהיים צו איר פעטער יעקב משה אין הויז, ווו זי האָט געוווינט, האָט זי דערציילט וועגן אַלץ, וואָס עס איז פּאָרגעקומען צווישן איר מיט דער מאָדיסטקע, און אַלע: דער פעטער משה, די מומע און זייערע קינדער האָבן זי געלויבט דערפאַר.

— זייער גלייך האָסטו געטאָן, — האָט זיך די מומע אָנגערופן,— וואָס מיינט זי, אַז דו ביזט עפּעס אַבי ווער און האָסט נישט ווו צו זיין, וואָס דו וועסט מוזן אַלץ טאָן, וואָס זי וועט הייסן? האָסט אַ היים און עס איז נישט קיין אומגליק, אַז דו וועסט זיך אַ ביסל אָפּרוען, ביז דו וועסט באַקומען אַרבעט ביי אַן אַנדער מאָדיסטקע... נאָר אוודאי איז גלייכער, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט און

ביזט ווייטער געבליבן ביי איר ארבעטן, ווייל עס איז נישט גוט אלע־מאל בייטן נייע ערטער, סיידן עס איז קיין אנדער ברירה נישטא און מען מוז שוין!

מען האט אנגעהייבן רעדן וועגן קלארעס חתונה און ווי די מאדאם שערמאן מיט די כלה האבן מאניען געבעטן קומען אויף דער חתונה.

— א יונג מיידל דארף גיין אויף א חתונה, — האט די מומע געזאגט. — אויף א חתונה באגעגנט מען אלערליי מענטשן, א מיידל קען נישט זיצן שטענדיק אליין אפגעזונדערט און פארשלאסן, זי מוז זיך באווייזן אויף א חתונה. וויפל מיידלעך זענען כלות געווארן, וואס זיי האבן זיך באקענט מיט זייערע באשערטע אויף חתונות?

— די מומע וויל מיך גאר חתונה מאכן! — האט מאניע געלאכט.

— וואס דען מיינסטו, מאניעלע, דו וועסט בלייבן ביי דער מאדיסטקע א נייטארין און זיין א פארדינערין? מילא, א מיידל, איידער זי זאל ארומגיין ליידיק, זאל זי זיין מיט עפעס פארנומען, אבער ווייטער זאל דיין באשערטער זארגן פאר פרנסה און דו וועסט בעסער זיין א באלעבאסטע אין שטוב, וועסטו האבן קינדערלעך, וועסטו שוין זיין פארנומען און האבן געננוג ארבעט. אוודאי מוזטו פארן אויף דער חתונה, ווען מען בעט דיך אזוי. איך וועל אליין שרייבן זעליגן וועגן דעם.

— אויב אזוי, אז איר וועט שרייבן דעם טאטן, וועל איך שוין געוויס פארן אויף דער חתונה, — האט מאניע מיט פרייד זיך אנגערופן און דערציילט, אז זי וועט זיך מאכן א ניי קלייד. דערביי האט זי געוויזן פארשידענע פראבן פון שטיקלעך שטאף און יעדן געפרעגט, וועלכעס איז שענער.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק.

אין וואַגאָן.

מאַדאַם שערמאַן מיט קלאַרען זענען געפאָרן אַהיים אַרומגע-רינגלט מיט גרויסע און קליינע פּעקלעך קעסטלעך.

לעבן זייערע פּלעצער אין וואַגאָן איז נישט געבליבן קיין ליידיק שטיקל פּלאַץ, ווו אַ שפּילקע צו וואַרפן. אַ חוץ דעם, האָבן זיי געפירט אין „באַגאַזש" צוויי גרויסע קאַסטנס פול געפּאַקט מיט די חתונה-קליידער און אַנדערע זאַכן, וואָס מען האָט אָנגעקויפט אין דער גרויסער שטאָט.

מאַדאַם שערמאַן, זיצנדיק אין וואַגאָן און אָפּרוענדיק זיך, האָט ערשט איצט דערפילט, ווי אַלע אברים טוען איר וויי פון אַרומלויפן צווישן די קראָמען און אויך פון מאַכן בייטיקע וויזיטן צווישן אַ פּאָר באַקאַנטע, פריינט, וועלכע זיי האָבן אין שטאָט געהאַט.

— אַ פאַרגעניגן, איך רו זיך אָפּ אַ ביסל! — האָט די מוטער געזאָגט צו דער טאָכטער. — ווען איך בלייב אין שטאָט נאָך אַ פּאָר טעג, וואָלט איך שוין אַ לעבעדיקע אַהיים נישט געקומען! געלויבט גאָט, וואָס מיר פאָרן שוין אַהיים!

— און איך, — האָט קלאַרע געזאָגט, — וואָלט נאָך אַ גאַנצן חודש פאַרבראַכט אין שטאָט, מען לעבט זיך דאָ! נאָר גאָרנישט, עס איז געבליבן ווייניק צייט צו דער חתונה — מוז מען פאָרן אַהיים!

— הערסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, מיין קינד, אַז עס איז אַ ירויס גליק, וואָס איך האָב נישט נאָך אַ טאָכטער צו חתונה מאַכן!

ווען איך האָב נאָך אַ טאַטער און דאַרף פאַר איר מאַכן חתונה-מלבושים, וואָלט איך מער נישט געפאָרן מיט איר אין דער גובערניע... איך וואָלט איר אַוועקגעגעבן דאָס געלט און זאָל זי פאָרן און זיך קויפן און מאַכן געזונטערהייט, וואָס איר געפעלט נאָר! דו האָסט דאָך מיר פאַרדרייט אומעטום דעם קאָפּ, אַלע קראָמען אויסגעלאָפן און קיין זאַך איז דיר נישט געפעלן. אָט, דאַכט זיך, האָסטו שוין עפּעס פאַר דיר אויסגעקליבן און פלוצלונג איז דיר ווידער נישט געפעלן. האָסט דאָך געקענט די קרעמער מיט מיר צוזאַמען משוגע מאַכן!

— וואָס-זשע, מאַמע, — האָט זיך קלאַרע אָנגעהייבן פאַרענטפערן, — איך וויל געפעלן מיין חתן, האָב איך געקליבן, וואָס מיר איז געפעלן און וואָס עס פּאַסט פאַר מיר... מער קיין טאַטער האָסטו דאָך נישט! מיר וועלן קומען אַהיים, וועסטו האָבן גענוג צייט אָפּצורוען זיך!

— געלויבט גאָט, וואָס איך האָב מער קיין טעכטער נישט! — האָט זי ווידער געזאָגט. — און דו האָסט געפונען אַ צייט, ווען אָפּ-צורוען זיך! מיינע האָר שטעלן זיך מיר קאַפּויר, ווען איך דערמאָן זיך, וויפל אַרבעט עס איז נאָך דאָ ביז צו דער חתונה, און דו רעדסט וועגן אָפּרוען זיך!

— וועסט זיך אָפּרוען נאָך דער חתונה, — האָט קלאַרע געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— מילא, זאָל שוין זיין אַזוי! דו זאָלסט נאָר טראָגן געזונטער-הייט, וואָס דו האָסט זיך געמאַכט. צו דיינע קליידער מעגסטו פאַר-מאָגן אַ מיליאָן רובל, אַזוי שיין זענען זיי!

— זעסטו, מאַמע, אַז עס טוט דיר איצט הנאה.

— אוודאי, אַז עס קאָסט אַזויפיל געלט, זאָל עס כאָטש זיין שיין און מען זאָל הנאה האָבן!

די מוטער מיט דער טאָכטער זענען אַנטשוויגן געוואָרן. יעדער פון זיי האָט געטראַכט פון די נאָר וואָס איבערגעלעבטע טעג אין דער גרויסער שטאָט. קלאַרע האָט געטראַכט וועגן דעם שטאָטישן טעאַטער, וווּ עס האָבן געשפּילט די בעסטע אַרטיסטן און אַז נאָך דער חתונה, ווען זי מיט איר חיימען וועלן מאַכן אַ קורצע רייזע און וועלן אויך זיין אין ב... וועט זי מיט אים אויך גיין אין טעאַטער. און די מאַדאַם שערמאַן האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער פאַמיליע גרינבערג, וועלכע זענען אירע אַלטע פריינט און האָט

זיי צוזאַמען מיט קלאַרען געמאַכט אַ וויזיט און פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— ווי געפעלן דיר, קלאַרעטשקע, די גרינבערגס? — האָט די מוטער פלוצלונג געפרעגט.

— וואָס הייסט, ווי זאָלן זיי מיר געפעלן? עס איז זייער אַ שיין רייך הויז און זיי זענען לייטישע מענטשן.

— איך מיין, ווי געפעלט דיר זייער טעכטערל זינע? זי איז אַזאַ שיינע, אַ ווילינקע, דעם גאַנצן אָוונט האָט זי זיך נאָר געקלעפּט לעבן מיר.

— וואָס איז דיר, מאַמע, פלוצלונג איינגעפאַלן צו פרעגן וועגן די גרינבערגס און זייער זינען? — האָט קלאַרע פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— איך האָב זיך דערמאַנט אָן זיי דערפאַר, ווייל זינע איז מיר זייער געפעלן און איך האָב געטראַכט, ווי זינע וואָלט זייער געפּאַסט פאַר אונדזער באָריסן.

די מוטער האָט דערביי געגעבן אַ שטילן זיפץ און קלאַרע האָט ווי דערשראָקן אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף דער מוטער און קוים עפּעס אויסגעשריען:

— מאַמע?!

— איך ווייס, איך ווייס, מיין קינד, וואָס דו מיינסט,—האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ שטילן זיפץ, — נאָר וואָס קען איך טאָן? אַ מאַמעס האַרץ! אַ מאַמע וויל נישט וויסן פון קיין זאַך. איר קינד איז איר בלוט און פלייש און זי וויל שטענדיק, אַז אירע קינדער זאָל זיין גוט און די מאַמע זאָל נחת האָבן. איך האָב געזען זינען, האָב איך געטראַכט, ווי וואָלט זי געפּאַסט פאַר מיין באָריסן און ווי גליקלעך ער וואָלט געווען מיט איר... זי איז דאָך אַזוי גוט, שיין, קלוג און געבילדעט! וואָס-זשע קומט מיר, ווען איך, אַ מאַמע, האָב געטראַכט וועגן מיין איינציקן זונס גליק!

— אָבער, מאַמע? — האָט קלאַרע אויסגערעדט און ווייטער מער נישט געקענט אַ וואָרט זאָגן.

— וואָס „אָבער”? איך ווייס, וואָס דו ווילסט זאָגן: ער איז דאָך געשמדט, ווי טאָר איך, אומגליקלעכע מאַמע, גאָר צו טראַכטן וועגן די גרינבערגס. יאָ, ער איז געשמדט, אָבער אַ מוטערס האַרץ וויל דערפון נישט וויסן און איז אַנדערש נישט געוואָרן און קען אַנדערש נישט ווערן! באָריס האָט פריער נישט געדאַוונט אין שול און איצט

גייט ער נישט דאַוונען אין קלויסטער. פֿאַר אַ מאַמעס האַרץ איז דאָס אַלצאיינס, כאָטש מיין האַרץ פֿאַרגיסט זיך מיט בלוט אין צווייען, ווען איך דערמאָן זיך אין דעם גרויסן אומגליק, וואָס אונדז האָט געטראָפֿן! אוודאי, ווען דער טאַטע וואָלט געלעבט, וואָלט באָריס נישט געוואגט אָפּצוטאָן אַזאַ שרעקלעכע זאַך, ביי קיינעם נישט פֿרעגנדיק! נאָר אַ מאַמע, אַן אַלמנה, וואָס האָט מען זי געהאַט צו פֿרעגן? שלעכטע חברים האָבן אים צוגערעדט דערצו, האָט ער עס אָפּגעטאָן, נישט פֿרעגנדיק ביי קיינעם.

אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, וועלכע האָבן זיך געקייקלט איבער אירע צעקנייטשטע באַקן.

קלאַרע, קוקנדיק אויף איר, האָט זי פֿאַרכאַפּט ביים האַרצן און מיט אַלע קרעפֿטן זיך איינגעהאַלטן, זי זאָל זיך אויך נישט צעוויינען.

— מאַמע, וואָס האָסטו זיך פּלוצלונג אַזוי צערעדט וועגן דעם? איך האָב דיך קיינמאָל נישט געהערט רעדן אַזוי.

— איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט, ווייל איך האָב אַלץ געטראָגן די ווונד טיף אין האַרצן. איך האָב נישט גערעדט, שונאים זאָלן זיך נישט פֿרייען און באָריסן קיין יסורים נישט אָנטאָן, ווייל איך ווייס, אַז עס איז אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך און מען קען צו דעם אומגליק גאָרנישט העלפֿן. האָב איך געשוויגן און אַלץ צוגעדעקט — שאַ, שטיל... וואָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל אַרומגיין אין אַלע גאַסן שרייען וועגן מיין אומגליק? שונאים וואָלטן זיך נאָר געפֿרייט, האָב איך געשוויגן... נאָר איצט, ווען איך האָב דערלעבט באַלד דיך פֿירן צו דער חופּה מיט אַזאַ טייערן יונגנמאַן, ווי חיים, האָב איך געטראַכט, וואָס וואָלט מיר געפֿעלט, ווען איך פֿיר אויך מיין איינציקן זון צו דער חופּה מיט אַזאַ טייער מיידל, ווי זינע גרינבערג, וואָס קומט אַרויס פֿון אַזאַ שיין, רייך, יידיש הויז? ווער וואָלט דעמאָלט צו מיר גלייך געווען!

און ווידער האָבן זיך אויף דער מוטערס געזיכט באַוויזן טרערן.

קלאַרעס האַרץ האָט קיינמאָל נישט אַזאַ ציטער געטאָן, ווי איצט. זי האָט קיינמאָל אַזוי ערנסט נישט געטראַכט וועגן באָריסעס שמדן זיך. זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו איר מוטער און פֿול מיט רחמנות זי נישט אויפֿגעהערט צו קושן און טרייסטן, ווי גלייך עמעצער אַ נאָענטער, אַ ליבער, איז נאָר וואָס געשטאָרבן.

קלאַרע מיט אַ פול האַרץ מיט געפיל צו איר מוטער האָט געוואָלט איר געבן גוטע האָפענונג וועגן איר זון, וועלכן זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. זי האָט זיך דערמאַנט אין באָריסעס טאָג־בוך, וואָס זי האָט בסוד געלעזן, און האָט באַשלאָסן דערציילן איר מוטער, וועלכע איז געזעסן אַזוי טרויעריק פאַרטראַכט.

— איך גלויב, מאַמע, אַז באָריס וועט נאָך מיט דער צייט פאַר־בעסערן זיין פעלער, וואָס ער האָט געמאַכט...

די מוטער האָט מיט פאַרווונדערונג זי אָנגעקוקט און מיט יאוש געפרעגט:

— וואָס פאַלט דיר איין! צו וואָס זאָלסטו רעדן פוסטע רייד וועגן אַזאַ זאַך, וואָס קען קיינמאָל נישט געשען.

— איך מיין עס, מאַמע, גאַנץ ערנסט. איך ווייס, אַז ער האָט חרטה אויף דעם פעלער, וואָס ער האָט געמאַכט. ער ליידט דערפון זייער פיל. באָריס איז נישט גליקלעך, מאַמע! איך בין זיכער, אַז אין דער שטיל, ווען ער איז אַליין ביי זיך אין צימער, הערט ער נישט אויף צו טראַכטן, וויאַזוי ער זאָל צוריק אַ ייד ווערן.

— דו ביזט משוגע, צי קלאָר? — האָט די מוטער אָנגעשריען אויף איר. — ווי קענסטו רעדן וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן! ערשטנס, גלויב איך נישט, אַז ער זאָל טראַכטן וועגן חרטה, און ווען אפילו יאָ, וואָס וועט עס אים העלפן. ביי זיין בעסטן ווילן קען ער צו־ריק אַ ייד נישט ווערן, ווייל ביי אונדז אין לאַנד איז דאָס שטרענג פאַרבאָטן, און ווען ער זאָל עס טאָן, וועט ער שטרענג באַשטראָפט, ווי פאַר אַ גרויסן פאַרברעכן. און ווידער, וועט באָריס נישט וועלן פאַרלירן זיין קאַריערע. אַ קלייניקייט, אַזוי יונג צו באַקומען אַ שטעלע אין סענאַט! מיט זיינע פעיִקייטן קען ער דאָך דאָ אויס־וואַקסן! ניין, איך גלויב נישט אין דיינע בבא־מעשיות. האָט זיך איינער געטויפט, איז ער פאַר יידן אָפּגעשטאָרבן, און צוריק אַ וועג איז נישטאָ!

קלאַרע האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און זיך אָנגערופן:

— איך וואָלט עס דיר נישט באַדאַרפט דערציילן. היימען האָב איך אַלץ איבערגעגעבן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך האָב קיין רעכט נישט געהאַט דאָס צו טאָן. נאָר איך בעט דיך, אַז וועגן דעם, וואָס איך וועל דיר דערציילן, זאָלסטו זיך פאַר קיינעם מיט קיין וואָרט נישט אַרויסכאַפּן: עס איז געווען אַ צופאַל, ווען באָריס איז אַוועק־

געפאָרן, האָב איך געלעזן זײַנעם אַ טאָגבוך און דאָרטן האָב איך געלעזן, וואָס עס איז געווען געשריבן מיט זײַן אייגענער האַנטשריפט, ווי ער האָט שטאַרק חרטה אויף זײַן שריט, וואָס ער האָט געמאַכט. נאָר אַן אמתער ייִד קען אַזוי שרײַבן. ער פֿילט זיך אַזוי אומגליקלעך, אַזוי אומגליקלעך, מאַמע!

אויף דער מוטערס געזיכט האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגאָסן פֿרייד און גליק. אויף די ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ גוטער שמייכל און אַלע קנייטשן אויפֿן שטערן האָבן זיך מיטאַמאָל ווי אויסגעגלײַכט.

— אַזוי זאָגסטו, קלאַרע, ער איז אַ ייִד, ער האָט חרטה? — האָט זי איבערגעפֿרעגט.

— דו זעסט דען נישט אין זײַן גאַנץ אויפֿפֿירן זיך, אַז עס איז אמת, וואָס איך דערצייל דיר? פֿון זײַן פּאַפּיר, וואָס ער האָט געשריבן קיין פּעטערבורג, אַז מען זאָל אים דערלויבן דאָ בלײַבן נאָך אַ האַלב יאָר, זעט מען דען נישט, ווי זײַן קאַריערע האָט מער בײַ אים קיין ווערט נישט?

— און איך בין געווען בלינד און גאָרנישט געזען און גאָרנישט באַמערקט!

— אַזוי איז שטענדיק, די נאָענטסטע דערוויסן זיך די לעצטע, און ווען צופֿעליק איך לייען נישט זײַן טאָגבוך, וואָלט איך אויך גאָרנישט געוווּסט!

די מוטער איז ווידער טרויעריק געוואָרן און זיך אָנגערופֿן:

— עס פֿרייט מיך אַוודאי, וואָס מײַן באָריס האָט חרטה און עס ציט אים צוריק צו ייִדן. נאָר וואָס העלפֿט עס? עס איז אַן אָפּגעטוענע זאַך און מען קען דערצו גאָרנישט טאָן. ער איז, נעבעך, נעבעך אומגליקלעך!

— פֿאַרוואָס, מאַמע, זאָלסטו רעדן אַזוי? מען קען נישט וויסן, וואָס עס קען מיט דער צײַט פֿאָרקומען.

— מיט דער צײַט! און דערווײַל וועלן אַוועקגיין זײַנע בעסטע יאָרן!

— איך האָב נישט איינמאָל גערעדט וועגן דעם מיט חיימען און ער האָט מיר געדרונגען, אַז מען קען נישט וויסן, וואָס עס קען נאָך מיט באָריסן פֿאָרקומען.

— אָבער ווען? איך וועל עס שוין נישט דערלעבן צו זען, מײַן אָרעמען אומגליקלעכן באָריסן!

— חיים האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז דאָ נאָר איין מיטל: ער זאָל אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרטן צוריק ווערן אַ ייד. ער האָט מיר דערציילט, אַז עס איז שוין געווען אַזאַ פאַל: איינער, אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען געטויפט, האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידיש מיידל. זי האָט אים אויך ליב געהאַט, נאָר ווען ער האָט איר געמאַכט אַ פאָרשלאַג, זיי זאָלן חתונה האָבן, האָט זי געענטפערט, אַז דאָס קען קיינמאָל נישט געשען, ווייל ער איז אַ קריסט און זי וועט זיך קיינמאָל נישט טויפן צוליב אים. זי מעג אים ווי ליב האָבן: טויפן זיך וועט זי קיינמאָל זיך נישט באַשליסן. און געענדיקט האָט זיך מיט דעם, אַז ער איז מיט איר אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, ער איז געוואָרן צוריק אַ ייד, זיי האָבן חתונה געהאַט און לעבן גליק־לעך, זיי האָבן שוין אַ קינד אויך.

דער פריערדיקער טרויער איז פון מאַדאַם שערמאַן אַוועק און זי האָט זיך אָנגערופן:

— הלוואי וואָלט עס אַזוי געווען מיט באָריסן. איך וואָלט פאַר־קויפט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג דאָ און וואָלט אויך אינגאַנצן אויף שטענדיק אַרויסגעפאָרן מיט באָריסן קיין אויסלאַנד. וואָס איז מיין גאַנצע וועלט, אַז נישט מיינע קינדער? און דו מיט חיימען וואָלטן אויך אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, דאָרט וווינען דאָך אויך יידן!

די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן אויפגעהערט רעדן. זיי האָבן ביידע אַרויסגעקוקט דורכן וואַגאָן-פענסטער און געקוקט אויף די פעלדער און וועלדער. די מוטער אָבער האָט זיי נישט געזען, זי איז אינגאַנצן געווען פאַרטראַכט אין אַ פּלאַן, וואָס האָט זיך אַלעמאָל גע־וועבט ביי איר אין קאָפּ, וואָס ווייטער ברייטער און גרעסער.

דער פּלאַן איז געווען וועגן איר זון, און ווען ער איז ביי איר אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן, האָט זי איינגעדרעמלט.

קלאַרע האָט זיך אויך אָנגעשפּאַרט אויף דער ווייכער באַנק, ווו זי איז געזעסן און געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן. און ווען זיי האָבן זיך אין אַ שעה אַרום אויפגעכאַפּט, האָט מאַדאַם שערמאַן גע־זאָגט צו איר טאָכטער:

— הער נאָר, קלאַרע, וואָס איך וועל דיר זאָגן, אָבער דו זאָלסט זיך אויף פאַר קיינעם נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט: ווען מיר האָבן פאַרבראַכט ביי די גרינבערגס אין הויז, האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז באָריס, זייענדיק אין כ. פלעגט אָפט קומען צו די גרינבערגס

אין הויז און האָט זייער פיל פאַרבראַכט מיט זייער טאָכטער, און אַז באָריס איז איר זייער געפעלן, און דעריבער פאַרשטיי איך, פאַר־וואָס זינע האָט זיך אַזוי געקלעפּט לעבן מיר, ווען מיר זענען דאָרטן געווען.

— ווער האָט דיר דאָס אַלץ דערציילט? — האָט קלאַרע מיט גרויס נייגעריקייט געפרעגט דער מוטער.

— איך וועל דיר זאָגן, — האָט מאַדאַם שערמאַן געענטפערט מיט אַ שמייכל, — אָבער געדענק, אַז דו זאָלסט זיך פאַר קיינעם נישט אַרויסכאַפּן מיט קיין איינציק וואָרט. דו וועסט נישט גלויבן, ווען איך וועל דיר זאָגן, אַז חוה, זינעס מוטער, האָט עס מיר אַליין געזאָגט...

— ווי איז דאָס מעגלעך? שוין־זשע ווייסט זי נישט, אַז באָריס איז געטויפט? ווי־זשע האָט זי עס געקענט זאָגן?

— זעסט דאָך! און ווידער איז אפשר קיין וווּנדער נישט, וואָס זי האָט עס מיר פאַרטרויט. חוה איז מיינס אַ חברטע נאָך פון מיידלווייז אָן. נו, האָבן מיר זיך צערעדט, האָט זי מיר וועגן דעם אַ פּאָר ווערטער אַרייַנגעוואָרפן.

— וווּנדערלעך! — האָט קלאַרע אויסגעשריען.

— ווער ווייסט, וואָס מיט באָריסן איז דאָרטן פאָרגעקומען? וואָס קען איך וויסן, אַז באָריס דערציילט מיר גאָרנישט וועגן זיך. ער האַלט אין איין רעדן מיט חיימען און איך ווייס גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. אפשר ווייסט עפּעס חיים וועגן דעם?

— עס איז נישט מעגלעך! חיים וואָלט מיר וועגן אַזאַ זאַך געוויס דערציילט.

— ווייסט, קלאַרע, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט מאַדאַם שערמאַן זיך אָנגערופן. — אפשר וואָלסטו גערעדט מיט באָריסן וועגן זינען און גאַנץ אָפן רעדן וועגן מיין פּלאַן, אַז מיר זאָלן אַלץ דאָ פאַרקויפן און אַלע אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד? עס ווייזט אויס, אַז אים איז שווער צו רעדן וועגן זיין לאַגע, און ווען דו וועסט זיך דאָ אַרייַנמישן מיט אַ פּאָר ווערטער, וועט ער אָפן אויך אָנהייבן רעדן און אַזוי פייניקט ער זיך, נעבעך, אומזיסט.

— דו ביזט זייער גערעכט, מאַמע, דאָס איז דער בעסטער פּלאַן, נאָר פאַרוואָס זאָל איך עפּעס רעדן? ווער ווייסט, אפשר וועט ער נאָך אָנשרייַען אויף מיר, וואָס איך מיש זיך אין זיינע פּערזענלעכע גע־

שעפטן. מיין מיינונג איז, אַז דו זאָלסט וועגן דעם ערנסט מיט אים רעדן. אַ מאַמע מעג, אַ מאַמע האָט קיין מורא נישט, טאָמער וועט ער אפשר נישט זיין צופרידן. דיר וועט ער גאָרנישט זאָגן, ווען דו וועסט נישט טרעפן. האָסט דאָך אַליין געזען, ווי די מאַדאַם גרינבערג האָט, צוליב איר קינד, מיט דיר גערעדט, דאָסזעלבע דאַרפסטו אויך טאָן.

מאַדאַם שערמאַן האָט זיך באַטראַכט און זיך אָנגערופן:

— אפשר, מיין טאָכטער, ביזטו גערעכט, איך דאַרף טאַקע רעדן.

— אוודאי דו, ווארים מיך קען ער פרעגן, פונוואַנען ווייס איך, אַז ער האָט חרטה וועגן זיין שריט און וועט מיך אָנהייבן חושד צו זיין, אַז איך האָב געלייענט זיין טאָגבוך.

— און אפשר איז צו פרי צו רעדן? מיר וועלן באַלד האָבן אַ גוטן צופאַל צו זען, וויאַזוי באָריס וועט זיך באַגיין מיט זיינען, ווייל זי מיט דער מוטער וועלן געוויס זיין אויף דיין חתונה. זיי וועלן דאָ געוויס צוזאַמען פאַרברענגען, דערנאָך וועל איך רעדן מיט באָריסן.

קלאַרע איז פריילעך אויפגעשפרונגען פון איר אָרט און אויסגעשריען:

— זייער גוט, זייער גוט! מיר וועלן וואַרטן ביז מיין חתונה. זיי וועלן זיין ביידע צוזאַמען, וועט זיין גרינגער מיט באָריסן צו רעדן. אַזאַ גוטער צופאַל! מען דאַרף נישט בעסער! און איך גלויב, אַז אַלץ וועט זיין גוט. זינע זאָל נאָר קומען אויף דער חתונה, וועט שוין זיין בעסער, ווי געוווּנטשן!

— דו צווייפלסט, צי זי וועט קומען? איך קאָן דיר אין דעם פאַרזיכערן. זינעס מוטער האָט מיר אַפילו געוויזן, וואָס פאַר אַ טייער שטאָף זי האָט גענומען אויף אַ קלייד פאַר איר טאָכטער. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס קלייד וועט זי נייען ביי דערזעלבער מאָדיסטקע, וואָס האָט פאַר דיר גענייט.

— האָסטו געזען דעם שטאָף, ער איז שיין?

— זייער שיין, עס וועט פאַסן צו איר געזיכט.

— עס טוט מיר באַנג, פאַרוואָס איך האָב עס נישט געזען.

— דו ביזט גראַדע אַוועקגעגאַנגען צו דער מאָדיסטקע פאַסן, האָט חוה עס מיר געוויזן. דו וועסט עס זען פאַרטיקערהייט אויף זינען, ווען זי וועט קומען אויף דיין חתונה.

— וויאַזוי וועט עס זיין גענייט, מיט שליאַרקעס אָדער נישט.

— דאָס ווייס איך נישט.

קלאַרע האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן זײַנעס קלייד, און נישט אויפגעהערט צו באַדויערן, וואָס זי האָט עס נישט געזען און די מוטער האָט זי באַרויִקט, אַז אירע קליידער זענען נאָך פון שענערן און טייערערן שטאָף.

* * *

אויף מאָרגן פרי איז מאַדאַם שערמאַן מיט איר טאָכטער קלאַרע געקומען אַהיים מיט אַ גאַנצן וואָגן קאַסטנס, קעסטלעך און אַלערליי גרויסע און קליינע פּעקלעך.

נאָכדעם, ווען מען האָט זיך אָפּגערוט פון וועג און מען האָט זיך געזעצט עסן מיטאָג, האָט מאַדאַם שערמאַן זיך געווענדט צו באָריסן און חיימען און געזאָגט מיט אַ געלעכטערל:

— איר האָט דאָ ביידע גענוג צייט געהאַט זיך אָנצורעדן, איצט, באָריס, וועסטו שוין האָבן צייט אַמאָל רעדן מיט דיין מאַמען אויך. פון זינט דו ביזט געקומען, האָסטו מיט מיר אַ וואָרט נישט גערעדט.

— וועגן וואָס זאָל איך רעדן? איך האָב, דאַכט זיך, מיט דיר וועגן אַלץ גערעדט!

— וועגן אַלץ? ניין, מיין קינד.

— אַ שטייגער, וועגן וואָס זאָל איך מיט דיר רעדן?

— איך ווייס? אַז מען וויל, איז דאָ גענוג וועגן וואָס צו רעדן... אָט, למשל, ווען דו ביזט געווען אין ר., האָסטו מיר אַפילו נישט דערציילט, אַז דו ביזט עטלעכע מאָל געווען ביי די גרינבערגס איבערהיים.

— מאַמע, ווו איך בין געווען און פאַרבראַכט, דאַרף איך וועגן אַלץ דערציילן?

— פאַרוואָס נישט? אַ מאַמע וויל וועגן אַלץ וויסן.

— מיין פאַרברענגען ביי די גרינבערגס איז פאַר מיר נישט געווען אַזאַ גרויס געשעעניש, איך זאָל עס דאַרפן דערציילן. אַפילו חיימען,

צו וועלכן דו ביזט אַזוי אייפערזיכטיק, — האָט באָריס זיך צעלאַכט,— האָב איך אויך נישט דערציילט.

— און איך בין טאַקע באמת אייפערזיכטיק צו חיימען, — האָט זיך קלאָרע אויך צעלאַכט, — אָט בין איך געקומען צו פאָרן, אַזוי לאַנג נישט געזען חיימען און ער האָט נאָך מיט מיר קיין וואָרט נישט גערעדט. ער איז אַזוי פאַרנומען מיט באָריסן אין רעדן, אַז זיי האָבן נאָך נישט געענדיקט... ווו נעמען זיך ביי זיי אַזויפיל רייד!

— הערסט, מאַמע,—האָט זיך קלאָרע ווייטער אָנגערופן,—מיר וואָלטן באַדאַרפט בלייבן אין ר. כאָטש נאָך אַ חודש, אפשר וואָלטן זיי גע-ענדיקט אַמאָל רעדן!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— און ביי די גרינבערגס, — האָט די מוטער געזאָגט צו באָריסן,— הערט מען נישט אויף צו רעדן וועגן דיר. עס ווייזט אויס, אַז דו ביזט זיי אַלעמען שטאַרק געפעלן.

— זיי זענען אַלע זייער ליבע מענטשן, — האָט באָריס באַמערקט.— וואָס מאַכט עפּעס זייער טעכטערל זינע? זייער אַן אינטערעסאַנט מיידל! און דערצו איז זי געניוג געבילדעט. עס איז דאָ מיט וועמען צו רעדן!

— וואָס זאָל זי מאַכן, זינע בליט, ווי אַ שיינע בלום.

— יאָ, זי איז אַ סימפּאַטיש מיידל. מיט פאַרגעניגן פלעג איך צו די גרינבערגס אָפט אַריינקומען.

— זינע וועט מיט דער מוטער קומען אויף דער חתונה.

— זייער שיין, — האָט באָריס געזאָגט.

פלוצלונג האָט קלאָרע אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— האָב איך אייך עפּעס וווּנדערלעכע נייס צו דערציילן!

— וואָס? — האָבן אַלע מיט נייגעריקייט געפרעגט.

— אַנו, טרעפט וועמען איך האָב דאָרטן באַגעגנט? שטעלט אייך פאָר, אַז איך האָב געזען מאַניען!

אונטער חיימען האָט אַ סקריפּע געטאָן די שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן, און ביי באָריסן איז אַרויסגעפאַלן פון האַנט דאָס לעפעלע, מיט וועלכן ער האָט געגעסן קאָמפּאָט.

— יאָ, מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט מאַניען אַזוי פלוצלונג און אומגעריכט, — האָט מאַדאַם שערמאַן זיך אָנגערופן, — זי איז גאָר אַן אַנדער מיידל געוואָרן! עס איז זי נישט צו דערקענען. זי האָט אויסגע-

געוואָרפן אַלע אירע פריערדיקע נאַרישקייטן און גענומען אַרבעטן. דאָס איז מיר זייער געפעלן און איך האָב זי געליבט דערפאַר!

— אַזוי ווי מיר זיצן אַזוי ביי דער מאַדיסטקע און קוקן איבער די נייסטע זשורנאַלן, — איז קלאַרע אַריינגעפאַלן אין דער מוטערס רייד, — מען פאַסט מיר אָן אַ נייעם פאַסאָן, קומט פלוצלונג אַריין מאַניע! איך האָב זיך אַזוי דערפרייט מיט איר. די מאַמע און איך האָבן זי געבעטן קומען אויף מיין חתונה.

— יאָ, איך האָב זי געבעטן... איר זאָלט מיר, קינדער, דערמאָנען, אַז איך דאַרף שרייבן זעליגן און בעטן, ער זאָל קומען מיט זיין ווייב אויך דער חתונה און אויך מיטנעמען מאַניען. אייער טאַטע, זאָל זיין אַ גוטער בעטער פאַר אונדז, האָט זייער ליב געהאַט זעליגן און איז אים געווען אַ גרויסער פריינט. איך וויל זייער, אַז זעליג זאָל מיט זיין פאַמיליע קומען אויף דער חתונה.

— האָסט מאַמע זייער שיין און גלייך געטאָן, וואָס דו בעטסט ר' זעליגן מיט זיין פאַמיליע אויף דער חתונה, — האָט באָריס געזאָגט, אַרומנעמענדיק דער מוטער און זי געקושט.

— וואָס דען האָסטו געמיינט? אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, איך האָב דערלעבט קלאַרעטשקעס חתונה, וויל איך, אַז אַלע אונדזערע פריינט זאָלן זיך פרייען מיט מיין שמחה.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק.

זיך איבערגערעדט.

מאַדאַם שערמאַן האָט איר זון, אַ גליקלעכע, אָפּגעשיט מיט הייסע קושן. זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז אײנגיכן זאָל זי דערלעבן אים אויך פירן צו דער חופה, נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטן און אָן ווערטער מיט איר האַנט געגלעט זיין קאָפּ האָר, פונקט ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ קליין יינגעלע און אים געהאַלטן אויף אירע קני.

דעמזעלבן אָוונט האָט באָריס, אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער, געזאָגט זיינע אייגענע:

— מאָרגן פאָר איך קיין ר.

און ער האָט מיט אַ געלעכטער צוגעגעבן:

— איך בין אויך אַ מחותּן אויף דער חתונה, ווייל איך זיך דאָרטן אויסקליידן.

די מוטער, וועלכע איז שטענדיק געווען דאַקעגן, אַז איר באָריס זאָל אַוועקפאָרן פון דערהיים, האָט איצטיקס מאָל נישט פּראָטעסטירט. פאַרקערט, זי האָט אָנגעקוואָלן פון באָריסן, וואָס ער וויל פאָרן קיין ר. ווו די גרינבערגס וווינען.

— אָט אַזוי, מאַמע, איך פאָר! — האָט ער פריילעך אויסגעשריען.

אַלע האָבן באַמערקט, אַז באָריס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי פריילעך, ווי איצט.

— חיים! — האָט זיך באָריס פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן. — אפשר וואָלסטו אויך מיט מיר מיטפאָרן? דו ביזט דאָך אַוודאי אַ מחותּן אויף דיין חתונה, דאַרפסטו זיך דאָך מאַכן עפּעס אַ נייעם קאָסטיום!

— קוק נאָר אָן די גרויסע ליבע צווישן די צוויי בחורים! – איז קלאַרע אויפגעשפּרונגען. — איך האָב שוין חיימען אַזוי לאַנג נישט געזען, ווייל ער איז צונעמען ביי מיר!

— האָב קיין מורא נישט, מיין שוועסטער, איך וועל דיר דיין חתן צושטעלן גאַנץ צו דער חופּה. וואָס זאָגסטו, חיים, דו פאָרסט מיט מיר?

חיים, וואָס האָט די גאַנצע צייט, זינט קלאַרע מיט איר מוטער זענען געקומען, כמעט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און געווען באַגראָבן אין זיינע געדאַנקען, האָט איצט מיט שוועריקייט קוים געענטפערט:

— ניין, איך פאָר נישט, איך האָב גענוג ‹קליידער!—און חיים האָט זיך דערביי פאַרהוסט, כאַפּנדיק זיך מיט דער האַנט ביים האַרצן.
— לעבן זאָלסטו! — האָט קלאַרע מיט פרייד אויסגעשריען, אַרומגעכאַפּט איר חתן און אים אַ קוש געגעבן און דערנאָך אים אונטערגעטראָגן אַ האַלב גלאָז מילך, ער זאָל פאַרטרינקען און שטילן זיין הוסט.
— עפּעס פילסטו זיך היינט נישט גוט, חיים? — האָט די מוטער טרויעריק באַמערקט.
— עס איז גאָרנישט... איר ווייסט דאָך, אַז איך פאַרהוסט זיך שטענדיק.
— וואָס-זשע? נישט קיין וווּנדער, — האָט קלאַרע געזאָגט, — מיר זענען אַוועקגעפאָרן און איך האָב אים איבערגעלאָזט אויף הפקר. איך וועל דיך שוין אָפּהיטן, איך וועל דיך שוין מער נישט אַוועקוואַרפן.

באָריס האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן מיט דערזעלבער פריערדיקער פריילעכקייט:

— אַ שאָד, חיים, וואָס דו ווילסט נישט פאָרן מיט מיר! מיר וואָלטן דאָרטן זייער גוט פאַרבראַכט... וואָס וועסטו דאָ טאָן אַליין? די מאַמע מיט קלאַרען וועלן זיין פאַרנומען מיט דער חתונה, זיי האָבן נאָך גענוג אַרבעט און דו וועסט זיך דאָ אַרומדרייען עלנט און אַליין.

— קוק נאָר אָן דעם בעל־רחמנות! — האָט קלאַרע נאָכגעקרימט איר ברודער. — ווען דו האָסט יאָ אַזוי שטאַרק רחמנות אויף חיימען,

בלייב בעסער אינדערהיים און פאָר נישט. עס פעלן דיר אוודאי קאָסטיומען צו מיין חתונה!

— ניין, ניין, זאָל באָריס פאָרן! — האָט חיים געזאָגט. — צו וואָס דאַרפסטו אים שטערן? איך וועל נישט פאָרן מיט אים, איך בלייב דאָ!

— ביזט גערעכט, מיין טייערער, זאָל ער פאָרן, ווו ער וויל, אַבי דו בלייבסט מיט מיר.

די פראַגע וועגן באָריסעס פאָרן איז באַשלאָסן געוואָרן און מען איז איבערגעגאַנגען צו אַנדערע שמועסן: מאַדאַם שערמאַן מיט איר טאָכטער האָבן נישט אויפגעהערט צו דערציילן, וויאַזוי זיי האָבן פאַרבראַכט אין דער גרויסער שטאָט און ווי קלאַרע האָט פאַרמוטשעט די דאָרטיקע קרעמערס און מאָדיסטקעס, ביז עס איז איר עפּעס גע-פעלן געוואָרן און אַז מער פון אַלעמען איז מאַדאַם שערמאַן אָן קרעפּטן געבליבן.

— אָי, עס איז נישט קיין קלייניקייט חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער! — האָט די מוטער זיך געוועררטלט, — ווען איך דערמאָן זיך, אַז איך בין שוין צוריק אינדערהיים און דאַרף שוין מיט קאָרען נישט אַרומגיין צווישן די קראָמען און אַלערליי מאָדיסטקעס, פיל איך, אַז איך ווער ברייטער, ווי לענגער!

— וואָס-זשע האָסטו געוואָלט, מאַמע, איך זאָל אַוועקגעבן דאָס געלט און זאָל נישט הנאה האָבן? אַז איך קויף עפּעס, וויל איך, אַז עס זאָל מיר און יעדן געפעלן. וואָס זאָגסטו, חיים?

— אוודאי, — האָט חיים געענטפערט, — כאָטש ער האָט זייער ווייניק זיך צוגעהערט וועגן וואָס מען האָט גערעדט, ווייל צו אַלץ איז ער געווען גלייכגילטיק. זיינע געדאַנקען זענען איצט געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט באָריסן, און פון זיין ווינקל, ווו ער איז געזעסן ווי איינגעגראָבן, האָט ער נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון באָריסן, וועלכער איז יונג, שיין און געזונט. ער וועט פאָרן קיין ר. ער וועט זיך זען מיט מאַניען. מען וועט פאַרברענגען גוט און פרייליך די צייט, און ער, חיים, קען דאָס נישט... אָט איז באָריסן איינגע-פאַלן פאָרן — פאָרט ער! און ער, חיים, קען נישט טאָן, וואָס ער וויל, ער איז שוואַך, און אָט קומט אים גאָר אָן דער הוסט און זאָגט: ניין!

חיים האָט אַ קוק געטאָן מיט רחמנות און מיט דאַנקבאַרקייט אויף קלאַרען:

— ווי גוט און געטריי זי איז און ווי ליב האָט זי מיך. זי פאַרבינדט איר לעבן מיט מיר, מיט וועמען? מיט אַ שוואַכן מענטשן, פאַר וועלכן זי וועט דאַרפן זיין אַ שטענדיקע „ניאַנקע", אים אָפּהיטן, ער זאָל נישט הוסטן און פאַרגרינגערן זיינע ליידן.

קלאַרע האָט דערפילט זיינע בליקן אויף זיך און איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים און געפרעגט:

— וואָס קוקסטו היינט אַזוי מאָדנע אויף מיר?

און אנשטאָט אַן ענטפער אויף איר פראַגע, האָט ער צו איר געזאָגט:

— זעץ זיך, קלאַרעטשקע, נענטער צו מיר... אָט אַזוי, נענטער... נענטער... און ער האָט זי צוגעדריקט צו זיין האַרצן און זי אָפּגעשיט מיט קושן.

קלאַרע, וואָס איז צו אַזעלכע לאַסקעס פון אַ יונגנמאַן נישט געווען געוויינט, האָט זיך געפילט גליקלעך אין זיין נאָענטקייט און אירע טרערן פון פרייד האָבן באַנעצט זייערע ביידנס געזיכטער.

לאַנג, אָן ווערטער, זענען זיי אַזוי געזעסן און איינגעאָטעמט איינס דאָס אַנדערע.

— וואָס איז פלוצלונג אַזאַ גרויסע ליבע! — האָט באַריס מיט זיין הילכיקער געזונטער שטימע אויסגעשריען. — קומט, לאָמיר ערגעץ גיין און פאַרברענגען, איך פאַר דאָך מאָרגן אַוועק!

די מוטער, וואָס האָט צוגעזען, ווי דאָס יונגע פּאָרפאָלק לאַסקען זיך אַזוי איינס דאָס אַנדערע, האָט אָנגעקוואָלן פון נחת, קוקנדיק פונדערוויטנס אויף די „קינדער" און האָט אָנגעשריען אויף באָריסן:

— וואָס ווילסטו פון די קינדער, זיי איז גוט אַזוי אויך? ווען גאָט וועט העלפן, אַז דו וועסט זיצן מיט דיין כלה, וועסטו זיך אויך אַזוי אויפפירן.

אָי, ביז איך וועל אַזוי זיצן מיט מיין כלה, איז נאָך לאַנג צו וואַרטן! — האָט באָריס געלאַכט.

— ווי לאַנג דאַרפן מיר וואַרטן? — האָט קלאַרע זיך אָפּגעריסן פון איר חתן און לאַכנדיק געפרעגט.

— ווי לאַנג צו וואַרטן, פרעגסטו? גלויב מיר, אַז איך ווייס

אליין נישט... אָדער מען וועט זיך קיינמאָל נישט דערוואַרטן, אָדער גאָר אין גיכסטן!

אַלע האָבן עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס און האָבן געלאַכט, נאָר חיים האָט נישט געלאַכט. פאַר אים איז דאָס געווען זייער אַ קלאָרער ענטפער.

אין דעם אָוונט, פאַרן גיין שלאָפן, האָט זיך באָריס מיט אַלעמען געזעגנט און גאַנץ פרי, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, איז ער מיט דעם ערשטן צוג אַוועקגעפאָרן.

קאַפּיטל פיראונצוואַנציק.

דאָס באַגעגעניש.

אין אַ פרייטיקדיקן טאָג, ווען ביי מאַניעס פעטער אין הויז האָט מען זיך צוגעגרייט צום שבת, איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן, איינפאַך געקליידט און געפרעגט:

– דאָ וווינט ר׳ יעקב משה?

– יאָ, דאָס בין איך, – האָט אים געענטפערט אַן עלטערער ייד פון אַריבער פופציק יאָר.

– איך האָב געוואָלט זען אייער פלימעניצע מאַניע, ר׳ זעליגס טאָכטער. זי וווינט דאָך ביי אייך?

– יאָ, מאַניע וווינט ביי מיר, – האָט ר׳ יעקב משה באַטראַכט דעם יונגנמאַן פון קאָפּ ביז די פיס און דערנאָך געפרעגט:

– קענט איר מיר, יונגערמאַן, נישט זאָגן, ווער איר זענט?

– איך בין באָריס שערמאַן פון גאַלינעווקע. אפשר האָט איר געהערט פון דעם שטעטל? איך בין אַ גוטער באַקאַנטער פון ר׳ זעליגס פאַמיליע, וויל איך זען מאַניען.

דער פעטער ר׳ יעקב משה, הערנדיק פיל מאָל, אַז דערדאָזיקער באָריס שערמאַן, כאָטש ער איז אַ משומד, האָט אַרויסגעראַטעוועט מאַניען פון גויִשע הענט, און וויסנדיק זייער גוט, ווער ער איז, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אונטערגערוקט פאַר אים אַ שטול און געבעטן אים זיצן. דערביי האָט ער געוואָלט אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דעם יונגנמאַן, נאָר באָריס האָט אים אָפּגעהאַלטן, זאָגנדיק:

— מען דאַרף נישט. איר זעט דאָך, אַז איך רעד צו אייך יידיש.

— ווילט איר, הייסט עס, זען מאַניען? זי איז איצט ביי דער אַרבעט. מאָרגן איז שבת, קענט איר קומען, זי וועט זיין דעם גאַנצן טאָג פריי.

די מומע און אַלע אין שטוב, דערוויסנדיק זיך, וואָס פאַר אַ גרויסער מאַן ס׳געפינט זיך ביי זיי אין הויז, האָבן אים אַרומגערינגלט און באַטראַכט און אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס ער פירט זיך אַזוי פּראָסט אויף. דערביי האָט דער גרויסער מאַן אַזוי היימיש און ליבלעך געגלעט דאָס קעפּעל פון דעם פעטערס אַן אייניקל, אַ ייִנגעלע מיט גרויסע שוואַרצע אויגן.

דער גרויסער מאַן האָט זיך אויפגעהייבן פון זיין אָרט און געזאָגט, אַז מאָרגן פרי וועט ער ווידער קומען און געבעטן איבערגעבן מאַניען, אַז זי זאָל נישט אַוועקגיין און וואַרטן אויף אים.

— באָריס האָט זיך פריינטלעך מיט אַלעמען געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען און ביי ר׳ יעקב משהן אין הויז האָט מען לאַנג נישט אויפגעהערט צו רעדן פון דעם גרויסן מאַן, וואָס איז אַזוי פּראָסט ביי זיך און האָט מיט יעדן אַזוי היימיש גערעדט.

באָריס האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט דעם גאַנצן טאָג, זיינע אַלע געדאַנקען זענען איצט געווען אַרום מאַניען און מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף דעם מאָרגנדיקן טאָג.

אויף דער נאַכט איז ער אַוועקגעגאַנגען צו די גרינבערגס. דאָרט האָט מען אים באַגעגנט מיט דער גרעסטער פרייד.

— אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט! און אַזוי אומדערוואַרט! — האָט אים די מאַדאַם גרינבערג און איר טאָכטער באַגעגנט.

— מען וואַרט ביי אונדז, אַז איר מיט זיינען וועלן קומען אויף דער חתונה, — האָט באָריס געזאָגט צו דער מוטער.

— אוודאי, אוודאי וועלן מיר זיין אויף דער חתונה, —האָט מאַדאַם

גרינבבערג געזאָגט, — מיר קומען נאָר וואָס פון דער מאָדיסטקע, וווּ מען נייט פאַר מיין זינען אַ ניי קלייד.

ביי דערזעלבער מאָדיסטקע, ווו די כלה האָט גענייט אירע קליידער, — האָט זינע צוגעגעבן.

— דאָרטן האָבן מיר געזען דאָס יידישע מיידל, וועלכע איר האָט אַרויסגעראַטעוועט פון גויישע הענט, — האָט די מוטער פלוצלונג געזאָגט, וועלנדיק זאָגן עפּעס אַנגענעמעס וועגן דעם ליבן גאַסט.

— זי אַרבעט דאָרטן? יאָ, מיין שוועסטער האָט מיר טאַקע וועגן דעם דערציילט, ווי זעט זי אויס?

— די מאָדיסטקע קען זיך גאָרנישט אָפּלויבן וועגן איר. זי איז זייער אַ שיין מיידל און זייער פּעניק צו דער אַרבעט.

— איך וועל זי מאָרגן זען, — האָט באָריס געזאָגט.

— אַזוי אינטערעסירט זי אייך? — האָט זינע געפרעגט.

— וואָס וווּנדערסטו זיך? — האָט די מוטער, אנשטאַט באָריסן, געענטפערט. — עס איז גאַנץ נאַטירלעך. וויפיל צייט און מי האָט באָריס אָוועקגעגעבן ביז ער האָט זי באַפרייט? אינטערעסירט ער זיך מיט איר, מיט איר לאַגע. עס איז גאַנץ נאַטירלעך. איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט!

— יעדעס מיידל וואָלט זיך געווונטשן, אַז באָריס זאָל זי ראַטעווען און אינטערעסירן זיך מיט איר, — האָט זינע זיך צעלאַכט.

— איך ווייס נישט. עס ווייזט זיך אייך נאָר אַזוי אויס, אַז יעדעס מיידל וואָלט זיך געווונטשן, — האָט באָריס באַשיידן געענטפערט מיט אַ געלעכטערל.

נאָכן פאַרברענגען דעם אָוונט האָט מען באָריסן געבעטן, ער זאָל ווידער אַריינקומען.

— מאָרגן בין איך זייער פאַרנומען, — האָט ער געזאָגט, — און ווען איך וועל נאָר האָבן צייט, וועל איך מיט פאַרגעניגן קומען צו אייך.

פון די גרינבבערגס איז באָריס געקומען אין האָטעל, ווו ער האָט געטראָפן אַ קליין צעטעלע:

„באָריס! מיט אַ שעה שפּעטער, ווען דו ביזט אַוועקגע-גאַנגען פון מיין פעטערס הויז, בין איך געקומען אַהיים. איך באַדויער זייער, וואָס דו האָסט מיך נישט געטראָפן. אויב דו

וועסט באַקומען מיין בריוועלע ביז זעקס אָוונט, קענסטו נאָך היינט קומען צו אונדז, ווען נישט קום מאָרגן, איך וועל דעם גאַנצן טאָג זיין אינדערהיים.

מאַניע.״

אַ גליקלעכער האָט באָריס עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דאָס בריוועלע, זאָגנדיק צו זיך:

— עס איז דיזעלבע מאַניע, וואָס איז געווען! אַן חכמהלעך און אַן הינטערשטיקלעך. אין אירע עטלעכע אָפּגעהאַקטע שורות דערקען איך זי. דאָס קורצע בריוועלע איז פאַר מיר אַזוי אומגעריכט! — און באָריס האָט זיך אָנגעהייבן מאַכן פאָרוווּרפן פאַרוואָס ער איז פון איר פעטער נישט געגאַנגען גלייך אין האָטעל, וואָלט ער נאָך היינט געזען מאַניען. נאָר ער האָט זיך געטרייסט, אַז ער האָט נישט גע־קענט זיין קיין נביא, אַז זי וועט פּלוצלונג אַ בריוועלע שרייבן.

ער האָט זיך באַלד געלייגט שלאָפן, אָבער ער האָט אַזוי גיך נישט געקענט איינדרעמלען. פאַרשידענע געדאַנקען זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין: אָט האָט ער געטראַכט, אַז מאָרגן וועט פאַר אים זיין דער גליקלעכסטער טאָג אין זיין לעבן, און אָט האָט זיך צו אים אַריינגעגנבעט אַ שרעקלעכער געדאַנק: אפשר וועט עס זיין פאַר אים דער אומגליקלעכסטער טאָג! ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן ענטפער ער קען באַקומען פון מאַניען. פון איר קען מען אַלץ דערוואַרטן!! זי איז אַ מענטש, וואָס זאָגט שטענדיק אָפן, וואָס זי טראַכט. נישט ער און נישט זיין רייכטום און נישט זייער צוקינפטיק ניי לעבן וועט זי באַצויבערן, ווי דאָס וואָלט געווען מיט זיבעצן, אָדער אַן אַנדער מיידל. ער האָט זיך אָבער באַלד באַרויִקט.

— דאָס קען נישט זיין, עס איז נישט מעגלעך!

באָריס האָט געוווּסט, אַז אין דער צייט, ווען ער איז נאָך גע־ווען אַ גימנאַזיסט און דערנאָך, ווען ער איז געווען אַ סטודענט און פלעגט אויף זיינע „קאַניקולן" קומען אין דאָרף, האָבן זיי זיך ליב געהאַט. קיין איינציק וואָרט האָבן זיי וועגן דעם איינס דאָס אַנדערע נישט געזאָגט. מאַניע, אַלס אַ טאָכטער פון אַן אָרעמען מילנער, האָט נישט געוואַגט אַפילו צו טראַכטן וועגן איר ליבע צו אַזאַ רייכן און געבילדעטן יונגנמאַן, און ער, באָריס, האָט מער געטראַכט וועגן זיין קאַריערע און דער צוקונפט. זיין קאַריערע האָט אַלץ איבערגעוויגן.

ער האָט וועגן מאַניען ערנסט קיינמאָל נישט געטראַכט, אָבער איצט איז גאָר עפּעס אַנדערש. ער וועט קומען צו איר מיט אַן אָפּן האַרץ, זי וועט דערקענען און פילן, אַז זי איז פאַר אים טייערער, ווי אַלץ אין דער וועלט און אַז ער וויל פאַרבינדן זיין לעבן מיט איר אויף אייביק.

— ניין, עס איז נישט מעגלעך, אַז איר האַרץ זאָל דאָס נישט פילן, אַז זי זאָל אים נישט גלויבן!

ער האָט פון זיך אַוועקגעטריבן אַלע שלעכטע געדאַנקען און איז באַלד געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

באַריס האָט אויף מאָרגן זיך אויפגעכאַפּט פריער מיט אַ שעה, ווי געוויינלעך, און אַזויווי ער האָט מער נישט געקענט שלאָפן, איז ער אויפגעשטאַנען, זיך אָרומגעוואַשן און איז אַראָפּגעגאַנגען אין קנייפּע, וואָס האָט זיך געפונען ביים האָטעל, אַז פון דאָרט זאָל ער אַוועקגיין זיך זען מיט מאַניען.

ווען באַריס איז געקומען צו מאַניעס פעטער אין הויז, איז ער מיט דער מומען שוין אַוועקגעגאַנגען אין שול אַריין דאַוונען, עס איז נאָר געבליבן מאַניע מיט די יינגערע קינדער.

פאַרן אַוועקגיין האָט דער פעטער אָנגעזאָגט מאַניען:

— אויב דער הער שערמאַן וועט קומען, זאָלסטו נישט פאַרגעסן אים צו בעטן, ער זאָל אונדז אָנטאָן דעם גרויסן כבוד און בלייבן ביי אונדז אויף מיטאג.

— פאַרוואָס נישט, — האָט מאַניע געענטפערט, — אַז איך וועל אים בעטן, וועט ער בלייבן.

— גוט, גוט. דו זאָלסט אים פיין אויפנעמען... ער פאַרדינט עס ביי דיר און ביי אונדז אַלע, נישט קוקנדיק, וואָס ער איז געטויפט.

מאַניע האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דעם פעטער און האָט גע-זאָגט, ער זאָל זיין רויק.

מיט אומגעדולד האָט מאַניע געוואַרט אויף באַריסן. זי האָט זיך איצט דערמאַנט אין דאָרף. אַמאָל, ווען ער איז זומערצייט גע-קומען אויף „קאַניקול", פלעגט ער צוזאַמען מיט חיימען אַזוי גוט און פריילעך פאַרברענגען! זי האָט איצט איבערגעלעבט אירע אַלע גליק-לעכע קינדעריאָרן. זי האָט פאַרגעסן, אַז איצט איז אַזאַ גרויסער אונטערשיד צווישן איר און אים. ער איז אַ גרויסער מאַן, וווינט אין פּעטערבורג, דינט אין סענאַט, איז רייך און האַלט אין איין וואַקסן.

ער קען דערגרייכן ביז אַמאָל צו ווערן אַ מיניסטער, און זי איז אַן אָרעם מיידל, וועלכע אַרבעט שווער ביי אַ מאָדיסטקע.

זי האָט איצט מיטאַמאָל אין אַלץ פאַרגעסן און האָט זיך גע־פילט פאַר דאָסזעלבע דאָרפישע מיידעלע, ווי פריער, ווען באָריס איז געווען אַ גימנאַזיסט און דערנאָך אַ סטודענט.

און ווען באָריס איז איצט אַריינגעקומען, האָט זי אים באַגעגנט פריילעך און לעבעדיק, ווי אַמאָל אין דאָרף:

— זייער גוט, באָריס, האָסטו געטאָן, וואָס דו האָסט נישט פאַר־געסן אין מיר און ביזט געקומען מיך זען! — האָט זי געזאָגט. — איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט אויסגעוואַקסן, אַזאַ גרויסער מאַן געוואָרן, אַז דו האָסט פאַרגעסן אין דיינע פריערדיקע באַקאַנטע און פריינט.

אַנשטאָט אַן ענטפער האָט באָריס מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט זיין גרויסקייט, און זיין געזיכט האָט זיך ווי אויסגעקרומט, ווי גלייך מען דערמאָנט עמעצן זיינע אַמאָליקע עבירות און פאַרברעכן.

ער איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט אויף זיין אָרט. ער האָט נישט געקענט אָפרייסן די אויגן פון איר. פאַר דער צייט, וואָס ער האָט זי נישט געזען, איז זי געוואָרן אַזוי שיין! אַלץ בליט אין איר! אַ גאַנצע פרוי געוואָרן! און עפּעס אַזויפיל ווייבלעכעס און רייצנדיקס געפינט זיך אין דעמדאָזיקן מיידל, וואָס קוקט מיט אירע גרויסע שיינע אויגן אַזוי ערלעך און אומשולדיק.

זעענדיק, ווי באָריס שטייט אַזוי אויף איין אָרט און רופט זיך נישט אָן מיט קיין וואָרט, האָט זיך מאַניע אָנגערופן:

— וואָס שטייסטו אַזוי, ווי גלייך דו קענסט קיין צוויי נישט ציילן, פונקט ווי דו זאָלסט זיין אַ פרעמדער און מיר זעען זיך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן? זעץ זיך אַנידער און דערצייל, ווי גייט עס דיר, וואָס מאַכט דיין מוטער, די שוועסטער? יאָ, עס קומט דיר מזל־טוב! דיין שוועסטער איז אַ כלה געוואָרן פאַר חיימען. דו ווייסט? מען האָט מיך אויך געבעטן אויף דער חתונה...

באָריס האָט מער געקוקט אויף איר, ווי ער האָט געהערט, וואָס זי האָט גערעדט.

— דו האָסט זיך זייער ריכטיק אויסגעדריקט, מאַניע, וואָס דו זאָגסט „ווי גלייך מיר זעען זיך דאָס ערשטע מאָל". דו האָסט אין אַ פּאָר ווערטער אויסגעדריקט דאָס, וואָס איך פיל און באַוווּנדער, דו

זעסט איצט אויס אַזוי וווּנדערלעך און שיין, ווי גלייך איך זע דיך טאַקע דאָס ערשטע מאָל.

— אַזוי מיינסטו? עס ווייזט זיך דיר נאָר אויס! פאַרגעס נישט, וויפל צרות איך און דערהויפּט מיינע אומגליקלעכע עלטערן האָבן איבערגעלעבט!..

— יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן, באָריס, דיר צו דאַנקען, — האָט זיך מאַניע אַ כאַפּ געטאָן, — וואָס דו האָסט זיך אַזוי אינטערעסירט מיט מיין שרעקלעכער לאַגע און האָסט געטאָן אַלץ, וואָס דו האָסט נאָר געקענט אום מיך צו ראַטעווען. איך האָב געהערט, אַז דו ביזט געפאָרן אין דער גובערניע און געבעטן דעם גובערנאַטאָר, ער זאָל העלפן מיין באַפרייונג.

מאַניע האָט גענומען זיין האַנט און פריינטלעך, פול מיט דאַנקבאַרקייט געדריקט.

— לאָמיר איצט מער נישט רעדן, וואָס איז געווען... איך ווייס אַלץ, וואָס דו און דיינע עלטערן האָבן איבערגעלעבט. מען דאַרף אין דעם אינגאַנצן פאַרגעסן. איצט הייבט זיך אָן די גוטע צייט און אַ ניי לעבן.

— ביזט גערעכט, מען דאַרף פאַרגעסן אין דערדאָזיקער שרעקלעכער צייט, כאָטש עס זענען נאָך געבליבן געווען באַכווייעניש: מיין פאָטער האָט אין דעם אומגליק פאַרלאָזט אינגאַנצן די מיל מיט אַלע זיינע געשעפטן און איצט קומט אים אָן זייער שווער אַלץ צוריק אויפצושטעלן.

— נאָר גענוג וועגן דעם רעדן, — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי גלייך מען טרייבט עפּעס אָפּ פון זיך, — איך וועל מער וועגן דעם נישט רעדן. דערצייל בעסער, באָריס, ווי גייט עס דיר... איך האָב געהערט, אַז דו ביזט געוואָרן גאָר אַ גרויסער מאַן און האַלטסט אין איין וואַקסן העכער און העכער...

— אוי, מאַניע, נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס בלישטשעט, — האָט באָריס איר געענטפערט אויף רוסיש מיט אַ שפּריכוואָרט. מיך איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין... יעדער אין זיין יוגנט מאַכט פעלער, איך האָב געמאַכט נאָך אַ גרעסערן פעלער, ווי דו. מיין פעלער צו פאַרבעסערן איז נאָך שווערער.

און באָריס האָט מיט שוואַרצע פאַרבן אָנגעהייבן דערציילן זיין

שרעקלעך לעבן אין פּעטערבורג פון זינט אָן ער האָט זיך געטויפט ביז איצט.

מער ווי אַ שעה האָט ער גערעדט און פאַר מאַניען איז די שעה אַוועקגעפלויגן, ווי איין מינוט: אַזוי שטאַרק האָט זי זיך פאַראינטערעסירט מיט זיין געשפּרעך, ווונדערנדיק זיך און נישט פאַרשטייענדיק צו וואָס דערציילט ער עס איר אַזוי אָפנהאַרציק.

און ווען באָריס האָט געענדיקט, האָט ער זיך געווענדט צו איר:

— מיין מוטער ווייסט פון מיינע ליידן גאָרנישט, אַ חוץ חיים, וועלכן איך האָב נאָר איבערגעגעבן עטלעכע ווערטער. דו ביזט די ערשטע, פאַר וועלכער איך האָב אַלץ דערציילט, און זאָג דיר גאַנץ אָפן, אַז צוליב דעם בין איך געקומען קיין ר. איך זאָל דיר זען און מיין גאַנץ האַרץ פאַר דיר אויסרעדן...

— צו מיר? — האָט מאַניע נישט אויפגעהערט זיך צו ווונדערן.

— יאָ, נאָר צו דיר, ווייל דו ביזט די איינציקע אויף דער וועלט, וואָס קען מיר העלפן זיך אַרויסרייסן פון מיין שרעקלעכער לאַגע! ליידנדיק, אָן אַ שיין פון האָפענונג, ביזטו געווען פאַר מיר דער איינציקער ברעג, צו וועלכן איך האָב געשוווּמען מיט מיינע לעצטע כּוחות, זיך צו ראַטעווען, און ווען נישט דו, וואָלט איך ווי אַלע אַנדערע פון מיינע סטודענטישע חברים, וואָס האָבן געטאָן דעמזעלבן פעלער, דערטרונקען געוואָרן, עלנט, אַליין, פאַרגעסן פון אַלעמען... דו ביזט די איינציקע, מאַניע!..

מאַניע, הערנדיק פון באָריסן אַזעלכע ווערטער וועגן איר, האָט זיך פאַרשעמט, אירע באַקן האָבן זיך אָנגעהייבן רויטלען און די אויגן גלאַנצן.

זי האָט נישט געקענט אַ גאַנץ וואָרט אויסרעדן און האָט נאָר אָנגעהייבן שטאַמלען מיט איבערגעהאַקטע ווערטער:

— איך... פאַרוואָס איך?.. איך ווייס גאָרנישט... איך פאַרשטיי גאָרנישט...

באָריס, זעענדיק, וואָס פאַר אַ שטאַרקע ווירקונג זיין דערציילן האָט געמאַכט אויף איר, איז אַנטשוויגן געוואָרן און דאָס האָט אַ ביסל באַרויקט מאַניען.

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק.

ביים פּעטער אין הויז.

באָריס האָט אָנגענומען מאַניען ביי דער האַנט און זיך אָנגערופן, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט:

— מאַניע, מיר זענען מער נישט קיין קינדער, וואָס מיר זאָלן זיך פאַרנעמען מיט שפּילעכלעך. דאָס האָבן מיר געטאָן אַמאָל אין דאָרף. איצט פאַרשטייען מיר שוין ביידע, אַז דאָס לעבן איז נישט קיין שפּילעכל. איצט וויל איך דיר נאָר פרעגן, צי האָסטו מיך אַמאָל ליב געהאַט? און איך בעט דיך מיר ענטפערן קלאָר און פאַרשטענדלעך. מיר דאַרפן זיך איינס פאַרן אַנדערן נישט שעמען, מיר האָבן זיך נישט פון נעכטן ערשט באַקאַנט... מיר זענען אַלטע פריינט און צו היימיש... מיר זענען שוין דערוואַקסענע מענטשן, וואַרט איך פון דיר אַ קלאָרן ענטפער אויף מיין פראַגע.

— דו קענסט מיך, באָריס, אַז איך פאַרמאָג נישט קיין אַנדער שפּראַך, ווי נאָר קלאָרקייט, פאַרשטענדלעכקייט און אָפנהאַרציקייט. און קענענדיק מיך, איז דיין וואָרעניש געווען אינגאַנצן איבעריק.

באָריס האָט זיך אָנגעהייבן פאַרענטפערן, און מאַניע האָט ווייטער גערעדט:

— איך וועל זיך אַפילו נישט פאַרטראַכטן אויף איין מינוט און וועל דיר גלייך ענטפערן: איך האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט, און ווען דו זאָלסט געווען מיין גלייכן אין רייכטום און אין בילדונג, וואָלט איך נישט געוואַרט, ביז דו זאָלסט מיר זאָגן, אַז דו האָסט

מיך אויך ליב... איך וואָלט עס דיר די ערשטע געזאָגט. אין אַלעמען זענען מיר געווען אַזוי ווייט איינס פון דעם צווייטן, אַז ליבנדיק דיך, האָב איך געשוויגן. איך האָב זיך קיינמאָל נישט גע-האַלטן פאַר אַזאַ נאַריש מיידל, וואָס זאָל חלומען, אַז אין מיר זאָל זיך פאַרליבן אַ פּרינץ, ווי עס שטייט געשריבן אין די ביכער, וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט. דו ביזט געווען דער איינציקער יונגערמאַן אין מיין לעבן, וועלכן איך האָב געליבט. דו ביזט ביי מיר געווען די ערשטע און איינציקע ליבע. נאָר איך האָב שטענדיק געשוויגן. דו ביזט דער איינציקער, מיט וועלכן איך רעד איצט דאָס ערשטע מאָל וועגן דעם...

— און איצט? — האָט באָריס געפרעגט און איז אַנטשוויגן געוואָרן, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער.

מאַניע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אויך געשוויגן.

— ווייסטו, מאַניע, ווי איך האָב דיך אויך שווייגנדיק ליב גע-האַט און באַזונדערס איצט?...

מאַניע האָט זיך מיט אַ פּאָר טריט אָפּגערוקט פון אים און הויך געזאָגט:

— צו וואָס דאַרפן מיר רעדן וועגן דעם? גענוג!

באָריס איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען איר אָפּשפּרינגען פון אים מיט אַ פּאָר טריט. ער האָט געוואָלט ווייטער רעדן און דערקלערן איר, אָבער ער האָט נישט געוווסט וויאַזוי אָנצוהייבן.

מאַניע, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע לעצטע ווערטער, האָט זיך דאָך געפילט גליקלעך, הערנדיק פון באָריסן, אַז ער האָט זי „שטענדיק ליב געהאַט און באַזונדערס איצט"... און זי האָט איצט איבערגעלעבט אַ זיסן חלום, וואָס קען אָבער אויף דער וואר קיינמאָל נישט פאַרקומען. זי האָט איצט איבער-געלעבט איינעם פון די גוטע חלומות, און זי האָט מורא געהאַט, אַז ווען זי וועט זיך אויפכאַפּן, וועט זי דערזען דעם וואכעדיקן גרויען טאָג. און שווייגנדיק האָט זי ווייטער געחלומט, נישט וועלנדיק זיך אויפ-כאַפּן פון שלאָף.

ענדלעך האָט באָריס מיט זיינע עטלעכע ווערטער זי אויפ-געוועקט:

— אויב אַזוי, מאַניע, ווען מיר האָבן זיך ליב געהאַט און

האָבן זיך איצט אויך ליב, פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר נישט פאַרבינדן אונדזער לעבן צוזאַמען, אויף שטענדיק, אויף אייביק?

— באָריס, — האָט מאַניע געזאָגט מיט האַרץ און שרעק, צו־זאַמען מיט געבעט, — לאָז מיך צורו, לאָז מיך לעבן. גענוג, גענוג פונמיינעטוועגן! האָב רחמנות אויף מיר און אויף מיינע עלטערן, צו וואָס ביזטו געקומען צו מיר רעדן אַזוי? אָט גייט אַוועק שבת, מיין רו־טאָג, און מאָרגן דאַרף איך ווידער גיין צו דער אַרבעט אויף אַ גאַנצער וואָך ביז דעם צווייטן שבת... לאָז מיך אָפּרוען, איך זאָל קענען ווייטער אַרבעטן!

— וואָס ווילסטו, מאַניע, איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו רעדסט? — האָט ער אַ דערשראָקענער געזאָגט.

— דו פאַרשטייסט נישט, וועל איך דיר אָפּן און קלאָר זאָגן, אַז מיר זאָלן מער וועגן דעם נישט דאַרפן רעדן: איך וועל מיט אַ געשמדטן קיינמאָל מיין לעבן נישט פאַרבינדן!

— מאַניע, וואָס רעדסטו, ווער טראַכט גאָר אַנדערש! מיט מיין נשמה, מיט מיין גאַנצן האַרצן בין איך שוין לאַנג צוריק אַ ייד, דו וועסט דאָס איינגיכסטן זען און זיך אַליין איבערצייגן.

און באָריס האָט איר איבערגעגעבן וועגן זיין פּלאַן צו פאָרן קיין אויסלאַנד, ווערן צוריק אַ ייד און מיט איר חתונה האָבן.

זיינע ווערטער האָבן מאַניען באַרויִקט און זי האָט, פון איר באַר וואָס איבערגעלעבטע מינוטן און איר צוקונפטיקן גליק, זיך צע־וויינט ווי אַ קינד.

דערנאָך האָט זי רויִק זיך אָנגערופן:

— באָריס, מיין פאָטער וועט הייַנטיקע וואָך זיין דאָ אין ר. ער דאַרף זיך זען מיט זיין פריץ, ביי וועלכן ער האַלט אין אַרענדע די מיל. זאָלסטו מיט אים רעדן וועגן אַלץ. אָן מיין פאָטער וועל איך מער קיין טריט נישט מאַכן אין מיין לעבן. ער האָט גענוג פון מיר זיך אָנגעליטן און אַלס באַלויגונג וועל איך זיך אויף קיין זאַך נישט באַשליסן אָן זיין וויסן און צושטימונג. איך בין זיכער, אַז באַלד ווי דו ווערסט צוריק אַ ייד, וועט ער נישט זיין קעגן אונדז.

— מיינע עלטערן, — האָט מאַניע געזאָגט מיט אַ שמייכל, — זענען איצט מער נישט אַזוי שטרענג צו מיר, ווי פריער, איידער דער אומגליק האָט זיך מיט מיר געטראָפן...

— איך וועל רעדן מיט דיין פאָטער, איך וועל רעדן, — האָט באַריס אַ גליקלעכער געזאָגט.

מאַניע האָט פון צווייטן צימער דערהערט, ווי איר פעטער מיט דער מומען זענען געקומען פון שול. זי האָט איבערגעריסן דעם שמועס מיט באָריסן און זיי זענען ביידע אַריין אין עסצימער, וווּ דער פעטער מיט דער מומען האָבן זיך געפונען.

— אַ גוט שבת אייך! — האָט זיי דער פעטער באַגעגנט און האָט זיך געווענדט צו מאַניען: — האָסט געבעטן דעם הער שערמאַן ער זאָל היינט ביי אונדז עסן מיטאָג.

— יאָ, פעטער, איך האָב אים געבעטן.

— און איצט בעט איך אויך, — האָט דער פעטער געזאָגט צו באָריסן.

— מיר בעטן אייך זייער, — האָט זיך די מומע אָנגערופן.

— איך דאַנק אייך, — האָט באָריס געענטפערט, — מיט פאַרגעניגן וועל איך עסן מיט אייך צוזאַמען.

ביים טיש האָט דער פעטער ר' יעקב משה אויסגעפרעגט דעם גאַסט, וואָס הערט זיך עפּעס אין פעטערבורג? און האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו בעטן דעם גאַסט, ער זאָל אים דערציילן נייס פון דער גרויסער שטאָט. באָריס האָט מיט פאַרגעניגן נישט אויפגעהערט צו דערציילן און דער פעטער האָט אָנגעקוואָלן, טראַכטנדיק דערביי, אַז היינט, ווען ער וועט גיין דאַווענען מנחה אין בית-המדרש, וועט ער פאַר דעם עולם אַלץ איבערגעבן, וואָס אַ גרויסער מאַן, וועלכער דינט אין סענאַט, האָט אים אַליין דערציילט.

די מומע האָט אין טעלער פאַר דעם גרויסן מאַן אַלעמאָל צו-געלייגט עפּעס און אים נישט אויפגעהערט צו בעטן עסן. און ווען מען האָט דערלאַנגט דעם קוגל, האָט זי געזאָגט, אַז ער איז געראָטן אין גאַסט.

מען איז געזעסן ביים טיש, און ווען ר' יעקב משה האָט אָנ-געהייבן דרעמלען, האָבן זיך אַלע אויפגעהייבן פון זייערע ערטער. דער פעטער איז געגאַנגען שלאָפן און די מומע האָט זיך אויך גע-לייגט אָפּרוען פון שבתדיקן טיש.

מאַניע מיט באָריסן האָבן פאַרבראַכט און גערעדט וועגן פּלענער וויאַזוי איינצואָרדנען זייער לעבן אין דער צוקונפט.

קאפיטל זעקסאונצוואנציק.

א צווייטע שמחה.

דאָס שטעטל גאַלינעווקע האָט געקאָכט מיט דער חתונה פון מאַדאַם שערמאַנס טאָכטער.

זי איז געווען די גבירטע פון שטאָט און אַזאַ חתונה איז נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען אין שטעטל. עס זענען זיך אָנגעפאָרן אַ סך געסט און אויך כמעט אַ האַלב שטעטל זענען געווען פאַרבעטן אויף קלאַרעס חתונה.

צווישן די געסט זענען אויך געווען די גרינבערגס פון ר. מיט זייער טאָכטער זינע; און אויך ר' זעליג מיט זיין ווייב חנה און מיט זייער טאָכטער מאַניע, וועלכע אַלע האָבן געוואָלט אָנקוקן.

עס איז אויך געווען אַ מאָלצייט פאַר אַלע אָרעמעלייט פון שטעטל און יעדער אָרעמאַן האָט באַקומען אַ שיינע נדבה.

מאַדאַם שערמאַן איז געווען גליקלעך, וואָס זי גיט אויס איר איינציקע טאָכטער און האָט נאָר אַלעמאָל געלאָזט אַ טרער, ווען זי האָט זיך דערמאָנט אין איר מאַן, וועלכער האָט נישט דערלעבט פירן זייער איינציקע טאָכטער צו דער חופה.

באַזונדערס איז מאַדאַם שערמאַן גליקלעך געווען פון דעם, וואָס אַ פּאָר טעג פאַר דער חתונה האָט באָריס פאַרטרויט זיין מוטער, אַז ביי אים איז פעסט געבליבן, אַז ער ווערט צוריק אַ ייד און האָט איר איבערגעגעבן זיין פּלאַן וועגן איינגאַנצן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד.

— דאָס האָב איך געוואָלט אונטערטראָגן דרשה-געשאַנק צו דער חתונה, — האָט באָריס געזאָגט.

און מאַדאַם שערמאַן האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט איר זון פון גרויס גליק און האָט אים אָפּגעקושט מיט קושן.

נאָך דער חופּה-וועטשערע, ווען עס האָבן זיך אָנגעהייבן די טענץ, האָט באָריס זייער פיל געטאַנצט מיט די מיידלעך, און ווען ער האָט געטאַנצט מיט זינאַ גרינבערג, האָט מאַדאַם שערמאַן אָנגעקוואָלן און געטראַכט, ווי גליקלעך וואָלט זי געווען, ווען איר זון וואָלט מיט איר חתונה געהאַט. דאָס וואָלט געווען אַזאַ שיינע פּאָר! — האָט די מוטער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן. ביידע מוטערס, מאַדאַם שערמאַן און מאַדאַם גרינבערג, האָבן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון זייערע קינדער. ווען זיי האָבן צוזאַמען געטאַנצט, האָבן זיי צווישן זיך אָפּן גערעדט, ווי גליקלעך זיי וואָלטן ביידע געווען, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך געפעלן.

און ביידע מוטערס זענען געווען פול מיט האָפענונגען, אַז נישט היינט, מאָרגן, וועט קומען דער גליקלעכער טאָג, ווען באָריס מיט זינען וועלן קומען צו זיי מודיע זיין וועגן זייער גליק און בעטן די עלטערנס ברכה.

אָבער וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, זענען די מוטערס אַלץ טרויעריקער און טרויעריקער געוואָרן, ווען זיי האָבן באַמערקט, ווי באָריס הערט נישט אויף צו טאַנצן מיט דעם דאָרפסמיידל, דעם מילנערס טאָכטער, מאַניע.

און ווען די דאָזיקע פּאָר הייבט אָן טאַנצן, שטייט דער גאַנצער עולם אויף קעפּ און גאַפט פון זייער שיין טאַנצן. דערהויפּט קוועלן אַלע אָן פון דער שיינער יונגער מאַניען, וועלכע שווימט מיט איר קאַוואַליער איבער דעם גרויסן זאַל אַזוי גרינג, אַזוי שיין, אַז מען הערט קוים, ווי זי זאָל אָנרירן דעם פּאָל מיט אירע טריט. אַזויפיל גראַציע, אַזויפיל שיינקייט, וואָס ווייזן זיך אַרויס אין אירע באַוועגונגען ביים טאַנצן, האָבן די געסט געזען צום ערשטן מאָל.

— ווי קומט צו דעם מיידל אַזאַ טאַנצן? — האָט איינער פון די אָנגעפאָרענע געסט געפרעגט.

— נישט קיין ווּנדער, — האָט אַ צווייטער געענטפערט, — זי איז פון אַ דאָרף און דאָרט האָט זי זיך אין פּריצישן הויף געלערנט טאַנצן גלייך מיט די פּריצישע קינדער.

— און איר קאַוואַליער טאַנצט אויך קינסטלעריש, — האָט איינער באַמערקט.

— אויך נישט קיין ווונדער. אַ מענטש, וועלכער וווינט שטענדיק אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי פּעטערבורג, און קומט אַריין אין די גרעסטע אַריסטאָקראַטישע הייזער, האָט זיך אויסגעלערנט טאַנצן אַזוי שיין.

יעדעס מאָל, ווען באָריס האָט געענדיקט טאַנצן מיט מאַניען, פלעגן זיי פאַרפאַלן ווערן אין גאָרטן און דאָרטן זיך אָפּרוען און אָפּקילן אַ היבשע צייט, נישט אויפהערנדיק צו רעדן צווישן זיך, ווי צוויי טייבעלעך. דאָס אַלץ האָבן ביידע מוטערס, מאַדאַם שערמאַן און מאַדאַם גרינבערג, צוגעזען און אויך באַמערקט, ווי זינע זיצט אַליין אָדער מיט אַן אַנדער קאַוואַליער זייער טרויעריק.

באָריס פלעגט אויך אַליין אָן מאַניען זיך באַווייזן אין זאַל, טאַנצן מיט זינען אָדער מיט אַן אַנדער מיידל און באַלד זיי צופירן צו זייערע ערטער, ווו זיי זענען פריער געזעסן, און ווידער ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן מיט מאַניען.

עס האָט זיך אָבער צופיל געוואָרפן אין די אויגן באָריסעס צוגעבונדנקייט צו מאַניען. די מאַדאַם שערמאַן האָט עס זייער פאַרדראָסן. עס האָט איר שוין באַנג געטאָן, וואָס זי האָט מאַניען אַזוי שטאַרק געבעטן, זי זאָל קומען אויף דער חתונה און ווען זי ווייסט, וואָלט זי נאָר געבעטן ר׳ זעליגן אַליין, אַלס איר מאַנס פריינט. נאָר פאַרפאַלן! און וואָס קען זי טאָן דערצו? זי האָט גוט געוווּסט און געקענט איר זון, אַז זי קען אים אין דעם קיין דעה נישט זאָגן.

מאַדאַם שערמאַן האָט פאַרדראָסן נישט צוליב זיך, ווי צוליב מאַדאַם גרינבערג, און זי האָט געפונען פאַר נייטיק זי צו טרייסטן און געבן גוטע האָפענונגען.

— מיין זון טאַנצט צופיל מיט דעם דאָרפסמיידל. נו, וואָס קען מען מאַכן? ער איז אַ יונגערמאַן, וועלכער קען זיך שוין לאַנג מיט איר, אָבער ערנסט מיינט ער נישט.

דערמיט האָט זי געוואָלט זאָגן, אַז מאַדאַם גרינבערג מיט זינען דאַרף נישט פאַרדריסן, און ווען די צייט וועט קומען, קען ווערן אַ שידוך צווישן באָריסן מיט זינען.

דער איבעריקער עולם האָט באָריסעס פאַרברענגען דעם גאַנצן אָוונט מיט ר׳ זעליגס טאָכטער גאַנץ אַנדערש פאַרשטאַנען.

— וואָס-זשע, — האָט איינער איינגערוימט דעם צווייטן, —

ער איז געשמדט און זי האָט שוין אויך געהאַלטן אַ האָר צום שמד—
אַ גלייכע פּאָר!

נאָר בעסער פון אַלעמען האָבן עס פאַרשטאַנען די חתן־כּלה,
נאָר זיי האָבן ביידע געשוויגן. קלאַרע האָט זיך געפילט גליקלעך,
וואָס זי האָט ענדלעך מיט מזל חתונה געהאַט. זי האָט שוין בכלל
אָנגעוווירן די האָפענונג אַמאָל חתונה צו האָבן. און איצט איז זי שוין
נישט קיין אַלטע מויד, נאָר אַ יונג ווייבל, און איר מאַן איז נישט
אַבי ווער עפּעס אַן אַלטער ייד, נאָר דער יונגערמאַן חיים, וועלכן
זי האָט אַזוי שטאַרק ליב. הייַנט, וואָס גייט איר וּוער אָן, ווען זי
איז אַזוי גליקלעך? און חיים איז אויך צופיל געווען פאַרנומען מיט
זיך. ער האָט זיך וואָס אַמאָל געפילט קראַנקער, שוואַכער און נישט
אויפגעהערט פון צייט צו צייט הוסטן. ער איז געווען שטאַרק מיד
פון דעם גאַנצן טאַראַראַם מיט דער חתונה און האָט געוואַרט, ווען
די נאַכט וועט זיך שוין אַמאָל ענדיקן.

און ווען אַ מענטש איז קראַנק, איז ער גלייכגילטיק צו אַלץ,
אַפילו צו אַזעלכע זאַכן, וואָס ריִרן אים שטאַרק אָן.

• • •

עס זענען אַוועק אייניקע טעג נאָך דער חתונה. אַלע זענען
זיך צעפאָרן. עס איז נישט געבליבן קיין סימן פון דעם גרויסן רעש.
חיים האָט געפירט אַ רויִק לעבן, ווי די דאָקטוירים האָבן אים אָנגעזאָגט.
קלאַרע, שוין אַלס יונג ווייבל, האָט אָפּגעהיט איר מאַן, ווי דאָס
אויג אין קאָפּ, און מאַדאַם שערמאַן האָט נחת געהאַט, דערמאָנענדיק
זיך, אַז איר טאָכטער האָט חתונה געהאַט און זי האָט נישט אויפגע-
הערט יעדע מינוט צו לויבן גאָט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט
מיט איר געטאָן.

באָריס איז מער נישט געפאָרן קיין פעטערבורג. ער האָט אַהין געשריבן אַ נייעם פּאַפּיר, אַז כלומרשט צוליב זיין קראַנקהייט בעט ער, מען זאָל אים באַפרייען פון זיין שטעלע, און דערמיט האָט ער מיטאַמאָל אינגאַנצן איבערגעריסן מיט דער פריערדיקער קריסטלעכער וועלט. ער האָט זיך אויפגעפירט ביי זיך אין שטעטל גאַלינעווקע, ווי אַ יידישער יונגערמאַן און האָט אויפגעהערט צו גיין אויף פרעמדע וועגן.

די מוטער האָט מיט פאַרדראָס צוגעזען, ווי באָריס פאָרט אָפּט אין דאָרף צו ר' זעליגן און פאַרברענגט דאָרטן פיל צייט און זי האָט מיט אומגעדולט געוואַרט, ער זאָל שוין אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, וווהין ער האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעגרייט און דערנאָך, ווען באָריס וועט אַלץ איינאָרדנען, וועט זי אויך מיט אירע קינדער, קלאַרע און חיים, אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד.

אָבער אומגעריכט איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט געמאַכט אַ גאַנץ איבערקערעניש אין אַלע פּלענער פון דער פאַמיליע שערמאַן: עס איז אַרויס אַ רעגירונגס-באַפעל, אַז יעדער קען איבערגיין פריי צו יעדער רעליגיע, נישט ווי ביז איצט—נאָר צו דער קריסטלעכער, און טויזנטער געשמדטע יידן האָבן מיט דער גרעסטער פרייד זיך באַלד אומגעקערט צו זייער פריערדיקן גלויבן.

באָריס איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס איז צוריק געוואָרן אַ געטרייער ייד.

די שמחה פון דער פאַמיליע שערמאַן איז געווען גרויס, נאָר נאָך אַ גרעסערע שמחה האָט לאַנג געהערשט צווישן די יידן אין שטעטל גאַלינעווקע, וואָס באָריס, וועלכן אַלע האָבן ליב געהאַט פאַר די פילע טובות, וואָס ער האָט יעדן געטאָן, איז צוריק אַ ייד געוואָרן.

די פאַמיליע שערמאַן, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר די ערשטע גבירים אין גאַלינעווקע, האָבן שוין קיין אויסלאַנד נישט באַדאַרפט פאָרן זיך אויף שטענדיק דאָרטן באַזעצן און זענען געבליבן וווינען אין שטאָט, ווי פריער, און אין דעמזעלבן יאָר איז ביי דער מאַדאַם שערמאַן אין הויז פאָרגעקומען אַ צווייטע שמחה: איר איינציקער זון באָריס האָט חתונה געהאַט מיט ר' זעליגס טאָכטער מאַניע.

אויף באָריסעס חתונה זענען געווען דיזעלבע מחותנים, וואָס ביי

קלאַרען און די ייִדן פון שטעטל גאַלינצוואָקע האָבן אויף דער חתונה אָפּגעגעבן מאַדאַם שערמאַן אַ צווייענדיקן מזל־טוב.

עס איז געווען אַ חתונה מיט אמתן גליק און פרייד, און חתן־כלה האָבן אויסגעזען אַזוי שיין, אַז זיי האָבן אַלעמען פאַרכישופט מיט זייער שיינקייט...

Levinson
Leo